STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00335

DOS VUNDER FUN MIZRAH-EYROPEYISHE YIDNTUM

Heszel Klepfisz

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Evelyn & Jules Jacobsen
in honor of
Rose & Abraham Jacobson

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר העשיל קלעפּפיש

דאָס ווונדער פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן מיט דער מיטלהילף פון

שרה גיטל און פיליפ קאַהן, שמעון און לוסי דייטש

און אַנדערע פריינד פון מחבר, וועלכע ער דריקט אויס זיין האַרציקן דאַנק.

העשיל קלעפּפיש

דאָס ווונדער פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום

אַרויסגעגעבן דורכן
וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור

תל־אביב תשמ״ד 1984

Dr. Heszel Klepfisz

THE MIRACLE OF EASTERN EUROPEAN JEWRY

Copyright by Dr. H. Klepfisz

All Rights Reserved

Printed in Israel 1984

נדפס בישראל תשמ"ד

סידור והדפסה: דפוס משה חמיאל

רח' יצחק שדה 34, תל־אביב, טל. 33 05 55

פון די אַרויסגעבער

מיט אמתער סאַטיספאַקציע גיבן מיר איבער אין די הענט פון די יִידיש-לייענער דאָס דריטע בוך פון הרב ד״ר העשיל קלעפּפיש. די ערשטע צוויי וואָגיקע ביכער וואָס אונדזער פאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן זענען: „עכאָס פון אַ פאַרשוווּנדענער צייט״ און „צווישן די צוויי וועלט-מלחמות״.

היות מיר ווייסן אַז די ערשטע צוויי דערמאָנטע ביכער פון ד״ר העשיל קלעפּפיש האָבן געמאַכט אַ זייער גוטן רושם צווישן אונדזערע ערנסטע לייענער און האָבן אַרויסגערופן פּאָזיטיווע אָפּרופן פון אונדזער ליטעראַרישער קריטיק, נעמען מיר זיך דאָס רעכט צו האָפן, אַז אויך דאָס איצטיקע בוך וועט אויפגענומען ווערן מיט דער פּאָזיטיווער אָפּשאַצונג אויף וועלכער עס פאַרדינט. דאָס דאָזיקע בוך איז אָן שום ספק אַ באַדייטנדיקער צושטייער צו דעם אוצר פון דער היינטצייטיקער יִידישער מחשבה, וועלכע שאַצט היסטאָרישע דערשיינונגען אין ליכט פון אונדזער דורס דערפאַרונג.

די ערשטע צוויי עסייען-זאַמלונגען פון ד״ר העשיל קלעפּפיש, וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן, זענען געשריבן געוואָרן צווישן די צוויי וועלט-מלחמות אין וואַרשע און זיי זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער דעמאָלטיקער יִידישער פּעריאָדיק. די עסייען אין דעם דאָזיקן בוך, האָט ד״ר קלעפּפיש געשריבן נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה און אין זיי קומט צום אויסדרוק די בענקשאַפט צו אַ וועלט וואָס איז חרוב געוואָרן, אָבער וואָס האָט פאַרדינט צו בלייבן אין אונדזער זכרון און באַוווּסטזיין ווי „דאָס וווּנדער פון מזרח-אייראָפּעיִשן יִידנטום״.

די גרויסע בקיאות אין די גייסטיקע קוואַלן פון יִידנטום און די חריפות פון געדאַנק ביים באַלויכטן די פאַרשידענע סוגיות אין דער מסכת פון חסידות, קומען צום אויסדרוק אין דער כאַראַקטעריסטיק פון דער חסידישער באַוועגונג בכלל און אין אירע שטראָמען און נוסחאות בפרט. און כאָטש געשריבן זענען די דאָזיקע עסייען אין אַן עטוואָס אַפּאָלאָגעטישן סטיל, מיט אַ סך ליבשאַפט און וואַרעמקייט פאַר דער טעמע, האָבן מיר אָבער אין זיי אַ ריי אינטערעסאַנטע טרעפלעכע דעפיניציעס, וואָס נוגע דעם נייעס וואָס חסידות האָט אַריינגעבראַכט אין יִידישן געדאַנק, ווי אויך אין יִידישן לעבנס-שטייגער.

אויך דאָס אַרויסגעבן די פרישע עסייען־זאַמלונג פון ד״ר העשיל קלעפּפיש ווערט צוליב די דערמאָנטע און נישט דערמאָנטע סיבות דורך אונדז באַטראַכט ווי אַ קולטור־געשעעניש אין דער ייִדיש־וועלט און מיר האָפן אַז ווי אַזאַ וועט עס אויפגענומען ווערן דורך אונדזער ערנסטער לייענערשאַפט.

תל־אביב, תשמ״ד 1984

וועלט־ראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

געווידמעט מײַנע קינדער

און אייניקלעך

פרייד, די פסיכאָלאָגישע רעטעניש
פון מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום

א.

צווישן די אַלע פּסיכאָלאָגישע רעטענישן, וועלכע וואַקסן אויס פאַר אונדז בעת מיר פאַרטראַכטן זיך איבער דעם מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום, וואָס אויף אים האָט זיך אויפגעהויבן די שווערד פון פאַרלענד, איבער זיין אייגנאַרטיקן וועג דורך דורות, איבער זיין לעבנשטייגער און כאַראַקטער, איז, דאַכט זיך, אָט די רעטעניש די סאַמע קאַמפּליצירטסטע: ווי אַזוי האָבן אָט די ייִדן באַוויזן אויפצוהאַלטן אין זייער האַרץ און געמיט די קוואַלן פון פרייד?

מיר, וועלכע האָבן זיך באַוועגט צווישן מזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום אין דער ערב חורבן־תּקופה, געדענקען נאָך זייער גוט די מאַטעריעלע אָרעמקייט, וואָס אין איר האָט געלעבט די גרויסע מערהייט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. עס זיינען, נאַטירלעך, אויך געווען פאַרמעגלעכע מענטשן, וועלכע מיר פלעגן באַצייכענען ווי גבירים, עשירים, נגידים, אָבער צו אָט־דער קאַטעגאָריע האָט מען געקענט רעכענען אַ נישטיקן, זייער אַ נישטיקן טייל פון די מיליאָנען ייִדן, וועלכע האָבן געלעבט אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע. אַפילו צו דעם אַזוי־גערופענעם מיטלקלאַס, וועלכער האָט דאָך געצויגן זיין פּרנסה בצמצום, האָט געהערט אַ מיעוט שבמיעוט. די גרויסע המונים ייִדן זענען געזונקען אין אַ דחקות, וואָס איז געווען שוידערלעך און דערשטיקנדיק. אַ שטיקל ברויט צו דער זעט איז געווען אַ חלום. געני ווי עס זיינען געווען אַ וויטער חלום אַ לייטישער מלבוש און אַ גאַנצער שוך. צו דער עקאָנאָמישער אָרעמקייט זיינען נאָך צוגע־קומען די רדיפות, וועלכע האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ כסדרדיקע ווירקלעכ־קייט, פון וועלכער ס'איז נישטאָ קיין אויסגאַנג. די פּאָליטישע רעכטלאָזיקייט, די סאָציאַלע אונטערדריקונג, די אַנגסט פון אומזיכערקייט, די באַליידיקונגען און בלבולים, וועלכע זיינען געפאַלן ווי אַ פאַרניכטנדיקער האָגל, אָן רחמנות אויף יעדן ייִדישן קיבוץ אין דער מאַפּע פון מזרח־אייראָפּע; די פּאָגראָמען און שחיטות, וועלכע זענען אויסגעפירט געוואָרן מיט רויער אַכזריות.

געדאַכט וואָלט זיך דעריבער, אַז אַט די ייִדן האָבן געטראָגן דעם יאָך פון זייערע ליידן אין חשכות און נידערגעשלאָגנקייט. אָבער דאָס איז דאָך נישט גע־ווען אַזוי. מיר, וועלכע זענען אויפגעוואַקסן אין יענע שטעטלעך און אין יענע געסלעך פון אָרעמקייט און דערנידערונג, געדענקען נאָך זייער געניוי, אַז מען איז דאָרט געווען ווייט פון יאוש און פעסימיזם. אויך אין תהום פון אויפשוי־דערנדיקער פּיין, האָבן אין ייִדישן מענטש געשפּרודלט די קוואַלן פון פרייד. חיים־נחמן ביאַליק האָט אַריינגעדרונגען אין די נשמה־טיפענישן פון יענע ייִדן נישט בלויז בעת ער האָט באַזונגען זייער צער און זיפץ, זייער ווי און עלנט, נאָר אויך ווען ער האָט אַרויסגעבראַכט אין זיינע פערזן זייער קוואַליקע פרייד. אַזוי גייען דאָך די שורות פון זיין ליד: „האַנט אויף אַקסל, און זאָל פלאַקערן אַ טאַנץ. ווו אַ ווייַ און ווו אַ וווּנד, אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערן ביז צום סוף און ביז צום גרונט. אַלע, אַלע איינגעשלאָסן אין גרויסן, פעסטן רינג. איינגע־פלאַכטן בערד און לאָקן, שיך און זאָקן, אַלט און יונג‟... דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן שאַפן פון י. ל. פּרץ. די דריי נייטאָרינס, צי באַנטשע שוויג, זענען בלי ספק אַרויסגענומען געוואָרן פון דער באַטריבטער ייִדישער ווירקלעכקייט, וואָס אין איר איז דער דיכטער געווען איינגעגלידערט. אָבער אַ טרייע אָפּשפּיג־לונג איז אויך דער דערהויבנדיקער שיר השירים, וואָס אַט־די פון הונגער אויס־גייענדיקע ייִדן האָבן אין דער חשכות פון זייער לעבן אויסגעזונגען. לאו דווקא אַבסטראַקטע פּאָעזיע זענען די עקזאַלטירטע פערזן אין דער „גאָלדענער קייט‟. זיי דריקן אויס דעם פריידיקן עקסטאַז, וואָס האָט זיך באַוועגט, ווי אַ איבערנאַ־טירלעכער עלעמענט אין ייִדישן דאַזיין אין מזרח־אייראָפּע: „פּאַר אונדז וואָלקנס שפּאַלטן זיך, הימלען פּראַלן די טויערן אויף, שיר השירים זינגען מיר, זינ־גענדיק, טאַנצנדיק גייען מיר‟... און אַפילו אַ דור שפּעטער, ווען דער ערב חורבן האָט נאָך מיט מער קענטיקן גרויל און מיט מורא אָנוואָרפנדיקע דער־שיינונגען אָנגעצייכנט דעם טרויער פון דער שקיעה פון ייִדישן לעבן, האָבן נאָך אַלץ העברעיִשע און ייִדישע משוררים זיך געלאָזט פירן פון אויפמונטערנדיקן געזאַנג, וואָס איז זיך דאָך, ווי אַ פּאַראַדאָקס, פונאַנדערגעגאַנגען אין דערדריקנ־דיקן טאָל פון טרערן.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָ האָט געשפּילט אַ ראָל דער ייִדישער צוגאַנג צו פרייד, וואָס האָט זינט קדמונים זיך צונויפגעוואַקסן מיט דער ייִדישער פּסיכיק. מען האָט אין דער ווייטער וועלט פון אַלטערטום פאַרגעוואָרפן אונדזערע אור־עלטערן, אַז זיי נעמען צו ערנסט דאָס פּראָבלעם פון גאָט און מענטש און אַז זיי זיינען נישט מסוגל זיך צו פרייען מיט די געשאַנקען פון דער נאַטור און מיט די ברכות פון לעבן. אָבער דאָס איז דאָך געווען אַ גרונטלאָזער פאָרוואורף. ייִדן האָבן זיך טאַקע נישט געלאָזט וווילגיין לויטן מוסטער פון די פעלקער פון זייער אַרום און זיי זיינען נישט אַריינגעפאַלן אין שטיפערישן לייכטזין פון באַנעם און אויפ־

פּירונג. „נישט פרייען זאָלסט דו זיך, ישׂראל, מיט שׂמחה אַזוי ווי די פעלקער" (אל תּשׂמח ישׂראל אל גיל כּעמים — הושע ט, א), איז געווען דער שטרענגער אָנזאָג. די פרייד האָט באַדאַרפט האָבן ייִדישן תּוכן און ייִדישע צורה. אָבער זי האָט פּולסירט אויף איר אייגענעם שטייגער אין ייִדישן מענטש. זי האָט אַרויסגעשטראָמט פון אַ לערע, וואָס האָט געזאָגט „יאָ" צו וועלט און לעבן, און וואָס האָט גלייך אין בראשית פון באַשאַף אונטערגעשטראָכן דעם „כּי טוב". אַלץ איז גוט אין אוניווערס. און מיטן אויפקום פון מענטש, קען אַלץ אַפילו ווערן גאָר גוט, זייער גוט. „והנה טוב מאוד" (בראשית א. לא).

עס אינטערפּרעטירן פאַלש דעם תּנ"ך די, וועלכע באַמערקן נישט ווי אָפט און ווי שטאַרק עס ווערט דאָרט אַרויסגעהויבן די שׂמחה. מיט פרייד האָבן געדאַרפט שפּרודלען די ימים־טובים; פרייען זיך האָבן דעמאָלט געדאַרפט אַלע, אויך די וואָס זײַנען ביטער געשלאָגן געוואָרן דורכן גורל, די יתומים און די אַלמנות (ושׂמחת בחגך, אתּה ובנך ובתּך, ועבדך ואמתך, והלוי והגר והיתום והאלמנה... דברים טז, יד). אַ תּענוג האָט באַדאַרפט זײַן דער שבת, אַ תּענוג פאַרן גוף און פאַר דער נשמה; אַ טיפער קוואַל פון פרייד פאַר די, וואָס ווייסן אַרויסצוציִען הנאה פון רו־טאָג (וקראת לשבת עונג... ישעיה נח, יג). אָבער די שׂמחה האָט באַדאַרפט דורך אַלע וועגן אַרייַנדרינגען אויך אין די שווערע און גרויע טעג פון דער וואָך. פרייד איז די הימלישע מתּנה, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם מענטש, און מיט איר מוז אויסגעבויט ווערן דאָס לעבן. די געפאַלענע און די אָרעמע, די „אביוני אָדם", קענען דורך איר אויפגעריכט ווערן (ישעיה כט, יט). די חורבן־נבואות פון ירמיהו האָבן נישט אַדורכגעלאָזט דעם מאָטיוו פון שׂמחה. און גראָד אין פּרק פון זײַן ספר, ווו די מאַמע רחל גייט אַרויס פון איר קבר און באַוויינט דאָס אומגליק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף אירע קינדער, וועלכע גייען אין גלות — רחל מבכּה על בניה — אַ פּרק, אַן עלעגיע, גראָד דאָרט איז די רייד וועגן פויקן און טענץ, וועגן יונגע און אַלטע, וואָס קייטלען זיך צונויף אין אַ ריקוד פון באַוועלטיקנדיקער פרייד (אָז תּשׂמח בתולה במחול ובחורים וזקנים יחדיו... ירמיה לא, יב). פאַרן ספר תּהילים, דער ספר פון אָרעמען מענטש, אין זײַן עלנט און אײַנזאַמקייט, איז פרייד די עמאַציע, וואָס קען קיין מאָל נישט אויפהערן זיך צו באַוועגן איבער אונדז, אַרום אונדז און אין אונדז. עס פרייט זיך דער הימל, עס פרייט זיך די ערד, עס פרייט זיך דער ים, עס פרייען זיך די פעלדער, עס זינגען די ביימער אין וואַלד, עס זינגען די בערג (תּהילים צו, יא־יב; צח, ח). אוממעגלעך, אַז דער יחיד און כּלל זאָלן נישט מיטגעריסן ווערן פון אָט־דער מעכטיקער סימפּאַניע, עס פרייט זיך ציון, עס פרייט זיך יהודה (תּהילים צז, ח). די גערעכטע און גלײַכע וועלן דורך שׂמחה געפינען דעם וועג צו גאָט און צו זיך אַליין (אור זרוע לצדיק ולישרי לב שׂמחה... תּהילים צז, יא־יב).

די, וועלכע האָבן אויסגעמאָלט דעם ייִדישן וועג דורך דורות, ווי אַ וועג, וואָס איז כּולו אָנגעלאָדן מיטן לאַסט פֿון שווערע דאגות, וואָס לאָזן נישט צו וועלכע עס איז פֿאַרלייכטערונגען פֿאַרן געמיט, האָבן בעצם נישט געהאַט פֿאַר זיך דאָס פֿולע און קלאָרע בילד פֿון ייִדישקייט. דאגות זיינען טאַקע תּמיד געווען, אָבער זיי זיינען נישט בכּוח געווען אָנצוזאָגן קיין מרה שחורה... מען האָט נישט דערלאָזט, אַז זי זאָל אויסבויען אַ נעסט אין ייִדישן מענטש. מען האָט ביי ייִדן זיך געפֿרייט און זיך צעזונגען אין הייטערע טענער אין אַלע צייטן. מען האָט אין דער תּקופֿה פֿון דער ייִדישער זעלבסטשטענדיקייט אַזוי שטאַרק זיך צונויפֿגעקנוילט אין פֿרייד און טאַנץ אין דער סוכּות־נאַכט, אין יענער שׂמחה, וואָס מען האָט זי גערופֿן שׂמחת בית השואבה, מעת מען האָט געגאָסן וואַסער אויפֿן מזבח אין בית־המקדש, אַז מען האָט אין די תּלמוד־צייטן געזאָגט: ווער עס האָט נישט בייגעוווינט און געזען די דאָזיקע שׂמחה, האָט נישט געזען קיין שׂמחה אין זיין לעבן (סוכּה נא). מען האָט געטאַנצט מיט פֿלאַקערס אין די הענט, מען האָט געשפּילט אויף כּלערליי מוזיקאַלישע אינסטרומענטן, און דווקא די מיוחסים און די פֿאַרערטע לערער פֿון פֿאָלק האָבן מיט זייער אַקטיוון אָנטייל אין דער מאַסן־שׂמחה באַוויזן, אַז פֿאַר ייִדן איז פֿרייען זיך אַ טיפֿע אינערלעכע רעליגיעזע איבערלעבונג און נאַציאָנאַלע דערפֿאַרונג. טאַקע אין תּלמוד האָט זיך אַנטוויקלט דער באַגריף, וואָס איז שפּעטער אַריינגעגאַנגען אין דער הלכה און אין פֿאַרהייליקטן מנהג: *שׂמחה של מצווה* (ברכות לא). שׂמחה איז געוואָרן אַ טראַדיציע, אַ לעבנס־שטייגער, אַ לעבנס־אינהאַלט. גאָט פֿרייט זיך צוזאַמען מיטן מענטש, די שכינה פֿאַרטראָגט גאַרנישט קיין עצבות. מען האָט מיט וואַגי־קייט פֿון געדאַנק און געפֿיל אַפֿילו געפֿירט אַ וויכּוח, ווי אַזוי עס איז רעכט צו טאַנצן אַרום אַ כּלה אין איר חתונה און וואָסער געזאַנג מען דאַרף לכּבוד איר און אירע מעלות אויסזינגען. כּיצד מרקדין לפני הכלה — ווי אַזוי לאָזט מען זיך אין אַ ריקוד פֿאַר דער כּלה, איז אַ סוגיא, וואָס ווערט באַהאַנדלט דורך בית הלל און בית שמאי. און דאָס איז כּלל נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַ פֿראַגע איבער וועלכער מען קען אַריבערגיין כּלאחר־יד. מיט דער גאַנצער גענויקייט ווערט אין תּלמוד דערציילט, ווי אַזוי עס פֿלעגט דעם פֿריילעכן ריקוד אויספֿירן רבי יהודה בר אילעאי, און ווי אַזוי דאָס פֿלעגט טון רב שמואל בר רב יצחק (כּתובות טז, יז). צי גאָר וואָסערע באַמערקונגען עס פֿלעגט בשעת חדווה לאָזן פֿאַלן בר קפּרא (נדרים נא). די געטלעכע שכינה באַטייליקט זיך אין ריקוד (תּענית לא). אין לשון, וואָס אונדזער פֿאָלק האָט אַנטוויקלט אין מזרח־אייראָפּע, אין ייִדיש לשון, האָט שׂמחה אַפֿילו באַקומען דעם באַטייט פֿון אַ סעודה, די מצווה־סעודה.

די פֿאַרשידנסטע געלעגנהייטן זיינען אויסגעזוכט געוואָרן אַריינצופֿירן דעם מאָטיוו פֿון שׂמחה אין אָנגייענדיקן ריטם פֿון לעבן. מען האָט דערצו גענומען

צוהילף דעם קאַלענדאַר. משנכנס אדר, מיטן אַריינגיין אין חודש אָדר, האָט מען באַשטימט, מוז זיך פאַרמערן די פרייד צווישן ייִדן. פּורים איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ חיוב זיך אַריינצולאָזן אין אַ שטימונג, וואָס זאָל אָנרעגן די מענטשן צו לאַכן און זיך אויפצוהייטערן. חמשה עשׂר באָב האָבן ייִדישע טעכטער געטאַנצט אין די ווייַנגערטנער. און אַפילו אין תּענית פון יום־כּיפּור איז מען נישט אויס־געקומען אָן טענער פון פרייד. אויך אין אָט־דעם הייליקן טאָג האָבן ייִדישע טעכטער זיך פונאַנדערגעלאָזט אין טאַנץ (תּענית כו).

ווי אַ שילדערונג פון אַ כּסדרדיקן דראַמאַטישן געראַנגל קען פאַרגעשטעלט ווערן די געשיכטע פון אונדזער פאָלק. דער געראַנגל צווישן דער מעלאַנכאָליע, וואָס האָט פּרובירט אַריינגעמען אין איר קלעם די ייִדישע קיבוצים, און דער פרייד וואָס האָט באַין אופן נישט געוואָלט אָוועקגיין פון דער ייִדישער גאַס, פון ייִדישן הויז און אַרויסציִען זיך פון ייִדישן האַרץ. אין די תּפילות און זמירות האָט מען גאַרנישט אויפגעהערט צו באַרירן די אייגנשאַפטן פון דער פרייד, וואָס ברענגט אַריין ליכטיקייט אין יונגע און אַלטע; דערקוויקט די נשמה, צעגייט זיך אין די אברים און אינספּירירט דעם גייסט. ווי אַ פאָלק, וואָס איז אַנגעזעטיקט מיט תּענוג, האָט מען אַריינגעשפּרייזט אין שבת (עם מדושני עונג), און אויך ווען די שאָטנס פון דער וואָך האָבן זיך גענומען אויסלייגן, האָט מען זיך איינגע־שפּאַרט ווייטער צו טרינקען פון די פרייד־קוואַלן. „און איר זאָלט שעפּן מיט שׂמחה פון די קוואַלן פון דער הילף" — האָט מען געזאָגט מיט כּוונה מוצאי שבת אין דער הבדלה. מיטן איינפירן די צערעמאָניע פון שׂמחת תּורה מיט די הקפות, איז דער פריילעכער טאַנץ געוואָרן אייגנטימלעך אויך פאַרן בית המדרש און פאַר דער שול. נישט בלויז טרערן האָט מען אין דער שול פאַרגאָסן, נישט בלויז די טויערן פון רחמים האָט מען דאָרט געעפנט, און נישט בלויז קינות האָט מען געזאָגט, נאָר אויך אין אויפמונטערנדיקע ניגונים איז מען זיך פונאַנ־דערגעגאַנגען; די טויערן פון שׂמחה האָט מען אויפגעפּראַלט און אין טענץ האָט מען זיך צעוויגט. דאָ און דאָרט האָט מען אַפילו געהאַלטן, אַז אויב דער מצב פון בגילופין העלפט, אַז מען זאָל זיך שפּירן מונטער, מעג אַזוי אַרום פאַרגרעסערט ווערן דער פּאַטאָס פון דער שׂמחה.

עס איז בכן בפירוש נישט ריכטיק, אַז בלויז אין אייגענעם לאַנד און אין עפּאָכעס פון גלאָריע און רחבות, האָט אונדזער פאָלק זיך געקענט פרייען. אויך אין די געטאָס, אונטער בלייערנע הימלען און אויף ערד, וואָס האָט געברענט אונטער די פיס, האָבן ייִדישע מענער און פרויען אַריינגעברענגט שטראַלן פון פרייד אין די אומהיימלעכע דאגות פון זייער לעבן. דער טרויער גופא האָט באַדאַרפט טראָגן דעם אָנזאָג פון טרייסט. די אבלות האָט אויפגעלויכטן מיט האָפענונג. ווער עס טרויערט אויף חורבן ירושלים, איז זוכה צו זען די געטלעכע שטאָט אין איר אויפריכטונג. כּל המתאבל על ירושלים, זוכה ורואה בשמחתה,

האָט מען פאַרזיכערט (תענית ל). אין געוויין פון תשעה באָב הערן זיך די טריט פון אָנקומענדיקן משיח. און אַ מסכתא פון דער גמרא, וואָס איר נאָמען קומט אויס צו זיין 'אבל רבתי', דער גרויסער טרויער, און ווו עס זיינען צו־נויפגעקליבן די דינים פון אבלות איז, ווי אויף צו להכעיס, אָנגערופן געוואָרן דורכן פאָלק מסכתא שמחות.

אויב אין דער שפּראַך פון תנ"ך לאָזט זיך אויסדריקן עצבות אין פאַרשידענע טערמינען, האָט מען מיט פילאָלאָגישער באַהאָונטקייט אויפגעוויזן, אַז אויך שמחה בלייבט ווייט נישט הינטערשטעליק אין באַגריף און אויסדרוק. און מעג־לעך גאָר, אַז זי קען זיך פאַרמעסטן מיט טרויער אין דער רייכקייט פון ניואַנסן. אַדרבא, זעט און פאַרגלייכט. אָט זיינען די פרייד־טערמינען, וואָס באַשיינען די ברכות, וועלכע מען זאָגט אויף אַ חתונה: ששון ושמחה, גילה, רינה, דיצה וחדווה... און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. עס איז דאָרט אויך די רייד וועגן „מצהלות חתנים", וועגן „משתה נגינתם", וועגן סעודות פון געזאַנג און פריילעכקייט.

אָבער מיטן לויף פון די יאָרהונדערטער, מיטן שווערן יאָך, וואָס ייִדן האָבן אויף זיך געטראָגן אין די לענדער פון מזרח־אייראָפּע, בעיקר אין דער תקופה פון די קאָזאַקן־שחיטות, מיט דער שרעקלעכער אָרעמקייט וואָס אין איר זיינען אַריינגעפאַלן די קהילות און אין דער חשכות וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט איבער יישובים וואָס האָבן פריִער זיך געהאַט אויסגעצייכנט מיט זייער ענערגיע און דינאַמיק, האָט זיך געהאַט אויסגעוויזן, אַז די קוואַלן פון פרייד האָבן זיך גע־נומען אויסטריקענען. די צווייטע העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט ברענגט אַריין אין דער געשיכטע פון ייִדן אין מזרח־אייראָפּע דעם טאָן פון צווייפל און פאַרצווייפלונג. אין יענער צייט פון צרה און אַנגסט האָט חסידות אויפגעפרישט די סובסטאַנצן פון פרייד אין ייִדישן לעבן. די באַוועגונג, וועלכע איז צו־נויפגעבונדן מיטן נאָמען פון רבי ישראל בעל־שם־טוב, האָט נישט דערלאָזט, אַז דער ייאוש זאָל אויפעסן דעם ייִדישן מענטש. צי דאַרף מען נישט אויך אין דער שפּעטערדיקער תקופה פון ערב דעם נאַצי־חורבן זוכן אין דער שיטה און אין דער השפּעה פון חסידות דעם סוד פון די קוואַלן פון מונטערקייט, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט שפּרודלען אין ייִדישן מענטש בעת אַלץ האָט זיך גענומען וואַקלען און פונאַנדערפאַל האָט מיט אַלץ מער קענטיקע צייכנס זיך געוויזן פאַר דער איינגעפונדעוועטער ייִדישקייט פון מזרח־אייראָפּע?

ב.

מען האָט אין די פאָרשונגען איבער חסידות זיך אָפּגעשטעלט און מיט רעכט, אויף דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סיטואַציע, וואָס אין אירע פאַרהעלטענישן

האָט די דאָזיקע באַוועגונג פון געפיל און האַרץ זיך אַנטוויקלט און פאַרשפּרייט. מען האָט געשילדערט מיט פּרטים די שווערע עקאָנאָמישע באַדינגונגען, וואָס אין זיי האָבן געלעבט די ייִדישע מאַסן, וואָס צו זיי איז חסידות געקומען מיט איר לערע און וואָרט. אָבער ווייניק אויפמערקזאַמקייט איז געווידמעט געוואָרן דער אָרעמקייט, וואָס אין איר האָבן זיך געמאַטערט און געראַנגלט די שעפער און לערער גופא פון חסידות.

און אַ פאַקט איז דאָך, אַז אביונים זיינען געווען די המונים, און געגנוי אַזעלכע אביונים זיינען געווען די, וועלכע האָבן זיי אויפגעמונטערט מיטן פלאַ־מיקן רוף צו בטחון. די טענדענציעזע שילדערונגען פון די השׂכלה־שרייבער, אין וועלכע דער רבישער הויף דערשיינט ווי אַן אינדזל פון זאַטקייט און ווילטאָג אין דער אָרומיקער וועלט פון הונגער און אָרעמקייט, שטימען נישט מיטן אמת. בעיקר, ווען עס איז די רייד וועגן דער בראשית־תּקופה פון חסידות. אויב אין די שפּעטערדיקע צייטן האָט מען געקענט טרעפן דאָ און דאָרט רחבותדיקע רבישע הייף, וועלכע זענען אויך דעמאָלט נישט געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער גרויסער מערהייט פון די צענטערס פון חסידות, זענען זיי בכלל נישט געווען בנמצא אין די יאָרן, ווען דער טוי פון באַגינען איז געפאַלן אויף דער אויפ־שפּראָצנדיקער באַוועגונג.

אין די חסידישע ספרימלעך — וואָס זענען דאָך סוף כּל סוף, אין זייער פאָלקסטימלעכן פשטותדיק־היימישן נוסח, דער געטרייער שפּיגל פון חסידות, פון דער צייט ווען די בייע שיטה איז געקומען צו איר אַנטפלעקונג אין די קאַרפּאַטן־בערג אין דער אוקראַיִנע — ווערט די אָרעמקייט אָנגעגעבן ווי דער סימן מובהק פאַר די, וועלכע זענען געווען אירע בויער און טרעגער. אין אָרעמ־קייט איז אויפגעוואָקסן דער שעפער פון חסידות רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, און בחוסר־כּל זענען אַוועק זיינע יאָרן. צו מאָל נישט זיין פאָטער איז געווען דער ברויטגעבער פון הויזגעזינד, נאָר די מוטער, וועלכע איז געווען אַ הייבאַם, אַ באַשעפטיקונג פון וועלכער די משפחה האָט ווייט נישט געקענט זיך דערנערן. דערצו זענען זיי ביידע געשטאָרבן אין יונגן עלטער. דער שפּעטערדיקער גריג־דער פון דער חסידות־באַוועגונג האָט כּל ימיו זיך געפונען אין קלעם פון דער נויט. די כּלערליי מלאכות, מיט וועלכע ער האָט זיך באַשעפטיקט, האָבן נישט געקענט פאַרזיכערן ברויט פאַר אים און זיינע בני־בית. ער איז געווען אַ בעלפער ביי אַ דרדקי מלמד, אונטערשמש אין אַ קלויז, דאָרף־מלמד, ליים־גרעבער, בעל־עגלה. דער ספר „שבחי בעל־שם־טוב״, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך זיינע תּלמידים דערציילט, אַז די פינגער פון זיינע פיס פלעגן אַרויסשטעקן דורך די לעכער פון זיינע צעריסענע שיך. „וואָרום ער איז געווען אַ גרויסער עני״.

אין מוראַדיקער דחקות האָט געלעבט זיין תּלמיד רבי דוב בער, דער מגיד פון מעזריטש. ער און זיין משפּחה האָבן געווינט אויסער דער שטאָט, אין אַ

חורבה ווו ער איז געווען פּטור פון צאָלן דירה־געלט, וואָס ער האָט נישט פאַר־מאָגט. בעת אַ קינד איז ביי אים געבוירן געוואָרן, לייענען מיר אין די חסידישע ספרימלעך, איז ממש נישט געווען מיט וואָס צו דערנערן דאָס עופהלע. רבי פּנחס פון קאָרעץ איז געווען אַ קבצן, אַ מלמד. רבי יחיאל מיכל זלאָטשעווער האָט געליטן נויט, און ווען איינער פון זיינע חסידים האָט ביי אים געפרעגט, ווי אַזוי קען ער מאַכן די ברכה „שעשה לי כל צרכי״, בעת אים פעלט דאָך אַלץ וואָס ער דאַרף האָבן, האָט ער געענטפערט: משמעות, אַז איך דאַרף האָבן די אָרעמ־קייט; נו, האָב איך זי טאַקע...

וועגן דעם אייניקל פון בעל־שם, רבי משה חיים אפרים דערציילט מען, אַז די אָרעמקייט איז ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז זיין ווייב פלעגט צינדן די שבת־ליכט אין אַ קעסטעלע פון ליים, וואָרום צו מאָל קיין ביליקע לייכטערס זענען נישט געווען אין הויז. נישט קלענער איז געווען דער דלות ביי שמעלקע פון ניקעלשבורג. רבי שלמה פון קאַרלין האָט מפרנס געווען זיין הויזגעזינד בצימצום פון מלמדות, און אין חסידישע מעשׂהס ווערן אָנגעגעבן פּרטים וועגן דער איינגעפאַלענער דירה, ווו זיי האָבן געוווינט. מיט נויט און הימלאָזיקייט האָט אַ סך יאָרן זיך געראַנגלט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. געגוי אַזוי איז נישט אַלע מאָל געווען ברויט ביי רבי זישע, און זיין מצב איז נאָך געוואָרן שווערער אין די יאָרן, ווען ער האָט אָפּגעריכט גלות און געוואַנדערט פון ישוב צו ישוב. רבי משה לייב סאַסעווער האָט כל ימיו זיך פאַרנומען מיט שטילן דעם הונגער פון אַנדערע, אָבער ער אַליין איז געזונקען אין דלות, וועלכער האָט זיך אָנגעזען אויך אין זיין הילוך. רבי משה פון קאָברין איז אויפגעוואַקסן ביי ישוב־ניקעס אין אַ דאָרף, ווו אַריינברענגען דעם שבת איז געווען, ווי עס ווערט דערציילט, שווער אַזוי ווי קריעת ים־סוף. און וועגן רבי יששׂכר בער פון ראַדאָשיץ גיט מען איבער, אַז זיין דחקות איז דערגאַנגען דערצו, אַז ער האָט געפאַסט אויך אַ טאָג פאַר יום־כּיפּור און אַ טאָג נאָך יום־כּיפּור. נאַטירלעך, אַז אָט דער דריי־טאָגיקער תענית האָט אַזוי אָפּגעשוואַכט רבי יששׂכר בערן, אַז די כּוחות זענען אים אויסגעגאַנגען.

בלויז איין בריוו איז פאַרבליבן פון רבי מענדל פון קאָצק. דאָס איז אַ בריוו וואָס ער האָט געשיקט צו רבי איטשע מאיר, דער שפּעטערדיקער ערשטער רבי פון גער, וועלכער האָט דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע. אין דאָזיקן בריוו פאַר־טרויט זיך רבי מענדל, אַז ער האָט ליידער נישט די מעגלעכקייט צו שרייבן אָפטער בריוו צו זיין ידיד נפש, וואָרום ער האָט נישט אויף קיין פאָסט־מאַרקעס. אויפן מצב פון דער אימהדיקער עניות וואָס האָט אָנגעהאַלטן אין קאָצק, זאָגן עדות אויך די תלמידים און חסידים, וועלכע זענען דאָרט אַהין געפאָרן. רבי מענדל איז אַרומגעגאַנגען אין אַ צעריסענעם קאַפּטאַן, פון וועלכן עס זענען

נאָכגעהאָנגען שטיקער וואַטע, און זיין געטרייער תּלמיד יחיאל מאיר פֿון גאָסטי־נין, דער תּהלים־ייִד, האָט אים, ווייזט אויס, נאָך מער איבערגעשטיגן אין דלות.

אָרעמע זענען געווען די חסידישע רביים, וואָס צו זייערע שלוש־סעודות־טישן פֿלעג איך מיך צוזעצן אין די יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה אין וואַרשע. נישט איין מאָל, אין די שבת פֿאַרנאַכטן, האָב איך צו זיי זיך אַוועקגע־לאָזט כּדי צו הערן תּורה פֿון זייער מויל און אָנוואַרעמען זיך אין דער חסידים־סביבה. אָרעמע זענען געווען די גאַסן, אָרעמע זענען געווען די ווינונגען, אָרעם די טישן. די דאָזיקע רביים האָבן זיך גערופֿן לויט די נעמען פֿון די שטעטלעך פֿון וואַנען זיי האָבן געצויגן זייער שורש. דער רבי פֿון אָפּאָלע, דער רבי פֿון זוואָלין, דער רבי פֿון גאַרוואָלין, דער רבי פֿון פּאַריסעוו. אָבער זיי האָבן זייערע „הויפֿן" און „שטיבלעך" געהאַט אין וואַרשע. און אין די שלוש־סעודות וואָס זיי פֿלעגן פּראַווען, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער דלות פֿון די חסידים, וואָס האָבן אַרום זיי זיך צונויפֿגעזאַמלט און אויך זייער אייגענער דלות.

און מען טאָר דאָך נישט פֿאַרגעסן, אַז די מאַטעריעלע נויט איז נישט געווען די איינציקע זאַך וואָס האָט געקוועלט און געקענט אַרויפֿוואַרפֿן אומעט אויף דעם רבי און זיין עדה. אין דער תּורה, וואָס איז אין יענע שבת־פֿאַרנאַכטן געזאָגט געוואָרן, האָט זיך געהערט דער דורכנעמענדיקער זיפֿץ אויפֿן מצב פֿון יחיד און כּלל; אויף די רדיפֿות און גזירות וואָס זענען מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ שווערער און רשעותדיקער; אויפֿן צער און פּיין וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף דער כּנסת ישׂראל. דאָס טרוקענע שטיקל חלה, וואָס איז אין קליינע ברעקלעך איבערגעגאַנגען פֿון האַנט צו האַנט, האָט אין בין־השמשות זיך איינגעשרומפּן און אויסגעוויזן צו זיין געקנאַטן פֿון אַט די צעקרישלטע און אָפּגעבראָכענע לעבנס.

און פֿאַרט האָבן מיר אַרום יענע עניותדיקע טישן זיך אויפֿגעהויבן איבערן טרויער, וואָס האָט געיאָגט פֿון די ווינקלען. אין דער פֿאַרדאַגהטער עדה האָט מיט אַ מאָל גענומען פֿליצן אַ קוואַליע פֿון שׂמחה. ניגונים פֿון אַ חדווה, וואָס עס איז שווער געווען צו וויסן פֿון וואַנען זי איז געקומען, האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין דער טונקלקייט. מיר אַלע, רבי און חסידים, האָבן זיך געלאָזט אין אַ ריקוד. דאָס איז נישט געווען קיין טאַנץ פֿון בעטלער, נאָר פֿון בני מלכים, וואָס זענען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון היכל פֿון זייער פֿאָטער, אָבער וואָס בענקען זיך אומצו־קערן צו אים און זענען טאַקע זיכער, אַז זיי וועלן ווידער זיך אומקערן צום קעניגלעכן פּאַלאַץ.

.3

האָט ביי האַנט מיט דער אָרעמקייט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט אַ סך פון די, וואָס זייערע נעמען זענען פאַראייביקט אין דער געשיכטע פון חסידות, גייען אין די חסידישע ספרימלעך רירנדיקע שילדערונגען פון דער פרייד, וואָס קיינער האָט ביי זיי נישט געקענט אַוועקנעמען. קיינער און גאָרנישט. נישט שונאים פון דרויסן, נישט עקבערנדיקע מחשבות פון אינעווייניק. די פרייד וואָס איז בעצם געווען אַ דערפרישנדיקער אומקער צום מקור, צום עכט יידישן באַנעם. געענו ווי אין איר צוגאַנג צו אַ ריי אַנדערע פּראָבלעמען, האָט חסידות אויך אין דאָזיקן פעלד נישט פּרעטענדירט צו אַנדעקן עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט פריער נישט עקזיסטירט אין יידישקייט. זי האָט נאָר אונטערגעשטראָכן דעם אמת, וואָס טאָר קיין מאָל נישט ווערן פאַרעלטערט.

גלייך מיט רבי ישראל בעל־שם־טוב האָט זיך דאָס אָנגעהויבן. שמחה איז אין זיין שיטה, איינע פון די עיקר יסודות פון יידישקייט. אין זיין בגד פון צעריסע־נעם שטאָף, מיט דער ליולקע אין מויל, אין זיינע צעריסענע שיך — אַזוי ווי ער ווערט געשילדערט אין ספרל „שבחי הבעל־שם־טוב" — איז ער געפאָרן פון ישוב צו ישוב, פון יאַריד צו יאַריד, וווּ ער האָט זיך געקענט צונויפטרעפן מיט יידן, און צו זיי געזאָגט, אַז די זאָלן זיין בשמחה. אין ספרל, וואָס זיינע תלמידים האָבן געשריבן, ווערן זיינע ווערטער איבערגעגעבן אין לשון קודש: „להרחיק את עצמו מעצבות", „יהיה לבו שמח", „מקום שיש יראה אין גילה". ווענדונגען וואָס חזרן איבער אין פאַרשידענע נוסחאות, אַז מען מוז זיך דערווייטערן פון אומעט, אַז מען טאָר נישט אַריינפאַלן אין פחד און טרויער, אַז אַ יידיש האַרץ מוז זיך פרייען און דערפרייט ווערן.

דאָס איז געווען דער דרך, וועלכער איז אָנגעוויזן געוואָרן דורכן עלנטן בעלפער פון מעדזשיבאָזש. די וואָס זענען געקומען נאָך אים, האָבן אויפגעהויבן די ניצוצות פון שמחה און זיי צוגעטראָגן צו יעדן איינעם, מיט וועמען זיי האָבן זיך צונויפגערעדט. רבי פנחס פון קאָרעץ האָט געהאַלטן, אַז ס'איז מעגלעך צו פאַרזייען שמחה אין דער יידישער נשמה מיטן כוח פון ניגונים, וואָס פירן צו התפעלות. רבי אריה לייב פון שפּאָלע, וועמען מען האָט גערופן „דער שפּאָלער זיידע", האָט געגלויבט, אַז דער ריקוד איז דאָס בעסטע מיטל, ווי אַזוי אַוועקצו־יאָגן דעם טרויער. ווענן אים ווערט דערציילט, אַז ער האָט טאַקע געטאַנצט מיט דער לייכטקייט פון אַ קינד, און אַזוי אַרום איז אים געלונגען אַריינצוברענגען אין די פאַרחושכטע און פאַרזאָרגטע יידן די התלהבות פון שמחה. רבי נחום פון טשערנאָביל פלעגט זאָגן, אַז דער חילוק צווישן „תיקון לאה" און „תיקון רחל" — תפילות וואָס מען זאָגט בעתן אָפּריכטן חצות — באַשטייט דערין, אַז דאָס וואָס אונדזער מאַמע לאה האָט אויסגעפּועלט מיט געוויין, האָט אונדזער מאַמע רחל געפּועלט מיט פרייד. איין מאָל זענען געקומען צו אים זיינע תלמידים און

זיך פֿאַרקלאָגט מיט טרערן אין די אויגן, אַז צוליב די צרות פֿון פּרט און כּלל זענען זיי אַריינגעפֿאַלן אין אַן עצבֿות, פֿון וועלכן זיי קענען גאָרנישט אַוועקגיין. רבי נחום האָט צו זיי געזאָגט: עצבֿות איז אַ ירידה, אָבער אַז מען איז זי מנצח, פֿילט מען ערשט ווי שטאַרק דערהויבן מען ווערט דורך די פֿונקען פֿון שׂמחה.

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז באַקאַנט מיט דער דין־תּורה, וואָס ער האָט געפֿירט מיט גאָט, און דורך די טענות, וואָס ער האָט געהאַט צו אים, פֿאַר וואָס ער נעמט זיך נישט אָן פֿאַרן פֿאָלק ישׂראל. ער האָט טאַקע די דאָזיקע טענות און די דאָזיקע מאָנענדיקע דין־תּורה געפֿירט מיט פֿריידיקער התלהבֿות. אויך, ווען מען טענהט זיך אויס מיטן באַשעפֿער, האָט ער געזאָגט, מוז מען זיין בשׂמחה, וואָס מען קען מיט אים זיך אויסשמועסן. אין זיין ספֿר „קדושת לוי" קערט ער זיך אָפּט אום צום תּלמוד־מאמר, אַז מען קען גאָרנישט צוקומען צו דער שכינה אין אַ שטימונג פֿון טרויער (שבת ל). געזאַנג און טאַנץ זענען פֿאַר אים געווען, ווי אין וויטן אַמאָל, דער עכטער אויסדרוק פֿון ייִדישקייט.

די געשיכטע פֿון חסידות וויסט אָנצוגעבן נאָך אַ סך אַזעלכע פּרטים וואָס זאָגן עדות, ווי שטאַרק מען האָט זיך אין חסידות געהאַלטן ביים כּלל, אַז אַ ייִד טאָר גאָרנישט זיך שפּירן געפֿאַלן. אויך יום־כּיפּור בעת די תּפֿילות, איז גוט, ווען מען איז בשׂמחה. וואָס וואָלט דער רבונו־של־עולם געטאָן, פֿלעגט זאָגן רבי זישע, ווען ייִדן זינדיקן נישט? צי וואָלטן דען פֿאַר אים אויפֿגעגאַנגען אין הייליקן טאָג אָט די אַלע וווּנדערלעכע ניגונים?... דער רבי אלימלך פֿון ליזשענסק האָט באַמערקט, אַז ווען מיר זינגען אַ פֿריילעכס, זינגט גאָט אין אונדז. רבי ישׂראל פֿון קאָזשעניץ האָט, בכדי צו פֿאַרגרעסערן די שׂמחה אין פּורים, זיך אַפֿילו באַנוצט מיט אויסדרוקן אין פּויליש, אין נוסח פֿון די פּויערים. „הולאַי נשמה", פֿלעגט ער אויסרופֿן. פֿריילעך מוז אַ ייִד זיין יעדן טאָג, האָט ער געזאָגט, וואָרום יעדן טאָג איז דער מענטש מחויבֿ אַרויסצוגיין פֿון גלות מצרים. דער חוזה פֿון לובלין, רבי יעקבֿ יצחק, האָט דערקלערט פֿאַר זיינע חסידים, אַז עס איז אַ טעות מצד די, וועלכע מיינען אַז תּפֿילות ותּחנונים דאַרף מען זאָגן מיט געוויין. נישט בלויז געוויין איז הייליק, נאָר שׂמחה קען אויך אין זיך האָבן קדושה. אַן אַנדערש מאָל ווידער האָט ער זיך געוואָנדן צו זיינס אַ חסיד, וואָס האָט זיך געלאָזט באַהערשן פֿון עצבֿות מיט די ווערטער: היט זיך אָפּ פֿון דער דאָזיקער שלעכטער מידה. עצבֿות ברענגט מער שאָדן ווי זינד. עצבֿות איז ערגער ווי זינדיקן. זי פֿירט צו זינד.

מכּוח רבי משה לייב סאַסעווער ווערט דערציילט, אַז פֿון איטלעכן טריט זיינעם, בעת ער האָט געמאַכט אַ ריקוד, האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿרייד. ער פֿלעגט אַרומגיין אויף די חתונות פֿון אָרעמע כּלות און שעהן־לאַנג טאַנצן און זינגען מיט די אָרעמעלייט. אָפֿט האָט ער זיך פֿאַרשטעלט אין פּויערן־מלבושים, געגור־

מען אַ פויערן־ליולקע אין מויל, און זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ, וואָס האָט דער־מאָנט אין די פויערישע פאַרווײלונגען, אַ „פאַרשטעלונג" וואָס האָט נאַטירלעך לוסטיק געמאַכט דעם עולם. איין מאָל איז צו אים געקומען רבי אורי פון סטרעליסק, אַ פאַרדאגהטער, און פאַר אים אויפגעוויקלט די אַנגסטן און צרות, וואָס רויבן ביי אים די מנוחה. רבי משה לייב סאַסעווער האָט אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פריילעכן טאַנץ. אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דער ריקוד. צו רבי העשיל, דער אַפּטער רבי, איז געקומען אַ ייִד און אים דערציילט וועגן די סיגופים, וואָס ער מאַכט אַדורך, און ווי אַזוי ער פּייניקט זיין גוף כדי אָפּצוקומען פאַר די עבירות, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. האָט רבי העשיל אָנגעהויבן לאַכן און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין אַ היוכן, פריילעכן געלעכטער. ער האָט גאָרנישט געוואָלט אויפהערן לאַכן. רבי מרדכי פון לעכאָוויטש האָט געזאָגט: מען טאָר נישט זאָרגן. איין דאגה בלויז מעג דער מענטש האָבן: הלמאַי ער דאגהט...

אויף רבי מנחם מענדל פון רימאַנאָוו זענען אַראָפּגעפאַלן אומגליקן נאָך אומגליקן. צו ערשט איז זיין ווייב געשטאָרבן. דערנאָך איז ביי אים געשטאָרבן די טאָכטער. האָט רבי מנחם מענדל געזאָגט: גאָטעניו, בעת דו האָסט ביי מיר אַוועקגענומען מיין ווייב, האָב איך זיך נאָך געקענט פרייען מיט מיין טאָכטער. איצט האָסטו ביי מיר אויך מיין טאָכטער צוגענומען. וועל איך זיך בכן פרייען מיט דיר... און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַווענען און געצויגן די ניגונים מיט צעפלאַמטער התלהבות.

געניג ווי פאַר אונדז, איז אָט די דאָזיקע עקשנותדיקע בשמחהדיקייט, בעיקר ווען מען האָט זי אָנגעהאַלטן אין מאָמענטן פון שווערן טרויער, אָפּט מאָל אויס־געקומען מאָדנע און אומפאַרשטענדלעך פאַר די, וואָס האָבן זיך נישט געפונען בסדר אין קרייז פון חסידות. איידער רבי משה טייטלבוים איז געוואָרן דער תלמיד פון חוזה פון לובלין, איז אויך ער געווען מסופק, צי דער ריקוד און הייטערער געזאַנג זענען פאַקטיש דער ייִדישער דרך. האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געשטעלט די פראַגע אין איר גאַנצער האַרבקייט פאַרן חוזה. היתכן, האָט ער צו אים געזאָגט, דאַרפן מיר ייִדן, דען נישט וויינען אויפן חורבן בית־המקדש? דאַרפן מיר נישט טרויערן אויף גלות השכינה? דער חוזה האָט אים אָפּגעענטפערט: נאָך שטאַרקער ווי אונדזער טרויער דאַרף אָבער זיין אונדזער שמחה, וואָס די שכינה גייט מיט אונדז מיט אין גלות. איבעריקנס איז דען נישט אין דער גמרא פאַרווערט געוואָרן צו טאָן תפילה בעת מען איז אין עצבות? (ברכות לא). מיט זיין געוויינלעכער שאַרפער פקחות האָט דערקלערט דאָס, וואָס קומט אויס אין פלוג אומפאַרשטענדלעך, רבי בונם, דער רבי פון פשיסכע. מען טאָר נישט אויסמישן די באַגריפן, האָט געזאָגט רבי בונם. אַ טרויעריק האַרץ און אַ צעבראָכן האַרץ זענען צוויי פאַרשידענע זאַכן. אַ ייִד טאָר טאַקע

נישט האָבן קיין טרויעריק האַרץ. אָבער מיט אַ צעבראָכן האַרץ קען מען זיין בשׂמחהדיק.

ניין, נישט קיין הוילע ווערטער זענען יענע פּראַזעס אין פאָלקסליד „און אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילעך, פריילעך איז געווען אלימלך". פריילעך אויף אַ אמת איז געווען דער רבי אלימלך. לויטערע און אויפגעהייטערטע אין זייער געמיט זיינען, ביי זייער אָרעמקייט און ביי זייער צונויפגעבונדנקייט מיטן לײַדנדיקן ייִדישן כּלל, געווען דער רבי און די חסידים. פרייד האָט אין זיי געשטראַמט אין די צייטן פון בעל־שם. מונטערע זענען זיי פאַרבליבן אויך אין דער ערב־חורבן תּקופה, ווען פינצטערע וואָלקנס האָבן אַראָפּגעהאָנגען אויפן ייִדישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע.

די מונטערקייט האָט אין זיי געשפּרודלט אין סאַמע גרויל פון חורבן. אין זיין ספר „באר החסידות" פאַרצייכנט אליעזר שטיינמאַן, אַז בעת רבי ישׂראל, דער רבי פון גראָדזשיסק, איז אָפּגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע צוזאַמען מיט אַלע ייִדן פון שטאָט, האָבן ביי אים איניקע געפרעגט: נו, וואָס זאָגט איצט דער רבי?

רבי ישׂראל האָט זיך אָפּגערופן: הערט זיך צו, ברידער און שוועסטער, אויב עס איז אויף אונדז נגזר געוואָרן, אַז מיר זאָלן זיין די קרבנות פון משיחס צייטן, אשרינו, ווייל איז אונדז, וואָס מיר האָבן זוכה געווען דערצו. מיר, וואָס האָבן דערגרייכט די דאָזיקע מדרגה, דאַרפן זיך פרייען, וואָס מיר האָבן דעם זכות, אַז אונדזער אַש זאָל מטהר זיין כּל ישׂראל. איך בין אויף אייך גוזר, טייערע ברידער און שוועסטער, אַז איר זאָלט חלילה נישט וויינען אויפן וועג צום קאָלכאָויוון, נאָר אַז איר זאָלט זיין בשׂמחה. לאָמיר זיך שיידן פון דער וועלט מיטן „שמע ישׂראל", אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן אַמאָל רבי עקיבא. ברידער ייִדן, לאָמיר זינגען אני מאמין...

און גלייך האָבן אַלע אָנגעהויבן ציִען דעם ניגון פון אני מאמין.

אַזוי ווי אין דער גורל־צייט פון רבי נחמן בראַצלעווער, ווען דער רבי פון אומאַן האָט געלערנט די ייִדן נישט צו שרעקן זיך און גובר זיין די עצבות, ווייל דער שורש פון ייִדישקייט געפינט זיך, ווי ער האָט געזאָגט, אין אמונה און שׂמחה, האָט חסידות אויך אין גהינום פון טרעבלינקע און מיידאַנעק איינגעשטילט דעם געיאָמער פון אומקום און איז אויפגעגאַנגען און אויסגעגאַנגען אין דביקות פון דער התלהבות.

דאָס אויפגעלויכטעטע געמיט, האָט חסידות אָנגעוויזן, איז נישט קיין קלות הדעת. פּאַטשן מיט די הענט אין השתּפּכות הנפש, איז נישט שטיפעריִשער לייכטזין. בשׂמחה האָט די זעלבע אותיות וואָס מחשבה. שׂמחה איז פּאַרטיפטע ייִדישע מחשבה.

ד.

די מעינות השׂמחה, וואָס האָבן געשפּרודלט אין ייִדישן מענטש ערב דעם נאַצי־חורבן, און וואָס זענען נישט אויסגעטריקנט געוואָרן אַפילו אין דער אימה פון חורבן; דער מוט און די טרייסט וואָס שרייען אַרויס פון פּאַרטיזאַנען־מאַרש און פון די אַקטן פון קידוש־השם און גבורה, וועלכע שיינען אַרויס פון דער תּקופה פון אומקום, קומען אונדז אויס אַלץ מער צו זיין אַ פּסיכאָלאָגישע רעטעניש. וואָס גרעסער עס ווערט דער צייט־אַפּשניט, וועלכער טיילט אונדז אָפּ פון די אויסראָטונג־לאַגערן און גאַז־קאַמערן, פון די געטאָ־אויפשטאַנדן און ווידערשטאַנד פון גייסט, פון יענער דערציטערנדיקער עפּאָפּיי פון ווי און געראַנגל, אַלץ שטאַרקער וואַקסט אין אונדז אויס די פראַגע: ווו געפינט זיך דער סוד פון די וווּנדער־קוואַלן, וואָס פון זיי האָבן געשעפּט די פאַרשניטענע ייִדישע קיבוצים זייער פאַטאָס פון דערהויבנדיקער לויטערקייט אויך, ווען דאָס ייִדישע הויז אין מזרח־אייראָפּע איז געוואָרן אַרומגענומען פון די פלאַמען?

אַ גאַנצע ריי אומשטענדן דאַרפן באַטראַכט ווערן אין אַזאַ אַנאַליז. זיכער קען דאָ איטלעכע רעליגיעזע שיטה, איטלעכע נאַציאָנאַלע באַוועגונג, איטלעכע סאָציאַלע שטרעמונג — דער רייכער רעגנבויגן פון אידייען און אידעאַלן, וואָס האָבן געווירקט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט פון דער וועלט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען — אויפדעקן דעם ביישטייער, וואָס איז דורך יעדער איינער צוגעטראָגן געוואָרן צו דער גייסטיקער שפּאַנונג פון ייִדישן מענטש, וואָס האָט דאָרט געלעבט. זיכער האָט יעדע איינע פון די דאָזיקע שיטות און באַוועגונגען איר חלק אין אויסבוי פון זיין כאַראַקטער און אין דער אַנטוויקלונג פון זיין באַנעם. זיכער האָבן זיי אַלע געהאָלפן אויפהאַלטן די פּאָזיטיווע ווערטן, ווען אַלץ איז זיך פונאַנדערגעפאַלן, געהאָלפן אויספאָרמירן די פּסיכיק, וואָס רופט ביי אונדז אַרויס אַזוי פיל וווּנדער און באַוווּנדערונג.

אָבער אונדז ווייזט זיך אויס, אַז געשיכטלעך מוז אָנערקענט ווערן, אַז אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר האָט אין מזרח־אייראָפּע בעיקר חסידות גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויפצופרישן דעם אוראַלטן ייִדישן באַנעם פון שׂמחה. אין לענדער, ווו ייִדיש לעבן איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דערשיטערנדיקער טראַגעדיע, האָט חסידות מיט נישט אָפּגעהאַלטענעם ברען און אויסדויער גערופן צו זיין בשׂמחהדיק. דאָרט, ווו דער זיפץ איז אויסגעקומען צו זיין די נאַטירלעכע ייִדישע מעלאָדיע, האָט חסידות אויפגעלעבט דעם ניגון פון מונטערקייט. און אַרום די אָרעמע רבישע טישן, אין די שבתדיקע פאַרנאַכטן, איז דורך די ריקודים פון גלויבן און התלהבות, אין אַ שפּאַרער מאָס צוגעגרייט געוואָרן גייסטיק און פּסיכיש דער אויפשטאַנד פון געטאָ אין וואַרשע.

חסידות — די באַוועגונג וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן פּוילישן ייִדנטום

א.

צ'י איז כּדאַי אין אונדזער תּקופֿה — די תּקופֿה פֿון אויפֿטרייסלונגען און אומוואַנדלונגען, פֿון בלאָנדזשעניש און פֿאַרלוירנקייט — צו ווענדן אונדזער בליק צום באַגינען פֿון דער באַוועגונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן מיט דריטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק אין דער אינגעווייד פֿון פּוילישן ייִדנטום? מער, ווי אַלע מאָל, ווייזט זיך מיר אויס, אַז אָט־דער צוריקבליק איז זייער וויכטיק פֿאַר אונדזער דור, צוליב אַ ריי סיבות. אפשר אויך צוליב דעם, וואָס אין דער אומגעהייער־צאָלרייכער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט איבער חסידות אין משך פֿון די דריטהאַלבן הונדערט יאָר, איז אָפֿט מאָל פֿאַרווישט געוואָרן דאָס וועזנטלעכע און עיקרדיקע פֿון דער חסידות־שיטה. פֿון איין זייט האָט די עקזאַלטאַציע אַוועקגענומען דאָס ריכטיקע פּנים פֿון דער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט און אַרויסגעהויבן צום אויבן אָן די עלעמענטן פֿון ווונדער; גלייך ווי דער מופֿת וואָלט געווען ערשטראַנגיק און אַנטשיידנדיק אינעם וועג און אין דער אידעע, וועלכע זענען אויסגעפֿאָרמירט געוואָרן דורכן שעפֿער פֿון חסידות. אָבער פֿון דער צווייטער זייט האָט טרוקענער אַנאַליז צעשטערט דעם מהות פֿון אַ באַוועגונג, וועלכע האָט אַרויסגעשפּראָצט פֿון האַרץ און איז געבויט געוואָרן אויפֿן האַרץ. דער מופֿת־עלעמענט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן קלאַסישן חסידות־ספֿרל „שבחי הבעל שם טוב", און דער אייז־קאַלטער צוגאַנג פֿון אַ גאַנצער ריי חסידות־פֿאָרשער, — ביידע זענען סוף־כּל־סוף פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַרן אומגענויעם באַגריף, וואָס קורסירט איבער איינער פֿון די אינטערעסאַנטסטע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין דער מאָדערנער ייִדישער געשיכטע.

דער בליק אויף צוריק איז וויכטיק אויך דערפֿאַר, ווייל נישט אַלע מאָל קענען די — וועלכע באַטראַכטן זיך, ווי נאָכפֿאָלגער פֿון אָט־דער שיטה — בעצם באַטראַכט ווערן ווי באַרעכטיקטע גייסטיקע יורשים פֿון איר אידעען־וועלט.

איך מוז מודה זיין, אַז דער נוסח פֿון דער לעגענדע לאָקט אומגעהייער, כּדי מיט אים אָנצוהייבן דעם עסיי; אַמאָל איז געווען...

אַמאָל איז געווען אַ מענטש, וועלכער האָט געזוכט גאָט. ער האָט אים נישט געפונען. אַזוי ווי ער האָט אים געפילט און געאָנט, אין דער סביבה, ווו ער האָט געלעבט. ער האָט נישט געפילט, אַז די גאָט־מיסטעריע זאָל האָבן אַריינגעדרונגען אין געמיט פון די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט פאַרקערט. ער האָט נישט געקאָנט געפינען גאָט דאָרט, ווו די מענטשן האָבן איבערגעחזרט מעכאַניש זייערע תּפילות. און ער איז אַוועק אין פעלד, אין וואַלד, צו די ברעגן פון די טייכן. טעג און נעכט האָט ער געוואַנדערט אין איינזאַמקייט. ער האָט זיך איינגעבויגן איבער די גראָזן, איבער די בלומען. ער האָט זיך איינגעהערט אין געזאַנג פון די פייגעלעך, אין שאָרך פון די בלעטער, אין פליסטער פון ווינט, אין זשומען פון די בינען. ער האָט געקלעטערט צו די שפּיצן פון די בערג און זיך געטראָגן מיטן שטראָם פון די וואַסערן. ער האָט געזוכט גאָט, דעם גאָט פון באַשאַף, דעם גאָט פון חסד און ליבשאַפט, דעם גאָט פון ישראל; און ער האָט דערפילט דעם אָטעם פון אומענדלעכקייט. ער האָט געפונען גאָט.

און ווען ער האָט געפונען גאָט, האָט ער אויך געפונען זיך. ער האָט אַנט־דעקט זיין אייגענע נשמה. ער האָט דערפילט דעם זין, צוליב וואָס ער איז געקו־מען אויף דער וועלט.

און דאַן האָט ער זיך אומגעקערט צום אָרט פון וואַנען ער איז געקומען; צו די מענטשן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך. ער האָט זיך אומגע־קערט מיט דער זון אין זיינע אויגן, מיט דער ליכט פון אַנטפּלעקונג אין זיין פּנים, מיט דער פרישקייט פון דער נאַטור אין זיין וואָרט. און ער האָט געזאָגט צו די מענטשן:

— עפנט אויף אייערע אויגן, די וועלט איז פול מיט סודות, מיט שטראַלנ־דיקע, ווונדערלעכע סודות, קומט מיט מיר. איך וועל אייך העלפן געפינען גאָט און דעם וועג צו זיך אַליין.

די מאַסע איז געווען מיד, דערשלאָגן. די מענטשן זענען געווען פאַרטאָן אין זייערע וואָכעדיקע האָוועניש, אָבער זיין לויטער וואָרט איז אַריינגעדרונגען טיף אין זייער געמיט. זיי האָבן אים געגלייבט. און זיי זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיט אים, פון שטאָט און דאָרף האָבן זיי געשטראָמט צו הערן זיין וואָרט. און זייער צאָל איז אַלץ מער געוואַקסן...

אָט־אַזוי, אין נוסח פון לעגענדע, ווילט זיך צי‌ען מיין עסיי, פון אָנהייב ביזן סוף, אָבער דער מענטש, וועגן וועלכן עס איז די רייד — רבי ישראל בעל שם טוב — איז נישט געווען קיין אויסגעטראַכטע, לעגענדאַרע געשטאַלט. ער איז געווען אַווירקלעכע פיגור. און ווירקלעכע געשטאַלטן לעבן אין אַ באַשטימטער צייט, אין אַ באַשטימט אָרט. די תּקופה און די סביבה לייגן אויף זיי אַרויף זייער חותם. און דאָס איז די טעמע, מיט וועלכער איך וויל זיך קודם־כּל באַשעפטיקן: די צייט און דאָס אָרט, אין וועלכע דער בעל־שם־טוב האָט געלעבט.

ב.

די צייט: דאָס יאָר 1700. דאָן איז ער געקומען אויף דער וועלט. דער פּלאַץ: אוקאָפּ. אַ קליין שטעטעלע אין דער פּוילישער פּראָווינץ פֿון פּאָדאָליע. דאָס איז געווען אַ דראַמאַטישע צייט אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן ייִדנטום. מיט 52 יאָר פֿריִער, אין יאָר 1648, האָט זיך געהאַט אָראַפּגעלאָזט אַ פֿינצטער אומגליק אויפֿן ייִדישן קיבוץ אין פּוילן; בעיקר, אויפֿן ייִדישן ייִשוב אין דער אוקראַיִנע, וואָס איז דאָן געווען אַ טייל פֿון פּוילן.

מיט 52 יאָר פֿריִער האָבן די צעווילדעוועטע באַנדעס פֿון גרויזאַמען קאָזאַקן־פֿירער כמעלניצקי צעשטערט דעם בליִענדיקן ייִשוב פֿון פּוילן. ר׳ נתן האַנאָווער אין זיין יאָמער־כראָניק „יון מצולה" באַקלאָגט דעם מוראדיקן חורבן. הונדערטער קהילות זענען חרוב־געוואָרן. אַ סך טויזנטער ייִדן זענען אומגעקומען אין פֿייער און שווערד. און ווען די שחיטות האָבן אויפֿגעהערט, האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום גענומען פֿאַרהיילן די ווונדן. עס האָט פּרובירט אויפֿבויען צוריק די חורבות און אָנהייבן פֿון דאָס ניי אַ נאָרמאַל לעבן. אָבער ס׳איז נישט געגאַנגען. די ווונד איז געווען צו־טיף.

אין די קינות און סליחות, וואָס זענען געשריבן געוואָרן, האָט דאָס פֿאָלק נישט אויפֿגעהערט וויינען און זיפֿצן אויף יענעם חורבן, וואָס ווערט אָנגערופֿן אין אונדזער געשיכטע: גזירות ת״ח ות״ט.

די טראַגישסטע, די אומהיימלעכסטע פֿראַגן זענען געשטעלט געוואָרן מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט. אין דעם קלאָגליד „מגילת עיפה", די מגילה פֿון פֿינצ־טערניש, האָט דער מחבר רבי שבתי כהן, גערופֿן דער ש״ך, אַ באַוווסטער גאון אין יענער צייט, געשלידערט זיין צאָרנדיקן אויסגעשריי: צי וועסט דו דערויף שווייגן, גאָט?! צי וועסט דו דאָס אַלץ דערלאָזן, גאָט אין די הימלען?!

אין אַן אַנדער דערשיטערנדיקער סליחה האָט דער פּראָפֿעסער רבי שמואל הלוי אויסגערופֿן אין אויפֿברויזנדיקן צער: דו, גאָט, האָסט צוגעזען די ליידן פֿון דיינע קינדער, און דו האָסט זיך נישט אוומגעקוקט פֿון דיינע הויכקייטן...

און דאָס פֿאָלק האָט אָנגעהויבן טראַכטן: צי זענען דאָס נישט משיחס צייטן? צי זענען דאָס נישט מעגלעך, די ווייען, וואָס זאָגן פֿאָרויס דעם אָנקום פֿון משיח? זענען דען נישט די ראשי תּיבות פֿון נאָמען כמעלניצקי — „כמעל", ווי מען האָט אים גערופֿן צווישן ייִדן — „חבלי משיח יבואו לכם", די ווייען פֿון משיח וועלן צו אייך קומען (חמי״ל)? צי קלאַפּט נישט מעגלעך דער אויסלייזער אין די טויערן?

און אַ רוף האָט זיך דערהערט. דער רוף איז געקומען פֿון סמירנאַ, טערקיי. מיר דאַרפֿן געדענקען, אַז אין יענער צייט האָט די טערקישע אימפּעריע זיך געגרענעצט מיט פּוילן. טאַקע מיט דער פּראָווינץ פֿון פּאָדאָליע: איך בין אייער משיח!... שבתי צבי האָט אַרויסגעלאָזט דעם רוף. טייל פּוילישע ייִדן זענען

צעגליט געוואָרן. משיחישע האָפענונגען האָבן זיך אָנגעצונדן. מען האָט פאַרהאַקט די קראָמען, איבערגעלאָזט אויף הפקר דאָס ביסל אָרעמקייט, און מען איז אַלע — מענער, פרויען און קינדער — אַוועק אין די האַפנס, אין די פּאָרט־פּלעצער, וואַרטן אויף משיחן, אַז ער זאָל אַוועקפירן דאָס פאָלק ישׂראל אין הייליקן לאַנד.

מען האָט זיך אַנטוישט. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָס איז אַ פאַלשער משיח. שבתאי צבי האָט אַרויפגעוואָרפן דעם אַראַבישן טורבאַן אויף זיין קאָפּ. ער האָט פאַרראַטן זיין פאָלק. ער האָט אָנגענומען דעם מוסולמענישן גלויבן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום פאַרברעכט די הענט אין ווייטיק. צי איז מעגלעך, אַז די אַלע מוראדיקע ליידן זאָלן נישט האָבן קיין זין? צי קאָן געמאָלט זיין, אַז די גאולה־אויסרעכענונגען זאָלן זיין אָן ממשות? צי איז מעגלעך, אַז נאָך דעם גרויסן קידוש־השם זאָל נישט קומען אויך דער קידוש־האומה? און צי וועט נישט, נאָכן פייער פון יסורים, אויך די ייִדישע אומה ווערן געהייליקט און דער־הויבן?

אויך נאָכן שמד פון שבתאי צבי זענען פאַרבליבן קרייזן פון גלויביקע מיסטיקער אויף דער פּוילישער ערד. אַ נייער בשׂורה־טרעגער האָט זיך באַוויזן אין יענעם דרומדיקן טייל פון פּוילן. ער האָט דערקלערט, אַז ער איז אַ גילגול פון שבתאי צבי. ער האָט געהייסן יעקב פראַנק. אַן אַוואַנטוריסט, אַ שאַרלאַטאַן. אַ פאַרשוין פון מאַראַלישער געפאַלנקייט. אָבער ער האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם מאַנטל פון אויסלייזער. ער האָט געשאָטן מיט פראַזן פון דער קבלה. ער איז געקומען, האָט ער געזאָגט, אויסלייזן די שכינה פון גלות. ער איז די פאַרקערפּערונג פון „מלכּא קדישא״, פון הייליקן הימלישן קעניג, אויף דער ערד. אין יעקב פראַנקס מליצות איז מיסטישע פאַנטאַזיע געווען צונויפגעפּלאָנטערט מיטן חלום פון אויפגעלעבטער ייִדישער גבורה. און ער האָט געוווּנען גלויביקע צווישן אומרויִקן, צעגליטן פּוילישן ייִדנטום. נישט בלויז מענטשן פון המון, נאָר אויך אייניקע רבנים. דער רב פון גלינע, דער רב פון בוסק. די לערע פון טומאה געזוינט נאָכפאָלגער אין דעם געוואַלטיקן מיסטישן פייער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פּוילישע ייִדנטום.

מען לייגט פראַנקן און זיינע נאָכפאָלגער אין חרם אַריין. מען צינדט אָן און מען לעשט אויס שוואַרצע ליכט. מען בלאָזט שופר. אָבער עס העלפט נישט. די באַוועגונג פון יעקב פראַנק וואַקסט פון טאָג צו טאָג. דאָס פאָלק לעבט איבער נאָך אַ שטאַרקערע אַנטוישונג און נאָך אַ שאַרפערן ווייטיק. פראַנק און אַ סך פון זיינע נאָכפאָלגער נעמען אָן דעם קאַטוילישן גלויבן. און נישט בלויז דאָס. דער צעיושעטער שאַרלאַטאַן באַשליסט צו נעמען נקמה אין די, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן אים. ער לאָזט אַרויס שענדלעכע בילבולים קעגן זיין אייגענעם שטאַם. ער פאַרבינדט זיך מיטן קאַטוילישן קלער, און צוזאַמען מיט די גלחים וואַרפט ער די בענדער פון תלמוד אויפן שייטערהויפן אין קאַמענעץ

פּאָדאָלסק. דאָס פּוילישע ייִדנטום קנוילט זיך אין וויטיק, אין בזיון און אין טיפן כאָאָס.

דערצו הערשט אַזאַ שרעקלעכע צעשפּליטערונג אויף דער ייִדישער גאַס. די פּוילישע מלוכה קרישלט זיך דעמאָלט. אַט־באַלד וועלן אירע רוּיבערישע שכנים זיך פונאַנדערטיילן מיט איר ערד. און די דעמאָראַליזירטע פּוילישע הערשער מאַכן וואָס אַ מאָל שווערער דאָס לעבן פון די ייִדן. זיי וואַרפן אַרויף אומגעהייער גרויסע שטייערן אויף די קהילות. און ייִדישע תּקיפים נעמען רייטן אויף קהל. תּקיפים, וואָס טיילן נישט פונאַנדער די שטייערן אין אַ גערעכטער מאָס. ווער עס איז קרוב למלכות, ווער עס איז נאָענט צום פּריץ, דרייט זיך אַרויס פון דער פליכט. דער אָרעמער מענטש, וואָס האָט נישט קיין קאָנטשאַפט מיט די „הויכע פענצטער" — און קען נישט געניסן פון פּראָטעקציע — מוז טראָגן דעם גאַנצן יאָך.

דערביי הייבן זיך אַרויס אין דער ייִדישער געזעלשאַפט טראַגישע דיפערענצן. דער למדן: דער, וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען פיל יאָרן אין די ישיבות און לערנען, קוקט מיט גרינגשעצונג אויפן בעל־מלאכה, וואָס האָט געמוזט אַוועקגעבן זיין צייט אויף האַרעפּאַשנער אַרבעט. דער למדן לאָזט נישט צו דעם עם הארץ נישט בלויז צום עולם הזה, נאָר אויך נישט צום עולם הבא. תּורה הערט אויף צו זיין דאָס, וואָס זי איז אין דער אמתן: אַ קוואַל פון לעבן, פון רעליגיעזער אינספּיראַציע און פון הויכער מענטשלעכקייט. זי ווערט וואָס אַ מאָל מער בלויז פאַרוואַנדלט אין אַ זאַמלונג פון קאָמפּליצירטע געזעצן, וואָס דער איינפאַכער מענטש איז גאָרנישט בכוח זיי משיג צו זיין. זי ווערט אַלץ שאַרפער אַ תּורה פון מות, ווו עס איז נישטאָ קיין אָרט פאַר הארץ און געפיל. דערצו נאָך ווערן פאַרשפּרייט צווישן עולם מוסר ספרים, וועלכע מאַכן דאָס ייִדישע געמיט נאָך מער טריב און אומעטיק. דרשנים און מגידים פאַרן אַרום איבער די שטעטלעך און וואַרפן אָן געשפּענסטער פון פחד: מען וועט ברענען און בראָטן אויף יענער וועלט פאַר דער מינדסטער עבירה; און ווער איז דען פריי פון עבירות און זינד? דער ייִדישער הימל פלאַקערט אין די פלאַמען פון דראָענדיקן גיהנום־פייער. נישטאָ צו מאָל קיין שטיקל טרייסט אין ים פון שרעקלעכן עלנט.

די עקזיסטענץ פון פאָלק, פון ייִדישן פאָלק אין יענער צייט, מיט דריטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק, געפינט זיך אין געפאַר. וואָרום דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט דאָך פּאַקטיש דאַן מיט זיך פאַרגעשטעלט דאָס ייִדישע פאָלק. פּוילן איז געווען דער פירנדיקער ייִדישער גייסטיקער צענטער. און אין חלל הענגט, אין איר אַנגעסטפולן טראַגיזם, די פראַגע: ווער וועט ראַטעווען? ווער?

און דאַן איז געקומען רבי ישראל בעל שם טוב.

ג.

ער איז דערשינען מיט זיין לערע אין דער זעלבער געגנט, ווו יעקב פראַנק איז אויפגעקומען. דאָרט, ווו עס האָט געפּלייצט די טומאה, איז אויך אויפגעגאַנגען די קדושה.

זיין ביאָגראַפיע, ווי עס האָבן אויפגעוויזן היסטאָריקער, איז גאָר אַנדערש פון די ביאָגראַפיעס פון די רבנים און רעליגיעזע מנהיגים פון יענער צייט. געוויינלעך, ווען איר לייענט אַ ביאָגראַפיע פון אַ רב פון יענער תקופה, אָדער אַ גייסטיקן פירער, געפינט איר אויס, אַז שוין צו פינף יאָר האָט ער אַרויסגעוויזן עילוייִשע פעיִקייטן; אַז צו ניין יאָר האָט ער פאַרבליפט מיט זיינע חריפותדיקע קשיות; און ווער שמועסט נאָך צו דרייצן יאָר, צו בר מצווה, איז ער שוין געווען בקיא אין ש״ס און פוסקים, און זיין רום האָט זיך געטראָגן אין אַלע עקן לאַנד. מיטן בעל שם גייט עס אַנדערש. ער איז דווקא, ווי עס ווייזט אויס, נישט געווען קיין גרויסער לערנער אין זיינע קינדער־יאָרן. ער איז אַ זון פון אָרעמע עלטערן, אליעזר און שרה. גאָר פרי ווערט ער אַ קיילעכדיקער יתום. קהל שיקט אים אין חדר אַריין. אָבער ער ווייזט נישט אַרויס, לויט דער מיינונג פון זיינע אַפּוטרופּסים, קיין שטאַרקן חשק צום לערנען. ער ווערט נעלם אויף גאַנצע טעג. מען געפינט אים דערנאָך איינעם אַליין אין וואַלד, אין פעלד, ביים ברעג פון טייך. קהל איז זיך מייאש פון מאַכן פון אים אַ לייט. ער ווערט אַ בעלפער. ער פירט און טראָגט קליינע קינדער אין חדר אַריין און זינגט מיט זיי תפילות אויפן וועג. דערנאָך וואַנדערט ער אַוועק אין אַן אַנדער שטעטל. דאָרט ווערט ער אונטערשמש און ווייזט אַרויס די זעלבע מאָדנע פירונג. ווידער ווערט ער נעלם אויף גאַנצע טעג אין די וועלדער. און ווען אַלע שלאָפן, לערנט ער. און דווקא די פאַרבאָרגענישן, דער סוד פון די קבלה־ספרים, ציט אים צו. דורכן פאַרטיפן זיך אין די סודות פון דער נאַטור און אין זיך, געווינט ער זיין גייסטיקע רייפקייט. ער וואַנדערט ווידער אויס אין אַן אַנדער שטאָט. ער קומט קיין בראָד. ער האָט חתונה. זיין שוואָגער, דער רב פון בראָד, רבי גרשון קיטעווער, שעמט זיך, דאַכט זיך, מיט אים. ער, ישׂראל, איז אין זיינע אויגן אַ פּראָסטער מענטש, אַן עם־הארץ. ער מוז פאַרלאָזן בראָד און ער באַזעצט זיך אין האַרץ פון די קאַרפּאַטן־בערג, צווישן קיטעוו און קאָסעוו. ער ווערט אַ ליימגרעבער. ער גראָבט אויס ליים אין די בערג, און פירט עס אַוועק אין די נאָענטע שטעטלעך און דערפער. ער איז מפרנס זיין משפחה אין דחקות. ווערט ער אַ דאָרף־מלמד און שלעפּט זיך איבער די דערפער לערנען מיט קינדער. די נויט אין זיין הויז ווערט נישט קלענער. זיינע תלמידים דערציילן שפּעטער, אַז ער איז געווען אַזוי אָרעם, אַז ער האָט צו מאָל נישט געקענט זיך פאַרגינען צו האָבן אַ פּאָר שיך, און די באָרוועסע פינגער פלעגן אים אַרויסשטאַרן פון זיינע צעריסענע סאַנדאַלן.

דערנאָך זעען מיר אים ווי אַ בעל־עגלה ביי זיין שוואָגער, דעם בראָדער רב. שפּעטער באַגעגענען מיר אים ווי אַ קרעטשמער. ער האָט אַ שענק. און אויך אין זיין נייער פּרנסה איז ער נישט ווייניקער מאָדנע און אומפֿאַרשטענדלעך. בעת די פּויערן טרינקען און שיכּורן זיך אָן, האָט ער ליב צו שטיין און צוצוהערן זיך צו זייער זינגען. פֿון פֿאַנטאַסטישן געוועב וואַקסט פֿאַר אונדז אויס זיין געשטאַלט, גרויס אין איר מערקווירדיקער פּשטות. און די מענטשן אַרום אים הייבן זיך אָן שושקען: צי איז ער באמת אַן עם־הארץ? צי איז ער בעצם אַזוי איינפֿאַך, אַזוי ווי ער ווייזט זיך אויס צו זיין? ניין. ער איז דווקא פֿול און אָנגעזאָפּט מיט תּורה. נאָר זיין תּורה איז אַזוי אַנדערש, אַזוי פֿאַרשידן! זי פֿליסט פֿון האַרץ. און נאָך עפּעס: ער קאָן היילן. ער ווייסט די סודות פֿון די גראָזן און פֿון די קרייטעכצער. ער ווייסט, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט זיי קעגן פֿאַרשידענע מחלות, און ער קען די זאַפֿטן פֿון בלומען. ער איז אַ בעל־מופֿת. ער באַווייזט ווונדער. ער איז אַ בעל שם, אַ מאַן, וואָס קאָן אויפֿטון ווונדער דורך גאָטס נאָמען. דער מייסטער פֿון נאָמען. אַזוי פֿלעגט מען רופֿן אין יענער צייט די, וואָס פֿלעגן היילן מיט גראָזן און קרייטעכצער; די, וועלכע פֿלעגן אָפּשפּרעכן עין־הרעס, שרייבן קמיעות, געבן סגולות אין פֿאַלן פֿון נויט און באַדערפֿעניש.

אָבער ער איז אַנדערש און פֿאַרשידן אויך פֿון די אַלע אַנדערע בעלי־שם, וואָס פֿלעגן אַרומוואַגלען איבער די שטעט און דערפֿער. ער קאָן היילן נישט בלויז דעם גוף, ער היילט אויך די נשמה. זיין וואָרט איז אַזוי לויטער און זיס. ער איז דער גוטער בעל שם. דער מאַן מיטן גוטן נאָמען, דער בעל שם טוב.

פֿון נאָענט און ווייט הייבט מען אָן שטראָמען צו אים, קיין מעזשיבוזש, וווּ ער וווינט דעמאָלט. מען קומט צו אים נאָך רפֿואות. מען שטרעבט דורך אים געהיילט צו ווערן. אָבער אויך ווען מען לייַדט נישט פֿון קיין שום מיחוש, קומט מען. מען באַגערט צו זיין נאָענט צו אים, הערן זיין וואָרט, פֿאַרנעמען זיין תּנועה, אויפֿנעמען זיין ניגון. און אין דער אמתן וואָרט ער צו מאָל נישט, ביז מען וועט קומען צו אים. ער אַליין לאָזט זיך איבער דער מדינה. און ער פֿירט זיך ניט, ווי די אַנדערע דרשנים און מגידים. ער זאַמלט ניט צונויף דעם עולם אין בית המדרש און האַלט ניט פֿאַר די מענטשן קיין דרשות. ער גייט צום עולם. ער גייט אַרויס אויפֿן מאַרק, וווּ ייִדן שטייען נעבן זייערע קלייטן און געוועלבלעך, און ער שמועסט זיך מיט זיי פֿונאַנדער. ער האָט אַזעלכע צוציִענדיקע משלים, אַזעלכע שיינע, באַצויבערנדיקע מעשׂהלעך. און ער עפֿנט אויף און אַנטפּלעקט, וואָס ביי יעדן אין האַרץ ווערט רייף.

אָט קומט ער איין מאָל אין אַ גרויסן פֿרימאָרגן, קיין שאַראַגראַד. (דאָס ווערט דערציילט אין ספֿר „שבֿחי הבעל שם טובֿ״, די לויב פֿון בעל שם, וואָס זיינע תּלמידים האָבן שפּעטער אַרויסגעגעבן). אין יענעם פֿרימאָרגן איז נישט געווען קיין מנין אין בית־המדרש אין שאַראַגראַד. דער רב, רבי יעקבֿ יוסף, אַ

באַוווסטער גאון, קומט, ווי געוויינלעך, אין בית־המדרש. אָבער בלויז דער שמש איז דאָ. ווו זענען היינט אַלע ייִדן? פאַרוואָס איז קיינער נישט געקומען דאַווע־נען? — פרעגט מיט אומרו דער רב. אַ צעשראָקענער און צעטומלטער ענטפערט דער שמש: פאַרטאָג איז געקומען אין שטעטל אַריין עפּעס אַ פרעמדער ייִד, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן מאַרק, און ער שמועסט, און ער דער־ציילט מעשׂיות, און קיינער וויל פון אים נישט אָפּטרעטן... פרעגט דער רב אַ צעבייזערטער: ווער איז ער, אָט דער ייִד? — דער שמש שטאַמלט: איך ווייס נישט, ער זעט אויס צו זיין אַ יישובניק, אַ דאָרפס־ייִד, מיט אַ שטעקן אין האַנט, מיט אַ ליולקע אין מויל... באַפעלט דער שאַראַגראַדער רב: ברענג אים גלייך צו מיר! באַלד קומט דער שמש צוריק מיטן דאָרפס־ייִד. — דו האָסט היינט גע־שטערט ייִדן צו דאַווענען בציבור! — טענהט צו אים, מיט אַ פאַרוווּרף דער רב. דער בעל שם שמייכלט און ענטפערט: איך האָב היינט אַריינגעגעבן אַ ביסל נשמה אין די ייִדן. אין אופן פון אייער לערנען און אין שטייגער פון אייער דאַווענען איז נישטאָ קיין נשמה... עס גייט דאַן אַוועק אַ לאַנגער שמועס צווישן שאַראַגראַדער רב און דעם וואַנדערנדיקן דאָרפס־ייִד. ער דערציילט אים מעשׂה, אַ צווייטע, אַ דריטע. דער רב הערט זיך איין, צו ערשט מיט גרינגשעצונג, דערנאָך מיט אינטערעס, און שפּעטער, מיט אַלץ וואַקסנדיקער אויפמערקזאַמקייט. און אין רב פון שאַראַגראַד, רבי יעקב יוסף, הייבט זיך עפּעס אָן צו רירן. ער ווערט אַליין אַ תּלמיד פון בעל־שם, איינער פון זיינע אָנגעזעענסטע תּלמידים. ער האָט יאָרן שפּעטער געשריבן דאָס ספר „תולדות יעקב יוסף״, אַ קלאַסיש ווערק אין דער חסידישער ליטעראַטור פון דער צייט פון איר באַגינען.

די צאָל תּלמידים און אָנהענגער, וואָס זאַמלען זיך אַרום ישׂראל בעל־שם־טוב, האַלט אין איין וואַקסן. ער איז באַליבטביים פאָלק. איז ער דאָך אַליין אַ זון פון אָרעמען פאָלק. קאָן ער דאָך אַליין אויסגעצייכנט די נשמה פון די פּשוטע פאָלקס־מענטשן! אָבער עס קומען צו אים אויך זוכנדיקע גייסטער, אומצופרי־דענע, געיאָגטע פון אינערלעכן אומרו, לומדים און רבנים. און ער אַנטוויקלט זיינע געדאַנקען מיט דער הילף פון משלים און ווערטלעך, אָדער דורך קורצע פּירושים און דערקלערונגען צו דער תּורה. אָט די ווערטלעך — אַפאָריזמען און דאָכט זיך בהיסח־הדעת־אַרויסגעזאָגטע באַמערקונגען — פאַרמאָגן אַ טיפן ייִדיש־לעכן געפיל און פירנדיקן רעליגיעזן און עטישן געדאַנק, וואָס פאַרוואַנדלט זיי אין אַ לערע, אין אַ שיטה מיט אַן אייגנאַרטיקן באַנעם. דאָס איז די נייע לערע: די לערע פון חסידות.

ד.

וואָס אַזוינס איז אין איר געזאָגט געוואָרן? זאָל גלייך באַטאָנט ווערן: דאָס איז געווען אַ מיסטישע לערע; און עס האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ באַדייטנדיקע מיסטישע ליטעראַטור אין ייִדנטום. איר געפינט עלעמענטן פון מיסטיציזם שוין אין תּנ״ך. דער נביא יחזקאל האָט אין זיין וויזיע געזען די הימלישע רעדער, די הימלישע מרכּבה. איר טרעפט זיך אָן אויף מאָטיוון פון מיסטיציזם אין תּלמוד און אין מדרש. עס איז שוין דאָ געשטאַנען דער ווונדערלעכער בנין פון דער ייִדישער מיסטיק, די קבלה, און עס איז שוין דאַן געווען אָנגעשריבן, פאַרשפּרייט און פאַרערט אין דער ייִדישער וועלט דער פונדאַמענטאַלער ספר פון דער קבלה, וועלכער האָט געצויגן זיינע פעדים צום תּנא רבי שמעון בר יוחאי: **דער זוהר.**

אָבער חסידות איז אַ נייער מיסטיציזם. זיכער: איר געפינט דאָ דעם אוראַלטן ייִדישן געדאַנק, אַז גאָט איז פאַראַן אומעטום אין דער וועלט און אַז די וועלט איז פולשטענדיק צונויפגעגאָסן מיט געטלעכקייט. איר געפינט דאָ די אַלטע אידייע, אַז „לית אתר פּנוי מיניה״, דאָס הייסט, אַז עס איז נישטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל זיין ליידיק פון גאָט. אָבער אין דער פרישער לערע זענען די קאָמפּליצירטע אידייען און באַגריפן צוגעטראָגן געוואָרן צום איינפאַכן מענטשן; און דאָך זענען זיי נישט פאַראיינפאַכט געוואָרן. און דאָך האָבן זיי גאָרנישט פאַרלוירן פון זייער טיפקייט.

אין דער קבלה איז גאָט אין די הימלען; הויך אין די הימלען. און עס איז אַזוי שווער אים משׂיג צו זיין! דאָ, אין דער נייער לערע, האָט גאָט אַראָפּגענידערט אויף דער ערד. ער איז נעבן אונדז, מיט אונדז, אין אונדז. מיר קאָנען אים כּסדר פילן, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין חסידישן פאָלקס־ליד, וואָס איז אַ ביסל שפּעטער פאַרפאַסט געוואָרן: רבונו־של־עולם, איך וועל דיר אַ דודעלע זינגען, דו, דו, דו... ווו איך קער זיך, דו, און ווו איך ווענד זיך דו... ווידער דו און אָבער דו...

גאָט איז פאַראַן נישט בלויז אין גייסט, נאָר אויך אין גוף. נישט בלויז אין גוטס, נאָר אויך אין שלעכטס. נישט בלויז אין דער קדושה, נאָר אויך אין דער טומאה. אַפילו אין זינד, אין געפאַלנקייט, טליִען ניצוצות, טליִען די פונקען פון געטלעכקייט. מען דאַרף זיי נאָר קענען אַרויסציִען פון דאָרט. די שכינה, די געטלעכקייט, ליידט נעבעך דערפון וואָס זי מוז זיך שלעפּן אין אַלע פלעצער פון זינד און מענטשלעכער געפאַלנקייט. אָבער זי גייט מיט. זי שלעפּט זיך, זי באַגלייט. זי האָפט דאָך: אפשר וועט אויך דאָרט, אין אָפּגרונט פון זינד, דער מענטש אויפהייבן זיין בליק און דערזען אויך דאָרט מיט זיך — גאָט. און אַוודאי און אַוודאי איז גאָט פאַראַן אין דער נאַטור. אַנטפּלעקן זיך דאָך באַשיינ־

פערלעך אין די נאַטור־דערשיינונגען די געטלעכע וווּנדער. גאָט אין לשון־הקודש, איז בגימטריא, אין נומערישער צאָל, זעקס און אַכציק, און פאַרמאָגט בכן די זעלבע ציפערן, וואָס „הטבע״, די נאַטור, אין העברעיִש. אַזוי האָט אויסגערעכנט דער בעל־שם.

זאָל דאָ אָבער נישט געמאַכט ווערן קיין טעות. דאָס איז נישט דער פּאַנ־טעיִזם. דאָס איז נישט די פילאָסאָפיע פון שפּינאָזאַ. ביי שפּינאָזאַן זענען די נאַטור און די געטלעכקייט איינס און דאָס זעלבע. דאָ, אין דער לערע פון חסידות, אַנטפּלעקט זיך טאַקע גאָט אין דער נאַטור, אָבער ער שטייט איבער איר. ער איז איר באַשעפער.

ניש בלויז מיט גאָט האָט זיך פאַרנומען די נייע שיטה, נאָר אויך מיטן מענטש. אין די מוסר־ספרים, וואָס האָבן דאַן פאַרפלייצט די יידישע גאַס, איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער מענטש איז פול מיט חטאים. דער זינדיקער בשׂר־ודם — אָט די פראַזע האָט זיך געטראָגן אין דער לופט און איז אַריינגעדרונגען אין יידישן געמיט און געפרעסט דעם יידישן מענטש. דער בעל־שם האָט געזאָגט: דער מענטש איז ריין. ריין, ווי אַ קינד. דאָס רוימט אונדז דער שׂטן אַריין אין אויער, אַז מיר זענען מכּלומרשט זינדיק. דאָס טוט אונדז דער שׂטן אָפּ אַזאַ שפּיצל. דער מענטש איז גוט, און די וועלט איז גוט. ער האָט איין מאָל אויסגערופן, דער בעל־שם: אוי ווי, די וועלט איז פול מיט ליכט, מיט זון, און די קליינע מענטשלעכע האַנט פאַרשטעלט אונדז די אויגן און לאָזט אונדז נישט זען די זון. ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער גלייך צוגעגעבן אַ משל: אַ קלעזמער האָט אַ מאָל געשפּילט אַ וווּנדערלעכן ניגון. די צוהערער זענען געווען פאַרכּישופט. קומט אַ טויבער און ער פרעגט: וואָס אַנטציקן זיך אַזוי שטאַרק די מענטשן? פון וואָס איז דאָ פאַראַן נתפּעל צו ווערן? און דער בעל־שם האָט פאַרענדיקט: צו פיל טויבע זענען פאַראַן אין דער וועלט, און מען הערט נישט, און מען האָרכט זיך נישט צו צום געטלעכן ניגון.

דאָס שלעכטע, וואָס מיר באַגעגענען אין דער וועלט, דאָס פּראָבלעם פון שלעכטס, האָט אויך באַאומרויִקט דעם שעפער פון דער נייער לערע און גע־עקבערט אין זיין געוויסן. אָבער לויט אים, האָט דאָס שלעכטע אַ זין און אַ צוועק. דאָס שלעכטס העלפט אונדז ערשט אָפּצושאַצן און צו דערקענען די ווערט פון גוטס. גענוי ווי דורך דער פינצטערניש לערנען מיר אָפּצושאַצן די באַדייטונג און די ווערט פון ליכט. דעם אַלטן פּסוק פון חומש בראשית: „ויהי ערב, ויהי בקר, יום אחד״, „און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, איין טאָג״, האָט דער בעל־שם אויסגעטייטשט אַזוי: דער ערב און דער בוקר שאַפן ערשט דעם יום אחד, דער אָוונט און דער פרימאָרגן שאַפן דעם טאָג. אָן אָוונט איז נישטאָ קיין פרימאָרגן.

אין דער נייער לערע האָבן געפלייצט כוואַליעס פון אָפּטימיזם און מענטשן־

ליבשאַפט. נישט בלויז טאָר מען נישט טאָן שלעכטס דעם מיט־מענטש, נאָר אַפילו טראַכטן שלעכטס ברויך מען אויך נישט. קיינער איז בכלל נישט באַרופן צו משפטן דעם אַנדערן. קיינער האָט נישט די רעכט צו שטראָפן דעם צווייטן. אויב איינער האָט פרומען ברען, זאָל ער אים אויסנוצן פאַר זיך אַליין. בעטן דאַרפן מיר, איינער פאַרן אַנדערן; תפילה־טאָן פאַר אונדזער אַלעמענס גייסטיקער און מאָראַלישער דערהויבונג. ער האָט געזאָגט: ריכטער, וועלכע משפטן און שטראָפן דאָס פאָלק אין אַ צייט פון נויט און פּיין, און גיבן אים נישט קיין טרייסט און זענען נישט מלמד־זכות אויף אים, אַזעלכע ריכטער פאַרדינען אַליין געמשפּט צו ווערן... דאָ איז אַרויסגעהויבן געוואָרן פרייד. נישט מיט מרה־שחורה קען מען דינען גאָט, נישט מיט עצבות קאָן מען גיין אין לעבן, נאָר מיט שׂמחה. ניט מיט פּחד, נאָר מיט זיכערקייט.

די ייִדישע גאַס איז געווען באַהערשט מיט מורא פאַר דער שטראָף, וואָס דערוואַרט דעם זינדיקן מענטש אויף יענער וועלט. דער בעל־שם איז נישט מיד געוואָרן אַרויסצוטרעטן קעגן די דרשנים, וואָס האָבן פאַרשפּרייט דעם קאָשמאַר. ער האָט צו זיי געזאָגט: הערט אויף צו מוסרן דעם עולם. יעדער ייִד טוט עפּעס אַזוינס, וואָס איז בכּוח אויפצוציטערן די הימלען. ער האָט אויסגערופן צום ייִדישן מענטש: האָב נישט קיין מורא, און דיין נשמה וועט אויפגעהויבן ווערן. ווער עס גלייבט, אַז ער איז אַ קינד פון גאָט, איז בכלל נישט מסוגל אַריינצו־פאַלן אין טרויער. אַפילו פון אַפּגרונט קאָן מען זוכן גאָט. אַפילו פון געפאַלנקייט איז דאָ אומקער, איז דאָ תשובה. און תשובה קאָן מען נאָר טאָן מיט שׂמחה.

אין דער מיסטיק, וואָס איז געהאַט געשאַפן געוואָרן מיט צוויי הונדערט יאָר פריִער אין דער שטאָט צפת דורך רבי יצחק לוריא, איז געלייגט געוואָרן געוויכט אויף פאַסטן, אויף פראַווען תעניתים, אויף סיגופים. דורך פייניקן דעם גוף, האָט אָנגעוויזן רבי יצחק לוריא, וועלכער איז באַקאַנט אין דער געשיכטע פון ייִדישער גייסטיקייט, ווי דער אר״י הקדוש, העלפט דער מענטש באַקעמפן די כּוחות פון בייז אין דער וועלט און באַוועגט זיך צו דערנענטערן די גאולה. דער בעל־שם איז נישט פאַרבליבן צופרידן מיט אַזאַ אַסקעטישן צוגאַנג. ער האָט דערקלערט, אַז אויך מיט עסן און טרינקען קאָן מען דינען גאָט און אויך דורך הנאה־האָבן פון גאָטס וועלט. אויך עסן און טרינקען קענען דערהויבן ווערן און דערהייבן. ער האָט געחוזקט פון די, וועלכע פאַסטן מער, ווי אין די טראַדיציאָנעלע טעג פון תענית. ער האָט געזאָגט: אַפילו אין הימל לאַכט מען פון זיי. זיי מיינען דאָך, אַז זיי זענען מתקן עולמות, אַז זיי טוען אויף ווער ווייסט וואָס. עך, עס הייבט זיך נישט אָן! דעם פּסוק אין ישעיהו: „ומבשׂרך לא תתעלם״, און פון דיין מיטמענטש זאָלסטו זיך נישט פאַרהוילן, האָט ער געטייטשט ווערטלעך: פון דיין אייגענעם קערפּער טאָרסטו זיך אויך נישט פאַרהוילן; וואָרום ווען דער גוף איז קראַנק, פאַרלירט אויך די נשמה אירע כּוחות. ווען מען האָט אים דער־

ציילט, אַז אַנדערע בעלי־שם שרייבן קמיעות בלויז נאָך אַ תּענית, האָט ער זיך אָפּגערופן מיט גרוואַגטקייט: איך שרייב אַ קמיע דווקא נאָך אַ מאָלצייט...

שׂמחת־תּורה, ווערט דערציילט אין ספר „שבחי הבעל שם טוב", האָבן זיינע תּלמידים זיך משׂמח געווען ביי אים אין הויז. מ'האָט געמאַכט אַ לחיים, איינעם, אַ צווייטן. קומט אַריין זיין ווייב און זאָגט צו אים: שוין באַלד נישטאָ מער קיין ווייַן, ס'וועט נישט בלייבן אויף קידוש און הבדלה. ענטפערט ער: איז וואָס, אַז עס וועט נישט בלייבן אויף קידוש און הבדלה? ייִדן דאַרפן זיך משׂמח זיין, און נישט קלערן און נישט זאָרגן... ער האָט איין מאָל דערקלערט, אַז דער אונטערשייד צווישן די, וואָס הייסן פאַסטן און אים איז אַזאַ: בייזע, פאַרזויערטע דאָקטוירים פאַרשרייבן ביטערע געטראַנקען. דער גוטער, פריינדלעכער דאָקטער פאַרשרייבט אַ רפואה און אַ געטראַנק, וואָס איז זיס ווי האָניק.

ער האָט געוואָלט פאַריאָגן די מרה־שחורה, וואָס האָט זיך צעלייגט אין דער ייִדישער גאַס. די וועלט איז נישט קיין טאָל פון טרערן, און יעדער איינער איז געבוירן געוואָרן צו געניסן פון גליק און פרייד. אַפילו אין שווערע צייטן טאָר זיך קיין ייִד נישט מיאש זיין. די רחמים פון גאָט שוועבן פאַרט איבער זיין פאָלק ישׂראל. מען טאָר נישט פאַרלירן די אמונה, דעם בטחון. צו יעדן ייִד האָט ער אָנגעקלאַפּט אין האַרץ: דו הערסט, דו זאָלסט נישט פאַרלירן דעם בטחון! אין אַ מאָסע, וועלכע איז געווען אויסגעפּייניקט פיזיש און אויסגעמאַ־טערט גייסטיק, האָט ער אַריינגעגאָסן נייעם מוט. נישטאָ קיין מער הייליקע אויפגאַבע, האָט ער געזאָגט, ווי פאַרטרייבן דעם טרויער פון אַ ייִד. פרייד איז אַ הויכע מדרגה, און אַ נאָך העכערער שטאַפּל איז, ווען זי פאַרוואַנדלט זיך אין התלהבות. דער באַגריף „התלהבות", צעפלאַמען זיך, איז ערשט אַנטשטאַנען אין דער חסידישער ליטעראַטור. דאָס וואָרט נעמט זיך פון „להב", פלאַם. נישט דינען גאָט מעכאַניש, און נישט טאָן אַ טובה אַ צווייטן ייִד מעכאַניש, נאָר די גאַנצע נשמה אַריינלייגן דערין, דעם גאַנצן עקסטאַז, צעברענען זיך. ער האָט איין מאָל געטאָן תּפילה אָפּצושרייען אַ גזירה אויף ייִדן. דאָס איז גראָד געווען אין אַ שטוב, וווּ עס זענען געשטאַנען פעסער מיט תּבואה. איז ער אַזוי צעפלאַמט געוואָרן אין זיין תּפילה, און אָנגעהויבן טאַנצן און שפּרינגען מיט אַזאַ התלהבות, אַז די פעסער תּבואה האָבן מיטגעטאַנצט מיט אים. ער האָט אויסגעטייטשט, אַז די סיבה, פאַר וואָס גאָט האָט אָפּגעוואָרפן קינען און אָנגענומען דעם קרבן פון הבל, אַזוי ווי עס ווערט דערציילט אין חומש, איז, ווייל „והבל הביא גם הוא"; הבל האָט מקריב געווען זיך, געקומען צו גאָט מיט לייב און פולער נשמה. נאָר, ווען דו ברענגסט אויך זיך אַליין, האָט דיין קרבן אַ ווערט.

אָט דער אָרימער יתום, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פּיין און עלנט, האָט געטראָגן אין זיך קוואַלן פון אומענדלעכער פרייד. דאָס איז געווען אַ לערע פון

האָרץ. לערנען תּורה? נישט ריכטיק, אַז דער בעל־שם איז אַרויסגעטראָטן קעגן לערנען. ער אַליין האָט זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען תּורה. ער האָט בלויז פּראָטעסטירט קעגן איינזייטיקן אויסדרוק פון ייִדישקייט. ער האָט קריטיקירט די, וועלכע האַלטן זיך גרויס מיט דער תּורה, וואָס זיי האָבן איינגעזאַפּט אין זיך, און קוקן דערפֿאַר מיט גרינגשעצונג אויף די אַנדערע, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַרייכערן זייער ייִדישן וויסן. ער האָט געזאָגט מיט איראָניע: דער יצר־הרע וויל קומען צום לערנער, און אים אָנרעדן, אַז ער זאָל אויפהערן לערנען. ער ווייסט אָבער, אַז דער לערנער וועט אים נישט פֿאָלגן, וואָרום תּורה גיט דאָך כּבוד, חשיבות, אָנזען. וואָס־זשע טוט ער, דער יצר־הרע? ער פֿאַרשטעלט זיך פֿאַרן יצר־טוב, און הייסט אים דווקא כּסדר לערנען, כּדי ער זאָל אַזוי אַרום נישט האָבן קיין צייט זיך צו פֿאַרטראַכטן איבערן אמתן זין פון ייִדישקייט. אַן אַנדערש מאָל האָט ער אָנגעוויזן אויף איינעם, אַ לערנער: ער לערנט אַזוי פֿיל תּורה, אַז ער האָט אַזש פֿאַרגעסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט! זיין שוואָגער, דער קיטעווער רב, וויל פון אים אַ ביסל חוזק מאַכן, פֿרעגט ער אים: ווו האָסטו געלערנט די דינים פון לייגן תּפֿילין? ענטפֿערט אים דער בעל־שם: אין די עברי־טייטש ספֿרימלעך... און מען דאַרף דאָך וויסן, מיט וויפֿל ביטול מען האָט זיך דאַן באַצויגן צו דער לומדות, מ׳שטיינס געזאָגט, וואָס איז געשעפּט געוואָרן פון די ביכלעך, וועלכע זענען געווען געשריבן אין עברי־טייטש, דאָס הייסט אין ייִדיש. גלויבן איז וויכטיקער, ווי לערנען. לעבן אַן ערלעך ייִדיש לעבן איז וויכטיקער, ווי אויפֿבויען דעם טורעם פון פּלפּול און פון פּשטלעך. דער אָרעמער ייִד, וואָס האָרעוועט שווער כּדי מפּרנס צו זיין זיין הויזגעזינד, פֿאַרדינט נישט ווייניקער אויפֿמערקזאַמקייט און ליבשאַפֿט, ווי דער למדן.

ער קומט איין מאָל קיין אַניפּאָל. ער שמועסט זיך צונויף מיט די בעלי־הבתּים, און ווייזט לסוף אָן אויף אַן אָרעמען זאָקנמאַכער. ער, דער זאָקנמאַכער, זאָגט ער, איז דער יסוד פון דער גאַנצער קהילה. אין אַן אַנדער שטעטל, ווו ער באַזוכט, און ווו עס האָבן געוווינט בעלי־מלאָכות, באַגעגנט ער די ייִדן אין אַ שווערער שטימונג. זיי פֿאַרקלאָגן זיך פֿאַר אים: מיר לערנען נישט גענוג, מיר דאַווענען נישט גענוג... ער שלאָגט זיי איבער די רייד. די מנחה, זאָגט ער, וואָס אייערס אַ ייִד כאַפּט אַריין אויף דער גיך, מאַכט ציטערן אַפֿילו די מלאָכים אין הימל. און באַלד האָט ער, ווי זיין דרך איז, אַ מעשׂהלע: צוויי ייִדן האָבן אַ מאָל געוווינט אין זעלבן הויז, אַ לערנער און אַ בעל־מלאָכה, אַן עם־האָרץ. דער לערנער קוקט מיט פֿאַראַכטונג אויפֿן עם־האָרץ. נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר קומען זיי אויף יענער וועלט. דאָרט זאָגט מען צום לערנער: דו קאָנסט נישט אַריינגיין אין גן־עדן, וואָרום דו האָסט געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף דיין שכן. און דווקא דער אַרבעטער, דער עם־האָרץ, איז זוכה אַריינצוקומען אין גן־עדן.

אַ קאַפּיטל תּהילים, וואָס אַ ייִד זאָגט מיט כּוונה און האַרץ, גייט אַרויף העכער, ווי די בלעטער גמרא, וואָס עמעצער האָט אויסגעלערנט, און אַפילו, ווען מען פאַרשטייט נישט דעם פּירוש פון די ווערטער. אַנטשיידנדיק איז די כּוונה, די דביקות.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אָט דער פּשוטער דאָרפס־רבי האָט דווקא געלייגט אַכט אויף דער גייסטיקייט אין תּפילה. בעת מען דאַוונט, האָט ער געזאָגט, ברויך מען נישט בעטן אויף גשמיותדיקע באַדאַרפענישן. מען דאַרף אַוועקוואַרפן דעם „אייגענעם „איך" און נישט באַאומרויִקן דעם בורא מיט קלייניקייטן. התפשטות־הגשמיות, אויסטאָן זיך פון ערדישקייט און ערדישע באַדערפענישן, ווען מען טוט תּפילה, דערצו ברויך שטרעבן אַ ייִד. ער האָט געזאָגט: אויב דער מענטש בלייבט צופרידן פון זיך נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעדאַוונט, און ער רעכנט צו באַקומען שׂכר פאַר זיין תּפילה — דאַן הייסט דאָס דאָך, אַז ער האָט געדאַוונט צו זיך און פאַר זיך. אַיעדער דו געפינסט גאָט, מוזטו פאַרלירן — זיך. אין תּלמוד ווערט דערציילט, אַז דער תּנא אלישע בן אבויה, וועלכער איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, האָט דערפאַר נישט געטאָן קיין תּשובה, ווייל ער האָט געהערט אַ בת־קול פון הימל, אַז זיין תּשובה וועט נישט אָנגענומען ווערן. דער בעל־שם האָט דערויף באַמערקט: אוי, וואָסער אויסערגעוויינלעכע געלעגנהייט אלישע בן אבויה האָט אַדורכגעלאָזט! ער האָט דאָך געקאָנט דינען גאָט בלויז מאהבה, בלויז אויס ליבשאַפט, וויסנדיק אויף זיכער, אַז ער וועט דערפאַר קיין באַלוינונג נישט קריגן... און דאָס דאַוונען גופא קאָן אויך זיין אַנדערש, ווי עס איז געוויינלעך אָנגענומען. דער עיקר איז, אַז עס זאָל אַרויספליסן פון געפיל. אַ ניגון, אַ בלויזער ניגון, אָן ווערטער, קאָן אויך אַ מאָל זיין אַ תּפילה. און אַפילו אַ שמועס מיט אַ צווייטן ייִדן, קאָן אויך אַ מאָל הייסן געדאַוונט. וואָכעדיקע ענינים, ווען זיי ווערן ריכטיק באַנומען, ברענגען אָפּט אַריין דערפרישונג אין דער נשמה. און ווער האָט עס געזאָגט, אַז נבואות קומען דווקא אַראָפּ פון הימל? אין וואָרט פון אַ פּשוטן מענטש קאָן מען אַ מאָל הערן דעם רוף פון גאָט. און ווער האָט עס אויסגעזעצט, אַז מען מוז דווקא דאַוונען אין דער שול? אומעטום, וווּ ייִדן קומען זיך צונויף און גיסן אויס זייער האַרץ צום רבונו־של־עולם, איז אַ מקום־קדוש. און ווער זאָגט עס, אַז מען מוז דאַוונען אין באַשטימטע שעהן? מען קאָן נישט באַפעלן אַ קינד, ווען עס מעג רעדן צו זיין פאָטער. בלויז פאַר שקלאַפן זענען גילטיק באַגרענעצונגען. דאָס האָט אַ מאָל, ווי עס ווייזט אויס, פּאַסירט ביים בעל־שם די מעשׂה, וואָס איז שפּעטער אַזוי פיל מאָל באַאַרבעט געוואָרן אין דער נייער ייִדישער ליטעראַטור. די מעשׂה מיטן פּאַסטוך־ייִנגל, וואָס האָט נישט געקענט דאַוונען, אָבער וועלכער האָט פאָרט באַגערט אויסצודריקן זיין געפיל פון בענקעניש צו גאָט. האָט ער, יום־כּיפּור אין שול, אַרויסגענומען זיין פייפל, און אין מיטן נעילה אַ פייף געטאָן. די מתפּללים זענען געבליבן שטיין דער־

שטוינט און אויפגערעגט. אָבער דער בעל־שם האָט שפּעטער געזאָגט, אַז אָט דער פייף פון פאַסטוך־ייִנגל האָט אויפגעעפנט די טויערן פון הימל.

ח.

פינף הונדערט יאָר פאַר רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, האָט דער רמב״ם, דער גרויסער דענקער און לערער, וואָס איז אויסגעוואָקסן צווישן שפּאַנישן ייִדנטום, דערקלערט, אַז דער פולקאָמער, שלימותדיקער מענטש, איז דער, וואָס הייבט זיך אויף העכער, ווי דער המון, העכער, ווי די מאַסן. אין דער שיטה פון רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, דער לערער, וואָס איז אויסגעוואָקסן צווישן דער ייִדישער מאַסע אין אוקראַיִנע, קאָן נישט און דאַרף נישט קיינער זיך אויפהייבן איבערן המון. אַלע מענטשן דאַרפן זוכן שלימות. אַלע, איר און איך, זענען מיר בכוח צו שטייגן העכער און העכער. יעדער מענטש איז בבחינת לייטער, וואָס שטייט אויף דער ערד, און זיינע שפּיצן גרייכן צום הימל. דער מענטש דאַרף זיך נאָר קלאָר מאַכן און דערקענען די וווּנדערלעכע כוחות און מעגלעכקייטן, וואָס שפּרודלען אין אים. דער בעל־שם האָט געזאָגט: עס זענען פאַראַן צוויי מינים מענטשן: אַ רשע גמור — און דער, וואָס רעדט זיך איין, אַז ער איז אַ צדיק. דער רשע קאָן נאָך תשובה טאָן. אָבער דער וואָס רעדט זיך איין, אַז ער איז אַ צדיק, ווי אַזוי קאָן ער און ווי אַזוי וועט ער געפינען דעם וועג צו תשובה?

צוזאַמען מיט דער פרייד, וואָס האָט געפלייצט פון זיין פּערזענלעכקייט, פון זיין וואָרט און פון זיין טאָט, האָט דער בעל־שם אויך פונאַנדערגעטראָגן דעם אידעאַל פון באַשיידנקייט, פון יענער עניוות, וואָס דערגייט צו איר עכטן וועזן און צו איר טיפסטן אויסדרוק און וואָס איז אַ סינטעז פון דער אייגענער מינדערווערטיקייט און פון דער אייגענער וויכטיקייט. אָט די סינטעז, וואָס האָט שפּעטער זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער שאַרפער באַמערקונג פון רבי בונם פון פּשיסכע. יעדער מענטש — האָט געזאָגט רבי בונם — מוז האָבן אין איין טאַש דעם „אנכי עפר ואפר״, איך בין שטויב און גאָרנישט, און אין דער צווייטער טאַש, דעם „בשבילי נברא העולם״, די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר מיינעטוועגן, וואָרום איך בין גאָטס קינד און בין געפּאָרעמט געוואָרן אין זיין געשטאַלט. נאָר אַזוי אַרום איז דער מענטש נישט מסוגל זיך צו באַטראַכטן העכער און חשובער ווי דער אַנדערער, אָבער דערביי פאַרלירן אויך נישט זייער באַדייטונג די אויפגאַבן, וואָס שטייען פאַר אים, און ער געדענקט, אַז ער איז דער אויסדערוויילטער פון די לעבעדיקע באַשעפענישן. דער בעל־שם איז נישט מיד געוואָרן אָנצוצייכענען פאַר זיינע נאָכפאָלגער דעם וועג פון שטייגן באַרג־אַרויף. פאַר זיין פּטירה, אין די לעצטע מינוטן פון זיין באַוווּסטזיין, האָבן זיינע ליפּן געפליס־

טערט: טשעפּע זיך אָפּ פון מיר, נאַרישע, פּוסטע גאווה. אַפילו אין דער רגע פּאַר מיין אַוועקגיין פון דער וועלט, קומסטו צו מיר און זאָגסט: זע, ישׂראל, וואָסער שיינע לוויה דו וועסט האָבן. טראָג זיך אָפּ פון מיר, נאַרישע פּוסטקייט. טשעפּע זיך אָפּ פון מיר!...

אין דער נייער לערע איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז אין זיין עלנט דאַרף אַ ייִד האָבן אויף וועמען זיך אָנצושפּאַרן. דער ייִד דאַרף האָבן אַ צדיק, אַ רבין. דער צדיק איז נישט בעסער, ווי די אַנדערע ייִדן. ער שטרעבט בלויז שטאַרקער צו דערנענטערן זיך צו גאָט, און פילן און מיטפילן די לײדן פון מיטמענטשן. און טאַקע אַרום און מיטן רבין, קאָן דאָס שטרעבן צו געטלעכקייט און מענטש־לעכקייט פאַרשטאַרקט ווערן אין די הערצער. עס איז גוט, אַז ייִדן געפינען זיך צוזאַמען, זענען זיך מחזק צוזאַמען, בענקען צוזאַמען און דערהייבן זיך צוזאַמען. מען העלפט אַזוי אַרום איינער דעם צווייטן, מען בינדט זיך צונויף. מען פאַר־ברידערט זיך. די אונטערשיידן ווערן אָפּגעווישט. מען זעט, אַז מען איז נישט אַליין אין דער וועלט. מען באַקומט גאָר אַ נייעם רגש. מען קריגט בטחון, ווען מען איז צוזאַמען מיט אַנדערע חסידים און צוזאַמען מיטן רבין.

די נייע שיטה האָט אויך גענומען אַ שטעלונג צו די פראַגן און פּראָבלעמען, וואָס האָבן דאַן, אין דער ערשטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, דער־שיטערט דאָס ייִדישע פאָלק. איר באַגרינדער האָט געטראָגן דעם באַוווסטזיין פון פּערזענלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון דער אומה, און ער האָט אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט און ליבשאַפט אַלע אירע טיילן. אַפילו שבתאי צבי, האָט דער בעל־שם געטענהט, האָט אין זיך אַ ניצוץ פון קדושה; נאָר די טומאה, האָט אים, צום באַדויערן, פאַרשלונגען. דער בעל־שם האָט אויך אויס־געדריקט זיין אהבת ישׂראל אין זיין מיינונג איבער דעם אָפּפאַל, וואָס די באַווע־גונג פון פאַלשן משיח און שאַרלאַטאַן, יעקב פראַנק, האָט מיט זיך פאַרגע־שטעלט. ער האָט געזאָגט: מען האָט זיי צו פיל גערודפט און בידים פאַרשטויסן פון דער ייִדישער מחנה, יעקב פראַנקן און זיינע אָנהענגער. בעת די פראַנקיסטן האָבן זיך געשמדט, האָט דער בעל־שם פאַרבראַכן די הענט אין ווייטיק און געזיפצט, אַז די שכינה קלאָגט איצט אויף אירע קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן זייער וועג. כּל זמן זיי זענען געווען באַהאַפטן מיטן פאָלק, האָט דאָך נאָך אַלץ געטליעט די האָפענונג: אולי, טאָמער... אָבער, ווען דער גליד איז געוואָרן אָפּגעשניטן, איז נישטאָ מער קיין תּקנה. און איטלעכער ייִד איז דאָך אַ גליד פון דער שכינה. און אין יעדן ייִדנס נשמה לייכטן פונקען פון דער געטלעכקייט.

חסידות — האָט מען גערופן די נייע לערע. חסידים — האָט מען גערופן די תּלמידים פון בעל־שם. דאָס איז אייגנטלעך געווען אַן אַלט וואָרט און אור־אַלטער באַגריף. איר געפינט דעם אויסדרוק „חסיד” אין תּנ״ך. דאָס מיינט אַ

מענטש, וואָס טוט חסד, וואָס טוט גענאָד. און געווען אַ סעקטע, וואָס האָט זיך גערופֿן „חסידים״ נאָך אין דער תּקופֿה פֿון די חשמונאים און עס האָבן עקזיס־טירט אין מיטל־עלטער גרופּעס, וועלכע האָבן זיך באַצייכנט מיטן נאָמען „חסי־דים״; און אַ גרויס און טיף ספֿר איז געשאַפֿן געוואָרן אין מיטל־עלטער, דורך אײדעלע דענקער, וואָס קענען דינען פֿאַר אַלע דורות, ווי אַ מוסטער מיט זייער הויכער מאָראַל און געלײַטערטע מידות. דאָס ווערק רופֿט זיך: „ספֿר חסידים״.

אָבער די באַוועגונג, וואָס דער בעל־שם האָט אויסגעטראָגן, האָט גאָרנישט געהאַט צו טאָן מיט די גרופּעס, וועלכע האָבן זיך אַמאָל באַנוצט מיטן זעלבן נאָמען. נישט געווען, פֿאַר דעם בעל־שם, אין דער ייִדישער געשיכטע, אַזאַ לערע; נישט געווען פֿריִער אַזאַ באַוועגונג.

דאָס הייסט נישט, נאַטירלעך, אַז אַלע געדאַנקען פֿון בעל־שם זענען געווען ניי. אין אַ קולטור, וואָס ציילט טויזנטער יאָרן, צווישן אַ פֿאָלק, וואָס האָט זינט אור־אַלטע צייטן זיך באַשעפֿטיקט מיטן פּראָבלעם פֿון גאָט און מענטש, איז מעגלעך צו געפֿינען קערנדלעך פֿון יעדער שיטה. דאָס נעמט אָבער נישט אַוועק ביי חסידות די אָריגינעלקייט. און חסידות איז נישט בלויז אַ לערע, זי איז עטוואָס מער. זי איז אַ לעבנס־שטייגער, אַ ציוויליזאַציע.

איבער שטאָט און דאָרף האָט ער געוואַנדערט, דער לערער פֿון חסידות. מיטן שטעקן אין האַנט, מיט דער ליולקע אין מויל, און פֿון אים האָט גע־שטראַלט וואַרעמקייט. יעדער ישוב, ווּהין זיין וואָרט האָט דערגרייכט, איז אויפֿגעפֿרישט געוואָרן, איז באַהויכט געוואָרן מיט אָטעם פֿון אַ נייעם אינהאַלט. דער בעל־שם האָט זיין תּורה נישט פֿאַרשריבן. דאָס האָבן געטאָן שפּעטער זיינע תּלמידים. ער אַליין איז געווען די פֿאַרקערפּערונג און אַנטפּלעקונג פֿון זיין לערע. און לעגענדעס האָבן זיך גענומען שפּינען אַרום אים נאָך ביי זיין לעבן. ער האָט נישט געבראַכט צו די מענטשן די בשׂורה פֿון אַ משיח, וואָס איז געבוירן געוואָרן. דערפֿאַר לאָזט זיך זאָגן וועגן די צווישן אונדז — אָדער צווישן די נישט־ייִדישע ליטעראַטן, וואָס אין זייער פּרוּוו צו „פֿאַרמאָדערניזירן״ די חסידות־באַוועגונג וואַרפֿן זיי אויף איר אַרויף אַ נישט־ייִדישן, און אַפֿילו אַ קריסטלעכן לבוש — אַז זייער אינטערפּרעטאַציע איז דורכויס פֿאַלש. זי פֿאַרקריפּלט סיי דעם שעפּער און סיי די לערע פֿון חסידות. ניין, דער בעל־שם האָט נישט געבראַכט צו די מענטשן דעם אָנזאָג פֿון אַ נייעם אויסלייזער, וואָס איז געשיקט געוואָרן פֿון הימל. ער האָט זיי אויך נישט צוגעזאָגט צו פֿאַרבעסערן זייער עקאָנאָמישע לאַגע און מאַכן אַ סוף צו זייער אָרעמקייט. דעריבער זענען אויך די פֿאַרשער, וואָס שטרענגען זיך אָן אויסצוטייטשן אויף אַ ריין־מאַרקסיסטישן אופֿן דעם אויפֿ־שפּראָץ פֿון חסידות און די פּערזענלעכקייט פֿון בעל־שם, ווייט פֿון אמת און ווייט פֿון משׂיג זיין דאָס מערקווירדיקע, וואָס איז אייגנטימלעך פֿאַרן גרויסן ייִד פֿון אוקראַפּ אין פּאָדאָליע און פֿאַר זיין אייגנאַרטיק ווערק. דער בעל־שם האָט גע־

עפנט די קוואַלן פון אינערלעכער פרייד און פון גליק, וואָס שפרודלט אין מענטש גופא. ער האָט אָנגעוויזן, אַז וועזנטלעך און דעצידירנדיק פאַרן מענטש איז צו געפינען זיין אינערלעכן, עכטן און אינטימען וועג צו גאָט, מענטש און ייִד. דער וועג, וואָס פירט נישט דורך אַן אַראָפּגעשיקטן אויסלייזער אָדער דורך אַן אָרגאַניזירטן אויפשטאַנד, נאָר וועלכן דער מענטש איז בכּוח אַדורכצושפּאַנען און צו וועלכן ער קאָן דערגיין דורך אייגענע כּוחות, דורך אייגענעם גלויבן און דורך אייגענער חמימות.

די צוואה, וואָס איז פאַרבליבן פון אים, איז אַ רירנדיקער דאָקומענט אין אונדזער רעליגיעזער און עטישער ליטעראַטור. עס איז דורכויס נישט וויכטיק, צי איז איז פאַקטיש געשריבן געוואָרן דורכן בעל־שם אָדער איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך זיינע נאָכפאָלגער. נישט צוליב דעם ווערט פאַרמינערט איר ווערט. אַנטשיידנדיק איז סוף־כּל־סוף, וואָס די תּלמידים האַלטן, אַז זייער רבי האָט אָנגעזאָגט פאַר די קומענדיקע דורות. און אין אָט דער צוואה ווערט מיט תּמימותדיקער פּשטות אָנגעוויזן דעם ייִדישן מענטש, ווי אַזוי ער איז מסוגל צו שטייגן העכער צו גאָט, אויסצוליטערן זיך און פאַרבעסערן זיינע מידות, און ווי אַזוי ער קאָן פאַרטרייבן פון זיך עצבות און דערפילן די פרייד פון זיין אַ ייִד. דעם צווייטן טאָג שבועות, תּק״ל (דאָס יאָר 1760), איז אין מעזשיבוזש נפטר געוואָרן רבי ישׂראל בעל־שם־טוב.

די לערע, וואָס איז אַנטשטאַנען צו פוסנס פון די קאַרפּאַטן־בערג, איז דורך די תּלמידים צעטראָגן געוואָרן איבער דער לענג און ברייט פון אוקראַינע, פון פּוילן, און פון די שכנותדיקע מדינות. זי האָט אויפגעטרייסלט די ייִדישע וועלט, און געוווּנען אין אירע רייען באַדייטנדיקע טיילן פון פאָלק. זי האָט, נאַטירלעך, אויך אַרויסגערופן ביטערע קעגנערשאַפט. עס זענען קעגן איר אויפגעשטאַנען פרומע, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז זי וועט צעשטערן דעם יסוד פון ייִדישקייט, לערנען תּורה. עס זענען קעגן איר אַרויסגעטראָטן משׂכּילים און אויפגעקלערטע, וואָס האָבן אין איר געזען אַ פעסטונג פון אָפּגעשטאַנענקייט און פאַראורטיילן. חסידים, מתנגדים, משׂכּילים — דאָס זענען די דריי גרויסע שטרייטנדיקע שטרע־מונגען אין דער ייִדישער געזעלשאַפט אין די דורות נאָכן אַנטשטיין פון חסידות. און די קאַמפן, וואָס די דריי גרופּעס האָבן צווישן זיך געפירט, האָבן אָפט מאָל אָנגענומען שאַרפע פאַרמען.

אָבער חסידות האָט אין זיך געהאַט לעבנסקראַפט, דינאַמישקייט און געוואַל־דיקן צויבער. נישט איין מאָל זענען אירע פאַרביסענע קעגנער געוואָרן אירע געטרייע אָנהענגער. נישט איין מאָל זענען אויסגעשפּראָכענע מתנגדישע רבנים איבערגעקערט געוואָרן אין הייסע חסידים. רבי שניאור זלמן פון ליאַדי, דער גרויסער גאון און שאַרפער אינטעלעקט, איז באַצוווּנגען געוואָרן פון גייסטיקן כּוח פון מעזשיבוזש און ער האָט אויסגעבויט אינדזלען פון חסידות אין דער

מתנגדישער יבשה. נישט איין מאָל זענען פּירנדיקע משׂכּילים מיטגעצויגן געוואָרן מיטן פּאַטאָס פון חסידות און צעגליט געוואָרן פון דער תּורה פון מעזשיבוזש. יצחק לייבוש פּרץ האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע קאַריערע, ווי אַ משׂכּיל, און האָט פאַרענדיקט ווי דער לירישער באַזינגער פון חסידות אין דער נייער ייִדישער ליטעראַטור. הלל צייטלין איז אַריינגעטראָטן אין דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור, ווען ער האָט זיך געפונען אונטער דער השפּעה פון ניטשע און ווען אין דער משׂכּילישער סביבה האָט אָפּגעקלונגען דער שטורמי־שער רוף פון מיכה יוסף בערדיטשעווסקי איבערצושאַצן אַלע גייסטיקע ווערטן פון יהדות. אָבער ער האָט זיך דערנאָך גענומען לייטערן אין דער קדושה פון חסידות. מאַרטין בובער האָט דאָס ליכט פון חסידות צעטראָגן אין דער נישט־ייִדישער וועלט, און הגם דער נעאָ־חסידיזם פון בובער איז נישט אַלע מאָל פאַרבליבן געטריי צו דער אָריגינעלער מחשבה פון וועגווייזער פון אוקאָפּ, זענען דאָך דורך אים פיל גויִים פאַרבליפט געוואָרן פון דער גייסטיקער וועלט פון חסידות און פון דער אומפאַרגלייכלעכער פּאָעזיע, וואָס איז פאַרבאַהאַלטן אין אירע אוצרות. שמואל יוסף עגנון — ווען איך זאָל אָנרופן כאָטש איין נאָמען פון אונדזערע מיטצייטלער — איז אין זיין אינערלעך וועזן, אין זיין טעמאַטיק, אין זיינע סימבאָלן, און אפילו אין זיין סטיל, אין גאַנצן באַווירקט פון חסידות. זיינע ווערק זענען בעצם אַ פּרווו פון אַ מאָדערנעם שרייבער צו שפּינען די טראַדיציע פון די אַלטע חסידישע ספרימלעך און איבערצוגעבן דעם לייענער פון אונדזער דור די מחשבה און דעם סטיל פון פאַרצייטנס.

זאָל מען נישט קומען און קריטיקירן חסידות מיטן אויסרייד, אַז זי האָט נישט אַלע מאָל פאַרמאָגט די עכטקייט און ריינקייט פון איר באַגינען, און אַז די צדיק־אינסטיטוציע, די אמונה אין רבין, איז נישט תּמיד געווען אַזוי שיין און דערהויבן. מיר מוזן געדענקען, אַז עס איז נישטאָ קיין באַוועגונג, וועלכע זאָל זיך נישט אַ מאָל אָפּנייגן אין זייטיקע שליאַכן. דאָס טאָר אָבער נישט וואַרפן קיין שאָטן, נישט אויף איר, און נישט אויף אירע שפּעטער. יעדער איינער, וואָס פאַר־טראַכט זיך ערלעך און ערנסט, איבער ייִדישער געשיכטע און איבער איר אַנט־וויקלונג אין די לעצטע דריטהאַלבן הונדערט יאָר, מוז מודה־זיין, אַז חסידות האָט אַריינגעבראַכט דויערנדיקע און בויענדיקע ווערטן אין ייִדישן לעבן. זי האָט געגעבן אינהאַלט און אָנהאַלט אין צייטן פון כאַאָס און תּוהו־ובוהו. חסידות האָט זיכער אָפּגעראַטעוועט דאָס ייִדישע פאָלק פון דראָענדיקן פונאַנדערפאַל אין אַ תּקופה פון בין־השמשות. און זי האָט נישט פאַרלוירן איר באַדייטונג און ווערט אויך אין אונדזער צייט, אין דער אַקטועלער ייִדישער קולטור און אין אַקטועלן ייִדישן לעבן. מיט אַלץ, וואָס מיר האָבן אויסצוזעצן קעגן געוויסע האַנדלונגען פון די אָדער יענע חסידישע מנהיגים, קענען מיר דאָך נישט פאַרלייקענען, אַז חסידות האָט נאָך אַלץ אין זיך שעפערישע דינאַמישקייט, און אַז אירביישטייער

צו ייִדישקייט און ייִדישע ווערטן איז פון אומגעהייער־וואָגיקן געשיכטלעכן פּאַרנעם.

אין די אידייען פון בעל־שם־טוב איז נאָך אַלץ דאָ אַן אָנדייטונג און אָנוויַיז אויפן וועג, וואָס קאָן אונדז אַרויספירן פון אונדזערע היינטצייטיקע בלאָנדזשע־נישן. אין די געשיכטעס פון רבי נחמן בראַצלאַווער זענען נאָך אַלץ פאַראַן עלעמענטן, וועלכע קאָנען אויפהייבן דאָס געמיט. אין די בליציקע תורה־ווערטער פון רבי מענדל פון קאָצק איז נאָך אַלץ דאָ די פּאַרטיפטע ייִדישע מחשבה, וואָס איז מסוגל צו דערנערן אַלע דורות. פון לעבנס־שטייגער פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער שיינען נאָך אַלץ צו אונדז אַרויס גרויסע ביישפּילן, וואָס דער ייִדישער מענטש איז זיי מחויב נאָכצופאָלגן. און אין די שיטות, וואָס זענען אַנטוויקלט געוואָרן אין פּשיסכע צי אין ווורקע, אין גער אָדער אין אַלעקסאַנ־דער, איז נאָך אַלץ פאַראַן אינהאַלט און אָנשפּאַר פאַרן ייִדישן גייסט. די לערער פון חסידות, געטריי צו דעם באַגריף, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן דורך איר באַגרינדער, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, האָבן נישט בלויז געשריבן תורה אָדער געוואָרפן געדאַנקען, זיי האָבן אַליין, מיט זייער לעבן, זיך אָנגעשטרענגט צו באַווייזן, אַז חסידות איז נישט און טאָר נישט פאַרבלייבן בלויז אַ שיינע טעאָריע, נאָר אַן אויספירבאַרער לעבנס־שטייגער פאַרן ייִדישן מענטש.

רבי איטשע־מאיר פון גער, דער מחבר פון ספר „חידושי הרי״ם״, האָט געטייטשט די ראשי תיבות פון ישׂראל: „רשפי אש שלהבת יה״... דאָס הייסט: פונקען פון פייער, דער פלאַם פון גאָט. דאָס, האָט ער צוגעגעבן, איז אַן אָנוויַיז פאַרן ייִדישן מענטש, אַז אַ ייִד דאַרף מען זיין מיט התלהבות און ברען און טראָגן אין דער נשמה און אין האַרץ דעם פלאַם פון גאָט. אין אונדזער צייט, ווען ייִדישקייט ווערט אָפט פאַרוואַנדלט אין עפּעס, וואָס איז געפרוירן און קאַלט, איז כּדאַי אויפצופרישן אָט די טיפע באַדייטונג, וואָס איז דורך חסידות געגעבן געוואָרן צו ייִדנטום און ייִדישקייט.

די לעגענדע וואָס איז ווירקלעכער ווי די ווירקלעכקייט

א.

דער כאַראַקטער פון אונדזער פאָלק אַנטפּלעקט זיך נישט בלויז אין אונדזער אייגנאַרטיק־געשיכטלעכן וועג; נישט בלויז אין אונדזער איינציקאַרטיקן צונויפמיש פון פאַקט און וווּנדער, וועלכער איז אייגנטימלעך פאַר אַלע באַוועגונגען וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין ייִדישן לעבן, און פאַר דער ליטעראַטור, וואָס האָט געשילדערט און באַשריבן אָט די באַוועגונגען. מען קען, נאַטירלעך, זאָגן, אַז אָט דער שטריך איז כאַראַקטעריסטיש אויך פאַר אַנדערע פעלקער און קולטורן. אָבער אויב ביי יעדער אומה ולשון דערשיינט דער צונויפוועב פון פאַקט און וווּנדער בעיקר אין זייער באַגינען — און מיטן גאַנג פון די תּקופות, ווען דער נעפּל פון בראשית פאַרלירט זיין געדיכטקייט, הייבן אָן די טרוקענע פּאַסירונגען פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע, — האַלט אָן אין דער ייִדישער געשיכטע און אין די ייִדישע באַוועגונגען דער צונויפוועב פון ווירקלעכקייט און לעגענדע כּסדר, כּסדר. נישט בלויז אין געשיכטלעכן ראָד, וואָס האָט זיך באַוועגט מיט לאַנגע יאָרטויזנטער צוריק — און אינעם נוסח, אין וועלכן ער ווערט פאַר אונדז באַוויזן, איז שווער אונטערצושיידן די פעדים, וועלכע האָבן אויסגעשפּונען ייִדיש לעבן — נאָר אויך אין די שפּעטערדיקע און אַפילו אין די מאָדערנע תּקופות פון אויפבוי און חורבן, פון פרייד און אומעט איז באַין אופן נישט מעגלעך צו דערגיין, ווו עס ענדיקט זיך די ווירקלעכקייט און ווו עס הייבט זיך אָן די פאַרשטעלונג. אַפילו שפּראַכלעך האָבן זיך פאַרווישט די גרענעצן; און דאָס ייִדישע לשון, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט דורותדיק־ייִדיש געמיט, קען דאָ דינען ווי אַ באַווייז. אַ מעשׂה קען טאַקע זיין אַ פּאַסירונג, אַ אַ מעשׂה שהיה. אָבער, דאָס האָט אַ ברירה צו זיין סתּם אַ מעשׂה, וועלכע וואָרצלט נישט אין פאַקט און איז אַ פּראָדוקט פון דמיון.

אַ פאָלק וואָס איז רייך אין דערפאַרונגען, ווייסט משמעות, אַז עס איז דאָ אַ ווירקלעכקייט וועלכע מוז נישט דווקא זיין ווירקלעך לויט די אָנגענומענע מענטשלעכע באַגריפן. פאַראַן אַ העכערע ווירקלעכקייט, וועלכע איז דווקא נישט

צוטריטלעך פאַרן פּשוט־מענטשלעכן אויג; און גראָד דאָס געפיל, די פאַנטאַזיע, די אינטואיציע, זענען מסוגל צו גראָבן אין דער טיף און צו אַנטפּלעקן איר אינערלעכן תּוכן און באַטייט. אין זיינע געזאַנגען אויף יידישע מאָטיוון האָט היינריך היינע, אויף זיין שטייגער, אויפגעדעקט אָט דעם אמת. אַליין דערווייטערט פון יידנטום און יידישע קוואַלן, אָבער מיט אַ צעשפּאָלטענער פּערזענלעכקייט און מיט אַ בענקשאַפט צום שורש, וואָס האָט אים געפּייניקט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן — האָט ער דערקלערט, אַז ערשט „אין די גוזמאות און איבערטרייבונגען" פון דער יידישער לעגענדע זעט זיך אַן באַשיינפערלעך דאָס ווירקלעכע אין דער יידישער נשמה. אין אַן אַנדער פאָרעם איז דאָס געקומען צום אויסדרוק אין אַן אַלטער יידישער צערעמאָניע. דאָס אָנצינדן די חנוכּה־ליכטלעך, וואָס דאַרפן דערמאָנען פאַסירונגען, וועלכע זענען אַליין אַ צונויפמיש פון געשיכטלעכער כראָניק און פאָפּולערן פאָלקס־גלויבן — פון מלחמות וואָס זענען פאַרצייכנט אין די חשמונאים־ספרים און פון אַ קריגל בוימל, וואָס העגגט אַראָפּ פון אַגדה־בוים — איז באַגלייט מיט ווערטער וואָס פאַרמאָגן אין זיך אוצרות פון אויפרודערנדיקע געדאַנקען: „ניסים לאבותינו, בימים ההם בזמן הזה". דער נס, דער וווּנדער, איז אין יידישער געשיכטע אַ שטיק ווירקלעכקייט; אַ טייל פון דער גרויער טאָגטעגלעכקייט. ער איז אַ פּערמאַנענטע דערשיינונג אין יידישן לעבן — אין יענע ווייטע טעג, אָבער אויך אין אונדזער נאָענטער אייגענער צייט.

אין שאַרפן חילוק צו אַנדערע קולטור־פעלקער, האָבן מיר אַפילו נישט פּרובירט אַרונטעררייסן דעם פאַנטאַזיע־שלייער אין פעלד פון דין און הלכה. אין תּלמוד גייט אָן אין זיינע מסכתּות אַ וויכּוח איבער געזעצן און לעבנס־שטייגער, אָבער איבער זיינע בלעטער איז אויך אויסגעשפּרייט דער חן פון דער פאַרוויגנדיקער לעגענדע. עס ווערט אָפּגעגעבן אויפמערקזאַמקייט און אָרט פאַר יענעם מאַטעריאַל וואָס ווערט דורך אונדז אָנגערופן אַגדה, אָבער דער אמת איז, אַז אַגדה איז אַ טערמין, וואָס איז שווער צו דעפינירן. איז אַגדה אַ פּראָדוקט פון דער פאַנטאַזיע? איז זי פּאָעזיע? איז זי משל און סימבאָל? — אָדער איז אַגדה אַ האַלב־פילאָסאָפישע, האַלב־לירישע אינטערפּרעטאַציע פון מענטש און לעבן, פון גאָט און ייִד? „די אַגדות האָבן דעם דערפרישנדיקן געשמאַק פון עפּל", פאַרזיכערט אונדז אַ פאַרצייטישע אָפּשאַצונג (שיר השירים רבה ב'), און געווען ביי אונדז, בעיקר אין דער השׂכּלה־תּקופה, אַזעלכע וואָס האָבן באַטראַכט די אַגדות ווי אַ גרילצנדיקן ניואַנס און אומגעוווּנטשענעם אורח אין היכל פון דער יידישער מחשבה. אַפילו רבי אַברהם אבן עזרא, וועלכער האָט זיך אין דאָזיקן פאַל געלאָזט פירן פון זיין שאַרפן אינטעלעקט, האָט אַ שפּאָר ביסל אַגדות פאַרגליכן צו אַ „גראָבן זאַק". דאָך, וואָלט דער תּלמוד נישט געקענט פאַרנעמען דאָס וויכטיקע אָרט וואָס ער פאַרנעמט אין דער יידישער גייסטי־

קייט, ווען איבער זיינע סוגיות זאָל זיך נישט שנירלען די אַגדה. ייִדיש לעבן איז צונויפגעוועבט פון ביידע עלעמענטן, פון רויער ווירקלעכקייט און דער־הויבנדיקער פאַנטאַזיע. די קלאַסישע שאַפונג פון ייִדישן גייסט האָט געמוזט געבן אויסדרוק צו אָט דער ייִדיש־היסטאָרישער אייגנשאַפט. סוף־כּל־סוף איז דאָך שוין אין תּנ״ך די אויפגאַבע פון האַרץ אויסגעטייטשט געוואָרן אויף אַן אייגנ־אַרטיקן אופן. זיכער, דאָס האַרץ באַוועגט זיך און ברויזט מיט געפיל. אָבער שלמה המלך, דער קלוגסטער פון אַלע מענטשן, האָט באַגערט, אַז ער זאָל מיט זיין האַרץ אויך קענען פאַרשטיין און אונטערשיידן צווישן גוטס און שלעכטס (לב שומע לשפוט את עמך להבין בין טוב לרע; מלכים א׳, ג. ט).

ב.

אָבער אויך אין אונדזער ליטעראַטור, וווּ עס איז ביי קיין פאַל נישט מעגלעך פונאַנדערצוטיילן די אמתע פאַסירונג פון דער קאַלירפולער פאַרשטעלונג, פאַר־נעמט די באַוועגונג פון חסידות אַן אייגנאַרטיק פלאַץ. באַלד פאַרענדיקט זיך שוין דער דריטער יאָרהונדערט זינט דער גרינדער פון חסידות, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, איז געקומען מיט זיין וואָרט, און אין משך פון אָט דער צייט זענען אָנגעשריבן געוואָרן אַן אָ שיעור חיבורים וועגן דער באַוועגונג, וועלכע האָט אַרויסגערופן אַ געוואַלטיקע גייסטיקע איבערקערעניש אין דער ייִדישער וועלט. דאָך, צי זענען מיר בכּוח פעסטצושטעלן, מיט דער פולער זיכערקייט, וואָס ס׳איז ווירקלעך און געשיכטלעך־געַנוי אין אויפשפּראָץ און אַנטוויקלונג פון דער דאָזיקער באַוועגונג, און וואָס איז דאָרט באַהויכט מיטן אָטעם פון דער פאַנטאַסטישער מעשׂה? צי זענען מיר מסוגל זיך פונאַנדערצוקלייבן אין לעבן פון די, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף חסידות, און וויסן, וואָס איז דאָרט זיכער און באַשטעטיקט און וואָס עס שוועבט דאָרט אויף די פליגל פון דער פאָלקס־דערציילונג? שמואל אבא האָראָדעצקי און שמעון דובנאָוו — ווען מיר זאָלן אָנרופן כאָטש אייניקע נעמען פון די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן חסידות — האָבן פּרובירט אַדורכפירן אַן אַנאַליז פון דעם, וואָס עס ווערט דערציילט אין די חסידישע ספרימלעך. אָבער דער אמת איז, אַז נישט זיי און אויך נישט די, וועלכע זענען געקומען נאָך זיי אין דער היסטאָריאָגראַפיע פון חסידות, האָבן געקענט צוגעבן עטוואָס עיקרדיקס צו דעם, וואָס דאָס פאָלק האָט געפּילט. רבי ישׂראל בעל־שם־טוב איז פאַרבליבן — אויך נאָך אַלע פאַר־שונגען — יענער סודותפולער ליימגרעבער פון די קאַרפּאַטן־בערג, וועלכער האָט מיט וווּנדער און גלויבן געברענגט דאָס וואָרט פון אויפמונטערונג און טרייסט צו די פאַראומערטע און פאַרחושכטע המונים ייִדן אין דער אוקראַינע,

וואָלין און פּאָדאָליע. רבי נחמן בראַצלאַווער איז פאַרבליבן דער פאַרבענקטער וויזיאָנער, וואָס האָט זיך באַוועגט אין קרייז פון ניגון און זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין שמועס מיט די מענטשן, וועלכע האָבן געלעבט אין זיין דמיון. רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז, שוין נאָך אַלע ניכטערע אָפּשאַצונגען, פאַרבליבן אין דער התלהבות פון זיינע כּסדרדיקע גערעכטע טענות צום רבונו של עולם, פאַר־וואָס ער קוקט זיך צו צו די צרות וואָס ייִדן ליידן — און שווייגט. רבי מענדל פון קאָצק דערשיינט פאַר אונדז, אויך נאָך די אַלע נייעסטע מאַטעריאַלן, וואָס האָבן געדאַרפט אויפקלערן זיין רעדן און שווייגן, אין זיין טראַגישער גרויסקייט, אַזוי ווי עס האָבן אים געזען די חסידים פון קאָצק אין יענער צייט, ווען ער האָט זיך מתבודד געווען אין זיין חדר און פון צייט צו צייט אַרויסגעשריגן און גערופן צו זיין פולע, גאַנצע ייִדן.

וויכטיק איז, אַז דער ווײ, וואָס האָט זיך געשפּירט אין חסידות, איז געווען דער טיפער ווײ אויף ייִדישע צרות; אַז דער זיפץ, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנ־גען, איז געווען דער רירנדיקער קרעכץ, וואָס איז געקומען פון האַרץ; אַז דאָס געזאַנג, וואָס האָט זיך דאָרט אויפגעהויבן איז געווען דער אוראַלטער ייִדישער ניגון פון ביטחון; אַז די סטרונעס וועלכע האָבן זיך דאָרט צעוויגט, זענען געווען די זעלבע וואָס האָבן זיך באַוועגט צוקאַפּנס פון דוד המלך, ווען ער האָט אויס־געפּליסטערט זיינע תהילים־קאַפּיטלען. אויך די פידל פון דוד המלך — אַ טעמע צו וועלכער חסידישע גדולים האָבן זיך אָפט אומגעקערט — איז דאָך אַרויסגע־נומען פון דער ייִדישער העכערער ווירקלעכקייט.

חסידות איז נישט קיין געווינטלעכע כראָניק. זי איז פול, ברויזנדיק ייִדיש לעבן פון די לעצטע הונדערטער יאָרן. און זי פאַרטראָגט נישט קיין טרוקענע עובדות. ווירקלעכקייט און לעגענדע זענען אירע באַגלייטער זינט די טעג פון איר אויפקום. זיי זענען ביידע אירע באַשטאַנדטיילן אין אַלע תקופות. אַפילו בני־דור פון דעם אָדער יענעם חסידישן לערער — וועלכע האָבן, דאַכט זיך, אַלץ געזען מיט זייערע אייגענע אויגן — זענען נישט מסוגל זיך פונאַנדערצו־וויקלען אין געוועב. אויך אין דער גורל־צייט פון איר טראַגישן אומקום אין נאַצי־שוידער פון מזרח־אייראָפּע, איז פאַקט צונויפגעשפּינט געוואָרן מיט מקור־רותדיקער, האַרציקער פאָלקס־דערציילונג. נישט געקוקט אויף אַלע עדי־ראיה, הייבט זיך אויף די בשותּפותדיקע פאָלקס־שאַפונג פון יענע יאָרן און גיט אונדז איבער אויף איר אייגענעם שטייגער, ווי אַזוי עס איז געגאַנגען קיין טרעבלינקע דער רבי פון אַלעקסאַנדער; ווי אַזוי עס איז אַנטקעגנגעגאַנגען זיין אומקום דער רבי פון ראַדזין; מיט וואָסערע ווערטער עס האָט זיך געזעגנט מיט די ייִדן דער רבי פון גראָדזשיסק, און וואָסער ניגון עס האָט געברומט אין אוישוויץ דער רבי פון פּיאַסעטשנע, איידער ער האָט אויסגעשריגן שמע ישראל... אויך אין די קאַלכאויוונס האָבן זיך צונויפגעגליט פאַקט און דמיון.

נחום סאָקאָלאָוו, אַליין אַ פּראָדוקט פון יענער אַטמאָספער, ווו טאָגטעגלעכע שווערעווירקלעכקייט האָט זיך צונויפגעקייטלט מיט צאַרטע גאולה־חלומות, האָט געלאָזט פאַלן טיף־דורכגעטראַכטע באַמערקונגען אויף אָט דער טעמע. די לע־גענדע נייטיקט זיך נישט בעצם, אַז זי זאָל ווערן אונטערגעשטיצט דורך פאַקטן, האָט געזאָגט סאָקאָלאָוו. די לעגענדע וויל נישט זיין באַגרענעצט. פאַר איר איז געזונג וואָס זי זויגט זיך אָן מיט דער בענקשאַפט פון דער פאַרשטעלונג, וואָרום זי שטרעבט אַריינצודרינגען אינעווייניק, אין תוך פון די פאַקטן.

ג.

און דאָך, אַפילו אין אָט דער וועלט, וואָס איז כולה צונויפגעהאָפטן מיטן שפּינוועבס פון דער מעשׂה, לאָזט זיך רבי לייב שׂרהס נישט פאַרגלייכן מיט קיין שום אַנדער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער געשיכטע פון חסידות. לגבי אַנדערע, וואָס האָבן אַריינגעשריבן אַ בלאַט אין חסידות, איז פאַרט מעגלעך — אין וועלכע עס זאָלן נישט זיין פּונקטן — צו זאָגן, וואָס עס קוקט אויס צו זיין מער וויִניקער וואָרהאַפטיק, און וואָס עס איז פאַרצויגן מיט אַ נעפּל. דאַקעגן רבי לייב שׂרהס איז כמעט אין גאַנצן פאַרהילט אין דער לעגענדע. עס איז זיכער, אַז ער האָט געלעבט. עס איז פאַראַן אַ בריוו פון רבי דוב־בער פון מעזריטש, דער מגיד, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער חסידישער עדה נאָך דעם ווי רבי ישׂראל בעל־שם־טוב איז אַוועק פון דער וועלט, ווו עס איז די רייד וועגן אים. עס איז אויך פאַרבליבן אויפן בית־עלמין אין יאַלטוטשקעוו, אין פּאָדאָליע, די מצבה אויף זיין קבר. אויף איר איז אויסגעקריצט, אַז ער איז נפטר געוואָרן אין חודש אָדר, אין יאָר תקנ״א (1791). אויסער דעם איז אַלץ — סוד. אין די חסידישע ספרים איז ער באַשריבן ווי דער ניסתּר. דער „סדר הדורות החדש״, וואָס מיידט אויס בדרך כּלל סתּם איבערצוחזרן פאָלקס־דערציי־לונגען — און אויך שמעון דובנאָוו איז דעריין מודה — קען אין דעם פאַל נישט אָנגעבן עטוואָס אַנדערש, ווי די עובדות, וועלכע זענען אָנגעוואַרעמט מיט דער אמונה פון פאָלק און לאָזן זיך דעריבער נישט אַרויסנעמען פון לבוש פון דער מיסטעריע. אָט איז וואָס מיר לייענען אין חסידישן ספר: „דער דאָזיקער היי־ליקער מאַן, ר׳ לייב שׂרהס, איז געווען אַ ווונדער אויף דער ערד. דאָס אָרט פון זיין געבוירן איז פאַרהוילן פון אַלעמען... נאָר דאָס האָבן מיר געהערט, אַז ער פלעגט אַרומפאָרן פון אָרט צו אָרט און טון גרויסע און פאַרכטיקע מופתים... ער איז געווען אַ קדוש עליון כּמלאך ה׳ צבאות״...

אין די שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע, ווו מיר זענען אויפגעוואַקסן, אין די יאָרן פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז רבי לייב שׂרהס דעמאָלט נאָך אַלץ געווען אויף אונדזערע ליפּן. נישט וויכטיק איז, צי מיר האָבן

אַ סך אָדער ווייניק געוווּסט וועגן אים. אונדז האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז ער באַוועגט זיך צווישן אונדז. נישט בלויז מיר, אין די קינדער־יאָרן און צווישן קינדער האָבן אַזוי געפילט. אויך די מענטשן פון עלטערן דור האָבן אונדז דאָס פאַרזיכערט. פאַר אליהו הנביא האָבן מיר געעפנט די טיר בעת דעם סדר פון פּסח. פאַר רבי לייב שׂרהס האָבן מיר בכלל נישט בעדאַרפט עפענען די טיר. ער איז מיט אונדז סיי ווי געווען. ער האָט אונדז כסדר באַגלייט. אין חסידים־שטיבל האָט מען וועגן אים זיך דערציילט; אין דער היים פלעגט דער־מאָנט ווערן זיין נאָמען. און גראָד איצט, ווען יענע יידישע וועלט, וואָס רבי לייב שׂרהס איז געווען אַ טייל פון איר ווירקלעכקייט און פאַנטאַזיע, ליגט אין חורבות, וועקט ער — אפשר מער ווי פריִער — אונדזער נייגעריקייט.

אויף מיין שרייבטיש זענען אָנגעזאַמלט אַ גאַנצע ריי חסידישע ספרימלעך, אין וועלכע איך פּרווו אַרויסגעפינען עטוואָס וועגן לעבן און ווירקן פון רבי לייב שׂרהס. אויסער דעם אויבן דערמאָנטן חיבור „סדר הדורות החדש״, מיש איך די בלעטער אין „שפתי קדושים״, „שפתי צדיקים״, „מפעלות צדיקים״, „תפארת מהרא״ל״. איך לייען איין מאָל און נאָך אַ מאָל, וואָס עס האָבן וועגן אים צו זאָגן אהרן מאַרקוס, שמעון דובנאָוו, הרב י. ל. מיימון, אליעזר שטיינמאַן, מאַרטין בובער. אָבער נישט געקוקט דערויף וואָס איך אָטעם שוין זינט אַ שפּאַרער צייט מיט יענער געשיכטלעכער דראַמע, און אָפט מאָל ווייזט זיך מיר אויס, אַז די מגילה פון זיין לעבן איז אויסגעשפּרייט פאַר מיר, דעקט זיך ווייט נישט אויף די מיסטעריע אין וועלכער ער איז פאַרוויקלט.

עס קומט אויס פון אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט וועגן אים, אַז זיין געבוירן אָרט איז געווען ערגעץ אין אַ דאָרף אין פּאָדאָליע אָדער וואָלין; אַז זיין פאָטער איז געווען אַ דאָרפס־מלמד; אַז ער האָט געהייסן יוסף, אַ ייִד אַ צדיק, וואָס פלעגט פאַרטיילן זיינע מאַגערע מלמדות־הכנסות צווישן די אָרעמעלייט. אָבער אויב רבי לייב ווערט אָנגערופן אויפן נאָמען פון זיין מוטער (רבי לייב שׂרהס), איז דערין פאַרבאָרגן אַ טיפע כוונה. שׂרה איז געווען די גרעאָטענע בת־יחידה פון אַרענדאַר אויף וועלכער דער צעלאָזענער זון פון פּריץ האָט געוואָרפן אַן אויג; און געגלוסט זי צו נעמען פאַר זיין ווייב. שׂרה איז געווען אַ יונג מיידל. זי איז אַלט געווען פופצן יאָר. דער מלמד, וואָס האָט ביי זיי געוווינט, איז גע־ווען אַ זקן, וואָס זיין ווייב און קינדער זענען אומגעקומען אויף קידוש־השם, אין די שחיטות וואָס די קאָזאַקן־באַנדעס האָבן אויסגעפירט קעגן יידן. אָבער שׂרה האָט געקלערט, אַז דער איינציקער אופן ווי אַזוי זיך אָפּצוראַטעווען פון גיריקן פּריץ וועט זיין, אויב זי וועט גיך שטעלן אַ חופּה מיטן זקן, אַזוי אַרום וועט מעגלעך אָפּגעטון ווערן פון אים זיין ווילדער פאַרלאַנג. זי האָט אַזוי געטון. און אַזוי אַרום איז געקומען אויף דער וועלט ער, לייב. שפּאַנונג און מסירת־נפש, ניסיון און דערוואַרטונג, שרעק און גלויבן זענען גלייך פון באַגינען אָנגעצייכנט

געווען אויסצופּאָרמירן זיין כאַראַקטער און דרך. דער צויבער פון דער מעשׂה האָט גלייך אַריינגעטראָגן מענטשלעכע דערהויבנקייט און דעציזיע אין אַן עפּיזאָד, וואָס אַפּילו אויב ער איז אויסגעבויט געוואָרן אין קעניגרייך פון דער לעגענדע, קוקט ער דאָך אויס, ווי ער וואָלט אַרויסגענומען געוואָרן פון דער דעמאָלטיקער באַטריבטער ייִדישער ווירקלעכקייט.

די חתונה צווישן אַלטן, פאַרוואָגלטן מלמד און דער בליִענדיקער יונגער נגידישער טאָכטער, האָט נישט אַדורכגעלאָזט אַנדערע פּרטים, וואָס גיבן צו חן און איבערנאַטירלעכן אויסדרוק צו דער פּאַסירונג. נישט געווען אין דאַרף עמעצער וואָס זאָל קענען מסדר־קידושין זיין. איז דער מלמד גופא געווען דער מסדר־קידושין אויף זיין אייגענער חתונה. ער אַליין האָט געזאָגט די שבע ברכות. און די כלה שׂרה האָט מתפלל געווען, אַז זי זאָל באַשאַנקען ווערן מיט אַ זון, וואָס וועט ווייטער ציִען די מסירת־נפש פון זיינע עלטערן. און די ברכה איז געגעבן געוואָרן אויף יענער שׂמחה, וואָס האָט געאָטעמט מיט אַנגסט און האָפענונג. די פאָלקס־לעגענדע האָט דווקא געוואָלט האָבן, אַז דער מהר״ל פון פּראָג זאָל עטוואָס האָבן צו טון מיט דעם אַלעם. אמת: דער מהר״ל האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט. דערצו איז פּראָג גוזמאַ־ווייט פון יענעם דאָרף, וווּ די חתונה איז פאָרגעקומען. אָבער די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט אויף אירע פליגל געברענגט צו טראָגן דעם מהר״ל; ווייל די פאַנטאַסטישע געווען פון פאָלק אָנערקענען נישט די צוימען פון צייט און אָרט. פאַר דעם אינערלעכן אמת פון אָט דער געשיכטע איז נייטיק געווען, אַז דער מלמד יוסף זאָל האָבן געווען אַן אייניקל פון מהר״ל. אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק האָט בכן די נשמה פון מהר״ל אַראָפּגענידערט אויף יענער חתונה, וווּ שרעק און אמונה האָבן אָנגעצייכנט גורלדיקע אַנטשיידונגען. אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק האָט דער מהר״ל מיטגעהאָלפן זאָגן די ברכות און זיין נשמה איז טאַקע אַריינגעגאַנגען אין קינד, וואָס איז אַ יאָר שפּעטער געבוירן געוואָרן. דאָס קינד האָט אַפּילו געהייסן נאָכן מהר״ל. לייב (יהודה ליוואַ) איז געווען דער נאָמען פון ווונדער־טוער פון פּראָג. לייב, האָבן יוסף און שׂרה אַ נאָמען געגעבן זייער קינד, און עס האָט, לויטן בפירושן ווילן פון פאָטער, באַדאַרפט פאַר זיין דור און פאַר קומענדיקע דורות עדות זאָגן אויף דער גייסטיקער גרויסקייט פון דער מוטער, לייב שׂרהס.

אין די פאַרטיפטע כוונות, וועלכע רעדן אַרויס פון אָט דער, דאַכט זיך, רירנדיקער און האַרציקער מעשׂה, איז מעגלעך בפירוש צו דערקענען, פאַרוואָס איז גראָד דער מהר״ל צונויפגעבונדן געוואָרן מיט דער חסידישער פּערזענלעכקייט, וועלכע האָט שפּעטער זיך אַריינגעשניטן מיט אומגעווייִנטלעכע ווונדער און מעשׂים אין ייִדישן לעבן. דער שם־המפורש האָט זיך צונויפגעפּאָרט מיט ביידע. דער נאָמען פון גאָט, וואָס קען, לויט דער לערע פון סוד, באַווייזן ווונדער און ראַטעווען דאָס פאָלק ישׂראל אין אַן עת־צרה. מיטן שם־המפורש איז, ווי

דאָס פֿאָלק דערציילט, באַשאַפֿן געוואָרן דער גולם אין פּראָג, וועלכער האָט גע־קענט מיט שטוינענדיקער גבורה זיך שטעלן קעגן די, וואָס האָבן געפּייניקט און געשלאָגן ייִדן. אויך לייב שׂרהס האָט געוווּסט, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיטן הייליקן נאָמען פֿון גאָט, ווען ער האָט באַדאַרפֿט מציל־זײַן ייִדן. ער האָט געקענט שפּרייזן מרחקים אין אַן אויגנבליק; ער האָט געקענט זײַן אַ רואה ואינו נראה. ער האָט געקענט, מיט אַ קפֿיצת־הדרך, זיך אַרײַנרײַסן אין פּאַלאַץ פֿון קיסר אין ווין און קיינער זאָל אים נישט באַמערקן. ער האָט געקענט רעדן צום קיסר אין דער אַנוועזנקייט פֿון זײַנע שׂרים און באַדינער, און דאָך זאָל אים קיינער נישט הערן אויסער דער קיסר. ער האָט געקענט דערלאַנגען שטאַרקע קלעפּ דעם קיסר, בעת יענער איז געווען אַרומגערינגלט פֿון זײַנע לײַבוועכטער, און דאָך זאָל קיי־נער דאָס אַפֿילו נישט אָנען. דער קיסר האָט געשריגן, געבעטן רחמים און בלויז ער, לייב שׂרהס, האָט געהערט די געוויינען און צוזאָגן פֿון מלך. ער, דער מאַן מיטן שם־המפֿורש.

עס זענען, וואָס אַן אמת, אין אונדזער טויזנט יעריקער אַגדה, געווען וווּנ־דער־טוער אויך פֿאַרן מהר״ל, וואָס וועגן זיי האָט דאָס פֿאָלק דערציילט, אַז זיי האָבן געקענט באַשאַפֿן אַ מענטש. אין תּלמוד ווערט איבערגעגעבן אַז רבא, איינער פֿון די שטאַרק באַרימטע תּלמוד־פּערזענלעכקייטן, האָט דאָס באַוויזן צו טון (רבא ברא גברא — רבא האָט באַשאַפֿן אַ מענטש, סנהדרין סה, א). פֿאַראַן אין אונדזער מיסטישער ליטעראַטור אַ ספֿר, דער ספֿר יצירה, וואָס פֿאַרטיפֿט זיך אין די סודות פֿון באַשאַף און באַשעפֿעניש און פֿאַרצייכנט די צירופֿים פֿון אותיות, וועלכע פֿאַרמאָגן איבערנאַטירלעכע כּוחות און בלאָזן אַרײַן אָטעם פֿון לעבן אין די וואָס זענען אויסגעפֿאַרמירט פֿון שטויב און ליים. אין דער פֿאָלקס־מעשׂה ווערט געזאָגט, אַז שלמה בן גבירול, דער עמקותדיקער משורר און דענ־קער פֿון מיטל־עלטערלעכן שפּאַניע, האָט מיט זײַן חכמת הסוד אויסגעפֿאַרעמט אַ פּרוי פֿון שטויב פֿון דער ערד און זי אומגעקערט אין שטויב. אַפֿילו אַזאַ גאון, ווי רבי יעקב עמדין, וועלכער האָט פֿאַרפֿירט אַ שאַרפֿן קאַמף קעגן דעם איבער־געטריבענעם גלויבן אין קמיעות און רפֿואות, וואָס שטיצן זיך אויף דער לערע פֿון דער קבלה, האָט מיט פֿולער ערנסטקייט באַהאַנדלט דעם דאָזיקן ענין. אויך דער גאון פֿון ווילנע האָט פּרובירט באַשאַפֿן אַ גולם. און זײַן תּלמיד, רבי חיים וואָלאָזשינער, דערציילט אין זײַן הקדמה צו אַ ספֿר פֿון ווילנער גאון, אַז ער האָט דאָס אַליין געהערט פֿון זײַן מויל. אָבער אין פֿאַל פֿון מהר״לס גולם, האָט זיך אייגנטלעך נישט געהאַנדלט וועגן גראָבן אין סוד פֿון באַשאַף. דער גולם פֿון פּראָג האָט געהאַט אַ בפּירושע שליחות. ער האָט באַדאַרפֿט מציל זײַן ייִדן, פֿאַר־טיידיקן דעם ייִדישן כּבֿוד. דאָס האָט באַדײַט אין דער פֿאַרשטעלונג פֿון פֿאָלק, אַז די נשמה פֿון מהר״ל איז אַרײַן צו לייב שׂרהס. אויך פֿאַר לייב שׂרהס איז דער שם־המפֿורש געווען די שוץ און דער פּאַנצער קעגן ייִדישע לײַדן. ער איז,

גענוי ווי זיין עלטער־זיידע, דער רב פון פּראָג, נישט געווען סתם קיין בעל־נפלאות. זיין ווונדער האָט באַדאַרפט זיין דער נס פון דער ייִדישער גאולה.

ד.

אין דער חסידישער מעשׂה איז לייב שׂרהס אויך צונויפגעבונדן מיטן שעפער פון חסידות, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. ער איז צו אים יונגערהייט געקומען קיין מעדזשיבאָזש, און דער בעל־שם האָט זיך גלייך אויף אים דערקענט. לייב שׂרהס איז אים אויך געקומען מבקר־חולה־זיין .אין יענע פּאָר שבועות־טעג איז שוין דער בעל־שם געווען זייער קראַנק און אָפּגעשוואַכט. אָבער ווען דער יונגער בחור, וואָס איז דאַן אַלט געווען אַ צוואַנציק יאָר, איז געשטאַנען אין דער טיר, האָט דער בעל־שם זיך אויפגעזעצט אין בעט, דערלאַנגט אים שלום, גערעדט מיט אים וועגן תּורה און ייִדישקייט. נאָך דעם ווי לייב שׂרהס איז אַוועקגעגאַנגען, האָט דער בעל־שם געזאָגט: דער דאָזיקער יונגערמאַן גייט אויפן שאַרפן שפּיץ פון דער שווערד... איך קען זען זיין דרך, אָבער דאָס איז אַ פאַרבאָרגענער דרך... נאָך דער פּטירה פון בעל־שם איז לייב שׂרהס געפאָרן צו זיין תּלמיד רבי דוב־בער, דער מגיד פון מעזריטש, אָבער ער האָט דערקלערט, אַז ער פאָרט צו אים, נישט ווייל ער וויל זיך צוקוקן צו זיינע מופתים און נישט ווייל ער וויל זיך צוהערן צו זיין תּורה, נאָר ווייל ער באַגערט צו זען, ווי אַזוי דער רבי דוב־בער פאַרבינדט די שנירלעך פון זיינע פּאַנטאָפל... די כּוונה איז געווען קלאָר און דורכזיכטיק. אין דער טאָגטעגלעכער אויפפירונג שיינט אַרויס דער מענטש. אין תּלמודישן לשון וואָלט דאָס געקלונגען: די הליכות, דער לעבנסשטייגער, זענען וויכטיק און אַנטשיידנדיק.

דערנאָך פאָרט ער מער נישט צו קיינעם. ער וווינט, ווייזט אויס, אַ שטיק צייט אין ראַוונע, אין יאַלטושקעוו, און אפשר אויך אין אַנדערע שטעטלעך און דערפער אין יענער געגנט. אָבער בעצם וווינט ער נישט אין ערגעץ, ווארום ער איז כּסדר אונטערוועגנס. ער פירט נישט קיין טיש. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע חסידישע גדולים פון יענער תּקופה, האָט ער נישט קיין רבישן „הויף". ער שלעפּט זיך אַן אויפהער איבער די וועגן און שאָסייען. ער פאָרט נישט אויף קיין וואָגן און שליטן. ער שפּאַרט זיך אָן אויף זיין שטעקן און אין האַנט טראָגט ער אַ טאָרבע, וואָס אין איר לייגט ער אַריין די ייִדישע צרות. ער האָט אויך מיט זיך אַ טאַבאַק־פּושקע: ווארום אַ שמעק טאַבאַק, זאָגט ער, העלפט צו דערפרישן אַ צעבראָכן געמיט. אָבער ער קען דעם סוד פון קפיצת הדרך; און ער ווייסט, ווי אַזוי אַריבערצושפּרינגען מרחקים. ער קען זיך נישט פאַרגינען צו פאַרלירן צייט. ער מוז זיך צושטעלן צו דער מינוט, ווען געפּייניקטע און געפּלאָגטע ייִדן קוקן אים אויס. די גרויסע אויפגאַבע פון לייב שׂרהס איז פּדיון שבויים.

דאָס איז אַ גורל־צייט אין ייִדישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע. די פּוילישע מלוכה פאַלט זיך פונאַנדער. שכנותדיקע מדינות צעברעקלען איר גאַנצקייט. צע־ברעקלט ווערט אויך דער ייִדישער כּלל. ווער עס פאַלט אַרונטער דער רוסישער מאַכט; ווער עס מוז אויסשטיין די גזירות פון פּרייסן; און ווער עס מוז אויספירן די באַפעלן פון עסטרייך, וואָס הגם זיי זענען מילדער ווי די געזעצן פון צאַר צי פון די פּרייסישע מושלים, באַדראָען זיי אָבער דעם ייִדישן גייסטיקן קיום. עס איז אַ צייט, ווען ייִדן זענען הפקר, דאָ און דאָרט ווערן זיי אַריינגעשליידערט אין די תּפיסות אָן וועלכער עס איז סיבה; און צו מאָל אַפילו אָן אַן אויסרייד. יענע, וועלכע באַגייען די אַקטן פון ווילקיר און אַכזריות, ווילן פּשוט אַרויסציִען געלט פון ייִדישע משפּחות אָדער פון גאַנצע קהילות. סיי די מושלים, סיי די פּריצים, פאַרבלייבן טויב צום ייִדישן וויי געשריי, און ייִדישע פּרנסות, ייִדישע זיכערקייט, ייִדישע לעבנס, האָבן נישט צו מאָל עמעצן וואָס זאָל זיך פאַר זיי אָננעמען.

אין דער חסידישער לעגענדע נעמט לייב שׂרהס אויף זיך די שווערע און גרויסע שליחות. מיט זיין שטעקן און טאָרבע דערגייט ער צו די פאַרוואָרפענע און פאַרשטויסענע מקומות; צו די תּפיסות, ווו די פאַרשפּאַרטע ייִדן רופן נאָך הילף. און די מיטלען וואָס מיט זיי באַנוצט ער זיך כּדי אַרויסצוציִען פון גע־פאַנגענשאַפט די פאַרקלעמטע, זענען פאַרשידענע. פאַראַן פאַלן, ווען ער רעדט ווייכע רייד צו די מלכים און שׂרים און בעט ביי זיי איינזען און רחמנות. פאַראַן ווידער מצבים, ווען ער דראָט און שרייט, און פאָדערט, און פאַלט אַריין אין צאָרן. עס זענען דאָ צייטן, ווען ער וואַרפט זיך מיט כּוח קעגן די אַכזרים. ער שלאָגט זיי אין וואָר און אין חלום. ער יאָגט אויף זיי אָן אַ פּחד און אַנגסט, און שיקט אויף זיי אָן מוראדיקע יסורים. אויך ווען ער זעט, אַז מיט געלט איז מעגלעך אויסצולייזן די געפאַנגענע, איז קיין שום סומע נישט קיין אָפּהאַלט. ער דערשיינט אויף די ירידים, ער עפנט דאָרט אַ קלייט, די קלייט פון לייב שׂרהס; און ייִדן וויסן, אַז דאָס איז אַ לײדיקע קלייט, אָבער אין איר הענגט אַראָפּ אַ טאָרבע. דאָס איז די טאָרבע פון פּדיון שבויים, און מען וואַרפט אין איר אַריין נדבות.

פאַר זיך אַליין דאַרף לייב שׂרהס גאָרנישט. הרב י. ל. מיימון אין זיין חיבור „שרי המאה״, חלק ג׳ שרייבט, אַז ער האָט געהאַט צוויי זין, וועלכע האָבן געוווינט אין ראָוונע און זיך גערופן בהר״ל (בהרב רבי לייב). אַנדערע מקורות זענען דערין ווייט נישט זיכער. לויט זיי איז דער וואַנדערנדיקער לייב שׂרהס זיין גאַנץ לעבן פאַרבליבן אַליין. ער איז אויך נישט צוגעבונדן צו קיין אָרט, נישט פאַרנומען אין ערגעץ קיין רבנות, צי וועלכע עס איז אַנדערע קהלשע שטעלע. טאָקע די טאָרבע, די טאַבאַק־פּושקע, דער שטעקן, האָבן פון אים זיך נישט אָפּגעשיידט;

און נאַטירלעך: דער שם המפורש. אין וואַנדערן, האָט ער געזאָגט, איז טאַקע דאָ פּשט, אָבער אויך רמז און כּוונה. אין נע־ונד זענען דאָ ראשי־תּיבות, און די ראשי־תּיבות פון „נד״ זענען: „נחמא דכיסופא״, די טרייסט פון גאולה־בענקע־ניש. ער פּלעגט מתפּלל זיין: גאָטעניו, גיב מיר כּוח מתקן צו זיין אַלץ, וואָס איך האָב פאַרפעלט צו טאָן מיט אַ גאַנץ האַרץ. אָט די כּסדרדיקע ערנסטע זאָרג רעדט אויך אַרויס פון זיינע שמועסן, וואָס ער פלעגט פאַרפירן. איך ווונדער זיך, האָט ער איין מאָל אויסגערופן, וואָס אַזוי פיל מענטשן קלאָגן זיך, אַז זיי לעבן נישט לאַנג גענוג. און זיבעציק יאָר זיינען דען שטרוי, וואָס מען קלייבט אויף אַזוי לייכט פון דער ערד? נישט סתּם לעבן לאַנגע יאָרן איז דער עיקר, נאָר די מעשׂים־טובים וועלכע גיבן אונדזער לעבן אַ טעם. אַן אַנדערש מאָל ווידער האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז ער ווערט גאָר ווייניק נתפּעל פון די, וואָס האַלטן לאַנגע דרשות אָדער זאָגן תּורה, וואָס איז דען בכלל דאָס דאַזיקע זאָגן תּורה? די תּורה איז נישט צום זאָגן. תּורה דאַרף מען זען; איטלעכער מענטש מוז זען און זיך אָנשטרענגען, אַז אַלע זיינע מעשׂים און התנהגות זאָלן זיין תּורה.

אין זיינע וואָגלענישן האָט רבי לייב שׂרהס נישט בלויז אָפּגעשריִען שווערע גזירות און זיך משתּדל געווען פאַר דער זיכערקייט פון ייִדן. ער האָט אויך, אין הסכּם מיטן נוסח פון דער חסידישער מעשׂה, מתקן געווען נשמות און אַרויפ־געפירט אויפן גלייכן וועג די, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבלאָנדזשעט. ער האָט אין יעדן אָרט וווהין ער איז אָנגעקומען, אויפגעקליבן ניצוצות. דער מאַן מיטן שם המפורש האָט געוווּסט, אַז פונקען פון קדושה טליִען אויך אין יענע, וואָס הגם זיי האָבן אַראָפּגעזונקען אין דער נידער, קענען זיי ווידער געלייטערט ווערן. אין איינער אַזאַ מעשׂה ווערט אַרויסגעבראַנגט די נשמה פון אַ פּאַסטוך־ייִנגל, וועמען רבי לייב האָט באַגעגנט אין אַ פעלד. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט דערזען אין איר דעם ווונדערלעכן ניצוץ, האָט ער דאָס ייִנגל אַוועקגעפירט צו רבי שמעלקע פון ניקלשבורג וועלכער האָט אים געגעבן הדרכה. פון אים איז אויס־געוואַקסן ר׳ אייזיק, דער שפּעטערדיקער רבי פון קאַלעוו. פּאַרטיפּטע מיסטעריע איז פאַרגראָבן אין אַן אַנדער געשיכטע, וואָס האָט זיך געטראָגן אין מויל פון פאָלק. זי דערשיטערט מיט איר אינהאַלט און יאָגט אָן דעם ייִדישן ווייי פון דורות. לויט דער דאָזיקער פאָלקסטימלעכער דערציילונג האָט רבי לייב שׂרהס אויפגעוועקט אין אַ משומד דעם פאַרלאָשענעם פונק פון ייִדישקייט. אָט דער משומד האָט שוין כּמעט געהאַט פאַרגעסן זיין שורש. ער איז אַריין אין אַ משפּחה פון פּריצים, און איז געוואָרן אַ פּריץ. אָבער לייב שׂרהס האָט זיך צו אים דערנענטערט פאַר יום־כּיפּור; אויפגעפרישט ביי אים אַלטע ניגונים און אָפּגע־בלאַקירטע זכרונות. דער משומד האָט זיך אַוועקגעלאָזט מיט רבי לייבן צו „כּל נדרי״. דאָס איז געווען אַן אָרעמער דאָרפישער מנין, און דער משומד איז טאַקע געווען דער צענטער צום מנין. רבי לייב האָט אים מצרף געווען צו דער הייליקער

עדה. דער יום־כּיפּור איז געווען אַדורכגעוויקעט מיט טרערן פון ייִד, וואָס האָט זיך אומגעקערט צו זיין שטאָם. אין דער שעה פון נעילה האָט דער ווייגעשריי פון חרטה און תשובה געשפּאָלטן דעם הימל. אין אָפּענעם אָרון־קודש אַריין האָט דער צוריקגעקומענער אַריינגעשריגן, אַז דער גאָט פון ישׂראל איז דער באַשעפער; און ווען ער האָט אויסגעשריגן צום זיבעטן מאָל „ה׳ הוא האלוקים", איז זיין נשמה אויסגעגאַנגען. רבי לייב האָט זי אויפגעהויבן. ער האָט צום הייליקן שם המפורש צונויפגעלייגט די נשמה וואָס איז געהייליקט געוואָרן.

ה.

איך בין זיך מודה, אַז אין די טעג און וואָכן, וואָס איך האָב זיך אַריינגעלייענט אין לעבן און אין די מעשׂים פון רבי לייב שׂרהס, האָט נישט איין מאָל געטראָפן: מיר האָט זיך געוּומען אויסדאַכטן, אַז לייב שׂרהס איז בכלל אַ פאַנטאַסטישע געשטאַלט און אַז ער איז גאָר קיין מאָל נישט געווען רעאַל. אַ בפירושער קעגנזאַץ צו איוב, וואָרום ער איז קיין מאָל נישט אַריינגעפאַלן אין ספקות און פּאַראָומעטיקטן שווייגן, האָט דאָך אין מיר אויפגעלעבט יענע באַמערקונג וואָס איז נאָך פאַרצייטנס געפאַלן וועגן איוב, אַז ער האָט גאָר קיין מאָל זיך נישט אַרומגעדרייט אויף אונדזער עולם התוהו, און אַז דאָס אַלץ איז בלויז אַ משל.

אין אַזעלכע מאָמענטן, ווען לייב שׂרהס האָט גענומען שוועבן פאַר מיר אין אַ פאַנטאַסטישער צורה, האָב איך אָוועקגעלייגט פאַר מיינע אויגן דעם בריוו וואָס זיין בן־דור, רבי דוב־בער פון מעזריטש, האָט געשריבן, אין אַ רבניש־לומדישן לשון־קודש, וועגן אים. דאָס איז אַ מין המלצה־בריוו וואָס לאָזט נישט איבער דעם מינדסטן ספק, אַז לייב שׂרהס איז דאָך, ביי זיין באַשיינפּערלעך־צעפלאָסענער נישט־דאַיִקייט, ווייט נישט געוואָרן אויסגעקלערט אין דער ווונדערבאַרער פאַנטאַזיע פון אונדזער פאָלק. אָט איז וואָס עס ווערט געזאָגט אין יענעם בריוו: „איך בין פון די אָנזאָגערס בנוגע אָט דעם מאַן יהודה־לייב ברבי יוסף, וואָס ווערט פון אַלעמען גערופן רבי לייב שׂרהס פון ראָוונע (הנקרא בפי כּול רבי לייב שׂרהס מראָווני), וואָס פאַרנעמט זיך מיט אַ גרויסער מצווה, וואָס קיין העכערע פון איר איז נישטאָ, ווי ער וועט דאָס אויסטייטשן פון מויל צו מויל, זאַכן וואָס מען טאָר נישט אַרויסגעבן אין שריפט (דברים שאין להעלותם על הכּתב). בכן אויב עס וועלן אים זען מענטשן, וואָס הערן זיך צו צו מיין שטים, און וואָס פאָלגן מיין באַפעל, איז מיין עצה צו זיין אים צו הילף און צו שטיצן אים, און צו שטאַרקן זיך מיט אַלע אָנשטרענגונגען, סיי מיט זייער גוף און סיי מיט זייער געלט, וואָרום איך זאָג עדות אויף אים, אַז אין זיינע רייד

איז גאָרנישט פאַרדרייט און געקרומט, און קיין פאַלשקייט געפינט זיך נישט אויף זיינע ליפּן... און עס איז נישטאָ קיין גרעסערע מצווה״... (דער בריוו איז צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין סוף פון ספר „דרכי ישרים״ פון רבי מנחם־מענדל פון פּרעמישלאַן, צוויי יאָר נאָך דער פּטירה פון רבי לייב שׂרהס).

מיר מוזן, בכן, אַוועקיאָגן לגמרי די השערה וואָס גנבעט זיך צו אונדז אַריין, אַז רב לייב שׂרהס זאָל אפשר האָבן באַשאַפן געוואָרן אין אינגעווייד פון דמיון פון פאָלק, אויסגעטראָגן דורך זיין ווילן און בענקשאַפט. מיר פאַרשטייען אויך זייער גוט, פאַר וואָס דער מחבר פון בריוו באַמערקט, אַז ער איז נישט בכּוח אָנצוגעבן די פּרטים וועגן דער שליחות, וואָס לייב שׂרהס האָט אויף זיך גענומען. פּדיון שבויים איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס מען האָט געקענט וועגן איר רעדן פריי און אָפן. דאָס אַרויסשרייבן פּרטים האָט געקענט ברענגען אומגליקן אויפן ייִדישן כּלל און שטעלן אין סכּנה סיי יחידים און גאַנצע קהילות.

בכדי אַוועקצונעמען ביי איך און ביי מיר יעדן שאָטן פון ספק בנוגע דעם, צי לייב שׂרהס איז טאַקע אַווירקלעכע געשטאַלט פון אונדזער געשיכטע, און בכדי אַוועקצוטרייבן יעדן חשד בנוגע דער אויטענטישקייט פון ציטירטן בריוו, לאָמיר אויך צוגעבן, וואָס שמעון דובנאָוו — דער היסטאָריקער, וואָס זיינע פאָרשונגען וועגן חסידות מעסטן אָפּט מאָל אויס אַ שאַרפע קריטיק קעגן אָט דער באַוועגונג — האָט צו זאָגן איבער אים: „רבי לייב שׂרהס איז געווען אַ צדיק פון באַזונדערן מין... ער איז געוואָרן באַוווּסט דורך זיין „מלחמה״ מיטן קיסר יאָזעף דעם צווייטן. נאָר דערפאַר מעגן מיר אים צורעכענען צו די גאַליציאַנער צדיקים, וואָרום אַ געבוירענער איז ער געווען פון וואָלין אָדער פּאָדאָליע... ער איז געווען אַ וואַנדערנדיקער צדיק, איינער פון די ל״ו צדיקים נסתּרים פון דער לעגענדע... דער בריוו... דער מגיד פון מעזריטש האָט איבער אים געשריבן, איז געחתמעט: „דוב בער במו׳ אברהם מ״מ דק״ק מעזריטש ודק״ק קאָריץ״... אין דער אמתן טאַקע איז ר׳ לייב שׂרהס געוואָרן אַ העלד פון דער פאָלקס־לעגענדע, ווי אַ צדיק וואָס זאָרגט פאַר אַלע געפּלאָגטע און געיאָגטע... אויך אין דער אוקראַיִנישער ליטעראַטור זענען די פאָלקס־לעגענדעס אַריינגע־דרונגען״...

אָבער וואָס איז ווירקלעך אין לעבן פון רבי לייב שׂרהס און וואָס איז פאַנטאַזיע? ווו פאַרענדיקט זיך דער פאַקט, און ווו שפּרייטן זיך אויס די פליגל פון דער דערציילונג? ווו איז די פּאַסירונג און ווו איז דער סימבאָל?

אין חסידות איז, ווי געזאָגט, די גרענעץ צווישן עובדה און פאַרשטעלונג נישט ממשותדיק, און אייגנטלעך נישט וויכטיק. אין רירנדיקן נוסח וואָס אין אים האָט די פאַרשטעלונג פון פאָלק געצייכנט דאָס לעבן פון רבי לייב שׂרהס, קומט צום אויסדרוק דער פאַרמעסט פון אַ וואָגלענדיקן עלנטן ייִד קעגן דער מעכטיקער וועלט פון רשעות. אין דער שילדערונג, וואָס איר געוועב מעג זיין

די פֿאַנטאַזיע, שפּיגלט זיך אָפּ די אוראַלטע אויסגעפּרובירטע ייִדישע אמונה, אַז וואָרט איז שטאַרקער ווי שווערד; אַז אות איז מער דויערהאַפטיק און אַנט־שיידנדיק ווי פּויסט. אין אָט דער גאַנצער געשיכטע, וואָס איז אויסגעשפּינט געוואָרן אַרום לייב שׂרהס, ווערט סוף־כּל־סוף אויפֿגעוויזן, אַז די לעגענדע איז ווירקלעכער ווי די ווירקלעכקייט.

קען זיין, אַז טאַקע דערפֿאַר האָט די באַוועגונג פֿון חסידות באַוויזן אויפֿצו־רודערן אין אַ גאָר קורצער צייט גרויסע המונים ייִדן און זיי מיטציִען מיט איר אימפּעטפֿולן שטראָם. זי האָט אַנטפּלעקט דעם העכערן אמת פֿון לעבן און זיין.

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער און דער דור פון אוישוויץ

א.

דער וועג פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער איז, פאַרשטייט זיך, געווען דער וועג פון חסידות. דאָס איז דער וועג, וועלכן עס האָט געהאַט אויסגעבויט רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. דאָס איז די שיטה, וואָס האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף הארץ און געפיל. דאָס איז די לערע, וואָס האָט געשפּרודלט מיט וווּנדער־לעכער פרייד און עמאָציע אין פלייצנדיקן ים פון ייִדישע צרות און אַריינגע־הויכט רירנדיקן ענטוזיאַזם און מוט אין נידערגעשלאָגענעם ייִדישן געמיט אין צייטן פון צאָרן און גרויל.

אָבער, ווען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט אָנגעהויבן טראָגן זיין וואָרט צום ייִדישן מענטש אין די שטעט און שטעטלעך אין דער אוקראַיִנע און אין פּוילן, האָט שוין ר׳ ישׂראל בעל־שם־טוב נישט געלעבט. און די לערע פון וואַנדערנדיקן דאָרפס־מלמד פון מעדזשיבאָזש האָט, אין דער אינטערפּרעטאַציע פון זיינע תּלמידים, אָנגענומען די פאַרשידנסטע פאָרמען. די תּלמידים האָבן אַריינגעפירט, ווי מען האָט איבעריקנס געקענט דערוואַרטן, זייערע אייגענע ניואַנסן אין דער פּשטותדיקער און דאָך טיף־מיסטישער תּורה, וואָס איז אַנט־פּלעקט געוואָרן אויף די קאַרפּאַטן־בערג. זיי האָבן איינגעגראָבן אין דער יונגער שפּראָצנדיקער באַוועגונג דעם חותם פון זייער אייגענער פּערזענלעכקייט. דער „מגיד", ווי עס ווערט גערופן אין דער געשיכטע פון חסידות רבי דוב בער פון מעזריטש און אויף וועמענס אַקסלען דער זון פון בעל־שם האָט אַרויפגעוואָרפן זיין ווייסן קאַפּטאַן אָנווייזנדיק דערמיט, אַז דאָס איז ער, דער מגיד, ראוי צו זיין דער נאָכפאָלגער פון גרינדער פון חסידות, האָט אַריינגעברענגט אין דער גייס־טיקער ירושה וואָס איז פאַרבליבן, די אומגעווייגלעכע שאַרפקייט פון זיין אינטע־לעקט. חסידות, וואָס איז אורשפּרינגלעך געווען אַ „תּורה שבלב", דער וועג פון הארץ און צום הארץ, האָטביים מגיד זיך אַנטוויקלט אין אַ לערע פון חריפותדיקן געדאַנק. עס רעדט זיך אין די דרשות־זאַמלונגען פון רבי דוב בער וועגן גאָט און באַשאַף, וועגן מענטש און לעבן, און עס ווערט דאָרט פונאַנדער־

געוויקלט אַ וועלט־באַנעם, וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף דער קבלה און וואָס פּאַר־מאָגט אַן אָפּשיין פון זוהר, אַ וועלט־באַנעם, וואָס וואָגט אַריינצודרינגען אין די סודות פון אוניווערס און פון דער עקסיסטענץ. עס רעדט זיך דאָרט וועגן דער אייגנטימלעכער ראָל, וואָס דאָס פאָלק ישׂראל דאַרף אויספירן אין די געטלעכע פּלענער, און עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז היות ווי אַלץ אין אונדזער לעבן און שטאַרבן איז אַ מיסטעריע, איז טאַקע נישט מעגלעך, אַז איך און דו זאָלן מיר קענען אויפדעקן דעם געהיימנישפולן שלייער, וואָס איז אויסגעשפּרייט איבער אונדז און אין אונדז און משׂיג זיין דעם פאַרוואָס און פאַרוועס פון אונדזערעליידן און פריידן. איך און דו מוזן מיר אָנקומען צו אַ שלימותדיקער, דערהויבענער פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אונדז אָננעמען ביי דער האַנט און אונדז אָנווייזן דעם וועג, וואָס פירט צו גאָט און צו זיך אַליין. דאָס איז אייגנטלעך אַ באַגריף, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט הונדערטער יאָרן פריִער דורכן לערער פון שפּאַנישן ייִדנטום, דעם רמב״ם.

אין די דרשות פון רבי דוב בער האָט די געשטאַלט פון דער שלימותדיקער פּערזענלעכקייט נישט פאַרמאָגט די ראַפינירטע קולטור און אויך נישט די פאַרשער־אייגנשאַפט, וואָס זענען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן דענקער פון קאָרדאָבאַ. ביים רבין דוב בער האָט די שלימותדיקע פּערזענלעכקייט גע־אָטעמט מיט ייִדיש־פּוילישער היימישקייט און אַפילו גערעדט מיט אַ וואָלינער ייִדישן אַקצענט. אָבער סיי ביי דעם רמב״ם, סיי ביים מגיד פון מעזריטש, איז נישט אָפּגעגעבן געוואָרן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פאַר די טאָג־טעגלעכע נויטן און פּראַקטישע באַדערפענישן פון יעדן איינעם פון אונדז; און סיי דאָ סיי דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַנטשיידנדיק פאַרן מענטש און פאַרן ייִד, פאַר זיין גליק און צופרידנקייט, איז די קאָסמישע ראָל, צו וועלכער עס דערהייבט זיך זיין פּערזענלעכקייט.

ווען מען האָט געפרעגט ביי רבי אהרן פון קאַרלין, נאָך דעם ווי ער איז צוריקגעקומען פון אַ באַזוך אין מעזריטש, וואָס ער האָט דאָרט געלערנט, האָט ער געענטפערט: גאַרנישט. האָט מען אים ווידער געפרעגט: וואָס הייסט גאַר־נישט? רבי אהרן האָט דערויף געענטפערט: אין מעזריטש האָב איך געלערנט, אַז איך בין גאַרנישט מיט גאַרנישט. ווי עס זאָגן עדות אויך אַנדערע, וואָס האָבן געזוכט אָנשפּאַר און אינהאַלט אין זייער נאָענטקייט מיטן מגיד, האָט ער נישט דערוואַרעמט זייער האַרץ מיט משלים און מעשׂיות אויפן שטייגער פון בעל־שם. ער האָט אַרויסגערופן ערפורכט. ער האָט דערוועקט הייליקן ציטער. אָבער דער געדריקטער און געפּלאָגטער ייִדישער מענטש, וועלכער האָט זיך געוואָרפן מיט דורשט אויף די קוואַלן פון חסידות, האָט בעצם געגאַרט און געלעכצט נאָך יענעם דערפרישנדיקן כּוח, וואָס האָט מיט אַזוי פיל אימפּעט געשלאָגן פון בעל־שם

און וואָס איז מסוגל געווען אַרויסצופירן דעם ייִד פון זיין יאושדיק־קאַלאַמוטנער איינזאַמקייט.

נישט ווייניקער וואָרענונגען און באַוואָרענישן זענען אַנטקעגנגעגאַנגען דעם ייִדישן מענטש פונעם ספר, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך אַן אַנדערן פון די גרויסע תּלמידים פון בעל־שם. „תּולדות יעקב יוסף" איז דער נאָמען פון יענעם ספר, און זיין מחבר, דער רב פון פּאָלאָנאָי אין וואָליִן, רבי יעקב יוסף, האָט בלי־ספק אומגעהויער וויכטיקע פאַרדינסטן פאַרן אויסוואוקס פון דער נייער באַוועגונג. ער איז אומבאַדינגט איינער פון די שאַרפסטע און בייסיקסטע פּאָלעמיק־שרייבער אין אונדזער גאַנצער ליטעראַטור. זיין שניידיקע קריטיק קעגן די דערשיינונגען פון מאָראַלישער געפאַלנקייט אויף וועלכע ער ווייזט אָן אין זיין חיבור, האָט אויפגעשוידערט די געמיטער. און די זעלבע אויפטרייסלונג באַהערשט אונדז אויך, ווען מיר בלעטערן אָט דאָס ספר היינט, קרוב צוויי הונדערט יאָר נאָך זיין דערשיינען.

דער רב פון פּאָלאָנאָי קריטיקירט, טאַדלט, זאָגט מוסר, שטעמפּלט מיט אייפער און געוואַגטקייט די הימל־שרייענדיקע עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן פון מענטש אַנטקעגן מענטש, און וואָס זענען נאָך מער ווייטיקלעך און שענדלעך, ווען זיי ווערן באַגאַנגען דורך אַזעלכע פון וועמען מען האָט צום ווייניקסטנס זיך געקענט דערוואַרטן ריכטן, דורך רבנים, פּרנסים פון קהל, מנהיגים פון פאָלק ישׂראל. אין שטורעם פון זיין אומדערשראָקענער קריטיק ווערט קיינער פון די תּקיפים נישט געשאָנעוועט. אמת: דאָס ספר פון רבי יעקב יוסף האָט פאַר זיך דערוואָרבן רום ווי אַ קלאַסישער חיבור פון באַגינען פון דער חסידישער ליטעראַטור. אָבער אויך פראַגן האָבן זיך אַרויסגערוקט: צי איז ווירקלעך דער עיקר אין דער תּורה פון בעל־שם געווען דאָס טאַדלען, דאָס אויסרעכענען די חטאים, און אַזוי אַרום נאָך מער פאַרגרעסערן דאָס שולד־געפיל ביים ייִדישן מענטש און אַריינגעבן נאָך מער ביטערניש אין די הערצער, וואָס זענען גענוג פאַרביטערט? צי האָט נישט ר' ישׂראל בעל־שם־טוב אַראָפּגענידערט פון די קאַרפּאַטן־בערג נאָר כּדי אויפצוהייבן די געפאַלענע און גיסן באַלזאַם אויף די וווּנדן? צי האָט נישט חסידות, אַזוי ווי זי איז אויסגעשפּינט געוואָרן דורך איר לערער און באַגרינדער, באַדאַרפט זאָגן ווייניקער מוסר דעם עולם און זיך באַשעפטיקן מער מיטן מלמד־זכות זיין אויף ייִדן, אפילו ווען זיי קייקלען זיך אַראָפּ אין אָפּגרונט פון זינד?

די כּוונות, וועלכע זענען אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער תּורה פון חסידות דורכן רבי פון ליאָזנע אין וויסרוסלאַנד, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן ווי רבי שניאור זלמן פון ליאַדי, האָבן נאַטירלעך אַרויסגערופן געוואַלדיקע באַוווּנדערונג פאַרן שעפער פון ליובאַוויטשער חסידות און פאַר זיין ווערק, דער „תּניא". דערשיינט דאָך אין אָט דער אָריגינעלער אינטערפּרעטאַציע רבי שניאור

זלמן דער ריז פון דער הלכה, דער מייסטער פון טיפן געדאַנק און איינער פון די שאַרפסטע אינטעלעקטן אין דער געשיכטע פון יידישער גייסטיקייט. אָבער מען מוז זאָגן, אַז אָט דער נייער דרייסטער אויסטייטש און פאַרטייטש האָט אויך אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג. און נישט בלויז ביי די קעגנער פון דער חסידישער באַוועגונג, נאָר אויך ביי נאָענטע און אָנהענגער. אין „תניא" האָט די תורה פון בעל־שם אָנגענומען, דאַכט זיך, אַ נייע צורה. זי האָט מער נישט באַצווונגען מיט איר האַרציקייט און פשטות. זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פילאָסאָפי־שער שיטה. זי האָט געקלעטערט צו די שטאַפּלען פון גריבלענדיקן שׂכל. זי איז אַליין געוואָרן, לויטן געדיכטן לשון פון רבי פון ליאָזנע, חכמה, בינה, דעת, און אין סך־הכל האָט זי אויפגעהערט צו זיין צוגענגלעך פאַרן איינפאַכן מענטש פון המון. און צי איז דען טאַקע דאָס: חסידות, אַזוי ווי זי האָט באַדאַרפט זיין אין די טעג פון איר בראשית? צי האָט זי אויך אין דאָזיקן אומדערוואַרטן און נייעם לבוש געקענט גלעטן דאָס געמיט און צערטלען און טרייסטן די אַנגעווייטיקטע יידישע נשמה?

עס האָבן, אמת, דעמאָלט אויך זיך אַרומגעדרייט איבער די שטעטלעך און דערפער פון וואָלין און פּאָדאָליע נאָכפאָלגער פון בעל־שם, וועלכע האָבן נישט דערגרייכט דעם רום פון מגיד אָדער פון מחבר פון „תניא", אָבער וועלכע האָבן דאָך פונאַנדערגעטראָגן און פאַרקערפּערט די אידייע פון חסידות אויף זייער אייגענעם נוסח און שטייגער. רבי משה לייב פון סאָסעוו האָט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט דעם ייִד, זיינע נויטן און ליידן, זיינע וויייען און געברויכן, זיינע חלומות און האָפענונגען. ער אַליין האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן היילן אָרעמע, קרעציקע יידישע קינדער. רבי משה לייב סאָסעווער פלעגט באַשמירן די קרעציקע קינדישע קעפּעלעך מיט זאַלבן, פאַרבינדן די ווונדן און דערביי פּילן גליק, וואָס אים באַשערט צו פאַרלייכטערן די יסורים פון די קינדערלעך. נישט איין מאָל איז אים אויסגעקומען אויסצוזויגן מיטן אייגענעם מויל דעם אייטער פון די קינדישע געשווירן, און ער האָט דאָס געטאָן מיטן פולן באַוווסטזיין פון ייִד, וואָס איז מקיים די מצווה פון „אהבת ישׂראל" מיט האַרץ און נשמה. אין חסידישן ספר „מעשׂה צדיקים", ווערט טאַקע וועגן רבי משה לייב דערציילט די געשיכטע, וואָס האָט שפּעטער אַרומגעוואַנדלט אין פאַרשידענע נוסחאות און איז מיטן לויף פון דער צייט צוגעשריבן געוואָרן אַנדערע צדיקים.

דער רבי פון סאָסעוו האָט איין מאָל, אין דער נאַכט פון כל־נדרי, גייענדיק אין שול אַריין, דערהערט דאָס קול פון אַ וויינענדיק קינד, וואָס איז צו אים דערגאַנגען פון אַ הויז. עס איז געוועזן פאַר אים קלאָר, אַז דאָס קינד איז איבער־געלאָזט געוואָרן אַליין דורך זיינע עלטערן, וועלכע געפינען זיך זיכער אין שול. איז ער, בכן, אַריין אין יענעם הויז און אַוועקגעזעצט זיך איינשטילן און באַרויִקן

דאָס כליפּענדיקע קינד. פֿאַר אים איז דאָס איינשטילן די דאָזיקע טרערן געווען וויכטיקער און טייערער, ווי זיין מיטן עולם אין דער נאַכט פון יום־כּיפּור. אין דער באַקאַנטער דערציילונג פון י. ל. פּרץ „אויב נישט נאָך העכער" ווערט נישט אָנגעגעבן דער נאָמען פון חסידישן רבי, וועלכער פּלעגט אין די סליחות־פרימאָרגנס זיך אָווועקלאָזן אין וואַלד, האַקן דאָרט האָלץ און דערנאָך איינהייצן די וווינונג פון דער אָרעמער און קראַנקער אלמנה. אָבער י. ל. פּרץ האָט זיין דערציילונג באַאַרבעט אויפן סמך פון מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געלייענט אין ספר „מעשׂה צדיקים", און דאָרט ווערט פאַרצייכנט, ווער דער דאָזיקער מערק־ווירדיקער רבי איז געווען. דאָרט ווערט געזאָגט, אַז משה לייב סאַסעווער האָט אַזוי געטאָן, און אַז דער רבי פון זשידיטשאָוו האָט דאָס אַליין בייגעווינט, ווען ער איז געווען ביים רבין משה לייב.

עס האָט אין יענע צייטן און אין יענע מקומות זיך אומגעקערט צו דער אָריגינעלער תּורה פון הארץ, וואָס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן דורכן בעל־שם, רבי מאיר פון פּרעמישלאַן. ער האָט כסדר איבערגעחזרט, אַז אין וועג פון מענטש און ייִד אַנטשיידן נאָר די געפילן פון גוטס און באַרעמהאַרציקייט פון מענטש. און נישט דווקא פון ייִד. דער רבי פון פּרעמישלאַן האָט אַריינגעלייגט טיפע דביקות אין דער תּפילה, וואָס מיר ווענדן צו גאָט: „כּי אתּה שומע תּפילת כּל פּה", דו, אָ גאָט, פאַרנעמסט דאָס געבעט פון יעדן איינעמס מויל.

מען קען אויך נישט אַדורכלאָזן פון דער ריי מערקווירדיקע געשטאַלטן, וואָס קוקן צו אונדז אַרויס פון יענער תּקופה, רבי זאב וואָלף זבאַריזשער, וועלכער האָט אויף זיין פּשטותדיקן שטייגער גערופן אַרומצונעמען מיט ליבשאַפט און חמימות נאָענטע און ווייטע. אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, ווען דער בעל־עגלה איז געשטאַנען אין דרויסן און געהיטן די פערד, האָט זאב וואָלף זבאַריזשער אַריינגעיאָגט דעם בעל־עגלה אין הויז אַריין, און ער אַליין האָט זיך אַוועקגעשטעלט היטן די פערד, און טאַקע שיעור נישט פאַרפרוירן געוואָרן פון דער בייסיקער קעלט. ביי יעדער געלעגנהייט האָט דער דאָזיקער רבי פון פֿאָלק נישט פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז דער ייִד אין זיין טאָגטעגלעכן האַווען און וואַנדלען בייטיקט זיך נישט אין שטראָף און אין מוסר, נאָר גראָד אין אויפ־ריכטיקן מיטגעפיל און טרייסט. אַזאַ איז אויך געווען דער וועג צו גאָט און מענטש פון רבי מנחם מענדל פון קאָסאָוו, וועלכער האָט אין „אהבת ישׂראל" געזען די עיקר־אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן צו דערפילן און צוליב וואָס ער אַליין און מיר אַלע האָבן מיט אונדזערע נשמות אַראָפּגענידערט אין דעם דאָזיקן טאָל פון טרערן.

אָבער ביי אַלץ, און ביי דער גאַנצער קאָלירפולקייט, מיט וועלכער עס האָט שימערירט די וואַקסנדיקע חסידות־באַוועגונג, האָט אין איר געפעלט דער לערער, וואָס זאָל אין זיך פאַרייניקן די רירנדיק־מענטשלעכע אייגנשאַפטן פון אַ רבי

משה לייב פון סאַסעוו און דעם דענקער־טאַלאַנט פון אַ רבי דוב־בער פון מעזריטש. עס האָט געפעלט דער צדיק, וואָס זאָל איינגראָבן אין דער באַוועגונג, וואָס האָט געשלייכט אויף די פאַרשידנסטע וועגן און אומוועגן, דעם חותם פון טיפן געדאַנק און פון גליַענדיקן געפיל, און וואָס זאָל נאָך דערצו קענען אַרויפוואַרפן אויף די מענטשן דעם צויבער פון זיין פערזענלעכקייט. עס האָט געפעלט דער לערער, וואָס זאָל אַליין זיין אַ פאַרקערפּערונג פון דער וואָכנדיקער און רויער טאָגטעגלעכקייט און פאַרט זיין כולו אַ געוועב פון דיכטונג און לעגענדע.

ווייל די ציטן זענען געווען שווערע, אַ תקופה פון זוכענישן, פון אומזיכערקייט און קריזיס. די גרויסע מערהייט פון ייִדישן פאָלק איז דאַן געווען קאָנצענטרירט אין מזרח־אייראָפּע. און די לעצטע יאָרצענדליקער פון אכצנטן יאָרהונדערט, און דער באַגינען פון נײַנצנטן, האָבן אָנגעשליידערט אָן אַ שיעור האַרבע פּראָבלעמען און אַ מוראדיקע אַנגסט. די פּוילישע מלוכה איז זיך פונאַנדערגעפאַלן. און מיטן קראַכנדיקן פּאָליטישן בנין, זענען ייִדן געוואָרן אָפּהענגיק פונעם קאַפּריז פון יעדן צייטווייליקן מושל, און אין גאַנצן הפקר. די פראַנצויזישע רעוואָלוציע, וואָס אירע הילכיקע אָפּקלאַנגען זענען דערגאַנגען אויך צו די ייִדישע קיבוצים, און די נאָכקומענדיקע נאַפּאָלעאָן־מלחמות, האָבן נאָך מער פאַרשטאַרקט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע צערודערונג, און אויך אַריינגעבערענגט אַ גייסטיקע צעמישעניש. אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין וואַקלדיק, דערשיטערנדיק, אויפטרייסלענדיק. און אויך די תורה און די באַוועגונג פון חסידות, וואָס האָבן מיט איין אָדער צוויי דורות פריִער אויסגעזען צו זיין אַן אָנשפּאַר פאַרן ייִד אין דער וועלט, וואָס פאַלט זיך פונאַנדער, זענען בעצם געשטאַנען אויפן שיידוועג.

ב.

אין פינפטן יאָרצענדליק נאָך דעם אומקום פון די מיליאָנען ייִדן אין די גאַז־קאַמערן פון אוישוויץ און טרעבלינקע באַצווייגען אונדז אין דער נאָענטווייטער געשטאַלט פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער די גלייכגעוויכט מיט וועלכער ער האָט אויפגענומען די צרות און ליידן, וואָס האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף אים אַליין, און דער צאָרנפולער שטורעם, וואָס האָט אין אים אויפגעקאָכט אויג אויף אויג מיט דער פּיין און ווי, וואָס זענען באַפאַלן דעם כלל. דער בערדיטשעווער האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון דורות, צוליב זיינע שאַרפע וויכוחים און טענות מיט גאָט, ווי דער גרויסער מאָנער פון גערעכטיקייט פאַרן פאָלק. אָבער דער זעלבער לוי יצחק איז אויך געווען שטיל און געדולדיק, ממש אַ „באַנטשע שוויַיג", ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין אייגענער פערזאָן. מען רופט אים „בערדיטשעווער", אָבער אין בערדיטשעוו האָט ער בלויז געווינט

די לעצטע פֿינף און צוואַנציק יאָר פֿון זיין לעבן. ער איז געווען געצוווּנגען צו וואָגלען פֿון אָרט צו אָרט. ער איז געוואָרן געטריבן און אַרויסגעטריבן פֿון קהילות, ווו ער האָט געפּרוּווט אויפשטעלן זיין געצעלט. אַ שטיק ייִדישע געאָגראַפֿיע פֿון מזרח־אייראָפּע האָט ער אויסגעמאָסטן מיט זיין וואַנדער־שטעקן. הוסיאַקאָוו, זאַמאָשטש, לובאַרטאָוו, ריטשעוואָל, פּינסק, זענען נאָר אייניקע נעמען פֿון שטעט און שטעטלעך, וועלכע זענען פֿאַרבונדן מיט זיין לעבן און ווירקן. טאַקע פֿון פּינסק ווו ער איז געווען בעל דרשן און רב, איז ער אַרויסגעטריבן געוואָרן. דאָס זעלבע איז געשען אין זשעלעכאָוו. מ׳האָט דאָרט אין טאָג פֿון הושענא־רבא אַרויפֿגעוואָרפֿן זיין ביסל אָרעמקייט אויף אַ וועגעלע און אים און זיין הויזגעזינד פֿאַריאָגט פֿון דער שטאָט. וואָס האָט מען געהאַט צו אים? לוי יצחק האָט געגלויבט, אַז די אידייע פֿון חסידות קאָן באַרייכערן און דערהייבן דאָס ייִדישע געמיט; און זיינע קעגנער האָבן באַטראַכט חסידות ווי אַ געפֿאַר. דאָס איז געווען אַ צייט פֿון ביטערן קאַמף צווישן חסידים און מתנגדים. דער בערדיטשעווער איז גראָד געקומען פֿון אַ מתנגדישער היים. אָבער ער איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון דער חסידישער תּורה און פֿון חסידישן לעבנס־שטייגער. ער האָט דעם בעל־שם קיין מאָל נישט באַגעגנט. ווען ישׂראל בעל־שם־טוב איז אַוועק פֿון דער וועלט, איז לוי יצחק אַלט געווען צוואַנציק יאָר. אָבער אין זיין געדאַנק און געפֿיל האָט דער בעל־שם תּמיד געלעבט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז מיטן שליאַך פֿון חסידות קאָן מען דערגרייכן צו גאָט, און אויך דערגרייכן צום מענטש. זיינע קעגנער האָבן נישט געצווייפֿלט אין זיין לומדות און גאונות. אַפֿילו דער באַוווּסטער מתנגד, דער בריסקער רב אַברהם קאַצענעלבויגן, וואָס מיט אים האָט לוי יצחק געפֿירט אַן עפֿנטלעכן וויכּוח אין פּראָגע, די פֿאַרשטאָט פֿון וואַרשע, האָט אָנערקענט, אַז דער דאָזיקער רעפּרעזענטאַנט פֿון דער חסידי־שער מחשבה, איז אַ גאון. און אויך יענער סקעפּטישער מתנגד, וועלכער האָט מיט שפּאָס זיך צוגעקוקט צו דער התלהבות, מיט וועלכער לוי יצחק פֿלעגט דאַווענען, האָט געמוזט מודה זיין, אַז עפּעס האָט זיך אין אים גענומען רירן, ווען דער בערדיטשעווער האָט אויסגעוויינט די תּפֿילה „און דער אויסלייזער וועט קומען קיין ציון און צו די, וואָס ווענדן זיך אומקערן פֿון זייערע זינד" („ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב"). אָבער פֿאַרט האָט מען נישט פֿאַרטראָגן דאָס פֿייער, מיט וועלכן ער האָט געטראָגן זיין וואָרט.

לוי יצחק, אָדער ווי מען האָט אים גערופֿן מיטן פֿאַמיליע־נאָמען דערבאַרעמדיקער („דערבאַרעמדיקער גאָט", איז משמעות געווען די פֿראַזע, וואָס מיט איר האָט ער זיך גאָר אָפֿט באַנוצט), האָט די באַליידיקונגען און אַנטווישונגען אַראָפּגע־שלונגען מיט זעלטענער רו. ער פֿלעגט מתפּלל זיין, אַז צו די, וועלכע האָבן אים שלעכטס געטאָן זאָל חלילה קיין בייז נישט געשען. ווען אַ פֿרוי האָט איין מאָל אַראָפּגעוואָרפֿן אַ הויפֿן מיסט אויף זיין קאָפּ, האָט ער ווייטער געצויגן זיין געלאַ־

סענעם טריט צום בית־המדרש גלייך ווי גאַרנישט וואָלט פאַרגעקומען. ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל און געבעטן ביי גאָט, אַז ער זאָל די אידענע נישט באַשטראָפן. וואָס קענסטו דען האָבן צו איר — האָט ער געזאָגט — זי האָט דאָך געמיינט אַזוי אַרום צו טאָן דעם רצון פון איר מאַן... היסטאָריקער פון חסידות, וואָס צייכענען זיך נישט אויס מיט צו גרויסער פאַרשטענדעניש פאַר דער דאָזיקער באַוועגונג און פאַר איר באַדייטונג אין דער יידישער געשיכטע, באַהאַנדלען די געשטאַלט פון בערדיטשעווער מיט שטויגענדיקער סימפּאַטיע. שמעון דובנאָוו פאַרלירט, דאַכט זיך, אינעם קאַפּיטל וואָס ער ווידמעט רבי לוי יצחקן אין זיין „געשיכטע פון חסידות", די קאַלטקייט פון פאָרשער. אויך פאַר אים איז דער בערדיטשעווער געווען „אַנדערש".

אַ פאַקט איז, אַז גאַרנישט האָט אין בערדיטשעווער געקענט אויסלעשן זיין הייסע ליבשאַפט צום יידישן מענטש. ער האָט זיך געפילט מיטפאַראַנטוואָרטלעך, אויב טאַקע נישט בפירוש פאַראַנטוואָרטלעך, פאַרן גורל פון יחיד און פון כלל. נח פון חומש, פון די צייטן פון מבול, האָט אים נישט אימפּאַנירט, ווי אַ מוסטער פון אַ צדיק. ער קאָן אַפילו נישט דינען ווי אַ ביישפּיל פאַרן סתם ייד. נח האָט נישט געזאָרגט גענוג פאַרן מיטמענטש. ער איז געווען צו פיל באַשעפטיקט מיט זיך אַליין. ערשט אַברהם האָט מיט זיין געפיל אַרומגענומען וועלט און מענטש. און אַברהם האָט זיין אומרו נישט אויסגעדריקט אין בויען אַ תיבה פאַר זיך און פאַר נאָך אַ פּאָר אייגענע, נאָר אין בויען אידייען, וועלכע זאָלן אַרויסרופן אַן איבערקערעניש אין די מוחות. ער האָט געמאָנט גערעכטיקייט אַפילו פאַר די רשעים פון סדום. דער בערדיטשעווער, וואָס איז געווען אַזוי מילד און ווייך צו אַנדערע, איז צו זיך אַליין געווען האַרב און שטרענג. ער האָט געפאָדערט ביי זיך מער מענטשלעכקייט, מער אידלקייט, מער יידישקייט. די תורה הייבט זיך אָן מיט אַ „בית" (בראשית), האָט ער געזאָגט, און אויך אין דער גמרא הייבט זיך אָן יעדע מסכתא מיט דף ב׳, כדי אונדז צו באַווייזן, אַז וויפל מיר זאָלן נישט פאָרשן און חקרנען און לייטערן זיך, זענען מיר נאָך אַלץ נישט צוגעקומען צום אַלף, און מיר האַלטן נאָך אַלץ פאַרן אָנהויב.

מ׳האָט אויף אים אין זיין צייט געקוקט, ווי אויפן איבערגעגעבענעם מליץ־יושר. און אַזוי קוקן מיר אויף אים כסדר. עס איז קוים מעגלעך צו געפינען אין אונדזער טויזנטיעריקער געשיכטע אַ צווייטן, וואָס זאָל האָבן מיט אַזוי פיל דויערהאַפטיקן ענטוזיאַזם פאַרטיידיקט און פאַרענטפערט דעם יידישן מענטש. נישט געווען צו מאָל קיין איבעררייס אין זיין אומאויפהערלעכן מלמד־זכות זיין, מיט אומדערשעפּלעכער ענערגיע האָט ער געוואָלט איבערצייגן אונדז אַלעמען, אַז דאָס זענען די רדיפות און דער עלנט, דער גלות און די גזירות, שולדיק אינעם ביסל שאָטן, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין יידישן געוויסן. אָבער אין תוך פון זיין נשמה איז דער ייד — גוט. ערב יום־כיפור פאַר נאַכט, בעת דער עולם

איז שוין געווען פֿאַרזאַמלט אין בית־מדרש צו כל־נדרי, האָט ער גענומען מיט אַ ליכט אין האַנט זוכן עפּעס אונטער די בענק. ווען מען זוכט איר, רבי? — האָט מען אים געפרעגט. ער האָט געענטפערט: איך זוך אַ שיכּורן ייִד און איך קאָן אים נישט געפינען. און באַלד האָט ער זיך צעשמועסט מיטן רבונו־של־עולם: זע, גאָטעניו, וואָס פֿאַר אַ טייער פֿאָלק דײַנע ייִדן זענען. דו האָסט זיי באַפוילן צו עסן און צו טרינקען ערב יום־כּיפּור, און זיי נאָך צוגעזאָגט, אַז ווער עס עסט און טרינקט ערב יום־כּיפּור, איז גלייך ווי ער וואָלט געווען געפאַסט יום־כּיפּור. ווען די אומות־העולם וואָלטן געהאַט אַזאַ טאָג, וויפֿל וואָלטן זיך איצט געוואַלגערט אין בלאָטע, וויפֿל וואָלטן געווען פֿאַרווונדעטע און געהרגעטע! גיב אָבער אַ קוק אויף דײַנע ייִדן: ביי טאָג האָבן זיי מקיים געווען דײַן מצוה, געפּראַוועט יום־טובדיקע סעודות, און אַצינד, ביי זון־אונטערגאַנג, זענען זיי שוין אַלע דאָ אין בית־המדרש, קיינער איז נישט שיכּור, אַלע שטייען אויף די פֿיס, געריינ̇יקטע, געהייליקטע, גרייט תּשובה צו טאָן מיטן גאַנצן האַרץ. צי פֿאַרדינען זיי שוין נישט צוליב דעם, אַז דו זאָלסט זיי שענקען אַ גוט יאָר?!...

אַן אַנדערש מאָל ווידער, ערב־פּסח אין דער פֿרי, נאָך ביעור חמץ, איז ער אַרויס אין מאַרק. טרעפֿט ער אָן אַ גוי, וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט שמוגלען סחורה איבער דער גרעניץ. פֿרעגט ער ביי אים: האָסטו אויסלענדישע זײַדנס? ענטפֿערט אים דער שמוגלער: יאָ, איך האָב. פֿרעגט ביי אים דאָן דער בערדי־טשעווער: וויפֿל איילן האָסטו? זאָגט אים דער גוי: איך קאָן קריגן פֿאַר דיר וויפֿל דו ווילסט. גייט רבי לוי יצחק אַוועק פֿון אים און באַגעגנט אַ ייִד. שטעלט ער אים די פֿראַגע: האָסטו ביי זיך עפּעס חמץ? ענטפֿערט יענער אָפּ אַ פֿאַר־ציטערטער: חמץ? חלילה, רבי. איך האָב אַלץ מבער־געווען. שטעלט זיך דער בערדיטשעווער אַוועק רעדן מיט גאָט: אוי, וואָסער גוט און וויל פֿאָלק דו האָסט. דער רוסישער קייזער איז אַ מלך אדיר, ער האָט מעכטיקע חיילות, מיט געווער, מיט תּפֿיסות, האָט ער פֿאַרבאָטן אַרײַנצופֿירן סחורה פֿון אַנדערע מדינות און אַוועקגעשטעלט אויף דער גרעניץ אַ וואַך, וואָס היט טאָג און נאַכט, און דאָך פֿירט מען אַרײַן כּלערליי סחורות, און מען פֿאַרקויפֿט זיי הפֿקר־פֿריי. און דו, גאָטעניו, האָסט געשריבן אין דײַן הייליקער תּורה איין פּסוק: „לא יראה לך חמץ״, עס זאָל זיך נישט אָנזען קיין חמץ ביי קיין ייִד; און נישטאָ קיין ברעקל דערפֿון אין קיין שום ייִדיש הויז!...

אויך פֿאַלן, וואָס וואָלטן געקענט פֿאַראומערן און דערצערנען, האָבן דעם בערדיטשעווער נישט אַראָפּגעפֿירט פֿון זײַן שליאַך. דער בעל־עגלה, וואָס האָט געשמירט די רעדער פֿון זײַן וואָגן, בעת ער האָט געדאַוונט און איז געווען אָנגעטאָן אין טלית און תּפֿילין, האָט ביי אים אַרויסגערופֿן אָנערקענונג און באַוווּנדערונג, וואָס ער דאַוונט אַפֿילו אין מאָמענט, ווען ער שמירט די רעדער. דער משׂכּיל, וואָס האָט געראויכערט זײַן ליולקע אין שבת און מודה געווען פֿאַרן

בערדיטשעווער, אַז ער רויכערט, הגם ער ווייסט אַז עס איז שבת, האָט אים אָנגערעגט צו אַ געשפּרעך מיט גאָט, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין התפּעלות פאַרן משׂכּיל, וועלכער וויל דאָך באין־אופן נישט זאָגן קיין ליגן. פון אַלע קאַנדידאַטן אויף אַ בעל־תּוקע אויף ראש־השנה, און צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפונען חסידישע, לומדישע ייִדן וואָס האָבן אַרויסגעוויזן באַהאַוונטקייט אין די דינים און כּוונות פון תּקיעת שופר, האָט ער דווקא אויסגעקליבן דעם פּשוטן ייִד, וואָס האָט אים פאַרטרויט, אַז ער איז מכוון בעת תּקיעת שופר, אַז גאָט זאָל אים צושיקן זיווגים פאַר זיינע פיר טעכטער, פאַר וועלכע ער האָט נישט קיין נדן. אָט אַזאַ בעל־תּוקע זוך איך! — האָט ער אויסגערופן — דער דאָזיקער ייִד איז מכוון די אמתע כּוונות!...

אין אַ דור, וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל דערווייטערט פונעם אָריגי־נעלן חסידות־וועג פון בעל־שם, האָט די פּערזענלעכקייט און די אויפפירונג פון בערדיטשעווער אָנגעיאָגט די איבערלעבונגען און דערפאַרונגען פון אַמאָל. דאָס וואָס האָט פּאַסירט אין איינעם אַ ראש־השנה מיט רבי לוי יצחק, דערמאָנט די געשיכטע מיטן פייפל פון פּאַסטוך, אין וועלכן ישׂראל בעל־שם־טוב האָט דער־הערט די טיפסטע תּפילות. דער בערדיטשעווער איז ראש־השנה פּלוצלונג גע־בליבן שטיין אין מיטן מוסף און געוואַרט, און געוואַרט. ער האָט געמוזט מאַכן אַ לאַנגן איבעררייס און וואַרטן, האָט ער שפּעטער דערקלערט דעם עולם, וויל אין פּאַליש ביי דער טיר איז געזעסן אַ ייִד, וועלכער האָט תּמיד געלעבט אין דאָרף צווישן גויים און נישט געקאָנט דאַוונען. ער האָט קוים געדענקט אַ ביסל דעם אַלף־בית. האָט דער ייִד אָנגעהויבן וויינען און בעטן ביים רבונו־של־עולם, אַז ער זאָל אים העלפן צוזאַמענשטעלן די תּפילות פון די אותיות פון אַלף־בית. נו, האָט מען דעריבער געמוזט צוואַרטן... גענוי ווי דער בעל־שם, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט די אָרעמע און פּראָסטע.

ווען ער איז פאַר פּסח אַרומגעגאַנגען איבער די בעקערייען און אַכטונג געגעבן אויף דער כּשרות פון די מצות, איז זיין ערנסטע און האַרציקע זאָרג געווען, אַז די בעקער זאָלן נישט צו שווער אַרבעטן מיט די געדונגענע ווייבער און קינדער. עס איז, פאַרשטייט זיך, אַ ווייטער בלבול, וואָס אונדזערע שׂונאים האָבן אויסגעטראַכט, האָט ער באַמערקט, אַז מיר ייִדן באַקן מצות מיט גוייִש בלוט, אָבער אויך באַקן מצות מיט ייִדיש בלוט, מיט בלוט פון אָרעמע ייִדישע קינדערלעך, איז שטרענג פאַרבאָטן. דער בערדיטשעווער האָט מיטגעלעבט מיט דיליידן און פריידן פון ייִדישן מענטש, און באַגערט צו פאַרלייכטערן זיין גורל און גלייכצייטיק אויפהייבן זיין גייסט. דער צדיק פון קאָזשעניץ האָט באַוווּנדערט אין לוי יצחק זיין כּוח אַריינצושפּינען קדושה אין וואָכנדיקע ענינים. דער העברעיִ־שער השׂכּלה־שרייבער אַברהם בער גאָטלאָבער דערציילט אין זיינע יוגנט־זכרונות,

ווי שטאַרק עס איז געוואַקסן די התלהבות פון בערדיטשעווער, ווען ער האָט באַוויזן אַריינצוברענגען אַ ביסל פרייד אין פאַרוואָלקנטן ייִדישן געמיט.

די טיפע זאָרג פאַר די טאָג־טעגלעכע נויטן פון ייִד און דער האַרציקער גלויבן אין זיין מעגלעכקייט צו קלעטערן צו העכער מענטשלעכקייט און ייִדישקייט, זענען פאַקטיש די טעמעס פונעם ספר, וואָס רבי לוי יצחק האָט געשריבן: „קדושת לוי״. נישט געקוקט אויף זיין עלטער — דאָס ספר איז געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין יאָר 1798 אין סלאַוווטע — איז דער חיבור פון בערדיטשעווער ווייט נישט פאַרעלטערט. דאָס איז אַ זאַמלונג פון דרשות אויף די פרשיות פון דער תורה, און זיי קומען מיר אויס צו זיין מער אַקטועל, ווי פיל פון די דרשות־זאַמלונגען, מיט וועלכע עס איז רייך דער ביכער־מאַרק אין אונדזער צייט. זיי אָטעמען ממש מיט היינטצייטיקע ייִדישע פּראָבלעמען. ייִד און וועלט, ייִדישער פּיין, דער „פאַרוואָס״ פון אונדזער קיום. גרויזאַמע פראַגע־צייכנס ווערן אַרויסגערוקט. און אינעם פאַרמעסט צו געבן באַשייד זענען צונויפגעפלאָכטן אינטעלעקט און געפיל. דער גאָט פון ישׂראל נידערט אַראָפּ צו גימפּלען און צו בערלען, און ער ברויך זיי האָבן. גאָט ברויך האָבן דעם מענטש. ער איז קעניג, ווען איך און דו קרוינען מיר אים פאַר מלך. ער איז דער טרעגער פון אונדזער ווילן, געענוי ווי מיר זענען די, וואָס דאַרפן פאַרקערפּערן אין זיך זיין רצון. דער פּרק, וואָס ייִדן זאָגן אין די זומערדיקע שבתים, דאַרף אויסגעטייטשט ווערן ריכטיק און גענוי. „דע מה למעלה ממך״ — „ווייס וואָס עס איז פאַראַן איבער דיר״ — באַדייט: זיי וויסן, אַז אויך דאָס וואָס ווערט געטאָן אין הימל, איז — פון דיר, דורך דיר און נאָר פאַר דיר. נישט בלויז מיר קענען נישט אויסקומען אָן דער ליבשאַפט און וואַרעמקייט פון גאָט, נאָר גאָט וואָלט פאַרבליבן איינזאַם און עלנט אָן אונדז.

אָבער די מיסטישע אינטערפּרעטאַציע פון גאָט און ייִד, פאַרוויגט זיך נישט ביים בערדיטשעווער אין אַן איבערערדישן ניגון. זי ווערט אינעם דאָזיקן ספר פון דרשות אָנגעווענדט אין אַ פּראַקטישער אָנווייזונג: אויב ייִדן זענען טאַקע אַזאַ שטאַרקער יסוד פון דער געטלעכקייט, טאָר מען אויף זיי נישט רעדן קיין שלעכטס. „אין שום אדם רשאי לומר על ישׂראל שום דבר רע״ — קיינער טאָר נישט לאָזן פאַלן קיין בייז וואָרט אויף אַ ייִד. דאָס איז נישט בלויז אַ פּסק־דין. דאָס איז אַ טייל פון קאָסמישן סדר פון וועלטבאַשאַף. אויב פאַרהעלטעניש און באַדינגונגען צעשטערן און פאַרקרימען דאָס לעבן פון דער „כנסת ישׂראל״, ווי דאָס ייִדישע פאָלק ווערט אָנגערופן אין ספר „קדושת לוי״, קאָנען זיי אָבער באַאין־אופן נישט אַרויסרייסן דעם זין און אייגנטלעכן אינהאַלט פון ייִדישן וועג דורך דורות. ער, דער בערדיטשעווער, לוי יצחק בן שׂרה־סאַסיע, גאַראַנטירט דעם בורא, אַז אויב ער וועט זיין אַ „טוב ומיטיב״, און העלפן זיין פאָלק אין

דער צייט פון נויט און וויי, ווען אויך דער שטויב, וואָס האָט זיך אַנגעקליבן אין הור־האָ פון טאָג־טעגלעכן געראַנגל, פאַרשווינדן.

דאָ און דאָרט הייבט זיך אויף אין ספר די מוראדיקע פראַגע, וועלכע עס האָבן אפשר אויסגעמיטן צו שטעלן אַנדערע לערער פון ייִדנטום, אָבער וואָס רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט זי אַוועקגעשטעלט מיט דער פולער געוואַגט־קייט: פאַר וואָס טרינקט זיך אָט־די באַליבטע און געהייליקטע „כנסת ישׂראל“ אין טייכן בלוט און טרערן? די איוב־פראַגעס האָבן אים נישט אַריינגעטריבן אין פאַרביטערונג. דער בערדיטשעווער האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט, ווי איוב אויף דער ערד און אַריינגעפאַלן אין טיפן שווייגן אָדער אין אומהיילבאַרן פעסימיזם. גאָרנישט האָט געקענט פון אים אַוועקרויבן זיין זיכערקייט און פרייד. ווען ער האָט געשריבן תּנאים מיט זיין זון, און מען האָט אַריינגעשריבן לויטן אָנגענומע־נעם נוסח, אַז די חתונה וועט אי״ה פאָרקומען אין דעם און דעם טאָג אין בערדיטשעוו, האָט ער צעריסן די תּנאים. פאַר וואָס בערדיטשעוו? — האָט ער אויסגערופן — מען דאַרף שרייבן, אַז די חתונה וועט פאָרקומען אי״ה אין ירושלים, סיידן, אַז די גאולה זאָל נאָך דאַן נישט האָבן געקומען, וועט די חתונה זיין אין בערדיטשעוו.

ער האָט זיך אָבער אַוועקגעשטעלט אויסטענהן מיט גאָט.

ג.

עס איז ריכטיק, אַז שוין דער ערשטער ייִד אין אונדזער געשיכטע האָט אַריינגעפירט אַ געוואַגטן טאָן אין זיין געשפּרעך מיט גאָט. מישט אויף דעם חומש, און איר וועט נאָך אַלץ שטוינען מיט וואָסער שטאַרקן מוט אַברהם האָט דיסקוטירט מיט גאָט איבער דער דערוואַרטער איבערקערעניש פון סדום. אין די טויזנטער יאָרן, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון יענעם געשפּרעך און וואָס זענען אייגנטלעך אַ כסדרדיקער דיאַלאָג צווישן ייִד און גאָט, האָט נישט איין מאָל אַזאַ שמועס צווישן ערד און הימל אָנגענומען אַ גאָר שטורמישן כאַראַקטער. אָבער קיינער האָט נישט געשטעלט אַזעלכע אָפענע און דרייסטע טענות, ווי דער בערדיטשעווער. רבי לוי יצחק האָט אין זיינע מאָנונגען געדראָט. ער, וועלכער האָט באַפוילן אויסצורופן — ווען די אידייען פון די אויפגעקלערטע האָבן זיך אויסגעוויזן צו פאַרשפּרייטן אין דער ייִדישער גאַס — אין די שולן פון לוקאָוו, קאָצק, ראַדזימין און זשעלעכאָוו, אַז ער, לוי יצחק, לאָזט וויסן, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, האָט זיך אויך געשטעלט אַנטקעגן גאָט. ער האָט איין מאָל, ביים בלאָזן שופר, ווען די תּקיעות זענען נישט אַרויסגעקומען, נישט געוואָלט אַפילו נאָכקלערן וואָס איז די סיבה פון דעם הימלישן קיטרוג. ער

האָט אויסגערופן: הייסט דאָס, רבונו־של־עולם, אַז דו ווילסט מיינע תּקיעות נישט אָננעמען. נו, אויב אַזוי, זאָל איוואַן בלאָזן שופר!...

אַן אַנדערש מאָל ווידער, ווען מען האָט געזאָגט „ונתנה תּוקף״, האָט ער געפּאָדערט ביי גאָט קעגנזייטיקייט. אויב דו ווילסט זיין דער מלך מלכי המלכים, האָט ער זיך צו אים געווענדט, און זיצן מיט אמת אויף דיין כּסא הכּבוד, דאַן מוזטו זיין גוט צו אונדז; וואָרום טאָמער דו וועסט זיך מיט אונדז נישט אויפפירן, אַזוי ווי דו דאַרפסט דאָס טאָן, וועלן מיר דיך נישט לאָזן איינזיצן, וועסט פון אונדז קיין מנוחה נישט האָבן, און דיין הימלישער טראָן וועט אויפהערן צו זיין וואָר און אמתדיק.

נישט אַנדערש, נאָר אַז גאָט זאָל גיין מיט ייִדן צו אַ דין־תּורה, האָט ער געפּאָדערט. און די דין־תּורה, איז ער זיכער געווען, וועט ער, לוי יצחק, געווינען. גאָט האָט זיין פאָלק פאַרטריבן נאָך איידער די מאָס פון זייערע זינד איז געווען פול. דאָס איז דער טייטש: „ומפּני חטאנו גלינו מארצנו״ — נאָך איידער די זינד זענען פול געוואָרן, זענען מיר פאַרטריבן געוואָרן פון אונדזער לאַנד. מיר האָבן זיך, בכן, פאַרדינט על פּי דין אויסגעלייזט צו ווערן פאַרן טערמין. אויך אין דער דין־תּורה, וואָס בערל דער שניידער פון בערדיטשעוו, האָט געפירט מיט גאָט, איז אין די אויגן פון לוי יצחק, בערל געווען גערעכט. ער האָט בערלען זייער גוט פאַרשטאַנען. וואָס האָט ער דען געטאָן, דער שניידער? ער האָט אויפ־געהערט דאַווענען, ער האָט אויפגעהערט מקיים זיין מצוות, ער האָט מער נישט געוואָלט האָבן קיין געשעפטן מיט ייִדישקייט, ווייל ער פילט, אַז אים ווערט אָפּגעטאָן אַ שרייענדיקע אומרעכט. ער איז אַן אביון. ער און זיין הויזגעזינד ליידן נויט. דערצו האָט ער אויסצושטיין חרפּות און בזיונות פון פּריץ. און צי טרייבט ער דען איבער אין זיין באַשולדיקונגס־אַקט קעגן גאָט? איך, לוי יצחק — האָט דער בערדיטשעווער דערקלערט פאַרן שניידער — גיב אַרויס דעם פּסק־דין, אַז דו ביסט גערעכט, און נישט דער רבונו־של־עולם!...

יום־כּיפּור האָט לוי יצחק אויסגערופן פון באַלעמער: דיינע ייִדן ווילן היינט מיט דיר, גאָטעניו, גיין צו משפּט. מיר האָבן צו דיר אַ גרויסע און גערעכטע טענה: אַלע צרות און ליידן, וואָס מיר שטייען אויס, נעמען זיך דערפון, וואָס מיר דינען צו דיר, און וואָס מיר זענען ייִדן. וואָלטן מיר נישט געווען קיין ייִדן, וואָלטן זיך אַזוי פיל יסורים נישט אויסגעגאָסן אויף אונדזערע קעפּ. און קוים ליידן מיר צוליב דיר, איז דאָך דיין חוב אונדז צו העלפן. און אויב אַזוי, וואָס שווייגסטו? ער האָט פאַרגעוואָרפן גאָט, אַז ער היט נישט אָפּ די דינים, וואָס זענען דורך אים אַליין אָנגעצייכנט געוואָרן. ווי געשריִען — האָט ער אָפּגעזיפצט — אַ געוויינלעכער, פּראָסטער ייִד, בשעת עס טרעפט, חלילה, אַז די תּפילין פאַלן אים אַראָפּ אויף דער ערד, הייבט ער זיי שנעל אויף און קושט זיי, און איז זיך שרעקלעך מצער און פאַסט תּעניתים, און דו, רבונו־של־

עולם, שוין אַכצן הונדערט יאָר, ווי דיינע אייגענע תּפילין, אין וועלכע עס שטייט געשריבן, אַז דו האָסט ליב דיין איינציק פֿאָלק ישׂראל, וואָלגערן זיך אַרום אין די שמוציקסטע בלאָטעס, און זענען צו שאַנד און צו שפּאָט. ווי אַזוי מעגסטו דאָס טאָן ?...

געגוי ווי אין אַלע זיינע טאָטן און האַנדלונגען, האָט ער אויך אין זיין דין־תּורה מיט גאָט אַריינגעלייגט ברען און התלהבות. דער עיקר אין יעדער מצוה איז, לויט זיין מיינונג, באַשטאַנען אינעם פֿלאַם מיט וועלכן מען טוט זי. אַזוי האָט ער אינטערפּרעטירט דעם תּלמודישן מאמר „הדלקה עושה מצוה", וואָס באַציט זיך צו חנוכּה־ליכט. דער פֿלאַם־פֿייער, מיט וועלכן מען גייט צו גאָט און צו מענטש, איז אַנטשיידנדיק. און אַן אָנגעצונדענער האָט ער טאַקע אויסגעשריִען ראש־השנה: היינט איז דער יום־הדין, היינט מישפּטסטו אונדז, כּביכול, אָבער איך, לוי יצחק, זאָג, אַז דאָס ביסטו גאָט וועלכער וועט היינט געמישפּט ווערן. מיר, דיינע קינדער, וואָס גייען אויף קידוש־השם מיט דיין נאָמען אויף אונדזערע ליפּן, שטעלן דיך היינט צום משפּט...

איין מאָל, יום־כּיפּור, בעת נעילה, האָט מען געקענט באַמערקן, אַז אויף זיין פּנים האָט זיך אָפּגעמאָלט אַ גרויסע פֿרייד. ווען דער תּענית האָט זיך פֿאַרענדיקט האָט ער דערקלערט פֿאַרן עולם די סיבה פֿון זיין שטאַרקער צופֿרידנקייט. עס איז געווען, האָט ער דערציילט, אין יענעם טאָג אַ שאַרפֿער קיטרוג אין הימל אויף ייִדן. אָבער פֿאַר נאַכט, אין דער שעה פֿון נעילה, האָבן זיך צוויי ייִדענעס צעשמועסט אין דער ווייבער־שול, און איינע האָט געזאָגט צו דער אַנדערער, אַז זי איז זיכער, אַז מיר האָבן זיך אויסגעבעטן אַ גוט יאָר. פֿון וואַנען ביסטו אַזוי זיכער ? — פֿרעגט זי די צווייטע. ענטפֿער איר דערויף די ערשטע ייִדענע: ווי קען דען, האַרציקע, אַנדערש זיין ? ווען מיר וואָלטן אַפֿילו געשטאַנען פֿאַר אַ גזלן אין וואַלד און פֿאַר אים אַזוי פֿיל געבעטן און געוויינט, וואָלט ער אויף אונדז רחמנות געקראָגן. די דאָזיקע ווערטער פֿון דער ייִדענע, האָט צוגעגעבן דער בערדיטשעווער, האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אין הימל, און איינגעשטילט די מקטרגים. שוין אין בלויזן וואָרט „כּיפּורים" האָט רבי לוי יצחק געפֿונען אַ בפּירושע אָנדייטונג אויף דער גרויסער דין־תּורה, צו וועלכער ער האָט דאָס רעכט צו רופֿן גאָט. „כּיפּורים" איז דער חומש־אויסדרוק פֿאַרן הייליקן טאָג. יום־כּפּורים, אין מספּר רבים. וואָרום ביידע דאַרפֿן מיר בעטן מחילה. מיר, ייִדן, ביי גאָט. אָבער אויך גאָט האָט אויף וואָס צו בעטן מחילה ביי אונדז.

דאָס איז טאַקע געווען דער בערדיטשעווער, וועלכער האָט אויסגעזונגען זיין „דודעלע" צו גאָט. „וווּ איך גיי, דו, וווּ איך שטיי, דו; מזרח דו, מערב דו, דרום דו, צפֿון דו, ווידער דו, תּמיד דו". אָבער דער זעלבער בערדיטשעווער האָט אַפֿילו אין זיין פֿאָלקסטימלעך־רעליגיעזן „קדיש", וועלכער צעווייגט זינט צוויי

הונדערט יאָר די ייִדישע פֿאַנטאַזיע מיט דער אייגנאַרטיקייט פון זיין אינהאַלט און מיט דער האַרציקייט פון זיין ניגון, זיך צערעדט שאַרף און שטרענג מיט גאָט.

ייִדישער אויסוואַל וואַרפט אַרויף פליכטן נישט בלויז אויפן ייִד, נאָר קודם־כל אויף גאָט, וואָס האָט דאָך אויסגעקליבן זיין פֿאָלק: „דבר, צו וועמען רעדסטו? אל בני ישראל; אמור, צו וועמען זאָגסטו? אל בני ישראל; צו, צו וועמען באַפעלסטו? את בני ישראל... איבער דעם פרעג איך דיך: מה לך אצל ישראל? פאַר וואָס קומסטו כסדר נאָר צום פֿאָלק ישראל?"

נישט געקוקט אויפן דאָזיקן אומגעווייינלעך־געוואַגטן מאָנען, האָט מען אין זיינע טענות און מוראדיקע תרעומות אַנטקעגן גאָט, נישט געזען קיין לעסטערונג. פאַרהייליקט ביים פֿאָלק שוין ביי זיין לעבן, האָט מיטן לויף פון די יאָרן זיך גענומען וועבן אַרום אים דאָס ווּנדער פון דער לעגענדע. פון אַלע לערער פון חסידות, האָט בלויז ער דערגרייכט די פּאָפּולאַריטעט פון ישראל בעל־שם־טוב. דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדנטום האָט געפילט, אַז דער בערדיטשעווער האָט, ווי זעלטן עמעצער אין אונדזער געשיכטע, זיך איינגעגראָבן אין די טיפענישן פון ייִדישן וועזן, און געגעבן אַ מעכטיקן דראַמאַטישן אויסדרוק דעם ייִדישן ווייי פון דורות. זיין מעטאַפיזישער וועלט־באַנעם האָט נישט אויפגעהערט צו זיין צוטריטלעך פאַרן איינפאַכן ייִדישן מענטש. קאָמפּליצירטע און פאַרפלאָנטערטע גורל־פּראָבלעמען האָבן דורכן צויבער פון זיין וואָרט אָנגעהויבן שיינען מיט דער דורכזיכטיקייט פון פשטות. פאַרגענגלעכע טאָג־טעגלעכקייט האָט דורך אים געאָטעמט מיט אייביקייט, און די מיסטיק האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער טאָג־טעגלעכער האַוועניש. רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט צונויפגעגאָסן גיגאַנטישן פאַרמעסט אַנטקעגן הימל מיט רירנדיקער, הייסער אמונה.

רבי נחמן פון בראַצלאַוו, וועלכער האָט מיט אַ שאַרפן קריטישן חוש אַנאַליזירט זיינע בני־דור, איז געווען זיכער, אַז דער בערדיטשעווער האָט זיי אַלעמען אַריבערגעשטיגן. רבי שניאור זלמן, דער רבי פון ליאַדי, האָט געזאָגט, אַז גאָט איז דער גערעכטער אין הימל און לוי יצחק איז דער צדיק אויף דער ערד. לויט רבי מענדל פון קאָצק האָבן מיט דעם בערדיטשעווער זיך געעפנט די הימלישע טויערן פון ליבשאַפט, וואָס זענען אָבער פאַרמאַכט געוואָרן מיט זיין אַוועקגיין פון דער וועלט. און די טיפסטע אָפּשאַצונג וועגן רבי לוי יצחקן האָט מעגלעך געגעבן רבי ברוך פון מעדזשיבאָזש. לויט דעם בערדיטשעווער, האָט געזאָגט רבי ברוך, האָט גאָט נישט געטאָן זיין פולן חוב צו קיין שום ייִד.

ד.

אין אונדזער היינטיקן דור, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט דעם שוידער און גרויל פון אוישוויץ, וואַקסט פאַר אונדז אויס די געשטאַלט פון בערדיטשעווער מיט באַזונדערער קראַפט, און זיין וואָרט, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט וואַרעמער ליבשאַפט און דערביי מיט ברענענדיקן צער און צאָרן, געווינט אַן אומגעוויינטלעך־אַקטועלע באַדייטונג.

אין די פיר צענדליק יאָרן, וואָס שיידן אונדז אָפּ פון נאַצי־קאַשמאַר, זענען געמאַכט געוואָרן די פאַרשידנסטע פּרוּוון צו אינטערפּרעטירן דעם „פאַרוואָס" פון אומקום און צו געבן באַשייד צום חורבן. און זייער אַ סך פון די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציעס זענען אויף אַן אומדערוואַרטן אופן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקט פון באַשולדיקונג קעגן די אונטערגעגאַנגענע יידישע קיבוצים. ראַול הילבערג, האַנאַ אַרענדט אָדער בעטעלהיים זענען אפשר די מער באַקאַנטע צווישן די יידישע פאַרשערס, סאָציאָלאָגן און פּסיכאָלאָגן, וועלכע זענען געקומען צום אויספיר, אַז דאָס אויסגעמאָרדעטע יידנטום פון מזרח־אייראָפּע האָט, ביי זיין גאַנצער שעפערישקייט, און נישט געקוקט אויף זיינע תקופות פון גלאַנץ, דאָך נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון כאַראַקטער און זיך נישט אויסגעצייכנט מיט גרויסקייט פון האַרץ. נישט ערב דעם חורבן און אויך נישט אין דער פינצטערער שעה פון חורבן. נישט מער דערמוטיקנדיק זענען די טעאָריעס און סברות פון אַ גאַנצער ריי יידישע דענקער און טעאָלאָגן.

גלייך נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אויפגעדעקט די אַנגסט פון דער טראַגעדיע פון טרעבלינקע און מיידאַנעק, האָט מאַרטין בובער אין אייניקע רעדעס אַנטוויקלט זיין צוגאַנג צום גרוילהאַפטן רעטעניש פון אומקום. דער אַבסורד פון די גאַז־קאַמערן האָט דאָרט באַדאַרפט באַקומען אַ פילאָסאָפישן און טעאָלאָגישן אויסטייטש. דאָס אומפאַרשטענדלעכע און אויפשוידערנדיקע האָט באַדאַרפט ווערן צוטריטלעך פאַרן שׂכל. און דער פּרוּוו וואָס איז אונטערגענומען געוואָרן דורך בובערן, געווינט אין אונדזערע טעג אַלץ מער נאָכפאָלגער צווישן די, וואָס באַטראַכטן יידנטום ווי אַ טעאָלאָגישע שיטה, און באַגרייפן נישט, אַז דער יידישער גערנגל דורך דורות לאָזט זיך נישט איינקלעמען אין דער ראַם פון דער אויסגעלערנטער טעאָלאָגיע.

אין די רעליגיעזע אויסגאַבן וואָס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען, און וועלכע באַהאַנדלען דעם שוידער פון אוישוויץ, איז דאָס לשון נאַטירלעך געווען אַנדערש. דאָרט האָבן זיך אויך געפונען צוגעקליבענע פּסוקים און מאמרים פון תּלמוד און פון די ספרים. אָבער דער אינהאַלט און די אויספירן זענען אייגנטלעך די זעלבע: צידוק הדין. גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. אַלע פּראַגעס, וואָס נאַגן און עקבערן, ווערן אָפּגעוואָרפן, ווי פאַרלייקענונג, און די

װעלכע באַנוגענען זיך נישט מיט פאַרפּלאָנטער אמונה און וואַגן צו פרעגן און מאָנען, וועלן געשטעמפּלט ווי לעסטערער. די זינדיקע זענען מיר און אונדזערע עלטערן.

נאָך אוישוויץ פאַרדינט דער בערדיטשעווער אָוועקגעשטעלט צו ווערן אין צענטער פון אונדזער געדאַנק און געפיל. ער קאָן געבן ריכטונג און אָריענטירן, בעת ווערטן זענען פאַרלוירן געגאַנגען. אָט איז ער, דער צעגליטער פאַרטיידיקער, וואָס האָט אויך אין דער טונקלקייט דערזען דאָס ליכט אין דער ייִדישער נשמה; און אָט איז ער, דער אומדערשראָקענער באַשולדיקער, וואָס האָט זיינע אויפטרייסלענדיקע תּביעות אַרויסגערוקט אַנטקעגן הימלישן ריכטער. די דין־תּורה, וואָס רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געפירט מיט גאָט, האָט איר אויפּציטערנדיקע פאָרזעצונג אין אונדזער דור, וואָס איז געגאַנגען דורך אוישוויץ.

דער מגיד, דער חוזה, דער ייִד —
די בויער פֿון פּוילישן חסידות

הגם די וועלט, וואָס אין איר האָבן זיי געלעבט און געווירקט, ליגט אין חורבות, און די ערטער, וואָס אין זיי איז אויפֿגעגאַנגען זייער וואָרט, האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין הוילע געאָגראַפֿישע טערמינען, אָן באַטייט אין דער קעגנווער־טיקער ייִדישער ווירקלעכקייט, קומען פֿאַר אונדז אויס די דאָזיקע דריי בויער פֿון פּוילישן חסידות צו זיין אומגעווייינלעך נאָענט, האַרציק נאָענט, נישט בלויז צוליב דעם חותם, וואָס זיי האָבן געלייגט אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן ייִדנטום, נאָר נישט ווייניקער צוליב דעם סימבאָל, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר. אין פֿינפֿטן יאָרצענדליק נאָכן נאַצי־חורבן איז נישט גענוג בלויז אויפֿצומישן דאָס בלאַט פֿון זייער לעבן אָדער אויפֿפֿרישן די ווערטער, וואָס זיי האָבן געזאָגט. איבער אַלץ און אַלעמען לייגט זיך אויס דער מעכטיקער סימבאָל, וואָס מיט אים האָבן זיי זיך אַריינגעשניטן אין געשיכטלעכן וועג פֿון ייִדישן קיבוץ, וואָס פֿון אים זענען זיי אַרויסגעוואַקסן.

דער אמת איז, אַז נישט בלויז פֿאַר אונדז קומט דער סימבאָל אויס צו זיין דער תּמצית און דער עיקר אין די דריי בויער פֿון פּוילישן חסידות. דאָס האָט זיכער אויך אויסגעזען צו זיין וועזנטלעך פֿאַר די המונים ייִדן אין די יאָרן פֿון שוידער און פּיין, בעת די פֿאַרחושכטע הייזער פֿון די געטאָס זענען געשטאַנען אין פֿלאַמען. מען האָט אין דער תּקופֿה פֿון חורבן אויפֿגעלעבט זייערע געשטאַלטן. מען האָט אויפֿגעהויבן פֿונקען פֿון זייערע לערעס. מען האָט ביי זיי געזוכט ריכטונג און טרייסט. געננוי ווי דער עמוד האָש, וואָס וועגן אים רעדט זיך אין חומש און וועלכער האָט באַגלייט אונדזערע אורעלטערן בעת זיי האָבן געבלאָנ־דזשעט אין מידבר, איז דער סימבאָל, וואָס האָט זיך צונויפֿגעוואַקסן מיטן מגיד, מיטן חוזה און מיטן ייִד, געגאַנגען מיט די פּוילישע ייִדן דעם לעצטן וועג קיין אוישוויץ און טרעבלינקע.

א.

זיי האָבן אַלע דריי געלעבט כּמעט אין דער זעלבער צייט. די צווייטע העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט און אָנהויב ניינצנטן. חסידות האָט דעמאָלט מיט אימפּעט און ברען זיך אַריינגעריסן אין סאַמע צענטער פון פּוילן, אין קאָנגרעס־פּוילן. די באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעשפּראָצט אין פּאָדאָליע און וואָלין, און דערנאָך זיך אויסגעשפּרייט איבער ווייסרוסלאַנד און דערגרייכט קיין ליטע, האָט מער נישט געהאַט קיין אָפּהאַלט אין איר כּסדרדיקן שטראָם. אויך די אומגעגנט פון וואַרשע, און וואַרשע גופא, זענען אַריינגענומען געוואָרן אין קריַיז.

מען מוז זיך אַריבערטראָגן אין יענער מיט גורלדיקע פּאַסירונגען אָנגעלאָדענער תּקופה כּדי צו דערקענען עטוואָס פון איר געוועב. אַלץ האָט זיך אויסגעוויזן דעמאָלט צו וואַקלען. מלוכות זענען זיך פונאַנדערגעפאַלן, און צוזאַמען מיט זיי איינגעפונדעוועטער לעבנסשטייגער. די פּוילישע מדינה, וואָס אין אירע גרענעצן האָבן זיך קאָנצענטרירט געדיכטע ייִדישע מאַסן, מאַכט אַדורך דעם פּראָצעס פון ירידה. אירע שכנים טיילן זיך פונאַנדער מיט איר טעריטאָריע. און ווי אַ רעזולטאַט פון דאָזיקן מצב, לייגט זיך נאָך מיט מער אומהיימלעכקייט אויס דאָס געשפּענסט פון אומזיכערקייט אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג. מען ווייסט פּשוט נישט ווו, אין וועמענס לאַנד מען טאָגט און ווו מען נעכטיקט, צי מען איז אונטער רוסלאַנד, צי מען איז אונטער פּרייסן אָדער גאָר אונטער עסטרייך.

פּאָר אַ שטיקל צייט דאַכט זיך אויס, אַז עס קומט ווידער אויף אין איניקע פּראָווינצן כאָטש אַ שפּינוועב פון פּוילישער אומאָפּהענגיקייט, ווו עס וועט ווייטער זיך קענען ציִען ייִדיש לעבן אין דער ראָם און אין נוסח פון אַמאָל. דאָס פּאַסירט אין אַזוי גערופענעם וואַרשעווער הערצאָגטום. און דערצו ווערן פעלקער און לענדער אַריינגעשליידערט אין אַ ווירוואַר פון מלחמות, וואָס צו זיי נעמט נישט קיין סוף. דער פּעריאָד פון די נאַפּאָלעאָן־מלחמות ברענגט אַריין שטורעם אין אייראָפּע, און פאַרגרעסערט נאָך שטאַרקער די מהומה צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג. ייִדן לויפן פון איין אָרט צום אַנדערן, און האָבן ווייניק אויסזיכטן צו פאַרלייכטערן ערגעץ־ווו זייער לאַגע. די גזירה פון די קאַנטאָניסטן פאַלט אַראָפּ ווי אַ גרויזאַמע פּלאָג אויף די ייִדן אין רוסלאַנד, און דער ווייַ־געשריי גייט זיך פונאַנדער אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט און טרייסלט אויף הארץ און געוויסן. קליינע קינדער ווערן אומברחמנותדיק אַרויסגעריסן פון זייערע עלטערן, און איבערגעגעבן צום מיליטער־דינסט, ווו זיי דאַרפן פאַרבלייבן ביזן עלטער פון זעכציק יאָר. אין אוקראַיִנע לעבן ייִדן אין כּסדרדיקן גרויל פון פּאָגראָמען. יעקב שאַצקי שרייבט אין זיין געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע, אַז צווישן די אוקראַיִנער פּליטים, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעשפּאַרט אין פּראַגע, די פאָרשטאָט פון וואַרשע, זענען געווען אויך חסידים. חסידישע גרופּעס באַזעצן זיך אין דער

פעריפעריע פון דער שטאָט. די שטעטלעך גראָדזשיסק, סטריקעוו, ווורקע, קאָזשעניץ, טאָמאַשעוו, קאָצק, ווערן חסידישע צענטערס.

דאָס איז געווען בכן די צייט, ווען עס האָבן זיך איינגעגלידערט אין דעם ווײַ, אין די ראַנגלענישן און אין גלויבן פון פוילישן ייִדנטום רבי ישׂראל, דער מגיד פון קאָזשעניץ, רבי יעקב יצחק, דער חוזה פון לובלין, און רבי יעקב יצחק, דער ייִד פון פשיסכע: אַ צייט פון טיפער אויפרודערונג און פאַרלוירנקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן מוראדיקע פראַגע־צייכנס. דאָס זענען געווען די געגנטן, ווו עס האָט זיך אויסגעשפּרייט זייער השפּעה: די געגנטן פון קאָנגרעס־פוילן, ווו ייִדיש לעבן האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען.

אין די קאַרגע צוויי הונדערט יאָר, וואָס שיידן אונדז אָפּ פון יענער תּקופה, איז אַרויסגעהויבן געוואָרן דורך נישט איין חסידות־פאָרשער דאָס, וואָס האָט זיך אים אויסגעוויזן צו זיין עיקרדיק אין דער פּערזענלעכקייט פון יעדן איינעם פון די דריי בויער פון פוילישן חסידות און אין איטלעכן איינעמס שיטה. אָבער דער דור, וואָס איז געגאַנגען קיין אוישוויץ און מיידאַנעק, איז מסוגל געווען צו דערזען די שעפער פון פוילישן חסידות מיט אַ מער שאַרפן און אַריינדרינג־גענדיקן בליק, איידער יעדער איינער פון די פריִערדיקע דורות. און מיר, אין פעריאָד נאָך אוישוויץ, שטייען מיט פולער באַוווּנדערונג און פאַרוווּנדערונג פאַר דער זעלטענער דערשיינונג. דער מגיד פון קאָזשעניץ, דער חוזה פון לובלין און דער ייִד פון פשיסכע האָבן נישט בלויז געבערענגט צום אויסדרוק דאָס, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פאַרן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, נאָר זיי זענען בפירוש געוואָרן זיין פאַרקערפּערונג, זיין עכטער מהות, זיין נשמה.

ב.

וואָס איז אַזוינס געווען אין רבי ישׂראל פון קאָזשעניץ, וואָס האָט צוגעצויגן דעם ייִדישן מענטש זיך צו געפינען אין זיין מחיצה? ווי עס זאָגט עדות שוין בלויז די באַצייכענונג „דער מגיד", איז ער געקומען צום ייִדישן מענטש מיט דרשות. ער האָט געהאַלטן דרשות אין קאָזשעניץ, זיין וווינאָרט. ער איז אַרומ־געפאָרן מיט דרשות אין די נאָענטע שטעט און שטעטלעך. אַ זון פון אַן אָרעמען ספרים־איינבינדער פון אַפּטע, האָט ער כסדר געלעבט אין דחקות. און פאַרט איז אין זיינע דרשות נישט געווען קיין פאַרביטערונג. ער האָט געמונטערט, געטרייסט, אויפגעהויבן דאָס געמיט. ער איז פאַרבליבן געטריי צו דעם נוסח, וואָס עס האָט איינגעשטעלט דער שעפער פון חסידות, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. צו ייִדן דאַרף מען קומען מיטן וואָרט, וואָס פון אים פליִיצן פרייד און בטחון.

דאָס הייסט נישט, אַז זיינע דרשות זאָלן נישט האָבן אָנגערירט די נויטן

און טאָג־טעגלעכע באַדערפֿעניש פֿון ייִדישן מענטש. רבי ישׂראל פֿון קאָזשעניץ האָט גראָד זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס די פּראָגעס פֿון „בני, חיי ומזוני" — קינדער, לעבן און פּרנסה — דאָס הייסט, די קיום־פּראָבלעמען, וואָס איבער זיי האָט זיך געמאַטערט דער געיאָגטער און געפּלאָגטער ייִד אין זיין שווערן גוראַנגל אין אַ פֿיינטלעכער וועלט, האָבן פֿאַרנומען גאָר אַ וויכטיק אָרט אין זיין וואָרט און שמועס. אויך ווען ער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אין די הימלישע ספֿערעס פֿון גייסטיקייט, האָט ער כּסדר זיך אומגעקערט צו די דערפֿאַרונגען, וואָס האָבן צעטראָגן און געעגבערט דעם ייִד אין זיין טאָג־טעגלעכן פּלאָג. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ טעות צו מיינען, אַז צו גאָט איז שווער זיך אַרויפֿצוהייבן, ווייל ער איז אין הימל. גאָט נידערט אַראָפּ צו די מענטשן. ער איז אויף דער ערד. ער איז צוזאַמען מיטן נידעריקן און געדריקטן. און וואָס נידעריקער דער מענטש געפֿינט זיך, אַלץ מער דערנענטערט זיך צו אים דער באַשעפֿער און בייגט זיך צו אים אַראָפּ.

אין דער צייט, ווען אינדיווידואַליסטישע טענדענצן האָבן גענומען אַרויס־שטאַרן אויך אין חסידות, האָט דער קאָזשעניצער גערופֿן אויסצורייסן פֿון האַרץ דעם „איך". ער האָט אַריינגעלייגט אַן אָריגינעלן טייטש אין אַ פּרק פֿון ספֿר ירמיהו. אַפֿילו ווען איינער איז גוט און פֿרום, אָבער קוים דרייט ער זיך אַרום מיט אַן איינרעדעניש וועגן זיין אייגענער חשיבֿות, רוקט ער זיך אָפּ פֿון ייִדישקייט און ייִדישן דרך (ואני — לא אראנו, ירמיה כג, כד). ער האָט באַמערקט, אַז אויף דער פֿראַגע, וווּ געפֿינט זיך דער בורא, ווערן געגעבן די פֿאַרשידנסטע תּשובֿות. איינער ענטפֿערט, אַז ער איז אין הימל, אַ צווייטער זאָגט, שטיצנדיק זיך אויף אַ מאמר אין תּלמוד, אַז ער געפֿינט זיך צווישן הימל און ערד (חגיגה יג). אָבער ווי גוט איז, בעת מען ווייסט, אַז ער איז דאָ מיט אונדז אויף דער ערד. טאַקע ממש אין יעדן אָרט, און אין יעדן איינעם פֿון אונדז.

דערביי דאַרף מען נישט רעכענען, אַז צוליב דעם דאָזיקן איינזען פֿאַר די השׂגות און באַגערן פֿון פּשוטן ייִד, האָט רבי ישׂראל פֿון קאָזשעניץ אויפֿגעהערט שטעלן פֿאָדערונגען צום ייִדישן מענטש. ער האָט געמאָנט און געפֿאָדערט הויכע מענטשלעכקייט און הויכע ייִדישקייט. לאָזט דאָך אויך דער דרוש, וואָס פֿינקלט אַרויס פֿון די בלעטער פֿון תּלמוד, און וואָס אָטעמט מיט רירנדיקער ליבשאַפֿט און וואַרעמקייט צום יחיד און צום כּלל, גאָרנישט אָפּ פֿון זיינע גרויסע תּביעות. אַפֿילו אין צייטן פֿון רדיפֿות און צרות טאָר דער ייִד נישט פֿאַרגעסן, ווער ער איז און וואָס מען דערוואַרט פֿון אים. דער קאָזשעניצער האָט געזאָגט, אַז יעדן טאָג איז דער ייִד מחויב אַרויסצוגיין פֿון גלות מצרים. יעדן טאָג זענען מיר מחויב צו געדענקען, אַז פֿאַר אונדז שטייען די גרויסע אויפֿגאַבעס פֿון ריינקייט און קדושה. מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען צו זיין, וואָס מיר דאַרפֿן זיין. געעני ווי אַברהם אָבֿינו פֿון פֿאַרצייטנס, זיצן מיר נאָך אַלץ ביים אַריינגאַנג צו דער

טיר (והוא יושב פתח האוהל, בראשית י״ח, א). מיר האָבן נאָך אַלץ נישט אַריינ־געדרונגען אין סוד פון ייִדישקייט. אַפילו פאַר אַ פּשוטן תהלים־ייִד קען זיין קלאָר, אַז ייִדישקייט איז נאָך ווייט נישט אָנטפּלעקט, זי איז גאַנץ, און מיר ייִדן דאַרפן ערשט זי אויפעפענען. (תורת ה׳ תמימה, תהלים י״ט, ח).

אָבער נישט בלויז דער איינפאַכער ייִד איז דערוואַרעמט געוואָרן דורכן וואָרט פון קאָזשעניצער. דער מגיד איז געוואָרן אַ צענטראַלע געשטאַלט פאַרן פּוילישן ייִדנטום. אויך למדנים האָבן זיך געזאַמלט אַרום אים. זיין תורה איז געווען אַדורכגעפלאָכטן מיט לומדות און קבלה, מיט הלכה און מיסטיק. אין זיין שיטה לאָזט זיך ייִדישקייט נישט אָפּטיילן פון קאָסמאָס. און גענוי ווי אין קאָסמאָס, מוז בכן אויך אין ייִדישקייט זיך איינשטעלן סדר און פרידן.

אין דער מחלוקת, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען צווישן חסידים און מתנג־דים, האָט דער קאָזשעניצער גערופן צו אַחדות. ער האָט געטענהט, אַז נישט מיט דערקלערן אַ חרם איינע קעגן די אַנדערע, וועט די קריגעריי דערגיין צו אַנט־שיידונג. ייִדן דאַרפן אויסציִען אַ האַנט איינער צום צווייטן. אַזוי אַרום וועט זיך שאַפן אַ לאַנגע קייט פון צונויפגעהאָפטענע הענט, וואָס וועט דערגרייכן ביז צום הימלישן טראָן. און ווען מען האָט אים געזאָגט, אַז אַזאַ שלום צווישן קעגנערישע מחנות וועט נישט זיין קיין אויפריכטיקער און גאַנצער שלום, האָט ער אָפּגעענטפערט: אַלץ בעסער אַ נישט אויפריכטיקער שלום איידער אַן אויפ־ריכטיקע מחלוקת.

ער האָט זיך באַטראַכט דער קאָזשעניצער ווי אַ תלמיד פון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. ער האָט זיך געפילט צונויפגעברודערט מיט אים אין גייסט און האַרץ. די גרויסע דין־תורה, וואָס רבי לוי יצחק האָט געפירט מיט גאָט אין בערדיטשעוו, איז דורכן קאָזשעניצער אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו די צענטראַלע פּראָווינצן פון פּוילן. דער מגיד האָט נישט געלאָזט פאַלן און וואַרפן קיין שלעכט וואָרט אויף דער ייִדישער אומה, מיט התלהבות און שטורמישן געפיל האָט ער אויפגעוויקלט די באַהאַלטענע שיינקייט פון דער ייִדישער נשמה. ער האָט געהאַט אַ טענה צום הימלישן שופט: עס מוז דאָך זיין פאַר דיר קלאָר, אַז דיינע קינדער טרינקען זיך אין אַ ים פון צרות, און אַז עס איז שוין די העכסטע צייט צו ברענגען די גאולה. אָבער אויב די שעה פון דער גאולה איז נאָך נישט געקומען פאַר ייִדן, טאָ לייז אויס די גויִים, לייז אויס די אומות העולם, אָבער טו דאָס שוין, טאַקע שוין!... אויפן שטייגער פון בערדיטשעווער האָט ער געטענהט צום באַשעפער: צי האָבן מיר ייִדן פאַרלוירן דעם חן ביי דיר אין די אויגן? דו האָסט אונדז באַוויליקט אויסצוקלייבן ווי דיין פאָלק און האָסט אונדז ליב געהאַט בעת מיר זענען געשטאַנען ביים באַרג סיני. אָבער איצט, נאָך טויזנטער יאָרן מסירת־נפש און קידוש־השם פון אונדזער זייט, נאָך דעם ווי מיר זענען געגאַנגען אין פייער און וואַסער, באש ובמים, צוליב דיר און פאַר דיינעטוועגן, שטויסטו אונדז

אָפּ. היתּכן? צי זענען מיר פֿאַרמיאוסט געוואָרן ביי דיר? איך, ישׂראל בן שבתי, זאָג דיר, אַז דו ביסט נישט גערעכט. מיר זענען די גערעכטע אין דער דאָזיקער דין־תּורה און דו דאַרפסט אונדז איבערבעטן. אוי, טאַטע פֿאָטער, לאָמיר זיך איבערבעטן!...

אַן אַנדערש מאָל האָט דער מגיד אויף זיין אייגענעם שטייגער אויסגעטייטשט די תּפילה „אבינו מלכּנו הרם קרן ישׂראל עמך". לא די, האָט ער געזאָגט, וואָס דער גלות ברענגט נישט קיין ריווח, נאָר אויך דער קרן גופא איז אין געפאַר. עס האַלטן אין איין אָפּפאַלן פון ייִדן לעבעדיקע שטיקער. ווענדן מיר זיך דערריי־בער צו דיר, רבונו־של־עולם, און בעטן ביי דיר: איַיל זיך צו און זע אָפּצור־ראַטעווען וואָס גיכער דעם שארית ישׂראל, דעם טייל פון איבערגעבליבענעם קרן, וואָרום קיין ריווח וועסטו שוין ביי דעם עסק נישט מאַכן!...

אָבער נאָך נישט דאָס איז אַלץ, וואָס וואַרפט אַ שייַן פון רירנדיקער דער־הויבנקייט אויפן מגיד פון קאָזשעניץ. און אויך נישט די ווונדער־מעשׂיות, וואָס האָבן זיך אויסגעשפינט אַרום זיינע אויפטוען, אַנטפּלעקן זיין פולן באַטייט פאַר דורות. עס איז פאַראַן נאָך עטוואָס, וואָס זאָגט עדות, אַז דער קאָזשעניצער האָט מיט זיין אייגן לעבן געצייכנט די שטריכן פון קיבוץ, וואָס צווישן אים האָט ער געווירקט. רבי ישׂראל פון קאָזשעניץ האָט כּל ימיו געליטן פון שווערע קראַנ־קייטן. ווי עס גיבן איבער זיינע בני־דור, איז ער געווען אַ גרויסער חלוש, זיין גוף איז געווען איינגעשרומפּן און אויסגעדאַרט, און ער האָט נישט געקענט שטיין אויף זיינע דינע פיס. מען פלעגט אים טראָגן אויף אַ בעטל אין בית־המדרש אַריין, און אים אונטערהאַלטן בעת ער האָט זיך געשטעלט ביים עמוד. דאָס גרויסע און צעשטורעמטע האַרץ האָט זיך באַוועגט אין אַ חרובן און צעבראָ־כענעם גוף. אָבער נישט צוליב דעם האָט ער אויפגעהערט אויסצוגיסן זיינע הייסע תּפילות פאַר קהל. נישט צוליב דעם האָט ער אויסגעמיטן צוצולאָזן צו זיך די, וואָס האָבן געגאַרט צו הערן זיין וואָרט. נישט צוליב דעם איז אָפּגע־שוואַכט געוואָרן זיין התלהבות, זיין דביקות, זיין פלאַם־פייערדיקע אמונה. אין דער נאַכט פון יום־כּיפּור, ווען ער איז צוליב די יסורים, וואָס האָבן אים געפּיי־ניקט, געצוווּנגען געווען איבערצורייסן אויף אַ רגע זיינע תּפילות, האָט ער, צוקומענדיק צו די ווערטער „ויאמר ה' סלחתי כּדבריך", אויפגעהויבן די הענט צום הימל און געזאָגט: רבונו־של־עולם! קיינער אויסער דיר ווייס נישט און איז נישט בכּוח צו וויסן ווי גרויס דיין שטאַרקייט איז, און קיינער, אַ חוץ דיר, ווייסט נישט און איז נישט בכּוח צו וויסן, ווי גרויס מיין שוואַכקייט איז. דו ווייסט וויל, אַז קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר פון חולשות, און אויב אַ גאַנצן חודש אלול שטיי איך יעדן טאָג ביים עמוד און גיס אויס פאַר דיר מיין האַרץ אין תּפילה ותחנונים, ווייסטו דאָך, אַז איך טו דאָס נישט פאַר מיר, נאָר פאַר דיין פאָלק ישׂראל. פרעג איך דיר דעריבער, גאָטעניו: איז דאָס אַ

יושר, אַז איך, מיט מיין קראַנקן גוף זאָל טראָגן אויף זיך דעם גאַנצן עול פון דיינע קינדער, די בני ישׂראל, און גאַנצע טעג פייניקן זיך, גאַנצע טעג פאַר זיי מתפלל זיין; דאַקעגן פאַר דיר זאָל, חלילה, זיין אַזאַ שווערע זאַך צו זאָגן בלויז אָט די צוויי ווערטער, וואָס באַווייזן, אַז דו האָסט מוחל געווען אונדזערע זינד: „סלחתי כדבריך"... איך, ישׂראל בן שבתי, מיט מיין קראַנקן גוף, בעט דיך, טו אונדז צוליב און זאָג: סלחתי!...

אַזאַ איז ער אַריין אין דער געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום: דער מגיד, וואָס ביי אים האָט די התלהבות פון ייִדישקייט מנצח געווען איבער פיזישער צעבראָכנקייט. דער מגיד, וואָס ווי עס האָבן זיך אויסגעדריקט זיינע בני־דור, האָט ביי אים דער גוף, וואָס איז געווען אַזוי ווי אַ טרוקענער האָלץ, געלויכטן מיט זיין דורכזיכטיקייט ווי טויזנטער נשמות. דער מגיד, וואָס בעת ער האָט זיך געקנוילט אין מוראדיקע יסורים, האָבן זיינע ליפּן געפליסטערט: איך שטיי פאַר דיר, האַר פון דער וועלט, ווי אַ ייִנגל, ווי אַ שיקייִנגל, שיק מיך ווו דו ווילסט כדי צו העלפן דיין פאָלק ישׂראל!...

דער קאָזשעניצער איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל פון יענע ייִדישע מאַסן, וואָס ייִדישקייט איז פאַר זיי געווען אַ טיפע אינערלעכע איבערלעבונג, און קיין שום טראַגעדיע האָט זי נישט געקענט דערשיטערן, און קיין שום שטורעם האָט זי נישט געקענט אויסרייסן. אין פאַרגלייך מיט די ייִדישע ישובים, וואָס האָבן אין די לעצטע הונדערט יאָר אויפגעשפּראָצט אין דער מערב־וועלט, און וועלכע האָבן אין דער תקופה פון דער אויפגייענדיקער עמאַנציפּאַציע געלעבט אין זיכער־קייט און ווילשטאַנד, האָט ייִדישקייט אין מזרח־אייראָפּע זיך אויפגעהאַלטן אין אַ צעבראָכענעם און איינגעשרומפּענעם גוף. אָבער דווקא די אונטערגעדריקטע, פּאָליטיש באַעוולטע, עקאָנאָמיש רויִנירטע מאַסן, האָבן באַטראַכט זייער ייִדיש־קייט ווי אַ געשאַנק און ברכה. אַרומגערינגלט מיט דאגות און צרות אָן אַ שיעור, דערנידעריקט פון אַלע זייטן, ראַנגלענדיק זיך מיט כלערליי ליידן, האָבן זיי אָוועקגעיאָגט די חשכות און מרה־שחורה. זיי זענען נישט געווען גרייט צו צאָלן קיין שום פּרייז פאַר באַקומען גלייכע רעכט. זיי, וועלכע האָבן זייער אָרעמע דערנערונג געצויגן על פּי רוב פון קרעמעריי, האָבן געהאַלטן, אַז ייִדישקייט איז נישט קיין סחורה, וואָס מען קען מיט איר האַנדלען. לויטן באַקאַנטן אויס־דרוק פון אַחד העם אין זיין עסיי „עבדות בתוך חרות" זענען זיי ביי זייער גאַנצער רעכטלאָזיקייט געווען אינערלעך פריי, און ביי זייער גאַנצן אומגליק, גליקלעך. זיי האָבן אַנטוויקלט אַ ייִדישקייט, וואָס האָט געאָטעמט מיט איבער־נאַטירלעכער גבורה, און נישט רדיפות, נישט נויט זענען בכוח געווען זי איינצוברעכן.

דאָס געזאַנג פון מוט און ענטוזיאַזם, וואָס איז אויפגעגאַנגען אַפילו אין אַנבליק פון דראָענדיקן אונטערגאַנג אין די יאָרן פון נאַצי־חורבן, האָט געוואָרצלט

אין די גייסטיקע דערפאַרונגען פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום. חסידות האָט בייגעטראָגן צום אויסבוי פון כאַראַקטער פון דאָזיקן ציבור. און צווישן די, וואָס האָבן מיט אייגענעםביישפּיל געלערנט ייִדן אויך אין פּיין און יסורים זיך אַרומצוטראָגן מיט ייִדישקייט ווי מיט אַ טייערן אוצר, פאַרנעמט רבי ישׂראל פון קאָזשעניץ אַן אַנטשיידנדיק אָרט. אין דער תּקופה פון אוישוויץ האָט מען אַרויפּ־געבערענגט דעם אָנדענק פון מגיד, וואָס הגם ווען ער האָט זיך געקורטשעט אין ווייטיקן, האָט ער אויפגעהיטן אין זיך גרויסע און דערהויבענע ייִדישקייט. און אויך איצט, ווען עס איז נישטאָ מער קאָזשעניץ און נישטאָ מער קאָזשעניצער ייִדן, קען מען נאָך אַלץ זיך אָנטרעפן אין דער צעטרייסלטער און אינהאַלט־זוכנדיקער ייִדישער קעגנוואַרט, מיט עטוואָס פון יענעם אומגעוויינלעכן פּאַטאָס, וואָס האָט געשלאָגן אין קאָזשעניץ.

ג.

אין רבי יעקב יצחק פון לובלין לאָזן זיך אָנווייזן אַ סך אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן זיך באַוויזן צום וווקס פון זיין אָנזען צווישן די המונים ייִדן, וואָס האָבן געצויגן צו אים פון נאָענט און ווייט. אויפגעוואַקסן צווישן דער ייִדישער אָרעמ־קייט אין יוזעפאָוו נעבן לובלין, אַ תּלמיד פון די וועגווייזער אין חסידות, רבי דוב בער פון מעזריטש, רבי לוי יצחק פון בערדיטשעוו און רבי אלימלך פון ליזשענסק, האָט ער, געניאָגט פון גייסטיקן אומרו, געוואָנדערט איבער שטעט און דערפער אין זיין דורשט צו דערהויבן זיך דורך זיינע באַגעגענישן מיט דעם ייִדישן מענטש. אויף אַ שטיקל צייט האָט ער זיך באַזעצט אין לאַנצוט, אָבער דערנאָך האָט ער אויסגעקליבן לובלין, ווו עס האָט געלעבט די טראַדיציע פון ייִדישקייט זינט דעם באַגינען פון ייִדן אויף דער פּוילישער ערד. ער האָט געזאָגט, אַז אין דער באַציִונג צווישן מענטש און מענטש, צווישן ייִד און ייִד, קומט ערשט אַרויס דער גייסטיקער תּמצית, וואָס איז פאַרבאָרגן אין יעדן איינעם פון אונדז, און וואָס זוכט נאָר אַ געלעגנהייט זיך צו אַנטפּלעקן. אַליין זענען מיר גאָרנישט. ערשט בעת מיר זענען מיטן מיטמענטש, ווערן מיר נתעלה. אויב מען פאַרטיפט זיך אין די געדאַנקען־ניצוצות, וואָס זענען אָנגעצונדן געוואָרן דורך רבי יעקב יצחק פון לובלין, קען מען אין זיי געפינען דעם מקור פון דער שיטה, וואָס מיט איר איז שפּעטער דערשינען מאַרטין בובער, די שיטה, וואָס דערקלערט, אַז ערשט דורך דעם קאָנטאַקט, אין וועלכן מיר טרעטן אַריין מיטן מיטמענטש, ווערט אונדזער אייגן לעבן פול, ווערטפול, געטלעך און מענטשלעך. אויב איינער האָלט, האָט רבי יעקב יצחק געזאָגט, אַז ער איז שוין דערגאַנגען צו אַ מדרגה, און ער האָט נישט מער צו וואָס צו שטרעבן, האָט ער אַ טעות,

יעדער איינער דאַרף זיך באַטראַכטן, אַז ער האָט נאָך גאָרנישט דערגרייכט, און גאָרנישט אויפגעטאָן. מיר איז ליבער, האָט ער צוגעגעבן, דער רשע, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ רשע, איידער דער צדיק, וואָס רעכנט, אַז ער איז אַ צדיק.

צווישן די מידות, וואָס מיט זיי האָט זיך אויסגעצייכנט רבי יעקב יצחק פון לובלין, איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן זיין עניוות, אַ זעלטענע באַשיידנקייט, וואָס איז געוואָרן באַוווּנדערט אויך אין יענעם דור, וועלכער איז געווען רייך אין געלייטערטע פּערזענלעכקייטן. אָך און ווי, צום דור — פלעגט ער זיפצן — וואָס איך בין זיין מנהיג. איך הייב נישט אָן צו פאַרשטיין, פאַר וואָס מען פאָרט צו מיר, און אפשר דערפאַר טאָקע קומען די ייִדן צו מיר, ווייל איך פאַרשטיי זיי נישט... עס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז ער האָט מתפּלל געווען לטובת די ייִדן, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט אין זיין טיר, און זיך אָנגעשטרענגט אויסצו־פועלן פאַר זיי אין די הימלען טובות און ישועות, אָבער ער האָט דערביי אַרויסגעוויזן אַ בפירושן ווידערווילן צו פאַרוואַנדלען חסידות אין אַ מופתים־באַוועגונג, און צו באַטראַכטן דעם מופת ווי אַן עיקר אין חסידות. עס איז אַרויסגעהויבן געוואָרן זיין מידה פון הכנסת אורחים. ער פלעגט אַריינגעמען אין זיין הויז בעטלערס און שלעפּערס, און אַליין זיי באַדינען און זיי געבן צו עסן, עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף זיין גרויסן געראַנגל מיט זיך אַליין, און מיט זיין אייגענעם אומעט, כּדי אויפצוּוועקן פרייד אין זיך און אין ייִדישן מענטש. אַפילו ווען מיר ווערן צונויפגעדריקט פון טרויער, האָט ער געזאָגט, דאַרפן מיר זיין לוסטיק און פריילעך. אַ סך מיינען, אַז עס איז דאָ אַ הייליקער געוויין, זיי פאַרגעסן אָבער, אַז עס איז אויך פאַראַן אַ הייליקע שׂמחה. ביי אַ צעזונגענעם בעל־עגלה, וועלכער האָט אין זיין מוראַדיקער דחקות דאָך באַוויזן צו זיין בשׂמחהדיק, האָט ער געבעטן, אַז ער זאָל מתפּלל זיין פאַר ייִדן, וואָרום די תּפילה פון אַזאַ איינעם קען געהערט ווערן אין די הימלען.

די מרה־שחורה דערווייטערט אונדז פון גאָט און מענטש, און דער עונש פאַלט אויף אונדז, ווייל מיר פאַלן אַריין אין עצבות. ער האָט געפונען דערויף אַ בפירושן אָנווייז אין חומש (תחת אשר לא עבדת את ה׳ בשמחה, דברים כ״ה, מ״ז). בעת מיר דריקן אויס אונדזער ווונטש, אַז מיר זאָלן זוכה זיין צו קומען אין הייליקן לאַנד, האָט ער באַמערקט, געדענקען מיר צוצוגעבן, אַז דאָס זאָל געשען מיט פרייד, (יהי רצון... שתעלנו בשמחה לארצנו). אפילו, ווען עס איז אים אויסגעקומען זיך צו שיידן מיט דער וועלט, האָט ער געזעגט וועגן שׂמחה. פריילעך זאָלט איר זיין, האָט ער געפליסטערט מיט זיינע לעצטע כּוחות צו די, וואָס זענען געשטאַנען אַרום זיין בעט... עס זענען בכן געווען אין רבי יעקב יצחק פון לובלין אַ סך מידות און אייגנשאַפטן, וואָס צוליב זיי איז ער געווען אַרומ־גערינגלט מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט דורך זיינע בני־דור, און אויך די שפּעטערדיקע דורות האָבן אים באַטראַכט ווי אַ לערער און וועגווייזער. אָבער

דאָס איז נאָך נישט אַלץ. רבי יעקב יצחק איז מיטן לויף פון די יאָרן אַלץ מער און מער געוואָרן דער סימבאָל פון ציבור, וואָס צווישן אים האָט ער געווירקט. דאָס פאָלק, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אַרום אים, האָט דאָס אויסגעדריקט שוין בלויז אין נאָמען, וואָס מיט אים איז ער באַצייכנט געוואָרן: דער חוזה, דער זעער.

אין אַלע צייטן איז ביי אונדז, אין די ייִדישע גייסטיקע באַגריפן, די פעיִקייט צו זען אָפּגעשאַצט געוואָרן נישט דווקא ווי אַ פיזישע פונקציע, נאָר ווי אַ באַשטאַנדטייל פון דער גייסטיקער פערזענלעכקייט. מען האָט ביי אונדז תמיד אונטערגעשטראָכן, ווי אומגעווייטלעך וויכטיק עס איז צו דערזען מיטן אויג נישט בלויז ביז וואַנען דער בליק דערגרייכט, נאָר דערזען ווייטער, קוקן טיפער. דאָס אויג, איז געזאָגט געוואָרן אין אונדזערע אַלטע ספרים, איז די וועלט אין מיניאַטור. (עין דומה לעולם קטן, רש״י בכורות ט״ז). דאָס איז אין תנ״ך געבוירן געוואָרן יענער גרויסאַרטיקער און מערקווירדיקער אויסדרוק, וואָס באַשטימט, אַז עס איז מעגלעך צו זען מיטן האַרץ. אַפילו דער דענקער, וואָס די ספיקות האָבן געגעבערט אין זיין געמיט, האָט נישט געצווייפלט אין דער דאָזיקער מעגלעכקייט. מיין האַרץ האָט געזען, פאַרטרויט זיך קהלת (ולבי ראה הרבה חכמה ודעת, קהלת א׳, ט״ז). דאָס איז אין אונדזער ייִדישער אידעען־וועלט אַנטשטאַנען יענער באַגריף, אין וועלכן עס זענען אַריינגעטייטשט געוואָרן די פאַרשידנסטע כוונות: עין של מעלה, אַן אויג פון דער הויך, און אַזאַ פשוטע פראַזע, ווי אַן אויג וואָס זעט, עין רואה, האָט אין אונדזער דורותדיקער אינטערפּרעטאַציע באַקומען אַ מיסטישן אָפּשיין. זען האָט אייגנעזאַפּט אין זיך דעם געשאַנק צו זען דאָס באַהאַלטענע און איז אַדורכגענומען געוואָרן מיט דער קונסט צו וואַרפן אַ שאַרפן און דרייסטן בליק אין פאַרהוילטן סוד. זען באַגרענעצט זיך באַין אופן נישט צו זען דאָס נאָענטע און קעגנוואַרטיקע (אראנו ולא עתה, אשורנו ולא קרוב, במדבר כ״ד, י״ז). די דערשיינונגען איז מסוגל צו באַגרייפן דער, וועלכער איז פאַרקוקט אינעם מאָרגן (איזהו חכם? הרואה את הנולד, תמיד ל״ב). דער נביא איז זיינט קדמונים אָנגערופן געוואָרן ביי אונדז: דער זעער, און עס איז נאָך אַ פראַגע, וואָסער אויסדרוק האָט געוווּנען מער פּאָפּולערקייט צווישן פאָלק, נביא אָדער זעער.

אין איינעם פון די פריִע נביאים־ספרים, אין ספר שמואל, ווערט דערציילט, אַז פאַרצייטנס האָט דאָס פאָלק גלייכער געוואָלט אַרויסהייבן דעם טאַלאַנט צו זען ביי די, וואָס האָבן אים געהאָלפן אַרויפקלעטערן צו גאָט (כי לנביא היום יקרא לפנים הרואה, שמואל א׳, ט׳, ט׳), און יאָרהונדערטער שפּעטער האָט נאָך אַלץ דער וואָרטזאָגער פון קעניג פון ישראל אין זיין שאַרפער ווענדונג צום נביא עמוס אים אָנגערופן: זעער, חוזה (עמוס ז׳, י״ב).

פון די כראָניק־פאַרצייכענונגען פון די בני־דור פון רבי יעקב יצחק פון לובלין לערנען מיר, אַז שוין אינעם בליק פון זיינע אויגן האָט געפינקלט אַ ליכט,

וואָס האָט זיך אויסגעוויזן צו האָבן געקומען פון ערגעץ ווייט און צו ציִען זיך אין די נישט דערגרייכבאַרע ווייטקייטן. איינער פון זיינע תּלמידים, רבי צבי הירש זשידיטשעווער, האָט דערקלערט, אַז „דעם לובלינערס אויגן האָט צו מאָל רבי אלימלך פון ליזשענסק נישט פאַרמאָגט״. אַן אַנדערער האָט באַשטימט, אַז ווען מען קוקט אין די אויגן פון רבי יעקב יצחק געווינט מען די זיכערקייט, אַז „ער זעט פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן״. ווי גרויס עס זאָל נישט האָבן געווען דער סקעפּטיציזם פון די קעגנער פון חסידות בנוגע די דאָזיקע ענטוזיאַס־טישע פאַרזיכערונגען, האָבן זיי דאָך אויך נישט געקענט פאַרלייקענען, אַז אין זיינע אויגן זעט מען עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז אוממעגלעך צו דערזען ביי אַנדערע. די שיטה, וואָס מיט איר איז ער געקומען צום יידישן מענטש, האָט פון זיי אַרויסגעקוקט, די שיטה, וואָס זאָגט, אַז הגם אַלץ איז אַ סוד, און אין סוד זענען פאַרוויקלט אונדזערע שטרעבונגען, געפילן און חלומות, דאַרף דאָך דאָס אונדז נישט אָפּשרעקן פון וואַרפן אונדזער אַנגעשטרענגטן און געוואָגטן בליק אין די געדיכטקייטן פון סוד.

אָבער נישט בלויז אין דער אינערלעכער וועלט פון יחיד האָט אַריינגע־דרונגען דער זעער פון לובלין. זיין ווייטזעעוודיקייט האָט בעצם זיך באַצויגן צום געשיכטלעכן וועג פון דער יידישער אומה. בעת אַנדערע האָבן זיך פאַרלוירן אין זייערע השערות און סברות איבער די אויסטערלישע דערפאַרונגען, וואָס אונדזער פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט זינט די צייטן פון די אָבות, האָט אין די אויגן פון רבי יעקב יצחק גאָרנישט זיך אויסגעוויזן צו פאַרבלייבן מחוץ די צייכנס, וואָס זענען אַנגעגרייט אַנצוזאָגן די גאולה. אין דער וויזיע פון חוזה פון לובלין איז די גאולה געווען אַ ממשותדיקעווירקלעכקייט. פון די ביטערע צרות און אומהיימלעכע איבערלעבונגען פירט דער וועג צו אויפריכטונג. די שווערע מלחמות, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין יענער צייט, די מלחמה צווישן נאַפּאָלעאָן און דעם רוסישן צאַר, די פאַסירונגען, וואָס האָבן אויפגעציטערט מדינות און פעלקער, זענען פאַרן זעער פון לובלין נישט געווען עטוואָס אַנדערש, ווי די מלחמות פון גוג ומגוג, וואָס וועגן זיי רעדט זיך אין ספר פון נביא יחזקאל, אין די פּרקים ל״ח און ל״ט, וואָס זאָגן אָן שטורעם און אויפטרייסלונג, פייער און שווערד, אָבער וואָס דאַרפן עפענען די נייע תקופה פון אויפבוי און אויפגאַנג. די מרחקים פון צייט און אָרט האָבן זיך אָפּגעווישט. די בערג פון די געגנטן אַרום לובלין זענען זיך צונויפגעוואַקסן מיט די באַרג־הויכקייטן פון יהודה, משיחס צייטן האָבן אַרויסגעשיינט פון געדיכטן נעפּל. פאַרן זעער פון לובלין איז די קבלה געוואָרן דורכזיכטיק, די צוקונפט איז געוואָרן קעגנוואַרט, די אינטויִציע אַנטשיידענער ווי טאָג־טעגלעכע רעאַלקייט.

אין יענער צייט פון ווי׳ און מהומה האָט רבי יעקב יצחק אַריינגעטראָגן מונטערקייט אין די פאַראומערטע יידישע געמיטער. ער איז נישט מיד געוואָרן

איבערצוחזרן מיט אַלץ שטייגנדיקער התלהבות, אַז דורך די שווערע וואָלקנס רייסט זיך אַדורך די זון פאַר דער ייִדישער אומה, און אַז אַלץ, וואָס פּאַסירט, איז נאָר אַן אַריינפיר צו אַ נייעם באַגינען אין אונדזער גאַנג, דורך דורות. און ער האָט נישט בלויז זיין טרייסט אויסגעדריקט אין וואָרט אָדער אין זיין אַנטשיידענעם ווילן און אין רמזים און צירופים, אַזוי ווי דאָס פלעגט טאָן יאָרהונדערטער פריִער אונטער די לויטערע הימלען פון צפת דער אר״י הקדוש. דער חוזה פון לובלין האָט די אָנקומענדיקע טעג פון אויפריכטונג און אויסלייז געזען מיט שטויגנענדיקער קלאָרקייט. די מיסטיק פון זיין בליק האָט אַרומגענומען די סביבה, האָט אַרומגענומען די גאַנצע אומה. און די וויזיע איז געוואָרן אין איר וואָרהאַפטיק. אַלע האָבן צוזאַמען מיט אים געקענט קוקן מיט זיכערקייט און דביקות אין דער אַזוי נאָענטער ווייטקייט. אין פאַרטערעטע ייִדישע אויגן האָט אויפגעבליצט דאָס ליכט, וואָס האָט אַרויסגעשטראַלט פון חוזה. איין שבת־פרימאָרגן האָט אים געפרעגט רבי ברוך פון מעדזשיבאָזש: מ׳זאָגט, אַז איר זענט אַ זעער, רבי יעקב יצחק, זאָגט מיר אַדרבא, ווו געפינען מיר זיך איצט? דער חוזה האָט אים אָפּגעענטפערט: איך זע, אַז מיר זענען דאָ אין ארץ־ישׂראל. מיר גייען אַריין קיין ירושלים. באַלד וועלן מיר אַריבערטרעטן די שוועל פון בית־המקדש... רבי ברוך פון מעדזשיבאָזש האָט זיך שפּעטער פאַרטרויט, אַז אויף אַ רגע האָט ער אויך אָנגעהויבן קוקן מיט די אויגן פון חוזה. זיי האָבן ביידע באמת זיך געפונען אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. זיי האָבן זיך געגרייט אַריינצוגיין אין בית־המקדש.

עס איז זיך נישט צו וווּנדערן, פאַר וואָס פאַר דעם ייִדישן פאָלק אין מזרח־אייראָפּע איז רבי יעקב יצחק אויסגעוואַקסן ווי דער זעער. זינט די צייטן פון די נביאים פון אַמאָל, איז בלויז ער געקרוינט געוואָרן מיטן דאָזיקן נאָמען. ווי אַ באַוועגונג, וואָס איז רייף געוואָרן אין די טיפענישן פון פאָלק, האָט חסידות, אינעם נאָמען, מיט וועלכן זי האָט באַצייכנט אירע שעפער און בויער, אויסגע־דריקט די מחשבות און געפילן פון פאָלק. זינט די צייטן פון די נביאים פון אַמאָל און אין דער לאַנגער געשיכטע פון חסידות, איז ער איינער געווען דער חוזה. ער איז דערשינען פאַר דורות ווי דער סימבאָל פון אַלע יענע ייִדן, וואָס זענען מסוגל געווען אין די חורבות צו דערבליקן דעם אויפשפּראָץ פון אַ ניי לעבן, אַריבערשפּרייזן איבער דערדריקנדיקע טראַגעדיעס מיט אויג און האַרץ געווענדט אין אַן אָנגעברייטער ווירקלעכקייט. און דער דאָזיקער סימבאָל איז געשטיגן אין באַטייט אין דער תקופה, וואָס טיילט אונדז אָפּ פון חוזה. סיי אוישוויץ, סיי דער נאָך־אוישוויץ־פּעריאָד, די געוואַלטיקע דראַמע פון ייִדישן לעבן אין די לעצטע יאָרצענדליקער, באַקומען זייער אויטענטישן אויסטייטש, אויב מען קוקט אויף זיי, אַזוי ווי עס האָט געקוקט אויף ייִדישע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען דער זעער פון לובלין. ייִדישע געשיכטע, ייִדישע דברי הימים,

באַקומען אַ זין ווען מען באַטראַכט זיי מיט די אויגן פון ווייטזעער. זוכערס פון רמזים וועלן געפינען אַ באַטייטפולן רמז אויך דערין, וואָס דער ספר פון תנ״ך, וואָס ווערט אָנגערופן דברי הימים, און ווו עס וויקלט זיך פונאַנדער ייִדישע געשיכטע זינט די טעג פון בראשית, האָט געזאָרגט אין זיין פאַרלעצטן פסוק, אַז מיר זאָלן אין אַלע דורות באַגרייפן און פילן, אַז נאָר דורך אַ טיפן אַריינבליק קענען מיר אַריינדרינגען אין די אויפציטערנדיקע פאַסירונגען פון אַמאָל און פון היינט. ווי זעערס ווערן דאָרט באַצייכנט די, וואָס העלפן דעם ייִדישן מענטש צו גיין איבער מהומה און שטורעם (דברי הימים א׳, כ״ט, כ״ט).

ד.

קומען מיר צום ייִד. וואָסער מערקווירדיקן נאָמען חסידות האָט באַשטימט פאַר אים. פון מאָל צו מאָל האָט מען צוגעגעבן: דער הייליקער, דער ייִד הקדוש. אַ באַצייכענונג, וואָס צו איר האָבן זוכה געווען בלויז געציילטע אין אונדזער טויזנטיאָריקער געשיכטע: דער אר״י הקדוש, דער של״ה הקדוש, דער אַלשיך הקדוש. און פאַר זיי: רבינו הקדוש, רבי יהודה, וועלכער האָט אויפגעשטעלט פאַר דורות דעם מאָנומענט פון דער משנה. אָבער מערסטנטייל טאַקע: דער ייִד. געהייסן האָט ער געענוי ווי זיין וועגווייזער אין חסידות, דער חוזה פון לובלין: יעקב יצחק, אויסגעוואַקסן אין די זעלבע געגנטן פון קאָנגרעס־פּוילן און אין די וואָגלענישן פון זיין לעבן וואַרפן זיך אַדורך כמעט די זעלבע נעמען פון שטעט און שטעטלעך, דערפער און ישובים: פּזשעדבאָזש, גראָד־זשיסק, זאַווייעכאָסט, אַפּטע, לובלין. און די זעלבע באַשעפטיקונג אַן ערך, וואָס מיט איר עפנט ער אַ דרך צום ייִדישן האַרץ: מלמד, בעל־דרשן. לסוף באַזעצט ער זיך אין פּשיסכע. צווישן ראַדאָם און פּיאָטרקאָוו. דאָ וויקלט זיך אויף אין זיין פולן פאַרנעם דער אייגנאַרטיקער פּרק, וואָס רבי יעקב יצחק האָט אַריינגעשריבן אין דער געשיכטע פון חסידות, אין דער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום. ער איז געווען דער ייִנגסטער פון די דריי בויער פון חסידות אין פּוילן. און הגם ער האָט אַ סך געלערנט און אַ סך איבערגענומען פון די, וואָס האָבן פאַר אים געלייגט די ציגל צום בנין — ער האָט געטרונקען פון די קוואַלן פון רבי משה לייב סאַסעווער, רבי דוד לעלעווער און טאַקע אויך פון חוזה — איז ער דאָך דערשינען מיט אַ שיטה, וואָס איז באַקאַנט געוואָרן ווי די שיטה פון פּשיסכע, און ער האָט זיך איינגעקריצט מיט זיין פּערזענלעכקייט, וואָס פאַר־וואַנדלט אויך אים, דעם דריטן, אין אַן איינדרוקפולן סימבאָל פון קיבוץ, וואָס צו אים, צו זיינע ליידן און פריידן, צו זיינע ראַנגלענישן און האָפענונגען, האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט האַרץ און נשמה.

נאַטירלעך, ער און זיין שיטה האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף די אַלטע און אָנגענומענע יסודות פון חסידות: אינערלעכע ערלעכקייט, דביקות פון מענטש

צו מענטש, אהבת ישׂראל, רירנדיקע עניוות, אָפּשיי צו כּבוד און אייגננוצן, כּוונה, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אַפֿילו אין דער געוואַגטקייט נישט אָפּצוהיטן דעם זמן־תּפֿילה. דאָס דאַווענען קען נישט זיין אָפּהענגיק פֿון אַ באַשטימטער שעה, האָט געזאָגט דער פּשיסכער. מען דאַוונט ווען מען האָט כּוונה. בעת ער איז איין מאָל מיט זיינעם אַ תּלמיד געגאַנגען אין וואַלד און די פֿייגעלעך האָבן, ווי געוויינלעך, געצוויטשעט, האָט צו אים דער תּלמיד געזאָגט: איך וואָלט געוואָלט פֿאַרשטיין, וואָס זיי זאָגן די פֿייגעלעך. רבי יעקב יצחק האָט זיך דערויף אָפּגערופֿן: און דאָס, וואָס דו זאָגסט, פֿאַרשטייסטו דען יאָ? בלויז דורך כּוונה ווערן אונדזערע ווערטער פֿאַרשטענדלעך.

אָבער בעיקר האָט דער פּשיסכער געלייגט דעם טראָפּ אין זיין שיטה אויף אַ דרך, וואָס איז בעצם נישט געווען קיין חידוש אין חסידות, אָבער וואָס איז, לויט זיין מיינונג, נישט גענוג באַטאָנט געוואָרן, און וואָס איז דאָך דער אלף־בית פֿון ייִדישקייט. מיט אַן אימפּעט און ברען, וואָס האָט מיטגעריסן די געמיטער, האָט ער דערקלערט, אַז ייִדישקייט לאָזט זיך נישט פֿונאַנדערטיילן. אַ צעשפּאָלטן ייִדישקייט איז אַ צעבראָכענער אמת. און אַ פֿונאַנדערגעטיילטער אמת איז מער נישט קיין אמת. ייִדישקייט לאָזט זיך נישט צעשפּאַלטן און צעברעקלען. ייִדיש־קייט מוז אין זיך אַריינגעמען אַלץ, וואָס האָט געשאַפֿן און אויסגעפֿולט דעם ייִדישן מענטש זינט דורות. אין ייִדישקייט טאָר גאָרנישט אַרויסגעלאָזט ווערן. ייִדישקייט איז דורותדיקער עגבערדיקער אומרו און דורותדיקע חדווהדיקע אמונה, דורותדיקע פּאָלקסטימלעכקייט און דורותדיקע גריבלעריי.

אויב עמעצער האָט גערעכנט, אַז חסידות גיט נישט אָפּ גענוג חשיבות און צייט פֿאַר לערנען, האָט מען אין פּשיסכע אָוועקגעגעבן טעג און נעכט פֿאַר לערנען. רבי יעקב יצחק האָט געטייטשט אַז פּת, ברויט, מיינט תּלמוד, ש״ס ופּוסקים. צוליב לערנען איז כּדאַי אַפֿילו צו מאַכן קירצער די צייט פֿון דאַווענען. לומדות, חידושים אין פֿעלד פֿון הלכה, און דער פּלפּול, אַזוי ווי ער איז באַקאַנט געווען אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער אין די ישיבות אין פּוילן, זענען דער־מוטיקט געוואָרן דורכן אייגענעם ביישפּיל, וואָס רבי יעקב יצחק, דער למדן און חריף, האָט געגעבן.

אויב עמעצער האָט געקענט קלערן, אַז צוליב דעם דאָזיקן נייעם דרך וועט פֿאַרזען ווערן די וויכטיקייט פֿון מידות און אויפֿפֿירונג — ווערטן, אויף וועלכע חסידות האָט געלייגט דעם טראָפּ אין דער תּורה פֿון אירע שעפֿער בעת זי איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין די קאַרפּאַטן־בערג — האָט מען אין פּשיסכע ווידער אַ מאָל אָוועקגעשטעלט אין צענטער די באַגריפֿן פֿון מענטשלעכער געלייטערטקייט און עטישן אויפֿשטייג. רבי יעקב יצחק פּשיסכער האָט ביי יעדער געלעגנהייט גערעדט וועגן די מדרגות, צו וועלכע יעדער אייגער פֿון אונדז דאַרף שטייגן, און הגם עס איז שווער זיך אויפֿצוהייבן איבערן אייגענעם „איך״,

מוז מען דאָך זיך אָנשטרענגען צו אַרבעטן איבער זיך, און, זאָל זיין בהדרגהדיק, אָבער קלעטערן. אַלץ העכער און העכער. ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק און נויטיק זיך אָפּצושטעלן בפרטות אויף אַזאַ יסודותדיקן אָנווייז, ווי דן זיין דעם צווייטן מענטשן לכף זכות. איז יענער ווירקלעך אומשולדיק און האָט קיין שלעכטס נישט געטאָן, האָט דער פשיסכער באַמערקט, האָט מען דאָך ריכטיק געהאַנדלט און מכוון געווען צום אמת. אלא ווידער טאָמער איז יענער יאָ שולדיק, איז אויך רעכט. מען האָט דערווייל מקיים געווען דעם אָנזאָג צו געפינען אין צווייטן אַ שטיקל זכות. אָבער ווען מען באַרעדט יענעם איז דאָס שלעכט און נידעריק, וואָרום איז יענער אומשולדיק, האָט מען דאָך אויף אים מוציא שם רע געווען, און ווען אַפילו יענער איז יאָ שולדיק, האָט מען דאָך עובר געווען אויפן אָנזאָג צו זוכן בלויז גוטס אין יעדן איינעם (והוה דן את כל האדם לכף זכות, אָבות א׳ ,ו׳).

און אויב עס האָט ביי עמעצן זיך געקענט שאַפן דער איינדרוק, אַז חסידות איז בלויז תּמימות און אַז זי פּאַרפּלאָכט אונדזער ייִדישקייט, האָט רבי יעקב יצחק אַריינגעברענגט קיין פשיסכע די נייגונג און דעם ווילן צו חקירה. נאָך שאַרפער ווי דער חוזה פון לובלין, האָט ער נישט דערלאָזט אַז דער מופת זאָל באַטראַכט ווערן ווי אַן עיקר אין צונויפקום פון רבי און חסיד. ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז זיין אַ בעל־מופת איז נישט קיין קונץ. יעדער בעל־מופת קען איבער־דרייען הימל און ערד, און באַווייזן אַ נס. אַ ייִד צו זיין איז שווער... חסידות איז אויך חקירה. און חקירה־ספרים, וואָס זענען אויסגעקומען צו ליגן אין אַ זייט, די ספרים פון רמב״ם, פון רבי יהודה הלוי צי פון מהר״ל מפּראָג, האָבן אָנגעהויבן פאַרנעמען אַ בכּבודיקן פּלאַץ אין די חסידישע ספרים־שענק און אַרויפגענומען ווערן אויף די חסידישע טישן. רבי יעקב יצחק האָט באַשטימט צו פאַרטיפן חסידות. אין זיין געשיכטע פון חסידות שרייבט שמעון דובנאָוו: „דער ייִד פון פשיסכע איז געווען מער לערער אין חסידות ווי פּראַקטישער גוטער ייִד. און דערמיט אונטערשיידט ער זיך פון זיינע עלטערע חברים אין לובלין און קאָזשעניץ״.

מיט זיינע געדאַנקען־פונקען האָט דער פשיסכער יעקב יצחק אָנגערעגט אַריינצודרינגען טיף אין די פאַרפּלאָנטערטע פּראָבלעמען פון וועלט, מענטש און ייִד. אַפילו ווען ער האָט בכדי צו מאַכן צוטריטלעך זיין וואָרט צו אַלע, וואָס האָבן זיך אַרום אים געזאַמלט, זיך נישט באַנוצט מיט די קאָמפּליצירטע באַגריפן פון דער קבלה, האָט בעצם די אַלטע לערע פון די ניצוצות באַקומען אין פשיסכע נייע דינאַמיק. ער האָט דערציילט, אַז בעת ער האָט געוואָגלט איבער שטעטלעך און דערפער, האָט ער איין מאָל זיך אָנגעטראָפן אויף אַן איבער־געקערטן וואָגן מיט היי. דער פויער האָט ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל אים העלפן אויפצושטעלן דעם וואָגן. ער האָט געפּרוווט דאָס טאָן, אָבער דער וואָגן

האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט. איך קען נישט, האָט ער געזאָגט צום פֿויער, האָט דער פֿויער אויפֿגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר בייזע אויגן און זיך אָפּגערופֿן צו אים: דו קענסט, נאָר דו ווילסט נישט... דעמאָלט איז פֿאַר מיר קלאָר געוואָרן, האָט פֿאַרענדיקט דער פּשיסכער, אַז מיר קענען אויפֿהייבן די שכינה פֿון שטויב, נאָר מיר ווילן נישט...

אַן אַנדערש מאָל האָט ער געזאָגט, אַז ווען מען פֿרעגט אַ מענטש פֿאַר וואָס ער האָרעוועט אַזוי פֿיל, ענטפֿערט ער, אַז פֿאַר זיך אַליין וואָלט ער זיך באַגנוגנט מיט ווייניקער, מען מוז אָבער אין זינען האָבן די קינדער, מען מוז די קינדער פֿאַרזאָרגן. בעת דאָס קינד ווערט גרויס, נעמט עס אויך האָרעווען מיט דעם זעלבן צוועק — אַלץ פֿאַר די קינדער. איך וואָלט שוין אָבער אַ בעלן געווען צו זען דאָס ריכטיקע קינד, האָט אויסגעפֿירט דער פּשיסכער, פֿאַר וועלכן אַלע דורות זאָרגן און האָרעווען אַזוי פֿיל... אַזאַ און ענלעכע מחשבה־שפּליטערס האָט אָנגעוואָרפֿן רבי יעקב יצחק. ייִדישקייט איז האַרץ און רגש, אָבער אויך מוח. און אַנאַליז, פֿראַגע און פֿאַרווּנדער. ייִדישקייט איז העכערע שלימות. איך גיב אַוועק מיין גאַנץ חלק עולם הזה און עולם הבא, האָט ער אויסגערופֿן, פֿאַר אַ טראָפּן ייִדישקייט.

דאָס פֿאָלק האָט דעם חסידות־בויער, וועלכער האָט פֿאַרקערפּערט אין זיך אַלץ אַרומנעמענדיקע ייִדישקייט, אָנגערופֿן: דער ייִד. רבי איטשע מאיר, דער גרינדער פֿון גערער חסידות, האָט דערקלערט, אַז דאָס האָט ער ביים פּשיסכער געלערנט דעם פּולן פֿאַרנעם פֿון ייִדישקייט. און דער תּלמיד פֿון ייִד און זיין ממלא־מקום רבי שׂמחה בונם האָט אים פֿאַרגליכן צו אַ גאָלדענער זאַנג, צו אַ זאַנג, וואָס איז צייטיק, צו אַ זאַנג, וואָס איז פֿול.

גענוי ווי דער מגיד פֿון קאָזשעניץ, גענוי ווי דער חוזה פֿון לובלין, האָט דער ייִד פֿון פּשיסכע מיט זיין פּערזענלעכקייט און דרך געצייכנט די שטריכן פֿון יענע ייִדן אין דער וועלט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען: שאַרפֿע אין זייער ייִדישן באַנעם און התלהבותדיקע אין זייער איבערצייגונג, פֿאַרגריבלטע אין מאָנענדיקן רעפֿלעקס און פֿאַרדביקהטע אין זייער בענקעניש, פֿאַרטועטע אין אויפֿרודערנדיקע חקירות און פֿאַרוועבטע אין פֿאַרוויגנדיקע חלומות. פּשיסכע איז סימבאָליש פֿאַר דעם כאַראַקטער און פֿאַר דער פּסיכיק פֿון ייִדישן כּלל אין מזרח־אייראָפּע. פֿון דאָרט האָבן געצויגן זייער שורש די פֿאַרשידענע שטרעמונגען אין חסידות פֿון דער ערב־חורבן־תּקופֿה, דאָס חסידות פֿון איזשביצע, ווורקע, קאָצק, גער, אַלעקסאַנדער, דאָס חסידות, וואָס האָט אַריינגעבראַכט נאָגנדיקע אומצו־פֿרידנקייט און עקזאַלטירטע פֿרייד. אויך די מאָדערנע באַוועגונגען, וואָס האָבן געווירקט צווישן ייִדישן כּלל אין מזרח־אייראָפּע, די גרויסע גייסטיקע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, האָבן גערעדט מיטן נוסח און מיטן לשון פֿון פּשיסכע, פֿונאַנדערטראָגנדיק די אידעע, אַז ייִדישקייט איז נישט קיין פֿראַגמענט, וואָרום

ייִדישקייט איז דער פּאַרצייטנס און דער היינט, די בונטאַרישקייט און די האַר־מאָניע, רש״י און אבן עזרא, דער רמב״ם און דער בעל־שם, דער אַבּרבּנאל און דער רמ״א, די פאָרשונג און דאָס געזאַנג.

און דער סימבאָל, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן אין פּשיסכע, שיינט אַרויס פאַר אונדז אין זיין גאַנצער דערהויבנקייט, מיט זיין פּשט און מיט זיין רמז, אויך אין דער היינטצייטיקער גייסטיקער און עמאָציאָנעלער פאַרלוירנקייט פון נאָכן אוישוויץ־דור, ווען עס איז אַזוי נויטיק צו דערמאָנען, אַז ייִדישקייט לאָזט זיך נישט פאַר קיין שום פאַל צעשפּליטערן און צעברעקלען.

דער שווערער באַרג־אַרויף פון רבי בונם פון פשיסכע

א.

דער דרך פון רבי בונם פון פשיסכע איז אייגנטלעך געווען דער היסטאָרי־שער וועג פון פוילישן יידנטום. אין יידיש־פוילישן קיבוץ איז קוים געווען אַ תקופה, וועלכע זאָל טראָגן אויף זיך דעם חותם פון זעלבסטצופרידנקייט. אַפילו, ווען זיי האָבן געקענט אָנווייזן אויף באַדייטנדיקע דערגרייכונגען, האָבן פוילישע יידן זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זייערע זוכענישן און אָנשטרענגונגען צו גראָבן אין דער טיף און צו קלעטערן באַרג־אַרויף. און, ווען די באַוועגונג פון חסידות איז אויסגעוואַקסן אין פאַרנעם און פּאָפּולערקייט, זענען די, וואָס האָבן פונאַנ־דערגעטראָגן די תורה פון וואַנדערנדיקן דאָרפס־מלמד פון מעדזשיבאָזש איבער די שטעט און שטעטלעך פון צענטראַל־פּוילן, נישט פאַרבליבן צופרידן. געטריבן פון אומגעשטילטן שעפערישן אומרו, האָבן זיי געפאָדערט, אַז די געדאַנקען און אידייען זאָלן געווינען אין עמקות. זיי האָבן דערקלערט, אַז הגם עס איז טאָקע מער נישט נויטיק צו פירן דעם קאַמף קעגן די אויסערלעכע קעגנער פון חסידות, איז אָבער נאָך אַלץ וויכטיק פאַרצוזעצן דעם געראַנגל מיטן אייגענעם „איך" און מיטן אייגענעם געוויסן.

פשיסכע, אַ קליין שטעטל אין קאָנגרעס־פּוילן — אַזוי ווי מען האָט אין יענער צייט פון איבערבורך פאַר דער פּוילישער מלוכה גערופן די פּראָווינצן, וועלכע זענען געווען אויסגעלייגט אַרום לובלין און וואַרשע — איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גרויסן צענטער פון דער יידישער מחשבה. חסידות איז אויסגע־טראָגן געוואָרן אין אַ געגנט פון בערג, און אַפילו אין דער פלאַכער טייל פון פּוילן זענען בערג און בערגלעך כאַראַקטעריסטיש פאַרן פייזאַזש. עס איז אָנצו־נעמען, אַז די געאָגראַפישע לאַנדשאַפט האָט געהאַט גאָר אַ סך צו טאָן מיט די אידייען און מיטן לעבנסוועג, וואָס זענען אויסגעהאַמערט געוואָרן. די בערג, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פון ווייטן יידישן אַמאָל פון תנ"ך, האָבן זיך צונויפ־געקייטלט מיט די היימישע בערג פון דער יידישער קעגנוואַרט אין פּוילן, און מיטגעהאָלפן באַוועגן דעם יידישן מענטש אויסצובויען אַ וועלטבליק, וואָס זאָל

זיין אַדורכגענומען מיט באַרג־עלעמענטן. אויב די ביימער אין פּוילן, האָבן, לויט די באַקאַנטע ווערטער פון רבי אַברהם פון סאָכאַטשעוו, געהאַט דעם באַגער צו זאָגן קדושה, האָט זיכער דאָרט אויף די בערג זיך פונאַנדערגעטראָגן מיטן גאַנצן אימפּעט יענע פראַגע, וואָס איז מיט צעגליטן פּאַטאָס אויפגעהויבן געוואָרן אין קאַפּיטל כ"ד פון תהלים: „ווער איז מסוגל אַרויפצושטייגן אויפן באַרג פון גאָט ?"

„דער באַרג פון גאָט" האָט געקענט פאַרמאָגן פאַרשיידענע נעמען און טראָגן אין זיך פאַרשיידענע באַדייטונגען. דאָס האָט געקענט זיין דער באַרג מוריה, אויף וועלכן דער פאָטער פון דער ייִדישער געשיכטע האָט מיט דערשי־טערנדיקן ווייטיק, אָבער אויך מיט פעלזן־פעסטער שטאַרקייט, אָנגעוויזן פאַר די קומענדיקע דורות, אַז דער ייִדישער וועג צו דער אייביקייט פירט דורך עקידה. דאָס האָט געקענט זיין דער באַרג סיני, וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין ייִדיש־היסטאָרישן זכרון, ווי דער באַרג פון אַנטפּלעקונג, וועלכער איז געשטאַנען אין פלאַמען פייער, ווען איבער אים האָט זיך געטראָגן דאָס וואָרט פון גאָט צו מענטש. דאָס האָט געקענט זיין דער הר הכּרמל, פון וואַנען עס האָט זיך אין האַסטיקן שטורעם אַראָפּגעקוילערט דער שאַרפער ייִדישער וויכּוח מיט דער וועלט און ווו עס האָט זיך אויפגעדעקט אין איר גאַנצער נאַקעטקייט די מורא־דיקע איינזאַמקייט פון ייִד אין דער וועלט. דאָס האָט געקענט זיין דער הר הזיתים, וואָס פון אים זענען אָנגעברייט זיך פונאַנדערצוגיין די ליכטיקע גאולה־אָנזאָגן און ווו עס וועט, לויט די רייד פון די נביאים, אין סאַמע מיטן פון דער געדיכטער פינצטערניש אויפפּראַלן דער העלער באַגינען.

אָבער דאָס האָט אויך געקענט זיין דער באַרג נבו, פון וואַנען דער „פאָטער פון די נביאים", האָט, לויט די לעצטע פּסוקים פון חומש דברים, געזען פון דער ווייטנס דאָס צוגעזאָגטע לאַנד און ווו ער האָט געקענט זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג, אַז וויזיעס ווערן אויסגעטראָגן אין פּיין און אין בענקשאַפט, אָבער נישט דערפאַר, ווייל זיי ווערן נישט פאַרווירקלעכט, הערן זיי אויף אויסצופולן מיט אינהאַלט און זין דאָס לעבן פון מענטש.

דער אמת איז, אַז אויך אין אַ ריי אַנדערע שיטות פון חסידות, און נישט דווקא אין פּשיסכע, האָט מען געפּרוווט צונויפבינדן ייִדן און ייִדנטום מיט איינעם פון די אויסגערעכנטע בערג. פאַר רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז דער עקידה־מאָטיוו געווען דער רירנדיקסטער און אַנטשיידנדיקער אין דער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט פון דער ייִדישער אומה. פאַר רבי שניאור זלמן פון ליאַדי איז סיני געווען די מעכטיקע דראַמע אין נעכטן און אין מאָרגן פון דער כּנסת ישׂראל. פאַר רבי יעקב יוסף פון פּאָלאָנאָי האָט דער וויכּוח אויפן הר הכּרמל גאָר קיין מאָל זיך נישט פאַרענדיקט, און ער הילכט אָפּ אין ייִדישן באַוווּסטזיין, ווי אַן אומפאַרגייענדיקער עכאָ. פאַר רבי יעקב יצחק, דער חוזה פון לובלין, איז

דער משיחישער אָנזאָג פון הר הזיתים געווען ווײַנטלעך און אומגעווייִנלעך אַקטועל. און די מעשׂהס פון רבי נחמן בראַצלעווער מאַכן דעם איינדרוק, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען אינספּירירט פון דער טיף־מענטשלעכער דראַמע, וואָס האָט זיך געעפֿנט און אָפּגעשלאָסן אויפֿן באַרג נבו, בכדי צו באַווייזן, אַז דער ציטער פון חלום, דער צויבער פון דער האָפענונג און דער ווייַ פון דער אַנטוישונג פּאַרפלעכטן זיך אין געוועב פון לעבן, וואָס איז ספק פּאַרבייגייענדיקער שפּינוועב, ספק דויערהאַפטיקער מאָנומענט. אָבער אין פּשיסכע האָט מען בפירוש נישט געוואָלט העלפן דעם ייִד זיך פונאַנדערצוקלייבן אין געווירבל פון די בערג. גיי זוך! — האָט מען געזאָגט — גיי דראַפּע זיך, גיי קלעטער פון באַרג צו באַרג, און געפין פאַר זיך אַליין אויס, וועלכע עס זענען די הרי עולם!...

אויב אין די קאַרפּאַטן־בערג אין דער אוקראַיִנע, האָט מיט אַ האַלבן יאָר־הונדערט פריִער, דער שעפער פון חסידות, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, אָנגענומען דעם ייִד ביי דער האַנט און אים געגעבן אָנשפּאַר אין באַרג־אויפשטייג, האָט מען דאָ, אין קאָנגרעס־פּוילן, אין פּשיסכע, געהאַלטן, אַז דו און איך דאַרפן מיר אַנטוויקלען אונדזערע אייגענע שעפערישע מעגלעכקייטן און מיט אייגענע אָנשטרענגונגען געווינען די כּוחות צו קלעטערן אין דער הויך. לויט רבי מאיר פון אַפּטע — האָט געזאָגט רבי בונם — זענען באַשאַפן געוואָרן די ברייטע אַקסלען פון רבין, כּדי ייִדן זאָלן זיך קענען אויף זיי אָנשפּאַרן. איך גלייב נישט אין די ברייטע רבישע אַקסלען. דער ייִד אַליין מוז עפענען זיין האַרץ און זיינע קוואַלן פון גבורה.

פּוילישע ייִדן האָבן אין אַלע תּקופות פון זייער געשיכטע אויסגעקליבן דעם שווערן וועג. דערפאַר איז פּשיסכע אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן חסידות אין פּוילן. פּשיסכע האָט געפאָדערט, פּשיסכע האָט זיך אַריינגעשניטן אין געוויסן. פּשיסכע האָט געשטעלט באַדינגונגען, פּשיסכע האָט אַריינגעגעבן אין אַ ייִדישן קיבוץ, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ מצב פון פּאָליטישער און עקאָנאָמישער שפלות, דאָס געפיל פון זעלבסטזיכערקייט און גלויבן אין די אייגענע מעגלעכ־קייטן. מען האָט, נאַטירלעך, אין פּשיסכע, זיך נישט באַנוצט מיט אַזאַ מאָדערנעם באַגריף, ווי „ווירדע". אָבער דאָס חסידות, וואָס איז דאָרט אויסגעוואַקסן, איז בלי ספק איינע פון די ווירדיקסטע באַוועגונגען אין דער געשיכטע פון ייִדישן גייסט. די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט צווישן פּוילישן ייִדנטום אין פאַריקן יאָרהונדערט, און וואָס האָבן אָנגענומען זייער דייטלעכן אויסדרוק און כאַראַקטער אין דער תּקופה פאַרן נאַצי־חורבן, טראָגן אין זיך בעצם די קענטיקע צייכנס פון פּשיסכע. דאָס חסידות פון פּשיסכע האָט באַוויזן אַריינצובערענגען אין געמיט פון פּוילישן ייִדנטום דעם מערקווירדיקן כּוח פון פאַרמעסט און דעציזיע.

ב.

מען האָט אין די לעצטע דורות פיל פון די וויכטיקע מחשבות, וואָס זענען אויספּאָרמירט געוואָרן אין פּשיסכע, צוגעשריבן צו קאָצק. דאָס הייסט: צו דעם חסידישן דרך, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר רבי מנחם מענדל פון קאָצק. אָבער עס איז מער ווי ריכטיק אונטערצושטרייכן, אַז רבי מענדל קאָצקער האָט געצויגן זיין השפעה פון פּשיסכע. דאָס האָט ער דאָרט געלערנט צו גראָבן אין דער טיף און צו זוכן, ביי אַלע אומשטענדן, דעם אמת. דאָס האָט ער דאָרט געלערנט צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר בכלל זיך נישט אָפּשרעקן פאַר דער וואָרענונג פון קהלת, אַז וואָס מער מען ווייסט און באַגרייפט, אַלץ שטאַרקער טוט ווי (ויוסיף דעת, יוסיף מכאוב — קהלת א׳, י״ח). פון דער גייסטיקער שיטה פון פּשיסכע קומט זיין עזותדיקע באַמערקונג: טאָ איז וואָס? ווי טאָן זאָל, אָבער וויסן זאָל מען!...

אָט דער אַנטשיידענער באַשלוס צו מאָנען ביי זיך אַליין און אָט די נאָגנדיקע אומצופרידנקייט, האָבן, וואָס אַן אמת, דעמאָלט ביי אייניקע לערער פון חסידות, זיך אויסגעוויזן צו זיין צו דרייסט, צו פאַרריסן. דאָס איז געווען אַ צייט פון אַנגסט און מוראדיקער אומזיכערקייט פאַרן פּוילישן ייִדנטום. פּוילן האָט אַדורכגעמאַכט אַן איבערברוך, וואָס האָט פאַקטיש צעשטערט די יסודות פון דער מדינה. זי איז אַריינגעטראָטן פון איין קריזיס אין אַנדערן, און אויפן שוועל פון נײַנצנטן יאָרהונדערט איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. אָט האָט זי נאָך געהאַט אַ שטיקל שאָטן פון אומאָפּהענגיקייט אין דער פאָרם פון „וואַרשעווער הערצאָגטום״, און אָט האָט זי אין גאַנצן פאַרלוירן איר זעלבסטשטענדיקייט. די פּראָווינצן פון קאָנגרעס־פּוילן האָבן זיך געפונען אומאויפהערלעך אין מצב פון פּאָליטישן, סאָציאַלן און ווירטשאַפטלעכן כאָאָס. אָט איז די מדינה געווען אונטער דער מאַכט פון פּרייסן, אָט האָט דער רוסישער צאַר געוווּנען די אייבערהאַנט, און אָט איז זי באַצוווּנגען געוואָרן פון צוליבער פון דער פּערזענלעכקייט פון נאַפּאָלעאָן, און איבער די פּוילישע שאָסייען האָבן אָפּגעהילכט די שטיוולטריט פון די פראַנצויזישע חיילות. אין דער צייט פון מהומה, האָבן ייִדן ווייניק־וואָס געקענט דערוואַרטן, אַז אין זייער פאַרצווייפלטער לאַגע זאָל אַריינטרעטן אַ פאַרלייכטערונג. נישט געווען קיין משפט, און נישט געווען קיין שופט. רעכטלאָזיקייט איז געוואָרן אַ נאָרמאַלער צושטאַנד. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט פאַר יעדער פּרישער אָקופּאַציע־מאַכט זיך אויסגעוויזן צו זיין אַ לאַסט, אַ פּראָבלעם; און, פאַרשטייט זיך, אַ קיבוץ, וואָס אויף אים קען מען אַרויפוואַרפן די שולד פאַר אַלע דורכפאַלן און פון וועלכן מען קען אַרויסצאַפּן בלערליי ווילדע שטייערן; אַפילו דעם שטייער פאַר וועלן חתונה האָבן, פאַר אָנצינדן די שבתדיקע ליכט און פאַר אָטעמען לופט. נישט קיין ווונדער, אַז דאָס אויפמונטערנדיקע וואָרט

פון חסידות איז דאָ, צווישן די ייִדישע מאַסן, אויפגענומען געוואָרן מיט טיפן ענטוזיאַזם. אין קאָנגרעס־פּוילן האָט חסידות נישט באַדאַרפט פירן צו שאַרפע קאַמפן מיט אירע קעגנער. אין ים פון צרות, אין וועלכן ייִדן האָבן זיך געטרונקען, איז חסידות אויסגעקומען צו זיין אַ רעטונג. חסידות האָט געברענגט טרייסט, האָפענונג. חסידות האָט אַריינגעשריגן אין אויער: ייִדן, זייט זיך נישט מיאש!...

ביי די אַלע דינע אונטערשיידן און אייגנטימלעכע ניואַנסן, וואָס דאָס חסידות אין קאָנגרעס־פּוילן האָט אַריינגעפירט אין דער אָריגינעלער חסידישער תורה אין די דורות פאַר פּשיסכע, האָט דאָך אַלץ די באַוועגונג אויסגעזען צו זיין אַ המשך, אַ געטרייער המשך פון וואָרט און פון געזאַנג, וואָס זענען אויפגעגאַנגען אין מעדזשיבאָזש. פול מיט דערמונטערונג זענען געווען די אַנזאָגן און האַלב־דייטלעכע, האַלב־סודותדיקע זעונגען, וואָס עס האָט אָנגעוואָרפן פאַרן עולם רבי יעקב יצחק פון לובלין. מען האָט אים טאַקע צוליב דעם גערופן „דער חוזה", דער זעער. איבערן תהום פון רדיפות און פּיין האָט מען אין לובלין פאַרוואָרפן אַ בריק, די בריק פון דער וויזיע. זי איז געווען חלום, און פאַרט ממשות. און איבער איר האָט מען געקענט אַריבערשפּרייזן די ביטערעווירקלעכקייט און שפּאַנען מיט זיכערע טריט צו דער ליכטיקער צייט פון אויסלייזונג. דער חוזה האָט געוויזן דעם וועג, און נאָך אים האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אמונה און התלהבות טויזנטער און טויזנטער, וואָס האָבן אַזוי שטאַרק זיך גענויטיקט אין די פונקען האָפענונג, וועלכע זענען אָנגעצונדן געוואָרן. דער תלמיד פון חוזה, וועלכער האָט זיך דער ערשטער באַזעצט אין פּשיסכע, האָט נישט בלויז געטראָגן דעם זעלבן נאָמען, וואָס זיין רבי — יעקב יצחק — נאָר ער האָט אויך פונאַנדער־געטראָגן די זעלבע תורה פון צוזאָג און טרייסט. אין דער צייט פון ליידן און חשכות, האָט ער געהאַלטן, מוז דאָס זיין די אויפגאַבע: אויפמונטערן די צעווייטיקטע ייִדישע נשמה. ער, דער תלמיד פון חוזה, האָט פולשטענדיק זיך איינגעגלידערט אין עולם ייִדן, וואָס זענען צו אים געקומען פון נאָענט און פון ווייט, כדי אָנגעוואָרעמט צו ווערן פון זיין פערזענלעכקייט און וואָרט. ער האָט געטיילט זייער צער און זיי געלערנט זיך פונאַנדערצוזוויגן אין ליד פון בטחון. מען האָט אים דערפאַר גערופן: „דער ייִד". דער ייִד פון פּשיסכע. דער רבי, וואָס איז מיט זיין גאַנצן באַנעם נישט קיין רב און נישט קיין רבי, נאָר סתם־ייִד. איינער פון די צעשלאָגענע, געדרודפּטע, גלויביקע, משיח־אויסקוקנדיקע ייִדן. ווען משיח וועט קומען, האָט ער געזאָגט, וועט ער סיי ווי זיך נישט אַרומכאַפּן צו ערשט מיטן רבין, נאָר מיט די ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר...

גראָד דעמאָלט, אין דער זעלבער תקופה פון כאַאָס און קריזיס און אין זעלבן אָרט, ווו רבי יעקב יצחק „דער ייִד", האָט פונאַנדערגעוויקלט זיין לויטערע שיטה איבער דער קעגנוואָרט און צוקונפט פון ייִדנטום און ייִדישקייט, האָט

זיך אַריינגעשטעלט צווישן עולם חסידים רבי שמחה בונם. דאַכט זיך: ער האָט מיט זיך געברענגט אַלע עלעמענטן, מיט וועלכע חסידות האָט באַרייכערט דאָס ייִדישע לעבן. דאַכט זיך: ער איז געקומען מיט דעם זעלבן גייסטיקן באַגאַזש, מיט וועלכן עס זענען געווען אָנגעלאָדן די לערער פון חסידות אין אוקראַיִנע צי אין פוילן. דאַכט זיך: ער איז דערשינען מיטן זעלבן אימפּעטפולן „יאָ" צו וועלט און לעבן, מיט די זעלבע כוואַליעס פון ברויזנדיקער פרייד און מיט דער זעלבער איבערצייגונג, אַז דער וועג צו גאָט איז צוגענגלעך אויך פאַרן פשוטן מענטש. און פאַרט איז געווען אַ נייער טאָן אין זיין פּערזאָן און וואָרט. ער האָט גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן, אַז אַרויפשטייגן אויפן „באַרג פון גאָט" איז גאָרנישט אַזוי איינפאַך, און אַז דאָס קלעטערן אין דער הויך פאַרלאַנגט כּסדר־דיקע אָנשטרענגונג. ער האָט גאָר אַ סך געפאָדערט פון מענטש און פון ייִד. ער האָט געפאָדערט גאָר הויכע מענטשלעכקייט און גאָר טיפע ייִדישקייט. און ער איז גאָרנישט געווען צופרידן, ווען די רעגירונג האָט אַ דאַנק מיפּולער ייִדישער שתדלנות מבטל געמאַכט דעם פאַרבאָט, וואָס זי האָט פריִער געהאָט אַרויסגעגעבן, און וועלכער האָט פאַרווערט חסידים צו פאָרן צום רבין. אפשר וואָלט גאָר בעסער געווען, האָט ער געזאָגט, ווען מלכות שטעלט אַוועק אַ מויער אַרום יעדן רבישן הויף און אַ שטרענגע וואַך פון קאָזאַקן, און לאָזט טאָקע ייִדן נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון זייער צדיק. מען וועט אַזוי אַרום זיך אויסלערנען צו לעבן „אויף אייגן ברויט און וואַסער" און פאַרלאָזן זיך אויף אייגענע כּוחות...

בעת אינעם גאַנצן אַרום איז מען געווען זיכער, אַז חסידות איז אַנטפּלעקט געוואָרן מיטן צוועק צו דערקלערן, אַז עס איז לייכט צו זיין אַ ייִד, און אַז עס איז גרינג צו זיין אַ חסיד, האָט ער דווקא פעסטגעשטעלט, אַז עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. לא היו דברים מעולם. עס איז שווער צו זיין אַ ייִד, און אומגע־הויער שווער איז צו זיין אַ חסיד. יעדע רגע מוז דער ייִד פילן, אַז ער ווערט געבוירן פון ס'ניי, און יעדע רגע מוז ער אָטעמען מיט נייעם אָטעם. שוין דער ערשטער פּסוק, וואָס מיט אים הייבט זיך אָן די תּורה: „בראשית ברא", לערנט אונדז, אַז וועלט און מענטש געפינען זיך נאָך אַלץ אין פּראָצעס פון בראשית. וועלט און מענטש זענען נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט. און אויב מען באַגערט צו זיין אַ חסיד, מוז מען זיך צוהערן ערנסט צום רוף צו נייעם באַשאַף, צו נייעם זעלבסט־באַשאַף.

אין ערשטן אויגנבליק האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער נייער, דרייסטער באַנעם פון רבי שׂמחה בונם — אָדער, ווי מען האָט אים גערופן פאַרקירצט: רבי בונם — וועט פון אים דערווייטערן די מאַסן, און געווען באמת אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעשראָקן פאַר אים און פאַר זיין פרישער אינטערפּרעטאַציע. ביי דעם גאַנצן נעפּל, וואָס איז פאַרצויגן אויף דער גרויסער חסידישער חתונה, וואָס

איז דאָן פֿאָרגעקומען אין אָסטילע אין וואָלין און אויף וועלכער עס זענען זיך צונויפֿגעקומען פֿירנדיקע צדיקים און חסידים, בלייבט דאָך אַ פֿאַקט, אַז מען האָט דאָרט געפּלאַנט אויסצורופֿן אַ חרם אויף רבי בונם און זיין פּשיסכער חסידות. צי איז דען דאָס אַ פּאַסיקע צייט, האָט מען אַרגומענטירט, צו שטעלן גרויסע פֿאָדערונגען פֿאַרן ייִדישן מענטש? צי איז דען נישט ריכטיקער אין דער שעה פֿון צרה אויפֿצוהאַלטן די אמונה פֿון דורות און נישט גריבלען זיך אין זאַכן, וואָס זענען צו טיף און אין ענינים, וואָס זענען צו פֿיל פֿאַרפּלאָנטערט?

אָבער רבי בונם האָט זיך דורכגעשלאָגן דעם וועג. דער ייִדישער המון אין פּוילן האָט אָנגעהויבן שטראָמען קיין פּשיסכע. ייִדישע יונגעלייט האָבן, ווי עס זאָגן עדות די כראָניק־שרייבער, געקלעפּט אַרום אים. זיין שיטה איז געווען אַ המשך פֿון דער גייסטיקער קולטור פֿון פּוילישן ייִדנטום, וואָס האָט אַלע מאָל אָפּגעוואָרפֿן די פּשרה און איז געווען געבויט אויף דער שאַרפֿער פֿאָדערונג. אויך אין דער שיטה פֿון חסידות האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום אין תּוך זיך געבונטעוועט קעגן דער טענדענץ צו פֿאַרוואַנדלען זי אין אַ לעבנסוועג, וואָס פֿאָדערט נישט קיין סך און מאָנט נישט צו פֿיל. אויך, ווען מען שטייט אויפֿן אָפּגרונט פֿון צרות און ליידן, קאָן מען נישט אָפּקומען מיט אויבערפֿלאַכלעכן אָפּטימיזם. אויך אין דער טראַגעדיע איז נויטיק דער גיגאַנטישער פֿאַרמעסט. „סבלות מצרים", די ווערטער, וואָס באַצייכענען אין ספֿר שמות די ליידן, וואָס די ייִדן זענען אויסגעשטאַנען אונטערן יאָך פֿון פּרעה, זענען דורך רבי בונם אויסגעטייטשט געוואָרן: דאָס סבלות, די גלייכגילטיקייט, די מיטלמעסיקע טאָלעראַנץ, מיט וועלכער ייִדן האָבן פֿאַרטראָגן די טראַגעדיע. איבערגעטריבענע געדולדיקייט איז שעדלעך. פֿלאַכע מיטלמעסיקייט איז אַ זינד, און עס מאַכט נישט אויס, האָט ער באַמערקט, אויך פֿון אַ גנבֿ מעג מען זיך לערנען ווי אַזוי צו האַנדלען. קוקט זיך צו, אַדרבא, ווי אַזוי דער גנבֿ פֿירט זיך. ער איז נישט פֿויל, ער לאָזט זיך אַוועק גנבֿענען אין דער פֿינצטערניש פֿון דער נאַכט, און אַפֿילו ווען ער געפֿינט די טיר פֿאַרשלאָסן, עפֿנט ער זי אויף מיט כּוח... רבי נחמן בראַצלעוווער האָט אַריינגעבערענגט אין דער לערע פֿון חסידות ברען און התלהבֿות; רבי שניאור זלמן פֿון ליאַדי האָט באַוויזן, אַז דער טויער פֿון חסידות איז אָפֿן אויך פֿאַר די, וואָס טראָגן אויף זיך די קרוין פֿון לומדות. רבי בונם האָט אין פּשיסכע אַוועקגעשטעלט חסידות אויף דער הויכקייט פֿון באַרג. אָבער ער האָט אויך געזאָגט, אַז דער „באַרג פֿון גאָט" איז בעצם דער באַרג פֿון מענטש און דער באַרג פֿון מענטש איז דער באַרג פֿון גאָט.

ג.

שוין בלויז דאָס דערשיינען פון רבי בונם צווישן דער חסידישער עדה האָט אַרויסגערופן פאַרוווּנדערונג. אַנדערע חסידישע צדיקים, איידער זיי האָבן גענומען פירן דעם עולם, זענען אַלע געווען רבנים, מלמדים, מגידים. אַ מלמד איז געווען רבי ישׂראל בעל־שם־טוב; אַ רב איז געווען רבי יעקב יוסף פון פּאָלאָנאָי; אַ מגיד איז געווען רבי דב־בער פון מעזריטש; אַ מלמד איז געווען רבי יעקב־יצחק, „דער ייִד״, פון פּשיסכע. אַ רב איז געווען רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער. אויך רבי בונמס פאָטער איז געווען אַ וואַנדערנדיקער בעל דרשן פון וואָידיסלאַוו. אָבער רבי בונם האָט זיך גאָר פאַרנומען מיט מסחר. ער איז געווען אַן אָנגעשטעלטער אין די וועלדער־אונטערנעמונגען פון די בערגסאָנס אין וואַרשע, די סוחרים־פאַמיליע, אין וועלכער די באַרימטע טעמערל פלעגט מיט פולער האַנט אונטערשטיצן די אויפשפּראָצנדיקע חסידות־באַוועגונג. אַ בוכהאַלטער און סוחר, פלעגט רבי בונם אָפט מאָל פאָרן קיין לייפּציג און דאַנציג, און דאָרט האָט ער פאַרקערט אין די קרייזן פון די „פאַרגעשריטענע״. ער האָט גערעדט פּויליש, דייטש, לאַטייַן. אַפילו דער חסידישער פאָלקלאָר פאַרדעקט נישט, אַז ער איז געווען אָנגעטאָן גענוי ווי די „דייטשן״, און אַז ער האָט באַזוכט טעאַטער־פאָרשטעלונגען. טאַקע דאָרט, אין דאַנציג, האָט ער זיך פאַרשאַפט די ביכער פון וועלכע ער האָט אַליין געלערנט פאַרמאַציע. ער איז צוגעטראָטן צו דעם עקזאַמען פאַר דער רעגירונג־קאָמיסיע און געוואָרן איינער פון די ערשטע ייִדן אין פּוילן, וואָס האָבן באַקומען דאָס רעכט זיך צו באַשעפטיקן מיט אַן אַקאַדעמישער פּראָפעסיע. ווען ער האָט זיך באַזעצט אין פּשיסכע און דאָרט געעפנט אַן אַפּטייק, איז ער געוואָרן אַן איינגייער ביים „ייִד״, דער רבי פון פּשיסכע. אָבער אַרום אים, דעם אַפּטייקער, האָבן זיך געזאַמלט די שאַרפע קעפּ פון שטעטל, די, וואָס האָבן זיך געגריבלט אין דער סוגיא פון גמרא און די, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין חקירה־ספרים. מען האָט געפירט וויכּוחים איבער די מחשבות פון רמב״ם און מען האָט געזוכט אַ וועג צו דער פילאָסאָפיע פון רבי יהודה הלוי און צו דער מיסטיק פון מהר״ל פון פּראָג. צווישן דער אַפּטייק און דער פילאָסאָפישער חקירה איז געווען פונאַנדערגעטיילט די אויפמערקזאַמקייט פון רבי בונם. און אין דאָזיקן מערקווירדיקן קרייז איז מען געווען זיכער, אַז שטאַרקער ווי אין דער אַפּטייק איז איר בעל־הבית פאַראינטערעסירט אין דער חקירה. מען האָט זיך דערציילט ווי אַ פאַקט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט אויסגעהאַלטן דעם פאַרמאַציע־עקזאַמען און באַקומען פון דער רעגירונג־קאָמיסיע אַ סומע געלט כּדי זיך צו פאַרשאַפן די נויטיקע האַנטביכער פאַר זיין פּראָפעסיע, האָט ער גאָר זיך אַוועקגעלאָזט איינקויפן דעם זוהר און זיך פאַרגראָבן אין דער קבלה. נאַטירלעך: מען האָט אויך געמורמלט. געווען ייִדן אין פּשיסכע, וועלכע

האָבן געהאַלטן, אַז פֿאַר אַ ייִד איז דער עיקר אָפּצוהיטן ייִדישקייט, און זיי האָבן מיט אומצוטרוי געקוקט אויף די, וואָס זאַמלען זיך צונויף און האַלטן אין איין פֿרעגן קשיות. אָבער פֿאַרן גרויסן עולם איז געווען קלאָר, אַז גראָד דער דאָזיקער אַפּטייקער איז מסוגל צו עפֿענען אַ ניי בלאַט אין חסידות. און — „בונם אַפּטייקער" איז געוואָרן רבי. ער האָט זיך צו ערשט געראַנגלט און נישט מסכּים געווען, אַז מען זאָל אים באַטראַכטן פֿאַר אַ רבי. עס האָט לאַנג געדויערט, ביז ער האָט ענדלעך אָנגענומען דעם רוף. ווען זיין פֿרוי איז איין מאָל געזעסן ביים פֿענצטער און צו אים געזאָגט: „בונם, אַ פֿולער וואָגן מיט חסידים קומט צו פֿאָרן צו דיר!" האָט ער איר אָפּגעענטפֿערט: „עט, ווי פֿאַלט דיר אַזוינס איין? דו ווייסט דאָך, אַז דאָס זענען נישט מיינע געשעפֿטן!" אָבער אויפֿן וועג פֿון חקירה, האָט ער אָנגעהויבן באַגרייפֿן, אַז נישט קיין אַנדערער, ווי דווקא אַן אַפּטייקער איז בכּוח אפֿשר צו באַווייזן, אַז אין לעבן מוז מען כּסדר וועגן און מעסטן. די וואָג און די מאָס מוזן כּסדר אָנגעווענדט ווערן צו די אייגענע מעשׂים און צו דער אייגענער אויפֿפֿירונג. חסידות דאַרף האָבן אַזאַ, וואָס איז אויסגעמישט מיט דער וועלט, וואָס ווייסט די חכמות פֿון דער וועלט און וואָס האָט זיך אָנגעקוקט אויף די שטעט פֿון זינד. „איך בין געווען אין דאַנציג", האָט ער באַמערקט, „איך האָב געזען, ווו דער תּיקון איז נויטיק"... ער האָט געהאַט זיין אייגענעם טייטש פֿאַרן וואָרט „אָדם". דער אָפּשטאַם קומט פֿון „דמה", פֿאַרשטעלן זיך, דער מענטש מוז האָבן די קראַפֿט פֿון פֿאַרשטעלונג. און נאָר ווען מען איז „בתוך העיר", אין סאַמע מיטן הו־האַ פֿון לעבן און מען קען נישט בלויז דאָס ליכט, נאָר אויך דעם שאָטן, ווייסט מען, ווי אַזוי צו פֿאַרפֿירן דעם געראַנגל מיטן אייגענעם „איך", און „אויסגלייכן די יונגע בוימלעך, וואָס זענען פֿאַרקרומט געוואָרן".

מיטן לויף פֿון די יאָרן האָט זיך אַלץ שאַרפֿער און שניידיקער אַרויסגעשיילט די נייע שיטה. כּוונה איז דאָ געוואָרן אַ באַגריף, וואָס האָט באַקומען אַ פֿילזייטיקע אינטערפּרעטאַציע. כּוונה נישט בלויז אין אָפּהיטן די מצוות פֿון ייִדישקייט; כּוונה נישט בלויז אין דאַווענען, נאָר אויך אין פֿאַרטיפֿן זיך אין מחשבה, חסידות איז נישט בלויז פֿילן, נאָר אויך טראַכטן. חסידות איז נישט בלויז האַרץ, נאָר אויך מוח. חסידות איז נישט געקומען כּדי אָפּצומעקן די סתּירות און קאָנפֿליקטן מיט וועלכע דער מענטש איז פֿול. גראָד פֿאַרקערט. חסידות באַדייט: לעבן מיט די סתּירות. מען דאַרף דינען גאָט מיט ביידן, מיט מחשבה און רגש. מען דאַרף זיין אַ תּמים און אַ פּיקח, הייליק און וואָכעדיק, איינפֿאַך און פֿאַרפֿלאָנטערט; שוועבן אין די הימלען און זיין צוגעבונדן צו דער ערד; אויסמישן זיך מיטן כּלל און דאָך פֿאַרבלייבן איינזאַם. רבי בונם האָט געזאָגט: אויב מען איז בלויז אַ חכם, קאָן מען ווערן אַן אַפּיקורס; אויב מען

איז בלויז אַ חסיד, קאָן מען ווערן אַ גנב; און ווען מען איז בלויז גוטהאַרציק, קאָן מען זיין אַ הולטאַי.

אויך די מידה פון ענוות, וואָס איז אַזוי פאַרהערלעכט געוואָרן דורך די ערשטע לערער פון חסידות, האָט ביי אים באַקומען גאָר אַ פאַרשיידענע באַלייכטונג. שוין בלויז דער אות „יוד" אין אַלף־בית זאָגט עדות, אַז מען טאָר זיך נישט האַלטן גרויס און פאַררייסן דעם קאָפּ. אַדרבא, פּרווו פאַרציקלען דעם אות, און דו וועסט גלייך זיך איבערצייגן, אַז דאָס וועט אויפהערן צו זיין אַ „יוד". אויך דער יידישער מענטש, ווען ער פאַלט אַריין אין גאווה, ווערט ער אויס ייד... „רם", הויך — האָט רבי בונם אויסגערעכנט — איז בגימטריא עמלק... אָבער דאָס מיינט נישט, אַז אַ ייד דאַרף טאַקע זיין נידעריקער ווי גראָז. יעדער ייד דאַרף זיך באַטראַכטן, ווי אַ בן־יחיד ביי גאָט, און האַלטן, אַז דער באַשעפער האָט אין זיין וועלט מער קיינעם, ווי אים. מען דאַרף אויך פאַרמאָגן דאָס געפיל פון שטאָלץ. צוזאַמען מיט דער איבערצייגונג, וואָס האָט געפונען איר אויסדרוק אין די ווערטער „ואנכי עפר ואפר", דאָס הייסט, אַז דער מענטש איז שטויב און אַש, גאָרנישט מיט גאָרנישט, מוז מען אויך זיין פול מיט דער זיכערקייט, אַז „בשבילי נברא העולם", אַז פאַר מיר, און נאָר צוליב מיר און נאָר פאַר מיינעטוועגן, איז די גאַנצע וועלט באַשאַפן געוואָרן. שווער אויסצופירן אַזאַ שטייגער קאָמבינאַציע פון צוויי קעגנזייטיקע באַגריפן? אַוודאי. אָבער דער־פאַר האָט רבי בונם צוגעגעבן, האָט מען דאָך צוויי טאַשן אין בגד. אין איין טאַש האַלט מען בכן די גאוות און אין דער אַנדערער פאַרשטעקט מען די ענוות, און מען באַנוצט זיך מיט יעדער מידה לויט די אומשטענדן און לפי דעם געברויך. וועגן זיך אַליין פלעגט רבי בונם זאָגן מיט זעלבסט־איראָניע: אַזאַ דור, אַזאַ מנהיג, מ׳שטיינס געזאָגט. אין היינטיקן אָרעמען און פּוסטן דור קאָן אויך בונם זיין מנהיג... אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער אויך דערקלערט, אַז ער וויל זיך גאָרנישט טוישן מיט אַברהם אָבינו, וואָרום וואָס וועט שוין גאָט געווינען דערפון, וואָס אַברהם אָבינו וועט זיין געגנוי ווי בונם, און בונם וועט זיין געגנוי ווי אַברהם אָבינו? גלייכער איז, אַז בונם זאָל זיך דערהייבן און אויפהייבן, און בונם קאָן דאָך דאָס באַווייזן.

עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז ער האָט געהאַט בדעה אומצווואַרפן דעם גאַנצן בנין, וואָס אויף אים האָט זיך געשטיצט די באַוועגונג פון חסידות און וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן עיקר דורך רבי דוב־בער פון מעזריטש אָדער רבי אלימלך פון ליזענסק: די אמונה אין רבין און אין זיין כוח צו באַ־ווייזן מופתים. יעדער ייד, האָט רבי בונם געטענהט, אויב ער איז אַ בעל מדרגה, קאָן באַווייזן וווּנדער; און עס איז נישט נייטיק ערשט צו פאָרן צום רבין כדי צו זען זיינע ניסים ונפלאות. פיל וויכטיקער פאַרן רבין איז צו זיין איינער פון קהל, זיין אויסגעמישט מיטן קהל און זיך באַטייליקן אין פּאָליטישן און געזעל־

שאַפּטלעכן לעבן פון ייִדישן קיבוץ. רבי בונם איז געווען אַ מיטגליד אין דער רעגירונגס־קאָמיסיע פאַר ייִדישע ענינים, און אַזוי אַרום, מיט זיין אייגענער אַקטיווקייט אַנגעוויזן, אַז דאָס בית־המדרש איז ווייט נישט דאָס איינציקע אָרט פאַרן רבין. עס איז מעגלעך דאָס שמועסן צו פאַרוואַנדלען אין דאַוונען, און דאָס דאַוונען קען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שמועס. דער סוד איז נישט דווקא פאַרבאָרגן אין דער געהיימנישפולער וועלט פון סודות. דער סוד איז דאָ אין מענטש גופא. און אַ ווונדער, פלעגט ער זאָגן, וואָס משה רבינו האָט בעת דער מעשׂה קורח פאַרלאַנגט, אַז די ווידערשפעניקע דתן ואבירם זאָלן קומען צוגיין צו אים, צו משהן. ער האָט באַדאַרפט גיין צו זיי, אַראָפּגיין צום פאָלק מיט דער כּוונה אים אויפצוהייבן. דער זינדיקער בשׂר־ודם איז גאַרנישט אַזוי שוואַך און הילפלאָז, ווי מען וויל אים דאָס איינרעדן. יעדער ייִד איז אַ גיבור. אַפילו נאָך דעם ווי אָדם הראשון איז פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, האָט באַמערקט רבי בונם, זאָגט נאָך אַלץ וועגן אים דער פסוק: „ויגרש את האדם", דאָס הייסט: אויך נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרן אַרויסגעטריבן, איז ער פאַרבליבן — אָדם.

אין דער חסידות פון פּשיסכע האָט מען אַוועקגעשטעלט אויפן סאַמע וויכטיקסטן אָרט די ערלעכקייט צו זיך אַליין. אַפילו די ערגסטע צווישן די זינדיקע זענען מסוגל צוריקצוגעפינען דעם וועג צו גאָט און צו זיך. שלעכט איז נאָר מיט די, וואָס נאַרן אָפּ זיך אַליין. איך וואָלט געקענט, האָט רבי בונם איין מאָל אויסגערופן, מחזיר למוטב זיין אַלע ייִדן, ווען זיי זאָלן נאָר מסכּים זיין אַנצוווענדן לגבי זיך די מאָס פון אמת. און עס איז כּלל נישט קיין פאַרענטפער, אַז אין דער צייט פון נויט און עלנט איז שווער זיך צו גריבלען אין אייגענעם געוויסן. אין אַלע צייטן, האָט ער געזאָגט, איז „לא תגנוב" דער טייטש, אַז דו טאָרסט נישט גנבענען ביי זיך אַליין, גענוי ווי דו טאָרסט נישט גנבענען ביי יענעם. פאַרשטייט זיך, אַז צו דער דאָזיקער ערלעכקייט דערגייט מען, ווען מען אַרבעט אויף זיך. אָבער שאַרפע ערנסטקייט איז דער באַדינג. ווען זיין בעל־תּוקע האָט געמאַכט לאַנגע שהיות ראש־השנה פאַר די תּקיעות, כּדי מוסיף צו זיין כּוונות און יחודים, האָט רבי בונם צו אים אַ זאָג געטאָן: טיפּש, בלאָז שופר!...

אין מאָמענט, ווען מען שטעלט זיך מאָנען גערעכטיקייט אין הימל און אויף דער ערד, איז די איבערגעטריבענע שיפלות איבלדיק. אין דער שעה פון גורל פאָדערט זיך מוט, דרייסטקייט, ,באַשלוס. אָדער, ווי דאָס האָט געהייסן אין לשון פון פּשיסכע: „עזות דקדושה".

נישט אָפּשטעלן זיך אין וועג באַרג־אַרויף — איז געווען דער רוף, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון פּשיסכע. קליינע השׂגות און קליינקעפּלדיקייט, זענען לויט רבי בונם, די ערגסטע פון די קללות. עס איז פאַראַן, האָט ער געזאָגט, אַ וועזנטלעכער חילוק צווישן דעם שוטה און דעם חכם. דער נאַר זאָגט וואָס ער

ווייסט, און דער קלוגער ווייסט וואָס ער זאָגט. פאַרבלייבן דאָס גאַנצע לעבן אַ תּלמיד און כּסדר פּילן דעם דורשט צו לערנען און דעם הונגער צו וויסן און דעם באַגער צו וואַקסן, איז אין פּשיסכע באַטראַכט געוואָרן, ווי די עיקר־אויפ־גאַבע פון מענטש און ייִד. דערפאַר זאָגט מען „תּלמיד־חכם", האָט רבי בונם דערקלערט, וואָרום אַ חכם איז דער, וועלכער איז תּמיד אַ תּלמיד. דער רבי דערפילט זיין חוב לגבי זיין עדה, ווען ער פאַרבלייבט טאַקע אַלע זיינע יאָרן אַ תּלמיד. און רבי בונם האָט געלערנט נישט בלויז מיט די ייִדן, וועלכע האָבן געגאַרט צו הערן זיין וואָרט. ער האָט מיט זיך אַליין געלערנט. ער האָט מיט זיך געקנעלט, ווי אַזוי צו זיין אַפּטייקער און רבי, חוקר און חסיד. ער האָט מיט זיך געלערנט, נישט ווי אַזוי צו לעזן אָדער אויפצולעזן קאָנפליקטן און קעגנ־זאַצן, נאָר ווי אַזוי די סתירות צו באַגרייפן און ווי אַזוי אויסצובויען אויף זיי אַ לעבן, וואָס זאָל זיין זינפול און ווערטפול. דער גאַליציאַנער משׂכּיל יצחק מיזעס איז, געבוי ווי אַזוי פיל אַנדערע בני־דור, געווען פול מיט שטוינונג, ווען ער האָט געשריבן איבערן רבי פון פּשיסכע. אַ חסידישער רבי, האָט ער באַמערקט, וואָס חקרנט זיך מעשׂה פילאָסאָף. ווי מאָדנע!...

ווען רבי בונם איז אויף דער עלטער געוואָרן בלינד, האָט ער לחלוטין זיך נישט געפילט דערשלאָגן. איך האָב אַ גאַנץ לעבן, האָט ער געזאָגט, זיך גע־לערנט זען אין דער פינסטער. אַדרבא, ערשט איצט, ווען איך בין אַ סגי נהור, האָב איך די גרויסע געלעגנהייט צו באַטראַכטן די מענטשן און די זאַכן מיט אינערלעך ליכט. ניין, איך דאַרף נישט האָבן קיין אויגן!... און פאַר זיין פּטירה האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, וואָס איז געזעסן ביי זיין בעט, אַז זי זאָל נישט וויינען: „איך האָב מיין גאַנץ לעבן זיך געלערנט שטאַרבן"...

אינעם געגויען אַנאַליז, וואָס וועט געמאַכט ווערן פון די כאַראַקטער־שטריכן פון ייִדישן מענטש אין פּוילן, וועט מוזן אָפּגעגעבן ווערן די געהעריקע אויפ־מערקזאַמקייט פאַרן צושטייער פון פּשיסכע אין אויספאָרמירן דעם פּוילישן ייִד. דער ייִד, וואָס איז צוזאַמען מיט זיין פאַרחלומטקייט געווען דרייסט און קעמ־פעריש. דער ייִד, אין וועמען עס האָט געלעבט אַ זעלטענער צונויפמיש פון אידעאַליסטישן שווונג און חוש פאַר דער רויער רעאַליטעט. דער ייִד, וואָס איז געווען כּולו פּאָעזיע און דאָך אָפּגעשאַצט ניכטער די פּראָזע פון יעדער סיטואַ־ציע. דער ייִד, וואָס אומאָפּהענגיק דערפון צו וועלכער פּאַרטיי ער האָט גע־הערט אָדער אין וועלכער באַוועגונג ער האָט געזוכט אַן אויסדרוק פאַר זיינע אידעען און שטרעבונגען, אין דער „אגודת ישׂראל", אין ציוניזם אָדער אין „בונד", האָט ער זיך פאַרמאָסטן צו טאָן דאָס געוואָגטע, דאָס אומגעווײנטלעכע. אין פּשיסכע האָט מען אים געלערנט זיך צו פאַרמעסטן קעגן דער ווירקלעכקייט. אין פּשיסכע האָט מען אים געוויזן, ווי אַזוי דאָס אייגענע געוויסן ווערט רייף אין שטורעם. אין די פלאַמען פייער, וואָס זענען אויפגעגאַנגען אין אויפשטאַנד

פון געטאָ אין וואַרשע, האָבן געשוועבט די אותיות פון פּאַרמעט וואָס איז מיט הונדערט און פופציק יאָר פריִער אָנגעשריבן געוואָרן אין פשיסכע.

ד.

אפשר דערפאַר האָט רבי בונם אַזוי שטאַרק ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיט משלים. אמת, יעדער משל האָט אַ נמשל. אָבער ער מוז נישט דווקא האָבן איין נמשל. דער משל פאַרבליצט מיט כּלערליי סימבאָלן. ער שימערירט מיט כלערליי קאָלירן. מען קען אין אים איינטייטשן די פאַרשידנסטע כוונות. דער משל רעגט אָן צו מחשבה, צו מוח־שאַרפקייט. ער צווינגט צו שטעלן פראַגעס. און אַנט־שיידנדיק איז די פראַגע. דער געשפרעך פון גאָט מיט מענטש האָט זיך אָנ־געהויבן מיט אַ פראַגע. און נישט אומזיסט האַלט מען אין די מדרשים, אַז אַברהם איז דערגאַנגען צום אמת דורך פרעגן.

אָט איז דער משל, וועלכן ער פלעגט דערציילן פאַר די יונגעלייט ווען זיי זענען צו אים געקומען דאָס ערשטע מאָל. דער משל מיט רבי אייזיק רבי יעקלס פון קראָקע. רבי אייזיק האָט זיך אָנגעליטן צרות אָן אַ שיעור. דחקות, אָרעמקייט, פּיין. ער האָט, פאַרשטייט זיך, ביי אַלץ נישט פאַרלוירן זיין בטחון. איין מאָל האָט מען אים געזאָגט אין חלום, אַז ער זאָל זיך אַוועקלאָזן קיין פּראָג, ווו ער וועט געפינען אַ גרויסן אוצר אונטער דער בריק, וואָס ציט זיך צום קעניגלעכן פּאַלאַץ. נאָך דעם, ווי ער האָט דעם אָנזאָג דערהערט אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל אין חלום, האָט רבי אייזיק זיך געלאָזט אין שווערן וועג. ווען ער איז אָנגע־קומען קיין פּראָג און דערגאַנגען צו דער בריק, האָט ער דאָרט דערזען אַ שטאַרקע מיליטערישע וואַך, וואָס היט די בריק טאָג און נאַכט. ער האָט, פאַר־שטייט זיך, נישט געקענט אָנהייבן גראָבן, כדי צו זוכן דעם אוצר, וואָס ער האָט געזען אין חלום. פרימאָרגן נאָך פרימאָרגן פלעגט ער קומען צו דער בריק, און ווי אין וואַנזין, דאָרט שפּאַצירן ביזן אָנקום פון דער נאַכט. איין מאָל האָט אים ענדלעך דער שעף פון די זשאַנדאַרמען געפרעגט, וועמען ער זוכט דאָרט. רבי אייזיק האָט אים אין זיין תמימות דערציילט וואָס ער האָט געזען אין חלום און די סיבה, וואָס האָט אים אייגנטלעך געברענגט קיין פּראָג. האָט זיך דער זשאַנ־דאַרם צעלאַכט און אים געזאָגט: האָסטו, הייסט עס, זיך געשלעפּט אַזאַ לאַנגן וועג צוליב אַ חלום? דאָס איז דער גורל פון דעם, וואָס גלייבט אין פּוסטע חלומות! ווען איך וואָלט געגלייבט אין חלומות, וואָלט איך אויך זיך געדאַרפט לאָזן אין אַ וויטן וועג, וואָרום מיר האָט מען אין חלום געזאָגט, אַז איך זאָל זיך שלעפּן קיין קראָקע און אַריינגיין דאָרט צו אַ ייִד, וואָס הייסט אייזיק רבי יעקלס, און זוכן דעם אוצר, וואָס ליגט אין זיין ווינונג פאַרשטעקט הינטערן אויוון!... רבי

אייזיק האָט אויסגעהערט דעם זשאַנדאַרם, צוריקגעקומען קיין קראָקע, און טאַקע דאָרט, אין זיין אייגענער שטוב, אויסגעגראָבן דעם אוצר, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן אויוון. ער האָט שפּעטער אויסגעבויט אַ שול אויף זיין נאָמען: די שול פון אייזיק רבי יעקלס. דאָס איז דער משל. און דער נמשל? איינס איז דאָ קלאָר: דער אוצר געפינט זיך נישט ביי יענעם, נישט אונטער דער בריק, און אויך נישט ביים רבין. דער אוצר געפינט זיך ביי דיר אַליין, ביי יעדן איינעם פון אייך אַליין — מיט אָט־די ווערטער פלעגט רבי בונם פאַרענדיקן זיין משל. און ער האָט זיך געוואָנדן צו די יונגעלייט, וואָס זענען אים געקומען זען: קינ־דערלעך גייט צוריק אַהיים, גייט און זוכט!...

און אָט איז אַן אַנדער משל. דאָרט רעדט זיך גאָר וועגן אַ גלח. אַ פּריץ איז אַ מאָל געפאָרן אין וועג. האָט ער באַמערקט אַ שיכּורן, וואָס האָט זיך געוואָלגערט אין בלאָטע. ער האָט געהייסן זיינע באַדינער, אַז זיי זאָלן אויפהייבן דעם שיכּור פון דער ערד, אים פירן אין פּאַלאַץ אַריין, אָפּוואַשן אים, אָנטאָן די בגדים פון אַ גלח. זיי האָבן אויך באַקומען דעם באַפעל זיך צו ווענדן צו אים און רעדן מיט אים, אַזוי ווי ער וואָלט באמת געווען איינער פון די גלחים. ווען דער שיכּור האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער נישט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין וואָס דאָ קומט פאָר. ער האָט זיך געוווּנדערט, ווי אַזוי קומט ער אין פּאַלאַץ און פון וואַנען קומען צו אים גלחישע קליידער. צי איז מעגלעך, אַז ער, דער שיכּור, זאָל טאַקע זיין אַ גלח? אָבער פון דער צווייטער זייט האָט ער געטראַכט, אַז ווען ער זאָל טאַקע נישט זיין קיין גלח, וואָלט מען דאָך אים פאַר אַזאַ נישט באַטראַכט. ער האָט דעריבער באַשטימט אַריינצוקוקן אין די גלחישע ביכער און זיך איבערצייגן, צי ער קען דאָרט לייענען די אותיות. די באַדינער האָבן אים צוגעטראָגן די ביכער, וואָס ער האָט פאַרלאַנגט. אָבער ער איז נישט נתפעל געוואָרן, ווען ער האָט נישט געקענט איבערלייענען קיין וואָרט. ער האָט ביי זיך געטראַכט: איך בין זיכער יאָ אַ גלח. אַיי, פאַר וואָס בין איך נישט מסוגל צו לייענען די גלחישע ביכער? בעצם איז דאָס נישט קיין קשיא. זיכער זענען אַלע גלחים אַזוי ווי איך, און אויך זיי קענען די דאָזיקע ביכער נישט לייענען!... אויב מען וויל, קאָן מען דעם משל אויסטייטשן אויף די פאַרשידנסטע אופנים. ווען איר ווילט קענט איר דאָ זען, אַז דאָס לעבן איז איבערפולט מיט עלעמענטן פון שפּיל און טעאַטער. ווען איר ווילט, לערנט אייך דער משל, ווי לעכערלעך עס מאַכן זיך די, וואָס פּרווון זיך נישט פונאַנדערקלייבן אין פּלאָנטער פון די דרשיינונגען. און מעג־לעך גאָר, אַז דער משל דעקט אויף, ווי פּאָפּולער עס איז די נייגונג צו פאַר־פלאַכן די פּראָבלעמען, וואָס זענען ווייט נישט אַזוי איינפאַך, און ווי פאַלש עס איז אָנצונעמען, אַז מען דאַרף כּלל נישט מאַכן די אָנשטרענגונג צו לערנען און צו וויסן.

ראש השנה האָט ער אויך אויסגעקליבן די פאָרעם פון אַ משל. געווען אַמאָל,

האָט ער דערציילט, אַ בן־מלך, וואָס האָט זיך פאַרזינדיקט פאַר זיין פאָטער. דער קעניג איז בייז געוואָרן און פאַרטריבן דעם פרינץ פון הויז. יאָרן זענען פאַרביי, און דער מלך האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיין זון. ער האָט באַפוילן דעם ראש פון די פירשטן צו זוכן דעם פרינץ איבער דער גאַנצער מדינה. נאָך לאַנגע אָנ־שטרענגונגען האָט דער פירשט ענדלעך געטראָפן דעם פרינץ אין אַ שענק, ווו ער איז געשטאַנען אַ באָרוועסער און אין צעריסענע בגדים. דער פירשט האָט זיך פאַרנייגט און צו אים געזאָגט: מיין האַר! דיין פאָטער, דער מלך, וויל זיך מיט דיר איבערבעטן, און ער האָט מיך באַפולמעכטיקט צו פרעגן ביי דיר וואָס דו פאַרלאַנגסט פון אים? דער פרינץ האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און ער האָט געענטפערט: אויב מיין פאָטער וויל מיר ווידער שענקען זיין גנאָד, בעט איך ביי אים, אַז ער זאָל מיר שענקען אַ פאָר שיינע, גלאַנציקע שטיוול... עס איז מעגלעך צו באַמערקן אין דאָזיקן שאַרפן משל דעם אָנווייז פאַרן ייִד נישט צו פאַרטאַכלעווען די ימים נוראים און פאַרווענדן זיי אויף קליינע, נישטיקע זאַכן און אויף נעבעכדיקע בקשות, אין וועלכע עס פעלט שווונג און ווילן. עס לאָזט זיך אויך אַרויסדרינגען פון דאַנען, אַז קליינע השגות דערנידעריקן נישט בלויז דעם מענטש און באַווייזן אים אין זיין גאַנצער לעכערלעכקייט, נאָר אַז אויב דער מענטש פאַרגעסט צו מאָנען, פאַרלירט דער גאַנצער באַשאַף דעם אָטעם פון גרויסקייט.

אין איין חריפותדיקן אַפאָריזם האָט רבי בונם אויסגעדריקט דאָס, וואָס איז געווען וועזנטלעך פאַרן דרך, וואָס ער האָט איינגעפירט מיט פשיסכע. ער האָט געשטרעבט, האָט ער געזאָגט, אָנצושרייבן אַ ספר, וואָס זאָל טראָגן דעם נאָמען „אָדם”, און וואָס זאָל באַהאַנדלען די געשיכטע, דאָס לעבן, די ליידן און די האָ־פענונגען פון מענטש... ער האָט אָט דאָס ספר נישט אָנגעשריבן. רבי בונם האָט בכלל נישט מחבר געווען קיין ספרים. זיינע געדאַנקען, זיינע אויסטייטשונגען און משלים זענען פאַרצייכנט געוואָרן דורך די תלמידים. און פאָרט האָט רבי בונם מיט זיין לעבן און ווירקן אָנגעשריבן אין פשיסכע איינעם פון די טיפסטע פירושים צו די פראָבלעמען און ראַנגלענישן פון אָדם־מענטש.

ח'

מען האָט פאָרגעזעצט אין פוילן מיט דער שיטה פון פשיסכע אויך נאָך דעם, ווי אָט־דאָס קליינע שטעטל האָט אויפגעהערט צו זיין דער חסידישער צענטער. פאַראַפראַזנדיק דעם זאָג פון רבי בונם, וואָלט מען געקענט באַמערקן, אַז פשיסכע האָט זיך אויסגעלערנט לעבן אויך נאָך דעם ווי זי איז אונטערגעגאַנגען. דער אימפּעט פון פשיסכע האָט געשטויסן און געיאָגט דעם

קאָצקער רבי מענדעלע, ער זאָל מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פֿאָדערן ביי ייִדן, אַז זיי זאָלן כּסדר איבערלעבן די דערפֿאַרונג פֿון סיני אין דער טיף פֿון זייער באַוווסטזיין, אַז זיי זאָלן אָן אויפֿהער ביי זיך מאָנען און שרייען: „נאָך נישט" צו זיך אַליין, („מיר האָבן נאָך נישט געלערנט, מיר האָבן נאָך נישט גע־דאַוונט, מיר האָבן נאָך נישט מקיים געווען, נאָך און נאָך נישט", ווי עס זאָגט זיך אין באַקאַנטן גערזאַנג פֿון קאָצק), און אַז עס איז נישטאָ קיין מער גאַנצע זאַך, ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ. פֿון פּשיסכע איז צו רבי מענדעלע קאָצקער געקומען זיין ליידנשאַפֿטלעכער און עקשנותדיקער גערענגל קעגן אורטייל און גורל און זיין הויך־מענטשלעכער פֿאַרמעסט נישט בלויז „צו שאָקלען מיט דער ערד", נאָר אַפֿילו אויפֿצוהויבן דעם הימל. דאָס האָט טאַקע רבי מענדעלע קאָצ־קער דערקלערט, אַז ביז פּשיסכע איז חסידות געווען אַ פּירוש צום בעל־שם, אָבער זינט רבי בונם האָט אויפֿגעעפֿנט די קוואַלן פֿון זיין תּורה און חכמה, איז חסידות געוואָרן אַ פּירוש צו פּשיסכע.

דאָס דייטלעכע בת־קול פֿון פּשיסכע הערט זיך אין די ווערטער פֿון רבי יצחק ווורקער, אַז דער ייִד מוז אין זיך אויסאַרבעטן דעם שטאַרקן רצון און כּוח צו זיין מסוגל צו טאָן די דאָזיקע דריי זאַכן: שרייען אָן קול, טאַנצן אָן באַווע־גונג און פֿאַלן כּורעים מיט אָן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ.

אין נוסח פֿון פּשיסכע האָט רבי איטשע־מאיר פֿון גער דערקלערט, אַז דער ייִד וואָס פֿאַרלאָזט זיך בלויז אויף בטחון, איז אַן עצלן. אַזוי טאַקע האָט ער מיט פּשיסכער חריפֿות אַ זאָג געטאָן: „אַ פֿוילאַק, דערפֿאַר האָט ער בטחון!..."

אויב אין קאָן שטייט דער מצב פֿון ייִדן און ייִדישקייט, האָט רבי איטשע־מאיר, וועלכער איז באַקאַנט אין דער חסידישער ליטעראַטור לויטן נאָמען פֿון זיין ספֿר „חידושי הרי"ם", אונטערגעשטראָכן, דאַרף מען אַפֿילו קלאַפּן דעם קאָפּ אין וואַנט און טאָן דאָס אוממעגלעכע. ער האָט זיך לגמרי נישט צוריקגעצויגן פֿון זיינע ווערטער און נישט געענדערט זיין טאָן אויך נאָך דעם, ווי מען האָט אים אָנגעוויזן, אַז מען קען דאָך פֿאָרט נישט קלאַפּן קאָפּ אין וואַנט. רבי איטשע־מאיר פֿון גער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינס: הגם מען קען נישט, מוז מען דאָס טאָן!

דער האַסטיקער אָטעם פֿון פּשיסכע שלאָגט פֿונעם פֿאַרטיפֿטן אָנדייט, וואָס רבי חנוך העניעך פֿון אַלעקסאַנדער האָט געגעבן דעם פּסוק: „וההר בוער באש עד לב השמים" („און דער באַרג האָט געברענט אין פֿייער ביז צום האַרץ פֿון הימל"). דאָס איז נישט קיין אויסדרוק פֿון מליצה, האָט ער געזאָגט. דאָס האַרץ קאָן ווערן הימל. ווען דאָס ייִדישע האַרץ צעפֿלאַקערט זיך מיט פֿייער, ווערט עס טאַקע — הימל.

אָבער, ווי געזאָגט, פּשיסכע איז נישט בלויז חסידות. זי איז אַריינגעדרונ־גען אין בלוט און אין גאַנצן בלאָט פֿון פּוילישן ייִדנטום. אַפֿילו די נייע העב־

רעיִשע אָדער ייִדישע ליטעראַטור איז אין אירע שענסטע קאַפּיטלען אַדורכגע־זאַפּט מיטן גייסט פון פּשיסכע. מען קאָן נישט פאַרשטיין אַ יצחק לייבוש פּרץ, אַ נחום סאָקאָלאָוו, אַ הירש דוד נאָמבערג, צי אַן אַהרן צייטלין אָן דער השפּעה פון פּשיסכע. מען קאָן נישט דערקלערן דעם אייגנטימלעכן כאַראַקטער, וואָס דער ציוניזם, די פרומע אָרטאָדאָקסיע אָדער דער ייִדישער סאָציאַליזם האָבן אָנגענומען אין פּוילן, אויב מען פאַרטיפט זיך נישט אין דער תּורה פון רבי בונם. און מען איז נישט פּעיִק משׂיג צו זיין דאָס געמיט פון פּוילישן ייִדנטום אין די לעצטע דורות, דעם געוואַגטן און ווירדיקן קאַמף, וואָס דער ייִדיש־פּוילישער קיבוץ האָט געפירט קעגן כּלערליי הוליענדיקע ווינטן פאַר זיינע רעכט צו לעבן און עקסיסטירן ווי ייִדן, דעם אומגעשטילטן שפּערישן אומרו, וואָס ער האָט אין זיך געטראָגן אין תּקופות וואָס האָבן געקענט אָניאָגן דאָס געפיל פון הילפלאָזיקייט און אויסזיכטלאָזיקייט, די דראַמע פון דראַנג צום אומ־מעגלעכן, וואָס פּויליש ייִדנטום האָט אָנגעשריבן אויך אין דער שעה פון אונ־טערגאַנג, ווען מען האָט דאָך, צו להכעיס דער ווירקלעכקייט, געזאָגט צו זיך, אַז דאָס איז ווייט נישט „דער לעצטער וועג״, אויב מען גראָבט נישט צו די וואָרצלען פון פּשיסכע.

אין פּשיסכע האָט „דער באַרג פון גאָט״ אָנגענומען די אורשפּרינגלעכע באַדייטונג פון „הר געש״, אַ באַרג אַ ווולקאַן, אויף וועלכן אַפילו די לאַוועס פייער, וואָס גיסן זיך, זענען נישט בכּוח אַוועקצונעמען ביים מענטש זיין אַנט־שיידענעם באַשלוס צו קלעטערן אין דער הויך.

קאָצק, דאָס חסידות פון פוילישן ייִדנטום

א.

וואָס איז געווען דאָס אומגעווייִנלעכע, דאָס אייִנציקאַרטיקע אין חסידות פון קאָצק? צוליב וואָס איז קאָצק אַ באַגריף, וועלכער אינטריגירט נישט בלויז די, וואָס חסידות איז זייער דרך, נאָר אויך די, וועלכע שטייען ווייט פון דער חסידישער טראַדיציע און פון חסידישן לעבנס־שטייגער? פאַר וואָס ווערט קאָצק כסדר פאַררעכנט, ווי אַ שיטה, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט שטורעם און שע־פערישן אומרו אין ייִדישן לעבן? וואָס האָבן אַזוינס פאַרמאָגט דער רבי פון קאָצק און די תּורה, וועלכע איז דאָרט אויסגעטראָגן געוואָרן, וואָס פאַרוואַנדלט קאָצקער חסידות אין אַ קאַפּיטל, וואָס אָטעמט מיט אומגעווייִנלעכער שפּאַנונג; וועלכער האָט אַפילו מיטן חורבן פון פוילישן ייִדנטום, און מיט די געענדערטע אומשטענדן, וואָס זענען אַריינגעטרעטן אין ייִדישן לעבן, נישט פאַרלוירן זיין ווערט און אַקטועלע באַדייטונג פאַרן ייִדישן מענטש?

לויטן פאַרנעם פון קאָצקער חסידות, וואָלט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז קאָצק איז געווען אַ כּרך אָדער אַ גרויסער, געדיכט־באַפעלקערטער ייִדישער צענטער. אָבער דאָס איז ווייט נישט אַזוי. קאָצק איז גראָד אַ קליין שטעטל אין פוילן, לובּ־לינער געגנט. ווען קאָצק האָט זיך אַרויסגעהויבן אין דער ייִדישער געשיכטע, האָבן דאָרט סך־הכּל געוווינט אַ פּאָר הונדערט ייִדישע משפּחות. די דערשיינונג קאָצק רעגט נאָך שטאַרקער אָן אונדזער אויפמערקזאַמקייט, ווען מען געדענקט, אַז דער גרינדער פון קאָצקער חסידות, רבי מנחם־מענדל מאָרגנשטערן (אָדער ווי מען פלעגט אים רופן „רבי מענדעלע") איז געווען אומבאַדינגט אַנדערש, ווי די אַנדערע לערער פון חסידות, וואָס צו זיי האָבן געשטראָמט די מענטשן אין די פריִערדיקע דורות אָדער אין אין צייט מיט אים. ער האָט נישט געגלעט און געצערטלט דאָס אָנגעווייטיקטע ייִדישע געמיט, ווי דאָס האָט געטאָן רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. ער האָט נישט פאַרוויגט די פאַנטאַזיע מיט דער פּאָעזיע פון זיין וואָרט, ווי דאָס פלעגט טאָן רבי נחמן פון בראַצלאַוו. ער האָט נישט, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, זיך איינגעבאָקן אין די

הערצער מיט זיין מלמד־זכות זיין אויף ייִדן. ער האָט נישט פּאַרוויקלט זיין תּורה אין טיפער מיסטיק, וואָס דאָס אַליין וואָלט שוין געקענט אַרויסרופן דעם ציטער פון ערפורכט, אַזוי ווי דאָס האָט באַוויזן צו טאָן רבי שניאור־זלמן פון ליאַדי. ער האָט צו מאָל נישט דערציילט ווונדער־משלים, וועלכע האָבן געפּאַנ־גען די צוהערער מיט זייער סיפּור־המעשׂה און באַצויבערט מיט די כּוונות, וואָס זענען געווען אין זיי פאַרבאָרגן, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער שטייגער פון ר׳ בונם פון פּשיסכע. אין די יאָרן ווען רבי מענדל פון קאָצק איז געווען אין קאָנ־טאַקט מיטן עולם, איז ער דווקא געווען שטרענג אין זיין האַלטונג און אין זיין ווענדונג. זיינע באַמערקונגען און אַפאָריזמען זענען, ביים גאַנצן ליכט, וואָס האָט זיך אין זיי פונאַנדערגעבליצט, אָפט מאָל געווען אַנגעצויגן און פאַרוואָלקנט.

אָבער אַפילו אָט־דער פּעריאָד פון שטרענגן און אַנגעשטרענגטן באַריר מיט מענטשן האָט סך־הכּל אָנגעהאַלטן צוועלף יאָר. דערנאָך האָט אָנגערוקט די תּקופה פון התבודדות. רבי מענדעלע האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין חדר, און די, וועלכע האָבן געגאַרט צו הערן זיין וואָרט האָבן נישט אַלע מאָל געקענט צוקומען צו אים. אָט־די איינזאַמקייט־תּקופה האָט זיך געצויגן אין משך פון צוואַנציק יאָר. מיט איר האָבן זיך אָפּגעשלאָסן דאָס לעבן און ווירקן פון קאָצקער רבין. עס איז איבער איר פאַרצויגן דער נעפּל פון די פאַרשידנסטע ווערסיעס. אָבער ווי עס זאָל זיך נישט געפינען דער שליסל צו זיין איינזאַמקייט, איינס איז זיכער: רבי מענדעלע איז אין יענע יאָרן, פונעם זיין פאַרגראָבן אין זיך, געווען קאַרג אין ווערטער. בלויז דער אָפּשיין פון זיין פּערזענלעכקייט איז געפאַלן אויפן פאַרוווּנדערטן דרויסן.

וואָס איז בכן געווען אין קאָצק, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַזאַ טיפן חותם אין ייִדישער געשיכטע? און פאַר וואָס לייגט זיך נישט אַרויף אויף דער תּורה, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין קאָצק, דער שטויב פון דער צייט, הגם דאָס ייִדישע קאָצק איז זיך פונאַנדערגעפאַלן אין חורבות, און הגם אַזוי פיל שיטות און באַ־וועגונגען, וועלכע האָבן אויפגעשפּראָצט צווישן ייִדנטום אין פאַריקן יאָרהונ־דערט, קומען אונדז אויס צו זיין פאַרוועלקט און פאַרעלטערט?

ב.

דאָס אַריינדרינגען אין קאַפּיטל קאָצק מיינט אייגנטלעך: פאַרפלעכטן זיך אין אַ געוועב, ווו עס ווישט זיך אָפּ די גרענעץ צווישן געוויינלעכן און אומגעוויינלעכן. אָט ווייזט זיך אונדז אויס, אַז אַלץ אין דער דאָזיקער פּרשה איז פּשוט; טאַקע די איינפאַכקייט אַליין. אָט טרעפן מיר זיך אָן אויף די דערשיינונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער חסידישער באַוועגונג אין יענער צייט, די

ערשטע העלפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט. אָבער אַט שטייען מיר פאַר אַ געדיכטן סוד, ווו אַפילו דער אַנאַליז פון פאַרשער קען ווייניק־וואָס דערקלערן און פאַרטייטשן. געגוי ווי אַ ריי אַנדערע לערער פון חסידות, איז אויך רבי מענדל געקומען פון אַ מתנגדישער היים. דער טאַטע, אַ גלעזער, האָט זיך געשלעפּט איבער די דערפער אין שווערן געיעג נאָך פרנסה, און דער שפּירעוודיקער זון האָט געשטרעבט אַרויסצוגיין פון דער ענגשאַפט אין וועלכער ער איז אויפגעוואַקסן. פון אַלץ, וואָס ער האָט געלערנט, ווי ער פלעגט דערציילן אין די שפּעטערדיקע יאָרן, האָבן צום שטאַרקסטן זיך איינגעקריצט אין זיין פאַרשטעלונג די פסוקים, וועלכע שילדערן אין חומש די דונערן און בליצן, וואָס מען האָט געהערט און געזען אין סיני ,ווען גאָט האָט אַראָפּגענידערט צום מענטש. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער אַליין איז טאַקע געשטאַנען צופוסנס פון באַרג און ער האָט געוואַרט אויף אַ נייער אַנטפּלעקונג. ער האָט געזוכט אין פשיסכע באַשייד פאַר די שאלות, וועלכע האָבן אים געעקבערט. פון די קוואַלן פון תורה און חכמה, וואָס רבי בונם פון פשיסכע האָט פונאַנדערגעעפנט, האָבן זיך גענערט די וועלכע זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיט דער אידעע פון חסידות; נישט ווייל זיי האָבן דערוואַרט פונעם רבין מופתים, נאָר ווייל זיי האָבן געפילט, אַז חסידות דאַרף אין תּוך אויפוועקן אין ייִד די כוחות, וועלכע זענען אויסבאַהאַלטן אין אים און אַנווייזן אים, אַז נאָר ווען ער וועט אַנשטרענגען זיין ווילן און גייסט, וועט ער אויפהייבן זיך אַליין, אויפהייבן דאָס פאָלק און אויך אויפהייבן ייִדישקייט. מען האָט אין פשיסכע זיך אָנגעשפּאַרט אויף די מיינונגען און אויספירן צו וועלכע עס איז געהאַט געקומען מיט דורות פריִער דער מהר״ל פון פּראָג. מען האָט דאָרט צונויפגעפּאָרט האַרץ און שׂכל, גמרא און חקירה, פשט און מיסטיק.

ווידער אַ מאָל גייען פאַר אונדז פאַרביי, אין יענע פאַר־בראשית יאָרן פון קאָצק, שטעט און שטעטלעך פון דער פאַרשוווּנדענער ייִדישער געאָגראַפיע פון מזרח־אייראָפּע: גאָריי, דאָס געבוירן־אָרט פון רבי מענדעלע; זאַמאָשטש און לעמבערג, ווו ער האָט געלערנט; טאָמאַשאָוו, ווו ער האָט חתונה געהאַט. טאַקע דאָ, אין טאָמאַשאָוו, איז געשען דאָס אַנטשיידנדיקע. רבי בונם איז אַוועק פון דער וועלט; און אומרו און דערוואַרטונג האָבן זיך גענומען מערקן אין יענע קהילות, וואָס האָבן זיך געפילט פאַריתומט צוליב דער שטול, וואָס איז ליידיק געוואָרן. טאַקע דעמאָלט האָט איינער פון די וויכטיקסטע תלמידים פון רבי בונם, הויך און אָפן זיך אויסגעדריקט, אַז נאָר רבי מנחם מענדל איז ראוי צו ציִען די קייט פון פשיסכע, דאָס איז געווען רבי איטשע־מאיר, דער שפּעטערדיקער גרינדער פון גערער חסידות, בעסער באַקאַנט אויפן נאָמען פון זיין ספר „חידושי הרי״ם״. אַזוי דערציילן די חסידישע מקורות: ביידע, רבי איטשע־מאיר און רבי מענדעלע, האָבן געשמועסט לאַנגע שעהען אין דער נאַכט אין וואַלד, ווו זיי

האָבן שפּאַצירט. סודותפֿול איז געווען די נאַכט, סודותדיק איז געווען דער שמועס. ווען עס האָט אויפֿגעלויכטן דער מאָרגן שטערן, האָט רבי איטשע־מאיר אָפּגעגאָסן די הענט פֿון רבי מענדעלע, און אַ זאָג געטאָן: רבי מענדל איז דער אמתער ייִד!

דאָס איז געווען רבי איטשע־מאיר, איינער פֿון די שאַרפֿסטע מוחות אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן ייִדנטום, וועלכער האָט געזאָגט נאָך דעם, ווי רבי מענ־דעלע האָט אָנגעהויבן אַריינשניידן זיך אין דער חסידישער באַוועגונג מיט זיין אייגנאַרטיקן דרך, און טאָמאַשאָוו איז אויסגעוואַקסן ווי דער נייער צענטער פֿון חסידות: „זייט וויסן, אַזוי ווי עס זענען אַמאָל געווען דונערן און בליצן ביי קבלת־התורה אויפֿן באַרג סיני, אַזוי איז איצט דאָ קבלת־התורה מיט דונערן און בליצן אין טאָמאַשאָוו". ווערטער, וואָס זענען משמעות אינספּירירט געוואָרן פֿון דער סיני־דערפֿאַרונג, וועלכע איז פֿאַרן נייעם מנהיג פֿון חסידות נישט געווען בלויז די וויזיע פֿון פֿאַרצייטנס, נאָר די דראַמע פֿון דער קעגנוואַרט.

מיר זאָגן: דראַמע, ווארום דאָס, וואָס האָט זיך געעפֿנט אין טאָמאַשאָוו האָט אָנגעהויבן אַריבערשפּאַנען דאָס געוויינלעכע. עס האָט זיך דאָרט מער נישט געהאַנדלט וועגן נאָך אַ רבי און נאָך אַ חסידישן הויף. אַ נייע אינטעלעקטועלע שיטה האָט זיך אויסגעפֿאָרמירט, און אַ נייע סאָציאַלע שטרעמונג. מען האָט דאָרט אויפֿגעהערט פֿירן אַ נאָרמאַל משפּחה־לעבן. מען האָט איבערגעלאָזט די משפּחה אויף לאַנגע חדשים בכדי צו קענען, ווי מען האָט געזאָגט, לעבן מיט זיך אַליין און אַריינדרינגען אין דער אייגענער אינערלעכער וועלט. מען האָט אויסגעפֿולט די טעג מיט פֿיזישער אַרבעט, און דעם פֿאַרדינטן לוין אַריינגע־טראָגן אין דער בשותּפֿותדיקער קאַסע. אין די נעכט האָט מען זיך פֿאַרטיפֿט אין די סוגיות פֿון תּלמוד, זיך געגריבלט אין די ספֿרים פֿון חקירה און געפֿירט וויכּוחים איבער גאָט, מענטש און ייִד. מען האָט געהאַלטן, אַז עס איז וויכטיק צו פֿאַרבלייבן געטריי צום אינערלעכן רוף, און אַז מען דאַרף נישט נאָכמאַכן קיינעם; נישט טאָן קיין זאַכן, בלויז ווייל אַנדערע טוען זיי. מען האָט זיך גע־זאָרגט, אַז די כּוונה אָדער די התלהבֿות זאָלן זיך שפּירן נישט אַזוי ווייט אין דאַוונען, ווי דווקא אין אַלץ, וואָס נעמט אַרום דאָס לעבן. מען האָט אָפּן זיך געבונטעוועט אַפֿילו קעגן ווערטן, וועלכע האָבן פֿריִער אויסגעזען ווי אַ באַ־שטאַנדטייל פֿון חסידות. מען האָט געוואָלט מתקן זיין דאָס ייִדישע, און פֿאַר־ריכטן אויך דאָס מענטשלעכע. מען האָט זיך נישט באַנוגנט בלויז מיטן דער־הייבן דאָס ערדישע, נאָר מען האָט בפֿירוש געוואָלט (ווי עס האָט זיך אויסגע־דריקט דער לערער אָט די געוואָגטע אידעען) אויפֿהייבן אַפֿילו די הימלען. רבי מענדל האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דער וועג, וועלכן ער האָט אָנגעצייכנט פֿאַר די מענטשן, איז אַ שווערער; און בלויז יחידי־סגולה וועלן מסוגל־זיין אים נאָכצופֿאָלגן. אָבער ער איז בכלל נישט געווען פֿאַראינטערעסירט צו ציִען נאָך

זיך אַ גרויסן עולם. איך פאַרלאַנג נישט מער, האָט ער דערקלערט, ווי צו האָבן אַ צוויי צו דריי הונדערט חסידים. אָבער איך באַגער, אַז אין זיי זאָל זיך באַ־וועגן די נשמה פון בעל־שם־־טוב, אַנשטאָט די יאַרמולקע זאָלן זיי טראָגן אויף זייערע קעפּ די בלעטער פון דיביימער, זיי זאָלן זיין אַרומגעגאַרטלט מיט גאַרט־לען פון גרינס, און באַצוואונגען פון דער טיפער באַוואונדערונג פאַר די סודות פון הימל און ערד זאָלן זיי אויסרופן מיט דער התלהבות פון מחבר פון תהילים, וועלכער האָט אויסגעזונגען (אין זיין פּרק כ״ד): גאָט איז דער האַר פון דער וועלט און פון אַלץ, וואָס פולט זי אויס!...

נאַטירלעך האָט דאָס דערוועקט אויך קעגנערשאַפט. עס האָבן זיך געהערט קולות פון קריטיק. מען האָט פאַרגעוואָרפן, אַז אין טאָמאַשאָוו איז מען צו פיל פאַרטאָן אין חקירה און ווייניק אין ייִדישקייט, ווי זי דאַרף זיך אויסדריקן אין טאָג־טעגלעכן לעבן; אַז דאָרט איז מען צו שטאַרק באַשעפטיקט מיט מחדש זיין און מיט צוגעבן פּירושים צו זאַכן, וועלכע נויטיקן זיך לגמרי נישט אין קיין פּירוש. דער רב פון וואַרשע, רבי יעקב געזונטהייט, טרעט שאַרף אַרויס קעגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין דער חברותא. צוזאַמען מיטן ענטוזיאַזם, וואָס דאָס נייע חסידות רופט אַרויס צווישן די יונגע און שאַרפע, וואַקסט אויס אויך די באַוועגונג פון פּראָטעסט אין די אייגענע חסידישע רייען. רבי מענדל ענדערט נישט צוליב דעם זיין וועג. אַ שינוי טרעט אַריין אין אַדרעס: נישט מער טאָמאַ־שאָוו, ווו די מחלוקתן ווערן אַלץ מער אָנגעשטרענגט. רבי מענדל ציט זיך אַוועק אינעם נאָענטן שטעטל, קאָצק. אַזוי אַרום הייבט זיך אָן דאָס מערקווירדיקע קאַפּיטל קאָצק אין דער ייִדישער געשיכטע.

ג.

זייער אַ סך איז געשריבן געוואָרן וועגן דער חסידות פון קאָצק. אַפילו אין אונדזער דור הערט מען נישט אויף צו פאַרעפנטלעכן פאָרשונגען אויף אָט־דער טעמע. אָבער כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דווקא דער רבי פון קאָצק האָט נישט געשריבן קיין שום ספר. ווען מען האָט אים געפרעגט די סיבה, פאַר וואָס ער שרייבט נישט קיין חיבור, איז ער צו ערשט אַריינגעפאַלן אין אַ לאַנגן שווייגן, דערנאָך האָט ער געענטפערט: לאָמיר אָננעמען, אַז איך האָב שוין געשריבן און אַרויסגעגעבן אַ ספר. ווער וועט אין אים אַריינקוקן? לומדים צי בני־תורה ווייסן מער, וויפל איך וויס; טאָ וואָס מישטיינס געזאָגט וועלן זיי קענען לערנען פון מיר? בלייבן בכן איבער אונדזערע מענטשן. איז ווען האָט אונדזערס אַ מענטש צייט מעיין צו זיין אין אַ ספר? די גאַנצע וואָך איז ער פאַרנומען מיט דאגות־פּרנסה, בלייבט בלויז איבער דער שבתדיקער טאָג. אָבער שבת דאַרף מען דאָך

אויך לערנען, דאַווענען, עסן די שבתדיקע סעודה. די איינציקע צייט איז בכן שבת נאָכן עסן. שפּאַרט זיך צו אונדזערס אַ מענטש, כּדי זיך אָפּצורוען, נעמט דאָס ספר אין האַנט, עפֿנט עס אויף, און אַזוי ווי ער איז דאָך אָנגעפּולט מיט די מאכלים, וועלכע ער האָט נאַר־וואָס געגעסן, באַפֿאַלט אים אַ דרימל, און דאָס ספר גליטשט זיך אַראָפּ אויף דער ערד. נו, פֿרעג איך אייך, צוליב וואָס זאָל איך מחבר זיין אַ ספר?

רבי מענדל האָט געגלויבט, אַז די השפעה וואָס ער האָט געשטרעבט איינ־צוגראָבן אין זיינע תּלמידים, וועט זיין מער דייטלעך און קענטיק דורך זיין תּורה שבעל פּה. דאָס וואָרט, ווען עס ווערט אַרויסגערעדט מיט ערנסטקייט און אויפֿ־ריכטיקער איבערצייגונג, איז מסוגל צו פֿאַלן טיפֿער אין האַרץ. פֿון תּנ״ך, וואָס רבי מענדל האָט תּמיד געהאַט פֿאַר זיך, און אין וועלכן ער האָט געראָפֿן צו געפֿינען אָנווייז און ריכטונג, האָט ער געלערנט, אַז פֿיל וויכטיקער ווי צו שרייבן אויפֿן פּאַפּיר, איז אָנצושרייבן די ווערטער אויפֿן האַרץ פֿון די מענטשן (משלי, ג׳ ג׳).

דער אמת איז, אַז אַפֿילו די תּורה, וואָס ער האָט געזאָגט, און די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט, זענען געווען אומגעווייִנלעך קורץ. דאָס זענען אייגנטלעך געווען באַמערקונגען, אַפֿאָריזמען, מחשבה־שפּליטערס. אָפֿט מאָל, שאַרף ווי אַ נאָדל, האָבן זיי געשטאָכן דאָס געוויסן. רבי מענדל פֿון קאָצק איז אין דעם פּרט פֿאַרבליבן געטריי אין זיין פֿערזענלעכקייט און זיין שאַפֿן דעם נוסח פֿון פּוילישן ייִדנטום. נישט אין פֿעלד פֿון דער הלכה, נישט אין פֿעלד פֿון דער מחשבה, זענען דורכן פּוילישן ייִדנטום אויסגעבויט געוואָרן סיסטעמען, וועלכע זאָלן זיך אויס־צייכענען מיט זייער סדר און פּלאַן. פֿון הגהות, פֿון תּמציתדיקע באַמערקונגען, באַשטייט דער גרויסער צושטייער, וואָס איינער פֿון די ערשטע גאונים, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַרויסגעגעבן, רבי משה איסרליש (רמ״א), האָט אַריינגע־טראָגן אין דער רעליגיעזער געזעצגעבונג. אין קורצע, פֿאַרבליפֿנדיקע אויפֿטוען זענען איינגעקריצט די באַלייכטנדיקע חידושים, וואָס רבי שלמה לוריא (רש״ל) האָט אַריינגעבערענגט אין דער תּלמודישער ליטעראַטור. אין בקיצורדיקע שורות האָט אַריינגעלייגט זיין שטויננדיקע ערודיציע און פּסיכאָלאָגישע אינטויִציע רבי שמואל איידעלש (מהרש״א); הגהות, וועלכע האָבן געהאָלפֿן אויפֿעפֿענען די סודותדיקע וועלט, וואָס איז פֿאַרבאָרגן אין די אגדות פֿון תּלמוד. אויך חסידות איז פֿאַרבליבן אין אָט דעם שליאַך פֿון דורות. אין וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט די תּורה פֿון רבי ישראל בעל־שם־טוב? אין אַ מעשׂה, אין אַ וואָרט, אין אַ תּנועה.

מיט וואָס האָט רבי בונם פֿון פּשיסכע געזוכט זיין וועג צום האַרץ פֿון מענטש? מיט אַ משל, מיט אַ רמז, מיט פֿונקען פֿון געדאַנק. אויך די, וועלכע האָבן — אין דער תּקופֿה פֿון איבערברוך אין הייִנטיקן יאָרהונדערט — אַריינ־געפֿירט נייע ווערטן און אַ נייע מאָדערנע פֿאָרם אין ייִדיש־פּוילישן שאַפֿן, זענען

נישט אַוועקגעגאַנגען פון אַט דעם נוסח, וואָס אין אים האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גייסטיקע פּערזענלעכקייט פון ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. נישט יצחק לייבוש פּרץ, נישט דוד פרישמאַן, נישט הירש־דוד נאָמבערג, האָבן געשריבן באַריכותדיקע ווערק. אויך פאַר זיי איז פאַרבליבן כאַראַקטעריסטיש דער שפּליטער פון דער מחשבה. אַפילו די באַריכותדיקייט, אין וועלכע עס פלעגט אַריינפאַלן נחום סאָקאָלאָוו, איז פאַקטיש אַ לויז בינטל פון פראַגמענטן פון אָפּגעבראָכענע, אָפּגעהאַקטע מחשבות.

די ווערטער און די תּורה, וואָס זענען אונדז פאַרבליבן נאָכן רבי פון קאָצק זענען נישט פאַרצייכנט געוואָרן דורך אים אַליין. תּלמידים האָבן דאָס געטאָן. דער איינציקער דאָקומענט, וועלכן ער אַליין האָט געשריבן און וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, איז — אַ בריוו. דער איינציקער בריוו, וואָס איז פון אים פאַרבליבן אין דער עפנטלעכקייט. ער טראָגט די דאַטע פון אַ ווינטערדיקן פרייטיק („ערב שבת קודש, פרשת יתרו") פון יאָר תּקפּ"ח. ער איז געשריבן געוואָרן, ווען רבי מענדעלע האָט נאָך געוווינט אין טאָמאַשאָוו, און ער איז אַדרעסירט צו זיין „ידיד נפש", ווי ער רופט אים אָן אין בריוו, רבי איטשע מאיר אין וואַרשע. נישט געקוקט אויפן רבנישן לשון־קודש, וועלכער איז געווען דער נוסח פון יענער צייט, טראָגט זיך דאָך פון אים אַ רירנדיקע פּשטות; און יעדע שורה איז באַהויכט מיט טיף מענטשלעכער וואַרעמקייט. ער דערציילט אין אַט דעם קורצן בריוו, אַז ער קלערט איבער און איז פאַרזאָרגט, וואָס ער האָט שוין עטלעכע חדשים נישט געהאַט קיין ידיעה פון זיין פריינד: „איך קאָן זיך נישט באַהערשן און שווייגן, ווייל שטאַרק ציטערט מיין האַרץ, וואָס איך האָב שוין זינט דריי חדשים נישט באַקומען קיין בריוו פון אייך..." ער ליידט דערפון, וואָס נישט אַלע פאַרשטייען אים, אָבער ער פילט זיך דערמונטערט דורך דער נאָענטקייט פון די יונגע; וואָרום „זיי זוכן ליכט פאַר זייער מחשבה". אין אַ דערשיטערנדיקער שורה דעקט ער אויף דעם מצב פון דער מאַטעריעלער דחקות, אין וועלכן ער און זיין הויזגעזינד געפינען זיך. ער פאַרטרויט זיך, אַז ער וואָלט אָפּטער געשריבן, נאָר ער האָט נישט אויף קיין פּאָסט־מאַרקע. אַזוי לייענען מיר אין בריוו: „איך וועל זאָגן דעם אמת, און איך שעם זיך נישט צו דערציילן, אַז עס זענען פאַראַן צייטן, ווען מיר האָבן נישט צו באַצאָלן די פּאָסט־הוצאות, און דערפאַר האָב איך נישט געקענט שיקן קיין ידיעה וועגן זיך"...

אויך אַנדערע קוועלן ליפערן אונדז פּרטים, וועלכע באַשטעטיקן אַט דעם ביטערן פאַקט. פון דער ווייטנס האָט מען געקענט דערקענען דעם רבי פון קאָצק לויט זיינע מלבושים, וואָס זענען געווען מוראדיק אָפּגעטראָגן. ער האָט פיל מאָל אָפּגעוואָרפן די שטיצע, וואָס מען האָט אים פאַרגעלייגט. „וואָס, געלט ווילט איר מיר געבן?" — האָט ער איין מאָל אין צאָרן אַ זאָג געטאָן צו אַ חסיד, וואָס האָט אים געפּרוווט דערלאַנגען אַ מטבע, און אויסגעשפּיגן מיט עקל. ווען זיין

תּלמיד רבי יחיאל־מאיר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער אָרעמאַן און איז שפּע־טער געוואָרן דער רבי פון גאָסטינין, האָט אים דערציילט אַ צופרידענער, אַז ער האָט געוווּנען אַ גרויסע סומע אויף דער לאָטעריע, האָט רבי מענדעלע האָסטיק אים אָנגענומען ביים קאָלנער און געוואָרפן אויף אים אַ בליק, וואָס איז געווען פול מיט פאָרוווּרף. רבי יחיאל־מאיר האָט אָנגעהויבן שטאַמלען און זיך פאַר־ענטפערן: „אָבער איך בין דאָך נישט שולדיק אין מיין געווינס!״... רבי מענדעלע האָט נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים זיין בליק, אין וועלכן עס האָט זיך געפילט אַ שאַרפע פאָדערונג. ערשט, ווען דער תּלמיד האָט פונאַנדערגעטיילט די גאַנצע סומע, וואָס ער האָט געוווּנען, צווישן די נויטבאַדערפטיקע חברים, האָט דער רבי פון קאָצק זיך באַרויִקט. גענוי ווי אין זיין גאַנצער אויפפירונג, איז רבי מענדעלע אויך דערמיט געווען קאָנסעקווענט: די מאַטעריעלע מתּנות, וואָס מענטשן גיבן, בריִען און טוען ווי דעם, וואָס נעמט זיי אָן. אין דער מתּנה פון אַ בשׂר־ודם איז טאַקע דאָ פלייש, און עס איז אויך דאָ בלוט, פלעגט ער זאָגן.

אָבער אין אָט דער שרעקלעכער אָרעמקייט, אין די אומשטענדן פון נויט, וואָס האָבן געקענט פאַראומערן דאָס געמיט און אָנוואַרפן די שטימונג פון פּאַסי־ווער נידערגעשלאָגנקייט, זענען אויסגעטראָגן געוואָרן די געדאַנקען־שפּליטערס, וועלכע האָבן מיט זייער גייסטיקער דינאַמישקייט פאַרוואַנדלט קאָצק אין אַ פּונקט, צו וועלכן מען האָט עולה־רגל געווען. נישט געקוקט אויפן אויסדריקלעכן פאַר־לאַנג פון רבי מענדעלע, נישט צו האָבן אַרום זיך אַ געדיכטן עולם, איז מען געגאַנגען קיין קאָצק פון נאָענט און וייט. עס זענען געגאַנגען מענטשן פון פאָלק, ווי אויך לומדים און יחסנים. די קעגנער האָבן נישט געקענט אָפּשוואַכן די צוציִונגס־קראַפט, וואָס אָט דאָס קליין־פּוילישע שטעטל האָט פאַרמאָגט. דאָס ייִדישע פאָלקסליד האָט דאָס אויסגעזונגען אין די פערזן: „קיין קאָצק פאָרט מען נישט, קיין קאָצק איז מען עולה־רגל״... דאָס פאָלק האָט אויך, אויף זיין אייגנטימ־לעכן שטייגער, פאַרזיכערט, אַז אין קאָצק און ביים רבי פון קאָצק קען מען זיך באַרייכערן מיט דערפאַרונגען, וואָס צוליב זיי איז כּדאַי זיך צו שלעפּן וואָכן־לאַנג אין וועג. עס זענען פאַרבליבן זכרונות פון יענע צייטן, וואָס ווען מיר לייענען זיי היינט, קרוב צו אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערט שפּעטער, קומען מיר אַלץ מער צו דער איבערצייגונג, אַז אַפילו אין דער טויזנטיאָריקער און רייכער גע־שיכטע פון פּוילישן ייִדנטום איז קאָצק געווען אַן איינמאָליקע דערשיינונג. רבי העניך פון אַלעקסאַנדער האָט געהאַלטן, אַז קאָצק איז געווען אַ פּירוש צו פּשיסכע. אָבער וואָסער גרויסאַרטיקער פּירוש דאָס איז געווען!

ד.

אונדז פּאַרכאַפּט אין דער תּורה, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין קאַצק, די בלי־ספק אַנטשיידנדיקע באַדייטונג, וואָס דאָרט איז געגעבן געוואָרן דער אומצופרידנ־קייט. ייִדנטום איז זינט זיין באַגינען דער שטורעם און דראַנג קעגן שאַבלאָן, מיט אַ האַסטיקן אימפּעט צו צעשטויסן אָנגענומענע געטער און אָפּגעטער, האָט זיך אַריינגעשטעלט אין דער געשיכטע דער ערשטער ייִד, אַברהם. די סאַמע אויפ־טרייסלענדיקע כאַראַקטער־צייכענונג פון אַן אומצופרידענעם שטעלט פאַר אונדז צו משה. אומצופרידן מיט זיך, אומצופרידן מיט זיין גורל, אומצופרידן מיט זיין פאָלק, אומצופרידן מיט דער וועלט, אומצופרידן מיט דער אויפשווידערנדיקער סתּירה צווישן וויזיע אוןווירקלעכקייט. די נביאים זענען, איינער ביי איינעם, אומצופרידענע מענטשן; אומצופרידענע מיט זיך אַליין, מיטן הערשנדיקן סיסטעם, מיט דער אַרומיקער געזעלשאַפט. יונה איז דער טראַגישערביישפּיל פון נביא, וועלכער איז געוואָרפן געוואָרן פון האַפן צו האַפן, פון לאַנד צו לאַנד, פון דער ערד און פון וואַסער, אין זיין אויפברויז קעגן דער זאַטער געמיטלעכקייט פון די מענטשן. אָבער אַזעלכע זענען זיי בעצם געווען אַלע, וואָס האָבן געברענגט דאָס וואָרט פון גאָט צו מענטש. זיי זענען געטריבן געוואָרן פון אומגעשטילטן אומרו און זיי האָבן אין זייער באַגער אויפצובויען נייע וועלטן אָנגעיאָגט שטורעם און פּראָטעסט. עמוס, דער פּאַסטוך, וואָס איז געוואָרן נביא, האָט געפילט, אַז עס וועט זיין נויטיק „אַנצושיקן אין לאַנד אַ הונגער". אָבער ער האָט דערביי צוגעגעבן, אַז „דאָס וועט נישט זיין קיין הונגער צו ברויט און קיין דורשט צו וואַסער" (עמוס, ח׳, י״א), נאָר אַן אומצופרידנקייט פון אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. ירמיהו האָט צווישן די אַלע, וואָס קעגן זיי האָט ער געשליידערט זיינע ביטערע פאַר־ווורפן, נישט געשאַנעוועט אַפילו זיינע אייגענע טאַטע־מאַמע (ירמיהו כ׳, יד־יח). שוין בלויז דער באַגריף פון תשובה, צו וועלכן עס קערן זיך כסדר אום אונדזערע דענקער — און וואָס איז דאָס וואָרט, וואָס פעלט נישט אפשר אין קיין שום ייִדישן ספר — באַדייט דאָך אייגנטלעך: נישט באַגנוגענען זיך מיט דעם, וואָס מען האָט דערגרייכט, און אויפהאַלטן דאָס געוויסן אין פּערמאַנענטער אָנשטרענ־גונג. „פונאַנדעררייסן דאָס האַרץ" אָדער „אויסבויען אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט" זענען ווענדונגען, וואָס דער ייִדישער מענטש האָט אויפגענומען סיי אין דער צייט, ווען דאָס פאָלק האָט נאָך געלעבט אויף דער אייגענער ערד, סיי שפּעטער, ווען ייִדן זענען פאַרטריבן געוואָרן צו פרעמדע ברעגן. איר טרעפט זיך אָן מיט אָט די ווענדונגען אין דער וועלט פון סימבאָלן, וואָס עפנט זיך פונאַנדער אין ספר יואל און אין די וויזיעס, וואָס זענען באַהויכט מיטן פּאַטאָס פון יחזקאל.

מיטן לויף פון די יאָהונדערטער — און מן־הסתּם ווי אַ מיטל צו קענען

איבערטראָגן די לאַסט פֿון דאָזיין — איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דער טערמין „שׂמח בחלקו״. ווי אַ מוסטער האָט באַדאַרפֿט דינען דער טיפּ ייִד, וועלכער פֿאַר־בלייבט צופֿרידן מיט זיך און מיטן חלק, וואָס אים איז באַשערט. אָבער אַט דער טערמין האָט זיך פֿאַקטיש באַצויגן צום מאַטעריעלן באַזיץ און האָט באַדאַרפֿט אַריינשרייען אין אויער פֿון ייִד: רייס נישט איין קיין וועלטן כּדי אָנצוזאַמלען עשירות. דער באַגריף „שׂמח בחלקו״ האָט קיין מאָל נישט געפּרוּווט אינטערוועני־רן אין פֿעלד פֿון גייסט. דאָ דווקא האָט מען נישט באַדאַרפֿט זאָגן: עד כּאן, ביז דאַנען, און נישט ווייטער; נישט העכער. אַפֿילו דער, וואָס האָט פּאָפּולער געמאַכט אַט דעם טערמין אין ייִדישן לעבן, שמעון בן זומא (פּרקי אבות, ד׳, א׳), איז ווייט נישט געווען קיין זעלבסטצופֿרידענער מענטש. ער איז גראָד געווען איינער פֿון די אומרויִקסטע גייסטער צווישן די, וועלכע האָבן אויפֿגעשטעלט דעם בנין פֿון תּלמוד. שמעון בן זומא איז געווען אומדערמידלעך אין זיין באַגער צו דערגרונטעוועןזיך צום שורש פֿון די זאַכן; און ער האָט געהאַלטן, אַז שוין אין ערשטן מענטש, וואָס האָט געלעבט אויף דער ערד, האָט געזידט און געקאָכט דער פֿאַרלאַנג צו פֿרעגן און צו זוכן און צו שטרעבן, הגם דאָס האָט האָט באַדאַרפֿט ברענגען אָן אַ שיעור מאַטערנישן. זע און באַטראַכט, האָט בן זומא געזאָגט, ווי גרויס און שטאַרק עס זענען געווען די מי און מאַטערנישן פֿון אָדם הראשון! (ברכות, נ״ח). דאָס ווערט וועגן בן זומא דערציילט אין תּלמוד, אַז ער האָט געהערט צו יענעם קליינעם אָבער געוואָגטן קרייז פֿון גריבלער און זוכער, וואָס דער דראַנג זיך צו דערגראָבן צו די סודות פֿון באַשאַף האָט זיי געשטויסן אין די סאַמע געפֿערלעכסטע וועגן און אומוועגן פֿון מענטשלעכן געדאַנק (חגיגה י״ד).

אין קאָצק האָט מען געגלויבט, אַז אויך אין ציטן פֿון נויט און חשכות טאָר מען זיך נישט שפּייזן מיט פֿאַלשע און געפֿעלשטע באַרויִקונגס־מיטלען. מען האָט זיך אַרויסגעזאָגט קעגן די, וואָס רעכענען, אַז מיט דעם איבערפֿלאַכלעכן שמייכל פֿון צופֿרידנקייט, וואָס וועט זיך צעלייגן אויפֿן פּנים פֿון ייִד, וועלן דערהויבן ווערן דער יחיד און דאָס פֿאָלק. ייִדישקייט איז אויפֿברויז, און חסידות מוז זיין שטורעם. חסידות טאָר נישט פֿאַרבלייבן צופֿרידן מיט דעם, וואָס עס טוט זיך אַרום אונדז, און נישט מיט דעם, וואָס עס גייט אָן אין אונדז גופֿא. אין קאָצק איז מען געקומען צום אויספֿיר, אַז ווער עס לערנט ייִדישקייט און מאַכט נישט דערביי קיין אָנשטרענגונג, אָדער דער, וואָס דאַוונט היינט, ווייל ער האָט געדאַוונט נעכטן, צי גאָר דער, וואָס מיינט, אַז חסידות באַשטייט אין פֿאַראיינפֿאַכן די אויפֿ־גאַבע פֿון זיין אַ ייִד, פֿאַרקריפּלען און פֿאַרקרימען דעם אינהאַלט און כאַראַקטער פֿון ייִדישקייט.

מיט פֿונקען פֿייער האָבן געשפּריצט די חריפֿותדיקע באַמערקונגען, וואָס רבי מענדעלע האָט, דאַכט זיך, געוואָרפֿן כּלאחר יד, אָבער זיי האָבן פֿאַרמאָגט אין זיך אויפֿטרייסלענדיקע קאָנסעקווענץ. קודם־כּל, ווי אַזוי אַנטוויקלט מען אין אייגענעם

געוויסן דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל? ווי אַ ביישפיל דאַרף דאָ דינען דער כּוהן־גדול פון פאַרצייטנס. די געזעצן, וואָס האָבן רעגולירט זיין לעבן, דאַרפן דינען ווי אַן אָנווייז פאַר די, וועלכע זאַמלען זיך אַרום קאָצק. געגוי ווי דער כּוהן־גדול, מוז מען זיך אויפהייבן העכער פון באַגרענעצטן משפחה־קרייז; מוז מען זיין אויסגעטאָן פון דער אייגענער משפחה, און נישט פילן זיך נענטער צו קרובים אָדער מקורבים, ווי צו יעדן אַנדערן ייִד. פון וואַנען נעמט זיך דאָס פאָלקס־ווערטל „אַ צדיק אין פעלץ״? האָט רבי מענדעלע געפרעגט. ער האָט געענטפערט: בשעת עס איז קאַלט, זענען פאַראַן צוויי מיטלען, ווי אַזוי צו דערוואַרעמען זיך: אָדער מען הייצט איין דעם אויוון, אָדער מען טוט אָן גראָבע, וואַרעמע מלבושים. אין ערשטן פאַל ברענגט מען דערמיט נוצן נישט בלויז זיך, נאָר אויך אַנדערע. עס ווערט דאַן וואַרעם אַלעמען, וואָס געפינען זיך אין שטוב. דאַקעגן אין צווייטן פאַל, ווערט וואַרעם בלויז איינעם אַליין. פאַראַן צדיקים, וועלכע זאָרגן דער עיקר, אַז זיי זאָל זיין וואַרעם, פאַרזאָרגנדיק זיך מיט וואָס מער מצוות. דער עיקר גייט עס זיי, אַז זיי זאָלן זיין אין אָרדענונג. דער כלל אינטערעסירט זיי נישט. דאָס זענען די צדיקים אין פעלץ!

איינרעדן זיך, אַז מען האָט שוין עטוואָס דערגרייכט, איז פאַרן רבי פון קאָצק געווען אַ פעלער, אַ זינד. דער וואָס פאַרזיכערט, אַז ער ווייסט צו ענטפערן אויף אַלע פראַגעס, באַווייזט דערמיט אייגנטלעך, אַז ער באַגרייפט גאָרנישט; אַז דאָס וויסן פאַרבלייבט ווייט פון אים. דאָס לאָזט זיך אויך אַרויסברענגען פון ספר, ווו די מענטשלעכע מחשבה ווערט אויסגעדריקט אין אַלע אירע בלאָנדזשענישן, פון ספר קוהלת (ז׳, כ״ג). צו דער באַהויפּטונג פון זעלבן קוהלת, אין ערשטן קאַפּיטל, אַז וואָס מער מען ווייסט, אַלץ מער פאַרשאַפט מען זיך יסורים, האָט דער רבי פון קאָצק צוגעגעבן דעם נוסח פשיסכע: טאָ איז וואָס? ווי טאָן זאָל, אָבער וויסן זאָל מען!... ער האָט געהאַלטן, אַז מען טאָר בכלל זיך נישט אָפּשרעקן פאַר קריטיק, בעת מען האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז ער און זיינע אָנהענגער גייען נישט אין אָנגענומענעם און אויסגעטראָטענעם וועג, אַזוי ווי אַלע ייִדן, האָט ער אָפּגעענטפערט: אין מיטן וועג גייען פערד. מענטשן שפּאַנען אויף די זייטיקע טראָטואַרן.

זוכן און פרעגן און פאָדערן, האָט אויסגעזען פאַר רבי מנחם־מענדל פון קאָצק צו זיין דער אַלף־בית פון ייִדנטום. איך וואָלט באַין־אופן נישט געוואָלט, פלעגט ער טענהן, דינען צו אַזאַ גאָט, וואָס זיינע דרכים זאָלן זיין פאַרשטענדלעך פאַרן שׂכל פון יעדן נישטיקן און נאַרישן מענטש. פאַר גייסטיקן אויפשטייג, אָדער ווי ער פלעגט דאָס רופן „עבודת הקודש״, מוז מען גוט האָרעווען. עס פאַלט נישט פון אַרבל אַרויס. לא יגעתי ומצאתי, אַל תאמין. גלייב נישט, אַז מען קען שטייגן אין דער הויך אָן מיפולער אָנשטרענגונג. אויב אַ מענטש גייט אַרום מיט דער שטאָלצער איינרעדעניש, אַז ער איז שוין פאַרטיק, איז ער אָפּגעקאָכט!...

אַזוי האָט געזאָגט אין זיין זאַפטיקן, פאָלקסטימלעכן ייִדיש דער רבי פון קאָצק. אַ חסיד האָט אים אַ מאָל געבעטן, אַז ער זאָל מתפלל זיין פאַר זיינעטוועגן. האָט צו אים געזאָגט רבי מענדעלע: און דו? פאַר וואָס ביסטו אַליין נישט מתפלל פאַר זיך? דער חסיד האָט געענטפערט: איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס צו טאָן. דער רבי האָט אים דאַן אַדורכגעדרונגען מיט זיין פאַרכמורעטן בליק און געזאָגט קאַטעגאָריש: אויב אַזוי, לערן זיך אויס!...

געננוי אַזוי ווי אַ סך אַנדערע לערער פון חסידות, וואָס האָבן געלעבט און געווירקט פאַר אים, האָט רבי מענדעלע אַרויסגעהויבן די באַדייטונג פון ענוות. אָבער דאָס האָט באַדאַרפט זיין ענוות נוסח־קאָצק, דאָס הייסט: נישט מבטל זיין זיך, נישט אָפּווישן די אייגענע פּערזענלעכקייט, נישט אַראָפּלאָזן דעם ווערט פון דער אייגענער אויפפירונג. אָט נעמט דעם באַרג סיני, האָט ער געזאָגט אומקערנ־דיק זיך צום מאָטיוו, וואָס האָט אים באַגלייט זיין לעבן־לאַנג. ער איז אויסגע־קליבן געוואָרן צווישן די בערג, ווי מען האָט אונדז דערקלערט, ווייל ער איז געווען דער נידעריקסטער באַרג. אָבער פאַרט איז די געטלעכע אַנטפּלעקונג נישט פאַרגעקומען אין קיין טאָל. אַפילו ווען מען האַלט זיך נידעריק, מוז דאָס זיין אַ באַרג־נידעריקייט, און נישט קיין טאָל־שיפלות. מען קען אויך נישט זיין אין דער זעלבער צייט אויפן באַרג און אין טאָל. מען מוז בלייבן שטיין אויפן באַרג, און שטרעבן אַלץ כסדר צו הויכקייט. ער האָט געהאַט זיין אייגענעם אויסטייטש פאַר דער אָנרעגונג צו זוכן די געטלעכקייט, צו וועלכער משה האָט גערופן דאָס פאָלק זאָגנדיק, אַז ווען מען זוכט גאָט, געפינט מען אים (דברים ד׳, כ״ט). דאָס זוכן אַליין, האָט דער רבי פון קאָצק אונטערגעשטראָכן, איז אַ דערגרייכונג. און נאָך עפּעס: ערשט דעמאָלט, ווען דיר ווענט זיך אויסווייזן, אַז דו האָסט געפונען גאָט, וועסטו אָנהייבן זוכן און זוכן. ווען אַ ייִד האָט זיך איין מאָל פאַר אים פאַרקלאָגט, אַז ער האַלט אין איין קלערן און אַריינקלערן אין פּראָבלעמען און זיין געדאַנק האָט נישט קיין מנוחה, האָט זיך אַנטוויקלט דער פאָלגנדיקער שמועס צווישן רבי און חסיד. דער רבי: וואָס זענען די זאַכן, איבער וועלכע דו קלערסט? דער חסיד: איך קלער אַרייך, צי עס איז דאָ אַ הימלישער ריכטער און צי עס איז פאַראַן גערעכטיקייט. דער רבי: וואָס אַרט דיך דען, צי עס איז דאָ אַ הימלישער שופט? דער חסיד: וואָס הייסט? אויב עס איז חלילה נישטאָ קיין שופט און קיין משפט, וואָסער תכלית האָט דער גאַנצער באַשאַף? דער רבי: אָבער וואָס גייט דיך אָן אָט דער דאָזיקער ענין? דער חסיד: וואָס הייסט? אויב אַזוי, וואָסער זין האָט די תורה, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן? דער רבי: נו, טאָ וואָס גייט דיך דען אָן, צי די תורה האָט אַ זין? דער חסיד: וואָס רעדט איר עפּעס, רבי? וואָס דען זאָל מיך אָנגיין? דער רבי: אויב דאָס אַרט דיך אַזוי שטאַרק, ביסטו אַ גוטער ייִד; און אַ גוטער ייִד מעג פרעגן קשיות.

דאָס איז געווען דאָס געזאַנג, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין יענעם

קליינעם פוילישן שטעטל, וואָס איז אויסגעוואָקסן אין אַ גרויסן צענטער פון יידישער גייסטיקייט: נאָך נישט, נאָך נישט, מיר שטייען נאָך אַלץ צופוסנס פון געטלעכן באַרג; מיר זענען נאָך נישט דערגאַנגען, נאָך נישט...

די עסנדיקע אומצופרידנקייט האָט אין איינעם אַ טאָג געטריבן דעם רבי פון קאָצק זיך אָפּצושליסן פון דער וועלט און זיך פאַרמאַכן אין דער איינזאַמקייט פון זיין חדר. געווען צייטן, ווען ער האָט קיינעם נישט געוואָלט זען. אָבער אין די טעג, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען צום עולם, וואָס האָט דערוואַרט צו הערן זיין וואָרט, האָט ער פון ס'ניי דערמאָנט די מענטשן, ווי נויטיק עס איז אויפצוהייבן זיך, ווי נויטיק עס איז אויפצוהייבן די ערד, און ווי וויכטיק עס איז אַפילו „אויפצוהייבן די הימלען". ער איז נישט אָפּגעשטאַנען פון זיין שאַרפן מאָנען, אויך ווען דער און יענער האָבן אים פאַרלאָזט. קאָצק האָט באַטייט: אויפוועקן די נאָגנדיקע פראַגע, וואָס מיט איר האָט זיך אָנגעהויבן אין דער ווייטער תקופה פון בראשית דער דיאַלאָג צווישן הימל און ערד: ווּ ביסטו, מענטש?

ה.

דאָרט, אין דער תורה, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין קאָצק, איז אויך געזאָגט געוואָרן, אַז עס איז ווייט נישט גענוג, וואָס דער אמת איז דער חותם פון גאָט (שבת, נ"ה), נאָר ער מוז דערצו זיין דער חותם פון מענטש. דער אמת אַזוי ווי ער איז, אָן הנחות, אָן האַלבקייטן. אַלץ אין דער וועלט, האָט רבי מענדעלע דער־קלערט, קאָן מען נאָכמאַכן, אַ חוץ דעם אמת; מחמת אָן אמת, אויב ער איז נאָכ־געמאַכט, איז ער שוין קיין אמת נישט, דער אמת, וואָס מען בויגט זיך אַראָפּ אים אויפצוהייבן. וואָרום אין קאָצק האָט מען אויסגעטייטשט, אַז דערפאַר האָט מען, אין הסכם מיטן אַלטן מדרש־זאָג, דעם אמת אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד, כדי צו באַווייזן, אַז מען קאָן צו אים נישט דערגרייכן מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ. מען מוז זיך צו אים אַראָפּבויגן.

מען האָט אין קאָצק נישט פאַרמאַכט די אויגן אויף די מאַטעריעלע באַדינ־גונגען און אויף זייער השפעה אין אויספאָרמירן דעם מענטשלעכן כאַראַקטער. דער אויסדרוק „מיר האָבן אַראָפּגענידערט", וואָס ווערט באַנוצט אין חומש (בראשית מ"ג, כ'), ווען עס האַנדלט זיך וועגן די שווערע וואַנדלונגען, וואָס דער מענטש מוז אַדורכמאַכן צוליב דעם ביסן ברויט, באַווייזט, האָט מען אין קאָצק דערקלערט, אַז מען האָט אַלע מאָל געוווּסט, אַז מיר באַצאָלן אַ גאָר טייערן פרייז, כדי מיר און אונדזער הויזגעזינד זאָלן זיך קענען דערנערן. מיר דערנידעריקן זיך, נעבעך. מיר זענען זיך מבזה צוליב דער ביטערער פרנסה. מוז דעריבער פאַר־טאָפּלט ווערן אונדזער אויפגאַבע צו פאַרבלייבן געטריי צו זיך און דעם אמת

אויך אין דער שעה, ווען מיר האַלטן זיך ביי אַראָפּקייקלען אין געפֿאַלנקייט, אין שווערן קאַמף פֿאַר ברויט.

מען האָט אין חסידישן קאַצק, אין קעגנזאַץ צו אַ גאַנצער ריי אַנדערע ריכ־טונגען אין חסידות, נישט גענומען ערנסט דעם גלויבן אין רבין און אין זיינע מופֿתים. אמונה, ווען זי איז גאַנץ, דאַרף נישט האָבן קיין אויסערלעכע באַווייזן. רבי מענדעלע האָט אונטערגעשטראָכן, אַז עס האָט גענומען הונדערטער יאָרן אין אַמאַליקן מצרים, ביז אונדזערע אורעלטערן זענען אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיטן עכטן גלויבן, וואָס נויטיקט זיך נישט מער אין קיין אותות ומופֿתים. אמונה, האָט ער פֿאַרטייטשט, באַטייט געטריישאַפֿט. אויב מיר באַנוצן זיך מיט קינסטלעכע מיטלען אין באַגריפֿן פֿון אמונה, פֿעלשן מיר איר אינהאַלט, איר אמת. אמונה באַגייט זיך אָן אויגן, וואָרום מיט גלויבן זעט מען מער, ווי מיט די אויגן. אויפֿווייזן זיך מיט פֿרומקייט, איז אָן אַנדערע פֿאָרם פֿון דינען דעם שקר. דער פּסוק, וואָס דערציילט וועגן די טעג פֿון סיני און אין וועלכן עס ווערט געזאָגט „וירא העם, וינוע, ויעמדו מרחוק" (שמות כ׳, י״ח), האָט אין קאָצק באַקומען אַ געוואַגטע אינטערפּרעטאַציע: מען קאָן זען, מען קאָן זיך אַפֿילו שאָקלען; און דאָך זאָל מען בלייבן שטיין פֿון דער ווייטנס... רבי מענדעלע האָט געזאָגט, אַז עס איז פֿאַראַן אַ וועזנטלעכער חילוק צווישן מורא האָבן פֿאַרן באַשעפֿער פֿון דער וועלט און ציטערן פֿאַרן שולחן־ערוך. פֿון אָן אָנזאָג אין תּהלים „לא יהיה בך אל זר" (פּ״א, י׳) האָט ער אַרויסגעדרונגען, אַז עס איז נישט גענוג דאָס נישט דינען צו קיין אָפּגעטער. די כּוונה איז, אַז גאָט זאָל אונדז נישט זיין פֿרעמד. די איבער־צייגונג אין דער גרויסקייט פֿון זיין אַ ייִד, מוז זיין פֿול און גאַנץ. גאַרנישט קען אָפּשוואַכן אָדער פֿאַרמינערן די מעכטיקע דערפֿאַרונג פֿון ייִדישקייט. דער ייִד, וואָס זיצט אין סוכּה, האָט דער קאָצקער געגעבן אַ ביישפּיל, און פֿילט דעם רעגן וואָס פֿאַלט, איז נישט ראוי צו זיצן אין סוכּה. ייִדישקייט פֿאָדערט אמונה, געטריישאַפֿט. ייִדישקייט איז אָן איבערלעבונג, וואָס מוז באַצווינגען האַרץ און נשמה, אַפֿילו ווען די בייטש פֿון שונא שלאָגט איבערן קאָפּ.

אמת באַדייט, נאַטירלעך, האָט מען אויסגערופֿן אין קאָצק, נישט צו זיין אַזוי שטאַרק פֿאַרטאָן אין זיך אַליין. דינען צו זיך אַליין איז אויך עבודה זרה. דער מענטש גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון, אַז קוים דינט ער צו זיין אייגענעם „איך" פֿאַרלייגט דער „איך" אַ נעסט אינעווייניק, און דער מענטש איז נישט מער גאַנץ. דער „איך" שטעלט זיך אַוועק, ווי אַ וואַנט צווישן גאָט און מענטש. אַזוי האָט דער קאָצקער פֿאַרשטאַנען דעם פּסוק פֿון חומש: „אנכי עומד בין ה׳ וביניכם" (דברים, ה׳, ה׳). אין זיין אָנשטרענגונג אַריינצוגראָבן זיך אין די קאָמ־פּליצירטע קעמערלעך פֿון דער מענטשלעכער נאַטור, האָט רבי מענדעלע אָנגעצ־ייכנט, אַז מען קען בעצם אַרויספֿילן גלייך צי איינער איז עכט אין זיין פּערזענ־לעכקייט, גענוי ווי מען קען פֿון דער הקדמה דערקענען דעם כאַראַקטער און

אינהאַלט פון אַ ספר. ער האָט געקוקט מיט חשד אַפילו אויף אַזאַ איינעם, וואָס אַנטלויפט פון כּבוד. מען דאַרף בכלל נישט אַנהייבן פּילן, אַז כּבוד איז עפּעס אַ זאַך, פון וועלכער עס איז נויטיק צו אַנטלויפן. פּשוט, מען דאַרף דערפון נישט נתפּעל ווערן. ער האָט געוואָרנט, אַז נישט בלויז וואָס מען טאָר נישט גנבענען, נאָר מען טאָר אויך נישט זיין קיין גנב. און דאָס וואָס מען האָט זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט דעם פאַרבאָט „לא תגנוב", נאָר מען האָט אויך באַפוילן „לא תגנובו" (ויקרא י"ט, ל"א) באַווייזט, אַז מען איז אויסן געווען צו לייגן דעם טראָפּ אויף אַ בפירושן אַנדייט. „לא תגנובו" מיינט: בלשון איר — איר, ר' שיינער ייִד, איר, ר' למדן, איר טאָרט אויך נישט זיין קיין גנב... אַן עלטערער, בעל־הבתישער ייִד איז אַ מאָל געקומען צו רבי מענדעלע און אים דערציילט, אַז ער קלייבט זיך צו פאָרן קיין ארץ־ישׂראל, ווייל ער וויל אַז זיין גוף זאָל געפינען זיין אייביקע רו אין דער הייליקער ערד. וויי, וויי — האָט דער קאָצקער אַ געשריי געטאָן — וויי, ווי אַ מענטש האָט דאָס ליב דעם ווערעמדיקן גוף זיינעם! אַפילו נאָכן טויט וויל ער אים פאַרזאָרגן...

דער באַגריף פון אמת האָט אין קאָצק אַרומגענומען אַלץ און אַלעמען. אַן דער מאָס פון וואָרקייט איז נישטאָ קיין ליבשאַפט צום מיטמענטש, האָט מען געזאָגט אין קאָצק. עס פאַרבלייבט בלויז אַ לאַקריץ־זיסער ווערטער־אויסגוס, אַן אינהאַלט און אַנהאַלט. די געטריישאַפט קאָן זיך אויפהאַלטן און זיין דויערהאַפטיק דורך דעם אמת. דער רבי פון גאָסטינין, רבי יחיאל־מאיר, האָט אַנערקענט, אַז ער האָט געלערנט די מידה פון אהבת ישׂראל ביי רבי מענדעלע דווקא אין די מאָמענטן, ווען רבי מענדעלע פלעגט זיך בייזערן אויף זיינע חסידים. דער אמת, האָט דער רבי פון קאָצק באַמערקט, פאַרלאַנגט נאָך עטוואָס: נישט האַלטן די גוטע, באַקוועמע זאַכן פון ייִדישקייט פאַר זיך, און די שווערע זאַכן, די חומרות פאַר אַנדערע. אויך דאָס אָפּטע שרייען „לשם שמים", האָט דער קאָצקער שאַרף אַ זאָג געטאָן, מוז זיין באמת „לשם שמים". פאַראַן מענטשן, וועלכע זענען שטאַרקע אַנהענגער פון דער וואָרקייט פאַר יענעמסטוועגן. די גאַנצע וועלט ווילן זיי מזכּה זיין מיט אמת; אַחוץ זיך אַליין. די דאָזיקע שטייגער לייט, האָט דער קאָצקער אויסגעזעצט, זענען עס די, וואָס דער קלוגסטער פון אונדזערע מלכים, שלמה, האָט זיי געראָטן, אַז זיי זאָלן גלייכער דערוואַרבן דעם אמת פאַרן אייגענעם געברויך, און נישט האַלטן אים אויף פאַרקויף פאַר יענעם („אמת קנה, ואל תמכור", משלי כ"ב, כ"ג).

אין די טויזנטער יאָרן געשיכטע פון ייִדישער גייסטיקייט זענען נישט איין מאָל אויסגעוואַקסן שיטות און באַוועגונגען, וועלכע האָבן גערופן דעם ייִדישן מענטש זיך אומצוקערן צו די וואָרצלען און אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג צו פאַרבלייבן עכט און ערלעך אין געדאַנק און טאַט. דאָס שפּאַנענדיקע אין קאָצק איז געווען, וואָס דאָרט האָט מען פון די פּרינציפּן בכלל נישט געמאַכט קיין

פּרינציפּן. אַלץ האָט באַדאַרפט אַרויספליסן פון עצם־פאַקט, וואָס מען איז אַ ייִד. באַגריפן, ווי אומצופרידנקייט, אמונה, אמת, פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן כלל, האָבן באַדאַרפט זיין פולשטענדיק נאַטירלעך, אַזוי ווי דאָס איז די לופט צו אָטעמען. מען האָט אין קאָצק נישט גערעדט וועגן פייניקן דעם גוף און פראַווען תעניתים. מען האָט דאָרט נישט געפרוווט זיך אַנטוויקלען אין אַ שטרעמונג פון מוסרניקעס. מען האָט אָפּגעוואָרפן יעדע באַצייכענונג, וואָס האָט געקענט צוגעבן נייע סימנים דעם ייִדישן מענטש. אויב מען איז אַ ייִד, איז במילא קלאָר, וואָס אַ ייִד דאַרף זיין. ווי שאַרף עס זאָלן נישט האָבן געווען די פאָדערונגען, וואָס קאָצק האָט געשטעלט, האָט מען דאָך געהאַלטן, אַז זיי געפינען זיך נישט אויף דער גרענעץ פון אוממעגלעכן. די וואָרענונג „ואנשי קודש תהיון לי״ (שמות כ״ב, ל׳) האָט מען דאָרט פאַרשטאַנען אַזוי: מענטשלעך הייליק זאָלט איר זיין. אויף דער פראַגע: ווּ וווינט גאָט? איז דאָרט געפאַלן דער ענטפער: דאָרט, ווּ מען לאָזט אים אַריין. די ווערטער „וחי בהם״ (ויקרא י״ח, ה׳), וואָס האָבן אַרויסגערופן אַזוי פיל אינטערפּרעטאַציעס אין אונדזער גרונטזעצגעבונג, זענען אין קאָצק אויפגענומען געוואָרן ווי דער רוף, אַז מיר זאָלן זיין ייִדן מיט אַ רוח־חיים. לעבעדיקע ייִדישקייט דאַרף פולסירן אין אונדזער וואָך און אין אונדזער יום־טוב. ייִדן מיט התלהבות־דיקער חיות דאַרפן מיר זיין אין אַלע געלעגנהייטן און פאַרלעגנהייטן.

און מען מוז געדענקען, אַז קאָצק איז אויפגעשטאַנען און זיך אַנטוויקלט אין אַ צייט, ווען אין יענע שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע האָבן זיך קאָנצענטרירט געדיכטע ייִדישע מאַסן. פּוילן האָט זיך געפונען אונטער דער צאַרישער אָקופּאַציע; און פאַרגראָמען און רדיפות האָבן מיט יעדן טאָג אַלץ מער אָנגעפּולט דאָס ייִדישע לעבן מיט פּיין און שוידער. טאַקע דעמאָלט, אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז די ייִדישע באַפעלקערונג אויפגעציטערט געוואָרן צוליב דער גזירה פון די קאַנטאָניסטן. קליינע ייִדישע קינדער זענען מיט געוואַלד אַרויסגעריסן געוואָרן אין רוסלאַנד פון די אָרעמס פון זייערע מאַמעס און אַוועקגעגעבן געוואָרן צו פּויערן מיטן צוועק צו דערציִען זיי צו שמד. נישט געווען קיין אויערן, וואָס זאָלן זיך צוהערן צום ייִדישן וויי־געשריי. די כסדרדיקע פאַרבאָטן און באַגרענעצונגען האָבן אָנגעיאָגט דאָס געפיל פון טראַגישער הילפלאָזיקייט און געדראָט אַריינצוואַרפן דעם ייִדישן כלל אין דער שטימונג פון שפלות און פאַרצווייפלונג. דאָ און דאָרט זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיינונגען, אַז מען וואָלט באַדאַרפט נאָכלאָזן אַ ביסל צי גאָר אַ סך פון ייִדישקייט, נאָכלאָזן פון דורותדיקן לעבנס־שטייגער, נאָכלאָזן פון היסטאָרישע ייִדישע אידעאַלן און האָפענונגען. חסידות האָט שוין אויפגעהערט אין יענע יאָרצענדליקער צו זיין דער גרויסער שעפערישער כוח, וואָס זי איז געווען מיט הונדערט יאָר פריִער. דאָס דערהויבענע אין קאָצק איז געווען, וואָס דאָרט האָט מען גאָרנישט נאָכגעלאָזט און גאָרנישט אָפּגעלאָזט. דאָרט האָט מען געגלויבט, אַז דער

געיאָגטער און געפּלאָגטער ייִד איז פֿעיִק צו פֿילן דעם דערמוטיקנדיקן אָטעם פֿון ייִדישער געשיכטע און צו פֿאַרוואַנדלען די תּקופֿה פֿון פֿיינלעכער אויסוועג־לאָזיקייט אין אַ דראַמע פֿון אויפֿשטײַג. גרויסע פֿאַדערונגען וועלן באַשאַפֿן גרויסע ייִדן. דער סוף וועט דאָך זײַן, אַז איר וועט סוף־כּל־סוף מוזן דערהערן די קולות וואָס וועקן און מאָנען, האָט געזאָגט דער רבי פֿון קאָצק. „דונערן און בליצן" האָבן שוין נישט איין מאָל אַוועקגעשטעלט דעם ייִדישן יחיד און כּלל פֿאַרן עקזאַמען פֿון כאַראַקטער און מוט.

איין מאָל אַ פֿרײַטיק־צו־נאַכט (דאָס האָט פּאַסירט אין דער תּקופֿה פֿון זײַן התבודדות) האָט דער רבי געעפֿנט די טיר פֿון זײַן חדר, ווו ער איז געווען אָפּגעשלאָסן. ער איז אַרײַן אין בית־המדרש, ווו עס זענען געזעסן עטלעכע חסידים און ער האָט אַ געשריי געטאָן צו זיי: וואָס פֿאַר אַ סדרה גייט הײַנט? אַ דער־שראָקענער חסיד האָט געענטפֿערט: די פּרשה קדושים. — אַזוי? קדושים? — האָט דער קאָצקער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט — קדושים? צי ווייסט איר, אַז דער סוף מיטן אָנהויב זענען אין דער תּורה צווישן זיך ענג געבונדן? אַזוי איז עס אין דער גאַנצער תּורה און ביי יעדער סדרה. די הײַנטיקע סדרה הייבט זיך אָן מיט „קדושים תּהיו", הייליק זאָלט איר זײַן, און ענדיקט זיך מיט „דמיהם בם", זייער בלוט זאָל זײַן אין זיי. וואָס איז דער ענין דערפֿון? דער ענין איז: בלוט זאָל עס קאָסטן, בלוט זאָל זיך גיסן, און קדושים, הייליקע ייִדן זאָלט איר זײַן!...

מער ווי אין וועלכער עס איז אַנדערער שיטה, האָט מען אין קאָצק געהאַלטן, אַז דער מענטש שטייט מיט איין פֿוס אין שאול תּחתּיות, און מיטן אַנדערן אין זיבעטן הימל. אָבער אויך אין צײַטן, ווען ספֿיקות און יאוש האָבן גענומען עסן דאָס ייִדישע געמיט, האָט אין קאָצק געלעבט דער עקשנותדיקער גלויבן אין די אומאויסגעשעפּטע כּוחות פֿון אונדזער פֿאָלק צו שפּרייזן איבער אָפּגרונטן און אין אַן אומדערמידלעכן פֿאַרמעסט אויפֿהייבן זיך טאָקע „ביז צום זיבעטן הימל".

.1

דאָס קאַפּיטל וועגן דער איינזאַמקייט, אין וועלכער דער רבי פֿון קאָצק האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין די לעצטע צוואַנציק יאָר פֿון זײַן לעבן, דאַרף איבערגע־שריבן ווערן פֿון ס'ניי. עס איז ריכטיק, אַז ער האָט אין יענער התבודדות־תּקופֿה, פֿאַרברענגט די מערהייט פֿון דער צייט אין זײַן חדר־מיוחד, אָפּגעזונדערט און דערווייטערט פֿון אַלעמען. אָבער ווען מען האָט פֿאַר זיך די חסידישע מקורות, קומט מען צו דער איבערצייגונג, אַז פֿיל איז דאָ איבערגעטריבן געוואָרן. רבי

מענדעלע האָט אויך אין יענע יאָרן נישט איבערגעריסן לגמרי זיין קאָנטאַקט מיטן עולם. מיט זיין כסדר־שפּרודלענדיקער חריפות פלעגט ער זאָגן, אַז אַפילו ווען מען וואַשט זיך אָפּ פון דער וועלט, הייסט דאָס נישט, אַז מען פאַרבלייבט נישט מיט איר אויסגעמישט. די באַמערקונגען, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן אין יענער צייט פון קאָנצענטרירטער פּאַרטיפונג, זענען פּערל פון געדאַנק און געפיל. נישט וויכטיק, האָט ער געזאָגט, וואָס מען וואַרפט אים פאָר אַז ער איז פאַרשוויגן געוואָרן. שוויגן קאָן זיין דאָס העכסטע געשריי פון דער וועלט. נישט וויכטיק איז, וואָס ער זעט אויס צעשויבערט און איינגעבראָכן. נישטאָ קיין מער גאַנצע זאַך, ווי אַ צעבראָכן ייִדיש האַרץ. אויך אין דער איינזאַמקייט־תקופה איז ער פאַרבליבן דער קאָנסעקווענטער לערער, וואָס האָט געמאָנט און גערופן צו דערגייען צום „פּינטעלע פון אמת" און אָוועקצושטעלן די וועלט „אויפן דאָזיקן פּינטעלע". ער האָט געפרעגט: פאַר וואָס שרייען דער און יענער רבי אַזוי פיל צו גאָט, אַז ער זאָל אַראָפּשיקן משיחן? זאָלן זיי גלייכער אויפהייבן זייער גע־וואַלט־אויסגעשריי צו די ייִדן, וואָרום צו זיי דאַרף דאָך משיח קומען... צו דעם עולם, וואָס האָט זיך געזאַמלט אין זיין הויז אין דער דערוואַרטונג צו הערן זיין וואָרט, האָט ער אויסגערופן שטייענדיק אויף דער שוועל פון זיין חדר: „שקרנים, ליגנערס, וואָס ווילט איר האָבן פון מיר? צי רעכנט איר, אַז איך וועל אייך אָפּוואַשן פון אייערע שקרים? וואָס קוקט איר אַזוי אויף מיר? צי בין איך דען אַ קוימענקערער?"

אָן אַנדערש מאָל האָט זיך דער קאָצקער באַקלאָגט: איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס די מענטשן ווילן פון מיר. די גאַנצע וואָך טוען זיי, וואָס זייער האַרץ פאַרגלוסט, און ווען עס קומט דער שבת, טוען זיי זיך אָן די שוואַרצע זשופּיצע, פאַרגאַרטלען זיך מיט דעם שוואַרצן גאַרטל, און וואַרפן אַרויף דאָס שוואַרצע שטריימל אויפן קאָפּ — און שוין, און פאַרטיק... ווי אַזוי קאָן איך זיי געבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין נישט געקומען אויף דער וועלט, כּדי אָנצופּולן זייער מאָגן און באַרויִקן זייער שלאָף?!... בעת ער האָט איין מאָל בייגעוווינט, ווי מען האָט זיך געשפּאַרט, ווער עס איז אַ גרעסערער מענטש און ווי אַזוי איינער איז מסוגל אַריבערצושטייגן דעם אַנדערן, האָט ער דערקלערט: אויב איך בין איך, ווייל איך בין איך, און דו ביסט דו, ווייל דו ביסט דו, בין איך איך, און דו ביסט דו. אָבער אויב איך בין איך, ווייל דו ביסט דו, און דו ביסט דו, ווייל איך בין איך, בין איך דאָך נישט איך, און דו ביסט נישט דו...

ער איז נישט נתפּעל געוואָרן, ווען מען האָט אים געגעבן אָנצוהערן: פון וואַנען קען ער געבן עצות די חסידים, וואָס קומען צו אים מיט אָנפראַגעס, בעת ער שטייט אַזוי ווייט פון דער וועלט און פון אירע עסקים? ער האָט אָפּגע־ענטפערט: צי איז דען פאַראַן אַ בעסער אָרט פון וואַנען מען קען זען און אָפּשאַצן די זאַכן אַזוי ווי זיי זענען? פאַר רבי יחיאל־מאיר פון גאָסטינין האָט

ער זיך פאַרטרויט: מיר זענען דאָ אין קאָצק גאָרנישט מחדש, מיר שטרענגען זיך נאָר אָן אַרויסצוברענגען פון יעדן איינעם וואָס ער פאַרמאָגט אין זיינע טיפענישן. און צו רבי יעקב פון ראַדזימין, האָט ער געשטעלט די פראַגע: זאָג, מיר, צוליב וואָס איז באַשאַפן געוואָרן דער מענטש? ווען דער ראַדזימינער האָט געענטפערט, אַז דער תּכלית צוליב וועלכן דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן איז, כּדי ער זאָל מתקן זיין די נשמה, איז רבי מענדעלע נישט געבליבן צופרידן. ער האָט געזאָגט, אַז רבי בונם פון פשיסכע האָט געגעבן אַן אַנדערע דערקלע־רונג, וואָס זעט אים אויס צו זיין ריכטיק. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כּדי אויפצוהייבן די הימלען. צו אַ חסיד, וועלכער האָט ביי אים געפרעגט, ווען מען דאַרף עפענען די טיר ביים סדר פאַר אליהו הנביא, האָט ער געזאָגט: אליהו קומט נישט אַריין דורך דער טיר, נאָר ער קומט דורך דעם האַרץ. ווען ער האָט געזען, ווי די חסידים טאַנצן שׂמחת תּורה מיט די הקפות, האָט ער זיך צו זיי געווענדט מיט דער באַמערקונג, אַז ער מיינט, אַז זיי זענען זיך אַזוי שטאַרק משׂמח, ווייל זיי נעמען זיכער אויף זיך פון היינט אָן צו לערנען אויף אַן אמת. עס קאָן דאָך נישט מעגלעך זיין, אַז אייער שׂמחה נעמט זיך דערפון, וואָס איר האַלט, אַז איר האָט שוין געלערנט, האָט ער צוגעגעבן. וואָרום ווער קאָן דען אַזוי עדות זאָגן וועגן זיך?

מער ווי די אויסטערלישע און גרונטלאָזע ווערסיעס, וואָס האָבן זיך אָנגע־קליבן אַרום זיין התבודדות־תּקופה, רעדט צו אונדזער איבערצייגונג אַ בריוו, וואָס רבי איטשע־מאיר (דער חידושי הרי״ם) האָט געשיקט פון וואַרשע צום פּולטוסקער רב, אין וועלכן ער שרייבט: „איך בין געוועזן שבת אין קאָצק... דריי שבתים איז דער רבי געזעסן מיטן עולם... די קלאַנגען (וואָס ווערן פאַרשפּרייט) זענען זיכער אַרויסגעגאַנגען פון מויל פון בייזוויליקע לייט, וואָס קאָצק איז פאַר זיי אַ דאָרן אין די אויגן"... אין ספר וועגן רבי מענדעלע פון פּנחס זעליק גליקס־מאַן, וואָס איז דערשינען אין פּוילן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, שטויסן מיר זיך אָן אויף בריוו, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן פון אַנדערע קאָצק־באַזוכער, און וואָס דערציילן דאָס זעלבע. רבי אהרן וואַלדען, דער מחבר פון ספר „שם הגדולים החדש", גיט איבער, אַז אויך נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָפּגע־זונדערט פון מענטשן, האָט רבי מענדעלע ווייטער געפירט די עדה ייִדן, „און זיך באַוויזן פאַר די, וואָס האָבן אָנגעקלאַפּט אין זיינע טויערן". רבי יצחק פון ווורקע האָט כּסדר זיך אָנגעפרעגט ביים רבי פון קאָצק וועגן פאַרשידענע ענינים און פּראָבלעמען, וואָס זענען אַרויפגעשווומען אויפן סדר־היום, און געזוכט ביי אים עצה און אָנווייז. דאָס זעלבע האָבן געטאָן גרויסע מאָסן ייִדן אין פּוילן און ליטע, וועלכע האָבן געשטראָמט קיין קאָצק. רבי מענדעלע האָט גענומען אַ שטעלונג אין די שווערע און קאָמפּליצירטע דעציזיעס, וואָס ייִדן האָבן באַדאַרפט מאַכן אין אַ גורל־שעה. אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג, וואָס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן

אין פֿאַרשידענע ייִדישע קרייזן, אַז דער ייִדישער אָנטייל אין מיליטער־דינסט, וועט העלפֿן די ייִדן אין צאַרישן רוסלאַנד אין זייער קאַמף פֿאַר גלייכבאַרעכטי־קונג, האָט דער רבי פֿון קאָצק באַטראַכט מיליטער־דינסט ווי אַ שווערע גזירה פֿאַר ייִדן. מיר וועלן סיי ווי באַטראַכט ווערן ווי פּרעמדע, האָט ער דערקלערט. עס וועט גאָרנישט העלפֿן... ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער זיין באַהויפּטונג גלייך אָנגעשפּאַרט אויף אַ פּסוק: „ כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם״ (בראשית ט״ו, י״ג). אין אַ לאַנד, וואָס געהערט נישט צו ייִדן, וועט מען כּסדר קוקן אויף ייִדן ווי אויף פּרעמדע; אומאָפּהענגיק דערפֿון, וואָס זיי זאָלן נישט טאָן... דאָקעגן האָט ער נישט מסכּים געווען מיט די, וועלכע האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם דעקרעט פֿון דער צאַרישער רעגירונג, אַז ייִדן מוזן זיך קליידן גענוי ווי אַלע אַנדערע איינוווינער פֿון לאַנד. נישט כּדאַי צו פֿאַרטאָכלעווען דערויף צייט און כּוח, האָט ער געהאַלטן. ייִדן דאַרפֿן זיך מוסר־נפש זיין אויף תּוך־זאַכן, און נישט אויף אויסערלעכן לבוש. אין די יאָרן פֿון דער קרימער מלחמה, אין וועלכער רוסלאַנד האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין מיטן פֿון פֿאַריקן יאָרהונדערט, איז ער מיט האַרץ און תּפילה געווען קעגן רוסלאַנד, וואָרום ווי דען אַנדערש קענען ייִדן פֿילן וועגן דער מלכות הרשעה?

אויב שוין אין די יאָרן פֿאַרן נאַצי־חורבן איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן דאָס אייגנאַרטיקע און איינציקאַרטיקע, וואָס קאָצק האָט אַריינגעטראָגן אין דער באַוועגונג פֿון חסידות און אין געשיכטלעכן וועג פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, באַקומט דאָס קאַפּיטל קאָצק נאָך מער אויסדרוק אין דער צייט, ווען מיר שרייבן די דאָזיקע שורות; פֿיר צענדליק יאָר נאָך דעם, ווי די האַק פֿון פֿאַרניכטונג האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפֿן ייִדישן פֿאָלק אין מזרח־אייראָפּע. קאָצק וואַקסט אויס אין אַ סימבאָל פֿון די גייסטיקע ראַנגלענישן פֿון יענע קיבוצים, וואָס האָבן אין די לעצטע פֿאַר הונדערט יאָר פֿאַרקערפּערט דעם שעפֿערישן ייִדישן אימפּעט און האָבן געפֿילט, אַז אויף זיי איז אַרויפֿגעפֿאַלן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן גורל פֿון פֿאָלק. אויך די תּקופֿה פֿון התבודדות פֿון רבי מענדל פֿון קאָצק דערשיינט אין דער פּערספּעקטיוו פֿון צייט און אין אָנבליק פֿון אַש פֿון טרעבלינקע און אוישוויץ אין דער ראָם פֿון סימבאָל. אַזאַ איז דאָך פֿאַקטיש געווען דאָס פּוילישע ייִדנטום: אָפּגעפֿרעמדט פֿון דעם אַרום, און פֿאַרט צונויפֿגעוואַקסן מיט אים. פֿאַרקוקט אין דער פֿאַרגאַנגענהייט און פֿאַרט פֿאַרטיפֿט אין דער צוקונפֿט. צע־שויבערט, און דאָך ווּנדערלעך סיסטעמאַטיש; פֿונאַנדערגעריסן אין שפּליטערס, און דערביי מיטן חלום וועגן שלימות; ברויזנדיק־בונטאַריש, און דאָך פֿאַראַנקערט אין טראַדיציע; פֿאַרווירבלט אין טומלדיקן הו־האַ, און פֿאַרט קאָנצענטרירט אין דער אייגענער גייסטיקער איבערלעבונג.

אויפֿן שטעטל, וואָס איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פֿון ייִדישער געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע (און אין אונדזער פֿאַל האַנדלט זיך בעיקר וועגן ייִדיש־פּוילישן

שטעטל), ווערט לעצטנס געוואָרפן אַ פאַלשער אָפּשיין. מען שטעלט פאַר דאָס שטעטל, ווי אַ וועלט וואָס האָט געלעבט מחוץ פון דער אַרומיקער וועלט; ווי אַן אינסטיטוציע פון מיטל־עלטער, וואָס איז פאַרבליבן אויך אין דער נייער צייט, און וואָס איז ביים גאַנצן אַלטמאָדישן חן, וואָס איז אויף איר אויסגעגאָסן, געווען פאַרעלטערט און פאַרשימלט. אָבער דאָס איז דאָך ווייט נישט דער אמת. דאָס יידישע שטעטל האָט אַדורכגעמאַכט אַנטשיידנדיקע ענדערונגען און גלגולים, און איז אין פאַריקן יאָרהונדערט (און געוויס אין היינטיקן יאָרהונדערט) גראָד יאָ געווען פאַרוועבט אין אַלגעמיינעם לעבן און געאָטעמט מיט דער אויסערלעכער וועלט. די ייִדישע ציוויליזאַציע איז געווען דאָמינירנדיק, אָבער קיין מויער צווישן שטעטל און דעם דרויסן איז נישט געשטאַנען. שטרעמונגען פון די נאָענטע און ווייטע גאַסן זענען בפירוש אַהין אַריינגעדרונגען, און איך רעד נישט דווקא וועגן די, וועלכע זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיט די טענדענצן פון דער השׂכלה, און זיכער נישט וועגן די, וואָס זענען געפאַנגען געוואָרן פון דער אַסימילאַציע. רבי מענדעלע פון קאָצק האָט געשטיצט דעם פוילישן אויפשטאַנד קעגן דער צאַרישער מאַכט אין יאָר 1831. ער האָט באַטראַכט דעם אויפשטאַנד ווי אַ באַרעכטיקטן אַקט פון פראָטעסט קעגן סיסטעם פון אונטערדריקונג און געהאַלטן, אַז ייִדן דאַרפן זיך אָנשליסן אין קאַמף. אַז ייִדן האָבן געפאָלגט און אַריינגעטראָטן אין דער פרייהייט־באַוועגונג, זעען מיר פון די בילדער און צייכענונגען פון יענער תקופה, און אויך פון די דעקרעטן אין וועלכע די אויפשטאַנד־פירער האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם ייִדישן אָנטייל. צוליב זיין אומלעגאַלער טעטיקייט האָט רבי מענדעלע געמוזט אַנטלויפן און זיך אויסבאַהאַלטן אין עסטרייך. דאָס זעלבע האָט פּאַסירט מיט זיין פריינד און תּלמיד, רבי איטשע־מאיר, דער גרינדער פון גערער חסידות.ביידע זענען פאַרבליבן אַ צייט אין לעמבערג, ביז זיי האָבן זיך געקענט אומקערן קיין קאָנגרעס־פוילן. אַ פאָר צענדליק יאָר שפּעטער, האָט דער רב פון וואַרשע, רבי בעריש מייזעלש, זיך אַריינגעוואָרפן מיט ענטוזיאַזם אין די צוגרייטונגען צום פוילישן אויפשטאַנד פון יאָר 1863.

דער פרומער ייִד פון שטעטל האָט נישט געלעבט אין קיין געטאָ, אַזוי ווי מען פרוווט אים איצט שילדערן. ער איז געווען אַ מיטגליד אין שטאָטראָט; ער איז אַפילו געווען דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט. איך לעב אין די לעצטע יאָרן אין לאַטיין־אַמעריקע; און אמת, אין לאַטיין־אַמעריקע עקזיסטירט נישט קיין „שטעטל", און די אַסימילאַציע רייסט אָפּ לעבעדיקע שטיקער ביי דער ייִדישער באַפעלקערונג. דאָך האָב איך דעם איינדרוק, אַז דער ייִדישער כּלל פילט זיך דאָ ווייניקער איינגעגלידערט אין דער וועלט פון אַרום און אין די פּראָבלעמען פון אַרום, ווי דאָס האָבן געפילט די ייִדן אין שטעטל. איך האָב דעם איינדרוק, אַז ייִדן ווייסן ווייניקער וועגן דער וועלט, ווי עס האָבן געוווסט די ייִדן, וועלכע פלעגן לייענען די מאמרים פון אַלעקסאַנדער צעדערבוים אין „המליץ", פון נחום

סאָקאָלאָוו אין דער „הצפירה״, אָדער די „פּאָליטישע בריוו״ פֿון איטשעלע אין „היינט״. די ייִדן אין שטעטל האָבן געהאַלטן, אַז זיי שטייען אין סאַמע צענטער פֿון די פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרייטן, אין וועלכע די אַלגעמיינע באַפֿעלקע־רונג איז געווען פֿאַרוויקלט. אַלץ איז זיי אָנגעגאַנגען. אין דער תּקופֿה פֿון די נאַפּאָלעאָן־מלחמות האָבן די פֿירער פֿון חסידות אַפֿילו זיך צעטיילט אין זייערע מיינונגען. אַ טייל האָבן געהאַלטן, אַז ייִדן דאַרפֿן העלפֿן די פֿראַנצויזישע חיילות, בעת אַנדערע האָבן פֿאַרזיכערט, אַז כּדי אויפֿצוהאַלטן דעם טראַדיציאָנעלן ייִדישן לעבנס־שטייגער איז גלייכער, אַז רוסלאַנד זאָל זיגן. אָבער מען האָט גענומען שטעלונג, מען איז ווייט נישט געבליבן מן הצד און זיך נישט באַגנוגנט מיט דער ראָל פֿון געטאָ־צושויער.

אויך ייִדישער נאַציאָנאַליזם איז נישט קיין אידעאָלאָגיע, וועלכע איז אַראָפּ־געבראַכט געוואָרן אין שטעטל פֿון דער פֿרעמד. דער רבי פֿון קאָצק האָט באַנוצט ווערטער פֿון קריטיק קעגן דער הילפֿס־אַקציע פֿון ייִדישן שתדלן פֿון ענגלאַנד משה מאָנטעפֿיאָרע, וועלכער האָט אין פֿאַריקן יאָרהונדערט זיך פֿאַראינ־טערעסירט מיטן מצב פֿון די געדרודפּטע ייִדן אין מזרח־אייראָפּע. רבי מענדעלע האָט געהאַלטן, אַז אָט די אַקציע איז צו קאַלט, צו שטייף, צו פֿיל אָנגעצויגן. היינט וואָלט מען געזאָגט: צו פֿיל יאָהודיש. ביי אַן אַנדערער געלעגנהייט האָט רבי מענדעלע געזאָגט, אַז עס איז ליידער אַ סך לייכטער אַרויסצונעמען ייִדן פֿון גלות ווי דעם גלות פֿון ייִדן.

ווי געזאָגט, אין פֿינפֿטן יאָרצענדליק נאָכן נאַצי־חורבן נעמט אָן אַ באַצווינ־גענדיקן סימבאָלישן אויסדרוק אויך די התבודדות־תּקופֿה פֿון רבי פֿון קאָצק. געגנוי ווי דער שטורעם פֿון געדאַנק און געפֿיל, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון זיין לערע; געגנוי ווי דער אומגעוויינלעך־שעפֿערישער אומרו, וואָס כאַראַקטעריזירט זיין לעבן און ווירקן, גראָבן זיך זיינע איינזאַמקייט־יאָרן איין אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן ייִדנטום, ווי די גיגאַנטישע און טראַגישע דערפֿאַרונג פֿון גאַנצן פּילמיליאָניקן קיבוץ. נישט אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט איז אין תּוך געווען רבי מענדעלע, און ווייט נישט אָפּגעטיילט פֿון דער וועלט איז געווען דאָס ייִדנטום אין פּוילן. ביידע האָבן נאָר געזוכט די וועלט, געזוכט צו געבן איר באַשייד; ליידנשאַפֿטלעך געזוכט אַריינצופֿירן אין איר זין און אינהאַלט.

קורץ פֿאַר דער פּטירה פֿון רבי מענדעלע האָט געזאָגט צו רבי איטשע־מאיר, זיין געטרייער תּלמיד: איך האָב דערזען מיט יאָרן צוריק אַ שטיק אמתדיק פֿייער, און איך האָב אַ לעבן־לאַנג זיך געלייגט אונטערן פֿייער. אין אָט די קורצע ווערטער איז, מיין איך, איבערגעגעבן געוואָרן דער תּמצית פֿון ביישטייער פֿון קאָצק פֿאַר ייִדישער גייסטיקייט. ווען איך פּרווו מיר פֿאָרשטעלן אין געדאַנק אין וועלכן ספֿר דער רבי פֿון קאָצק האָט מעיין געווען אין די צייטן פֿון פֿאַרטיפֿטן אַריינבליק אין זיך, ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס איז גראָד געווען דער ספֿר

ירמיהו, אין צוואַנציקסטן קאַפּיטל, דאָרט ווו עס רעדט זיך, אַז די לערע וועגן גאָט און מענטש „קאָן זיך צעגליִען אין די ביינער ווי אַ פייער״.

איך דערמאָן זיך, אַז אין די טעג ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט און מיר, וואָס האָבן דעמאָלט זיך געפונען אין דער אַרמיי פון די אַליאירטע, האָבן אַריינמאַרשירט אין לאַגער פון בערגן־בעלזן אין דייטשלאַנד — און זיך צונויפגעטראָפן מיט די ייִדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטע־וועט פון די גאַז־קאַמערן — איז אויף אַ מערקווירדיקן אופן אויפגעגאַנגען אויף די חורבות די תורה פון קאָצק. מיר האָבן אָפּגעריכט אין די באַראַקן פון לאַגער דעם ערשטן שבת נאָך דער באַפרייונג. די צייכנס פון דער איבערגעלעבטער אַנגסט זענען נאָך געלעגן אויף די הויט־ און ביינערדיקע, טויטלעך־ווייסע פּנימער פון די מענער און פרויען. בערגן־בעלזן איז דאָן געווען, אויך נאָך דער באַפרייונג, אַן אומגעשטילטער קבר פון אומצאָליקע קרבנות פון דער בושעווענדיקער טיפוס־עפּידעמיע, אָדער פון די וואָס האָבן נישט געקענט איבערהאַלטן צו מאָל די עמאָציע פון דער באַפרייונג און זיך פונאַנדערגעבראָכן. אָבער אין אַלץ וואָס מיר האָבן גערעדט און געזאָגט יענעם שבת, האָבן מיר כסדר זיך אומגעקערט צו די געדאַנקען און ווערטער, וואָס זענען געהאַט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך רבי מענדעלע פון קאָצק וועגן ייִדישן קיום און ייִדישן וועג איבער באַרג און טאָל זינט דער אַנטפּלעקונג פון סיני. יהודה לייב גערשט, דער רעליגיעזער שרייבער פון פאַר־מלחמהדיקן פּוילן, וועלכער האָט זיך געפונען צווישן די באַפרייטע, האָט נישט געקוקט אויפן גרויל פון זיינע דערפאַרונגען אין די לאַגערס, פאַרבאַהאַלטן פריש אין זיין זכרון פיל פון דער תורה פון קאָצק; און ער האָט אין די מחשבה־שפּליטערס פון קאָצק, אַנגעשפּאַרט זיין בליק איבער דעם הערצישן כאַראַקטער פון ייִדישער געשיכטע. דערנאָך זענען מיר זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין ניגון פון קאָצק: נאָך נישט... נאָך נישט... מיר האַלטן נאָך ווייט נישט ביים אָנהויב, און אַוודאי האַלטן מיר נישט ביים סוף...

נאָכן ווייטיקלעכן חורבן פון קאָצק של מטה האָט גראָד אין בערגן־בעלזן אָפּגעקלונגען די גרויסע זיכערקייט, אַז קאָצק בלייבט אַן אייביקער באַשטאַנד־טייל פון ייִדישן וועג דורך דורות.

פיר באַדייטפולע יאָרן אין פוילישן ייִדנטום

א.

ס'איז אמת, אַז אין די געשיכטע־טעקסטן פון פוילישן ייִדנטום ווערט אָפּגעגעבן זייער ווייניק אָרט פאַר יענע פיר יאָר, וואָס וועגן זיי איז די רייד אין אונדזער עסיי. טייל דערמאָנען זיי כּלאחר־יד, אַנדערע ווידער גייען איבער זיי בכלל אַריבער מיט גלייכגילטיקייט. אָבער מען מוז דערביי אָנווענדן אַ פאַרטיפטן אַריינבליק אין די גייסטיקע פּראָצעסן, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַדורכגעמאַכט אין די נעילה־דורות. נאָך אַן אַריינדרינגדיקן אַנאַליז פון די כאַראַקטערשטריכן, וועלכע זענען געווען וועזנטלעך פאַר אָט דעם ייִדישן קיבוץ אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — און אין די מיט שטורמישע פאַסירונגען אָנגעלאָדענע יאָרצענדליקער פון היינטיקן יאָרהונדערט, אין וועלכע עס איז איינגעגראָבן מיט טראַגישער האַסטיקייט זיין ווונדערלעכער פונאַנדערבלי, זיין שעפערישער און וויפולער בין־השמשות און זיין מוראדיקער חורבן — הייבן זיך דווקא אַרויס יענע פיר יאָר ווי דער אומגעוויינלעכער צייטאָפּשניט, וואָס אין אים קלינגען אָפּ, ווי אין אַן אומגעהויער־רייכן און דערשיטערנדיקן אָרקעסטער, די עיקרדיקע מאַטיוון און טענער, וועלכע האָבן באַגלייט די פוילישע ייִדן אין די לעצטע עטאַפּן פון זייער טויזנטיאָריקן וועג.

אַפילו אין די ספרים, וואָס זייער טעמע איז די געשיכטע פון חסידות, פאַרנעמט רבי חנוך העניך — וועמענס לעצטע פיר יאָר פון לעבן און ווירקן ווערן באַרירט אין אָט דער אָפּהאַנדלונג — ווייט נישט דעם אויבנאָן. מען דערציילט וועגן אים מער־ווייניקער אַזוי: ער איז געווען דער זון פון רב פון לוטאָמירסק. ער אַליין איז געווען רב אין נאָווידוואָר, אין פראַשניץ, אין אַלעקסאַנדער, וואָס איז נאָענט צו לאָדזש. זיין עיקר־אייגנשאַפט האָט זיך אויסגעדריקט דערין, וואָס ער איז געווען און כּל־ימיו געוואָלט זיין אַ תלמיד. ער האָט געטענהט, אַז הגם דער מענטש דאַרף זיך אָפּגעבן מיט דער גאַנצער תורה און מיט אַלע מצוות, מוז ער פאָרט אויסקלייבן איין מצוה, בכדי זי אָפּצוהיטן אויף גאָר אַ באַזונדערן שטייגער. וואָס שייך אים, חנוך העניכן, האָט ער אויסגעקליבן פאַר זיך די ענווות־

מידה פון אַ תּלמיד. מען מוז דערביי געדענקען, אַז דעמאָלט — אין דער ערשטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט — איז טאַקע געווען ביי וועמען צו זיין אַ תּלמיד.

דאָס איז געווען די תּקופה, ווען ס׳האָט זיך אָנגעצייכנט די פּערזענלעכקייט פון רבי בונם. איבער די שטעט און שטעטלעך פון צענטראַל־פּוילן האָט, צוזאַמען מיט די וועגענער מיט חסידים — וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער די שאָסייען — זיך פונאַנדערגעטראָגן די תּורה פון פקחות און שאַרפזין, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פּשיסכע. ס׳איז געווען די צייט, ווען נאָך דעם, ווי פּשיסכע האָט אויפגעהערט צו זיין דער פירנדיקער צענטער פון חסידות, האָבן טויזנטער און טויזנטער זיך געשטעלט ביי די טויערן פון קאָצק, כּדי זיך אָנצוּוואַרעמען אין גליִענדיקן פייער פון רבי מענדעלע. ווען ס׳איז געקומען דער טאָג, און דער גרויסער מאַנער פון קאָצק איז אַוועק מיט זיין געדיכטן סוד אין דער אייביקייט, האָט אויך די פּאַריתומטקייט נישט אָנגעהאַלטן צו לאַנג. רבי איטשע־מאיר פון גער האָט זיך אַריינגעשניטן מיט אימפּעט און שווונג אין דער דראַמע פון פּוילישן ייִדנטום. רבי חנוך העניך איז געווען דער תּלמיד פון פּשיסכע, פון קאָצק, פון גער.

עס לאָזט זיך נישט באַהאַלטן דער פאַקט, אַז אין מאָמענטן פון שפּאַנונג און דערוואַרטונג, בעת מען איז געשטאַנען על פרשת דרכים, האָבן נישט איין מאָל זיך אויפגעהויבן צו אים די בליקן. מען מוז נישט, האָט מען מיט אים איינגעטענהט, אַלע יאָרן זיך באַגנוגענען מיט דער באַשיידענער ראָל פון תּלמיד. עס קומט אַ צייט, ווען מען דאַרף אַליין נעמען קהל ביי דער האַנט און פירן; און אָנווייזן דעם וועג. אָבער רבי חנוך העניך האָט זיך פאַרט כּסדר געוואָלט איינבויגן פאַר גדולים. מען האָט וועגן אים דערציילט, אַז ער טייטשט אויס אויף זיין אייגענעם אופן די טראַדיציע פון פאַרצייטנס צו שענקען אַ האַלבן שקל פאַרן בית־המקדש. דער „מחצית השקל״ קאָן זיין אַ רמז אויף דער מענטשלעכער נשמה, וואָס נאָר איין העלפט אירע דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ געשאַנק פון הימל. דאַקעגן אויף דער צווייטער העלפט מוז מען טאַקע אַרבעטן און האָרעווען. מען קען זי נישט סתּם אַזוי אַוועקשענקען, איידער זי ווערט צייטיק. מיט דעם האַלב־שאַרפן און האַלב־מילדן שפּאַס, וואָס איז פאַרבליבן פאַר אים כאַראַקטעריסטיש, האָט ער זיך פאַרטרויט, אַז מיט אים אַליין האָט עס פּאַסירט: ווען ער איז אַ שטיקל צייט געווען ביי איינעם אַ רביץ, איז וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט צו אים — און וואָס היימישער ער איז מיט אים געוואָרן — אַלץ קלענער איז געוואָרן אין די אויגן זיין חשיבות. מען מוז בכן כּסדר לערנען און אַרבעטן אויף זיך.

אָבער איין מאָל, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן (געננוי: ער איז דאַן אַלט געווען אַכט און זעכציק יאָר), איז געווען נישט מעגלעך פאַר אים צו זאָגן, אַז

ער וויל נאָך אַלץ פאַרבלייבן אַ תּלמיד. דאָס איז געווען נאָך דער פּטירה פון רבי איטשע־מאיר פון גער. קיינער פון די דרייצן זין פון רבי איטשע־מאיר האָט שוין דעמאָלט נישט געלעבט; און דאָס אייניקל, רבי אריה לייב (וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אויפן נאָמען פון זיין ספר ווי דער „שׂפת אמת״), איז נאָך געווען זייער יונג. איז מען צוגעשטאַנען צו ר׳ חנוך העניעך, אַז ער זאָל פירן די עדה. מען האָט אים געשטעלט פאַר אַ פאַקט. מען האָט אָנגעהויבן קומען צו אים קיין אַלעקסאַנדער פון נאָענט און ווייט. דאָס שטעטל נעבן לאָדזש האָט זיך אויסגעוויזן צו זיין דאָס אָרט, ווו עס לעבט און ווירקט די גייסטיקע ירושה פון חסידות פון פּשיסכע, קאָצק און גער. אין משך פון פיר יאָר איז רבי חנוך העניעך געווען די צענטראַלע געשטאַלט אין דער חסידישער באַוועגונג אין קאָנגרעס־פּוילן; הגם אויך אין אַט דעם פּעריאָד האָט ער טיף אין האַרץ געבענקט נאָך יענע געבענטשטע יאָרן, ווען מען האָט אים געלאָזט לערנען ביי אַנדערע. ער האָט דאָס אויך אָפט מאָל אַרויסגעזאָגט. נישט ער איז ראוי און נישט ער וויל פאַר־נעמען די שטול, וועלכע איז ליידיק געוואָרן. דאָס געלט, וואָס מען האָט אים געבראַנגט פאַר פּדיונות, האָט ער צעטיילט פאַר צדקה און אָרעמעלייט. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען ביז ער איז אַוועק פון דער וועלט אין יאָר תר״ל (1870).

אָט דאָס, מער־ווייניקער, ווערט דערציילט וועגן רבי חנוך העניעך פון אַלעק־סאַנדער אין די געשיכטע־טעקסטן אָדער אין די חסידות־ספרים. אָבער, ווי גע־זאָגט, גראָד יענע פיר יאָר האָבן אַריינגעטראָגן באַדייטנדיקע ווערטן אין דער פּסיכיק פון פּוילישן ייִדנטום אין אַ דעצידירנדיקער פאַזע פון זיין עקזיסטענץ, און אַרויפגעלייגט אַ טיפן חותם אויף די וועגן און אומוועגן פון זיין גייסטיקן אומרו.

ב.

אין דער ייִדישער מחשבה איז בעצם אָט דער פּראָבלעם נישט געווען ניי. מען האָט געקענט אָנקלייבן אַן אַ שיעור סברות און ראיות בכדי אונטערצושטיצן איין באַהויפּטונג; אָבער גלייכצייטיק האָט מען אויך געקענט אָנזאַמלען אַן אַ שיעור מיינונגען און אַרגומענטן, כּדי צו זאָגן דאָס פאַרקערטע. צי וועלן די גרויסע און געוואַגטע דעראָבערונגען פון מענטשלעכן גייסט זיין אַ זאַך פון דער ווייטער צוקונפט — אָדער זענען גאָר די מענטשן פון בראשית געווען באַשאַנקען מיטן כּוח און טאַלענט אַרויפצושטייגן אין דער הויך און שעפּן פון די נישט אויסגעטריקנטע קוואַלן אין דער אייגענער פּערזענלעכקייט? צי דריקט זיך אויס די אויפגאַבע פון די דורות אין אַן אומאויפהערלעכן דראַנג אַריינצוברענגען נייע אידייען אין זייער וואָך און אין זייער יום־טוב; אָדער איז דער גציעג נאָך נייע דערגרייכונגען און דאָס קלעטערן צו נייע הויכקייטן בלויז אַן אילוזיע, וואָרום

אַלץ איז שוין סיי ווי געווען אין פאַרנעפּלטן אַמאָל און אַלץ האָט שוין פּאַסירט זינט קדמונים? מען האָט ביי אונדז פון איין זייט אויסגעשפּינט אידעאַלן און האָפענונגען וועלכע האָבן אַ שייכות צום גאָר ווייטן שפּעטער, צו דעם „סוף פון די טעג". מען האָט געהאַלטן, אַז ערשט „באַחרית הימים" וועט די מענטשלעכע פּערזענלעכקייט זיך קענען דערנענטערן צו שלימות. אָבער פון דער צווייטער זייט האָט מען ביי אונדז געזאָגט, אַז אויב די מענטשן פון אַמאָל, אָדער ווי מיר רופן זיי „די ראשונים", האָבן זיך געקענט פאַרגלייכן צו די מלאָכים, קענען מיר, די שפּעטערדיקע, זיך באַטראַכטן ווי סתם מענטשן. נאָר וויבאַלד די ערשטע זענען געווען פּשוטע מענטשן, זענען מיר, די שפּעטערדיקע דורות, אַפילו צו דער מדרגה פון מענטשן נישט דערגאַנגען. שוין אין דער פילאָסאָפיע, וואָס ליגט פאַרבאָרגן אין דער תנ"כישער שפּראַך און אין איר גראַמאַטיק, האָט געפונען זיין אויסדרוק אָט דער געראַנגל פון שיטות. אין לשון פון תנ"ך פאַרמאָגן נישט די פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט קיין באַשטימטע גרענעצן. דאָס זעלבע וואָרט קען זיך באַציִען סיי צום עבר און סיי צום עתיד, און אַפילו דער טערמין, וואָס באַצייכנט דעם מאַרש פאָרויס פון מענטש (קדם), מעג אינטערפּרעטירט ווערן, ווי אַ באַגריף, וואָס באַציט זיך צום העט־ווייטן פאַרצייטנס. משמעות, אַז אַפילו די פילאָלאָגישע עלעמענטן האָבן די כוונה אָנצורעגן צו רעפלעקסן. צא ולמד, גיי און פאַרטראַכט זיך: דער פאַרצייטנס, ווי פאַרעלטערט ער זאָל נישט אויסזען אין אונדזערע אויגן, קען גאָר זיין געוואַלטיקער פּראָגרעס; און דאָס, וואָס מיר באַצייכענען ווי פּראָגרעס, קען בעצם זיין דער וועג אויף צוריק.

אין די פיר יאָר, וואָס רבי חנוך העניך איז געווען די צענטראַלע געשטאַלט פון חסידות אין קאָנגרעס־פּוילן, האָבן אויפגעלעבט מיט יוגנטלעכער פרישקייט באַגריפן, וועלכע האָבן, דאַכט זיך, געהערט צום ווייטן אַמאָל. שוין בלויז דער באַגריף פון אַלטקייט האָט ווידער אָנגענומען דעם טייטש, וואָס ער האָט געהאַט אין דער פאַרצייטיש־יידישער טראַדיציע. ווער האָט עס געזאָגט, אַז מען מוז צו זיבעציק יאָר זיין אַלט? בעת משה האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך פון מצרים מיט זיינע גרויסע פאָדערונגען, צו וועלכע עס האָט זיך פאַרלאַנגט אַזוי פיל כוח און וויזיע, איז ער אַלט געווען אַכציק יאָר; און זיין ברודער אַהרן, וועלכער האָט זיך ערשט געגרייט צו זיין היסטאָרישער אויפגאַבע, איז געווען דריי און אַכציק (שמות, כ׳ י"ז). אין די אַנטשיידנדיקע חדשים, ווען אויף דער וואָגשאָל איז געלעגן דער גורל פון פאָלק, האָבן גראָד די זקנים געאָטעמט מיט יוגנטלעכן מוט. דער חומש לאָזט נישט אַדורך די וויכטיקע ראָל, וואָס זיי האָבן געשפּילט אין די פאַרשידענע אַקטן פון געראַנגל, וועלכער האָט געמוזט געפירט ווערן קעגן די עגיפּטישע מאַכטהאָבער, אין די מדבר־וואַנדערונגען, אין דער אַנטפּלעקונג פון סיני. דאָס האָט זיך נישט געענדערט אין די שפּעטערדיקע צייטן, אין דער תקופה פון די שופטים און מלכים.

אין ספר יהושע ווערט דערציילט, אַז ווען כּלב בן יפונה, אַ ביז גאָר פּירנ־דיקע פּערזענלעכקייט אין יענעם פּעריאָד — ווען עס איז אויסגעבויט געוואָרן די פרייהייט און ס'איז דעראָבערט געוואָרן די ערד פאַרן פאָלק — איז אַלט געווען פינף און אַכציק יאָר, האָט ער דערקלערט, אַז ער פילט גאָרנישט די משׂא פון יאָרן; אַז ער איז נאָך אַלץ איבערפולט מיט גלויבן און שטאָל־אייזערנעם ווילן (יהושע י"ד, ז'־י"ב). שלמה, דער קליגסטער פון אַלע מענטשן, האָט אין דער תּקופה פון זיין גלאַנץ, געהאַלטן פאַר וויכטיק צונויפצוזאַמלען אַרום זיך זקנים (מלכים א', ח', א'); און אין ספר משלי, ווו עס איז קאָנצענטרירט די חכמה פון זיין דערפאַרונג, קומט ער צום אויספיר, אַז אַלטקייט איז אַ קרוין און אַ שיינקייט (משלי ט"ז, ל"א). אַפילו איוב, וועלכער איז אויפגעגעסן געוואָרן פון עקבערנדיקע ספיקות, האָט אין זיין פאַראומערטן געמיט־צושטאַנד נישט צעבראָכן לגמרי זיין צוטרוי אין שׂכל, וואָס מען געווינט מיט די יאָרן. ער האָט געזאָגט, אַז עטוואָס איז פאַראַן אין די גרייז־גרויע לייט, וואָס פאַרדינט אָפּגעשאַצט צו ווערן (בישישים חכמה, ואורך ימים תבונה, איוב י"ב, י"ב). אין דער נביאישער וויזיע פון יואל דערשיינען די זקנים אין די אַנטשיידנדיקע באַראַטונגען פון פאָלק, און זיי געפינען זיך צווישן די, וואָס אויף זיי גיסט זיך פונאַנדער דער געטלעכער גייסט (זקניכם חלומות יחלומון, יואל ג' א'; א', י"ד; ב', ט"ז).

טאַקע אין יענער השקפה, וואָס איז אַראָפּגעקומען פון פאַרצייטנס, האָבן די מענטשן, וועלכע טראָגן אויף זיך די משׂא פון יאָרן, באַדאַרפט זיין די, וואָס גיבן איבער די טראַדיציע פון דור צו דור (אבות א', א'). מען האָט אַפילו געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרענען, אַז מען זאָל זיך נישט לאָזן פאַרפירן פון קעגנזעצלעכע מיינונגען. אויב די יונגע וועלן דיר זאָגן, ווייזט אָן דער תּלמוד, אַז דו זאָלסט בויען, און די זקנים וועלן דיר עצהנען, אַז דו זאָלסט צעשטערן, פאָלג גלייכער די זקנים, און נעם נישט ערנסט די רייד פון די יוגנטלעכע; וואָרום ביי זיי הערשט אַ ווירוואַר פון געדאַנק און זיי ווייסן נישט קלאָר, וואָס עס הייסט בויען, און וואָס עס באַדייט צעשטערן (שבנין ילדים סתירה, וסתירת זקנים בנין, נדרים מ'). אויך אינעם בליק איבער יוגנט און עלטער איז דאָס ייִדנטום געשטאַנען אין שאַרפן קאָנפליקט מיט דער פילאָסאָפיע פון העלעניזם, ווו יאָרן־אַלטקייט איז זעלטן ווען אָפּגעשאַצט געוואָרן צום גוטן. אפשר בלויז ביי פּלאַטאָנען קען מען לייענען, אַז די דערפאַרונג, וואָס איז דערוואָרבן געוואָרן מיט די יאָרן, דאַרף אָנרעגן די יוגנטלעכע אַרויפצוקוקן מיט רעספּעקט צו די לייט פון אַלטן דור.

אין אַלעקסאַנדער האָט — אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָר־הונדערט — באַקומען אַ צייטיקן, ממש צאַפּלדיקן באַטייט די אינטערפּרעטאַציע, וואָס איז אין די ספרים פון ווייטן אַמאָל געגעבן געוואָרן צו דער כאַראַקטע־ריסטיק, מיט וועלכער עס ווערט געשילדערט אין חומש אַברהם: „ואברהם זקן

בא בימים״ (בראשית כ״ד, א׳). דאָס דאַרף פאַרשטאַנען ווערן אַזוי: יעדער טאָג איז געווען פאַר אים ווערטפול, קיין שום טאָג איז ביי אים נישט געגאַנגען לאיבוד. דער פאַקט, וואָס רבי חנוך הענעך האָט זיך דערנענטערט צו שבעים, איז אויפגענומען געוואָרן, ווי אַן אָנזאָג, אַז מיט אים קען מען שפּאַנען זיכער און אַנטשלאָסן אין די צייטן פון אומזיכערקייט, וועלכע האָבן אָנגערוקט פאַרן יידישן כלל אין פּוילן — נישט בלויז ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן רעכטלעכן מצב פון דער יידישער מאַסע, נאָר אויך ווען גייסטיקע סכּנות האָבן געדראָט מצד דער פאַלש־פאַרשטאַנענער „אויפקלערונג״ און מצד דער שטרעמונג פון אַסימי־לאַציע, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן מיט חוצפּה און גאווה אין דער יידישער גאַס. מיטן כּוח פון מלכות און אַפּטריניקע האָט זי פּרובירט אָפּרייסן יידן פון זייער אייגענעם לעבנסשטייגער באַוויזנדיק, ווי וויכטיק עס איז — כּאָטש אויסערלעך — זיך צוצופּאַסן צו דער וועלט פון אַרום. דער ערשטער שריט צום דרויסן, האָט נאַטירלעך, באַדאַרפט פירן צו וועגן פון וועלכע עס האָט שוין נישט געקענט זיין קיין אומקער.

מיט באַנייטער ענערגיע האָבן אין אַלעקסאַנדער אויפגעלעבט שיטות, וועלכע האָבן שוין אַפילו אין דער חסידישער וועלט אָנגעהויבן געהערן צו דער פאַר־גאַנגענהייט. ווידער אַ מאָל האָט מען דאָרט גענומען לייגן דעם טראָפּ, גענוי ווי אין די טעג פון באַגינען — ווען רבי ישׂראל בעל־שם־טוב האָט זיך אַראָפּגעלאָזט מיט זיין לויטער וואָרט פון די קאַרפּאַטן־בערג — אויף דער „אינערלעכער עבודה״; אויפן „לייטערן זיך אינעווייניק״; אויפן כּוח, וואָס איז אַנטשיידנדיק אין וועג פון מענטש און ייד: דער אינערלעכער כּוח, און אויף דער נקודה, וואָס מוז טליען טיף אין האַרץ: די „נקודה ישׂראלית״, דאָס פּינטעלע ייד. רבי חנוך הענעך האָט אייגנטלעך איבערגעחזרט מחשבות, וועלכע זענען געווען אַלט אין דער תּורה פון חסידות; וואָס מען איז אַפילו אין אייגענע רייען צוליב דעם גע־נויגט געווען צו רעכענען, אַז זיי זענען שוין אָפּגעבלאַקירט געוואָרן: אַלץ מוז געטאָן ווערן מיט אינערלעכער כּוונה. יידישקייט פאָדערט דעם גאַנצן מענטש, דעם גאַנצן „איך״. דאָס זיין אַ ייד אין האַרץ „אינעווייניק״, איז דער עיקר. בעת איינער האָט צו אים אַ מאָל געזאָגט, אַז ער איז בקי אין ספר „חובות הלבבות״ פון רבנו בחיי, האָט ער אים דערווידערט, אַז מען דאַרף אַליין זיין אַ „חובות הלבבות״; שפּירן דעם חוב, וואָס מען טראָגט אין זיך פאַר יידישקייט. מיר אַלע זענען בעלי חובות. מיר האָבן נאָך ווייט נישט אָפּגעצאָלט, וואָס מיר זענען שולדיק. דער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ צדיק־גמור און מיינט, אַז זיין צדקות איז גרויס, איז טאַקע אַ „גמור״, אַ געענדיקטער, אָבער גאָרנישט קיין צדיק. ער האָט טיף גע־זיפצט, ווען ער האָט אין די ימים־נוראים געזאָגט די תּפילה „אַל תּשליכנו לעת זקנה״; אָבער ער האָט אין איר אַריינגעלייגט אַ נייעם, אומגעווינלעכן טייטש: העלף אונדז, גאָט, אַז מיר זאָלן נישט פאַרוואָרפן אונדזער צייט אין דער זקנה

אַריין, אַז מיר זאָלן נישט פאַרטאַכלעווען אונדזערע יאָרן, און כּסדר אָפּקומען מיטן תּירוץ, אַז אויף דער עלטער וועלן מיר בעסערן זיך און אונדזערע מעשׂים.

ווען עס איז צו אים איין מאָל געקומען אַ חסיד, און זיך פונאַנדערגעוויינט איבערן שווערן מצב, אין וועלכן ער געפינט זיך, האָט ער זיך צו אים אָפּגערופן: דאָס איז נישט קיין דרך. ביי אונדז אין חדר איז געווען אַ יינגל, וואָס יעדעס מאָל, ווען דער מלמד האָט אים עפּעס געפרעגט, האָט ער אָנגעהויבן וויינען. פלעגט דער מלמד שטענדיק זאָגן צו אים: קינד מיינס, אַז מען קוקט אַריין „אינעווייניק", וויינט מען נישט... רבי חנוך הענעך האָט פאַרענדיקט: אויב מען איז אַ ייִד „אינעווייניק", וויינט מען נישט.

גראָד אין דער תּורה, וועלכע איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן דורכן בן־שבעים, האָט ווידער אָנגעהויבן שפּרודלען מיט יוגנטלעכן ענטוזיאַזם די פרייד, וואָס מיט איר האָט חסידות זיך געהאַט פאַרמאָסטן צו דערמונטערן דאָס ייִדישע געמיט. עס איז טאַקע ריכטיק, אַז אין די שיטות פון חסידות האָבן קיין מאָל זיך נישט אויסגעטריקנט די קוואַלן פון חדוה. אָבער עס לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, אַז פון מאָל צו מאָל איז פאַרמינערט געוואָרן זייער אורשפּרינגלעכע, נאַטירלעכע קראַפט. אין פּשיסכע האָבן צייטנווייז די ניכטערקייט פון דער פּקחות און די שאַרפקייט פון אַפאָריזם נישט דערלאָזט, אַז די פולע, נישט־אויסגעקליגלטע פרייד זאָל אַרומנעמען דאָס ייִדישע געמיט. נאָך קענטיקער האָט זיך דאָס אָנגעזען אין קאָצק, ווו דאָס רייסן שטיקער פון אייגענעם געוויסן האָט טייל מאָל דערשטיקט די אויסברוכן פון אינערלעכער שׂמחה. אין דער דינאַמישקייט פון טאַט, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר רבי איטשע־מאיר פון גער, איז צו אָפט נישט פאַר־בליבן קיין אָרט פאַר דער דערהויבענער איבערלעבונג, וואָס שפּראַצט אַרויס פון דער פריידיקער דביקות. אין אַלעקסאַנדער האָבן מחשבה און טאַט באַדאַרפט דערפירן דערצו, אַז דער ייִד, וואָס איז צונויפגעבונדן מיט דער גאַנצער ייִדישער עדה, זאָל שפּירן, ווי אין אַלע זיינע איברים פּליצט די פרייד פון זיין אַ ייִד.

„אנכי", איך, פלעגט זאָגן רבי חנוך הענעך, לאָזט זיך נאָר אָנווענדן בנוגע גאָט. אין ייִדישן מענטש טאָר גאָרנישט זיין קיין פּלאַץ פאַרן גאווהדיקן, אָנגעבלאָזענעם „איך". דאָ איז פאַראַן דער „מיר". מיר מענטשן, מיר ייִדן, גליקלעכע און צופרידענע, וואָס מיר זענען די קינדער פון גאָט; און וואָס מיר זענען משׂיג און פילן, אַז מיר דאַרפן זיך מתחבר זיין מיטן ציבור און אַריינגיין אין כּלל. אויף זיין אייגענעם לשון און אויף זיין אייגנטימלעכן אופן, אין אַ צייט פון פאַרלוירנ־קייט און פון שאַרף־אינדיווידואַליסטישע און עגאָיִסטישע טענדענצן, וואָס זענען געוואַקסן אויך אין דער ייִדישער עדה, האָט דער רבי פון אַלעקסאַנדער, געהאָלפן אויפהיטן דעם סאָציאַלן באַוווּסטזיין אין ייִדישן מענטש. וואָרום הגם עס איז אמת, אַז דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט זינט די צייטן פון וועד אַרבע אַרצות אַנטוויקלט אַ גאָר שטאַרקן און וואַכן חוש פאַר ציבור־צוזאַמענגעבונדנקייט און בשותּפות־

דיקייט פון גורל האָט דאָך דווקא אין יענער תּקופה, ווי אַ רעזולטאַט פון די עקסטרעמע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אונטערשיידן — וועלכע האָבן אַלץ בולטער אַרויסגעשטאַרט אין דער ייִדישער געזעלשאַפט — זיך אויסגעוויזן, אַז אַט וועלן זיך פונאַנדערפאַלן און פונאַנדעררייסן די פּעדים, וועלכע האָבן צונויפגעהאַלטן דעם ייִדישן קיבוץ פון פּוילן אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער. רבי חנוך העניך האָט זיך נישט געקריגט מיט גאָט, אַזוי ווי דאָס פלעגט טאָן רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. ער האָט זיך אויך נישט געקריגט מיטן ייִד, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער דרך פון רבי מענדעלע פון קאָצק. ער האָט זיך צו מאָל נישט פאַרלייגט דערויף, אַז אַלע ייִדן זאָלן זיין לומדים, אַזוי ווי דאָס האָט דווקא פאַרלאַנגט רבי איטשע־מאיר פון גער. רבי חנוך העניך האָט געוואָלט, אַז ייִדן זאָלן זיין גליקלעך און צופרידן דערפון, וואָס זיי זענען ייִדן און וואָס זיי זענען אַ טייל פון ייִדישן ציבור. „למדו היטב" (ישעיה א׳, י״ז), האָט ער באַמערקט, איז נישט דער טייטש, לערנט גוט, זייט גוטע לומדים. נאָר לערנט אייך צו זיין גוטע ייִדן און לערנט אייך צו טאָן, דאָס וואָס איז גוט.

אויב אַפילו עצבות, האָט ער געזאָגט, איז נישט קיין בפירושע עבירה, פירט זי אָבער צו זינד. זי פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ. זי פאַרדעקט דאָס ליכט. נישט יעדער ייִד איז מסוגל זיך אויפצוהייבן צו דער מדרגה פון שׂמחה של מצווה, אָבער איטלעכער ייִד קען באַוויזן צו זיין בשׂמחהדיק. דער ייִד, וועלכער פרייט זיך נישט, וואָס ער איז אָנגעהעריק צו דער ייִדישער אומה, האָט משמעות נישט קיין דאַנק־געפילן פאַרן וווּנדערלעכן געשאַנק, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן. עצבות איז טיפער אָפּגרונט. דער ייִד איז פאַרטרויערט, ווען ער רעדט זיך איין, אַז אים קומט אַלץ, אַלצדינג אין דער וועלט. אָבער דער אמת איז, אַז ער פאַרמאָגט דאָך טאַקע אַלץ: ער איז אַ ייִד.

אין די שטעט און שטעטלעך האָבן דאַן אָנגעהויבן זיך פונאַנדערגיין אַנדערע לידער. נאָכן דערשטיקטן פּוילישן אויפשטאַנד פון 1863, ווען די אומאָפּהענגיקייט־האָפענונגען זענען אויסגערונען געוואָרן פון דער פּוילישער ווירקלעכקייט, האָט אויך צווישן ייִדן אַריינגעדרונגען יענע אידעאָלאָגיע, וועלכע איז אין די פּוילישע קרייזן באַקאַנט געוואָרן, ווי פּאָזיטיוויזם. זי האָט געררופן אַרויסצורייסן פון לעבן די חלומות און אידעאַלן, וואָס מיט זיי האָבן זיך גענערט די פריִערדיקע דורות, אָבער דאַרפן באַטראַכט ווערן, ווי פוסטע און אַלטמאָדיש־ראָמאַנטישע. אויך צווישן ייִדן האָבן אַ סך אָנגעהויבן האַלטן, אַז מען קען נישט כּסדר אָנגיין מיט אַ לעבנס־שטייגער, וועלכער איז פאַרעלטערט. מען דאַרף קוקן אויף תּכלית. מען דאַרף זיך אָפּשאָקלען פון דער ירושה פון נעכטן און אָפּטרייסלען די חלומות פון מאָרגן. דער ייִדישער מצב קען בלויז אויסגעבעסערט ווערן, ווען ייִדן וועלן ווערן מער „רעאַליסטיש" און באַטראַכטן „ניכטער" די פּראָבלעמען פון וועלט, פאָלק און גלויבן.

אָבער אין אַלעקסאַנדער האָט רבי חנוך העניך געשפּאָסט פון די נייע טעאָריעס מיט אַ הומאָרפולער מילדקייט, וואָס קומט אפשר מיט די יאָרן, אָבער וואָס האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון איר אַנטשלאָסענעם אויסדרוק. שטותים, האָט ער געזאָגט, פּוסטע נאַרישקייטן. אין לעבן קען מען בכלל נישט אויסקומען אָן ביטערניש. די צוזאָגן צו מאַכן דאָס ייִדישע לעבן זיס, זענען ערשט הוילע חלומות. ער האָט זיך אין זיין דענקען אָנגעשפּאַרט אויף די ספרים פון פאַרצייטנס. דער בוימל — דער שמן זית, וועלכן מען האָט גענוצט אין בית־המקדש — איז אַרויסגענומען געוואָרן פון זאַפּטן, וואָס זענען, כּידוע, ביטער. ליכט קומט בכן פון ביטערניש. ריכטיק: נישט יעדע ביטערניש גיט ליכט. אָבער ליכט איז ביטערניש. אויך פאַרשטאַנד איז ביטערניש. אין חומש ווערט אַפילו דערציילט, אַז אין מדבר, ווען ייִדן האָבן געוואָלט טרינקען וואַסער, און דאָס וואַסער איז געווען ביטער, האָט משה אַריינגעוואָרפן דאָרט האָלץ, און אַזוי איז די ביטערקייט פאַרזיסט געוואָרן (שמות ט״ו, כ״ג־כ״ו). אָבער אויך דאָס האָלץ איז דאָך געווען ביטער. דאָס הייסט בכן, אַז ביטערקייט קען זיין זיס. ווער האָט עס געזאָגט, ווער וואַגט עס צו זאָגן, אַז צו זיין אַ ייִד איז ביטער? עס איז זיס, צוקער זיס צו זיין אַ ייִד — אַזוי האָט דער רבי פון אַלעקסאַנדער געזאָגט אין זיינע תּורות, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן זיך אויפגעהיטן און דערגאַנגען צו אונדז אין זיין האַרציקן, רייכן, פּאָעטישן ייִדיש. דערמאָנט אייך בלויז — האָט ער אויסגערופן — דערמאָנט אייך, ווער אייערע עלטערן זענען געווען און פון וועמען איר קומט אַרויס. עס איז גענוג אַ זאָג צו טאָן צו ייִדן: „אלה ראשי בית אבותם״ (שמות ו׳, י״ג־י״ד), אויפצוּוויקלען דעם יחוס פון וואַנען זיי שטאַמען אָפּ, און אין דער ייִדישער נשמה איז מער נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר טרויער און ביטערניש.

די געוואַגטקייט פון רבי חנוך העניך האָט זיך נישט ווייניק אויסגעדריקט דערין, וואָס אין יענע יאָרן, ווען די מאָדערנע „רעאַליסטישע״ און „ניכטערע״ שטרעמונגען האָבן גענומען אַריינציִען דעם ייִדישן מענטש אין זייער געדאַנקענעץ — און געדראָט צו רויִנירן דעם בנין פון דורות — האָט ער דווקא אויפגעפרישט די אַלטע לערע פון דער קבלה וועגן קאָסמאָס און ייִד. דאָס געדיכטע לשון פון די מקובלים איז צוגעטראָגן געוואָרן דורך אים אין אַ מער צוגענגלעכער פאָרעם; אָבער דער אַלטער רעיון האָט אויפגעלעבט אין זיין גאַנצער טיפקייט און קאָלירפולער רייכקייט: נישט בלויז אין דער אייגענער ייִדישער עדה ווירקט די שותפות פון גאָט מיט ייִד. זי שפּרייט זיך אויס אויפן אוניווערס. זי איז משפיע אויפן קאָסמאָס. די אויפפירונג און די אינערלעכע כוונה פון ייִדישן מענטש דעצידירן אין סדר העולם. זיי זענען אַ באַשטאַנדטייל פון „עולם ומלואו״, פון אוניווערס. דער מעמד הר סיני איז געווען אַ קאָסמישע אַנטפּלעקונג, און מיט קאָסמישע עלעמענטן איז אַדורכגעדרונגען דער ייִדישער קיום, ווי שפּלדיק און פאַרחושכט דאָס ייִדישע לעבן זאָל נישט אויסקומען פאַר אונדזער אויבנאויפיקן

בליק. ייִדישער קיום איז איבערנאַטירלעך, אַזוי ווי דאָס זענען די זון, די לבנה און די שטערן. אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך געיאָגט און געשטרעבט צו ווערן פּראַקטיש און צובינדן זיך אַלץ מער צו די ערדישע השגות, האָט דער אַלעקסאַנדער רבי אַריינגעברענגט אידייען פון אַ מעטאַפיזיק, וואָס האָט געקענט זיין פּאָפּולער פאַרן מענטש פון פאָלק. אויך דער גלות, האָט ער געזאָגט, דאַרף באַטראַכט ווערן פון אָט דעם קוקווינקל. ווען מען ווייסט, אַז אין אונדזער וועג ווירקט דאָס, וואָס איז איבערנאַטירלעך, הויבט אָן אַפילו דער גלות אויסזען אַנדערש. דער גלות מצרים, האָט ער באַמערקט, איז געווען אַזוי שווער, ווייל דאָרט איז אויך דער געדאַנק געווען אין גלות און זיך נישט אויפגעהויבן צו די הויכקייטן. „מצרים נוסע אַחריהם" (שמות י"ד, י'). די שפלות פון מצרים איז נאָכגעגאַנגען. זי איז מיט די ייִדן מיטגעגאַנגען. זי האָט זיי באַגלייט אין מוח און געפיל...

עס איז אין דער אַלט־נייער תורה, וואָס איז אויפגעוויקלט געוואָרן אין אַלעקסאַנדער, געווען דער גייסטיקער אומרו, וואָס רבי חנוך הענעך האָט אים אַרויסגעטראָגן פון קאָצק. עס האָט זיך אין זיין וואָרט באַוועגט דער אָטעם פון פּשיסכע, ווו דער באַגריף פון ווירדע איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויפן סאַמע פאָדערשטן בלאַט פון ספר האדם, פון בוך פון מענטשלעכן לעבן. מען האָט אויך אין אַלעקסאַנדער געקענט דערפילן, הגם נישט אַזוי שטאַרק באַשיינפּערלעך, עטוואָס פון דער תקיפות, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אַלץ, וואָס רבי איטשע־מאיר האָט געזאָגט און געטאָן. אָבער פאַר רבי חנוך הענעך איז געווען אומגעוויינלעך וויכטיק אַז יעדער ייִד, זאָל וויסן און אָפּשאַצן די חשיבות פון זיין אַ ייִד. די חשיבות פון אָנגעהערן זיך צו אַן אומה, וואָס איז משפּיע אויפן סדר העולם. איז אויב די וועלט, האָט ער באַמערקט אין איינער פון זיינע פּאַרטיפטע אימרות, איז תוהו־ובוהו, איז עס דערפאַר, ווייל זי האָט נאָך אַלץ נישט געעפנט דעם ספר בראשית. ערשט דורך די אידייען פון „בראשית" קאָן אַן עק נעמען צום מוראדיקן תוהו־ובוהו, אין וועלכן וועלט און מענטש האָבן פאַרבלאָנדזשעט.

מיר זאָגן: חשיבות. אין די שפּעטערדיקע דורות, אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און אין די אומהיימלעכע יאָרן פון נאַצי־חורבן, האָט מען זיך באַנוצט מיט מער מאָדערנע טערמינען. דער ייִדישער קיבוץ האָט אויך אין דער צייט פון אַנגסט באַטראַכט זיין גורל אויף דער פאָן פון אוניווערס, פון וועלט און מענטש. דער אויפרוף, וואָס דער וואַרשעווער געטאָ האָט אַרויסגעלאָזט ערב זיין לעצטן אויפשטאַנד, לאָזט נישט אַדורך — אויך אין די פאַלדן פון דער מוראדיקער טראַגעדיע — צו רעדן וועגן וויכטיקן און אַנטשיידנדיקן אָרט, וואָס ייִדן פאַרנעמען אין גאַנג פון מענטש צו אַ מער מענטשלעכער וועלט. נישט די געלע לאַטע, נישט די גאַז־קאַמערן, האָבן באַוויזן צוצורויבן ביי די, וועלכע זענען אויסגעגאַנגען אין נאַצי־קלעם, דאָס געפיל פון נאַציאָנאַלן שטאָלץ, און

אוועקנעמען ביי זיי דעם באַוווסטזיין, אַז ייִדישע אויסדערוויילטקייט פאַרמאָגט, זייט ביי זייט מיט איר רירנדיקן טראַגיזם, גרויסן געשיכטלעכן פּאַטאָס. אָבער עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אָט די אומדערשיטערטע, אייזן־שטאַרקע איבערצייגונג אין דער חשיבות צו זיין אַ ייִד האָט זיך אַרויסגעהויבן אין איר פולן פאַרנעם אין אַ גורל־צייט פון פאַרשאַרפטן גייסטיקן קריזיס, און איז אויפגעפרישט געוואָרן מיט ברויזנדיקער יוגנטלעכער קראַפט, אין דער תורה פון רבי חנוך העניך פון אַלעקסאַנדער.

אין ייִדישן ווי און זיפץ, האָט ער געזאָגט, קאָן מען אַ סך מאָל דערקענען דאָס געפיל פון גליק, וואָס שטראָמט אַרויס פון דער ייִדישער נשמה. ער האָט זיך פאַרטרויט, אַז ער האָט די קרעכציקע פרייד דערהערט אָט פון אַן אָרעמען בעל מלאכה, וואָס איז אַריינגעקומען ערב שבת מיט איילעניש אין שול אַריין, און אָט פון אַ קצב, וואָס האָט גיך פאַרמאַכט זיין יאַטקע, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע קצבישע בגדים, און זיך גענומען אַ באַנייטער גרייטן צום שבת.

ג.

צוזאַמען מיט דער אַנטשלאָסנקייט אַראָפּצוברענגען צום ייִדישן מענטש אידייען און באַגריפן פון אַמאָל, האָט אין רבי חנוך העניך געלעבט דער ווילן אַריינצוטראָגן נייע ווערטן אין ייִדישן לעבן. ער האָט קריטיקירט זאַכן, וועלכע ער האָט באַטראַכט, אַז זיי פאַרדינען קריטיקירט צו ווערן. ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסקומען, נאָר זעלטן־ווער אין דער חסידישער וועלט האָט אַזוי פיל געשפּאָסט, און זיך געוויצלט, איבער דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן, אַז זיי דאַרפן אַרויסגעוואָרפן און אָפּגעוואָרפן ווערן פון חסידות און פון ייִדישן לעבן. אויב דער ייִדיש־פּוילישער קיבוץ האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין נויגונג צו קריטיק און זעלבסטקריטיק — און אויב דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַפילו ביי די טויערן פון אוישוויץ נישט אויפגעהערט צו עפענען די ווונדן פון אייגענעם געוויסן — איז נויטיק אָנצווייזן, אַז אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, איז אָט די מידה געפלעגט געוואָרן מיט זעלטענעם אייפער דורכן רבי פון אַלעקסאַנדער. דאָס, וואָס האָט איבערגעלאָזט אַ טיפן רושם איז געווען, וואָס ער האָט זיין קריטיק אַדורכגעפירט נישט מיט אָנגעכמורעטער בייזקייט, און נישט ווי אַ מענטש פון דרויסן. אויך אין זיין שפּאַס און שפּאָט איז ער פאַרבליבן „אינעווייניק״; אַריינגעקוקט, און געקוקט פון אינעווייניק. אויך אין זיין רוף צו צעשטערן איז געווען די זיכערקייט פון בויען.

איך האָב נאָך קיין מאָל נישט געזען, פלעגט ער זאָגן, קיין נאָכגעמאַכטן רבי. וואָרום, וואָס הייסט אַ נאָכגעמאַכטער רבי? אַ מענטש, וואָס לאָזט זיך וואַקסן

לאַנגע פּיאות, טוט אָן אַ זײַדענע זשופּיצע, װײַסע זאָקן, וכדומה. איז אויב אײנער טוט דאָס, װערט ער דאָך שוין דערמיט אַלײן אַ רבי. װײַל אין דעם טאָקע באַשטײט די גאַנצע הײנטיקע רביסטװע... אויב דער דאָזיקער שאַרפער זאָג איז נאָך געװען צו װײניק, האָט רבי חנוך העניך צוגעגעבן זײַן אײגענע באַמערקונג צום װאָרט „חצרות", װאָס װערט דערמאָנט אין חומש (דברים א׳, א׳), דער נאָמען פון אָרט, װאָס האָט מסתמא געהאַט צו טאָן מיט דער מחלוקת, װעלכע איז אָנגעצונדן געװאָרן דורך קורח, װען ייִדן האָבן געװאַנדערט אין מדבר. מען דאַרף דאָס אויסטײַטשן װערטלעך, האָט ער אונטערגעשטראָכן. „חצרות" נעמט זיך פון „חצר", אַ הויף. קורח ועדתו האָבן זיך געװאָלט מאַכן אַ באַזונדערן רבישן הויף... דער פּסוק אין מגילת איכה (ג׳, מ״א) „נשא לבבנו אל כפּים... בשמים" האָט באַדײַט אין זײַן אויסטײַטש, אַז עס איז װײַט נישט גענוג, װאָס מיר הײבן אויף און פּאַטשן מיט די הענט בשעתן דאַװענען. צוזאַמען מיט די הענט דאַרף מען אויך אויפהײבן דאָס האַרץ. און עס איז מעגלעך דאָס צו באַװײַזן און צו דערגרײכן. געװיי אַזוי האָט ער געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט סתּם אַזוי איבערחזרן פאַרעלטערטע ניגונים בלויז דערפאַר, װײַל חסידים האָבן זײ אַמאָל געזונגען. פיל פון די אַלטע געזאַנגען האָבן פאַרלוירן זײער טעם, און אָפּגעשװאַכט געװאָרן. עס איז שוין צײַט צו ציִען אַ נײַעם ניגון.

דאָס איז בלויז אַ טײל פון דער שאַרפער קריטיק, װאָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען פון אַלעקסאַנדער. אָבער זי האָט דערבײַ געװעקט און אַרײַנגעבערענגט גלויבן. גאָרנישט איז פאַרשפּעטיקט. מען קען נאָך אַלץ באַװײַזן צו פאַרריכטן. מיר געפינען זיך נאָך אַלץ אין „הײנט", אין װונדערלעכן ייִדישן הײנט. נאַטירלעך: עס זענען פאַראַן צװײ „היומס", אַ הײנט פון ברכה, און אַ הײנט פון קללה (דברים י״א, כ״ו). עס איז פאַראַן אַ הײנט פון עסן און טרינקען, װײַל באַלד רוקט זיך אָן דער אונטערגאַנג, אַ הײנט פון יאוש (אכול ושתה, כי מחר נמות), אָבער עס איז אויך דאָ אַ הײנט פון לעבן און האָפענונג, דער הײנט פון „אם לא עכשיו אימתי". װען דאָ און דאָרט האָט מען אין דער ייִדישער גאַס אָנגעהויבן צװײפלען אין דער מעגלעכקײט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם אַנרוקנדיקן קריזיס פון װערטן, האָט רבי חנוך העניך געפונען אַ דערמוטיקנדיקן אַנדײַט אין דער תּורה, װוּ עס װערט געזאָגט „וההר בוער באש עד לב השמים", און דער באַרג סיני האָט געברענט אין פײַער ביז צום האַרץ פון הימל (דברים ד׳, י״א). װען דאָס ייִדישע האַרץ האָט ער דערקלערט, צעפלאַקערט זיך מיט פײַער, װערט עס הימל. מען קען אויפהײבן די ערד צום הימל. דאָס איז דער טײַטש פון פּסוק אין תּהילים: „והארץ נתן לבני אדם" (קט״ו, ט״ז). די ערד איז געגעבן געװאָרן צו די מענטשן, כּדי זײ זאָלן פון איר מאַכן הימל. די אומות העולם, האָט ער צוגעגעבן, מײנען, אַז עס זענען דאָ הימל און ערד, אַז עס זענען פאַראַן צװײ װעלטן. מיר, ייִדן, גלויבן אַז הימל און ערד זענען אײנס, און די צװײ װעלטן זענען אײנס, און

דאַרפֿן טאַקע פֿאַרבלייבן איינס. ס'איז נישט גענוג צו גלויבן, אַז ס'איז דאָ אַ גאָט אין הימל. מען מוז גלויבן, אַז גאָט איז אויך דאָ אויף דער ערד. דער יסוד פון אונדזער אמונה איז „אחד", עס איז קיין מאָל נישט שפּעט אויפצוהייבן די ערד און דאָס ערדישע צום הימל. רבי חנוך העניך האָט דערביי נישט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך אין אָט דער אויפגאַבע פֿאַרלאָזן אויף אים. יעדער איינער דאַרף אַליין מאַכן די אָנשטרענגונג.

זיין קינסטלערישע נאַטור און זיין נויגונג צו רעפלעקסן זענען געקומען צום אויסדרוק אין די פֿאַרטיפטע משלים, וואָס ער פלעגט צייטנווייז אויסשנירלען. ווען ער איז צוגעקומען אין פרקי אבות צו דעם מאמר „העולם הזה דומה לפרוז־דור" (אבות ד', כ"א), די דאָזיקע וועלט איז גלייך צו אַ פּאָדערהויז, האָט זיך זיין פֿאַנטאַזיע צעוויגט. אַ דאַרפסמאַן, האָט ער דערציילט, איז אַ מאָל געקומען אין אַ גרויסער שטאָט אַריין. גייט ער איין מאָל פֿאַרביי פֿאַר אַ הויז און ער זעט, אַז עס איז דאָרט זייער ליכטיק, און מען איז פריילעך, מען זינגט, און מען שפּילט, און מען טאַנצט. שטויסט ער זיך אָן, אַז דאָס פּראַוועט אַוודאי דער בעל־הבית פון הויז אַ חתונה. צו מאָרגנס גייט ער ווידער פֿאַרביי פֿאַרן זעלבן הויז, און ווידער זעט ער, ווי עס איז דאָרט גאָר פריילעך, מען שפּילט און מען טאַנצט. וווּנדערט ער זיך, דער דאַרפסמאַן: דער בעל־הבית מאַכט שוין ווידער חתונה? איין נאַכט נאָך דער צווייטער? אין אַ טאָג אַרום קומט ווידער פֿאַר דאָס זעלבע. מען זינגט, און מען שפּילט, און מען טאַנצט. קאָן ער עס שוין מער נישט משׂיג זיין: איז עס מעגלעך, אַז איין בעל־הבית זאָל אָפּריכטן אַזוי פיל חתונות, נאַכט נאָך נאַכט? ווענדט ער זיך מיט דער האַרבער פֿראַגע צו די דורכגייער. צעלאַכן זיי זיך און דערקלערן אים: דאָס איז, ליבער ייִד, אַ חתונה־זאַל, וואָס ווערט יעדעס מאָל פֿאַרדונגען צו אַנדערע מחותנים. נעכטן האָבן געטאַנצט אַנדערע געסט, היינט אַנדערע; און דער, וואָס טאַנצט היינט, וועט נישט טאַנצן מאָרגן... רבי חנוך העניך האָט אָנגענומען, אַז געמיינט זענען די, וועלכע זענען גורס אין דער גמרא דעם מאמר „האי עלמא כבי הלולי דמיא" (אַזוי ווי דאָס טוט דער עין יעקב, עירובין נ"ד). עס שטייט נישט „כהלולי", נאָר „כבי הלולי". די וועלט איז גלייך נישט צו אַ חתונה, נאָר צו אַ חתונה־זאַל וווּ עס טוישן זיך כּסדר די טאַנצנדיקע געסט. נעכטן האָבן געטאַנצט אַנדערע געסט, און היינט — אַנדערע, און די, וואָס טאַנצן היינט, וועלן מאָרגן נישט טאַנצן.

אָבער אין די כּסדרדיקע ענדערונגען, וואָס קומען פֿאָר, איז דאָך אייביק די עצם באַוועגונג. צו דער אומאויפהערלעכער, קיין מאָל זיך נישט אָפּשטעלנדיקער באַוועגונג געהערט זיך אָן דער קאָסמאָס. איר טייל, נישט צום צערייסן, זענען ייִדישקייט און ייִדן. בעת אין דער סביבה האָט מען פֿאַרמישט באַגריפן און פֿאַראַלגעמיינערט אויף אַן אויבערפלעכלעכן אופן די נויטיקייט אַריינצופירן שינויים אין ייִדישן לעבן, האָט דער זקן פון אַלעקסאַנדער אָנגעצייכנט קלאָרקייט פון

געדאַנק און אָנגעוויזן פאַרן יידישן קיבוץ אין פוילן דעם וועג, אין וועלכן ער האָט באַדאַרפט גיין אין די לעצטע יאָרצענדליקער פון זיין עקזיסטענץ. דענקער און פּאָעט, האָט ער אין אַ פאַרשטענדלעכער פאָרעם צוגעטראָגן פאַרן פוילישן ייד די מיסטישע פערזון, וואָס דער מיטל־עלטערלעכער מקובל רבי יהודה מרע־גענסבורג האָט אויסגעזונגען אין זיין רעליגיעזער פּאָעמע „אנעים זמירות״. די באַגריפן פון „זקנה ובחרות״, פון „שיבה ושחרות״, פון אַלטקייט און יוגנט, פון בין־השמשות און באַגינען, האָבן פון דער מיסטיק אַרויסגעשפּרייזט אין אַלעק־סאַנדער, און איינגעוואַקסן זיך און איינגעבאַקן זיך אין האַרץ און אין געמיט פון פוילישן יידנטום אין דער צייט פון איבערברוך און שטורעם.

ד.

פיר יאָר איז רבי חנוך העניך געווען די צענטראַלע געשטאַלט פון חסידות אין קאָנגרעס־פוילן. אָבער אין יענע פיר יאָר זענען געלייגט געוואָרן ציגל צום גייסטיקן בנין פון יידיש־פוילישן קיבוץ. דאָס האָט דער רבי פון אַלעקסאַנדער, ווי עס זעט אויס, געזאָגט, אַז דער חילוק צווישן ווילנער גאון און דעם בעל־שם־טוב איז — וואָס דער ווילנער גאון האָט איבערגעלאָזט ספרים, און דער בעל־שם־טוב האָט איבערגעלאָזט מענטשן. אויך ער, רבי חנוך העניך, האָט געהאָלפן אויספאָרמירן די פערזענלעכקייט און כאַראַקטער פון פוילישן יידנטום אין די לעצטע און גרויסע שעהן פון זיין געשיכטע.

אין דער באַזונדערער קונסט פון יידיש־פוילישן קיבוץ אַריינצוועבן די עלע־מענטן פון פאַרצייטנס אין ריטם פון מאָדערנעם לעבן און אין זיין טאַלאַנט צו זינגען נייע לידער מיט אוראַלטע מעלאָדיעס, געענוי ווי אין זיין אַנטשלאָסענעם ווילן צו שפּינען די חלומות פון אַמאָל אין דער רויער און האַרטער פּראָזע פון פאַרענדערטע פאַרהעלטענישן, איז איינגעגראָבן די מעכטיקע השפעה פון יענעם בן־שבעים, וואָס איז בלי ספק געווען איינער פון די ייִנגסטע אין דער געשיכטע פון דער חסידישער באַוועגונג, און אפשר בכלל פון די ייִנגסטע אין די אַלע גייסטיקע און סאָציאַלע באַוועגונגען, מיט וועלכע עס איז רייך אונדזער טויזנטער־יעריקע געשיכטע.

דאָס האָט דער מיסטיקער פון אונדזערע לעצטע דורות, הרב קוק, געזאָגט, אַז די יידישע אויפגאַבע איז אַלע מאָל געווען און וועט אַלע מאָל זיין צו באַנייען דאָס, וואָס איז אַלט, און אַריינברענגען די טראַדיציע פון קדושה אין ווערטן, וואָס זענען ניי. אין דאָזיקן זעלטענעם טאַלענט איז פאַרבאָרגן נישט איין סוד פון אונדזער קיום: „הישן יתחדש, והחדש יתקדש״.

אין דעם חסידות פון אַלעקסאַנדער, אין קורצן פּעריאָד פון רבי חנוך העניך,

האָט ייִדישע גייסטיקייט, אַזוי ווי זי האָט זיך אַנטוויקלט אין פּוילן, זיך דער־נענטערט, ווי נאָך קיין מאָל נישט פריִער אויף דער פּוילישער ערד, צו דער סינטעז, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט תּמיד ליידנשאַפטלעך געזוכט. דאָרט האָט זיך אויסגעוויזן, אַז הימל און ערד קענען ווערן איינס. דאָרט האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז וועלטן, וואָס זענען צעשפּאָלטן געוואָרן, קענען ווידער זיך צונויפ־גיסן און ווערן איין וועלט. דאָרט האָט אויסגעזען, אַז אַפילו די קאָנפליקטן צווישן מאַטעריע און גייסט קענען אויפהערן, אַז די גרענעץ צווישן עלטער און יוגנט קען זיך פאַרווישן, און אַז אַלט און נײַ קענען פאַרלירן זייערע קעגנזאַצן. די שורות אין חומש „וידבר משה באזני כל קהל ישׂראל את דברי השירה הזאת עד תומם" (דברים ל"א, ל') זענען אין אַלעקסאַנדער אויסגעטײַטשט געוואָרן: ביז די ייִדן זענען גאַנץ געוואָרן. מען דאַרף אַזוי פיל אַרײַנלערנען מיט ייִדן, ביז אויך די דורות, וועלכע זענען צעשפּאָלטן אין זייער מחשבה און פּערזענלעכקייט, וועלן קענען ווערן גאַנץ.

עס איז אמת, אַז דאָס פּוילישע ייִדנטום איז קיין מאָל נישט דערגאַנגען צו דער אויסגעצייכנטער סינטעז. ביז צו זיין לעצטער תּקופה, און אַפילו אין זיין לעצטן וועג, האָט געברויזט זיין שעפערישער אומרו. אָבער טאַקע אין יענעם שעפערישן אומרו איז דאָס חסידות פון רבי חנוך העניך פון אַלעקסאַנדער איינער פון זיינע באַדייטונגפולע און מערקווירדיקע קאַפּיטלען.

גער, דער לעצטער גרויסער
פּרק חסידות פון פּוילישן ייִדנטום

א.

נאַטירלעך, נישט בלויז גער האָט געווירקט אין עולם החסידות אין דער צייט פון בין־השמשות פון פּוילישן ייִדנטום. רייכע און קאָלירפולע בלעטער האָבן אַריינגעשריבן אין יענער תּקופה אויך אַלעקסאַנדער און קאָזשעניץ, פּאַביאַניץ און מאָדזשיץ, ראַדזימין און ראַדזין, סאָקאָלאָוו און אָסטראָווצע, סקערניעוויץ און גראָדזשיסק, בעלז און באָבאָוו. עס האָבן אין יענע יאָרן, וועלכע זענען געווען אָנגעלאָדן מיט גרויסער שעפערישקייט און פון וועלכע עס האָט גלייכצייטיק זיך געטראָגן דער נאָגנדיקער ווײ פון ערב־חורבן, געעפנט זייערע גייסטיקע אוצרות אויך אַ סך אַנדערע שיטות פון חסידות. אָבער אין האַרץ פון פּוילן, אין אַזוי גערופענעם קאָנגרעס־פּוילן, איז גער געווען דאָס חסידות, וואָס אַרום אים האָבן זיך געזאַמלט און אין אים האָבן זיך געקלאַמערט די גרויסע מאַסן פון רעליגיעזן ייִדנטום. אַפילו ווען דאָ און דאָרט איז מען געווען געניגט אָנצונעמען, אַז די קוואַלן פון חסידות שפּרודלען נישט מער מיט דער פרישקייט פון אַמאָל, האָט דאָך גערער חסידות אויפגעהאַלטן אין זיך דעם שוווּנג און אימפּעט פון באַגינען.

די גערער שטיבלעך, אַזוי ווי מען האָט אין יענער אונטערגעגאַנגענער וועלט גערופן די מנינים פון די חסידים פון גער, זענען געווען אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער גייסטיקער פּאַנאָראַמע פון פּוילישן ייִדנטום. ווענדונגען פון גערער רבי, וואָס זענען געווען אויסגעציקלט אין זיין לומדישן כּתב־יד און רעדאַגירט אין אַ לומדישן לשון־קודש — אין וועלכן עס האָבן נישט געפעלט אויך מאָדערנע טערמינען, און וואָס זענען פונאַנדערגעשיקט געוואָרן אין אַלע פּונקטן פון דער גערער געאָגראַפיע — זענען פאַרגעלייענט געוואָרן אין די שבתים און ימים־טובים פאַרן עולם חסידים מיט פרומער כּוונה, און בפּרטותדיק אויסגעטייטשט געוואָרן אין דער לענג און ברייט פון דער פּוילישער מדינה. אין דער רעליגיע־זער טאָג־צייטונג, וואָס איז דערשינען אין וואַרשע ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, „דאָס יודישע טאָגבלאַט", האָבן טאָקע געפונען אַן אויס־דרוק אַלע שיטות, וועלכע האָבן געווירקט אין די אָרטאָדאָקסישע שיכטן פון

פּוילישן ייִדנטום. אָבער פּאַרט איז די צייטונג געווען דאָמינירט פון דער מחשבה פון גער, פון טעמפּעראַמענט פון גער, און אין איר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די שטעלונג, וואָס גער האָט גענומען בנוגע די פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום.

ווען דער רבי פון גער פלעגט פאָרן אויף זיינע באַזוכן קיין אויסלאַנד, און בעיקר, ווען דער לעצטער רבי, וואָס האָט אויסגעשפּרייט זיין תּורה אין גער, רבי אַברהם מרדכי, איז אין די דרייסיקער יאָרן געפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ארץ־ישראל, זענען צענער טויזנטער חסידים געקומען אים באַגלייטן אויפן וואָקזאַל אין וואַרשע. אַפילו אין די רעגירונג־קרייזן האָט מען געוווּסט, אַז גער איז אַ שטאַרקע און באַדייטונגספולע באַוועגונג צווישן פּוילישן ייִדנטום. מער ווי אַלע אַנדערע ריכטונגען אין חסידות, האָט גער אַרויסגערופן דעם אינטערעס פון די פּוילישע שרייבער און אינטעלעקטואַלן. זייט ביי זייט מיט די באַמערקונגען פון שפּאָט און איראָניע, האָט גער פּאַרט געצווונגען זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער מערקווירדיקער השפּעה, וואָס גערער גייסטיקייט וואַרפט אַרויף אויף דער וועלט פון וואָך.

אין דער „געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע" פון יעקב שאַצקי, קען מען לייענען מיט וואָסער באַוווּנדערונג דער פּוילישער שרייבער סאַוויצקי איז אַוועקגעגאַנגען פון גרינדער פון גערער חסידות, רבי איטשע מאיר אַלטער, נאָך דעם ווי ער האָט פאַרפירט מיט אים אַ שמועס וועגן ייִדישקייט און חסידות. דאָס איז געווען אין דער צווייטער העלפט פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דער אמת איז, אַז ביזן סאַמע אויסברוך פון חורבן איז דער גערער „הויף" געווען די טעמע, וואָס אייגענע און פרעמדע האָבן באַשריבן און אַנאַליזירט. און אַפילו ווען מען האָט קריטיקירט, האָט מען נישט געקענט פאַרלייקענען, אַז אין חסידות פון גער האָבן זיך צונויפגעטראָפן פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט, און רעאַלע וואָכנדיקע ענינים זענען דאָרט באַהויכט געוואָרן מיט דער פילאָסאָפיע און מיטן גלויבן, וואָס זענען איינגעגראָבן אין די בלעטער פון דער גמרא צי גאָר אין די קאַפּיטלען פון זוהר.

ווען מען וואַרפט אַ בליק אויפן חסידות פון גער אין פינפטן יאָרצענדליק נאָכן חורבן פון פּוילישן ייִדנטום, ווו אַט די שיטה אין דער געשיכטע פון ייִדישער גייסטיקייט איז דאָך אויסגעהאַדעוועט געוואָרן, קומט מען צום אויספיר, אַז נישט אומזיסט איז גערער חסידות אַרויפגעשטיגן צום אויבנאָן אין יענע שטעט און שטעטלעך, וואָס האָבן אין שטורעם און דראַנג פון געשיכטלעכע פאַרהעלטענישן אויסגעהאַמערט זייער אייגענעם וועג צו גאָט, מענטש און ייִד. אַפילו ווען מען זאָל האַלטן, אַז יעדער פּסיכאָלאָגישער אַנאַליז פון די באַזונדערע ייִדישע קיבוצים זינדיקט מיט אַ שפּאָר ביסל איבערטרייבונגען, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז אין געווירבל פון פּאָליטישע, סאָציאַלע און עקאָנאָמישע אומ־

שטענדן, האָט די ייִדישע צעשפּרייטקייט, נישט געקוקט אויף אַלע פּעדים, וואָס האָבן צונויפגעקניפּט די פונאַנדערגעוואָרפענע ישובים, אָנגענומען אין יעדן אָרט אויך ספּעציפישע און אייגנאַרטיקע שטריכן. און אין פּוילישן ייִדנטום האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער זיך אויספאָרמירט אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט אויפן דאָזיקן קיבוץ אַן אייגנטימלעכן חותם. דער טיפּ „בטלן", וואָס איז אונדז אַזוי גוט באַקאַנט פון די שילדערונגען אין דער ייִדישער ליטעראַטור צי אין ייִדישן פאָלקלאָר, איז צווישן פּוילישע ייִדן בעצם געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. דער „בטלן", אויב מיר ווילן אים דווקא אַזוי באַצייכענען, האָט גראָד אין ייִדיש־פּוילישן קיבוץ פאַרמאָגט אַ ניכטערן בליק אויף וועלט און לעבן; און דער טרוקענער בעל־חשבון איז גאָר־אָפט מסוגל געווען זיך צו פאַרוועבן אין חלומות.

אין דער געשיכטע פון שפּאַנישן ייִדנטום האָט דער שאַרפער, דענקענדיקער מוח פון רמב"ם באין־אופן נישט פאַרטראָגן קיין דיכטונג, און די ליריש־פּאָעטישע נאַטור פון יהודה הלוי האָט אָפּגעוואָרפן מיט אַבסאָלוטער קאַטעגאָרישקייט די אויסגעקליגלטע המצאות פון שׂכל. אין דעם געשיכטלעכן וועג פון פּוילישן ייִדנטום, האָט דער „אייזערנער מוח" פון רמ"א, אָדער ווי זיין געניִיער נאָמען איז געווען: רבי משה איסערליש, זיך גערן געלאָזט אַוועקטראָגן אויף די פליגל פון דער פאַנטאַזיע, און זיינע אַ „כתובה", וואָס ער האָט אָנגעשריבן לכבוד שבועות — אַ מין חתונה־קאָנטראַקט צווישן רבונו־של־עולם און דעם פאָלק ישׂראל — קאָן דינען ווי אַ דאָקומענט פון תמימותדיקן, פאָלקסטימלעכן שאַפן פון זעכצנטן יאָרהונדערט. און רבי שמואל איידעלש, בעסער באַקאַנט ווי דער מהרש"א, וואָס יעדע שורה זאָגט ביי אים עדות, אַז ער האָט פּאַקטיש געלעבט און זיך אויסגעלעבט אין קרייז פון דער לעגענדע און אין דער צויבער־וועלט פון דער פּאָעזיע, האָט דווקא זיך אָנגעשטרענגט אַריינצופּאַסן די פאַנטאַזיע פון דער לעגענדע אין דער ראַם פון הלכה; אַ נויגונג, וואָס פאַרוואַנדלט אָפּט מאָל זיינע דערקלערונגען צו די אגדות, וועלכע זענען פונאַנדערגעוואָרפן אין תלמוד, אין אַ צאַרטן, לירישן פירוש צו האַרבע און שאַרפע דינים.

אין חסידות פון גער האָבן אָט די שטריכן, וואָס האָבן זינט יאָרהונדערטער זיך אויסגעפאָרמירט אין דער פּסיכיק פון פּוילישן ייִדנטום, באַקומען זייער דייטלעכן און קאָנטיקן אויסדרוק, אַזוי ווי דאָס איז אפשר נישט געשען אין קיין שום אַנדערער גייסטיקער ריכטונג, וואָס איז רייף געוואָרן אויפן ייִדיש־פּוילישן באָדן. מען איז אין גער אין איין און דער זעלבער צייט געווען פּראַקטיש און פאַרחלומט. מען האָט געמאַכט ניכטערע חשבונות און געשפּינט באַפליגלטע פאַנטאַזיעס. מען איז געווען בפירוש פאַרוואָרצלט אין ממשות פון טאָג־טעגלעכן לעבן, און דערביי באַוויזן וויפל רעכט עס האָט געהאַט דער מהר"ל פון פּראָג, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ייִדן האָבן זייער שורש אין הימל.

אַ קליין שטעטל איז געווען גער. אין פּויליש האָט מען דאָס אָרט גערופֿן „גורא קאַלוואַריאַ". און געפֿאָרן איז מען דאָרט אַהין פֿון וואַרשע מיט אַ מיניאַ־טור־באַן, וועלכע האָט אין פּוילישן ייִדיש באַקומען דעם נאָמען „קאַלייקע". אָבער אין יענעם קליינעם שטעטל און אין יענער מיניאַטור־באַן, האָט זיך אויפֿגעוויקלט דער לעצטער גרויסער פּרק חסידות פֿון פּוילישן ייִדנטום. ווען מען האָט פֿאַר זיך גער, זעט מען גענויער די פּוילישע ייִדן אין דער שעה פֿון זייער בין־השמשות.

דאָס איז געווען אַ חסידות, וועלכע האָט געצויגן איר יניקה פֿון דער תּורה פֿון געפּיל פֿון רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ, אָבער וואָס האָט אין זיך אויך געטראָגן די פֿונקען פֿון דער ראַפֿינירטער מחשבה פֿון רבי בונם פֿון פּשיסכע.

דאָס איז געווען אַ חסידות, וועלכע האָט געבערענגט טרייסט און דערמונטע־רונג צו דעם עלנטן ייִדישן מענטש, אָבער וואָס האָט אים אויך געטריבן צו לערנען און פֿאַרטיפֿן זיך אין נסתּר און נגלה, אין די סודות, וואָס זענען פֿאַרבאָרגן און אין די דערשיינונגען, וועלכע אַנטפּלעקן זיך פֿאַרן אויג. וואָרום גער, האָט מען דאָרט געזאָגט, איז און מוז זיין אַ המשך פֿון חסידות פֿון קאָצק, און דער ווייַ פֿון קאָצק האָט זיך פֿאַרקוילערט קיין גער.

אמת: אויך דאָס חסידות פֿון גער האָט נישט געשאַפֿן קיין פֿולן סינטעז פֿון די קעגנזאַצן. אָבער דאָרט איז געמאַכט געוואָרן די עקשנותדיקע אָנשטרענגונג צונויפֿצובינדן די קעגנזעצטע ריכטונגען. מען האָט אין גער טאַקע געקלעטערט צו די שפּיצן פֿון די בערג, אַזוי ווי מען האָט דאָס געטאָן פֿריִער אין פּשיסכע. מען האָט אויך אַראָפּגעגלידערט אין תּהום פֿון זוכן און פֿרעגן, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן רבי מענדל פֿון קאָצק. גער איז אַ המשך פֿון פּשיסכע און קאָצק, האָט מען כּסדר פֿאַרזיכערט. אָבער דערביי האָט מען אין גער געזאָגט אַן אימפּעטפֿולן, ענערגישן, אַגרעסיוון „יאָ" צו מענטש און לעבן. די הויכקייט פֿון די בערג און די טיפֿקייט פֿון אָפּגרונט האָבן נישט געקענט און געדאַרפֿט אָוועקנעמען די ווירכ־טיקייט פֿון דער ערד, וואָס הגם זי איז פֿלאַך, שפּילט זיך דאָך אויף איר אָפּ דער טאָג־טעגלעכער גראַנגל פֿאַר קיום; און עס איז סוף־כּל־סוף אויף דער ערד, ווו די גרויסקייט פֿון גאָט אַנטפּלעקט זיך אין מענטש. דאָס חסידות פֿון גער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט געוואַלטיקער אַקטיווקייט. חסידים פֿון גער זענען געווען באַוועגלעך, דינאַמיש. די געוואַגטע, פֿאַרטיפֿטע מחשבה האָט נישט געדאַרפֿט אָנוואַרפֿן קיין ספֿיקות, קווענקלענישן און דעם גייסט פֿון פּאַסיווקייט. זי האָט נישט געטאָרט אָוועקנעמען ביים ייִד דעם נאַטירלעכן, שעפֿערישן, גרויסן אָפּטימיזם. אַדרבא, זי האָט געדאַרפֿט אויפֿוועקן, שטויסן, אָנרעגן, אינספּירירן. גער איז געווען דאָס חסידות פֿון דער איניציאַטיוו פֿון די ששת ימי המעשׂה. די מנוחה פֿון שבת באַקומט איר הייליקן אָפּשיין, האָט מען דאָרט געזאָגט, ווען מען דערפֿילט אין איר דעם האַסטיקן אָטעם פֿון די טעג פֿון דער וואָך, וואָס זענען אויסגעפֿאַלן פֿאַר איר און וואָס וועלן קומען נאָך איר.

אַליין אַ געטרייער תּלמיד פון רבי מענדל פון קאָצק, איז אָבער דער גרינ־דער פון גערער חסידות, רבי איטשע מאיר, נישט געגאַנגען דעם גאַנצן וועג מיט זיין גרויסן לערער. ער האָט זיך נישט אָפּגעשלאָסן אין דער איינזאַמקייט און אויך געפּאָדערט ביי אַנדערע, אַז זיי זאָלן דאָס נישט טאָן. ער האָט גערופן צו זיין עולם: דער כּלל ישׂראל ווערט באַצייכנט ווי „כּלל ופרט וכלל", ווייל דער עיקר פון דער ייִדישער אומה איז דער כּלל. און דער פּרט, דער ייִדישער מענטש, דער ייִדישער יחיד, טראָגט דעם חוב צונויפצובינדן זיינע מעשׂים מיטן כּלל; וואָרום נאָר ווען דער פּרט איז פאַרקניפּט מיטן כּלל, איז פאַראַן זין און באַדייטונג אין לעבן פון יחיד.

אין די אַלע טויזנט יאָר געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום, איז דאָס פּראָבלעם פון יחיד און געזעלשאַפט דאָרט געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמ־קייט. דער סאָציאַלער הינטערגרונט זעט זיך באַשיינפּערלעך אַרויס אין די הגהות און תּיקונים, וואָס דער רמ"א האָט אַריינגעפירט אין דער רעליגיעזער געזעצ־געבונג. די אינסטיטוציע, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן צווישן פּוילישן ייִדנ־טום און וואָס פאַרמאָגט נישט צו זיך קיין גלייכן אין קיין שום אַנדערן ייִדישן קיבוץ, דער ועד ארבע ארצות, האָט אין משך פון יאָרהונדערטער אָנגענומען דעם ייִדישן יחיד ביי דער האַנט און אים אָנגעוויזן צו גיין מיטן שליאַך פון כּלל. אויך חסידות האָט ביי איר גאַנצער זאָרג פאַרן איינצלנעם מענטש געלערנט דעם ייִד, אַז ערשט ווען ער וועט זיך צונויפגיסן מיט דער גאַנצער עדה, וועט ער אויפהערן צו זיין עלנט און פאַרלאָזט. אין גער האָט, דאַכט זיך, דער סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס מיט אים איז די חסידישע באַוועגונג געבוירן געוואָרן, געשטרעבט צו באַקומען אַ שלימותדיקן אויסדרוק.

אויך אין דער צייט, ווען אַלץ האָט זיך אין דער ייִדיש־פּוילישער געזעלשאַפט, איז מען אין גער געגאַנגען מיט אַנטשלאָסנקייט אין וועג פון „כּלל ופרט וכלל". דאָס גערער חסידות איז אויסגעוואַקסן אין שטורעם פון די געשעע־נישן אין פּוילן גופא און אין ייִדיש־פּוילישן קיבוץ. מיט גערער חסידות איז צונויפגעקייטלט די דראַמע פון פּוילן און איר קאַמף פאַר זעלבסטשטענדיקייט אין פאַרגאַנגענעם און היינטיקן יאָרהונדערט. מיט גערער חסידות איז אויך צונויפגעוואַקסן די תּקופה פון אומאָפּהענגיקן פּוילן. אין לעצטן גרויסן פּרק חסידות פון פּוילישן ייִדנטום איז פאַקטיש איינגעגלידערט דאָס לעצטע העראָישע בלאַט געשיכטע פון פּוילישע ייִדן.

ב.

טאָקע ער, רבי איטשע־מאיר אַלטער, האָט אַרויפגעלייגט דעם חותם פון זיין שטאַרקער פערזענלעכקייט אויף דעם חסידות, וואָס איז דורך אים אויסגעטראָגן געוואָרן אין גער. ער איז געווען אַ סוחר, און הגם עס איז אמת, אַז אויך פיל אַנדערע גרינדער פון ריכטונגען אין חסידות זענען געווען טעטיק אין פּאַרשיי־דענע באַשעפטיקונגען (רבי בונם פון פּשיסכע איז אַפילו געווען אַן אַפּטייקער), איז דאָך די זאַך געווען אַנדערש מיט רבי איטשע־מאיר. ער האָט זיך פאַרנומען מיט מסחר, אויך ווען ער איז געווען רבי. ער האָט אָנגעפירט מיט אַ טליתים־פאַבריק אין ניישטאָט, נעבן ראַווע, צוזאַמען מיט זיין שווער משה חלפן־ליפשיץ. ווען די פאַבריק איז ליקווידירט געוואָרן נאָך זיין שווערס טויט, האָט ער געהאַנדלט מיט ספרים אין וואַרשע. ער איז געווען אַ שטיקל צייט אַ שותף צו אַ ייִדישער דרוקעריי. דערנאָך איז ער געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ הויז. שפּעטער האָט ער געעפנט אַ פאַבריק פון עסיק. אַפילו ווען ער האָט ענדלעך, נאָך דעם ווי רבי מענדעלע פון קאָצק איז אַוועק פון דער וועלט און דער עולם חסידים האָט ביי אים געפאָדערט, אַז ער זאָל פירן די עדה ייִדן — אַ פאָדערונג, וואָס ער האָט אַזוי פיל מאָל געהאַט אָפּגעוואָרפן — מער נישט געקענט אָפּזאָגן, און מסכים געווען זיך צו באַזעצן אין גער און דאָרט אויפנעמען די, וואָס זענען געווען דורשטיק צו הערן זיין וואָרט, האָט ער דאָך נישט איבערגעריסן מיט זיינע מסחרים. ער האָט דווקא געוואָלט דערנערן זיך און זיין הויזגעזינד פון אייגענער אַרבעט. די געוויינלעכע רבישע „פּדיונות״, צי גאָר די שׂכירות פון אַ דיין אין וואַרשע, זענען אים ווייט נישט געווען צום האַרץ. פאַר וואָס? מען קען נאַטירלעך, געפינען אַ באַשייד פאַר אָט דער אויפפירונג אין זיין ווילן צו פאַר־בלייבן געטריי דעם פּרינציפּ פון יענע תּנאים און אמוראים, וואָס האָבן גלייכער אויסגעקליבן צו זיין שוסטערס אָדער גאָר שמידן אייזן איידער פאַרוואַנדלען די תּורה אין אַ מיטל פון וועלכן מען קען ציִען חיונה. אָבער דאָס איז זיכער נישט געווען דער איינציקער מאָטיוו, פאַר וואָס רבי איטשע־מאיר איז פאַרבליבן סוחר אויך נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרן רבי.

דאָ האָט זיך געהאַנדלט נישט בלויז וועגן אים אַליין. דאָס האָט בעצם געדאַרפט דינען ווי אַן אָנווייז פאַרן עולם, אַז מען דאַרף זיין אויסגעמישט מיטן כּלל, מען מוז לעבן מיטן כּלל, און האַנדלען און וואַנדלען און יאָגן זיך נאָך פּרנסה, אַזוי ווי דאָס טוען אַלע ייִדן. איין מאָל אין אַ פּסח האָט ער געזאָגט צו זיינע חסידים אין גער: זייט וויסן, געלט וויל איך נישט פון אייך. איך זוך אויך נישט קיין כּבוד; מיין באַגער איז בלויז, אַז אין די פּאָר יאָר וואָס איך וועל נאָך דאָ זיין, זאָל איך בויגן אייערע הערצער צום הימל. דער וואָס וויל דאָס נישט, בעט איך ביי אים, אַז ער זאָל מער נישט קומען צו מיר. די, וואָס קומען

צו מיר בעטן אויף פרנסה אָדער אויף האָבן קינדער, זאָלן זיי גלייכער פאָרן צו אַנדערע גוטע ייִדן. פאַר זיי איז נישט גער דאָס פּאַסיקע אָרט...

דער בײַשפּיל, וואָס רבי איטשע־מאיר האָט געגעבן, איז זייער גוט פאַר־שטאַנען געוואָרן דורך זיינע בני־דור, און נישט דווקא חסידים האָבן באַנומען, פאַר וואָס דער רבי פון גער וויל אין די טעג פון דער וואָך די זעלבע באַשעפטיקונג ווי די מענטשן פון זיין עדה. אויך צווישן די אויפגעקלערטע און משׂכּילים איז ברייט קאָמענטירט געוואָרן דער באַשלוס פון רבי פון גער צו שפּייזן זיך פון דער מי פון זיינע הענט. דער רעדאַקטאָר פון ייִדיש־פּוילישן זשורנאַל „איזראַעליטאַ״, וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין וואַרשע, שמואל צבי פּעלטין, האָט אין דער טריבונע פון דער אַסימילאַציע פאַרעפנטלעכט אַ באַגייס־טערטן אָפּרוף, ווו דער רבי־סוחר איז פאַרגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ מוסטער פאַר די „ברידער חסידים״.

אויב עס איז אַפילו נישט ריכטיק צו באַהויפּטן, אַז רבי איטשע־מאיר איז געווען דער ערשטער חסידישער מנהיג, וואָס האָט געטאָן כּלל־אַרבעט, ווארום מיט כּלל־ענינים האָבן זיך דאָך אויך פאַרנומען רבי בונם פון פּשיסכע און רבי מענדל פון קאָצק, און אַנדערע פון די פריִערדיקע דורות, פאַרבלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז רבי איטשע־מאיר האָט זיך אין דער כּלל־אַרבעט אין גאַנצן אַריינ־געוואָרפן. ער האָט אייגנטלעך באַדאַרפט וווינען אין גער, אָבער ער האָט מער צייט פאַרברענגט אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, ווו די כּלל־אַרבעט האָט אים ממש פאַרשלונגען. ער האָט געפילט די אחריות פאַר אַלץ, וואָס פּאַסירט און קען פּאַסירן אין לאַנד און מיט ייִדן. צוליב דעם, וואָס ער איז געווען פאַרמישט אין דער פּאָליטישער טעטיקייט האָט ער אַפילו געמוזט ענדערן זיין נאָמען. ראָטענ־בערג איז געווען זיין אייגנטלעכער פאַמיליע־נאָמען. אָבער ווען די צאַרישע מאַכט, וואָס האָט אין אָקופּירטן פּוילן געקוקט מיט חשד אויף יעדער פּאָליטישער אַרבעט, האָט אויך גענומען באַטראַכטן זיין פאַרצווייגטע געזעלשאַפטלעכע טעטי־קייט ווי אומלעגאַל, האָט ער זיך משנה־שם געווען אויף אַלטער. אויף אַ געוויסער צייט האָט ער געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און זיך אויסבאַהאַלטן אין עסטרייך. אָבער גאָרנישט האָט געקענט אָפּשוואַכן זיין באַשלוס צו אַרבעטן פאַרן ציבור. ער איז געווען אַ מיטגליד אין פאַרשידענע מלוכה־קאָמיסיעס, ווו עס זענען באַ־האַנדלט געוואָרן גורל־פראַגעס פאַרן ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. צוזאַמען מיט גזירות, וואָס האָבן באַדראָט אונטערצוהאַקן ייִדישע פּרנסות, זענען אויך באַרירט געוואָרן פּראָיעקטן, וואָס האָבן מכּלומרשט באַדאַרפט עפענען די טויערן פון בילדונג און „ציוויליזאַציע״ פאַר ייִדן. מען האָט געוואָלט מיט צוואַנג שיקן ייִדישע קינדער אין שולעס. מען האָט מיט געוואַלד פּרובירט אַרויפוואַרפן אויף ייִדן „אייראָפּעיִשע״ מלבושים. מען האָט אונטער פאַרשידענע אויסריידן געוואָלט פאַרפליכטן ייִדן צו מיליטער־דינסט. און עס זענען געווען צווישן ייִדן אויך

אַזעלכע, וואָס האָבן מיט ענטוזיאַזם אויפֿגענומען די אָפּיציעלע פּרוּוון אַריינצו־פֿירן די נייע „מאָדערנע" לעבנס־פֿאָרמען צווישן די ייִדישע מאַסן.

דאָס זענען געווען יאָרן פֿון שטורעם פֿאַרן פּוילישן ייִדנטום. די ייִדישע געזעלשאַפֿט האָט זיך געפֿונען צווישן קלעם פֿון דער צאַרישער מאַכט און די פּלאַנען פֿון פּאַטריאָטישן אויפֿשטאַנד פֿון יאָר 1863, אין וועלכע דאָס פּוילישע פֿאָלק האָט אויפֿגעהויבן די פֿאָן פֿון פֿרייהייט און פּאָליטישער זעלבסטשטענדי־קייט. און עס איז אויסגעקומען „מאָדנע" סיי פֿאַר פֿרעמדע, סיי פֿאַר אייגענע, וואָס אין די אַלע שטורמישע באַראַטונגען האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט דער רבי פֿון די חסידים פֿון גער. מען האָט אָנגענומען פֿאַר זעלבסטפֿאַרשטענדלעך דעם פֿאַקט, וואָס אין די באַראַטונגען האָט זיך געהערט די שטים פֿון ראַבינער יאַסטראָוו. מען איז אויך געווען צוגעוווינט צו באַגעגענען אין די מלוכה־קאָמי־סיעס דעם רב פֿון וואַרשע, רבי בעריש מייזעלש. אָבער דער אָנטייל פֿון רבי פֿון גער איז נישט גלייך אינטערפּרעטירט געוואָרן, ווי דאָס רעכט פֿון חסידישן ייִד צו געפֿינען זיך דאָרט, ווו עס ווערט באַרירט זיין גורל. בפֿרט, ווען דער רבי פֿון גער האָט געוואָגט אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג, וואָס איז ווייט נישט געווען די זעלבע, וועלכע איז אויסגעדריקט געוואָרן דורך די פֿאַרשטייער פֿון די אויפֿגעקלערטע און אַסימילאַטאָרן. רבי איטשע־מאיר איז אַפֿילו איין מאָל אַרעס־טירט געוואָרן צוליב זיינע מוטיקע דערקלערונגען. ער איז ערשט באַפֿרייט געוואָרן נאָך דעם ווי טויזנטער חסידים האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אַרום דער מויער פֿון תּפֿיסה און געפֿאָדערט, אַז עס זאָלן אָנערקענט ווערן די רעכט פֿון רבי פֿון גער צו רעדן אין נאָמען פֿון זיין עדה.

אָבער נישט בלויז צוליב דער פֿאַרצווייגטער כּלל־אַרבעט האָט דאָס חסידות פֿון גער פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ נייע ריכטונג אין דער חסידישער באַוועגונג. די שווערד און דער ספֿר („סייף וספֿר"), וואָס האָבן לויט דעם אַלטן תּלמודישן זאָג (ספֿרי, פּרשת עקב) צוזאַמען אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, האָבן צוזאַמען אויך אַראָפּגענידערט אין גער. דאָס ספֿר איז נישט אָפּגעשטויסן געוואָרן אין אַ זייט צוליב דער כּלל־טעטיקייט. אין גער האָט מען געלערנט. אין גער האָט מען זיך פֿאַרטיפֿט אין ש״ס און פּוסקים. אין גער האָט מען געשטרעבט צו מאַכן דעם ייִדישן סוחר, דעם ייִדישן בעל־מלאָכה, פֿאַר אַ למדן, אָדער לכל־הפּחות אַריינ־ברענגען אין אים דעם ווילן צו לערנען און צו שטייגן אין לערנען. רבי איטשע־מאיר האָט זיך אָפּגעגעבן מיט שרייבן חידושי תּורה און רעדאַגירן שאלות ותּשובות אין די פּראָבלעמען פֿון דער הלכה. ער איז פֿאַקטיש באַקאַנט אין דער חסידישער וועלט מיטן נאָמען פֿון זיינע ספֿרים, „חידושי הרי״ם", טיף־לומדישע חיבורים, וועלכע באַהאַנדלען מיט אומגעוויינלעכער חריפֿות אַ ריי מסכתּות פֿון ש״ס. די חידושים פֿון רבי איטשע־מאיר. געווען ווי אַ חידוש, איז געווען אין גאַנצן גער. אויב דאָ און דאָרט איז חסידות פֿאַרגעשטעלט געוואָרן ווי אַ נעסט,

וואָס עס האָבן פאַר זיך אויסגעבויט די נאַיִווע פון פאָלק, די פּראָסטע פון המון און זיינע עם־הארצים, האָט גער באַוויזן, אַז חסידות איז אויך מסוגל צו פינקלען מיט שאַרפזיניקער פּקחות און מיט פאַרבליפנדיקער לומדות. אַפילו קעגנער האָבן געמוזט מודה זיין, אַז וואָס שייך גאונות, קען אפשר קיינער זיך נישט פאַרגלייכן צווישן פוילישן יידנטום מיטן רבי פון גער.

אָט דער אומגעוויינלעכער צונויפפאַר פון פּראַקטישן מסחר־חוש, מסירת־נפשדיקער כלל־אַרבעט און פאַרטיפטער לומדות, האָט אין חסידות פון גער אַריינגעברענגט יענע כאַראַקטעריסטיק, וואָס עס איז אַזוי שווער צו געפינען פאַר איר אַ פּאַסיקע באַצייכענונג. מען קען דאָס אָנרופן: עזות. מען קען דאָס אָנרופן: כאַראַקטער־שטאַרקייט. מען קען דאָס אָנרופן: תּקיפות, פעסטקייט פון פּרינציפּן. אויב מען וויל, קען מען דאָס אַפילו אָנרופן: חוצפּה. דאָס חסידות פון גער האָט פאַרמאָגט די עזות און די חוצפּה, וואָס האָבן זיך נישט אָנגעזען אין די אַנדערע ריכטונגען פון חסידות. אָבער וואָס זענען פאַרבליבן אייגנטימלעך פאַר גער.

דאָס זענען געווען די עזות און די חוצפּה, וואָס זענען ווייט נישט געשטאַנען אין סתירה מיט דער באַשיידנקייט און עניוות, אויף וועלכע עס האָט זיך דאָך אָנגעשפּאַרט די תּורה פון חסידות. אין ערנסטער אויפריכטיקייט האָט דער חידושי הרי״ם, אַ צעבראָכענער פון ווייטיק, דערקלערט אויף דער לוויה פון זיין מוטער, אַז ער בעט ביי איר זי זאָל אים מוחל זיין, ווען זי וועט אויפן עולם האמת זיך דערוויסן, אַז איר זון איז גאָרנישט ראוי צו זיין רבי. אויך ער, דער זון, האַלט, אַז ער איז דערצו נישט ראוי. אויך ער האַלט, אַז די מענטשן נאַרן זיך אין אים און מאַכן אַ שרעקלעכן טעות.

דאָס זענען געווען די עזות און די חוצפּה וועלכע האָבן באַקומען זייער רירנדיקן אויסדרוק אין דער באַמערקונג, וואָס דער חידושי הרי״ם האָט אַ מאָל געמאַכט, און וואָס פאַרדינט אָוועקגעשטעלט צו ווערן אויפן שער־בלאַט פון יעדער אָפּהאַנדלונג וועגן מערקווירדיקן חסידות פון גער. דאָס איז געווען אויף אַ באַראַטונג פון קהל. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גזירה אויף יידן. די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג, האָבן געהאַלטן, אַז עס איז מער נישט מעגלעך אָפּצושרייען די גזירה, וואָרום אַלע טירן האָבן זיך פאַרמאַכט פאַר די אינטערווענצן. אָבער דער חידושי הרי״ם האָט זיך געהאַלטן עקשנות־דיק ביי זיינס. מען מוז, האָט ער געזאָגט, מען מוז ווייטער קלאַפּן אין די טירן. און ווען מען האָט אים אָנגעוויזן, אַז מען קען דאָך נישט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, האָט ער אָפּגעענטפערט: אַפילו ווען מיר קענען נישט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט, מוזן מיר דאָך, אויב עס האַנדלט זיך וועגן יידן און יידישקייט, שלאָגן קאָפּ אין וואַנט...

ווי געזאָגט, זעט זיך אָן דער ביישטייער פון חידושי הרי״ם צו אונדזער

רעליגיעזער ליטעראַטור בעיקר אין פֿעלד פֿון לומדות און פּילפּול. אָבער אויך די חסידישע מחשבה איז באַרייכערט געוואָרן פֿון זיין גייסטיקן אוצר. אין די תּורה־ווערטער, וואָס ער האָט געלאָזט פֿאַלן, האָט ער כּסדר זיך אומגעקערט צום כּלל־מאָטיוו. אין פּסוק פֿון חומש שמות, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז ביי מכּת חושך „לא ראו איש את אחיו ולא קמו איש מתחתיו", האָט ער געלייגט דעם טראָפּ אויף דער ערשטער העלפֿט פֿון פּסוק. אויב מען באַמערקט נישט דעם ברודער, האָט ער אויסגעטייטשט, קען מען זיך נישט אויפֿשטעלן, קען מען זיך נישט אויפֿהייבן, קען מען נישט שטייגן אין דער הויך. אין פּסוק פֿון שיר השירים „אני ישנה ולבי ער", האָט ער געפֿונען דעם אָנדייט, אַז אַפֿילו ווען ייִדן ווילן אַריינפֿאַלן אין אַ דרימל, מוז זייער האַרץ זיך באַוועגן אויף דער וואַך. אין זאָג פֿון הלל, וועלכער איז אַריין אין פּרקי אָבות, און וואָס ווייזט אונדז אָן: „אם אין אני לי, מי לי", האָט ער באַמערקט די עיקר כּוונה אין דער שטעלע „וכשאני לעצמי, מה אני", אויב איך באַגרייף נישט, אַז איך בין אַ טייל פֿון כּלל, טאָ ווער און וואָס בין איך, מ'שטיינס געזאָגט?... ער האָט געזאָגט ביי אַ געלעגנהייט, אַז ווער עס שפּירט די אמתע סכּנה יעדע מינוט, דערשרעקט זיך נישט מער פֿאַר דער סכּנה פֿון דער מינוט. אין דער עצה וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן אין תּהילים „סור מרע ועשה טוב", באַפֿעלט מען אונדז נישט בלויז אָפּצוטרעטן פֿון שלעכטס, נאָר צו מאָל נישט גריבלען זיך אין וועזן פֿון שלעכטס. גלייכער איז — צו טאָן דאָס גוטע. טוען, טוען! — דאָס איז דער געבאָט. דאָס לעבן קען נישט פֿאַרוואַנדלט ווערן אויף גריבלעריי, וואָס פֿירט צו גאָרנישט. ער האָט אין אַ ראָש־השנה אויסגעטייטשט, פֿאַר וואָס מען דאַרף וויינען, ווען מען קומט צו דעם זאָץ „אָדם יסודו מעפר וסופו לעפר". אויב מען האָט זיך נישט אויפֿגעהויבן מיט מסירת־נפשדיקע מעשׂים פֿאַרן כּלל, נאָר גע־לעבט בלויז פֿאַר זיך אַליין, איז טאַקע דער שטויב פֿאַרבליבן ביזן סוף פֿון לעבן, און דערויף איז צו וויינען.

אָט אַזוי איז אין דער צווייטער העלפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט רייף געוואָרן דאָס חסידות פֿון גער צווישן פּוילישן ייִדנטום. און ווען איך פּרוּוו איצט געפֿינען די פֿראַזע, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען צום טרעפֿלעכסטן דאָס אינערלעכע פּנים פֿון גער, קומען מיר אויפֿן זינען די ווערטער פֿון תּלמוד, וואָס זענען צוגעשריבן געוואָרן שמואלן, דעם אמורא פֿון בבל: „נהירין לי שבילי דשמיא כשבילי דנהרדעא" (ברכות נח). די סטעזשקעס און וועגן פֿון הימל זענען פֿאַר מיר אַזוי קלאָר און באַקאַנט, ווי די וועגן און סטעזשקעס פֿון מיין שטאָט נהרדעא... אָבער מיט איין אונטערשייד: אין גער האָט מען געשטרעבט, אַז די וועגן און סטעזשקעס איבער וועלכע דער ייִד גייט אין די לענדער און שטעט, ווו ער לעבט, זאָלן פֿאַרמאָגן אין זיך די קלאָרקייט און דורכזיכטיקייט פֿון הימל.

די תּפֿילה וואָס מיר זאָגן אין די ימים נוראים „לגולה עמוקות בדין", באַ־

טייט אינעם אויסטייטש פון גרינדער פון גערער חסידות, אַז אין דין איז דאָ טיפקייט, אין דין איז דאָ רחמים, אין טאָג־טעגלעכער אויפפירונג איז דאָ דער־הויבנקייט, און דורך פּראַקטישע ממשותדיקע מעשׂים קענען דערהויבן ווערן דער כּלל און דער יחיד.

ג.

מיט רבי איטשע מאיר אַלטער האָט זיך געעפנט דאָס בלאַט פון גערער חסידות. עס האָט נאָך אים געצויגן די גאָלדענע קייט פון תּורה און מחשבה, פון וואָרט און טאַט. זיין איינקל, רבי יהודה אריה לייב. ער איז באַקאַנט אויפן נאָמען פון זיין ספר: „שׂפת אמת״. דערצויגן ביי זיין זיידן, האָט ער מיט זיך געטראָגן זיין גייסטיקע ירושה, זיין בליק אויף וועלט און לעבן, אויף מענטש און ייִד.

די געדאַנקען, וואָס הייבן זיך אויף אין ספר „שׂפת אמת״, העלפן אונדז נאָך מער צו באַגלייטן דאָס חסידות פון גער אין די יאָרן פון איר וווּקס. די שווערע זינד פון קורח איז באַשטאַנען לויט רבי יהודה אריה לייב פון גער דערין, וואָס „ויקח קורח״, ער האָט זיך אָפּגעטיילט פון ציבור. וועגן די צדיקים, וואָס האָבן אפשר זיך געפונען אין סדום, באַנוצט זיך דער חומש בראשית מיט די ווערטער „בתוך העיר״. דאָס הייסט, אַז אויב מען איז טאַקע אַ צדיק, מוז מען זיך באַ־וועגן „בתוך העיר״, אינעווייניק, אין דער שטאָט, זיין אויסגעמישט מיטן ציבור, פילן זיין ווייטיק, זיין פאַרקאָכט אין זיינע פּראָבלעמען. און ווי אַזוי איז מען געקומען אין דער ייִדישער אמונה צו דער נבואה? אין חומש דברים וועט איר געפינען דעם ענטפער: „נביא מקרבך מאחיך״. דורך דער פאַרברידערונג מיטן כּלל ישׂראל. דער נביא איז געווען לערער און ברודער. אַ באַזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט פאַרדינט אין אַלע ייִדישע דורות מרדכי, וועלכער ווערט דער־מאָנט אין מגילת אסתּר. מרדכי האָט נישט געקניט פאַר קיינעם. ער איז מוטיק אַרויסגעטרעטן אין שוץ פון פאָלק. אין יעדן דור זענען פאַראַן און מוזן זיין מרדכיס, וועלכע פאַלן נישט אויף די קני.

אַ טיפע באַדייטונג באַקומט אין דער לויטערער מחשבה פון „שׂפת אמת״ די „נקודה פנימית״, דאָס אינערלעכע פּינטעלע, וואָס פאַרבינדט דעם ייִדישן יחיד מיט דער נשמה פון כּלל, מיט זיינע איבערלעבונגען און דערפאַרונגען; מיט זיין גלויבן און האָפענונגען. דאָס „אינערלעכע פּינטעלע״ איז דער קוואַל פון דער אמונה, און אויך דער „מקור המעשׂה״, דער קוואַל פון טאַט. טאַקע אין דער בחינה פון „עשׂיה״, פון אַקטיווקייט און טאַט, געפינט זיך ארץ־ישׂראל, איר קדושה, איר גאולה. דורך גרויסע מסירת־נפשדיקע מעשׂים קאָן מען אַרויסנע־

מען די ייִדן פון גלות און אַרויסנעמען דעם גלות פון ייִדן, הגם דאָס לעצטע איז אַ סך שווערער אַדורכצופירן.

מיט רבי אַברהם מרדכי, דער זון פון „שפת אמת", האָט זיך פאַרמאַכט דאָס בלאַט פון גערער חסידות אין פוילן. אין די יאָרן פון ערב־חורבן האָט רבי אַברהם מרדכי אַלטער געצויגן די טראַדיציע פון גער מיט דער אומדערמידלע־כער ענערגיע פון בראשית פון דאָזיקן חסידות. די אַקטיווקייט האָט זיך אויס־געשפּרייט אין אַלע געביטן און ווינקלען פון ייִדישן לעבן. גער האָט אויפגע־שטעלט ישיבות; גער האָט אויסגעהאָדעוועט לומדים. אָבער אין איר זענען אויך אויסגעוואָקסן אַנשי מעשׂה; מענטשן, וואָס האָבן זיך באַוועגט אין טאָג־טעגלעכן ווירוואַר פון האַנדל און אַרבעט. דאָס חסידות פון גער איז געווען טעטיק אין דער פּאָליטיק, אין די סאָציאַלע אונטערנעמונגען, אין אויפבוי פון ארץ ישׂראל. אין דער וועלט פון חסידות איז גער געווען פון די ערשטע, ווו די ליבשאַפט צו ארץ ישׂראל האָט זיך אויסגעדריקט נישט בלויז אין דביקות פון דער תּפילה און אין דער כּוונה פון סוד, נאָר אויך אין קאָנקרעטע, פּראַקטישע אויפטוען. רבי און חסידים זענען געפאָרן קיין ארץ ישׂראל. מען האָט געגרינדעט קאָ־לאָניעס. מען האָט געבויט הייזער, מען האָט פאַרלייגט פאַבריקן; מען האָט גע־קויפט ערד. רבי אַברהם מרדכי אַלטער האָט געזאָגט: פאַראַן מעשׂים וואָס אין אַ באַשטימטער צייט און אין אַ באַשטימטן אָרט, וועגן זיי אַפילו אַריבער דאָס לערנען תּורה.

איך האָב זיי געקענט, די חסידים פון גער. איך האָב ביזן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געדאַוונט אין אַ גערער שטיבל אין וואַרשע. דער נוסח פון גער און דער טעמפּעראַמענט פון גער האָבן אויפגעהאַלטן זייער פרישקייט אין האַרץ פון די אַלע, וועלכע זענען מיטן דאָזיקן חסידות געקומען אין באַריר. גער איז אויך היינט אַ דינאַמישע און שפּרודלדיקע באַוועגונג אין מדינת ישׂראל, ווו זי זאָרגט מיט אומדערשיטערטער עקשנות פאַר איר המשך. שרייבן וועגן גער אין פינפטן יאָרצענדליק נאָכן חורבן פון פּוילישן ייִדנטום באַטייט: זען דאָס אינערלעכע פּנים פון ייִדיש־פּוילישן קיבוץ אין די לעצטע הונדערט יאָר פון זיין געשיכטע. דאָס באַטייט: האָבן פאַר זיך דעם מערקווירדיקן צונויפפאַר פון עניוות און עזות, וואָס האָט אָנגענומען אַזעלכע בולטע פאָרמען אין דער אומ־געוויינלעכער צייט פון שטורעם און בין־השמשות. עס באַטייט: באַגלייטן דעם ייִדיש־פּוילישן קיבוץ אין זיינע ראַנגלענישן און הערויִשע אָנשטרענגונגען. דאָס מיינט אויך: איינהאָרכן זיך אין זיין רירנדיקן שמועס מיט גאָט און מענטש.

וואָרט און שמועס אין דער וועלט פון חסידות

א.

ווער ווייסט, צי אין שמועס, אין אַקטיוון, באַטייטפולן, פשטותדיקן און דערביי פּאַרטיפטן שמועס, האָט נישט געפונען איר אויסדרוק די ייִדיש־רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קולטורן, ווו די פיגור פון שטיין אָדער ליים, די שניצערייַ פון האָלץ, די סקולפּטור, דאָס בילד, זענען קולטיווירט געוואָרן זינט פּאַרצייטנס, און אַפילו דעמאָלט, ווען דאָס וואָרט האָט אָנגעהויבן צו באַקומען חשיבות, איז די געוויכט געלייגט געוואָרן אויפן מאָנאָלאָג, האָט מען צווישן ייִדן צוגעשריבן דראַמאַטישע באַדייטונג צו דעם קעגנזייטיקן אויסטויש פון רייד. מעגלעך, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, ווייל מיט וואָרט האָט זיך אָנגעהויבן די געטלעכע אינטערווענץ אין אוניווערס, אַזוי ווי דאָס ווערט דערציילט אין ערשטן קאַפּיטל פון ספר בראשית; און אין דעם אוניווערס איז אויך אין זיין שטומקייט אָנגעגאַנגען דער געשפּרעך צווישן באַשאַף און באַשעפער. קען זיין, אַז דאָס נעמט זיך אויך דערפון, ווייל דער צונויפטרעף פון גאָט מיט מענטש האָט זיך גלייך געעפנט מיט אַ געשפּרעך, אַזוי ווי דאָס ווערט דערציילט אין דריטן קאַפּיטל פון זעלבן חומש. זייט ביי זייט מיט דער נייגונג צו אינדיווידואַליזם, וואָס האָט זיך שטאַרק אָנגעזען אין די פאַרשידענע תקופות פון אונדזער געשיכטע, האָט זיך אויך אַרויסגעהויבן דער סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס האָט דאָך זיינע וואָרצלען אין פּנים־אל־פּנימדיקן צונויפטרעף פון מענטש מיט מענטש און אין דיאַלאָג. עס האָט דערויף אָנגעוויזן מאַרטין בובער, וועלכער האָט אויפן סמך פון אָט דעם שטריך, וואָס טרעט אַרויס אַזוי בולט אין תנ״ך, אַנטוויקלט זיין „איך—דו״־טעאָריע. דאָס הייסט, אַז אין ייִדנטום באַקומט דער „איך״ זיין זכות צו עקסיסטירן, און אויך זיין תיקון ערשט, ווען ער גייט אַריין אין קאָנטאַקט מיטן מיטמענטש, וואָרום ערשט דורכן „דו״ ווערט דער „איך״ באַטייטפול, ווערטפול, און ער ווערט אויך נתעלה. אָבער אין אָט דער עסיי גייען אונדז נישט אָן די טעאָלאָגישע אויספירן, וואָס צו זיי קומט בובער, און אַפילו נישט די פילאָסאָפישע הנחות, וואָס ער בויט אויס.

אונדז גייט טאַקע בפירוש אין שמועס, וואָס ציט זיך איבער דער גאַנצער ייִדי־שער געשיכטע. דער אינטימער, אוממיטלבאַרער שמועס, וואָס שפּראַצט אַרויס פון דער איבערלעבונג און וואָס ברענגט אַנזאָג און פרישקייט. דער שמועס, וואָס אַט שפּרודלט ער מיט פרייד און אַט פאַרגייט ער זיך אין אַ זיפץ. אַט שיינט ער אויף מיט אַ טרייסט און אַט ווערט ער פאַרוואָלקנט פון דער אַנטוישונג; אַט פאַרוויגט ער זיך אין דער צאַרטקייט פון געפיל און אַט יאָגט ער אַן דעם שטורעם פון דער עמאָציע.

אויב מען זוכט די חילוקים, וועלכע האָבן אונדז תּמיד פונאַנדערגעטיילט פון דער נישט־ייִדישער וועלט, קאָן מען נישט פאַרמאַכן דאָס אויג אויפן דאָזיקן תּהום, וואָס שפּרייט זיך אויס טאַקע אויפן געביט פון וואָרט. נישט בלויז וואָס דער ייִדיש־רעליגיעזער פאַרבאָט האָט פאַרווערט אויסצוהעמערן סטאַטועס און נישט בלויז וואָס מיר האָבן אין די בילדער און אָפּבילדער נישט געזען און נישט געוואָלט זען קיין אָפּשיין פון דער געטלעכקייט, נאָר מיר האָבן אַפילו נישט געהאַלטן, אַז זיי קענען געבן דויערהאַפטיקן אויסדרוק דעם ווונדער פון מענטש. מיר האָבן, ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט האָבן געקלונגען אין דער וועלט פון וייטן אַמאָל, נישט געגלייבט אין דער אייביקייט פון די פּיראַמידעס און אין דער אומפאַרגענגלעכקייט פון די ספינקסן. די אינטואיציע האָט אונדז אונטער־געזאָגט, אַז מאָנומענטן פון שטיינער שטאַרבן און גראָד ווערטער לעבן. גראָד דאָס וואָרט, וואָס דאַכט זיך אויס צו זיין שוואַך און פאַרביילויפנדיק, דער „אָתא קלילא דלית בה משׁשׁותא״, ווי עס זאָגט דער דיכטער פון שבֿועותדיקן אַקדמות. דער לייכטער אות, וואָס האָט נישט אין זיך קיין ממשות, איז שטאַרקער ווי די פעלדזן. דאָס קול איז דער מעכטיקסטער צווישן די אויסדרוקן, מיט וועלכע דער מענטש איז באַשאָנקען. יאָרטויזנטער פאַר די מאָדערנע דערפינדונגען, זענען מיר זיכער געווען, אַז דאָס מענטשלעכע קול טראָגט זיך פון איין עק וועלט ביזן צווייטן. און אַז עס גייט זיך פונאַנדער זינט דעם סאַמע באַגינען פון די דורות, און וועט אַפילו אָפּהילכן ווי אַ בת־קול אין דעם סוף פון די טעג. דער אַלטער פּסוק פון חומש „הקול קול יעקב״ איז אין פאָלקס־אויסטייטש אַרויס פון גדר פון פּשט. ער האָט באַקומען די פאַרשידנסטע אינטערפּרעטאַציעס, און מען האָט אין אים אַריינגעלייגט כּלערליי כּוונות און רמזים. מען קען, האָבן מיר אויך צוגעגעבן אין פולער ערנסטקייט, נישט בלויז הערן דאָס קול. אויב מען שטרענגט זיך אָן, איז מען אַפילו מסוגל אים צו זען. בעת דאָס וואָרט האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פון דער הויכקייט פון באַרג, אין דער אַנטפּלעקונג פון סיני, האָט מען די קולות געזען (וכל העם רואים את הקולות, שמות כ׳ טו).

עס האָט גענומען לאַנג ביז מען האָט אין דער אַלטער גריכישער ציוויליזאַציע אָנגעהויבן משׂיג צו זיין, אַז די פּאָעטישע פערזן פון האָמער זענען מער אַנטשיידנדיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון מענטש און געזעלשאַפט ווי די מאַיעס־

טעטישע זיילן פון אַקראָפּאָליס. אָבער דער אמת איז, אַז אַפילו אין די דורות, ווען אין דער העלענישער וועלט האָט זיך פונאַנדערגעבליט אין איר גאַנצער פּראַכט די קונסט פון וואָרט, און אויך דער דיאַלאָג איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער דראַמע און פון דער פילאָסאָפישער באַטראַכטונג, האָט נאָך אַלץ דאָרט געפעלט די אוממיטלבאַרקייט און היימישע וואַרעמקייט פון מענטשלעכן צונויפטרעף. די פּערזאָנען, וואָס פירן וויכּוחים אין די כּתבים פון פּלאַטאָן, דערשיינען פאַר אונדז, ווי זיי וואָלטן געקומען ערגעץ פון די מרחקים פון געדאַנק און באַגריף, און אויך פאַר די מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין יענער צייט, די מענטשן פון אַטען און קאָרינט, זענען זיי נישט אויסגעקומען צו זיין נענטער. וואָס שייך די העלדן, וועלכע טרעטן אַרויס אין די טראַגעדיעס פון סאָפאָקלעס איז אמת, אַז זייער וועג אין לעבן איז דער וועג פון ווייַ און דערוואַרטונג, אָבער צוליב די אינטערווענצן פון כּאָר, וועלכער איז אַ באַשטאַנדטייל פון דער קלאַסישער גריכישער טראַגעדיע און צוליב דעם צוואַנג פון בלינדן, אומברחמנותדיקן פאַטאַליזם, וואָס פון אים איז קיינער זיך נישט מסוגל צו באַפרייען, ווערט אַוועקגערוקט אין שאָטן דער מענטש, ווערט געמאַכט אַ שטריך איבער דער מעגלעכקייט פון מענטש אויסצובויען זיין ווילן און צו מאַכן זיין אייגענע דעציזיע און אַוודאי און אַוודאי, אַז עס ווערט לגמרי פאַרזען דער כּוח, וואָס דאָס וואָרט פון מיטמענטש און דער שמועס קענען האָבן אין דער אַנטוויקלונג פון די פּאַסירונגען און אין אויספאָרמירן דעם כאַראַקטער.

ווי געזאָגט, איז דער שמועס געווען אַנטשיידנדיק אין דורותדיקן וועג פון אונדזער פאָלק. אין ראָד פון געשפּרעך האָבן זיך געפונען די, וועלכע זענען אַרויפגעשטיגן צו חשיבות און אָנזען און די, וואָס זענען פאַרבליבן אין ווינקל פון באַשיידנקייט. מיט שמועסן איז אַדורכגעפלאָכטן דאָס לעבן פון די אָבות. אין איין פּרשה, וואָס איז כּולה געשפּרעך (די פּרשה חיי־שׂרה) ווערט אָפּגעשלאָסן איין דור און עס עפנט זיך דאָס בלאַט פון אַ נייעם דור. מיט באַגעגעניש און אויסטויש פון רייד זענען צונויפגעקייטלט די קאַפּיטלען, וועלכע שילדערן די דערפאַרונג פון דורות ייִדן אין לאַנד מצרים. און אויך די וויזיעס וואָס האָבן צוגעגרייט די נביאים צו זייערע גרויסע אויפגאַבעס, האָבן נישט אַדורכגעלאָזט די ראָל, וואָס דאָס קול און דער געשפּרעך האָבן באַדאַרפט אויספולן אין דעם אַחריותפולן באַשלוס אָנצונעמען די שווערע און דאָרניקע שליחות. אין פלאַם־פייער, וואָס האָט געפלאַקערט אין סנה און וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין אויג, האָט משה געהערט דאָס קול, וואָס האָט אים, דעם כּבד פּה, אינספּירירט אַריינצוגיין אין אַ געשפּרעך, רייך אין עמאָציאָנעלער רעאַקציע, ווו גלויבן און ענטוזיאַזם האָבן געפירט אַ געראַנגל קעגן צווייפל און שטאַמלעניש. דאָס קול האָט נישט געקענט אויסגעמיטן ווערן אין יענע נעכט, ווען שמואל איז אין משכּן אין שילה אַריינגעטריבן געוואָרן אין דער שפּאַנונג פון

אינערלעכן אומרו צו פירן דאָס פאָלק, וואָס האָט געהאַט פאַרבלאָנדזשעט אויף קרומע וועגן. און וואָס איז דאָס קאַפּיטל פון ישעיהו, דאָס זעקסטע קאַפּיטל, וואָס דערציילט ווי אַזוי און אין וואָסערע אומשטענדן, ער, דער זון פון אָמוץ דער „מאַן מיט אומווירדיקע ליפּן", איז געקומען צו ווערן אַ נביא, אויב נישט אַ באַווייז, אַז ערשט דורך דעם געשפּרעך איז אַרויסגעטראָטן אין איר גאַנצן גרויל די נאַקעטע קעגנוואַרט און עס איז אַראָפּגעריסן געוואָרן דער שלייער פון דער סודותפולער צוקונפט? וואָס איז דער פרק פון ירמיהו, דער ערשטער פרק, ווו עס ווערט אַרויפגעוואָרפן אויף אים, דעם יוגנטלעכן זון פון חלקיהו, די אויפגאַבע זיך צו שטעלן פאַר די גרויסע און מעכטיקע, אויב נישט אַן אָנזאָג, ווי וויכטיק דער אויסטויש פון רייד וועט זיין אין דער שליחות, וואָס ער נעמט אויף זיך? „אַ, ווי ווייטיקלעך איז, וואָס איך ווייס נישט ווי אַזוי צו רעדן", קלאָגט זיך דער יונגער ירמיהו; און נאָר די פאַרזיכערונג, וואָס ווערט אים געגעבן, אַז דאָס וואָרט וועט דאָך זיין אין זיין מויל, און ער וועט באַוויזן צו באַזיגן די אומבאַהאָלפנקייט פון רעדן, פירט אים אַרויס פון זיין פאַרלוירנקייט. די מגילה, וואָס יחזקאל האָט באַדאַרפט אַראָפּשלינגען, די מגילה פון קלאָג און ווײ, און וואָס איז געווען פאַרשריבן פון ביידע זייטן, האָט אייגנטלעך באַדאַרפט דינען ווי אַ סימבאָל, אַז די רייד וואָס ער וועט ריידן, וועלן קומען פון זיין אינגעווייד און פון זיין האַרץ (יחזקאל, ג).

מיטן געשפּרעך הייבט זיך אָן און מיטן געשפּרעך פאַרענדיקט זיך דער ספר פון יונה, און ער ווערט געפירט אין כּלערליי מעגלעכע ערטער, אויף דער יבשה, אויף דער שיף און אין די טיפענישן פון ים. אויך די לעצטע פון די נביאים, האָבן אין אַ געענדערטער וועלט, און אין געענדערטע אומשטענדן, נישט אויפגעהערט גלייבן, אַז וואָרט און שמועס, קענען קיין מאָל נישט פאַרלירן זייער כּוח און ווירקעוודיקייט. דער מאַן, וואָס רייט אויפן רויטן פערד, דער לאַנגער גראָבער שטריק, די מנורה פון גאָלד מיט אירע ליכט און איילבירטן, די אַלע מערקווערדיקע וויזיעס פון זכריה, געווינען זייער באַטייט, ווען זיי ווערן באַלעבט פון געשפּרעך, ווו די זעונג ווערט דערהויבן מיט דעם ניואַנס פון וואָרט. און אַפילו די לאַנגע אויפקלערונגען, וואָס מיט זיי איז פול דער ספר איוב און וואָס קענען מאַכן דעם איינדרוק פון מאָנאָלאָגן, פאַרבאַהאַלטן דאָך, צוליב דעם לייטמאָטיוו וואָס פאַראייניקט זיי אַלע — דער צער פון איוב און זיין געברויך צו געפינען טרייסט אין דער שעה פון אומגליק און פאַרצווייפלונג, — דעם עיקר־שטריך, פאַר וואָס דער דיאַלאָג איז אַזוי נייטיק אין מענטשלעכן לעבן: דער ימי בראשיתדיקער פאַרלאַנג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן גלייך מיט אָדם הראשון, צו געפינען אין וואָרט פון מיטמענטש אָנהאַלט און וואַרעמקייט.

מיר האָבן זיך צוגעוווינט צו באַצייכענען דעם תּלמוד, ווי די אָנגעפּראַפּטע בענדער, וואָס אין זיי זענען צונויפגעקליבן געוואָרן די דעבאַטעס, וואָס האָבן

זיך געפירט אין משך פון לאַנגע יאָרהונדערטער איבער דינים און הלכות און די שקלא וטריא איבער דעם, וואָס מען מעג טאָן און איבער דעם וואָס מען טאָר נישט טאָן. די טערמינען פון געזעץ און הלכה האָבן משמעות אַוועקגענומען ביי דער משנה און ביי דער גמרא זייער איינציקאַרטיקייט צווישן אַלע אוצרות פון דער מענטשלעכער קולטור: דאָס געזעץ איז דאָרט שפּאַרלעך צונויפגעמישט מיט דער צאַרטקייט און געמיטלעכקייט פון דער אגדה, און גאָר אָפט פאַלט זיך פונאַנדער אין די מסכתות פון ש״ס די מחיצה צווישן דעם זאַרגפעלטיק רעדאַקטירטן הלכהשן טעקסט און דער פּאָעזיע און באַרעדעוודיקן שמועס פון דער אגדה; די יורידישע וויכּוחים און אַמפּערנישן צווישן הלל און שמאַי, צווישן רבי מאיר און רבי יהודה, און די בעיות פון אַביי און רבא, צי פון רב און שמואל, זענען איינגעגלידערט נישט בלויז אין אויסטויש פון מיינונגען, נאָר טאַקע בפירוש אין אויסטויש פון רייד, אין פּערזענלעכע איבערלעבונגען און אין טאָן פון רירנדיקער היימישקייט. נישט בלויז מיר, אין די שפּעטערדיקע דורות האָבן גענומען אויסזינגען די סוגיות פון דער גמרא מיט אַ ניגון. אונדז קומט אויס, אַז זיי אַליין, די תּנאים און אַמוראים, האָבן זייערע מיינונגס־פאַרשידנקייטן אויסגעזונגען מיט דער מעלאָדיע פון מענטשלעכער אינטימקייט. אַ פּאַרליבטער אין געשפּרעך איז בלי ספק געווען הלל, וועלכער האָט אויך דעמאָלט, ווען מען האָט אים אַוועקגעשטעלט פאַר האַרבע און איבלדיקע פראַגעס, אויפגעהאַלטן דעם האַרציקן טאָן פון וואָרט. שרעקלעך בלאַס און קאַלירלאָז וואָלט פאַר אונדז אויסגעקומען די געשטאַלט פון רבי עקיבא, ווען אין די בלעטער פון ש״ס וואָלטן נישט, צווישן זיינע הלכהשע אויפבליצן, זיך אָפּגעהיטן אויך זיינע געשפּרעכן, זיינע שמועסן מיט זיין ווייב, מיט זיינע לערער און תּלמידים, מיט זיינע פריינד און קעגנער, און וואָס האָבן זיך נישט איבערגעריסן אַפילו, ווען די האַרצלאָזע רוימישע תּליינים האָבן געקעמט זיין גוף מיט אַן אייזערנער קאַם.

דאָס ווערטל, דער אַפאָריזם, דער משל, זענען ווי אין קיין שום ספר פון געזעצן ביי קיין שום אומה ולשון, אַריינגעוועבט אין די שאַרפע און קאָמפּליצירטע וויכּוחים וואָס ווערן געפירט אין די מסכתות פון תּלמוד. שוין אָפּגערעדט דערפון, אַז אַ שמועס, אַ לירישער, ווייכער שמועס איז פאַרבליבן דער מדרש. גלייך מיט אַ געשפּרעך גייען מיר אַריין אין זיין וווּנדער־קרייז. רבי הושעיא און רבי יהושע עפענען אָט די סימפאָניע פון קול און קלאַנג, וואָס עס איז, למשל, דער מדרש רבה; אַ סימפאָניע, וואָס איז אויך אין אירע שלוס־אַקאָרדן אַ שמועס צווישן דעם מענטש און זיין נשמה, און ווו נישט אומזיסט, אין די לעצטע שורות, לערנט מען אונדז, אַז „אלו ואלו היו אומרים״, די און יענע האָבן געזאָגט; געזאָגט און דאָך אַלץ נישט דערזאָגט דאָס וואָס לאָזט זיך זאָגן. אַפילו דער פאַרהייליקטער ספר פון אונדזער קבלה, דער זוהר, האָט נישט

בלויז אין אַבסטראַקטן אות צי אין אַבסטראַקטן וואָרט אויסגעשפּינט דעם ווונ־דער פֿון באַשאַף. דער געשפּרעך האָט ערשט פֿאַרטיפֿט דעם סוד, פֿאַרטיפֿט און אַנטפּלעקט. און רבי שמעון בן יוחאי האָט דערהערט דעם אינערלעכן רוף דעמאָלט, ווען עס איז צו אים געקומען די ווענדונג, ווי עס דערציילט דער זוהר, אין דעם עכט־פּערזענלעכן און אינטימען אופֿן: שמעון, שמעון!

אַ קוואַל פֿון געשפּרעכן שטראָמט, ווי דאָס זעט זיך אָן באַשיינפּערלעך, אין אונדזערע ימים טובים. דאָרט צערעדט זיך דער כּלל און דאָרט צערעדט זיך דער יחיד. דאָרט רעדט טאַקע די כּנסת ישׂראל, אָבער דאָרט שמועסט זיך פֿונאַנדער יעדער איינצלנער ייִד. דער סדר פֿון פּסח איז אַ געשפּרעך צווישן די וואָס זיצן בײַם סדר־טיש. מען האָט געשמועסט פֿאַרצײַטנס בײַם סדר אין בני ברק, אָבער דער שמועס פֿאַרציט זיך, מיט נישט קלענערער וואַרעמקייט, אויך אין אונדזערע צײַטן. און אין סוכּה געפֿינען מיר זיך אין אַ געשפּרעך נישט בלויז מיט די, וואָס זיצן מיט אונדז צוזאַמען אונטערן סכך. מיר קניפּן אָן אַ שמועס מיט די דערהויבענע, נאָענט־ווײַטע געסט, וואָס מיר פֿאַרבעטן צו זיך אין דער סוכּה אַרײַן. מיר קענען זיי טאַקע נישט זען מיטן אויג, די אושפּיזין, אָבער אויסטערנהן קענען מיר זיך מיט זיי. ייִדישע לערער און קעניגן זענען פֿון תּמיד אָן מייסטער פֿון געשפּרעך. מיר קענען שמועסן מיט זיי צו יעדער צײַט. און אַפֿילו מיט די ימים טובים גופֿא זענען מיר מסוגל אויסצוטוישן רייד. אַפֿילו מיטן שבת־טאָג איז אין אונדזער טראַדיציע אײַנגעשטעלט געוואָרן דער שטייגער צו פֿירן גע־שפּרעכן. מיר רעדן זיך צונויף מיטן שבת גלײַך מיטן ערשטן מאָמענט, ווען ער שפּרייזט אַרײַן צו אונדז, און אויך מיט אַ געשפּרעך צעשיידן מיט זיך מיט אים, ווען די שאָטנס פֿון דער וואָך נעמען זיך אויסלייגן.

מער ווי דער אַנאַליז און די טרוקענע פֿאָרשונג איז מסוגל פֿאַר אונדז אויפֿ־צודעקן דאָס אייגנטימלעכע אין דער ייִדישער פּסיכיק דער פֿאַקט וואָס די שאלות־ותשובות פֿון אונדזער רבנישער ליטעראַטור ווערן אין די נישט־ייִדישע לשונות באַצייכנט ווי „רעספּאָנראַ", וואָס באַדײַט: תּשובות. ווי אין אַזוי פֿיל פֿאַלן, איז אויך אָט די איבערזעצונג קינסטלעך און נישט געטריי צום אָריגינאַל. אַ בלויזע תּשובה איז אין תּוך אַ מאָנאָלאָג. און ייִדן זענען נישט קיין מומחים, נישט אין מאָנאָלאָג, נישט אין דערלאַנגען דעם ענטפֿער. מיר זענען בריות אין פֿרעגן, אין שטעלן קשיות, און אין יענע אַלע פֿאָרמען און וועגן, וואָס פֿירן אַרײַן אין שמועס. אונדזער נאַציאָנאַלער שטריך איז גיין און קלעטערן אין גע־שפּרעך, און צוזאַמען, אין שווערער אָנשטרענגונג, פּרווון זוכן דעם ענטפֿער.

אפֿשר טאַקע איז דער גרויסער ייִדישלעכער חן, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף פּירוש רש"י — און וואָס גיט רש"ין אָן אומפֿאַרגלײַכלעכן פּלאַץ צווישן אַלע וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט דערקלערן און שרײַבן פּירושים — זײַן גרויסער טאַלאַנט צו פֿאַרוואַנדלען די אויסטײַטשונגען אין אַ שמועס. אַנדערע מפֿרשים

דערקלערן, רש״י שמועסט. ער איז פּאַרטאָן אין אַ געמיטלעכן, האַרציקן שמועס. ער פירט אַ געשפּרעך מיט דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און מיט דער ייִדישער צוקונפט. מיט די וואָס האָבן געלעבט אַמאָל און מיט די דורות וואָס וועלן קומען שפּעטער.

און אַפילו די, וואָס האָבן נישט, ווי דער באַשיידענער וויין־מאַכער פון טרואַ, געשפּאַצירט בלויז אין גערטנער פון ייִדישן אָריגינעלן שאַפן — און האָבן נישט איינגעזאַפּט אין זיך בלויז דעם „תא שמע״, קום און הער זיך איין, פון דער גמרא, און נישט באַוועגט זיך בלויז אין דער ספּעציפישער אַטמאָספער פון מדרש, ווו דער „אָמר ליה״ (האָט ער צו אים געזאָגט), אָדער „משל למה הדבר דומה״ (אָט איז אַ משל, וואָס צו אים איז גלייך דער דאָזיקער ענין) זענען די כּסדרדיקע אויסדרוקן פון געדאַנק און געפיל — האָבן דאָך אָפּגעשאַצט די באַדייטונג פון געשפּרעך אין דער וועלט פון ייִדישער גייסטיקייט. שלמה בן גבירול האָט אַריינגעפירט אין דער אייראָפּעיִשער דיכטונג דעם געשפּרעך צווישן גוף און נשמה, ווו מענטשלעכער וואַרעמער אָטעם באַהויכט אידעען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם חותם פון פּלאַטאָנס פילאָסאָפיע. און רבי יהודה הלוי האָט אַפילו אין אַ חיבור וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַראַביש און ווו עס פירט זיך אַ דעבאַטע איבער רעליגיע און איבערצייגונג, דער „ספר הכוזרי״, אַריינגעטראָגן דעם מאָטיוו פון איבערלעבונג און דעם זשאַנר פון שמועס. דאָס איז נישט בלויז אַ סיפור המעשׂה וועגן אַ קעניג, וואָס זיין טראָן איז געשטאַנען אויף די ברעגן פון שוואַרצן ים, און וואָס האָט געזוכט אַ גלויבן פאַר זיך און פאַר זיין פאָלק. אין „ספר הכוזרי״ ווערט נישט בלויז געזאָגט, אַז ייִדן זענען דאָס האַרץ פון דער וועלט. אפשר בהיסח הדעת ווערט דאָרט אויך באַוויזן, אַז דאָס וואָרט און דער שמועס זענען דער היסטאָרישער אויסדרוק פון ייִדנטום. און ייִדישע גייסטיקייט איז אין תּוך די זעלבע אין אַלע תּקופות און אין אַלע מקומות פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט. אין אַ צייט פון איינזאַמקייט, און גראָד אין איטאַליע, האָט משה חיים לוצאַטו, אָנגעגליט מיט מיסטיק און מוסר, אויפגעלעבט אין אַ נייעם מאָדערנעם לבוש די אוראַלטע ייִדישע איבערצייגונג, אַז דורכן דירעקטן, אוממיטלבאַרן שמועס קען אויפגערודערט ווערן דאָס מענטשלעכע געוויסן.

ב.

אָבער די אויפגאַבע, וואָס דער שמועס האָט אויסגעפולט אין דער וועלט פון חסידות, און די מדרגה וואָס ער איז דאָרט צו איר דערגאַנגען, שטייגן אַריבער די דערגרייכונגען צו וועלכע ער איז געקומען פריִער אין דער ייִדישער געשיכטע.

ס׳איז נישט מעגלעך זיך פֿאָרצושטעלן דעם וווּקס און די השפּעה פֿון חסידות אין די לעצטע צוויי הונדערט יאָר אין ייִדישן לעבן אָן דעם כּוח פֿון וואָרט און געשפּרעך, וואָס זענען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען פֿון מויל פֿון רבי און חסיד. אין חסידות איז דער שמועס געווען די אינספּיראַציע און די טאָגטעגלעכע שפּייז. ער איז געווען אויסגעקנאָטן פֿון די דאגות פֿון דער וואָך און אין דער זעלבער צייט געפּלייצט מיט דער פֿרייד פֿון שבת און יום־טוב. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן צו די הויכקייטן פֿון געדאַנק און איז געווען די סטרונע, וואָס באַוועגט דאָס געפֿיל. ער האָט זיך געקוילערט איבער שטעטל און דאָרף, ווי אַ טייל פֿון דער ייִדישערווירקלעכקייט אין מזרח־אייראָפּע, און ער האָט געלויכטן מיט וויזיע און האָפֿענונג. ער האָט אָפֿט מאָל אָנגענומען דאָס לשון פֿון דער תּורה און אָפֿט מאָל דאָס לשון פֿון אָרבעטער־וואַרשטאַט. ער האָט גערופֿן און געוועקט, און גלייכצייטיק געגלעט און געצערטלט. ער איז געווען טיפֿער רמז און דערביי דורכזיכטיקע פּשטות. דער חסידישער שמועס איז אויסגעוואַקסן צו באַפֿרוכ־פּערנדיקן ווונדער. און עס איז ווייט נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז אין חסידות איז פֿון ס׳ניי אַנטפּלעקט געוואָרן די אורקראַפֿט וואָס איז אין וואָרט געווען פֿאַרבאָרגן אין די טעג פֿון בראשית און וועגן וועלכן עס רעדט דער אין מיסטיק פֿאַרהוילענער „ספֿר יצירה״.

נאָר איינצלנע פֿון די גרויסע לערער פֿון חסידות האָבן געשריבן ספֿרים. זיי האָבן ליבערשט געוואָלט אַריינגיין אין פּנים־אל־פּנים־קאָנטאַקט מיטן יחיד און מיט דער עדה — זאָגן, שמועסן, זיך צונויפֿרעדן. זיי האָבן צו מאָל נישט פֿאַרצייכנט די דברי תּורה וואָס זיי פֿלעגן זאָגן. כּמעט אַלע ספֿרים וואָס זענען פֿאַרבליבן אין אוצר פֿון חסידות, זענען געשריבן געוואָרן דורך תּלמידים, וואָס האָבן זיך איינגעהערט מיט אַ פֿלייסיק אויער. נישט דער שעפֿער פֿון חסידות רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, נישט רבי דוב־בער, דער מגיד פֿון מעזריטש, נישט רבי בונם פֿון פּשיסכע, נישט רבי מענדעלע פֿון קאָצק און אַפֿילו נישט רבי נחמן בראַצלאַווער, האָבן זיך באַנוצט מיט דער פֿעדער כּדי צו טרעפֿן צום האַרץ פֿון עולם. „שמעתּי ממורי״, איך האָב געהערט פֿון מיין לערער; „אָמר רבנו״ — האָט געזאָגט אונדזער רבי, דאָס איז דער נוסח, וואָס מיר באַגעגענען אין די חסידישע חיבורים. דער פּערז „מיטן רבינס כּוח״, וואָס איז אַריין אין ייִדישן פֿאָלקסליד, באַדייט נישט עפּעס אַנדערש, ווי אַז מיטן כּוח פֿון רבינס וואָרט און שמועס, איז חסידות אויסגעוואַקסן, ווי אַ גרויסע פֿאָלקס־באַוועגונג. אויך די נאַטור שרייבט נישט, זי שמועסט, זי רעדט. „יום ליום יביע אומר״ — טאָג רעדט צו טאָג. אָט אַזוי דערשיינט די נאַטור פֿאַרן דיכטער פֿון תּהילים, און מיט די אייגנשאַפֿטן פֿון דער נאַטור איז חסידות דערשינען פֿאַרן ייִדישן מענטש.

די חשיבות פֿון שמועס איז גלייך אונטערגעשטראָכן געוואָרן דורך דעם בעל־שם־טוב. דאָס וואָס מיר ווייסן וועגן שעפֿער פֿון חסידות — און דער קוואַל

איז דאָך פּאָרט דאָס ספר „שבחי הבעש"ט", וואָס איז געוואָרן אַרויסגעגעבן דורך זיינע חסידים — באַווייזט, אַז זיין לעבן איז בעצם געווען אַ געשפּרעך. אַ געשפּרעך מיט גאָט, מיט מענטש, מיט ייִד. מיטן שמועס זענען צוגעצויגן געוואָרן צו אים די ייִדן אין פּאָדאָליע און וואָלין. צוליב זיין וואָרט האָבן קעגנער אָנגעהויבן אָנערקענען דעם אמת פון זיין שיטה. דורך אַ געשפּרעך אין איינעם אַ פרימאָרגן איז דער רב פון שאַראָגראָד, רבי יעקב־יוסף, אַרויף אויפן וועג פון חסידות. לעכצנדיק צו הערן זיין קול האָבן די קרעמער אויפן יאַריד פאַרוואַנדלט דעם רוישיקן מאַרק אין צענטער פון זייער צונויפטרעף מיטן וואָגלענדיקן שמועס־סער פון מעדזשיבאָזש. „יש יחודים בדיבור", ווערט איבערגעגעבן אין לשון־קודש אין ספרל „שבחי הבעש"ט", דאָס וואָס רבי ישׂראל בעל־שם־טוב האָט אייגנטלעך געזאָגט אין ייִדיש. און די כּוונה איז: דורכן רעדן קען מען זיך באַהעפטן מיטן באַשעפער און מיטן פאָלק ישׂראל.

מיט אַ געוואָגטקייט, וואָס האָט זיכער אַרויסגערופן שטוינונג, אָבער אויך נישט ווייניק באַוווּנדערונג, האָט דער שעפער פון חסידות פאַרגליכן דעם שמועס צו תּפילה. אויב דער שמועס געפינט זיך אויף דער מדרגה צו וועלכער ער דאַרף זיך אַרויפהויבן, איז ער אַ חלק פון דאַוונען. מען קען דאַוונען דורך שמועסן. מען קען לערנען דורך שמועסן. אַפילו דער אַרגומענט פון ביטול־תּורה לאָזט זיך דאָ נישט אָנווענדן, וואָרום רייד, ווען זיי פאַלן אין אַ ריכטיקער שעה און ווערן געזאָגט מיט האַרץ, רעגן אָן צו גרויסע מעשׂים. און אין שמועס פון בעל־שם־טוב זענען געווען פאַרוועבט דער משל, די מעשׂה, און בעיקר די איבער־לעבונג, וואָס איז אַזוי אַרום געוואָרן בשותּפותדיק פאַר אַלע, וואָס האָבן זיך צו אים צוגעהערט.

אַזאַ איז געווען דער אָנהויב. דערנאָך זענען זיי געקומען אַלע זיינע תּלמי־דים און וויטער געצויגן דעם שמועס. מען האָט דעם גרויסן תּלמיד פון בעל־שם, דעם רבי דוב־בער פון מעזריטש גערופן דער „מגיד", אָבער זיינע דרשות טראָגן אין זיך דעם פרישן, דערפרישנדיקן געשפּרעך־נוסח. רבי אברהם קאַליס־קער האָט דערקלערט, אַז ווען ער וואָלט געקומען צום „מגיד" קיין מעזריטש בלויז כּדי זיך צוצוהערן צו אים וואָלט דאָס פאַר אים געווען גענוג. דער גייער נוסח האָט געפאַנגען, האָט מיטגעצויגן. בעת רבי שניאור־זלמן פון ליאַדי איז געשטאַנען אויפן שיידוועג און באַדאַרפט אויסקלייבן, צי ער זאָל פאָרן קיין ווילנע, די שטאָט פון גאון, אָדער מעזריטש, דאָס ווינאָרט פון „מגיד", האָט ער זיך געלאָזט מיטציִען דורכן שמועס, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין מעזריטש. דער רבי אלימלך פון ליזשענסק האָט זיך פאַרטרויט, אַז דער וווּנדער וואָס דער צדיק באַווייזט און וואָס מיט אים בינדט ער זיך צונויף מיט כּלל ישׂראל, איז דאָס וואָרט. פאַר רבי מנחם־מענדל פון וויטעבסק איז געווען קלאָר, אַז רייד לעבן. רייד, האָט ער געזאָגט, האָבן אין זיך חיות און זיי קענען באַשאַפן אַ

נייעם הימל און אַ נייע ערד. אויף דער שליחות פֿון מגיד, האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט קיין ווייסרוסלאַנד כּדי זיך צונויפֿרעדן דאָרט מיט די ייִדן, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט אים דער מגיד געפֿרעגט, וואָס ער האָט דאָרט אויפֿגעטאָן. רבי מנחם־מענדל האָט געענטפֿערט: איך האָב ביי מיין אָנקומען אַהין געטראָפֿן גאַנצע הערצער און צעריסענע קאַפּטאַנעס, אָבער נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך פֿונאַנדערגעשמועסט, האָב איך זיך געפֿונען מיט צעריסענע הערצער און גאַנצע קאַפּטאַנעס.

דאָס וואָרט איז דער גרויסער סוד פֿון דער וועלט, אַזוי האָט דערקלערט אַן אַנדערער פֿון די וואָס האָבן זיך אַריינגעשניטן אין דרך פֿון חסידות מיט זייער טיפֿער מחשבה, רבי נחמן בראַצלאַווער. אַ טייל מענטשן, האָט באַמערקט רבי נחמן, זענען נישט משיג פֿאַר וואָס מען דאַרף הערן תּורה פֿון רבינס מויל. מען קען דאָך לייענען, טענהן זיי, דאָס זעלבע אין די פֿרומע ספֿרים. אָבער „אֵין הדבר דומה" — עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק. דורך דעם וואָרט, וואָס ווערט אַרויסגערעדט, קומט די נשמה אין פֿאַרבינדונג מיטן מענטשלעכן אָטעם. אין יעדן דיבור ודיבור, האָט דער בראַצלאַווער איבערגעחזרט, איז פֿאַרבאָרגן אַ סוד. און דאָס וואָרט קען זיין פֿאַרמישט מיט טרערן און געזאַנג. אַ מאָל קען מען אַרויסלאָזן אַ הויכן געשריי און דאָך זאָל קיינער דעם געשריי נישט הערן, און אַ מאָל קען מען פֿליסטערן אַ וואָרט בלחש, שטילינקערהייט, און דאָס שטילע וואָרט דערגייט צום האַרץ. וואָסער אויסערגעוויינטלעכן כּוח דאָס וואָרט פֿון רבי נחמן האָט פֿאַרמאָגט, קען מען זען שוין דערפֿון, וואָס זיין תּלמיד און שמש רבי נתן נעמיראָווער האָט די רייד פֿון בראַצלאַווער פֿאַרצייכנט מיט אַ ריינדיקער איבערגעגעבנקייט, צו וועלכער עס איז שווער צו געפֿינען אַ גלייכן אין דער געשיכטע פֿון מענטשלעכע באַציִונגען.

פֿאַר רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער איז דער שמועס געווען איינגעהילט אין קדושה, און ער האָט טאַקע ליב געהאַט זיך אויסצוטענהן סיי מיט גאָט סיי מיט ייִדן, בעת ער איז געשטאַנען אין טלית און תּפֿילין. אויך צונויפֿרעדן זיך מיטן בעל־עגלה און מיטן קאָוואַל איז נישט קיין וואָכנדיקער ענין, און פֿון די רייד וואָס מען הערט פֿון זיי, קען מען ערשט אַ סך לערנען מיט וואָס מיר זענען אַנדערש פֿון יעדער אומה ולשון. דער „ייִד" פֿון פּשיסכע, רבי יעקבֿ־יצחק, האָט אויסגעמוסרט איינעם וואָס האָט באַשלאָסן אָפּצוגעבן זיין צייט בלויז פֿאַר תּורה. לערנען אַליין איז נישט גענוג, האָט ער צו אים געזאָגט, און דאַווענען אַליין איז ווייניק. צעשמועסן זיך איז וויכטיק. בעת מען רעדט זיך צונויף מיט ייִדן, איז מעגלעך צו ברענגען זיי „עד תּומם", אַז זיי זאָלן ווערן גאַנץ. אַ, ווי חשובֿ איז דער שמועס! — האָט אויסגערופֿן אין התלהבֿות רבי מנחם־מענדל פֿון רימאַנאָוו — ער דערוועקט נישט בלויז די וואָס הערן זיך צו, נאָר אויך דעם וואָס רעדט. ביידע באַקומען השפּעה.

רבי ברוך פון מעדזשיבאָזש האָט זיך נישט אָפּגעהאַלטן פון באַטראַכטן פאַר אַ רשע דעם וואָס מיידט אויס צו רעדן מיט מענטשן. מען פאַרלירט אַזוי אַרום די געלעגנהייט מתקן צו זיין נשמות, אַזוי האָט ער אויסגעטייטשט דעם מאמר אין פרקי אָבות: „ואל תהי רשע בפני עצמך" (ב׳, י״ג) — אויב דו ביסט זיך מתבודד מיט זיך אַליין און דיר שטייט נישט אָן צו רעדן מיט קיינעם, ביסטו אַ רשע, און אַפילו ווען דו טוסט דאָס צוליב עניוות. די וועלט איז גוט און ליכטיק, אויב מען ווערט נישט בטל פאַר איר, און זי איז ענג און פינצטער אויב מען ציט זיך צוריק פון איר און פון מענטשן. עס איז נישט גענוג צו זיין אַ צדיק אין בית־המדרש, האָט דערקלערט רבי בונם פון פּשיסכע. מען דאַרף זיך באַוועגן „בתוך העיר", אינעווייניק, אין דער שטאָט, און זיין אויסגעמישט מיט אַלעמען. אין די דאָזיקע צייטן, ווען עס איז שווער מתקן צו זיין די נשמות דורך תורה און תפילה, האָט אונטערגעשטראָכן רבי ישׂראל פון ריזשין, איז נויטיק צו שמועסן. און ער פלעגט זיינע רייד בעת דער סעודה פון שלוש־סעודות אָנהייבן מיטן נוסח פון חומש: „האספו ואגידה לכם", זאַמלט אייך צונויף און איך וועל צו אייך זאָגן.

רבי יחיאל־מיכל זלאָטשאָווער האָט באַמערקט, אַז די גרויסע מעלה פון שמועס איז, וואָס אויך דער וואָס רעדט, דאַרף זיך צוהערן צו זיין אייגן וואָרט, און טאַקע אויך צוליב דעם האָט ער צוגעגעבן, האָב איך אַזוי שטאַרק ליב צונויפרעדן זיך מיט מיינע ברידער ייִדן: איך מוז זיך דאַן צוהערן צו דעם, וואָס איך אַליין זאָג. בעת אַ גרויסער עולם האָט זיך געשטופּט כּדי זיך צוצוהערן צום שמועס פון רבי בונם פון פּשיסכע און דער גבאי האָט געוואָלט אַ ביסל אָוועקרוקן די מענטשן, האָט צו אים זיך אָפּגערופן רבי בונם: „לאָז זיי, לאָז זיי, וואָרום בעת זיי בויגן צו זייער אויער, בויג איך אויך צו מיין אויער צו הערן וואָס מיין מויל זאָגט!"; און פאַר רבי בונם האָט דער שמועס פאַרמאָגט די זיסקייט פון האָניק. ער האָט דאָס, אויף זיין שטייגער, דערקלערט מיט אַ משל. עס האָט אַ מאָל איינער זיך אויסגעלערנט מאַכן זאַפּט פון האָניק. און ווען ער האָט געערעכנט, אַז ער האָט שוין זיך אויסגעלערנט דעם פאַך, האָט ער פאַר־בעטן צו זיך זיינע ידידים און זיי מכבד געווען מיטן זאַפּט וואָס ער האָט געמאַכט. אָבער ווי אַנטוישט זענען פאַרבליבן די געסט, ווען זיי האָבן גענומען פאַרזוכן דעם זאַפּט און דערשפּירט, אַז ער איז ביטער. אַלץ האָט ער געדענקט אַריינצוטאָן, אָבער אין האָניק האָט ער פאַרגעסן. דער נמשל איז קלאָר: אַ סעודה, און מעג זיין אַ שבתדיקע סעודה, אויב מען שמועסט נישט אין איר, לאָזט זי איבער אַ ביטערן טעם. ערשט דורכן וואָרט באַקומט זי מתיקות.

ווי וויכטיק איז דאָס שמועסן! האָט אויסגערופן אין התפּעלות רבי צבי־אלימלך, דער תלמיד פון „חוזה" פון לובלין. מען איז גורם דערצו, אַז אַנדערע זאָלן זיך איינהערן און מען הערט זיך צו אויך אַליין. באַטראַכט אייך, אַז די

תּפֿילה פֿון קריאַת־שמע הויבט זיך אָן מיט „שמע ישׂראל״, הער זיך איין, ישׂראל. און אויך דערנאָך ווערט געזאָגט: „והיה אם שמוע תשמעו״, ווידער הערן און הערן... און עס איז זיך נישט צו וווּנדערן, וואָס דאָס ווערט איבערגעחזרט אין דער תּפֿילה, וואָס מען הויבט אָן לערנען, ווען מען איז נאָך אַ קליין קינד. ווערטער וואָס מען רעדט אַרויס און וואָס קומען פֿון האַרץ און דערגייען צום האַרץ, זענען ווי שוועבעלעך, האָט באַמערקט רבי הירש רימאַנאָווער. אַזוי האָט ער פֿאַרטייטשט דעם געטלעכן באַפֿעל וואָס נח האָט באַקומען איידער דער מבול האָט פֿאַרפֿלייצט די וועלט: „עשׂה לך תבת עצי גופר״ (בראשית ו׳, י״ד), באַשאַף ווערטער וואָס זאָלן זיין שוועבעלעך און וואָס זאָלן אָנצינדן „מבית ומחוץ״, דיך אַליין אינעווייניק און די מענטשן אין דרויסן.

דור נאָך דור האָט זיך אין דער וועלט פֿון חסידות געוועבט דער שמועס. אויך אין די ציַיטן ווען אומהיימלעכע צייכנס האָבן אָנגעזאָגט, אַז אַט באַלד קען פֿאַרשטומט ווערן דאָס ייִדישע וואָרט און דאָס ייִדישע לשון, וואָס אין אים איז דאָס וואָרט זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען. אין די שטעט און שטעטלעך ווו דאָס חסידות איז אויסגעוואַקסן און זיך פֿונאַנדערגעבליט, האָבן ווי מיט באַנייטער ענערגיע און ענטוזיאַזם אויפֿגעפֿלאַמט די רייד. רבי אריה־לייב פֿון גער, וועלכער איז באַקאַנט אויפֿן נאָמען פֿון זיין ספֿר ווי דער „שׂפֿת אמת״, האָט אַפֿילו פּרובירט אויסגעפֿינען אַ טעם פֿאַר וואָס משה רבינו האָט, ווי עס ווערט דערציילט אין חומש, גלייך זיך נישט צעוואָרעמט מיט דער מעגלעכקייט, וואָס אים איז געגעבן געוואָרן, זיך צו קענען צונויפֿרעדן מיט ייִדן, און זיך באַנוצט מיטן תּירוץ, אַז ער איז נישט קיין מענטש פֿון רייד („לא איש דברים אנוכי״, שמות ד׳ י׳). דאָס האָט זיך געזומען דערפֿון, ווייל האָבנדיק אויפֿגעוואַקסן אין פּאַלאַץ פֿון פּרעה האָט ביי אים אַ ביסל געדויערט ביז ער האָט דערשפּירט, אַז אין אים רעדט דער כּלל ישׂראל; אָן אומזיכערקייט וואָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, ביי אים לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. און רבי אַברהם פֿון סאַכאַטשעוו האָט אין יענע יאָרן, ווען דורותדיקע ווערטן האָבן זיך גענומען קרישלען און דאָס וואָרט האָט זיך אויסגעדאַכט נישט צו פֿאַרמאָגן מער די שלימות און די קראַפֿט פֿון אַמאָל, אָנגעזאָגט יעדן ספֿק צי וואָרט און שמועס זענען נאָך אַלץ מסוגל צו שאַפֿן וווּנדער. אויך צעבראָכענע כּלים, האָט ער געזאָגט, זענען ליב און טייער. און דער צעבראָכענער ייִד וועט געפֿינען גאָט אין זיין אייגן האַרץ אין צעבראָכענעם און געבראָכענעם שמועס.

ג.

וואָס איז פאַראַן אין די דאָזיקע שמועסן, וועלכע זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער וועלט פון חסידות, וואָס גיט זיי אָפּ אָט דעם אייגנציקאַרטיקן פלאַץ וועלכן זיי פאַרנעמען אין דער געשיכטע פון ייִדישער גייסטיקייט? צוליב וואָס זענען זיי אַ קוואַל פון וועלכן מען ווערט גאָר נישט מיד צו טרינקען, און אַפילו ווען דאָס לעבן וואָס זיי האָבן אויסגעבויט ליגט אין חורבות און אויך דער גייסטיקער קלימאַט אין וועלכן זיי זענען אויסגעוואַקסן קען זיי מער נישט געבן באַוועגונג און וואַרעמקייט, זענען זיי נאָך אַלץ אַ ווירקנדיקער און טרייבנדיקער כּוח אין אינגעווייד פון אונדזער פאָלק? ווו איז דער סוד פון זייער דויערהאַפטיקייט אויך נאָך דעם, ווי עס האָט זיך געקענט אויסדאַכטן, אַז אין די קאַלךאויוונס פון אוישוויץ און טרעבלינקע זענען פאַרברענט געוואָרן נישט בלויז די וואָס האָבן די שמועסן געצויגן און די וואָס אין זייער האַרץ האָבן זיי באַדאַרפט טרעפן, נאָר אַז אין שטיקנדיקן רויך איז אויך דערשטיקט געוואָרן דאָס קול, איז דערשטיקט געוואָרן דאָס וואָרט און זייער בת־קול איז אויף תּמיד פאַרטויבט געוואָרן.

אין שמועס וואָס איז פאַרבליבן אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן אינהאַלט און פאַר דער פאָרעם פון חסידות, האָט קודם־כּל זיך אַרויפגעהויבן דער ווילן אַריינצוברענגען בטחון אין ייִדישן האַרץ. מיט כּלערליי וועגן איז דאָרט געמאַכט געוואָרן די אָנשטרענגונג אַרויסצורייסן דעם יאוש, וואָס האָט געדראָט אויסצובויען אַ נעסט אין ייִדישן מענטש. ווען עס איז נייטיק געווען, האָט פאַנטאַזיע באַדאַרפט פאָרשטעלן די ווירקלעכקייט, און ווען עס איז געווען נייטיק, האָט די ווירקלעכקייט גופא באַקומען אַ גאָר אַנדערע צורה. באַאומרויִקנדיקע דערשייבונגען זענען אויסגעטייטשט געוואָרן אַזוי, אַז פון זיי זאָל קענען טריפן טרייסט, און אַוודאי האָט דאָס איבערנאַטירלעכע באַדאַרפט אַראָפּברענגען פרייד צום פאַראומערטן געמיט. אויב עס איז געווען וווּנדער אין שמועס וואָס איז אויסגעשפינט געוואָרן אין חסידות, איז ער באַשטאַנען אין יענער זעלטענער סגולה צו פאַרוואַנדלען טרויער אין פרייד, פּחד אין זיכערקייט, דערשלאָגנקייט אין שטאָלץ. אַלע ייִדן, טאַקע בפירוש אַלע, רייכע און אָרעמע, למדנים און בעלי־מלאכות, קרעמער און שוסטער, האָבן באַדאַרפט שעפּן שׂמחה פון עצם פאַקט, וואָס זיי זענען ייִדן. דאָס וואָס איז אויסגעקומען צו זיין אוממעגלעך אין צייטן פון פּיין און חשכות, איז דערגרייכט געוואָרן מיטן כּוח פון וואָרט. נישט בלויז דער דערהויבענער מאָמענט פון קידוש השם, נאָר דער אַנגסט און די שווערע זאָרגן פון טעג, וואָס זענען געווען פאַרצויגן מיט וואָלקנס, זענען געמאָלט געוואָרן אין שמועס פון חסידות ווי אַ הייליקע און פריידיקע איבערלעבונג. און אומגערעכט זענען די, וואָס מיינען, אַז נישט אין זיינע אַלע תּקופות

האָט דאָס וואָרט אין חסידות פֿאַרמאָגט די אומגעוויינטלעכקייט פֿון זיין באַגינען. פֿון מעדזשיבאָזש ביז מיידאַנעק האָבן אין חסידישן שמועס זיך אויסגעמישט פֿרייד און געוויין, און די פֿרייד איז נישט פֿאַרפֿלייצט געוואָרן פֿון ים פֿון טרערן. דער פּסוק פֿון תהילים „בשמך יגילון כל היום" (פּט, יז), וואָס הייבט אַרויס די פֿרייד פֿון זיין אַ ייִד, האָט אין באַנעם פֿון רבי נחמן בראַצלאַווער באַקומען באַטייט אויך מיט זיינע ראָשי־תּיבֿות, וועלכע זענען: בכיה, געוויין. אין וויינען איז דאָ שׂימחה. אויב מען וויינט, ווייל מען איז אַ ייִד. רבי לייב שׂרהס, פֿון די ראשונים אין חסידות, האָט אין אונדזער נע ונד זיין גערופֿן צו פֿאַרטראַכטן זיך טאַקע אויף די ראָשי־תּיבֿות פֿון נד: נחמא דכיסופֿא — טרייסט פֿון בענקעניש. די טרייסט שטראָמט אַרויס פֿון אונדזער אומגעשטילטער בענקשאַפֿט צו גאולה. רבי שמעלקע פֿון ניקעלשבורג האָט אין דער ערנסטקייט פֿאַר כּל נדרי גערעדט וועגן חוב, וואָס ליגט אויף יעדן ייִד צו זיין נשמה. נאָר מיט טרערן וואָס זענען פֿאַרמישטן מיט פֿרייד, קען דער ייִד זיך אויסבעטן אַ גוט יאָר. נישט בלויז שבת איז דער ייִד אַ בן מלך, האָט אויסגערופֿן רבי שלמה פֿון קאַרלין, אויך זונטיק און מאָנטיק און דינסטיק, און די איבעריקע טעג פֿון דער וואָך, איז ער אַ פּרינץ. געגנוי ווי דער ייִד איז מחויבֿ צו האָבן אמונה אין גאָט, האָט דערקלערט רבי צדוק הכּהן פֿון לובלין, דאַרף ער אויך האָבן אמונה, אַז זיין נשמה קומט פֿון געטלעכן מקור. רבי פּנחס פֿון קאָרעץ פֿלעגט זיך צעזינגען מיט דבֿיקות: דער ייִד איז טייער, זייער טייער, און צו זיין אַ ייִד איז טייער, זייער טייער.

דאָס איז געווען דער שמועס וואָס איז געפֿאַלן ווי דער פֿרימאָרגן טוי אויפֿן שווערן ייִדישן געמיט. דער מאָטיוו פֿון אמונה און פֿרייד האָט אָנגעשלאָגן מיט עקסטאַז אין חסידישן שמועס אויך ביי די טויערן פֿון טרעבלינקע. דער רבי פֿון גראָדזשיסק, רבי ישׂראל, ווען ער איז געפֿירט געוואָרן קיין טרעבלינקע, האָט געזאָגט צו די ייִדן וואָס זענען צוזאַמען מיט אים געגאַנגען זייער לעצטן וועג: הערט זיך צו, טייערע ברידער און שוועסטער, זרע עם קדושים, קינדער פֿון הייליקן פֿאָלק, קלאָגט נישט און וויינט נישט אויף דעם וואָס מיט אונדז איז געשען. לאָמיר זיך פֿרייען, ווייל איז אונדז וואָס מיר זענען ייִדן.

מיט אַ טראַגיק וואָס דערשיטערט, אָבער וואָס איז אין דער זעלבער צייט דערהויבנדיק, טרעפֿן מיר זיך צונויף אין ספֿר פֿון פּיאַסעטשנער רבי קלונימוס קלמיש, ווו עס זענען פֿאַרצייכנט די שמועסן וואָס ער האָט געפֿירט אין די יאָרן פֿון נאַצי־חורבן אין געטאָ אין וואַרשע מיט די, וואָס זענען געקומען פֿאַרנעמען זיין וואָרט „אש קודש" איז דער נאָמען פֿון ספֿר. אַ הייליק פֿייער, און אָט די כּתבֿים זענען אַרויסגעגראָבן געוואָרן נאָך דער מלחמה פֿון אונטער די חורבֿות פֿון געטאָ. איידער מען האָט דעם פּיאַסעטשנער רבין אַוועקגעפֿירט צו די גאַז־קאַמערן, האָט ער אויסגערופֿן מיטן קול פֿון יענער גבֿורה, וואָס האָט

זיך געלאָזט הערן אין חסידות אין דער תּקופה פון זיין בראשית: „עלה נעלה״, לאָמיר זיך אויפהייבן צו דעם „למעלה מן הטבע״, צום באַגריף, וואָס שטייגט איבער אונדזער שׂכל. ישׂראל איז דער טייטש: אַ פּירשט פון גאָט. מיר זענען אויך היינט די פּירשטן. מיר זענען אויך איצט דער בן מלך. אין אונדזער אמונה איז דאָ אַהבה. אין אונדזער קדושה איז דאָ עמקות און אין אונדזער ווייַ שפּרודלט די שׂימחה.

דער שמועס, וואָס האָט געאָטעמט מיט בטחון און געשטראָמט מיט פרייד האָט, ווי דערמאָנט, געגעבן אַלע ייִדן אַ גלייכן חלק אין ייִדישקייט. דאָס האָט דער רבי פון קיידאַנאָוו שלמה־חיים אַוועקגעשטעלט חסידות אויף די צוויי רעדער, וואָס דרייען זיך כּסדר, און דאָס זענען די פרייד פון זיין אַ ייִד און די עניוות וואָס דורך איר פאַרשווינדט יעדער חילוק צווישן ייִד און ייִד. רבי יחיאל־מיכל זלאָטשעווער האָט צוגעגעבן צו דעם וואָס ווערט געזאָגט אין פּרקי אָבות, אַז „קלוג איז דער וואָס לערנט פון יעדן מענטש״: אַפילו פון עם־האָרץ. די תּפילה, איז נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן רבי פּנחס פון קאָרעץ, וואָס איז נישט כּולל אַלע ייִדן איז נישט קיין תּפילה. געגנוי אַזוי זענען אין שמועס אַריינגענומען געוואָרן אַלע, דער יחיד, דער כּלל. אונדזער נפש איז איינס, האָט געזאָגט רבי נחמן בראַצלאַווער. די ווערטער וואָס שווימען כּסדר אויף אין חסידישן צונויפטרעף, זענען: אַהבה, אַהבת ישׂראל. טאָקע דער פריַיער־דערמאָנטער רבי פּנחס פון קאָרעץ האָט, ווען ער האָט זיך צערעדט מיטן עולם דערמאָנט, אַז נישט בלויז שׂינאה פאַראומרייניקט, נאָר אויך כּעס איז מטמא. דער וועג צו וועלכן מען וויל דערגיין איז אַחדות, און מיט כּעס דער־גייט מען נישט אַהין. רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געהאַלטן כּידוע, אַז בייזערן זיך קען מען נאָר אויפן באַשעפער צוליב די עוולות וואָס ער טוט אָן זיין פאָלק, אָבער נישט אויף ייִדן. עס קומט ייִדן צו האָבן אַ לעבן פון כּבוד און מנוחה און נישט צו זיי דאַרף מען רעדן מיט תּקיפות. לויט רבי אורי פון סטרעליסק זענען די צענדליקער טויזנטער אותיות וואָס זענען פאַראַן אין דער תּורה, אַנטקעגן די צענדליקער טויזנטער נשמות פון ייִדן, און פּונקט אַזוי ווי ווען עס פעלט איין אות אין דער תּורה ווערט זי פּסול, אַזוי טאָר מען אויך נישט אַרויסלאָזן קיין שום ייִדישע נשמה פון ייִדישן כּלל.

אַלע יאָרן און אונטער די פאַרשידנסטע אומשטענדן האָט דער שמועס אין חסידות געוואָרעמט, געמונטערט און געפונען אַ זכות אויף ייִדן. איך דערמאָן זיך, ווי אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן, ווען די נאַציס זענען נאָר וואָס געהאָט געקומען צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד, זענען מיר, ייִדישע שרייבער און כּלל־טוער אין וואַרשע, געווען פאַרזאַמלט אין איינער אַ נאַכט מיטן רב פון לובלין, רבי מאיר שאַפּירא, אין זיין צימער אין האָטעל „קראַקאָווסקי״, וווּ ער איז איינגעשטאַנען. מיר זענען זיך צונויפגעקומען כּדי אַרומצורייִדן די באַדראָענ־

דיקע לאַגע. אַלײן נישט קײן רבי, אָבער צעגליט מיט חסידישן ברען און אַן אײניקל פון רבי פּנחס פון קאָרעץ, האָט רבי מאיר שאַפּיראָ נישט דערלאָזט אַז עס זאָלן פאַלן װוּרטער פון קריטיק קעגן די דײַטשע ייִדן, װאָס האָבן אין משך פון דורות זיך אײַנגערעדט, אַז דורך אַסימילאַציע און אױסמישן זיך װעלן זײ באַטראַכט װערן װי דײַטשן צוגלײַך מיטן גאַנצן דײַטשן פאָלק. װער קאָן פּועלן בײַ זיך צו רעדן שלעכטס אױף ייִדן? — האָט ער אױסגערופן מיט צער און װײטיק. אין שטורעם פון דער רשעות װאָס בושעװעט און פון די צרות און רדיפות פון װעלכע מיר װערן געפּלאָגט, זעט זיך ערשט אָן באַשײַנפּערלעך די הײליקײט פון דער ייִדישער אומה. ער האָט יענע נאַכט אונדז דערצײלט, אַז זײַן זײדע, רבי פּנחס פון קאָרעץ, האָט אײן מאָל אָן ערב תּשעה־באָב, אין אַן עת־צרה פאַר ייִדן, פאַרפירט פון באַלעמער אַראָפּ אַ שמועס מיטן רבונו של עולם. ער האָט צו אים געזאָגט: װעסטו גאָטעניו, אױסלײזן דײַנע ייִדן פון די צרות אין װעלכע זײ זינקען, װעל איך, פּנחס פון קאָרעץ, איבעראַיאָר תּשעה־באָב אױך קומען אין שול אַרײַן, אַװעקזעצן זיך אױף דער ערד, לײענען איכה און קלאָגן די קינות, אַזױ װי איך טו דאָס אַלע יאָר. אָבער טאָמער חלילה, גאָטעניו, װעסט זיך צוקוקן צו דער פּײַן פון דײַן פאָלק און שװײַגן, װעל איך מיט אַן אַנדער לשון זיך מוזן װענדן צו דיר און צו קהל... און רבי מאיר שאַפּיראָ האָט פאַרענדיקט: אָט אַזױ דאַרפן מיר אױך איצט רעדן מיט אַ שאַרף לשון צום באַשעפער און מיט װײכע װערטער, װאָס זענען פול מיט רחמים און חסד, צו ייִדן...

װי אפשר אין קײן שום געשפּרעכן, װאָס זענען אָנגעגאַנגען אין די יאָר־טױזנטער פון אונדזער געשיכטע, האָבן אין שמועס װאָס האָט זיך אױפגעװיקלט אין חסידות, זיך צונױפגעגאָסן די קולות. בײַם חסידישן טיש האָט דער ייִד גע־פילט, אַז ער איז נישט בלױז דער צוהערער, נאָר אַז זײַנע אײגענע ליפּן רעדן מיט, זיפּצן מיט, זינגען מיט. דער מנהיג ישׂראל, האָט דאָס אױסגעדרוקט קלאָר רבי משה פון קאָברין, קען זיך נישט אײַנרעדן, אַז ער איז גרעסער און בעסער, און דערפאַר איז ער אױסגעקליבן געװאָרן אָנצופירן מיטן עולם און צו רעדן פאַר זײערטװעגן. אַ קעניג העגנט אױף זײַן קרױן אױף אַ טשװאָק. נו, צי מעג צוליב דעם דער טשװאָק אַרײַנפאַלן אין גאװת? — נישט אומזיסט האָבן די קבצנים און די שלעפּערס און די װאַנדערנדיקע קלעזמאָרים באַגלײט מיט צער דעם רבי משה־לײב פון סאַסעװ צו זײַן אײביקער רו. כּל ימיו האָבן אין זײַן װאָרט און אין זײַן ניגון אָפּגעקלונגען זײערע פרײדן און לײדן.

ד.

אָבער דער שמועס וואָס האָט זיך געצויגן אין חסידות — און דאָס איז איי־נער פון זיינע עיקרדיקע שטריכן — האָט, הגם ער איז נישט געווען אָנגעלאָדן מיט צאָרן און נישט געברויזט מיט מוסר, געמאָנט און גערופן צו קלעטערן באַרג אַרויף. דאָס וואָרט האָט נישט מיט דראָונגען געשטויסן זיך צו לייטערן אין ייִדישקייט און אין מידות, נאָר מיט ליבשאַפט האָט עס מכוון געווען אויפ־צוהייבן דעם ייִד, מיט ליבשאַפט און מיט כּלערליי באַטייטפולע, האַרציקע און איידעלע אויסטייטשעניש.

ווען רבי מענדעלע פון קאָצק דערציילט מען — און דער רבי פון קאָצק איז דאָך געווען איינער פון די געציילטע אין דער געשיכטע פון חסידות, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט די תקופה, ווען ער איז געווען פאַרכמורעט — אַז ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז גלייכער נישט צו טראָגן קיין טיכל אויפן האַלדז, בעת מען דאַוונט. דער רבי פון קאָצק האָט געזאָגט אַ סך אויך ווען ער האָט גערעדט ווייניק, און זיין דאַזיקער אָנזאָג האָט באַדאַרפט אָנווייזן, אַז מען קען נישט פונאַנדערטיילן מוח און האַרץ. דער ענטפער וואָס ייִדן האָבן געגעבן בעת דער אַנטפּלעקונג פון סיני, האָט רבי מענדעלע באַמערקט, גראָבט אין די טיפענישן: נעשה ונשמע, דורך אונדזער טוען הערן מיר, און דורך אונדזער הערן טוען מיר. דער חסידישער שמועס האָט ביי זיין גאַנצער רירנדיקער פאָלקסטימלעכ־קייט און חנעוודיקער היימישקייט, גאָר נישט געוואָלט נאָכלאָזן. ער האָט גערופן צו הויכער מענטשלעכקייט און גרויסער מסירת־נפש.

רבי אלימלך פון גראָדזשיסק האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פון אָנצווייזן, אַז מוסר נפש זיין זיך פאַר ייִדן, איז אַפילו נאָך גרעסער, ווי מוסר נפש זיין זיך פאַר גאָט. לויטן אויסטייטש פון רב יעקב־יצחק, דער חוזה פון לובלין, ווערט דערפאַר צוויי מאָל איבערגעחזרט דאָס וואָרט „צדק״ אין פסוק „צדק צדק תרדוף״ (דברים טז, כ), ווייל ווער עס רעדט זיך איין, אַז ער איז שוין דער־גאַנגען צו דער גערעכטיקייט און ער דאַרף מער נישט שטרעבן זי צו פאַר־ווירקלעכן, איז פאַקטיש אַוועקגעלאָפן ווייט פון איר, וואָרום צו דער גערעכטי־קייט דאַרף מען כּסדר זיך יאָגן. רבי מנחם־מענדל פון קאָסאָוו האָט, ווען ער האָט אָנגעגערירט די פראַגע, פאַר וואָס משיח פאַרזוימט זיך צו קומען, געזוכט דעם פאַרענטפער אין די ווערטער וואָס שאול האָט געזאָגט צו זיין זון יהונתן: „מדוע לא בא בן ישי גם תמול גם היום אל הלחם״ (שמואל א׳ כ, כז), פאַר וואָס איז דער זון פון ישי נישט געקומען נעכטן, נישט היינט. אין דער פראַגע, האָט רבי מנחם־מענדל געלייגט דעם טראָפּ, ליגט טאַקע דער ענטפער. דער זון פון ישי, משיח, פאַרזוימט זיך צו קומען, ווייל מיר זענען היינט די זעלבע, וואָס מיר זענען געווען נעכטן. בעת רבי לייבעלע אייגער איז צוריק געקומען פון קאָצק

און זיין פאָטער האָט ביי אים געפרעגט, וואָס ער האָט דאָרט געלערנט, האָט ער אים דערציילט: איך האָב אין קאָצק געלערנט דריי זאַכן: ערשטנס, אַז אַ מענטש איז אַ מענטש, און אַ מלאך איז אַ מלאך; צווייטנס, אַז אויב דער מענטש וויל, קען ער זיין מער ווי א מלאך; און דריטנס, אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם בראשית און דאָס איבעריקע האָט ער איבערגעלאָזט פאַרן מענטש.

פון די שמועסן אין חסידות איז געקומען די ווענדונג, אַז מיר זאָלן נישט זיין רק פאַרקוקט אין זיך אַליין און באַשעפטיקט מיטן אייגענעם „איך". דער „איך" האָט מען דאָרט געזאָגט, שטייט צווישן מענטש און גאָט, צווישן מענטש און מענטש. דער „איך" איז די קליפּה, דער גנב וואָס באַהאַלט זיך אינעווייניק. די זינד פון קורח, האָט געלערנט פּשט רבי בונם פון פּשיסכע, איז געווען: „ויקח קורח", ער האָט זיך גופא גענומען, רק געזען זיך, בלויז זיך... גניבה איז נישט דווקא, ווען מען גנבעט ביים צווייטן. פאַראַן אויך גניבה ביי זיך אַליין. און גניבה קענען אויך זיין אַ פאַלש וואָרט, אַ פאַלשע מחשבה, און אַפילו אַ פאַלשער זיפץ. רבי שלום פון בעלז האָט אַרויסגעדרונגען, אַז עס זענען דאָ דריי מינים גלות: גלות ביי גויים, גלות ביי ייִדן, און דער שווערסטער גלות פון אַלע, דער גלות ביי זיך אַליין.

דור נאָך דור האָט די גרויסע מאַנונג אַרויסגעשריִען פון חסידישן שמועס. מען האָט זיך דאָרט כּסדר אומגעקערט צום באַגריף: „התחדשות", באַנייען זיך, אָנהייבן פון דאָס ניי. נישט אַריינפאַלן אין פאַרשטאַרטער זיקנה, נישט אויפהערן שפּירן קיין דורשט. אָדער ווי מען האָט דאָס אויסגעדריקט אין שאַרפן זאָג: דאַווענען הייַנט, ווייל מען האָט געדאַוונט נעכטן. ייִדן זענען גלייך צו דער לבנה, וואָס באַנייט זיך, האָט פאַרזיכערט רבי אהרן פון קאַרלין, און אויב איר ליכט ווערט אַ מאָל פאַרקלענערט, איז דאָס נאָר דערפאַר כּדי זי זאָל זיך קענען באַנייען. רבי חנוך־העניך פון אַלעקסאַנדער האָט די דאָזיקע באַנייונג־כּוונה אַריינגעלייגט אין דער פון טרערן־אויסגעווייקטער תפילה „אַל תשליכנו לעת זקנה", לאָמיר נישט אַריינגעוואָרפן ווערן אין דער אַלטקייט פון דער צייט, און זאָלן נישט אונדזער געפיל און אויפפירונג פאַרעלטערט ווערן. און רבי איטשע־מאיר פון גער, דער פיקח און חריף, איז געווען זיכער, אַז מיט שמועסן איז מעגלעך אַ סך אויפצוטאָן אין עניין פון לייטערן די מידות. אַ שמועס, האָט ער געזאָגט, איז ווי אַ ליכט, און געגנוי ווי ביי דער מנורה לאָזט זיך דאָ אָנווענדן דער אָנזאָג: „בהעלותך את הנרות", מען קען זיך דערהייבן מיט די ליכט.

אין אַ באַטראַכטונג וועגן די שמועסן, וואָס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער וועלט פון חסידות, איז נייטיק אָנצוצייכענען די מיטלען, וואָס מיט זיי האָט זיך באַנוצט דער חסידישער געשפּרעך און וואָס האָבן אים געהאָלפן אויס־וואַקסן אין ווונדער פון וואָרט. אָבער דער אמת איז, אַז ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין שום מיטלען, וואָס זענען געווען קינסטלעך. מען האָט אין

חסידישן שמועס געחוזקט פון בעל דרשן און פון דער ורשה, ווייל זיי זענען אויסגעקומען צו זיין נישט אין גאַנצן נאַטירלעך. דער שמועס אין חסידות איז געווען צונויפגעבונדן מיט שטימונג, מיט געמיט, און אין אים האָט זיך באַוועגט די יידישע ווירקלעכקייט, און איבער אים האָט געשוועבט דער יידישער חלום. דער פסוק פון חומש, און פון מאָל צו מאָל דער מאמר פון דער גמרא צי פון מדרש, האָבן געדינט ווי אַ געוועב. אָבער דער אַלטער זאָג האָט באַקומען אַן אַקטועלן קלאַנג. אין דער חסידישער ליטעראַטור ווערט דערציילט, אַז ווען רבי שמעלקע פון ניקעלשבורג און זיין ברודער, רבי פנחס פון פראַנקפורט, זענען געקומען צום ערשטן מאָל אויף שבת צום רבי דוב־בער קיין מעזריטש, האָבן זיי זיך געפילט אַנטוישט. זיי האָבן דערוואַרט צו הערן הפלא ופלא׳דיקע חידושים. און צום סוף האָט רבי דוב־בער געזאָגט זאַכן וואָס זענען זיי אויסגעקומען צו זיין צו־פשוט. ערשט ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים אַוועקפאָרן, האָט פאַר זיי אַ שיין געטאָן דאָס גרויסע ליכט, וואָס שלאָגט אַרויס פון מכלומרשט איינפאַכן שמועס.

מיט שטוינענדיקער לייכטקייט איז אין חסידישן וואָרט די קאָמפּליצירטע אידעע געוואָרן צוטריטלעך און פאַרשטענדלעך. רבי זאב־וואָלף פון זשיטאָמיר האָט אין זיין שמועס אַריינגעברענגט די „המוציא״, וואָס מיר מאַכן אויף ברויט, און אין דער ברכה וואָס קינד און קייט קענען זי פון אויסנווייניק, אויסגעדרוקט מיט אַ קיצור, וואָס איז אַפילו אַ קיצור אין בקיצורדיקע אַפאָריזמען, פאַרטיפטע באַגריפן. „המוציא לחם מן הארץ״, האָט ער אויסגעפירט, לערנט אונדז אַרויס־צונעמען דאָס ברויט פון דער ערד, פון דער גשמיות, און מאַכן דערפון אַ גייס־טיקע שפייז, פון דער ערד מאַכן הימל. דער אָנהייב פון זעקסטן פון די פרקי אָבות „שנו חכמים בלשון המשנה״, וואָס האָט צו טאָן מיט לערנען און מיט משנה, האָט ביי רבי צבי־הירש זשידיטשעווער באַקומען אַן אומדערוואַרטן פּירוש, וואָס האָט אָבער גערעדט צו די מענטשן פון פאָלק, וועלכע האָבן זיך געזאַמלט אַרום זשידיטשעווער און זיי נאָך שטאַרקער צונויפגעבונדן מיט אים און מיט זיין וואָרט. „משנה״, איז דאָרט דערקלערט געוואָרן, באַדייט „טאָפּלט״, און דער מאמר קומט אונדז צו לערנען, אַז מען דאַרף רעדן מיט יידן וועגן טאָפּלטע עניינים — גוף און נשמה, רוחניות און פרנסה, און אַז ביידע האָבן חשיבות. טאַקע דער געוואָלטיקער קיצור, וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן אין חסידישן וואָרט, גיט אים באַזונדערן חן און אויך באַזונדערע קראַפט, וואָרום ער לאָזט זיך לייכט איינבאַקן אין האַרץ און אין זכרון, און ער קען זיך פונאַנדערטראָגן געענוי, ווי עס טראָגט זיך פונאַנדער דער קול. דאָ איז אַלץ תמצית, דאָ איז אָריגינעלקייט דער חותם. וואָס, אַברהם אָבינו איז געזעסן ביי דער טיר פון זיין געצעלט? (והוא יושב פתח האהל, בראשית יח, א). פאַר רבי אַריה־לייב פון גער ווינקט דאָס אָן, אַז מען קען זיין אַברהם אָבינו און פאַרמאָגן אַלע

הויכע מדרגות און מעלות, און דאָך פֿאַרבלייבן ביים „פּתח״, ביי דער טיר, און זיין ביי זיך קליין און באַשיידן... וואָס, דער באַרג סיני האָט געברענט אין פייער ביזן האַרץ פון הימל? (וההר בוער באש עד לב השמים, דברים ד, יא). פֿאַר רבי חנוך־העניך פון אַלעקסאַנדער איז דאָס אַ בפירושער אָנזאָג, אַז דאָס ייִדישע האַרץ, ווען עס צעפלאַקערט זיך, קען עס ווערן הימל... וואָס, עס איז פֿאַרבאָטן צו שלייפן און אַרומהאַקן די שטיינער פאַרן מזבח, וואָס ווערט געבויט פֿאַר גאָט? (לא תבנה אתהן גזית, שמות כ, כב). לויט רבי ישׂראל פון ריזשין קען דער דאָזיקער אָנווייז זיך אָנווענדן צום שמועס אין חסידות. פּשוט דאַרף ער זיין, עכט, נאַטירלעך, נישט געשליפן, נישט אַרומגעשניצט... וואָס, די רויז פון די טאָלן, וואָס ווענן איר איז די רייד אין שיר השירים? (שושנת העמקים, ב, א). אין פֿאַרטייטש, וואָס ווערט אָנגעגעבן אין נאָמען פון זעלבן רבי ישׂראל פון ריזשין איז זי אַ רמז צום חסידישן שמועס, וועלכער בליט זיך פונאַנדער ווי אַ רויז, ווען דאָס וואָרט שפּראָצט אַרויס מעומקא דליבא, פון די טיפענישן פון האַרץ... וואָס, אין די אַלטע צייטן האָט מען, אין דער שעה פון סכנה, כּדי צו ווערן זיך קעגן שונא, געבלאָזן מיט די טרומייטערס? (וכי תבואו מלחמה בארצכם על הצר הצורר אתכם והרעותם בחצוצרות, במדבר י, ט). אין מאָדזשיץ האָט מען אויסגערופן: לאָמיר זשע היינט אויך זיך צעזינגען אין אַן עת־צרה, לאָמיר פֿאַרציִען דעם ניגון!...

ביישפּיל נאָך ביישפּיל קען אָנגעקליבן ווערן ווי אַזוי אין שמועס וואָס ציט זיך אין דער וועלט פון חסידות, האָבן זיך צונויפגעשפּינט ווייטע פֿאַרגאַנגענ־הייט און אינטימע קעגנוואַרט. דער ערשט־געבוירענער איצט איז געוואָרן אַ קלאַנג פון רייפן, צייטיקן פֿאַרצייטנס, און דער פֿאַרצייטנס האָט גערעדט מיטן קול פון היינט. יציאת מצרים איז, אין באַנעם פון רבי ישׂראל פון קאָזשעניץ, נישט געווען דווקא אַ פּאַסירונג פון די העט־ווייטע תקופות. יעדן טאָג איז דער ייִד מחויב אַרויסצוגיין פון מצרים. מיר זענען נישט קיין נביאים. מיר, וואָס אָטעמען מיט חסידות, האָט אַ זאָג געטאָן רבי נפתלי ראָפּשיצער, דער רבי אין חסידות דרייט זיך אַרום אין דער קעגנוואַרט, „ועתה אם שמוע תשמעו בקולי״. מיר פֿאַרנעמען די קולות פון „עתה״, פון איצט... און אין די חסידישע שמועסן איז טאַקע די רייד וועגן נאַפּאָלעאָנס מלחמות, די פּאָליטיק פון פּרייסן, די גזירות פון צאַר, די זעלבסטשטענדיקייט פון פּוילן, דאָס פייער פון די צוויי וועלט־מלחמות פון אונדזער יאָרהונדערט, די עליה קיין ארץ־ישׂראל, די ערד וואָס ציטערט אויף פון פֿאַרגאָסענעם ייִדישן בלוט, די קאַלך־אויוונס פון אוישוויץ און טרעבלינקע.

אָבער צוזאַמען מיט דער נאַטירלעכקייט און פּשטות, וואָס מיט זיי צייכנט זיך אויס דער געשפּרעך אין חסידות, שימערירט ער מיט דער רייכקייט און פילפֿאַרביקייט פון אויסדרוק. אָט פֿאַרבליצט ער מיט זיין פֿאַרטייטש; אָט פֿאַר־

וויגט ער מיט זיין שירה; אָט פאַנגט ער מיט זיין סיפּור המעשׂה. די וועלט טענהט, האָט געזאָגט רבי נחמן בראַצלעווער, אַז דורך די מעשׂהס זענען מענטשן מסוגל איינצושלאָפן. אָבער איך האַלט, אַז די מעשׂהס וועקן אויף פון שלאָף. מען דאַרף וויסן וואָס און ווי אַזוי צו דערציילן, און אין זיין מעשׂה מיט די זיבן בעטלער דערציילט ער, אַז אַפילו ווען מען איז אַ שטאַמלער, אַזוי ווי דער דריטער בעטלער איז געווען, קען מען דאָך באַווייזן, אַז מען איז נישט קיין כבד פּה, „נאָר אַ ריידער זייער אַ ווילער"...

געשנירלט האָט זיך דער שמועס אין דער וועלט פון חסידות אין יידישן לשון. אַרויסגעוואַקסן פון איינגעווייד פון פאָלק, האָט חסידות גערעדט, געלערנט, געזיפצט, געזונגען אין לשון פון יידישן פאָלק אין מזרח־איראָפּע, אין יידיש. אין חסידישן שמועס האָט אָפּגעקלונגען דער יידיש אין דער פאַרכאַפּנדיקער עשירות פון זיינע ניואַנסן. דאָרט האָט זיך געהערט דאָס לשון פון מויל פון אונדזער פאָלק אין דער אוקראַינע, אין קאָנגרעס־פּוילן, אין גאַליציע, אין דער ליטע, אין רוסלאַנד, אין אונגאַרן. דאָרט האָט זיך באַוועגט דער ספּעציפישער אַקצענט פון יעדן גרעסערן צי קלענערן יידישן ישוב. דער קנייטש, דער טאָן, דאָס אַלץ וואָס אַנטפּלעקט דעם מענטש און די פאַרהעלטענישן אין וועלכע ער לעבט. אויך אַ סך אויסדרוקן און שפּרוכן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר די לענדער און פעלקער, וואָס צווישן זיי האָט חסידות זיך פונאַנדערגעבליט, זענען אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער איינגעגלידערט געוואָרן אין וווּנדער־קרייז און באַקומען יידישלעכן תּוכן און קלאַנג. „סערדצע" (האַרץ) האָט אויפגעהערט קלאַפּן מיט סלאַווישן ריטם און איז געוואָרן אַ יידיש האַרץ. „הולאַי דושאַ" (פריי זיך, נשמה) איז געוואָרן מאַמע־לשון און געקראָגן עלית נשמה. אין שמועס וואָס איז אָפט מאָל אויסגעפּליסטערט געוואָרן מיט אַ קול דממה דקה אַרום רביישן טיש, האָט געברויזט גרויסע שעפערישע ענערגיע. און אַפילו דאָס, וואָס האָט דאָרט אַהין אַריינגעדרונגען פון דרויסן, האָט באַקומען לויטערקייט. רבי משה־לייב סאַסעווער האָט, ווי ער אַליין זאָגט עדות, דורך זיין מגע ומשׂא מיט די פּויערן פון שענק משׂיג געווען ווי אַזוי מען דאַרף ליב האָבן דעם מיטמענטש. און רבי יעקב־יצחק, דער „ייד" פון פּשיסכע, האָט דערפילט נאָך דעם ווי ער האָט זיך אָנגעטראָפן אויף אַ פּויערשן וואָגן מיט היי, וואָס האָט זיך איבערגעקערט אויפן שאָסיי, אַז מען קען אויפהייבן די שכינה פון שטויב.

בנוגע די שמועסן וואָס זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין דער וועלט פון חסידות, לאָזט זיך אָנווענדן דאָס, וואָס רבי שניאור־זלמן פון ליאַדי האָט געזאָגט מכּוח די וווּנדער, צו וועלכע ער האָט זיך צוגעזען אין הויף פון רבי דוב־בער פון מעזריטש: עס האָבן דאָרט, אין מעזריטשער „הויף", די נסים זיך געוואַל־גערט אונטער די טישן, און מיר האָבן נישט געהאַט קיין שׂכל זיי אויפצוהייבן.

אויך ביי אונדז האָט מען לאַנגע יאָרן זיך נישט אומגעקוקט אויפן אומפאַר־

געגנגלעכן חן און דויערהאַפֿטיקן ווערט פֿון וואָרט און שמועס אין דער וועלט פֿון חסידות. ערשט לעצטנס, ווען דאָס קול פֿון די ייִדישע ישובים אין מזרח־אייראָפּע איז פֿאַרשטומט געוואָרן, האָט מען אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן אַ חשבון, געזנוי ווי אין משל פֿון בעל־שם־טוב, אַז מיר האָבן פֿאַר לאַנגע צייטן גאָרנישט געהערט און גאָרנישט דערהערט. ערשט איצט אַנטדעקן מיר די דינאַמיק וואָס פּולסירט אין וואָרט, וואָס האָט זיך געקוילערט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן. פּונקט ווי אין משל פֿון רבי בונם, האָבן מיר געזוכט דעם אוצר פֿון אייזיק ר׳ יעקלס ערגעץ העט ווייט, און נישט באַמערקט, אַז די פּערל געפֿינען זיך אָט דאָ מיט אונדז, צווישן אונדז, אין אונדז.

גראָד אין דער וועלט פֿון חסידות און גראָד אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישערווירקלעכקייט, האָט דער שמועס דערגרייכט דעם הויכן שטאַפּל וואָס צו אים איז ער אַרויפֿגעשטיגן אין באַגינען פֿון באַשאַף. אין דער שפּראַך פֿון תּנ״ך איז „שיח״, אַ שמועס; אָבער „שיח״ איז אויך אַ תּפֿילה; „שיח״ איז אויך אַ סוד און „שיח״ איז אויך אַ בוים. אין חסידות איז דער שמועס אַ תּפֿילה, אַ סוד און בעיקר אַ בוים, וואָס שיט אַראָפּ געבענטשטע פֿרוכטן אויפֿן ייִדישן לעבן.

די תורה פון האַרץ אין חסידות

א.

מען האָט ביי אונדז אַלע מאָל, אין דער ייִדיש־גייסטיקער קולטור און אין ייִדישן לעבן, צוגעשריבן אַ גאָר גרויסע, ממש אַנטשיידנדיקע באַדייטונג צו דער באַציִונג פון מענטש צו מענטש. קאָן זיין, אַז עס איז בכלל נישט מעגלעך צו „נאַציאָנאַליזירן" קאַטעגאָריעס פון געפילן און זיי צונויפפּאָרן מיטן כאַראַקטער און לעבנסוועג פון אַ ספּעציפיש פאָלק אָדער ספּעציפיש־עטנישער גרופּע. אָבער עס איז פאָרט ווייט נישט איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז רחמנות און מיטלייד זענען היסטאָריש גענומען ייִדישע אייגנשאַפטן. נישט פּלאַטאָן האָט דאָס געפיל פון רחמנות אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון זיין אידעאַליזירטער „רעפּובליק". נישט אַריסטאָטעלעס האָט אָפּגעגעבן פאַר מיטלייד אַ פּלאַץ אין סיסטעם, וואָס ער האָט אויסגעבויט פאַר מענטש און געזעלשאַפט. און ווען אַפילו דער באַגריף פון אַ גאָט, וואָס איז באַרעמהאַרציק, און דער אידעאַל פון מענטש, וואָס דאַרף גיין אין וועגן פון באַרעמהאַרציקן גאָט, איז דורך דער קריסטלעכער לערע — וועלכע איז אויסגעטראָגן געוואָרן אין בית־לחם — אַריינגעדרונגען אין דער נישט־ייִדישער אידייען־וועלט, איז רחמנות בעצם ווייטער פאַרבליבן, אין דער פּראַקטישער אָנווענדונג און אין טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער, אַ ייִדישע מידה. ניטשע האָט מן־הסתם נישט געוווּסט, אַז „רחמנים בני רחמנים" איז אַ נאָמען, וואָס האָט זיך צו אונדז צוגעקלעפּט מיט לאַנגע דורות צוריק; און אַז עס איז אונדז גאָר קיין מאָל אויפן זינען נישט געקומען אָפּצוּוואַרפן אָט דעם קענצייכן פון אונדזער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער פּערזענלעכקייט. ער האָט אויך נישט געוווּסט, אַז פון אַלע זעלטענע אייגנשאַפטן, וואָס זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַברהם, וואָס מיט אים עפנט זיך דאָך ייִדישע געשיכטע, איז אין אונדזער טראַדיציע געשטעלט געוואָרן דער טראָפּ דווקא אויף זיין מידה פון חסד. עס איז ביי אונדז געבליבן זיכער, אַז גראָד אין אָט דער מידה איז געווען טיף־פאַרוואָרצלט זיין לעבן. אָבער הגם ניטשען זענען די אַלע פּרטים נישט געווען באַקאַנט, האָט ער גוט פאַרשטאַנען, אַז רחמנות איז דורך און דורך אַ ייִדישע דערפאַרונג.

װי עס װײַזט אויס, איז אונדז בכלל קײן מאָל נישט אָנגעגאַנגען, װאָס מען װעט זאָגן און װאָס מען װעט טראַכטן װעגן דער װיכטיקײט, װאָס מיר גיבן אָפּ פֿאַר דער מידה פֿון גוטהאַרציקײט. אין די פֿערציק יאָר, װאָס דאָס פֿאָלק האָט געװאָנדערט אין מדבר, װוּ די רױִקײט און פּרימיטיװקײט פֿון דער נאַטור האָבן געטרײַ אָפּגעשפּיגלט די האַרצלאָזע און פּרימיטיװע מענטשלעכע געזעלשאַפֿט פֿון דער תּקופֿה פֿון געצנדינסט, איז משה נישט אָפּגעשטאַנען אין זײַן אַנטשלאָסנקײט „װײך צו מאַכן" דאָס האַרטע האַרץ פֿון די, װעלכע האָבן באַדאַרפֿט בױען דעם מאָרגן פֿון ייִדישקײט. גאָרנישט לײַכט איז געװען אין יענעם פּײזאַזש און אין יענע פֿאַרהעלטענישן צו פֿאַרזײען קערנדלעך פֿון עטיק און מאָראַל. אָבער גראָד דאָרט איז, צום ערשטן מאָל אין דער מענטשלעכער געשיכטע, רײַף געװאָרן דער געדאַנק, אַז מען קען און מען דאַרף שנײַדן אָפּן דאָס האַרץ, װאָס איז פֿאַר־שטאָפּט, (ומלתם את ערלת לבבכם, דברים י׳, ט״ז), און באַװעגן דעם ציטער פֿון ליבשאַפֿט פֿאַר די לײַדנדיקע און געשלאָגענע. אין צונױפֿטרעף מיט דער אומברחמנותדיקער װירקלעכקײט האָבן, נאַטירלעך, די נײַע אױפֿרודערנדיקע אידײען נישט געקענט אָננעמען גלײַך הױט און בײנער. אָבער אויף די האַרטע פֿעלזן פֿון דער װיסטעניש איז געפֿאַלן די לערע פֿון צאַרטקײט. דאָס איז געװען די תּורה פֿון האַרץ: די אַלמנות און די יתומים דאַרפֿן באַהאַנדלט װערן מיט זאָרג און אײנזען. צו די קנעכט און דינסטן מוז מען זיך באַציִען מיט מענטשלעכן סענטימענט; און אַפֿילו, װען זײ זענען פֿרעמדע, „כּנענים", טאָר מען זײ נישט שלאָגן. דער אָרעמאַן מוז פֿאַרזאָרגט װערן, און בײַ יעדער געלעגנהײט, צי עס האַנדלט זיך װעגן שטיצע אָדער װעגן אַװעקשענקען אים אַ טײל פֿון דער תּבֿואה נאָכן שניט, לאָזט זיך אָנװענדן די געהעריקע פֿאָרם, װי אַזױ צו טײלן דעם ביסן מיטן נױטבאַדערפֿטיקן. אַפֿילו װען דער אָרעמער מענטש איז שולדיק אַ חובֿ, טאָר מען נישט אַרױסװײַזן לגבי אים אַכזריות. מען מוז אים צוריקגעבן דאָס פֿאַרמשכּנטע מלבוש אײדער עס פֿאַלט צו די נאַכט, כּדי עס זאָל אים נישט אויס־קומען צו פֿרירן פֿון קעלט. דער אָרעמער מענטש איז דײַן ברודער (לא תאמץ את לבבך, ולא תקפּוץ את ידך מאחיך האביון, דברים ט״ו, ז׳). און עס איז דאָך זיכער געװען אַ כּוונה דעריִן, װאָס אין פּרק משפּטים און געזעצן, װעלכער האָט באַקומען אַן אויספֿירלעכע דערקלערונג גלײַך נאָך דער אַנטפּלעקונג אין סיני, איז געװען די רײד װעגן דער יואַרעמער מענטשלעכקײט, מיט װעלכער מען דאַרף זיך באַציִען צו די, װאָס האָבן אין דער דעמאָלטיקער געזעלשאַפֿט בכלל זיך אויסגעװיזן צו זײַן שוצלאָז: די שקלאַפֿן.

װי געזאָגט: עס איז נישט געװען צו דערװאַרטן, אַז אָט די אױפֿשיטערנדיקע אידײען זאָלן גלײַך באַקומען אָנהאַלט אין טאָגטעגלעכן ייִדישן לעבן. נישט בלויז די פֿרעמדע אָפּגעטער האָבן געלאָקט, נאָר אויך דער פֿרעמדער לעבנס־שטײגער, די האַרצלאָזיקײט פֿון אַרום. אָבער אַפֿילו אין דער צײַט, װען ס׳האָט זיך אויסגע־

דאַכט, אַז עס איז בפירוש נישט מעגלעך אויפצושטעלן צווישן ייִדן אַן אינסטי־טוציע פון אייגענע ייִדישע מידות, איז דאָך פאַרט נישט אין גאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן דער פונק פון רחמנות. מען האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון דערפון אין דער אויסערלעכער וועלט. מיר זענען, פאַרשטייט זיך, ווייט נישט אַנטציקט פון אַלץ, וואָס האָט זיך אָפּגעטאָן אין ייִדישן לאַנד אין די צייטן פון אַזאַ קעניג, ווי עס איז געווען אַחאַב. אָבער אויך דעמאָלט האָבן די באַזיגטע זעלנער פון אַרם גלייכער געוואָלט אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט צו ייִדן. זיי האָבן געזאָגט: מיר האָבן געהערט, אַז די ייִדישע קעניגן געוועלטיקן מיט חסד (הנה נא שמענו, כי מלכי בית ישראל, כי מלכי חסד הם, מלכים א׳, כ׳, ל״א).

דאָס איז געווען, נאַטירלעך, דער מאָראַלישער בייטראַג פון די נביאים. מיט דער גאַנצער שטרענגקייט און צאָרן, וואָס שלאָגט פון זייער וואָרט, איז דאָך די סטרונע פון מיטלייד, וואָס ציטערט אין זייער צער. אין די פאַרשידנסטע ניואַנסן האָבן זיי ווייטער געצויגן דעם פאַרלאַנג, וואָס האָט באַקומען זיין אָריגינעלן אויסדרוק אין די מדבר־וואַנדערונגען: שניידן אָפּן דאָס פאַרשטאָפּטע האַרץ. וואָס איז גוט פאַר דיר, מענטש? — האָט געפרעגט מיכה. זיין ענטפער איז געפאַלן קלאָר: זיין גוט, ליב האָבן חסד (מיכה ו׳, ח׳). אין צוויי שניידיקע ווערטער האָט דאָס אַרויסגעזאָגט ישעיהו: למדו היטב, לערנט אייך טאָן גוטס (ישעיה, א׳, י״ז). מיט ביישפּיל און משל האָט דעם באַגריף אַנטוויקלט ביי די טייכן פון בבל, יחזקאל. עס איז נויטיק, האָט ער געזאָגט, אַרויסצושניידן פון זיך דאָס שטיינערנע האַרץ, און לאָזן דאָרט פולסירן מיטגעפיל און מענטשלעכקייט (והסירותי את לב האבן מבשרכם, ונתתי לכם לב בשר, יחזקאל ל״ו, כ״ו). אָט די אידייע איז דער באַשטאַנדטייל פון אַלע ספרים, וועלכע זענען אַריין אין די כתבי־הקודש. און נישט דווקא אין דער ליריק פון די תהלים־קאַפּיטלען הערט זיך דער זיפץ אויפן גורל פון די, וואָס ליידן, און נישט בלויז דאָרט שפּירט זיך דער טיפער באַגער אַריינצוברענגען אַ ביסל פרייד אין פאַראומערטן דאַזיין פון די עלנטע און איינזאַמע.

מיט די ווערטער „תפילה לעני כי יעטוף״, וואָס מיט זיי הייבט זיך אָן דאָס קאַפּיטל ק״ב אין תהלים, ווו עס שטרעקט זיך אויס אַ האַנט פון אַנשפּאַר צום הילפלאָזן, מעגן זיך פאַקטיש אָנהייבן די פרקים אויך אין יענע תנ״ך־ספרים, וועלכע זענען נישט געשריבן אין זעלבן לירישן טאָן. איוב לאָזט נישט הערן זיין ווייגעשריי אַליין. זיין אומגליק רופט אַרויס אַן אָפּקלאַנג אין די הערצער, רייסט זיך צו די הימלען און באַוועגט אַפילו לסוף, אַז דער הימל זאָל זיך שפּאַלטן; אַז גאָט אַליין זאָל דערקלערן דעם באַטייט פון ווײ. דער פּעסימיזם פון קהלת האָט נישט בלויז צו טאָן מיטן זוכן אַ זין אין אוניווערס, אין אויפגיין און פאַרגיין פון דער זון און אין ענדלאָזן אָנקומען און פאַרשווינדן פון די דורות. דער אָפּגרונט פון זיין אומעט, פאַר וועלכן ער זעט נישט קיין טרייסט,

געפינט זיך אין „דמעת העשוקים". סקעפּטיש ווי ער איז, און אין וואָסער פילאָ־סאָפישער שטימונג ער זאָל נישט באַטראַכטן די פּאַסירונגען, ווערט שטורמיש זיין געמיט, ווען ער באַמערקט די עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אַנטקעגן די שוואַכע און שוצלאָזע. „איך קער זיך אום, זאָגט ער, און זע די אַלע רויב־מעשׂים, און די באַרויבטע, און איך זע די טרער פון די געקריוודעטע, און נישטאָ צו מאָל, ווער עס זאָל זיי טרייסטן" (קהלת ד׳, א׳).

די וועלכע פּרובירן פאַרשטעלן די פאַרצווייגטע תּלמוד־ליטעראַטור צי די רבנישע פּירושים, חקירות און שאלות־ותשובות, וואָס זענען געקומען שפּעטער, ווי אַן אויסדרוק פון איינזייטיקן, האַרטן געזעץ, פאַרקריפּלען בעצם דעם אינ־האַלט פון יענע שאַפונגען. מיר באַגעגענען דאָרט אויף שריט און טריט נישט בלויז די ענערגישע אויפפאָדערונג צו באַוועגן מענטש און ייִד צו קלעטערן אויף דער לייטער פון מידות, נאָר דאָס געזעץ אַליין ווערט געשטעלט אין שוץ פון די, וואָס געפינען זיך אוממעכטיק, פּנים אל פּנים, מיט די פּראָבלעמען פון לעבן. וואָס איז דער בעסטער וועג, וועלכן דער מענטש דאַרף פאַר זיך אָפּקלייבן, און וועלכע איז די בעסטע מענטשלעכע אייגנשאַפט? אָט די פראַגע האָט געשטעלט פאַר זיינע תּלמידים דער לערער פון יבנה; דער, וואָס האָט אין מאָמענט פון דראָענדיקער סכּנה אָפּגעראַטעוועט יבנה, און וועלכער האָט בכן געגעבן ריכטונג און אָריענטאַציע צו אָט דער גאַנצער קולטור, וואָס איז שפּעטער קאָנצענטרירט געוואָרן אין דער הלכה און אין דער אגדה (פּרקי אבות ב׳). דאָ ווערט אונדז דערציילט געניי, וואָסער ענטפער ס׳האָט געוווּנען די ענטוזיאַסטישע אָנערקענונג פון רבי יוחנן בן זכּאי: לב טוב, אַ גוט האַרץ... פון אַלע דינים און כּללים, וואָס זיינען אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער תּורה, איז פאַר רבי עקיבא — וועלכער האָט געקענט אויף די גרויסע פערזענלעכע און נאַציאָנאַלע טראַגעדיעס פאַר־וואַנדלען אין טריומף פון איידעלן געפיל — גראָד דער „ואהבת לרעך כּמוך", דער געבאָט פון ליבשאַפט צום מיטמענטש, איז אויסגעקומען צו זיין דער „כּלל גדול"... אויך אין טאָג, ווען עס ווערט געפירט דער גרויסער ערנסטער דיאַלאָג צווישן גאָט און מענטש, אין יום־כּיפּור, בלייבט אַלץ אָנטשיידנדיק אויף דער וואָגשאָל פון גוטס און שלעכטס דער דיאַלאָג צווישן מענטש און מענטש, וואָרום ווען דער פּראָבלעם פון „בין אדם לחברו" ווערט פאַרפלאָנטערט, קאָן מען ווייניק וואָס רעכענען, אַז מיט דער הילף פון „בין אדם למקום" וועט געלונגען זיך אויפצוהייבן צו דעם שטאַפּל, וווּהין די תּפילות דאַרפן דערגיין...

עס איז ריכטיק, אַז אין תּלמוד ווערט געשאָנקען אויפמערקזאַמקייט אַלע נויגונגען און שאַטירונגען פון דער מענטשלעכער נאַטור. אָבער עס זעט זיך באַשיינפּערלעך, אַז די זאַכן, וואָס קומען פון האַרץ און דערגייען צום האַרץ, ווערן דאָרט באַהאַנדלט מיט באַזונדערער וואַרעמקייט. צדקה, גמילות חסדים, ביקור־חולים און ענלעכע מידות, וואָס זאָגן עדות אויף טיף מענטשלעכער סאָלי־

דאַרקייט, פאַרזיכערן דיר און מירביידע וועלטן. „מעשׂר עני״, הילף פאַרן נויטבאַדערפטיקן, איז אַ פּערמאַנענטער לעבנסוועג. לפנים משורת הדין איז וואָגי־קער ווי דער דין. ירושלים איז חרוב געוואָרן, ווייל מען האָט דאָרט דווקא זיך געוואָלט פירן לויט דעם האַרטן, אומבויגעוודיקן פּרינציפּ. וואָרום „רחמנא ליבא בעי״, גאָט וויל פון דיר און פון מיר דאָס האַרץ.

ס'איז בכן נישט קיין וווּנדער וואָס אַ ציוויליזאַציע, וועלכע האָט זיך געבויט אויף אַזעלכע יסודות, און אַ לעבנסוועג, וואָס איז אַנגעצייכנט געוואָרן לויט אַזעלכע אָנווייזן, האָבן אין אַלע דורות, אונטער אַלע הימלען, און ביי אַלע אומ־שטענדן, אויפגעהיטן, ווי אַ טייערן פאָלקס־אוצר, די אידייען, וועלכע האָבן גע־הויכט איבער דער אומה זינט איר בראשית. אהבת הבריות, אהבת ישׂראל, זענען נישט פאַרבליבן קיין סתם טעאָרעטישע באַגריפן, וואָס האָבן געהאָט אַ ברירה נישט אַלע מאָל אויסגעפירט צו ווערן אין דער ווירקלעכקייט. זיי האָבן זיך צונויפגעגלידערט מיט דער יידישער אומה. זיי זענען צונויפגעוואַקסן מיט דער יידישער פּסיכיק. זיי זענען געוואָרן אַ נישט־אָפּגעריסענער טייל פון דער יידישער וואָך און יום־טוב. יענע משנה אין פּרק א' פון מסכת פּאה, וואָס שטרייכט אונטער, ווי וויכטיק עס איז צו האָבן אַ גוט, מיטפילנדיק האַרץ, איז אַריינ־געשטעלט געוואָרן אין די טאָג־טעגלעכע תּפילות. נאָך מער: זי האָט באַדאַרפט דינען, ווי אַן אַריינפיר צו די תּפילות. זי האָט ערשט באַדאַרפט עפענען דעם טויער צום היכל פון סידור. פדיון שבויים, דער חוב פון יעדן יידישן יחיד און ציבור זיך מוסר נפש זיין אין דער אויפגאַבע פון אויסלייזן יידישע געפאַנגענע אָדער אומשולדיקע קרבנות, וועלכע זענען צוליב רשעות פאַרשפאַרט געוואָרן אין תּפיסה, איז אַ לייטמאָטיוו, וואָס חזרט זיך איבער אין אַלע תּקופות פון אונדזער געשיכטע און אין אַלע ערטער פון אונדזער צעשפּרייטקייט. מעות חיטין, די פרייוויליקע און דאָך אָרגאַניזירטע הילף, וואָס מוז אונטערגעטראָגן ווערן צו די אַלע, וועלכע האָבן נישט, צוליב זייער אָרעמקייט, די מעגלעכקייט אָנצוגרייטן אויף יום־טוב, איז אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער געשריבענעם צי אומגעשריבע־נעם קאָדעקס. ער איז מחייב אַן אונטערשייד סיי די, וואָס האָבן אויפגעבויט זייערע אינסטיטוציעס לויטן שולחן־ערוך פון רבי יוסף קאַראָ צי לויט די הגהות פון רבי משה איסערליש אָדער גאָר לויט די צירופים און רמזים פון אר״י.

אַלע, און נישט דווקא מאָראַליסטן, האָבן אין אונדזער וועג פון דורות גע־לייגט ציגל צום בנין פון מידות. דער דיכטער משה אבן עזרא, אין מיטל־עלטער־לעכן שפּאַניע, איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דער מוסולמענישער פּאָעזיע; און זיין ווערק איבער דיכטונג האָט אַ סך צו טאָן מיט די כללים פון פּערז און ריטם. אָבער ער, דער יידישער משורר, האָט אויך אין אָט דעם חיבור געהאַלטן פאַר נויטיק צו דערמאָנען, אַז דער ציל וואָס צו אים דאַרף יעדער מענטש שטרעבן, איז אויסצובעסערן די אייגענע אייגנשאַפטן און משפּיע זיין

אויך די מיטמענטשן, אַז זיי זאָלן אויספיינערן זייערע מידות. אין זעלבן שפּאַניע, און אין זעלבן צוועלפטן יאָרהונדערט, האָט דער רמב״ם אַריינגעטראָגן אין קרייז פון ייִדנטום די אידייען פון אַריסטאָטעלעס. אָבער דער גריכישער סיסטעם פון לאָגיק האָט ביי אים געאָטעמט מיט ייִדישער עטיק. אָפּגערעדט דערפון, אַז אין „יד החזקה״ הייבט זיך אויף דער רוף אויפצוהיטן מיט לייב און נשמה די אומ־פּאַרגענגלעכע ווערטן פון דער ייִדישער מאָראַל. אויך אין „מורה נבוכים״ קערט זיך אום דער דענקער פון קאָרדאָוואַ צו אָט דער טעמע. דורך דעם אויסבעסערן די מידות, פּירט ער אויס, וועט ווערן שלימותדיק די געזעלשאַפט, און דאָס איז דאָך דער עיקר פאַר די עניינים פון די מענטשן (מורה נבוכים ג׳, ל״ה).

מיר קלאָגן זיך היינט מיט רעכט, אַז מיר לעבן איצט אין אַ בין־השמשות פון ווערטן. אָבער זאָגן צוליב דעם, אַז רחמנות און גוטסקייט האָבן לחלוטין אויפגעהערט צו זיין ייִדישע אייגנשאַפטן, איז דאָך פאַרט נישט ריכטיק. די באַדייטנדיקע ייִדישע דענקער, וועלכע האָבן געווירקט אין די לעצטע צייטן, זענען בעצם מאָראַליסטן. די גרויסע דאגה, וואָס האָט אין זיי געעקבערט, איז געווען, ווי אַזוי באַוועגט מען אין מיטן פון די בייזע, הוליענדיקע ווינטן דאָס מענטשלעכע האַרץ, און וואָס קען געטאָן ווערן כּדי אויך דאָס ייִדישע האַרץ זאָל נישט פאַרטעמפּט ווערן. אין אַ צייט, ווען אין דער אייראָפּעיִשער פילאָסאָפיע האָבן גובר געווען די טענדענצן פון דער פּרייסישער שולע פון געדאַנק, ווו ווייכקייט און מיטלייד זענען אויסגעקומען צו שטיין אין קעגנזאַץ צו די אויפ־גאָבעס, וואָס דאַרפן אַדורכגעפירט ווערן אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט און אין מאָדערנעם שטאַט, האָט שמואל דוד לוצאַטו זיך געהאַלטן ביי זיין מיינונג, אַז רחמנות און גוטסקייט זענען אַבסאָלוטע ווערטן. דערפאַר קענען זיי נישט אַרונ־טערגעוואָרפן ווערן אונטער די פאַרביילויפנדיקע קאַפּריזן פון דער מאָדע.

מיט פאַרשידענע וועגן און פאַרשידענע מעטאָדעס זענען הערמאַן קאָהען, פראַנץ ראָזענצווייג און מאַרטין בובער געקומען בעצם צום זעלבן אויספיר. זיי האָבן געזאָגט, אַז גוטס און שלעכטס הענגען נישט אָפּ פון אויסערלעכע פאַקטאָרן, נאָר פון אונדז אַליין און פון דער רעאַקציע פון אונדזער אייגן האַרץ. דעריבער האָט אונדזער לעבן אַ זין נאָר דעמאָלט, ווען מיר פירן אַריין אין תוהו ובוהו פון דער וועלט די נביאישע אידייע פון גאָט און מענטש. עס איז אמת, אַז די חבורות פון די אסיים, געשטויסן פון ווילן זיך צו לייטערן אין די געהויבענע ייִדישע מידות, האָבן געגראָבן אין דער טיף פון זייער מחשבה אין די היילן, ביי די ברעגן פון ים המלח מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק; אָבער די, וועלכע האָבן געגרינדעט די קיבוצים אין גליל אין באַגינען פון אונדזער היינט־צייטיקער שיבת־ציון, האָבן דאָך, אין פאַרענדערטע לעבנס־פאָרמען און אין נייע טערמינען, געגעבן אַזוי געשטרעבט אַרויסצוררייסן דעם עלנטן, ליידנדיקן יחיד פון גלייכגילטיקן, אַכזריותדיקן אַרום, און אָנטאָן די אַראָפּגעפאַלענע קרוין פון

זויבערע מידות אויפן קאָפּ פון מענטש און ייִד. צווישן די מגילות פון ים־המלח און די רעפּלעקסן פון אַהרן דוד גאָרדאָן מעג ליגן אַ געוואַלטיקער צייט־אָפּשניט. אָבער פוןביידע רעדט אַרויס די אַנטשלאָסנקייט אַריינצובריינגען, אין תקופות פון גייסטיקער פאַרלוירנקייט, פּאַטאָס און דינאַמישקייט אין אידעאַלן, וועלכע קענען קיין מאָל נישט ווערן פאַרעלטערט.

מיר, אין אונדזער איצטיקן דור, האָבן טאַקע זיך נישט געוואָרעמט אין פייער פון אהבת ישׂראל פון אַ רבי ישׂראל סאַלאַנטער. אָבער דאָס מיינט נישט, אַז מיר זענען אין גאַנצן אַ דור יתום. פאַרן „חפץ חיים" און פאַרן „חזון איש" איז דאָס פעלד פון הלכה, וואָס זיי האָבן געאַקערט, געווען פּאַקטיש, לויטן אַלטן תּלמודישן טייטש, דער אויסדרוק פון „הליכה", אַ וועג אין לעבן; אַ וועג, וואָס פירט אַוועק פון אייגענעם „איך", און לאָזט אַרומנעמען דעם מיטמענטש מיט עכטער ליבשאַפט. איבער דער לענג און ברייט פון רוסלאַנד און פּוילן האָט אויף וואָגן און שליטן זיך געשלעפּט דער חפץ חיים און פונאַנדערגעטיילט זיין ספרל. דאָס, וואָס האָט זיך אין יענעם ספרל געזאָגט, איז געווען: היט אָפּ דיין צונג פון שלעכטס. רעד נישט קיין לשון הרע אויף קיינעם. רייס אַרויס פון זיך מיטן וואָרצל די קנאה און די שׂנאה. פאַרפלאַנץ אהבה און גוטסקייט. געניי אַזוי האָט אין דער וויזיע פון גאון פון בני־ברק זיך אָפּגעשפּיגלט די ייִדישע השקפה פון רחמים און חסד. עס האָבן פון איר אַרויסגעקוקט די האָפענונגען און דערוואַרטונגען פאַרן יחיד און פאַרן ציבור, וואָס זענען טאַקע אייביקע ייִדישע חלומות, אָבער וואָס זענען דאָך די העכערע ווירקלעכקייט און דער פאַרטיפטער אינהאַלט פון אונדזער קיום.

אויך דאָס, וואָס איז דויערהאַפטיק און מאָנומענטאַל אין דער נייַער ייִדישער ליטעראַטור, איז בעצם אַ המשך פון דורותדיק ייִדישן, ייִדישלעכן רוף צו הויכער מענטשלעכקייט. ביישפּילן זענען פאַראַן אַ סך. זאָל כאָטש דערמאָנט ווערן „דער דיבוק" פון ש. אַנסקי, ווו די עלעמענטן פון דער מיסטיק ווערן באַנוצט כּדי אַריינצובריינגען געפילן פון יושר און רחמנות אין הערצער, וועלכע זענען פאַר־האַרטעוועט געוואָרן. זאָל אויך געזאָגט ווערן, אַז די נישט פאַרגענגלעכע שיינ־קייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון די פּאָלקסטימלעכע געשיכטעס פון י. ל. פּרץ, געהער זיך אָן צו דער גרויסאַרטיקער שיינקייט פון די ייִדישע מידות, וואָס ווערן אין זיי געשילדערט.

אין וואַרשע, ווו איך בין אויפגעוואַקסן, האָבן אין סאַמע מיטן טומל און הו־האַ פון טאָגטעגלעכן לעבן, אין דער רווישיקער געגנט פון דער פראַנציש־קאַנער־גאַס, ייִדישע יונגעלייט יעדן פאַרנאַכט, אין אַ קלויז, געשטעלט געוואַלדיקע פאָדערונגען צו זיך אַליין. זיי האָבן פאַרלאַנגט פון אייגענעם געוויסן מסירת־נפש און ערלעכקייט. זיי האָבן געפאָדערט ביים אייגענעם האַרץ די געפילן פון רחמנות

און תּמימות. מוסרניקעס, האָט מען די דאָזיקע בחורים פון קלויז גערופן. דאָס איז פּאַקטיש די פאָדערונג, וואָס ייִדן און ייִדישקייט האָבן, זינט מיר האָבן געשטעלט אונדזערע ערשטע טריט, געמאָנט ביי זיך אַליין און ביי אַלע.

ב.

די כּוונה פון אַט דער עסיי איז בכן ווייט נישט צו פאַרלייקענען, אַז תּיקון המידות איז אין אַלע ציטן געווען אייגנטימלעך פאַר די באַוועגונגען, וואָס זענען אויפגעקומען אין ייִדישן לעבן, און דער אויסדרוק פון דער ייִדישער ציוויליזאַציע אין אַלע פאָרמען, וואָס זי האָט אָנגענומען. דאָך איז נישט איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז אין חסידות האָבן די אַלטע ייִדישע מידות פון צדקה און רחמנות באַקומען נייעם ברען. מעשׂים טובים זענען טאַקע נישט קיין ספּעציעלע קאָנצעסיע פון חסידות און חסידישע רביס; אָבער די כּוונה, די דביקות, און די התלהבות, וואָס חסידות האָט אַריינגעלייגט אין איר גאַנצער שיטה, האָבן ממש זיך צעגליט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אהבת ישׂראל. רבי שׂמחה בונם פון פּשיסכע האָט אויסגעטייטשט, אַז דערפאַר מאַכט מען נישט קיין ברכה אויף געבן צדקה, ווייל צו דער מצווה פון צדקה דאַרף מען נישט און מען טאָר נישט מאַכן קיין הכנות, וואָרום אין צווישנצייט קאָן חס־ושלום דער נצרך אויסגיין פון הונגער.

רבי מאיר פון פּרעמישלאַן האָט זיך אויסגעדריקט, אַז פון די דריי עיקר יסודות, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט, תּורה, עבודה, גמילות־חסדים, איז דער וויכטיקסטער דער לעצטער; גמילות־חסדים. ער האָט זיך דערביי אָנגעשפּאַרט אויפן פּסוק אין תּהלים (פּ״ט, ג׳): „כּי אָמרתּי עולם חסד יבנה״. דאָס איז דער גרונטשטיין פון וועלט־בנין: חסד. דער רבי פון קאָצק, רבי מענדעלע, האָט דערקלערט, אַז צוליב דעם ווערט געזאָגט אין דער תּורה „קדושים תּהיו״, הייליק זאָלט איר זיין, אין לשון רבים, ווייל בלויז דעמאָלט, ווען מען שפּירט זיך נישט קיין יחיד און מען איז נישט כּסדר באַשעפטיקט מיט זיך אַליין און מיט די אייגענע געברויכן, נאָר מען פילט זיך אַ טייל פונעם כּלל און מען זאָרגט פאַרן רבים, קאָן מען זיך אַרויפהייבן צו דער מדרגה פון קדושה. שקר, האָט דער רבי פון קאָצק באַמערקט, איז דער היפּוך פון קשר. דער ייִד, וואָס איז נישט צונויפגעבונדן מיט האָרץ און נשמה מיט כּלל־ישׂראל, איז באַוועלטיקט פון שקר.

רבי פּינחס פון קאָרעץ האָט פאַרטייטשט דעם פּסוק פון חומש „קרבני לחמי לאשי״ (במדבר כ״ח, ב׳): דער קרבן, וואָס גאָט באַגערט, איז, אַז מיר זאָלן געבן ברויט צו די מענטשן. דער אויבן דערמאָנטער רבי מאיר פון פּרעמישלאַן האָט געהאַט זיין אייגענעם נוסח פאַר די טראַדיציאָנעלע סימנים פון סדר פון

פסח: קדש, ורחץ, כרפס, יחץ. דער ייִד, ווען ער גייט זיך הייליקן פאַר גאָט און אָפּוואַשן זיך פון זיינע חטאים, דאַרף קודם כל טיילן זיין געלעגער און ביסן ברויט מיטן אָרעמען מענטש (כּר־פּת). און פאַר רבי יעקב יצחק דער חוזה פון לובלין, איז דאָס געווען די האַרציקע שטרעבונג, דער חזיון, די וויזיע. מיר ווילן, האָט ער אויסגערופן, אַז אין חסידות זאָלן אויסוואַקסן אנשי מידות, אנשים על המידות, בעלי הבתים איבער אונדזערע אייגענע מעשים, וואָרום מיר קענען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ ייִד זאָל עס נישט האָבן די וואַרעמע ייִדישע התנהגות.

דער אמת געזאָגט, אַפילו די, וואָס האָבן זיך באַצויגן מיט קעגנערשאַפט צו דער באַוועגונג פון חסידות, האָבן נישט געקענט פאַרמאַכן זייערע אויגן פאַר דער באַזונדערער התלהבות, וואָס מיט איר לעבט אויף דער אַלטער ייִדישער לעבנסוועג אין דער חסידישער עדה. מען האָט געשטוינט איבער דעם צאַפּלדיקן באַטייט, וואָס דאָרט באַקומען אַזעלכע שפּאָרלעך אָפּגענוצטע באַגריפן, ווי התחבּ־רות און אַהבת הבריות. די סאַטירע „מגלה טמירין" פונעם השׂכּלה־טריבון יוסף פּערל האָט נישט געקאָרגט קיין בייסיקע און ביטערע קריטיק קעגן דער „חסידי־שער סעקטע". אָבער אויך יוסף פּערל האָט נישט געקענט אויסבאַהאַלטן דעם פאַקט, אַז ווען עס האָבן דעמאָלט, אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון פאַר־גאַנגענעם יאָרהונדערט, אָנגעהויבן שטראָמען ייִדישע עמיגראַנטן אויף אַן אומ־לעגאַלן אופן פון די רוסיש־אָקופּירטע געביטן צו די גאַליציש־עסטרייכישע פּראָווינצן, און זיי זענען פאַרשפּאַרט געוואָרן אין די תּפיסות, האָבן חסידים זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל זיי אַרויסלאָזן אויף דער פריי, „פאַרזיכערנדיק", אַז אָט די ייִדן זענען „געבוירן געוואָרן" אין טאַרנאָפּאָל. געגנוי אַזוי ווערט אָנגעוויזן אין אַן אַנדערער אַנטי־חסידישער סאַטירע, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין יענער תּקופה „עמק הרפאים" פון יצחק בער לעווינזאָן, אַז אין חסידישן הויף האָט ממש געווימלט און געשוויבלט פון קבצנים, וועלכע האָבן דאָרט באַקומען הילף און וואַרעמקייט. אויך דער היינטצייטיקער היסטאָריקער, ד"ר רפאל מאַלער, וועלכער איז געשטאַנען ווייט פון חסידות און חסידישער השקפה, גיט איבער אין זיין בוך „החסידות וההשׂכּלה", אַז עס פאַרדינען באַטראַכט צו ווערן מיט דער פולער ערנסטקייט די הויך־מענטשלעכע סאָציאַלע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך באַפעסטיקט אין דער חסידישער באַוועגונג. אַפילו די נישט ייִדישע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן דאָס אונטערגעשטראָכן. אין אַ באַריכט, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער עסטרייכישער פּאָליציי אין די ערשטע יאָרצענד־ליקער פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, לייענען מיר, אַז דערפאַר רופט מען די מיטגלידער „פון דער דאָזיקער סעקטע" חסידים, ווייל זיי טוען גוטס צו די ליידנדיקע און נויטבאַדערפטיקע.

ווייזט אויס, אַז אין אָט דער התלהבותדיקער גרייטקייט צו טראָגן הילף צו

די אָרעמע און דערשלאָגענע ליגט, אין אַ גאָר שטאַרקער מאָס, דער באַשייד פֿאַר דער אומגעווייִנלעכער צוציִונגס־קראַפֿט, וואָס די באַוועגונג פֿון חסידות האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט פֿאַר די ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע. זיכער. דער בעלפֿער פֿון מעזשיבאָזש, רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ, אַליין אַן אָנגעליטענער און מחוסר־לחם, אַליין פֿאַרבראָדערט מיט די באַליידיקטע און באַוואָלהטע, האָט אָנגעוויזן דעם וועג. אָבער אויך די, וואָס זענען געקומען נאָך אים, האָבן מיט האַרץ און נשמה זיך אַריינגעשניטן אין קלעם פֿון די צרות פֿון פּרט און כּלל. און אַפֿילו אין אַ לעבנס־שטייגער, ווו עס האָט בעצם קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט ציטערן די סטרונע פֿון רחמנות צום מיטמענטש, האָט דאָס ייִדישע געמיט געמוזט אויפֿגערודערט ווערן פֿון די כוואַליעס גוטסקייט און חסד, וואָס האָבן געברויזט מיט אַ נישט געהאַמעוועטן אימפּעט אין חסידות. פֿאַר וואָס, מיינט איר, האָט מען דען אים גערופֿן בעל־שם? — האָט איין מאָל מיט דער דאָזיקער פֿראַגע רבי פּינחס פֿון קאָרעץ זיך געוואָנדן צום עולם. ער האָט ווייטער געצויגן: מען האָט אים גערופֿן בעל־שם, ווייל ער האָט אָנגערופֿן די ייִדישע נשמה ביי איר נאָמען, ער האָט זי אויפֿגעוועקט און געמונטערט צו טרינקען פֿון די קוואַלן פֿון חסד און אהבת ישׂראל.

איינער ביי איינער וועלן די לערער פֿון חסידות פֿאַר דורות אַרויסרופֿן באַוווּנדערונג פֿאַר זייער וואָרט און טאַט, פֿאַר זייער לעבן און ווירקן. אָט איז רבי לייב שׂרהס, אַ צוניפֿוּועב פֿון לעגענדע און ווירקלעכקייט, אָבער בנוגע וועמען עס איז זיכער, אַז ער האָט כּל ימיו זיך געשלעפּט איבער ייִדישע ישובֿים, און כּל ימיו עוסק געווען אין מבטל מאַכן גזירות, אויסלייזן געפֿאַנגענע און שפּייזן הונגעריקע. ער האָט זיך נישט גערירט אין וועג, ווי עס ווערט דערציילט אין דער חסידישער מעשׂה, אַן דער טאַרבע, ווייל אין איר האָט ער אַריינגעלייגט די ייִדישע צרות. ער האָט זי געלייגט צוקאָפּנס אויף זיין געלעגער און זי האָט זיך איינגעגראָבן אין זיין געדאַנק און געפֿיל.

אָט איז רבי וואָלף זבאַריזשער, וואָס זיין ווייב האָט זיך איין מאָל צעקריגט מיט דער דינסט, און זי אַוועקגעפֿירט צום בית־דין האַלטן אַ דין־תּורה. רבי וואָלף זבאַריזשער האָט זיך געלאָזט נאָך זיי. און ווען זיין ווייב האָט צו אים געזאָגט, אַז ער דאַרף זיך נישט מטריח זיין, וואָרום זי וועט אַליין זיך קענען אויסטענהן, האָט ער איר אָפּגעענטפֿערט, אַז ער גייט נישט צום בית דין צוליב איר, נאָר צוליב דער דינסט, די אָרעמע יתומה, וואָס האָט נעבעך נישט קיינעם, וואָס זאָל זיך פֿאַר איר אָננעמען. דער זעלבער וואָלף זבאַריזשער האָט יעדן אָוונט מפקיר געווען אַלץ, וואָס האָט זיך געפֿונען ביי אים אין שטוב, ווייל טאָמער ס׳וועלן אַריינקומען אין דער נאַכט גנבים, זאָלן זיי בלייבן פּטור פֿון דער עבֿירה פֿון גניבֿה.

אָט איז רבי מנחם־מענדל פֿון קאָסאָוו, וואָס האָט געוווּסט, ווי אַזוי צונויפֿצו־

פאַרן מוסר מיט צאַרטער ווייכקייט, און געקענט אַרויסרופן טרערן ביי די חסי־דים, פאַר וואָס זיי טוען נישט געגוג צו פאַרלייכטערן דעם ביטערן גורל פון די אביונים און נויטליידנדיקע. און אָט איז רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, וועל־כער האָט אויף אַ מוראדיקן אופן זיך געקריגט מיט גאָט. אין הייליקער עזות האָט ער גערופן צו משפט דעם באַשעפער, ווייל פאַר ייִדישע צרות איז אַפילו דער בורא עולם זיך מחוייב צו פאַרענטפערן. וואָס קאָן ער טאָן, לוי יצחק — האָט ער געטענהט צו גאָט — אויב ייִדישע זיפצן ברומען כסדר אין זיין האַרץ, און ער קאָן נישט אָפּשטיין אין זיין תּביעה אַז דער באַשעפער זאָל זיין, וואָס ער איז און דאַרף זיין: אַ באַרעמהאַרציקער פאָטער.

דאָ, אין דער געשיכטע פון חסידות, איז נישט נויטיק ערשט צו נישטערן און אָפּזוכן די נעמען פון די, וואָס האָבן געלערנט בלב ונפש די תּורה פון האַרץ און זי מקיים געווען מיט אַלע פּרטים. דאָ שווימען זיי אַרויס מיט אַ שטראָם, וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּהאַלטן. מיר ווערן דאָ ממש פאַרפלייצט פון ימים און ימים פון גוטסקייט. אָט איז רבי צבי הירש זשידיטשעווער, וועלכער האָט חתונה געמאַכט צענדליקער יתומים און אַלע מאָל, ווען עס איז פאַרגעקומען אַ חתונה אין זיין אייגענער משפּחה, האָט אויך געמוזט געפּראַוועט ווערן אַ יתומישע שׂמחה, וואָס איז דורך אים צוגעגרייט געוואָרן. צדקה, האָט דער זשידיטשעווער געזאָגט, איז טהרה, און דער, וואָס גיט צדקה, איז ערשט אַ טהור. אָט איז רבי נפתּלי ראָפּשיצער, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר געהאַלטן פאַרמשכּנט זיין חנוכּה־מנורה, און דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַר איר געקראָגן געבאָרגט, האָט ער פונאַנדערגעטיילט צווישן די אָרעמעלייט. אָט איז רבי אורי פון סטרע־ליסק, וואָס האָט אין די ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט פאַרן עולם, כּסדר געלייגט דעם טראָפּ, ווי וויכט עס איז נויטיק זיך מתחבר צו זיין איינער מיטן אַנדערן; שפּירן די צרות פון צווייטן ייִד, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען די אייגענע צרות. אָט איז דער חוזה פון לובלין, וועלכער האָט נישט פאַרענדיקט דעם טאָג, ביז ער האָט פונאַנדערגעטיילט ביז דער לעצטער פּרוטה דאָס געלט, וואָס האָט זיך ביי אים געפונען, צווישן די, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הילף. אָט איז רבי דוד פון לעלאָוו, וואָס האָט זיך פונאַנדערגעוויינט מיט ביטערע טרערן, ווען ער האָט געזען, ווי ייִדישע אַרענדאַרן ווערן מיט אומרעכט אַריינגעוואָרפן אין תּפיסה. בשעת זיין זון איז געווען קראַנק, דערציילט מען, זענען חסידים אים געקומען מבקר חולה זיין. האָט ער צו זיי געזאָגט: פאַר וואָס זאָרגט איר אַזוי שטאַרק וועגן מיין זון? צי ווייזט איר דען אַרויס די זעלבע זאָרג אויך, ווען אַנדערע ייִדישע קינדער, חלילה, זענען שלאַף? רבי דוד פון לעלאָוו האָט מיט זיין צער און ליבשאַפט אַרומגענומען די וועלט און אַלע אירע לעבעדיקע באַשעפענישן. ער האָט זיך צעקריגט מיטן בעל־עגלה, ווייל יענער האָט געשמיסן דאָס פערד. אויך פאַר צער בעלי־חיים דאַרף מען אָפּגעבן דין־וחשבון.

אויב די חסידישע תּורות חזרן זיך טייל מאָל איבער, און ווערטער, וואָס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך איינעם, ווערן אויך צוגעשריבן אַ צווייטן, איז דאָס בעיקר דער פֿאַל, ווען עס איז די רייד וועגן די „ואהבת״ — דער געבאָט פֿון ליבהאָבן — וואָס פֿליסן אַרויס פֿון די אַלטע ייִדישע קוואַלן. ביידע אָנזאָגן זענען אין תּוך איינס. ליבשאַפֿט צו גאָט, און ליבשאַפֿט צום מענטש. ליב האָבן דעם אַנדערן מוז מען, אַזוי ווי מען האָט ליב זיך אַליין. דאָס הייסט: מיט אַלע חסרונות און פֿעלערן. ווער האָט די דאָזיקע אינטערפּרעטאַציע געגעבן? מען קען אין די זעלבע ספֿרים לייענען, אַז אַ סך פֿון די חסידישע גדולים האָבן אַזוי אַרום דערקלערט די כּוונה פֿון די פּסוקים. גדולים פֿון דער אוקראַיִנע, פֿון קאָנגרעס־פּוילן, פֿון גאַליציע.

רבי נחום טשערנאָבילער האָט געזאָגט, אַז אין יעדן ייִדישן האַרץ קאָן שטיין דער בית־המקדש, ווען דאָרט ווערט געברענגט אַ קרבן פֿאַר די, וואָס דערוואַרטן פֿון אונדז הילף. ער אַליין טאַקע האָט זיך אָפּגעזאָגט פֿון וועלכער עס איז מנוחה אַלע זיינע יאָרן, נאָר אַרומגעפֿאָרן איבער שטאָט און דאָרף, כּדי אויסצולייזן די, וועלכע האָבן געהאַט אויסצושטיין פּיין מצד בייזוויליקע פּריצים. רבי יחיאל מיכל זלאָטשעווער האָט דערקלערט, אַז איידער ער שטעלט זיך דאַוונען אין דער פֿרי, איז ער זיך קודם כּל מקשר מיט כּלל ישׂראל; און ערשט ווען ער שפּירט, אַז ער איז צונויפֿגעבונדן מיט כּל ישׂראל, קאָן ער מאַכן דעם קשר פֿון די תּפֿילין. רבי משה קאָברינער האָט באַגערט, אַז קהל זאָל באַגרייפֿן, אַז משה רבנו האָט דערפֿאַר צונויפֿגעזאַמלט די ייִדן „למחרת יום הכּיפּורים״, צו מאָרגנס נאָך יום־כּיפּור, ווייל ער האָט אונדז געוואָלט אַזוי אַרום לערנען, אַז ליב האָבן דאַרף מען נישט בלויז אין יום הקדוש, נאָר טאַקע אויך צו מאָרגנס, ווען דער תּענית איז שוין פֿאַרענדיקט, און אַלע טעג פֿון יאָר. רבי יחיאל מאיר פֿון גאָסטינין, דער תּהילים־ייִד, האָט געהאַט פֿאַראיבל אויפֿן שמש, פֿאַר וואָס ער האָט געפֿרעגט ביי אַ ייִד, וואָס איז אָנגעקומען פֿאַרטאָג פֿון אַ ווייטן וועג, צי ער האָט שוין געדאַוונט. רבי יחיאל מאיר האָט געזאָגט דעם שמש: קודם כּל דאַרף מען דעם ייִד פֿרעגן, צי ער האָט שוין געגעסן אָנבייסן...

עס איז פֿאַרבליבן נאָכן תּהילים־ייִד אַ רשימה פֿון צוואָנציק כּללים, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פֿאַר זיך אַליין; כּללים, וועלכע האָבן געהאַט דעם צוועק אים צו דערמאָנען, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפֿפֿירן. דאָרט ווערט דערקלערט, אַז ער טאָר נישט מסיח דעת זיין און אַז יעדע רגע מוז אויסגעפֿולט ווערן מיט אהבה און רחמים. ווען מען האָט אים צו וויסן געטאָן, אַז איינער פֿון זיינע שאַרפֿע קעגנער איז געוואָרן קראַנק, איז ער זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין אַ הייסער תּפֿילה. אויב ער האָט מיך פֿיינט, האָט ער געזאָגט, האָט ער מן־הסתּם אַ סיבה דערצו, און אויף מיר ליגט דער חוב מתפּלל צו זיין פֿאַר אים. רבי שמעלקע פֿון ניקעלשבורג האָט דערקלערט, אַז צדקה איז מען מחוייב צו געבן אַפֿילו, ווען

מען דאַרף אָפּשפּאָרן פון איגענעם ביסן. בעת אַן אָרעמאַן איז געקומען צו אים נאָך אַ נדבה, און ער האָט נישט געהאַט אין הויז קיין פּרוטה אים צו געבן, האָט ער אים אַוועקגעשאָנקען די גאָלדענע רינג, וואָס ער האָט געפונען אין שופלאַד. דאָס ווייב, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, וואָס רבי שמעלקע האָט אָפּגע־טאָן, האָט אים געמאַכט פאַרוואורפן. ווי נעמט מען, האָט זי געזאָגט, און מען גיט אַוועק אַזאַ טייערע רינג! האָט ער זיך געלאָזט לויפן נאָכן אָרעמאַן. ר׳ ייִד, האָט ער אים נאָכגעשריגן, זייט וויסן, די רינג האָט אַ גרויסע ווערט, לאָזט אייך נישט אָפּנאַרן, בעת איר וועט זי פאַרקויפן.

ג.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן במיוחד אויף רבי משה לייב סאַסאָווער. עס איז אומ־געווייִנלעך שווער צו זאָגן, ווער עס איז אין דער חסידישער וועלט אַרויפגע־שטיגן צו די העכסטע שטאַפּלען פון גוטסקייט. אָבער עס האָבן וועגן רבי משה לייבן זיך אפשר אָנגעקליבן מער עובדות, ווי וועגן די אַנדערע, וועלכע האָבן געגנוי ווי ער, פאַרוואַנדלט תקופות פון פּיין און דערשלאָגנקייט אין דראַמעס פון מענטשלעכער דערהויבנקייט. דאָס, וואָס ווערט דערציילט וועגן רבי משה לייב אין די חסידישע ספרים „מעשׂה צדיקים״, „סדר הדורות״, „קהל חסידים״, „שבחי רמ״ל, צי „שׂיח שׂרפי קודש״, איז אַ רירנדיקער באַווייז, וואָסער ווונדער־לעכע אַנטפּלעקונג די תורה פון האַרץ איז געווען אין חסידות. רבי משה לייב סאַסאָווער איז געווען אַ תלמיד פון אויבן דערמאָנטן רבי שמעלקע פון ניקעלש־בורג. טאַקע ביי אים האָט ער געלערנט תורה, קבלה, און בעיקר אהבת ישׂראל.

רבי משה לייב סאַסאָווער איז דער רבי, וואָס י. ל. פּרץ האָט אים מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט געשילדערט אין זיין באַקאַנטער דערציילונג „אויב נישט נאָך העכער״. דער רבי, וואָס האָט זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין פאַרטאָג האַקן האָלץ, און אָנגעטאָן אין פּויערשע קליידער, איז ער דערנאָך אַריינגעגאַנגען אין דער וווינונג פון אַן אָרעמער און קראַנקער אַלמנה, ווו ער האָט איינגעהייצט דעם אויוון, און אַריינגעברענגט פונקען פון גלויבן און בטחון אין אַ צעבראָכן געמיט. אָבער י. ל. פּרץ האָט די זאַכן עטוואָס געענדערט. ער האָט די פּאַסירונג צוגע־שריבן דעם רבי פון נעמיראָוו. לויט אים איז אויסגעקומען, אַז דאָס איז אויס־געפאַלן אין די סליחות־טעג. אין די ספרים ווערט פאַרצייכנט די עובדה, אַזוי ווי עס האָט זי דערציילט רבי צבי הירש פון זשידיטשעוו. טאַקע ער, דער רבי פון זשידיטשעוו, האָט זיך אָנגעהערט אויסטערלישע זאַכן, ווי אַזוי רבי משה לייב ריכט אָפּ תיקון חצות. האָט ער זיך אין אַ קאַלטער ווינטערנאַכט אַריינגעשאַרט אין דער שטיל אין שטיבל פון רבי. ער האָט געזען ווי רבי משה לייב איז

אויפגעשטאַנען, אַרויפגעוואָרפן אויף זיך דעם לבוש פון אַ פויער, אַראָפּגעגאַנגען אין הויף, וואָס איז געווען באַדעקט מיט שניי, אַרויפגעבערענגט האָלץ פון קעלער, צונויפגעבונדן דאָס האָלץ אין אַ בינטל, און דערנאָך גענומען די משׂא אויף דער פּלייצע, און זיך געלאָזט אין וועג. רבי צבי הערש האָט געשפּאַנט נאָך אים אין שאַרפן פראָסט פון דער ווינטער־נאַכט ביזן עק שטאָט. דאָרט האָט רבי משה לייב זיך אָפּגעשטעלט ביי אַן איינגעבויגענער הייזקע, און ווען ער איז אַהין אַריינגעגאַנגען, האָט דער רבי פון זשידיטשעוו געקענט זען דורכן פענצטער אַזוינס, וואָס האָט פאַר אים אויפגעדעקט די אמתע כוונה פון תיקון חצות. אין בעט איז געלעגן אַ פרוי און צוגעטוליעט צום האַרץ אַ פּיצל קינד, וואָס איז, ווי מען האָט געקענט זיך משער זיין, געבוירן געוואָרן מיט אַ קורצער צייט צוריק. רבי משה לייב האָט זיך אויסגעטענהט מיט דער פרוי אין לשון פון די פויערן, ער האָט פאַר איר איינגעהייצט דעם אויוון, און זי געטרייסט אין איר נויט. בעת ער האָט צעהאַקט דאָס האָלץ און אָנגעצונדן דאָס פייער, האָט ער געזאָגט די תפילות פון תיקון חצות. רבי צבי הירש זשידיטשעווער דערציילט, אַז ער האָט געקענט הערן, ווי דער רבי האָט געברומט מיט זיין געוויינלעכן, דורכ־נעמענדיקן ניגון: „התנערי מעפר, קומי שבי ירושלים... תקום תרחם ציון, תבנה חומות ירושלים"... שאָקל זיך אָפּ פון שטויב, שטיי אויף ירושלים... האָב רחמנות, רבונו של עולם, און באַווייליק ווידער אויפצובויען די מויערן פון ציון און ירושלים!...

אין ספר „מעשׂה צדיקים" לייענען מיר, אַז רבי משה לייב האָט זיך איין מאָל פאַרטרויט, אַז דעם אמתן טייטש פון אהבת הבריות האָט ער אַראָפּגעלערנט פון אַ פּראָסטן גוי פון דאָרף. געזעסן איז אָט דער גוי מיט נאָך עטלעכע פון זיינס גלייכן אין שענק, און ווען ער איז שוין געווען אַ ביסל בגילופנדיק, האָט ער געפרעגט ביי זיין חבר: האָסטו מיך ליב אָדער האָסטו מיך נישט ליב? יענער האָט אָפּגעענטפערט: אַוודאי האָב איך דיך ליב. זאָגט צו אים ווייטער דער גוי: דו זאָגסט, אַז דו האָסט מיך ליב, און דו ווייסט דאָך צו מאָל נישט, וואָס מיר פעלט. אויב מען האָט עמעצן ליב אויף אַן אמת, ווייסט מען יענעמס אַלע נויטן און באַדערפעניש. רבי משה לייב האָט זיין געשיכטע פאַרענדיקט: ערשט דעמאָלט האָב איך ריכטיק פאַרשטאַנען, אַז ליב האָבן מענטשן באַדייט: שפּירן זייערע צרכים, צונויפבינדן זיך מיט זייערע ווייען און קענען און פילן זייערע צרות. דאָ און דאָרט באַגעגענען מיר אין די ספרים, ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעוויזן זיין זאָרג און פאָטערלעכע איבערגעגעבנקייט צו קראַנקע קינדער. מיט די אייגענע הענט פלעגט ער פאַרבינדן זייערע ווונדן. מיט די אייגענע הענט האָט ער באַשמירט מיט זאַלבן די מיט קרעצלעך באַדעקטע קעפּעלעך. און מיטן אייגענעם מויל האָט ער אויסגעזויגן דעם אייטער פון זייערע געשווירן. ער האָט געזאָגט: ווער עס קאָן נישט פועלן ביי זיך אויסצוזויגן מיטן אייגענעם מויל דעם

אייטער פון די געשווירן פון קראַנקע ייִדישע קינדער, איז נישט דערגאַנגען אַפילו צו אַ העלפט פון דער מדרגה פון אהבת ישׂראל.

מען האָט אים, רבי משה לייבן, גערופן: דער פּאָטער פון די אַלמנות און יתומים. ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, אַוועקגעגעבן צו די, וועלכע האָבן באַדאַרפט האָבן הילף, הגם ער אַליין מיט זיין הויזגעזינט האָבן געלעבט אין דחקות. ביי אַ שכנטע זענען אירע קינדער געשטאָרבן קליינערהייט, און זי איז געקומען זיך קלאָגן פאַר רבי משה לייב. אין פאַרביטערונג האָט זי געלאָזט פאַלן די ווערטער: „דאָס איז נישט קיין גוטער גאָט, ער גיט איינעם קינדער, און נעמט זיי דערנאָך אַוועק, דאָס איז אַ גאָט אַן אַכזר". האָט די רביצין אויף איר אָנגע־שריגן, אַז זי זאָל אַזוי נישט רעדן. מען דאַרף זאָגן, האָט זי איר פאַרראַכטן, אַז גאָטס דרכים זענען נישט צום פאַרשטיין, און אַלץ, וואָס ער טוט, איז צום גוטן. אָבער משה לייב האָט געגעבן געוועכט דער שכנטע. מען דאַרף נישט, האָט ער זיך אָפּגערופן, אַלץ מקבל באהבה זיין; און מען מוז אויך, משמעות, דעם בורא מעורר זיין צו רחמים. לויט די ספרים איז מיט אים געשען די מעשׂה, וואָס ווערט דערציילט אין אַזוי פיל פאַרשידענע נוסחאות, און לויט וועלכער ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט צו קומען אין שול צו כל־נדרי, ווייל ער האָט אויפן וועג זיך פאַרהאַלטן, ווען ער האָט דערהערט דאָס געוויין פון אַ קינד, וואָס איז געבליבן אַליין אין שטוב, און געלאָזט דעם עולם וואַרטן, ביז דאָס קינד וועט זיך איינשטילן.

אינטערעסאַנט איז, אַז אין אָט דער רירנדיקער תּורה פון האַרץ איז נישט געמאַכט געוואָרן קיין אונטערשייד צווישן ייִד און נישט ייִד. ייִדן האָבן מער און טיפער געליטן, און דערפאַר האָבן זיי שטאַרקער זיך געצויטיקט אין מיט־געפיל. אָבער יעדער מענטש איז אַ חלק פון גאָט, און — פאַרדינט אונדזער לייטזעליקייט. ווען איין מאָל, אין מיטן דער נאַכט, האָט אָנגעקלאַפּט ביי רבי משה לייבן אין פענצטער אַ שיכּורער פויער, און געבעטן, אַז דער רבי זאָל אים אַריינלאָזן און געבן אַ געלעגער, האָט רבי משה לייב פאַר אים געעפנט די טיר און אויסגעבעטן דאָס בעט. ווען מען האָט אים געפרעגט: היתכן, ווי אַזוי איז ער מסוגל זיך צו באַטייליקן אין אַלעמענס צער, האָט ער געענטפערט: אַלעמענס צער איז בפירוש מיין צער, עס איז, בכן, נישט שייך צו רעדן וועגן באַטייליקן זיך. אַלעמענס יסורים זענען מיינע יסורים. ער פלעגט אַרומפאָרן אויף די יאַרידן, וואָס פלעגן אין יענע צייטן און אין יענע מקומות, זיין דער פּלאַץ, ווו מען האָט זיך געקענט צונויפטרעפן מיט ייִדן פון פאַרשידענע געגנטן, און צוביגן אויער און האַרץ צו ייִדישע טענות און ייִדישן וויי־געשריי. אָבער, ווי עס ווערט צוגע־געבן, האָט ער אויך זיך אומגעקוקט אויף די פערד און די קעלבלעך, און געטראָגן עמערס מיט וואַסער פאַר די בעלי־חיים, ווען זיי זענען געווען דורשטיק.

דערביי איז פאַלש צו מיינען, אַז אין זיין געוואַלדיקער תּמימות איז נישט

געווען קיין אָרט פֿאַר גרויסער לומדות. רבי משה לייב האָט געשריבן חידושים אויף ש״ס, און נאָך זיין פּטירה האָבן זיינע תּלמידים אַרויסגעגעבן די חידושים. ער האָט אויך אין זיין פּשטות געלאָזט פֿאַלן באַמערקונגען, וואָס זאָגן עדות אויף פֿאַרטיפֿטער מחשבה. אַלץ, האָט ער געזאָגט, איז באַשאַפֿן געוואָרן מיט אַ תּכלית. אַפֿילו די שלעכטע מידות זענען אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער וועלט מיט אַ כּוונה. און אַפֿילו אין אַפּיקורסות איז דאָ אַ תּכלית. ווען עס קומט צו דיר אַ מענטש מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, פּטר אים נישט אָפּ מיטן תּירוץ, אַז דער רבונו־של־עולם וועט אים העלפֿן. דו דאַרפֿסט אים העלפֿן, גלייך ווי עס וואָלט נישט געווען אין דער גאַנצער וועלט נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל קענען פֿאַרלייכטערן זיין גורל, און גלייך, ווי עס וואָלט נישט געווען קיין גאָט אויף דער וועלט. רבי משה לייב האָט געזאָגט, אַז דער וועג, וואָס מיר האָבן אַדורכצומאַכן אין די געציילטע יאָרן פֿון אונדזער לעבן אויף דער ערד, לאָזט זיך פֿאַרגלייכן צום שאַרף פֿון אַ מעסער. פֿון איין זייט איז אויסגעשפּרייט דער אָפּגרונט, פֿון דער צווייטער זייט ליגט דער אָפּגרונט, און דאָ, אין מיטן דאָס שמאָלע שטיקל וועג, וואָס איז אַזוי שאַרף און הויערט מיט סכּנות... ער האָט אויך געמאַכט די באַמערקונג, אַז מען דאַרף וויסן, אַז דעם אָרעמאַן, איז בעצם לייכטער צו האָבן בטחון אין גאָט, וואָרום אויף וועמען אַנדערש קאָן ער זיך דען פֿאַרלאָזן? זעט איר, עפּעס אַנדערש איז עס מיטן גביר. אים איז שווערער צו האָבן בטחון. זיין עשירות שרייט דאָך צו אים מיט כּלערליי קולות: דו קענסט זיך גאַנץ שיין פֿאַרלאָזן אויף דיין פֿאַרמעגן, דיין רייכקייט גיט דיר זיכערקייט!...

ווייך און נאָכגיביק ווי ער איז געווען, האָט דאָך דער רבי פֿון סאַסאָוו זיך איינגעריסן מיט בייזע, האַרטע פּריצים און אַכזריותדיקע אַדונים, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּדיון שבויים. ער האָט איינגעטענהט מיט זיי מיט אויס־טערלישער תּקיפֿות און געפֿאָדערט יושר פֿאַר די געקריוודעטע און באַליידיקטע ייִדישע אָרענדאַרן. ער האָט געשטעלט זיין לעבן אין סכּנה כּדי אָפּצוראַטעווען ייִדן פֿון די נעגל פֿון אומרעכט.

די חסידישע ספֿרים און די פֿאָלקס־לעגענדע האָבן צונויפֿגעוועבט אויף זיין אַוועקגיין פֿון דער וועלט (אין יאָר תּקס״ז, 1807) מיטן לייטמאָטיוו, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זיין פּערזענלעכקייט. רבי משה לייב האָט תּמיד זיך געפֿאָרעט מיט חתונה מאַכן יתומים. ער פֿלעגט דינגען קאַפּעליעס קלעזמאָ־רים, ער האָט מחבר געווען ניגונים און ריקודים, ער אַליין האָט זיך געלאָזט אין די מצווה־טענץ, און געזאָרגט, אַז מען זאָל זיך משׂמח זיין אויף די חתונות פֿון די אָרעמע, געניי ווי דאָס וואָלטן געווען רייכע שׂמחות. אָפּגערעדט דערפֿון, אַז ער האָט שפּעטער געדאַנקט פֿאַר דער חיונה פֿון די צונויפֿגעפּאָרטע זיווגים. אַזוי אָרום, מיט די קאַפּעליעס פֿון די שפּילנדיקע קלעזמאָרים, מיט די ניגונים,

וואָס פון זיי האָט אַרויסגעזונגען זיין געפיל און אין וועלכע עס האָט זיך צעוויגט זיין האַרץ, איז רבי משה לייב, אין הסכם מיט די מעשׂהס, וואָס זענען אויסגע־שפּינט געוואָרן דורכן פאָלק, געפירט געוואָרן צו זיין אייביקער רו.

ד.

בעת מען האָט ביי רבי בונם פון פשיסכע געפרעגט, צי ער האָט אַ מאָל געקענט אַ רבי, וואָס זיין האַרץ איז געווען צעבראָכן און דאָך גאַנץ, האָט ער געענטפערט: יאָ. איך האָב אים געקענט. דאָס איז געווען רבי משה לייב פון סאַסאָוו. אָבער דער אמת איז, אַז אָט דער זעלטענער צונויפבונד פון צעבראָכנ־קייט און גאַנצקייט, פון זיפץ און געזאַנג, וואָס איז אַזוי באַשיינפּערלעך אַרויס־געטראָטן אין לעבן און ווירקן פון משה לייב פון סאַסאָוו און וואָס פאַרוואַנדלט אים אין בולטן רעפּרעזענטאַנט פון אַ קולטור און פון אַ לעבנס־שטייגער, איז דער גרויסער אויסדרוק פון יענער תּורה פון האַרץ, אַ תּורה פון אַלטע צייטן, וואָס האָט צווישן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אײַנגענומען נייעם, יוגנטלעכן ברען און פרישע, שטאַרקע התלהבות. דאָרט איז די גרויקייט פון לעבן געווען אויס־געפּולט מיט אַן אויפפירונג, וואָס קומט שוין אויס אַפילו פאַר אונדז, דער דור, וואָס האָט נאָך געלעבט און געאָטעמט אין יענער סביבה, מוראדיק ווייט. דאָרט האָבן פון דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט אַרויסגעקוקט מידות, וואָס קומען אַפילו פאַר אונדז אויס צו זיין נישט וואָר.

דאָרט, אין יענער וועלט, וואָס איז פאַרגאַנגען, האָט מען אַהיים גענומען צום שבתדיקן טיש אורחים, וואָס מען האָט זיי צו מאָל נישט געקענט; מען האָט זיי נאָר באַמערקט ביים אַרויסגיין נאָכן דאַווענען פון שול צי פון חסידים־שטיבל. דאָס איז געווען גענוג, אַז מען זאָל זיי, אַפילו ווען זיי האָבן געטראָגן אַ קבצנישן הילוך, אָפּגעבן אַ בכבודיק אָרט צווישן דער אייגענער משפחה. דאָרט האָבן לומדים, מיוחסים, צי גאָר פּשוטע מענטשן פון פאָלק באַטראַכט פאַר זייער חוב אַדורכצומאַכן אַ פּאָר שלאָפלאָזע נעכט אין דער וואָך, כּדי צו זיין וואַך, צוקאָפּנס פון חולים, וואָס זענען צו מאָל נישט געווען זייערע קרובים אָדער פריינד. דאָרט האָט מען געזאָרגט, אַז ייִדן, וועלכע זענען פאַרבייגעפאָרן אַ ישוב, זאָלן האָבן ווו איבערצונעכטיקן. דאָרט איז מען אין שבת פרימאָרגן אַרומגעגאַנגען איבער יעדן הויף, ווו ייִדן האָבן געוווינט, און מען האָט אויסגערופן „גוט שבת, ייִדעלעך". דאָס איז געווען דער צייכן, אַז מען זאָל אַראָפּטראָגן חלות און עסנ־וואַרג צום פונאַנדערטיילן צווישן די אָרעמע. אין עטלעכע מינוטן זענען טאַקע די קוישן פול געוואָרן מיט די שבת־מתּנות. דאָרט האָבן ייִדישע משפחות, וואָס האָבן אַליין געלעבט ענג און באַשיידן, אַריינגענומען אין זייער הויז ישיבה־

בחורים, און זיי געגעבן צו עסן טעג אין דער וואָך. פֿון פּריוואַטע
באַשטאַנען יענע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן שוין בלויז מיט זייערע נעמען אָנגע־
יאָגט דעם אָטעם פֿון פּאַרצייטנס, „בית לחם", „תּומכי עניים", און וואָס האָבן
פֿאַרזאָרגט באַדערפֿטיקע משפּחות מיט אַלץ, וואָס איז געווען נויטיק אויף יום־
טוב. דאָרט האָבן אויך אין קליינע, פֿאַרוואָרפֿענע ישובים עקזיסטירט אַ „לינת
הצדק", אַ „ביקור חולים", אַ „הכנסת כּלה". אין שטילע, באַשיידענע אופֿנים,
איז געטאָן געוואָרן די אַרבעט פֿון רירנדיקער, מענטשלעכער סאָלידאַרקייט. דאָרט
האָט אין סאַמע ערב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען המונים ייִדן זענען
דורך דער רשעות פֿון די דייטשע נאַציס אַרויסגעטריבן געוואָרן צו דער פּוילי־
שער גרענעץ־שטאָט זבאָנשין, זיך אָרגאַניזירט אַ הילפֿס־אַקציע לטובֿת די
פּליטים, וואָס האָט אַרומגענומען קליין און גרויס, און אין וועלכער אַלע שיכטן
פֿון פֿאָלק האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין אַ רעטונג־אַרבעט, וואָס האָט אויפֿגעבליצט
מיט וווּנדערלעכער מסירת־נפֿש אויך אין יענער שעה, ווען צייכנס אין הימל און
אויף דער ערד האָבן אָנגעזאָגט די אומהיימלעכע שקיעה פֿון מזרח־אייראָפּעיִשן
ייִדנטום.

נישט אַלע זענען דאָרט, פֿאַרשטייט זיך, געווען מלאָכים. אָבער גוטסקייט איז
געווען אַ לעבנס־שטייגער. באַרעמהאַרציקייט איז געווען ספּאָנטאַן און נאַטירלעך.
ערשט אַן אויפֿפֿירונג, וואָס איז געשטאַנען אין סתּירה צו דער מידה פֿון חסד,
איז באַטראַכט געוואָרן, ווי אַ חוצפּהדיקער, פֿאַרשייטער אַרויסטריט קעגן גאָט,
קעגן ייִדישקייט, און קעגן דער לערע, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז דער מענטש
איז באַשאַפֿן געוואָרן אין אָפּבילד פֿון גאָט.

די אַקטן פֿון רחמנות און די מידות פֿון חסד זענען טאַקע נישט געווען קיין
קאָנצעסיע פֿון דער אָדער יענער באַוועגונג צי פֿון דער אָדער יענער שיטה,
וואָס האָבן זיך אויסגעבויט אין ייִדישן לעבן. מיט סאָציאַלן פּאַטאָס איז אַדורכ־
געדרונגען ייִדישקייט אין אַלע זיינע אויסדרוקן. אין די פֿאַרשידענע נוסחאות איז
אַרויסגעבערענגט געוואָרן אין ייִדנטום דער הומאַניסטישער עלעמענט. און אין
אַלע צייטן האָט צום מענטש באַדאַרפֿט דערגיין דער הומאַניטאַרער רוף צו פֿאַר־
ווירקלעכן זיין מענטשלעכע מעגלעכקייט.

אָבער צו דער דאָזיקער ספּעציפֿישער און ספּאָנטאַנער רחמנות־קולטור, וואָס
איז געווען אייגנטימלעך פֿאַר ייִדן אין מזרח־אייראָפּע, און צו אָט דעם זעלטענעם
סינטעז פֿון צעבראָכנקייט און גאַנצקייט, האָט די תּורה פֿון הארץ, וואָס האָט זיך
אַנטוויקלט אין חסידות, אומבאַדינגט צוגעטראָגן אַ גרויסן, היסטאָרישן און
אַנטשיידנדיקן ביישטייער.

דער וועד אַרבע ארצות,
די ייִדישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן

א.

וואָלטן געוועזן שָנים כּתיקונן, וואָלטן היינט זיך נאָך געפּונען מיליאָנען ייִדן אין פּוילן, אַזוי ווי דאָס איז געווען דער פּאַל ערשט מיט אייניקע צענדליק יאָר צוריק, וואָלט בלי ספק דער דאָזיקער יאָרטאָג — פיר הונדערט יאָר זינט עס איז געגרינדעט געוואָרן דער וועד אַרבע ארצות, „דער ראַט פון די פיר לענ־דער", די פאַראייניקטע רעפּרעזענטאַנץ פון די ייִדישע קהילות פון אַלע געגנטן פון פּוילן — געפייערט געוואָרן ווי אַ גאָר דערהויבענע פּאַסירונג אין ייִדישן לעבן. עס וואָלטן אָפּגעהאַלטן געוואָרן גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. די ייִדישע צייטונגען און זשורנאַלן אין דער הויפּטשטאָט און אין די פּראָווינצן וואָלטן דערשינען מיט רייכע ביילאַגעס, וואָס אין זיי וואָלט די דאָזיקע דאַטע באַהאַנדלט געוואָרן אין איר פולן פאַרנעם און באַנעם. וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און אַנגעזעענע פאַרלאַגן וואָלטן פאַרעפנטלעכט וואָגיקע פאָרשונגען, וואָס וואַרפן ליכט אויף יענע ווייטע תקופות און אויף די פּראָבלעמען, פאַר וועלכע עס זענען דעמאָלט געשטאַנען דער ייִדישער מענטש און דער ייִדישער כּלל. מיט די אויגן פון דער פאַנטאַזיע קענען מיר אַפילו זען אַן אימפּאָזאַנטן קאָנגרעס, וואָס וואָלט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לובלין אָדער אין יאַראָסלאַוו — די שטעט, וווּ דער קהילות־ראַט פלעגט צום אָפטסטן זיך צונויפקומען — און וואָס וואָלט אין גאַנצן געווידמעט געווען אָט דעם וויכטיקן יאָרטאָג. אַזוי ווי דאָס איז אָבער איצט, מיט אַ מזרח־אייראָפּע, וואָס האָט אויפגעהערט צו זיין דער פירנדיקער ייִדישער צענטער, מיט אַ פּויליש ייִדנטום, וואָס איז פאַרטיליקט געוואָרן, איז די דאַטע פון ערשטראַנגיקן געשיכטלעכן באַטייט אַריבער כּמעט אומבאַמערקט.

און דאָס איז אַן עוולה. אויב מיר קענען נישט פייערן דעם יאָרטאָג, אַזוי ווי ער פאַרדינט, אין וואַרשע צי אין קראָקע, אין לעמבערג צי אין לודמיר, באַדייט דאָך דאָס נישט, אַז מיר דאַרפן איבער אים פאַרבייגיין מיט שטילשווייגן. נאָך אין די חומש־צייטן האָבן מיר באַקומען דעם אָנזאָג: „זכור ימות עולם, בינו שנות דור ודור". געדענקען, פאַרשטיין און קאָמענטירן די פאַרגאַנגענהייט איז אַ לעבעדיקע נויטווענדיקייט פאַר אַ פאָלק, וואָס פאַר אים איז די קעגנוואַרט

נישט קיין לויזער און אָפּגעריסענער צייט־אָפּשניט, נאָר אַ בריק, וואָס איז פֿאַר־וואָרפֿן געוואָרן דורך די פֿאַרגאַנגענע דורות, און וואָס דאַרף פֿירן די דורות, וואָס קומען אויף און וואָס וועלן אויפֿקומען שפּעטער, צו אַן עקזיסטענץ, וואָס פֿאַרמאָגט אינהאַלט, באַטייט און זין.

ט״ו כּסלו שמ״א, דאָס איז די דאַטע וואָס עס טראָגט דער ערשטער דאָקו־מענט פֿון וועד אַרבע ארצות, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען. לויט דעם אָנגע־נומענעם נוסח פֿון יענע צייטן, ווען ייִדן האָבן געפּרוווט אין לוח געפֿינען אַ רמז אויף בעסערע און ליכטיקערע טעג, וואָס וועלן זיך אָנרוקן פֿאַרן כּלל ישׂראל, איז דאָס יאָר שמ״א אָנגעמערקט געוואָרן אין וואָרט „שלוה״, וואָס זיינע אותיות גיבן אין זייער ציפֿער־צונויפֿלייג די צאָל שמ״א. „יום ג׳, ט״ו כּסלו, שלו״ה, לפּ״ק״ — פֿאַרצייכענען די ראשים פֿון קהילות־ראַט אין זייער תּקנה, וואָס איז געשריבן געוואָרן אויפֿן יאַריד אין לובלין, און וואָס זאָגט עדות, אַז אין חודש כּסלו, מיט העכער פֿיר הונדערט יאָר צוריק (22 נאָוועמבער 1580) איז די דאָזיקע צענטראַלע אינסטיטוציע פֿון ייִדישער אַליינפֿאַרוואַלטונג שוין געווען טעטיק און אַקטיוו. צי האָט טאַקע דעמאָלט דער קהילות־ראַט אַרויסגעשפּראָצט, אָדער איז ער נאָך אפשר זיך צונויפֿגעקומען אין די פֿריִערדיקע יאָרצענדליקער, איז נישט אין גאַנצן קלאָר, און עס זאָגן וועגן דעם אַרויס פֿאַרשידענע השערות חיים נתן דעמביצער, אַברהם אליהו הרכּבי, שמעון דובנאָוו, מאיר באַלאַבאַן און ישׂראל האַלפּערין. דער פֿאַקט איז, אַז עס איז נישטאָ קיין גענוגנדיקער מאַטעריאַל צו באַווייזן, אַז די רעפּרעזענטאַנץ פֿון פּוילישן ייִדנטום זאָל האָבן אַנטשטאַנען פֿאַר דער דאַטע, וואָס געפֿינט זיך אין דאָקומענט, וואָס איז ביי אונדז פֿאַרבליבן. אויב אַפֿילו עס האָט יאָ געהאַט עקזיסטירט פֿריִער אַ בית־דין, וואָס האָט אָנגענומען דין־תּורות צווישן די פֿאַרשידענע קהילות, איז דאָס ווייט נישט געווען אַן אינ־סטיטוציע, וואָס האָט זיך געקענט פֿאַרגלייכן צום שפּעטערדיקן קהילות־ראַט. אין אונדזער היסטאָריאָגראַפֿיע האָט זיך בכן אָנגענומען, אַז אין יאָר ה׳שמ״א איז אויפֿגעגאַנגען דער באַגינען פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אויף דער פּוילישער ערד.

מיטן נצחון פֿון רוים איבער יהודה, און מיטן חורבן בית־המקדש, אין ערשטן יאָרהונדערט פֿון דער אָנגענומענער צייט־רעכענונג, איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן די תּקופֿה פֿון דער ייִדישער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיקייט. עס האָט זיך אָנגע־הויבן דער גלות. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז אין די גלות־יאָרטויזנטער האָבן ייִדן פֿאַרלוירן דעם ווילן, און אויך וועלכע עס איז מעגלעכקייט, צו פֿירן אַליין זייער אייגענע רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע באַלעבאַטישקייט. אויב עס האָט נישט אין די גלות־באַדינגונגען געקענט זיין די רייד וועגן פּאָליטישער אומאָפּהענגיקייט, און די „גאולה שלימה״ איז פֿאַרבליבן אין בענקעניש פֿון דער וויזיע, האָבן דאָך ייִדן, אויך אין די צייטן, ווען זיי זענען פֿאַרבליבן אָפּהענגיק

פון די אָדער יענע פעלקער אין די פאַרשידענע קאָנטינענטן, געטאָן דאָס מעגלעכע — און צו מאָל דאָס אוממעגלעכע — אַז אין זייער אינערלעך לעבן זאָלן וואָס ווייניקער אַריינדרינגען די אינטערווענצן פון דרויסן, און אַז די אָרגאַניזאַציע פון יידישן ישוב אָדער פון דער קהילה זאָל כאָטש אין אַ באַשיי־דענער מאָס און אין אָפּגעגרענעצטע געביטן זאָגן עדות אויפן שטאָל און אייזער־נעם ווילן אָנצוהאַלטן די אייגנטימלעכע לעבנס־פאָרמען, אַזוי ווי יידן פאַרשטייען דאָס, און נישט אַזוי ווי עס פאַרשטייען די מושלים און די אדונים. מען האָט דאָס געפּרוווט אַדורכפירן אין אָקופּירטן ארץ־ישראל נישט לאַנג נאָך דעם, ווי די רוימישע הערשער האָבן געהאַט אויסגעקלאַפּט מטבעות, וואָס האָבן באַדאַרפט באַווייזן מיט דער אויפשריפט, וואָס איז אין זיי געווען איינגעקריצט, אַז דאָס מאָל איז זיי ענדלעך געלונגען אויסצולעשן יעדן אָפּשיין פון יידישער זעלבסט־שטענדיקייט. דער סנהדרין אין יבנה, וואָס האָט אין אַ געענדערטער ווירקלעכ־קייט אויפגעהאַלטן דאָס יידישע געזעץ און אויפגעהיטן דעם נאַציאָנאַלן זכרון, די נשיאים אין גליל, וועלכע האָבן אָפּט מאָל זיך אויפגעפירט גלייך, ווי זיי וואָלטן נאָך אַלץ געווען באַלעבאַטים אויף דער אייגענער ערד, האָבן נישט איין מאָל געמוזט אַרויסרופן צאָרן און שטוינונג ביי די פרעמדע סאָלדאַטן, וואָס זענען אַלץ מער געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז עס איז לייכטער צו פאַרניכטן אַלטע בנינים ווי אַלטע חלומות.

אין אַ בפירושן קעגנזאַץ צו דער סביבה זענען אין די גלות־לענדער אויס־געוואַקסן אינסטיטוציעס, וואָס האָבן מיט זייער עצם עקזיסטענץ אויסגעשריִען פאַר אייגענע און פרעמדע, אַז טיף איינגעבאַקענע טראַדיציעס און דערינערונגען זענען עלול זיך צו פאַרמעסטן קעגן פאַרהעלטענישן, וואָס מעגן אַפילו זיין אומ־גינסטיק פאַרן אַנטשטיין פון אַ „מלוכה אין אַ מלוכה". אין בבל האָט דער יידישער קיבוץ פאַר לאַנגע יאָרן זיך געגרויסט מיט זיינע ריש־גלותאס און גאונים, און נישט געקאַרגט קיין מי, אַז אין די הויכע אַמטן, וואָס זיי האָבן פאַרנומען, זאָלן זיך אָנזען גאָר שטאַרק די עלעמענטן פון פּאָמפּע און גרויס־אַרטיקער צערעמאָניע. אין שפּאַניע האָבן יידישע מענטשן פון גייסט, צוזאַמען מיט די ראַפינירטע דיכטערישע פערזן, וואָס זיי האָבן אויסגעציקלט, און מיט די פאַרטיפטע פילאָסאָפישע ווערק, וואָס זיי האָבן געשריבן, נישט פאַרוואָרפן די האַלב פּראָזאַישע, האַלב פּאָעטישע אַספּיראַציע, אַז זייערע קהילות, די „אַלכאַמאַס", זאָלן וואַקסן אין חשיבות, זאָלן האָבן ווירקלעך אַ דעה אין אַלגעמיינעם און יידישן לעבן, און כאָטש מיט עטוואָס דערמאָנען די גלאָריע פון די פאַרגאַנגענע צייטן. נישט אומזיסט האָט דער רמב"ם, וועלכער האָט זיך דאָך אויספאָרמירט אין סאָציאַלן און גייסטיקן קלימאַט פון שפּאַנישן יידנטום, אויפגעפרישט מיט באַזונדערן נאָכדרוק די מיינונג, וואָס איז פאַקטיש נאָך געהאַט אַרויסגעזאָגט געוואָרן דורך די, וואָס האָבן אויפגעשטעלט דעם בנין פון תלמוד, אַז דאָס גרויסע

און אָנגעוויטיקטע פּראָבלעם אין ייִדישן מצב איז, וואָס ייִדן זענען אָפּהענגיק פֿון די פֿרעמדע פֿעלקער און קענען נישט אָפּאָטעמען פֿריי צווישן אייגענע און מיט אייגענע. מיטן מאָמענט, הייסט עס, וואָס ייִדן וועלן געווינען די מעגלעכקייט אָנצופֿירן מיט זיך אַליין אין אַלע ווינקלען פֿון דער מענטשלעכער אַקטיווקייט, וועלן דו און איך קענען צולייגן אונדזער אויער און מיר וועלן הערן דייטלעך די טריט פֿון משיח, וואָס קומט אָן. אין לשון פֿון די חכמי התלמוד האָט דאָס געקלונגען: „אין בין העולם הזה לימות המשיח אֶלא שעבוד מלכויות בלבד". דער „שעבוד" מאַכט דעם גרויסן אונטערשייד. דער פֿאַקט, וואָס מיר זענען אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן יאָך פֿון די אומות.

אויך אין פֿראַנקרייך, אין דייטשלאַנד, אין איטאַליע, אין דער צייט, ווען רדיפֿות, גזירות און גירושים, האָבן פֿאַרפֿינצטערט דאָס ייִדישע געמיט, האָבן די פּרנסים פֿון די קהילות און די רבנים, אויף די אַסיפֿות, וואָס זיי פֿלעגן אָפּהאַלטן אין פֿאַרשידענע פּעריאָדן פֿון מיטל־עלטער, זיך בײַ זײַט מיט די פּראַקטישע פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבן באַהאַנדלט, זיך אומגעקערט צו באַגריפֿן, וואָס זענען אויסגעקומען ווי אילוזיעס, און אײַנגערעדט מיט כּוח זיך און אַנדערע, אַז זיי זענען נאָך אַלץ באַלעבאַטים איבער זיך. אויב זיי קענען מער נישט זײַן זעלבסטשטענדיק אין אויסבויען זייער לעבן אַזוי ווי זיי ווילן און באַגערן, האָבן זיי דאָך נישט פֿאַרלוירן זייער פֿרייהייט אויסצוקלײַבן דעם טויט, ווען און ווי אַזוי זיי ווילן.

אויטאָנאָמיע איז בכן נישט קיין אידעאַל, וואָס איז ערשט געבוירן געוואָרן צווישן פּוילישן ייִדנטום, און איז נישט אויפֿגעקומען מיט פֿיר הונדערט יאָר צוריק. ייִדישע אַליינפֿאַרוואַלטונג איז אַזוי אַלט ווי דער ייִדישער גלות. און פֿאַרט איז ווײַט נישט איבערגעטריבן צו באַשטימען, אַז אין קיין שום לאַנד פֿון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט איז ייִדישע אויטאָנאָמיע נישט דערגאַנגען צו אַזאַ פֿאַרנעם און אויטאָריטעט ווי אין פּוילן, און אין קיין שום תּקופֿה האָט זי נישט פֿאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקע אָרגאַניזאַציע, און זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן שטאַנדהאַפֿטיק און סטאַביל, ווי אין יענע יאָרהונדערטער, ווען דער וועד אַרבע ארצות האָט אָנגעפֿירט מיטן דאָרטיקן ייִדישן קיבוץ. דער קהילות־ראָט פֿון פּוילישן ייִדנטום, דער וועד אַרבע ארצות, שרײַבט גרעץ, איז איינע פֿון די סאַמע וויכטיקסטע שאַפֿונגען אין אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע.

נישט בלויז מיר, אין אונדזער הײַנטיקן דור, קוקן אַרויף מיט באַוווּנדערונג צו דער זעלטענער אינסטיטוציע, וואָס פּוילישע ייִדן האָבן באַוויזן אויפֿצושטעלן. אויך דעמאָלט, אין די צײַטן, ווען די דאָזיקע צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ האָט זיך אַרויסגעוויקלט, זיך אַנטוויקלט און פֿאַרמירט די ייִדישע ווירקלעכקייט, האָבן ייִדן געפֿילט, אַז זיי איז געלונגען אויסצובויען אַן אויטאָנאָמיע, וואָס איז מעגלעך אײַנמאָליק, און אַז זי שטייט מיט איר דימענסיע און השפּעה אַליין צווישן אַלע

ווערק, וואָס פאַרוואַנדלען אויך דעם גלות אין אַ תקופה פון וווּנדערלעכע ייִדישע אויפטוען.

דער כראָניק־שרייבער נתן נטע האַנאָווער האָט געלעבט אין זיבעצנטן יאָר־הונדערט. ער האָט מיט זיינע אויגן געזען דעם וועד אין אַ שווערער און אַנט־שיידנדיקער שעה פון זיין טעטיקייט. און אָט, וואָס ער, נתן נטע האַנאָווער, דער גייסטרייכער און קלוגער כראָניק־שרייבער, פאַרצייכנט אין זיין ספר „יון מצולה", וואָס איז דעמאָלט דערשינען אין ווענעדיק: „אין מדינת פוילן איז דער זייל פון ייִדישן דין געשטאַנען אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן, פאַרן חורבן בית־המקדש אין ירושלים... די אַסיפות פון די פרנסים פון די אַרבע ארצות האָבן דערמאָנט אין דעם סנהדרין, וואָס איז פאַרזייטנס געזעסן אין לשכת הגזית פון בית־המקדש... די פרנסים האָבן געהאַט דעם כוח צו משפטן אַלע ייִדן פון מלכות פוילן, אַרויסגעבן תקנות, אַרויפלייגן קנס, לויט זייער איינזען... און עס פלעגט נישט טרעפן, אַז אַ ייִד זאָל גיין זיך משפטן פאַר גויִישע שופטים אָדער פאַר אַ פוילישן שׂררה אָדער פאַרן מלך, ירום הודו. נאָר טאָמער איז פאַרט געווען עמעצער, אַ ייִדיש קינד, וואָס איז געגאַנגען זיך משפטן פאַר גויִישע שופטים, פלעגט מען אים שטראָפן מיט גרויס שאַנד"...

ב.

מיט פיר הונדערט יאָר צוריק האָט די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ פון פוילישן ייִדנטום, געטריבן פון אַ שטאַרקן אַחריות־באַוווּסטזיין, און מיט אַ פאַרצווייגטער טעטיקייט, וואָס האָט אַרומגענומען מאַטעריעלע פּראָבלעמען און אויך זאַכן פון גייסט, אָנגעהויבן אַרויפלייגן איר דויערנדיקן חותם אויפן קיבוץ, וואָס האָט שוין דאַן געציילט עטלעכע הונדערט יאָר פון עקזיסטענץ. ייִדן האָבן אַריינגעוואַנדערט קיין פוילן אין אַלץ אַ גרעסערער צאָל פון די שכנותדיקע לענדער. די פוילישע קעניגן, און אויך אַ סך פון די פירשטן און פריצים, האָבן זיי גערן אויפגענומען. דער ייִדישער עלעמענט איז געווען נוצלעך פאַרן לאַנד. ייִדן האָבן אַנטוויקלט דעם האַנדל און די אינדוסטריע, און זיי זענען געווען אַקטיוו אַפילו אין דער דאָרפישערווירטשאַפט.

די ייִדישע אַליינפאַרוואַלטונג איז נישט אויפגעקומען מיט אַ מאָל. וואָס מער פוילן איז געוואָרן דער מקום־מיקלט פאַר די ייִדן, וועלכע האָבן געזוכט שוץ פון די רדיפות, וואָס זיי האָבן געהאַט אויסצושטיין אין זייערע ווינערטער, אַלץ רייפער איז ביי זיי געוואָרן די אידעע זיך צו אָרגאַניזירן, אויפצושטעלן קהילות, אויסבויען אינסטיטוציעס, וואָס זאָלן זיין דער אויסדרוק פון ייִדישן וועג דורך דורות. די אַטמאָספער פון טאָלעראַנץ, וואָס איז אין יענער עפּאָכע געווען אייגנ־

טימלעך פֿאַר פּוילן, האָט, פֿאַרשטייט זיך, שטאַרק געהאָלפֿן, אַז די ייִדן, וואָס האָבן אַריינגעוואָנדערט אין דער פּוילישער מלוכה, זאָלן נישט אָראָפּפֿאַלן אין זייער געפֿיל פֿון זיכערקייט און גאָרנישט אָראָפּלאָזן פֿון זייער געשיכטלעכן באַגאַזש. און ביי דעם גאַנצן שטאָלץ, וואָס די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע טראַדיציע האָט אין זיי אַריינגעברענגט, האָבן זיי גוט פֿאַרשטאַנען, אַז ייִדן און ייִדישקייט וועלן אויך אונטער די נייע הימלען, און אויף דער נייער סלאַווישער ערד, פֿאַרבלייבן שעפֿעריש און דינאַמיש און אויפֿהאַלטן זייער ווירקנדיקן כּוח, אויב בשותּפֿותדיקע דערפֿאַרונגען און דער באַוווסטזיין פֿון בשותּפֿותדיקן גורל, וועלן פֿאַראייניקן די צעשאָטענע גלידער. אַלטע באַגריפֿן — משפּחה, קיבוץ, פֿאָלק, — האָבן אין אויפֿגייענדיקן ייִדישן פּוילישן ישוב אָנגענומען טיפֿן, ממשותדיקן אינהאַלט. אין יעדער שטאָט, ווו עס באַזעצן זיך ייִדן, נעמט פֿונקציאָנירן אַ קהילה, אַ קהל־פֿאַרוואַלטונג, וואָס טרעט אַריין אין קאָנטאַקט מיט ייִדן אין די אַרומיקע קלענערע שטעטלעך און דערפֿער. און עס איז געווען אַ סך וואָס אויפֿצוטאָן. מען האָט באַדאַרפֿט רעפּרעזענטירן קהל פֿאַר מלכות. מען האָט געמוזט באַזאָרגן די רעליגיעזע הצטרכותן. מען האָט באַדאַרפֿט זיך אָפּגעבן מיטן חינוך פֿון די קינדער. מען האָט אויך געשפּירט דעם חוב צו דערלאַנגען הילף צו די, וואָס האָבן כּסדר זיך דערשלאָגן צו די פּוילישע ברעגן. מען האָט נישט געקענט פֿאַרבלייבן גלייכגילטיק צום מצב פֿון די אָרעמע, פֿון די קראַנקע, פֿון די היימלאָזע און געפּלאָגטע.

מען מוז דערצו צוגעבן, אַז מלכות איז גאָרנישט געווען אומצופֿרידן דערפֿון, וואָס די קהילות וואַקסן אויס אין זייער השפּעה און פֿאַרנעם. די ייִדן האָבן פֿאַר זייער רעכט, אָדער ווי עס האָט זיך געזאָגט אין די לעגאַלע טערמינען „פּריווילעגיע", צו וווינען אין פּוילן, באַדאַרפֿט צאָלן דעם קעניג ספּעציעלע שטייערן. זיי האָבן בכלל געלעבט פֿון חסד פֿון די קעניגן, זיי זענען פֿאַרבליבן אויסגעשלאָסן פֿון די בירגערלעכע שטאַנדן, הגם זיי זענען אין זייער גרויסער מערהייט געווען אַ שטאָטישע באַפֿעלקערונג. מען האָט זיי נישט אַריינגענומען אין די בעלי־מלאָכהשע צעכן־פֿאַראיינען, הגם אַ סך זענען געווען גענימע פֿאַכלייט. דאָס אַריינטראָגן די שטייער־אָפּצאָלן איז געווען אַ נויטווענדיקייט בכדי צו קענען געניסן פֿון שוץ פֿון די קעניגן, אויספֿועלן ביי זיי, אַז זיי זאָלן באַשטעטיקן די אַלטע פֿריינדלעכע געזעצן פֿון באָלעסלאַוו דעם פֿרומען און קאַזימיר דעם גרויסן, די אַמאָליקע מושלים פֿון פּוילן, אָדער באַקומען זייער הסכּמה פֿאַר פֿרישע סטאַטוטן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן ייִדן צו פֿילן זיך זיכער אין דער מדינה. און שטייערן זענען געווען אַ סך. אין זעכצנטן יאָרהונדערט איז צוגעקומען אַ נײַער; דער ייִדישער קאָפּ־שטייער, וואָס קליין און גרויס זענען געווען מחויב צו באַצאָלן.

צו ערשט האָבן די קעניגן באַשטימט איינצלנע ייִדן, וואָס זאָלן פֿאַר זיי אויפֿ־

מאָנען די שטייערן פון דער יידישער באַפעלקערונג. מען האָט צו זיי אויך צוגעזעצט רבנים, וואָס האָבן באַדאַרפט צוגעבן אויטאָריטעט צו דער פונקציע. אייניקע נעמען פון די שטייער־אויפמאָנער האָבן זיך אויפגעהיטן ביז היינט: אַברהם פיימער, פראַנטשעק, משה פישל. אָבער יידן האָבן געקוקט קרום אויף די עקזעקוטאָרן. דאָס עצם אַרויפזעצן רבנים מיט כוח האָט אַרויסגערופן פאַר־ביטערונג. און אַפילו, ווען די רבנים, וואָס זענען באַשטימט געוואָרן דורך מלכות, זענען געווען גרויסע לומדים, האָט קהל זיי נישט געוואָלט אָנערקענען. פוילישע יידן זענען נישט נתפעל געווען דערפון, וואָס אין שפּאַניע האָט דער דאָזיקער סיסטעם אָנגעהאַלטן פאַר לאַנגע יאָרן. דאָס, וואָס איז גוט געווען פאַר ספרדישע יידן, מוז נישט טויגן פאַר זיי. דער סיסטעם איז פאַר זיי אויסגעקומען צו זיין אומגערעכט. דאָ און דאָרט זענען די אויפמאָנער באַשולדיקט געוואָרן אין זייטיקע פּניות. די קעניגן גופא האָבן בכן אָנגעהויבן איינזען, אַז אויך פאַר זיי אַליין איז גלייכער, אַז די קהילה־פאַרוואַלטונג אין יעדער שטאָט זאָל אויפמאָנען די שטייערן און זיי איינצאָלן אין קעניגלעכן אוצר. סיי ווי איז עס נישט געגאַנגען צו גוט מיט די עקזעקוטאָרן. דער אָפּצאָל איז נישט אַריינגעפלאָסן רעגולער.

דער דעקרעט, וואָס טרויט אָן די קהילות די אויפגאַבע צונויפצונעמען די שטייערן ביי דער יידישער באַפעלקערונג, האָט אַרויפגעוואָרפן אַ נייע און שווערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דער אָרגאַניזירטער יידישער קערפּערשאַפט, אָבער ער האָט אויך אויפגעהויבן איר חשיבות. אויב פריִער זענען בלויז יידן געווען פאַראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון זייערע קהילה־אָרגאַנען, באַטראַכטנ־דיק זיי פאַר וויכטיק אין אויפהאַלטן זייער אייניקייט און אייגענעם לעבנס־שטייגער, האָט די קהילה איצט באַקומען אָפיציעלע אָנערקענונג, און איז דורך דער לעגאַלער מאַכט אַפילו געשטויסן געוואָרן אָנצוגיין מיט איר אַרבעט. מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, אַריבערטראָגן זיך אין יענע ווייטע תקופות כדי צו וויסן, אַז דעמאָלט האָט נישט געקענט זיין די רייד וועגן קהילות, וואָס זאָלן אויסגע־קליבן ווערן לויט דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. די באַגריפן פון אַלגעמיינע וואַלן און דעמאָקראַטישער אָפּשטימונג וועלן ערשט אַ סך שפּעטער געווינען פּאָפּולער־קייט אין אייראָפּע. אָבער דאָך מוז מען אָביעקטיוו מודה זיין, אַז צווישן יידן אין פוילן האָט זיך אין יענער פעאָדאַלער עפּאָכע איינגעשטעלט אַ וואַל־סיסטעם, וואָס האָט געוואָרצלט אין אָרנטלעכקייט און אין אויפריכטיקן ווילן צו געבן דער קהילה אַ פּאָלקס־כאַראַקטער. וואַלן פלעגן פאָרקומען יעדעס יאָר חול המועד פּסח. דער ערשטער אָקט אין דער פּראָצעדור איז באַשטאַנען אין מאַכן אַ רשימה, וואָס האָט אויסגערעכנט די חשובסטע בעלי־הבתים פון שטאָט. ערשט פון דער דאָזיקער רשימה זענען אויסגעקליבן געוואָרן על פּי גורל עטלעכע מענטשן, וואָס מען האָט זיי אָנגערופן „בוררים״, און וואָס זיי איז אָנגעטרויט געוואָרן די פאַר־אַנטוואָרטלעכקייט אויסצווויילן די בעלי־הבתים, וועלכע וועלן אָנפירן מיט דער

קהילה. די בוררים האָבן, איידער זיי זענען צוגעטראָטן צום אַנטשיידנדיקן אויס־וואַל, אָפּגעגעבן אַ שבועה, אַז זיי וועלן נישט נושא פּנים זיין קיינעם, נאָר אַז זיי וועלן איבערגעבן די קהילה־פֿירערשאַפֿט אין די הענט פֿון די, וואָס זענען באמת ראוי צו שטיין בראש פֿון קהל. אַזוי אַרום האָבן פּוילישע יִדן צונויפֿגעבונדן סאָלידן שׂכל מיט רעליגיעזער אמונה אין זייער אַנשטרענגונג אַריינצוברענגען וועלכן עס איז סדר אין זייער געזעלשאַפֿטלעכער אַקטיוויקייט. אויף אַ יאָר צייט פֿלעגן באַשטימט ווערן די נייע ראשים און פּרנסים, טובים און גבאים, שאַצערס און רעוויזאָרן, פּינקס־פֿירער און שומרים, וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין קהלשן עול, און באַדאַרפֿט זאָרגן, אַז ייִדיש לעבן זאָל טראָגן אין זיך אַלע יענע אייגנשאַפֿטן און שטריכן, וואָס האָבן פֿון ייִדן געמאַכט אַ באַזונדער און אייגנאַרטיק פֿאָלק, וואָס האָבן יעדע ייִדישע קהילה פֿאַרוואַנדלט אין אַ „קהילה קדושה״, און אַז ייִדן זאָלן אויך אָפּצאָלן די שטייערן, וואָס דערמעגלעכן זיי זיך צו געפֿינען כּסדר אונטערן שוץ פֿון מלך.

מיט דער דראַמאַטישער ענדערונג, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער ייִדישער וועלט אין זעכצנטן יאָרהונדערט, און מיטן וווּקס פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג אין פּוילן, האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום געזוכט מיט פֿאַרשטאַרקטן אימפּעט די וועגן און מיטלען, ווי אַזוי אויפֿצוהאַלטן ייִדישן לעבנס־שטייגער אין די קהילות וואָס זענען אַנטשטאַנען איבער דער לענג און ברייט פֿון דער מדינה, און אין דער זעלבער צייט באַוואָרענען זייער זיכערקייט. די טראַגעדיע פֿון שפּאַנישן ייִדנטום, גירוש ספֿרד, און די אומאויפֿהערלעכע רדיפֿות און גירושים אין די אַנדערע מערבֿ־לענדער, האָבן דערשיטערט אין זיינע טיפֿענישן דעם ייִדיש־פּוילישן ישוב. זיי האָבן אָבער אויך געעפֿנט נייע קוואַלן פֿון גייסטיקער ענערגיע און פֿאַרגרעסערט די אַחריות פֿאַרן מאָרגן פֿון דער אומה. שעפֿערישע כּוחות, וואָס האָבן ביז דאַן כּמעט ווי געדרימלט, האָבן זיך אויפֿגעוועקט. אויף אַ מאָמענט האָט מען געהאַט דעם איינדרוק, אַז אין האָלאַנד צי אין טערקיי, אָדער גאָר אפֿשר אויף די בערג פֿון גליל אין ארץ־ישׂראל, וועט געבוירן ווערן אַ פֿירנדיקער ייִדישער צענטער. אָבער דאָס זענען געווען פֿאַרביילויפֿיקע דערשיינונגען. ייִדן אין פּוילן האָבן געזען בפֿועל ממש, אַז די קרוין פֿון תּורה און ייִדישקייט האָט זיך אַריבערגעקוילערט צו זייער טעריטאָריע, און זי בעט זיך, אַז מען זאָל זי אויפֿהייבן פֿון דער ערד.

דער זעכצנטער יאָרהונדערט איז די תּקופֿה פֿון דעציזיע אין דער געשיכטע פֿון פּוילישן ייִדנטום. אין די פּוילישע שטעט אַנטשטייען ישיבֿות, וואָס געווינען גרויסן רום און ציִען צו וויללערנער פֿון ווייטע מדינות. אַן אייגנטימלעכע שיטה אַנטוויקלט זיך אין לערנען און אין דענקען: די שיטה פֿון פּלפּול, וואָס יאָגט אַן אינטעלעקטועלן אומרו, וואָס שאַרפֿט דעם מוח און צווינגט כּסדר צו שטעלן קשיות, און מיט שווייס און אַנשטרענגונג צו זוכן די ענטפֿערס. ממש ווי אין

אַ ווונדער באַווייזן זיך אין דאָזיקן קיבוץ, וואָס האָט פּאַקטיש די גאַנצע צייט זיך באַוועגט אין טומלדיקן הו־האַ און אין פיבער פון עולם־המעשׂה פון האַנדל און מלאָכה, לערער און דענקער, וואָס פאַר זיי איז ייִדישע גייסטיקייט דער אינהאַלט און דער אָנהאַלט: רבי יעקב פּאָלאַק אין לובלין, רבי שלום שכנא אין קראָקע, און אין זעלבן קראָקע רבי משה איסרליש, מער באַקאַנט ווי דער רמ״א, װעלכער וויל זיך באַין אופן נישט באַגנוגענען מיטן געדעקטן טיש, דער „שולחן־ערוך״, וועלכן עס האָט צוגעגרייט אין צפת רבי יוסף קאַראָ, דער גאון און פּוסק פון די ספרדים. דער רמ״א שפּרייט אויס אויפן „שולחן־ערוך״ אַן אייגענעם טישטוך, אַן אַשכּנזישן, אַ טישטוך פון פּוילישע ייִדן, וואָס איז אויסגעהאַפטן פון הלכה און מנהג, פון דין און דערפאַרונג. „מפּה״, דאָס טישטוך פון רמ״א, איז דער נאָמען פון די דאָזיקע הגהות און הוספות צום אָנגענומענעם רעליגיעזן קאָדעקס, וואָס האָבן באַדאַרפט דייטלעך באַווייזן, אַז אַ נייער מוטיקער און אימפּעטפולער ייִדישער גייסטיקער צענטער איז אויסגעוואַקסן.

נאָך אַנדערע שניידן זיך אַריין אין דער אויפגייענדיקער ייִדישער ווירקלעכקייט אויף דער פּוילישער ערד מיט זייער חריפות, מיט זייער אַנאַליטישער מחשבה און צעוויגטן ייִדישן געפיל: רבי שלמה לוריא פון פּויזן, רבי מרדכי יפה פון קרעמעניץ, רבי שמואל אליעזר איידלש פון אָסטרע, רבי יהושע פאַלק פון לעמבערג, רבי מאיר פון לובלין. און דאָ האַנדלט זיך דאָך נישט וועגן יחידים. זיי זענען אויסגעוואַקסן אין אַ ציבור, וואָס האָט זיי געוואָלט האָבן, וואָס האָט געפילט אַ באַדערפעניש פאַר זיי, פאַר זייער וואָרט, פאַר זייער אָנווייז.

דער ישוב, וואָס האָט זיך אויסגעהאַדעוועט זינט זיין בראשית אויף סאָציאַלער אַקטיווקייט, האָט ביי דעם גאַנצן געוואַלדיקן תּורה־דורשט, וואָס האָט זיך אין אים מיט אַ מאָל אַנטוויקלט, גאַרנישט געוואָלט איבערלאָזן פאַרוואַרלאָזט אין ענינים פון ציבור און קהילה. אַ געוואַגטער געדאַנק האָט זיך אַרויפגעהויבן צווישן יענע ייִדן, וואָס זענען געווען רייך אין המצאות, און אין יענעם דור, וואָס האָט געפרוכפּערט מיט איינפאַלן: פאַראייניקן אין איין פאַרבאַנד די קהילות פון אַלע געגנטן פון פּוילן, און דער צענטראַלער קהילות־ראַט זאָל טאַקע האָבן מאַכט, יורידישע, רעליגיעזע, סאָציאַלע. טאַקע אָפיציעלע, לעגאַלע מאַכט.

דער אמת איז, אַז אויך מלכות האָט גראָד דעמאָלט (און למען האמת, בלויז דעמאָלט), כּמעט דאָס זעלבע געוואָלט. נאַטירלעך: צוליב אַנדערע טעמים. די פּוילישע קעניגן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז עס וועט פאַר זיי זיין אַ סך באַקוועמער, אויב זיי וועלן נישט האָבן צו טאָן מיט די באַזונדערע קהילות, נאָר אַ צענטראַלע קערפּערשאַפט וועט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די שטייערן, וואָס ייִדן מוזן צאָלן, און אַריינטראָגן אין דער מלוכה־קאַסע די אַלגעמיינע סומע. דער עיקר איז דאָך פאַר די קעניגן געווען, אַז די שטייערן זאָלן אַריינפליסן אָן איבעררייס און שטערונגען. דער סיסטעם פון אַ פאַראייניקטן ראַט האָט צוגעזאָגט

מער אָרדענונג און וויכטיקער פּראָבלעמען. און נישט וויכטיק איז, וואָס די ייִדן וועלן זיך פּאַרוואַלטן און משפּטן צווישן זיך לויטן „געזעץ פון משה״, און וועלן אַליין אויסקלייבן זייערע רבנים. נישט וויכטיק, ווי אַזוי זיי וועלן אָנרופן די נייע אינסטיטוציע. אין פּויליש איז זי אָנגערופן געוואָרן „גענעראַלני קאָנגרעס זשידאָווסקי״, דער אַלגעמיינער ייִדישער קאָנגרעס. אויך אין די דאָקומענטן אין לאַטיין, די שפּראַך, אין וועלכער עס זענען דאַן רעדאַגירט געוואָרן אַ סך אַקטן, ווערט באַצייכנט ווי דער „ייִדישער קאָנגרעס״ אָט דער צענטראַלער קהילות־ראַט, וואָס האָט געעפֿנט זיין טעטיקייט אין דער צייט פון מלך סטעפאַן באַטאָרי.

אויסערלעכע און אינערלעכע אומשטענדן האָבן בכן אַרויסגערופן צום לעבן דעם וועד אַרבע ארצות: דער אינערלעכער ייִדישער אַחריות־באַוווסטזיין און די אויף ציפערן אָנגעשפּאַרטע אויסרעכענונג פון די אויסערלעכע פאַקטאָרן. פאַראַן היסטאָריקער, וואָס האַלטן, אַז אין אַנטשטיין פון צענטראַלן קהילות־ראַט פון פּוילישן ייִדנטום האָט דעצידירט די שטעלונג פון די פּוילישע קעניגן, און אַפילו די איניציאַטיוו צו גרינדן די קערפּערשאַפט איז געקומען פון דרויסן. אָבער עס זענען אויך דאָ פאָרשער און היסטאָריקער, וואָס שטרייכן אונטער, אַז דווקא די ייִדישע אַנטשלאָסנקייט און דער ייִדישער ענטוזיאַזם האָבן דערפירט צו דער גרויסער ייִדישער אַליינפאַרוואַלטונג. די גינסטיקע קאָניונקטור האָט, פאַרשטייט זיך, צוגעהאָלפן פאַרווירקלעכן די אידעע. אָבער זי איז אויסגעטראָגן געוואָרן דורך ייִדן, וואָס האָבן מיט לייב און נשמה געשטרעבט צו באַקומען דעם לעגאַלן שטעמפּל אויף אַן אינסטיטוציע, וואָס זאָל אויפהיטן דאָס ייִדישע געזעץ, וואָס זאָל אויסמיידן, אַז ייִדן זאָלן מיט זייערע פּראָבלעמען גיין אין גוייִשע געריכטן, וואָס זאָל אויפהאַלטן דיסציפּלין און כאַראַקטער אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, און רעפּרעזענטירן ייִדן כלפּי חוץ.

שמעון דובנאָוו פאַרטיידיקט אָט די טעזע. דאָס ייִדישע פאָלק האָט, לויט דובנאָוו, אינספּירירט אין אַלע מקומות פון זיין צעשפּרייטקייט דעם אויפקום פון זיינע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס. אויך אין פּוילן, האַלט שמעון דובנאָוו, איז דער וועד אַרבע ארצות אַנטשטאַנען אַ דאַנק דעם באַשלוס פון אַ רבנים־צוזאַמענפאָר, וועלכער איז אַרויסגעקומען מיט דעם פּראָיעקט, און געוווּנען פאַר אים די הסכּמה פון קעניג סטעפאַן באַטאָרי. מיר, אין אונדזער דור, זענען, אפשר מער ווי אַלע מאָל, איבערצייגט, אַז די דובנאָוו־טעזע איז די גערעכטע. מיר, אין אונדזער הייַנטיקן דור, וואָס פאַר אונדזערע אויגן האָט אויפגעלעבט אַ ייִדישע מדינה אויף די חורבות פון טויזנטער יאָרן, קענען אַוודאי נישט פאַרלייקענען, אַז אין די בלעטער פון אונדזער געשיכטע קען מען לייענען נישט בלויז די פּראָזע, וואָס עס האָבן אין איר אַריינגעשריבן די אויסערלעכע פאַקטאָרן, נאָר אויך די פּאָעזיע פון אונדזער אייגענע אינטימע געפילן און פאַרהייליקטע דערי־נערונגען. מיר, אין אונדזער איצטיקן דור, זענען זיכער געניויגט צו זאָגן, אַז

אין ייִדישן פֿאָלקס־באַוווסטזיין האָבן קיין מאָל נישט אויפֿגעהערט אָפּקלינגען די ווערטער, וואָס יעקב אָבינו האָט, לויט דעם חומש בראשית, געפּליסטערט אויפֿן קראַנקן־בעט צו זיין זון יהודה: „לא יסור שבט מיהודה", קיין מאָל וועט זיך נישט אָפּטאָן דער סצעפּטער פֿון ייִדן...

וועד אַרבע אַרצות, דער ראָט פֿון די פֿיר לענדער — אַזוי האָבן ייִדן אָנגעגערופֿן זייער ניי־אַנטשטאַנענע צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ. „ארץ" אין העברעיִש מיינט נישט דווקא ערד אָדער לאַנד, נאָר אויך טעריטאָריע, פּראָווינץ, געגנט, ריכטיקער איז בכן איבערצוזעצן דעם באַגריף: דער ראָט פֿון די פֿיר פּראָווינצן, אין וועלכע פּוילן איז צו יענער צייט געווען פֿונאַנדערגעטיילט: גרויס־פּוילן מיט פּויזן ווי דער צענטער, קליינפּוילן מיט קראָקע און לובלין, רייסן און פּאָדאָליע מיט לעמבערג, וואָלין מיט לודמיר און קרעמעניץ. געווען אויך אַ פּעריאָד, ווען דאָס ליטווישע ייִדנטום איז געווען פֿאַרטרעטן אין וועד. ליטע איז דאָך אין משך פֿון אַ לאַנגער תּקופֿה געווען פֿאַראייניקט מיט פּוילן. דעמאָלט איז דער וועד באַצייכנט געוואָרן, ווי „וועד חמש ארצות", דער ראָט פֿון די פֿינף לענדער. מיטן מאָמענט, ווען עס האָט זיך געגרינדעט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט אַ באַזונדערער קהילות־ראָט פֿון ליטווישע ייִדן, האָט מען זיך ווידער אומגעקערט צום אַלטן נאָמען. מען פֿלעגט אים אויך צייטנווייז רופֿן סתּם: „וועד הארצות".

דאָס אָרט, וווּ דער פּוילער וועד פֿלעגט אָפּהאַלטן זיינע באַראַטונגען, איז געווען דער יאַריד. אין יענע צייטן, זענען די גרויסע ירידים, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין די באַפֿעלקערטע שטעט, געווען דער צונויפֿטרעף־פּונקט. און אויך ייִדן פֿלעגן זיך דאָרט באַגעגענען פֿון אַלע עקן לאַנד. דער יאַריד האָט געווימלט און געשוויבלט פֿון מענטשן. מען איז געקומען אַהין צוליב האַנדל און מסחר, און אויך צוליב פֿאַרשידענערליי ענינים. טאָקע דורך פּראַקטישע טעמים, איז נישט געווען קיין בעסערער פּלאַץ פֿאַר די אַסיפֿות פֿון וועד. דאָרט אַהין זענען געקומען די דעלעגאַטן, די פֿאַרשטייער פֿון די קהילות, די פּרנסים, די רבנים און דיינים, די שתּדלנים און שטייער־שאַצערס, מיט איין וואָרט, די אַלע, וואָס האָבן געטאָן זייערע אַרבעטן אין וועד. דאָרט האָט מען זיך מתוכּח געווען און זיך באַראַטן איבער אַלע פּראָבלעמען, וואָס זענען אַרויפֿגעשווומען אויפֿן סדר־היום אין דער מדינה און אין די קהילות. דאָרט זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן שווערע דין־תּורות, דאָרט האָט מען זיך באַגעגנט מיט די לייט פֿון מלכות, אָפּגעשריִען גזירות, אויסגעפּועלט דעקרעטן. דאָרט האָט מען צונויפֿגעקליבן די שטייערן פֿון די קהילות. דאָרט האָט מען אָנגענומען די באַשלוסן פֿון וועד, אָדער ווי מען האָט זיי גערופֿן „תּקנות". דאָרט איז דער „ייִדישער פּאַרלאַמענט", אין זיינע סעסיעס, דערשינען אין זיין גאַנצער פֿילפֿאַרביקייט און אימפּאָנירנדיקן פּאַרמעסט.

די גרויסע ירידים פלעגן פאָרקומען אין לובלין און יאַראָסלאַוו. אין לובלין זענען זיי אָפּגעהאַלטן געוואָרן סוף ווינטער, צווישן פּורים און פּסח, און אין יאַראָסלאַוו ענדע זומער. די דאָזיקע מאַרק־חדשים האָבן אָנגעצייכנט דעם צונויפֿפֿאַר־פּונקט פון דער רעפּרעזענטאַנץ פון פּוילישן ייִדנטום. שפּעטער, ווען גרויסע ירידים פלעגן פאָרקומען אויך אין אַנדערע שטעט, זענען אויך דאָרט זיך צונויפֿגעקומען די מיטגלידער פון וועד. בעת עס איז געווען נויטיק, איז מען אַפילו זיך צונויפֿגעפאָרן קיין וואַרשע, כדי אַדורכצופירן שתדלנותן ביים קעניג אָדער ביי די שׂררות. אויסער די סעסיעס אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט אַלע חברים פון ראַט, זענען אויך פאָרגעקומען צוזאַמענפאָרן פון די קהילה־דעלעגאַטן פון באַשטימטע פּראָווינצן. מיטגלידער פון וועד זענען געווען די פּרנסים און די רבנים פון די גרעסטע ייִדישע קהילות פון אַלע פּוילישע פּראָווינצן. בראש פון וועד איז געשטאַנען דער „פּרנס בית ישׂראל דארבע ארצות", וועלכער האָט אין זיין הויכן אַמט קאָנצענטרירט סיי אינערלעכע, סיי אויסערלעכע ענינים. אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אויפן דאָזיקן אַמט איז קיין מאָל נישט אויסגעוויילט געוואָרן קיין רב. ביי דעם גאַנצן שטרענגן רעליגיעזן כאַראַקטער פון וועד, האָט מען דאָך ליבערשט געוואָלט, אַז דער „פּרנס בית ישׂראל דארבע ארצות", בכן דער, וואָס איז געווען דער אומגעקרוינטער מנהיג פון ייִדיש־פּוילישן קיבוץ, זאָל זיין סתּם אַ באַלעבאָס. אַנדערע וויכטיקע פונקציעס אין צענטראַלן קהילות־ראַט האָבן פאַרנומען דער נאמן בית ישׂראל, דער קאַסירער, דער סעקרעטאַר, דער פּינקס־פירער, דער שתדלן בית ישׂראל, וועלכער האָט באַדאַרפט זיך געפינען תמיד אין קעניגלעכן הויף, אָדער דאָרט, ווו דער פּוילישער סיים האָט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען, כדי פאַר זיי פאַרצושטעלן די ייִדישע עניינים. און פאַרשטייט זיך, אַז דער בית־דין עליון, דער רבנישער בית־דין, איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פון וועד. יעדע קהילה האָט גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויסצופירן געטריי די באַשלוסן פון צענטראַלן אָרגאַן. מיר ווייסן נישט גענוי, פון וויפל מיטגלידער דער וועד איז באַשטאַנען. אייניקע רעכענען, אַז אין אים זענען געווען קרוב צו פופציק מיטגלידער. אָבער מען איז נוטה אָנצונעמען, אַז ער האָט געציילט זיבעציק מיטגלידער, כדי אַפילו מיט דער צאָל צו דערמאָנען אין דעם אַמאָליקן סנהדרין פון הייליקן לאַנד.

„דאָס איז דער ייִדישער פּאַרלאַמענט, דער סיים פון די ייִדן" — איז געבליבן במוסכם ביי די פּוילישע כראָניק־שרייבער.

ג.

דער וועד אַרבע ארצות האָט אַרומגענומען דאָס לעבן פון ייִדישן מענטש און פון ייִדישן כּלל אין פּוילן אין אַלע זיינע אַספּעקטן. דאָס איז געווען אַ געזעצגעבערישע אינסטיטוציע, אַן אַדמיניסטראַטיווע, און זי האָט דיספּאָנירט מיט דער מאָראַלישער אויטאָריטעט און לעגאַלער מאַכט, וואָס זענען נויטיק געווען, כּדי דער ווילן פון קהילות־ראַט זאָל אַנטשיידן אין דער ייִדיש־פּוילישער ווירקלעכקייט. מאַטעריע און גייסט, יחיד און משפּחה, פּאָליטיק און עטיק, אויפפירונג און דערציִונג, שפּייז און קליידונג, פּרנסות און מלאָכות, לאָקאַלע הצטרכותן און כּלל ישׂראלדיקע דאגות, גלות און ארץ־ישׂראל, דאָס ייִדישע לעבן אין אַלע זיינע אויסדרוקן און ניואַנסן, זענען געשטאַנען אין צענטער פון אינטערעס פון וועד. זיין טעטיקייט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין פּינקס פון די תּקנות, וואָס האָט זיך דאָרט געפירט במשך פון יאָרהונדערטער. אין מער מאָדערנע טערמינען וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן: אין די פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען, וואָס דער וועד האָט אָפּגעהאַלטן, און אין די באַשלוסן, וואָס ער האָט אָנגענומען. ליידער איז דער פּינקס פון וועד אַרבע ארצות, אין די מהומות און געווירבל פון די צייטן, פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער אַן אומגעווייניגלעך פאַרדינסטפולע אַרבעט האָט אָפּגעטאָן דער פּריצייטיק־פאַרשטאָרבענער געלערנטער ישׂראל האַלפּערין. אַליין אַ געבוירענער אין ביאַליסטאָק, האָט ער אין דער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג, צו וועלכער ער האָט זיך אָפּגעגעבן אויף דער אוניווערסיטעט אין ירושלים, אויסגעפולט דעם בלויז, וואָס דער פאַרלוירענער פּינקס האָט איבערגעלאָזט. ער האָט געזוכט און געגנישטערט אין כּלערליי מעגלעכע אַרכיוון, אין מלוכהשע אַקטן און אין רבנישע שאלות ותשובות, אין פּינקסים פון אונטערגעאָנגענע קהילות און אין פּאַרצייטישע ספרים, און ער האָט דאָס מאַטעריאַל, וואָס אים איז געקומען אין האַנט, די גאַנצע אָדער האַלבע תּקנות און החלטות, וואָס אים איז געלונגען צו אַנטדעקן, צי אַפילו נאָר די פראַגמענטן, די שטיקלעך און ברעקלעך, פאַרעפנטלעכט אין אַ מאָנומענטאַלן באַנד „פּינקס וועד אַרבע הארצות" (הוצאת מוסד ביאַליק, ירושלים, תּש"ה).

אַ דאַנק די דאָזיקע צונויפגעזאַמלטע דאָקומענטן איז פאַר אונדז מעגלעך בעסער און גענויער צו דערקענען דאָס אייגנציקאַרטיקע און מערקווירדיקע פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין אַמאָליקן פּוילן. און עס ווילט זיך צוגעבן, אַז שטיין פאַר אָט דער פאַרכאַפּנדיקער פּאַנאָראַמע פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט איצט, ווען דער בליִענדיקער ייִדישער קיבוץ איז אַזוי אַכזריותדיק פאַרשניטן געוואָרן, פאַרשאַרפט נאָך שטאַרקער דעם ווייטיק צוליב אונדזער מוראדיקן חורבן, און פאַרטיפט נאָך מער אונדזער ווילן נישט צו פאַרגעסן יענע ידן, וואָס

האָבן גענומען געוואַלטיק ערנסט זייער מענטשלעכקייט און ייִדישקייט און די פּליכטן, וואָס די ייִדישע געשיכטלעכע טראַדיציע און דאָס מענטשלעכע געוויסן וואַרפֿן אַרויף אויפֿן ייִדישן מענטש, און אַוודאי אויף די, וואָס זענען אויסגע־קליבן געוואָרן צו רעדן אין זײַן נאָמען און אים צו רעפּרעזענטירן.

ביי דער געלעגנהייט פֿון די פֿיר הונדערט יאָר, וואָס זענען פֿאַרביי זינט דער וועד איז געגרינדעט געוואָרן, איז זיכער כּדאַי זיך צו באַקענען מיטן אינהאַלט כאָטש פֿון אייניקע פֿון זײַנע תּקנות. דאָס, וואָס וואַרפֿט זיך גלייך אין אויג, איז די גרויסע נאַציאָנאַלע דיסציפּלין, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט צווישן פּוילישן ייִדנטום. זי האָט נישט צו זיך קיין גלײַכן אין דער געשיכטע פֿון אַנדערע ייִדישע קיבוצים. אַברהם מענעס פֿלעגט אין זײַנע געפֿילפֿולע עסייען רעדן וועגן „נס פֿון פּוילישן ייִדנטום". און ווירקלעך. דער וועד אַרבע ארצות איז איינער פֿון די גרויסע ניסים פֿון ייִדיש־פּוילישן קיבוץ. אויב נישט דער סאַמע גרעסטער.

גלייך אין אָנהויב האָט דער צענטראַלער קהילות־ראַט געגעבן צום אויס־דרוק זײַן אייגענעם צוגאַנג צום שטייער־פּראָבלעם. מען האָט געמוזט, נאַטירלעך, אָנגיין מיטן קאָפּ־שטייער. נישט געווען קיין אַנדערע ברירה. אָבער מען האָט געהאַלטן, אַז דאָס דאַרף נישט פֿאַרשטאַנען ווערן, אַז טאַקע יעדער ייִד אָן אויס־נאַם זאָל אַרייַנטראָגן דעם שטייער. מען דאַרף האָבן אײַנזען מיט די אָרעמע־לייט. ריכטיקער דערפֿאַר איז אײַנצושטעלן אַ סיסטעם לויט וועלכן יעדע קהילה וועט אָפּצאָלן אַ סומע, וואָס וועט אָפּשפּיגלען איר עקאָנאָמישן מצב. אויב זי איז אַ רייכע, וועט זי באַצאָלן מער, און אויב זי איז אַן אָרעמע, וועט זי באַצאָלן ווייניקער. ייִדן זענען מיטפֿאַראַנטוואָרטלעך איינע פֿאַר די אַנדערע, און רייכע קהילות דאַרפֿן אַרויסהעלפֿן די, וואָס זענען הינטערשטעליק. זאָל דרך אַגב באַ־מערקט ווערן, אַז מיט זײַן דאָזיקער רעפֿאָרם האָט דער וועד אַרבע ארצות איינ־געפֿירט דעם ערשטן פּראָגרעסיוון שטייער אין דער וועלט.

געווען אַזוי האָט מען צוגעגעבן וויכטיקייט די אייגענע הוצאות פֿון וועד, וועלכער קען נישט פֿאַרבלייבן אין דער בלויזער ראָל פֿון עקזעקוטאָר. דער צענ־טראַלער קהילות־ראַט, אויב ער האָט בדעה צו דערפֿילן זײַנע אויפֿגאַבעס, זאָרגן פֿאַר דער דערציִונג פֿון אויפֿוואַקסנדיקן דור און נישט פֿאַרוואַרלאָזן זײַן סאָציאַלן אַרבעטס־פּלאַן, מוז קענען דעקן זײַן בודזשעט. די סומעס, וואָס זענען דורך די באַזונדערע קהילות אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אין וועד, האָבן זיך נישט באַגרענעצט בלויז צו די מלוכה־שטייערן. ייִדן מוזן צאָלן שטייערן אויך פֿאַר זייער אייגענער קהילה. אַ ייִד מוז וויסן און באַגרייפֿן, אַז דער אָפּצאָל פֿאַר זײַנע אייגענע ייִדישע אינסטיטוציעס, איז פּונקט אַזוי פֿאַרפֿליכטנדיק, ווי דער אָפּצאָל פֿאַר מלכות.

ייִדישע רעכט, אַנטי־ייִדישע גזירות, גירושים פֿון באַשטימטע שטעט, דאָס זענען טעמעס, וואָס צו זיי קערן זיך אום אָפֿט די תּקנות, פֿון וועלכע עס רעדט

אַרויס די פּאָליטישע רייפקייט פון די מנהיגים פון פוילישן ייִדנטום אין יענע ווייטע תּקופות און וואָס באַווייזן ווי פאַלש און אומגערעכט עס איז צו אידענטי־פיצירן דעם גלות־ייִד מיט שפלות און מה יפית. דער וועד רופט דעם ייִדישן מענטש און דעם כּלל זיך אַנטקעגנצושטעלן מיט דער גאַנצער ענערגיע די פּרוּוון, וואָס ווערן געמאַכט פון אַ טייל פּירשטן אויפצומאָנען צוויי מאָל דעם קאָפּ־שטייער. דער וועד דערקלערט, אַז אויב אין וועלכער עס איז געגנט וועט עמעצן פון די שׂררות, אַ געמיינעם אויסוווּרף (אין אָריגינעלן העברעיִשן טעקסט „פּורה ראש ולענה"), זיך פאַרגלוסטן אַרויסצוציִען פון ייִדן מער שטייערן, ווי עס איז אָפּגע־רעדט געוואָרן, דאַרפן אין אַזאַ פאַל ייִדן מיט מסירת־נפש (״יעמדו על נפשם) זיך ווערן קעגן די בייזוויליקע פּלענער. אויב מען וועט נישט גלייך שטעלן אַ ווידערשטאַנד, זאָגט זיך אין דער החלטה, קען דערנאָך זיין צו שפּעט. און דער וועד פאַרזיכערט זיין פולע הילף און סאָלידאַריטעט מיט די, וואָס וועלן אונטער־נעמען דעם קאַמף קעגן דער שרייענדיקער עוולה. ווען עס וועט נויטיק זיין, וועלן די פּרנסים זיך שטעלן פאַרן קעניג און מאָנען ביי אים אויסצופירן זיין אָפּמאַך מיט דער ייִדישער באַפעלקערונג... דער וועד איז צו יעדער צייט גרייט געווען צו העלפן דעם יחיד און דעם כּלל, און בעת אַ ייִד האָט זיך פאַרוויקלט אין אַ פּראָבלעם מיט אַ קריסט, און דער ענין איז אַריבערגעגאַנגען אין קעניג־לעכן געריכט, האָט דער וועד געאיילט זיך צו שיקן אַהין זיינע פאַרשטייער־אָפּעסאָרן כּדי נישט איבערצולאָזן דעם ייִד אַליין.

אָבער דער צענטראַלער אָרגאַן פון פוילישן ייִדנטום האָט אויך אַרויסגעוויזן גראָדליניקייט און שטרענגקייט, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן זאַכן, וואָס זענען אָפּגעטאָן געוואָרן אין דער ייִדישער גאַס גופא. ער איז געווען דעצידירט נישט צו דערלאָזן צו קיין אומרעכט און באַקעמפט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט דערשיינונגען, וואָס זענען עלול אונטערצוגראָבן די מאָראַלישע יסודות פון ייִדישן קיבוץ און צעשטערן די „עדה פון גאָט". אָט איז אַ תּקנה וועגן די, וואָס באַנק־ראָטירן אין זייערע אונטערנעמונגען. אין לשון פון וועד ווערט דער אָנזעצער אָנגערופן „בורח" (אַנטלויפער) אָדער בעל־פּליטה. קיינער, ווערט דאָרט געזאָגט, טאָר נישט פאַרהאַנדלען מיטן אָנזעצער אויף אייגענער האַנט און פּרוּוון מיט אים אָדורכקומען וועגן חוב, וואָס אים קומט. גלייך, ווי מען הערט, אַז עמעצער באַנקראָטירט, זענען די ראשי־הקהל מחויב אָנועקצונעמען ביי אים אַלץ, וואָס ער פאַרמאָגט, און אָפּנעמען אַ שבועה ביי אים און ביי זיין פרוי, אַז זיי האָבן גאָרנישט פאַרשטעקט, און אַז זיי האָבן נישט קיין מזומן אין דער זייט. אַלץ מוז איבערגעגעבן ווערן דעם נאמן, דעם באַפולמעכטיקטן פון וועד, וועלכער וועט פאַרקויפן דאָס, וואָס לאָזט זיך פאַרקויפן, און דאָס אַריינגעקומענע געלט צעטיילן צווישן די בעלי־חובות, על פּי דין, לויט דעם חוב, וואָס עס קומט יעדן איינעם. אין פאַל ווען דער אָנזעצער מאַכט חתונה אַ זון אָדער אַ טאָכטער, מוז ער

אויפֿווייזן, אַז די חתונה־הוצאות אָדער דער נדן, זענען געווען אַ געשאַנק פֿון קרובים, און אויב דער געשאַנק שטייגט אַריבער די סומע פֿון „צוויי הונדערט גילדן פּויליש", מוזן חתן־כּלה אָוועקגעבן דעם עודף צו די בעלי־חובֿות. דאָס איז די רייד וועגן אייגעם, וואָס האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט אין זיינע געשעפֿטן, און זיי זענען אים אָוועקגעגאַנגען שלעכט. אָבער קוים האָט עמעצער פֿאַרשווענדט געלט אָדער עס אָוועקגעגעבן נדן פֿאַר זיין טאָכטער אָדער זון, איז ער געגנבֿי ווי אַ גזלן, און ער מוז זיצן אַ יאָר צייט אין תּפֿיסה, ער איז פּסול צו עדות און שבֿועה, מען טאָר אים נישט אויפֿרופֿן צו קיין עליה, ער פֿאַרלירט דאָס רעכט צו געהערן צו דער קהילה, מען טאָר זיך נישט מיט אים משדך זיין, די מלבושים, וואָס ער האָט געמאַכט פֿאַר זיין פֿרוי אין לעצטן יאָר, ווערן ביי איר אָוועקגע־נומען, מען לייגט אים אין חרם אַריין, און זיין פֿרוי און קינדער דאַרפֿן זיין אַנוועזנד אין שול בעת מען רופֿט אויס דעם חרם... דעם דין פֿון אַ גזלן האָט אויך יענער, וואָס נעמט אָן סחורה אויף קרעדיט, און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז ער האָט בכלל נישט בדעה צו באַצאָלן...

נישט אָנשטענדיקע קאָנקורענץ ווערט באַרירט אין אַ תּקנה, וואָס פֿאַרווערט צו דינגען אָן אַרענדע, אויב אַ צווייטער האָט שוין אונטערגעהאַנדלט וועגן איר. דער וועד גייט אַריין אין פּרטים, וויפֿל עס איז דערלויבט צו פֿאָדערן מעקלעריי פֿאַר פֿאַרמיטלען אין פֿאַרקויף פֿון הייזער אָדער גיטער. אַפֿילו פֿאַר שדכנות־געלט זענען דאָ באַשטימטע געזעצן, כּדי אויסצומיידן סכסוכים.

אין די החלטות פֿון קהילה־ראַט ווערט צוגעגעבן גאָר גרויסע וויכטיקייט די מידות, וואָס ייִדן דאַרפֿן האָבן. מען טאָר זיך נישט צוגעוווינען צו טרינקען אין די גוייִשע שענקען, וואָרום דער, וואָס גייט דאָרט אַהין, פֿאַרט זיך צונויף מיט פֿאַרשוינען, וואָס אין זייער חבֿרותא ווערט געמינערט דער ייִדישער כּבֿוד. מען דאַרף אויסמיידן לוקסוס אין מלבושים. מען טאָר נישט אויפֿרייסן די אויגן פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. צניעותדיק דאַרף זיין דער לעבנס־שטייגער. נישט מאַכן פֿאַרשווענדערישע סעודות. איינלאַדן ווייניק מענטשן אויף אַ שׂמחה, און געדענקען, אַז צווישן יעדע צען פֿאַרבעטענע געסט, דאַרף זיך געפֿינען כאָטש איין אָרעמאַן. די מענטשן, וואָס יאָגן זיך ווי אין פֿיבער רייך צו ווערן (האנשים הלהוטים אחרי הבצע והממון להתעשר), ברענגען אומגליקן אויף זיך און שטעלן אין סכּנה דעם קיום פֿון קהל. צומאָל רבנים ווערן נישט אַדורכגעלאָזט אין די תּקנות. קיין שום רבֿ טאָר זיך נישט אַרויפֿזעצן אויפֿן כּסא הרבנות, ווען די מיטלען, מיט וועלכע ער איז געקומען צו דער שטעלע, זענען נישט געווען אָנשטענדיקע. עס איז נישט דערלויבט צו קויפֿן קיין רבנות פֿאַר געלט. איטלע־כער אַמט אין אַ קהילה, מעג דאָס זיין דער אַמט פֿון פּרנס אָדער רבנות, מוז האָבן די צושטימונג פֿון „רחוב היהודים", פֿון דער ייִדישער עפֿנטלעכקייט. דער ייִדישער ציבור מוז פֿאַרבלייבן ריין און אָפּהיטן זיין כּבֿוד. אַ האַרבע שטראָף

ווערט אַרויפגעלייגט אויף די, וואָס לאָזן אַרויס בלבולים און גרונטלאָזע באַשול־דיקונגען. מיט דער גאַנצער פייערלעכקייט הייבט זיך אָן איין תקנה: „הקבצו בני יעקב, ושמעו בני ישראל", זאַמלט זיך צונויף און הערט זיך איין, ברידער ייִדן. אַ מוראדיקע זאַך איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין אונדזער מחנה. איין ייִד האָט אַרויסגעלאָזט אַ בלבול קעגן אַ צווייטן ייִד...

ייִדן ווערן גערופן אין די תקנות פון וועד צו געבן צדקה. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און פאַר פאַרשידענע צוועקן דאַרף זיך ברייט עפענען דאָס ייִדישע האַרץ. מען מוז העלפן די אלמנות, די יתומים, די קאַליקעס, די פּרנסהלאָזע. און נישט דווקא, ווען עס האַנדלט זיך וועגן נויטבאַדערפטיקע פון דער אייגענער קהילה צי פון דער אייגענער מדינה. אַלע ייִדן זענען ברידער. איילט זיך צו, אחינו בני ישראל, ווערט געזאָגט אין איינער אַ תקנה, פאַרגעסט נישט מיטצור־ברענגען מיט זיך, בעת איר וועט פאָרן אויפן יאַריד קיין יאַראָסלאַוו, אייערע נדבות פאַר די נויטבאַדערפטיקע אין ארץ־ישראל...

פון אַן אַנדערער תקנה דערוויסן מיר זיך, אַז אויף אַ סעסיע אין לובלין, האָט דער וועד בייגעשטייערט צוועלף טויזנט גילדן פאַרן ישוב אין ארץ־ישראל, און דאָס איז געווען אויסער דער סטאַבילער שטיצע, וואָס מען פלעגט שיקן אַהין... און קיינער, קיין שום ייִד, טאָר נישט, מיט וואָסערע עס זאָל נישט זיין תירוצים און אויסריידן, זיך אַרויסדרייען פון מיטבאַטייליקן זיך אין די קהילה־ביישטייערן, אויב נאָר ער פאַרמאָגט די מאַטעריעלע מיטלען. אין איינעם אַ פאַל ווענדט זיך דער וועד צו די „ראשים ומנהיגים אשר בקהילות במדינת אַשכּנז", אַז זיי, די דייטשע ייִדן, זאָלן רעאַגירן, ווי עס דאַרף צו זיין, און נישט דערלאָזן צו דער חרפּה. עס האַנדלט זיך וועגן אַ ייִד פון האַנאָווער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין פוילן, אין פויזן, געמאַכט דאָרט אַ גרויס פאַרמעגן, אָבער ווען מען האָט ביי אים געפאָדערט, אַז ער זאָל בייטראָגן זיין ביישטייער פאַר דער קהילה און פאַר צדקה, האָט ער זיך אויפגעהויבן און צוריקגעפאָרן קיין האַנאָווער. לאָזן בכן די פּרנסים פון צענטראַלן קהילות־ראַט וויסן, אַז דער וועד האָט אָט דעם פאַרשוין געלייגט אין חרם, וואָרום אויב ער האָט געמאַכט זיין עשירות אין פויזן, איז זיין חוב מיטצוטראָגן די לאַסט פון דער קהילה...

ייִדישע צונויפגעבונדנקייט איז פאַר דער רעפּרעזענטאַנץ פון פוילישן ייִדנטום נישט קיין פּוסטע פראַזע. דער וועד שטייט אין פאַרבינדונג מיט די קהילות אין פאַרשידענע לענדער. ער אַרבעט מיט מיט דער ספרדישער קהילה אין אַמסטער־דאַם אין ענינים, וואָס שטייען אויפן סדר־היום אין דער ייִדישער וועלט. פּדיון שבויים, דאָס אויסלייזן ייִדן, וואָס זענען אומשולדיק געגומען געוואָרן אין גע־פאַנגענשאַפט אָדער אַריינגעזעצט געוואָרן אין תּפיסה, רויבט ביי די פּרנסים זייער רו, און אַפילו, ווען דאָס זענען נישט קיין ייִדן פון די „אַרבע ארצות", פון די פיר פּראָווינצן פון דער פוילישער מלוכה.

מיט באַזונדערער ערנסטקייט באַטראַכט דער וועד די פֿראַגע פֿון חינוך. אַלע ייִדישע קינדער מוזן באַקומען אַ ייִדישע דערציִונג, און פֿאַר אָרעמע קינדער איז דער חוב פֿון קהל צו גרינדן חדרים און ישיבות, ווו די ייִנגלעך אין עלטער פֿון זעקס ביז דרייצן יאָר מוזן לערנען. די אָרעמע און די יתומים פֿאַרזאָרגט קהל אויך מיט עסן און מיט די נויטיקע לערן־טעקסטן. אין די תּקנות רעדט זיך אַפֿילו וועגן דער קוואַליטעט פֿון די מלמדים. דער מלמד, וואָס דערפֿילט נישט געטריי זיין אויפֿגאַבע, מוז באַשטראָפֿט ווערן, און דער קנס דאַרף פֿאַר אים קלאָר מאַכן, אַז לערנען מיט קינדער איז אַ גרויסע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. נישט צו וווּנדערן זיך דעריבער, וואָס פּוילן איז אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן צענטער פֿון ייִדישער גייסטיקייט. דער אויבן דערמאָנטער כראָניק־שרייבער נתן נטע האַנאָווער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ פֿולע שילדערונג פֿונעם אויפֿבלי פֿון דער ייִדישער גייסטיקייט אין דער תּקופֿה, ווען דער קהילות־ראַט האָט אָנגעפֿירט מיטן פּוילישן ייִדנטום: „נישטאָ נאָך אַזאַ לאַנד ווו דער לימוד פֿון דער הייליקער תּורה זאָל זיין אַזוי פֿאַרשפּרייט צווישן אונדזערע ברידער ווי אין מלכות פּוילן. אין איטלעכער קהילה איז געווען אַ ישיבה, וואָס איר ראש איז אויסגעהאַלטן געוואָרן מיט אַ ברייטער האַנט דורך קהל, בכדי ער זאָל קענען פֿירן די ישיבה אָן דאגות פּרנסה... די קהילות האָבן אויך אויסגעהאַלטן אויף זייער חשבון בחורים און האָבן זיי געצאָלט וואָכערס... די ייִנגלעך פֿלעגט מען געבן עסן אויפֿן חשבון פֿון דער צדקה־קאַסע אָדער פֿון דעם געזעלשאַפֿטלעכן גאַרקיך... דער סדר פֿון לערנען איז געווען אַזאַ: דער זמן אין דער ישיבה האָט געדויערט זומער פֿון אָנהייב חודש אייר ביז מיטן אָב, און דער ווינטער פֿון אָנהייב חשון ביז מיטן שבט. אויף דעם זומערדיקן און ווינטערדיקן זמן פֿלעגט דער ראש־ישיבה פֿאָרן מיט אַלע זיינע תּלמידים אויף די ירידים, זומער קיין זאַסלעוו אָדער יאַראָסלאַוו, און ווינטער קיין לעמבערג אָדער לובלין. דאָרט פֿלעגן די בחורים און די ייִנגלעך זיך אויסקלייבן די ישיבה, ווו זיי האָבן געוואָלט לערנען דעם קומענדיקן זמן“...

דערציִונג באַדייט פֿאָרן קהילות־ראַט נישט בלויז קינדער־דערציִונג. דער וועד זאָרגט אויך פֿאַר די גייסטיקע באַדערפֿעניש פֿון די דערוואַקסענע. ער שטרעבט דערצו, אַז אַלע זאָלן באַרייכערן זייער וויסן און זיך אָפּגעבן אין זייער פֿרייער צייט מיט לערנען אָדער מעיין זיין אין אַ ספֿר. אין יעדן ייִדישן הויז דאַרפֿן זיך געפֿינען ספֿרים. דער וועד שטיצט אונטער די פֿאַרלאַגן, וואָס גיבן אַרויס און פֿאַרשפּרייטן ספֿרים צווישן עולם, און נעמט אָן באַוואָרענישן, אַז זיי זאָלן נישט רויִנירט ווערן אין זייער עקזיסטענץ דורך דעם, וואָס מען וועט אַריינפֿירן פֿון אויסלאַנד די זעלבע ספֿרים, וואָס זיי האָבן געדרוקט. דער וועד גיט צו וויסן די ייִדישע דרוקערייען אין ווענעדיק, וועלכע ספֿרים מען האָט געדרוקט אָדער מען האָט בדעה צו פֿאַרעפֿנטלעכן אין פּוילן, כּדי זיי זאָלן נישט דערנאָך בלייבן אין אַ פֿאַרלעגנהייט. און נישט בלויז די ספֿרים, וואָס זענען שוין

פאַרהייליקט ביי ייִדן, פאַראינטערעסירן דעם וועד, אַז זיי זאָלן נישט אויספעלן אין דער ייִדישער היים. דער וועד מונטערט נישט בלויז, אַז מען זאָל אָפּדרוקן געננוג ספרי תנ״ך צי גמרות, סידורים צי מחזורים און סליחות, אויך פרישע חיבורים דאַרפן דערשיינען. ייִדישע שעפערישקייט טאָר זיך נישט איבעררייסן. און דער וועד שטיצט די מחברים. ער פאַרטיילט צווישן זיי סובסידיעס. ער גיט זיי הסכמות צו זייערע ספרים. ער העלפט זיי פאַרעפנטלעכן זייערע ווערק און פאַרשפּרייטן זיי אין די קהילות. יעדע קהילה מוז קויפן אַ באַשטימטע צאָל ספרים.

אַ גאַנצע ריי תקנות פון צענטראַלן קהילות־ראַט גייען אַוועק פון די גע־וויינלעכע טאָגטעגלעכע פּראָבלעמען. זיי זענען הסכמות אויף נייע ספרים. דער וועד טיילט צו, צווישן אַנדערע, אַ סובסידיע צו רבי שלמה אפרים פון לענטשיץ, און גיט אים אַ הסכמה אויף זיין ספר „כלי יקר״, אַ פירוש אויף דער תורה, אין וועלכן עס זענען אַריינגעפלאָכטן שאַרפע און בייסיקע באַמערקונגען קעגן דערשיינונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן דעם ווידערווילן פון דאָזיקן מוטיקן סאָציאַלן קריטיקער פון יענער צייט. רבי אפרים פון לענטשיץ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אין זיינע ספרים פון אָנווייזן אויף די שאָטן־זייטן, וואָס האָבן, לויט זיין מיינונג, זיך אָנגעזאַמלט אין ייִדישן לעבן, און אויף די נישט גאָר שיינע מעשׂים, וואָס עס טוען אָפּ אויך פּרנסים און רבנים. און דאָך האָט אָט די אומ־ברחמנותדיקע קריטיק נישט געשטערט דעם מחבר צו באַקומען די מאָראַלישע און מאַטעריעלע שטיצע פון וועד. דער גאָר אָפּט פאַרביטערטער און אומצופרי־דענער לענטשיצער בעל־דרשן פאַרצייכנט אין זיין הקדמה צום „כלי יקר״: „די ראשים פון וועד האָבן אונטערגעהאַלטן מיין האַנט און פון זייער טאַש געהאָלפן אין דרוק פון מיין ספר״...

אָבער נישט דווקא חיבורים פון אייגענע, פון פוילישע ייִדן, דערוועקן דעם אינטערעס פון די מנהיגים פון וועד. פאַר דער רעפּרעזענטאַנץ פון פוילישן ייִדנטום עקזיסטירט נישט קיין פונאַנדערטייל אין ייִדישן שאַפן. געננוי ווי דאָס פאָלק, זענען אויך זיינע גייסטיקע יצירות איינס. דער וועד דריקט זיך אויס מיט באַגייסטערונג וועגן שאַפן פון דון יצחק אַבּרבנאַל, דער לעצטער פון די גרויסע ייִדישע דענקער פון שפּאַניע, וואָס זיינע ספרים ווערן דאַן פאַרעפנטלעכט אין פוילן. „מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט — ווערט געזאָגט אין אַ דערקלערונג פון וועד — אין דער שטאָט יאַראָסלאַוו, כדי צו געבן אונדזער אונטערשטיצונג צו די ספרים פון רבי יצחק אַבּרבנאַל, וואָס דרוקן זיך אין אונדזער מדינה״... געננוי אַזוי אַנטפּלעקט זיך זייער ענטוזיאַזם, בעת זיי רעדן וועגן אומגעוויינלעכן באַטייט, וואָס דער פירוש רש״י פאַרמאָגט, און ווי וויכטיק עס איז, אַז די ייִדן פון די פיר געגנטן פון פוילן זאָלן לערנען חומש און גמרא מיט רש״י, דער גדול, וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן ייִדן אין פראַנקרייך.

אויף די ספרים, וואָס קענען העלפן דעם פּשוטן מענטשן אָדער וואָס זענען צוגענגלעך פאַר דער פרוי, ווערן נישט אַדורכגעלאָזט. דער צענטראַלער קהילות־פאַרבאַנד גיט זיין הסכּמה צו דעם „צאינה וראינה״. דער טייטש חומש, וואָס עס פאַרעפנטלעכט דעמאָלט אין לובלין רבי יעקב בן יצחק, דער וואַנדערנדיקער מגיד פון יאַנאָוו. דער וועד קען זיך גאָרנישט אָפּלויבן פון „צאינה וראינה״. די ראשים און פּרנסים פון קהילות־ראַט רופן צו פאַרשאַפן זיך דעם נייעם ספר, וואָס „פאַרטייטשט און דערקלערט בלשון אַשכּנז״ די פּרשיות פון חומש און וואָס לאָזט „באַשיינפּערלעך זען די גרויסע נוצן, וואָס ער קען ברענגען״. זיי האָבן נישט געמאַכט קיין טעות. דער טייטש חומש, וואָס האָט באַוויזן צונויפצוּוועבן די דערציילונג און די לערע פון די פינף חומש־ספרים מיט דער האַרציקער, פּאָעטישער פאַנטאַזיע, וואָס האָט געווירקט אין פאָלק אין משך פון דורות, און אויסדרוקן דערהויבענע באַגריפן אין אַ צוציִענדיקער פאָרם און אין אַ בראשית־דיקן, זאַפטיקן און תּמימותדיקן ייִדיש לשון, איז געוואָרן דער באַליבטער ספר פון פּשוטן ייִדישן מענטש, און בעיקר פון דער ייִדישער פרוי. ער איז גיך דערשינען אין צענדליקער אויפלאַגעס.

דער וועד זאָרגט אַפילו, אַז דער ייִדישער ספר זאָל אַרויסגעגעבן ווערן זאָרגפעלטיק, אַז עס זאָלן נישט אַריינפאַלן קיין דרוקפעלערן און טעותים, און אין ספּעציעלע תּקנות רעדט זיך וועגן די, וואָס זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן ווירדיקן אינהאַלט און אויסערלעכן אויסזען פון די אויסגאַבעס. און עס איז זיך נישט צו וווּנדערן, וואָס די מחברים האָבן זיך אַזוי שטאַרק געיאָגט אַרויסצו־באַקומען אַ הסכּמה פון וועד. אַזעלכע הסכּמות האָבן געטראָגן אונטערשריפטן, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער מדינה: דער בעל לבושים (רבי מרדכי יפה), דער מהרש״א (רבי שמואל אליעזר איידלש), און אַ ריי אַנדערע, וואָס האָבן געגעבן חשיבות דעם מחבר און זיין חיבור.

דער ספּעציפישער חן, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף די דאָזיקע תּקנות, וואָס האָבן צו טאָן מיט גייסט און ספר, ווערט נאָך פאַרגרעסערט פּילפאַכיק דערמיט, וואָס זיי זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן און געחתמעט געוואָרן, ווי עס ווערט אין זיי אָנגעצייכנט, אין „יומא דשוקא״, אין טעג פון יאַריד, אין סאַמע מיטן טומל און געפּילדער פון דער פיבערדיקער האַוועניש. דער וואָכנדיקער הו־האַ האָט נישט אָוועקגענומען ביי די מענטשן פון וועד זייער טיפן אינערלעכן אינטערעס פאַר יענע ווערטן, וואָס צוליב זיי קריגט אַ זין דער ייִדישער שווערער גראַנגל פאַר קיום. פאַרקערט. דאַכט זיך, אַז די קהילות־מנהיגים האָבן געפּילט, אַז אַזוי אַרום ווערט ערשט דער צענטראַלער ייִדישער אָרגאַן באַהויכט מיטן אָטעם פון דויערנדיקער ייִדישקייט, און די אויסמאַטערנדיקע וואַנדערונגען איבער די פּוילישע ירידים, פאַרוואַנדלען זיך אין אַ דערפרישנדיקן שפּאַציר אין גאָרטן פון ייִדישן גייסטיקן שאַפן.

די שפּראַך אין וועלכער די תּקנות זענען געשריבן געוואָרן, די שפּראַך פון פּינקס פון וועד אַרבע ארצות, איז געווען לשון קודש, דער רבנישער לשון קודש פון יענע תּקופות. אָבער פאַראַן אויך תּקנות, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין יידיש, וועלכער איז לויטן נוסח פון יענע צייטן אויסגעמישט מיט אַ סך ווערטער און טערמינען, און אַפילו גאַנצע פּסוקים פון לשון קודש. און די דאָזיקע החלטות האָבן גאָר אַ וויכטיקן באַטייט פאַר פאַרשן דאָס יידיש לשון, וואָס פּוילישע יידן האָבן גערעדט אין די יאָרהונדערטער, ווען דער צענטראַלער קהילות־ראַט האָט אַנגעפירט מיט זייער קיבוץ. אַט זענען אַ פּאָר זאַצן פון אַ תּקנה אין יידיש. זי איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין יערסליף (יאַראָסלאַוו), תּי״ו: „ביריד גראמניץ בלובלין איז גימאכט ווארין דז קיין רב זאל ניט משתּדל זיין דז רבנות ע״י הלואה או מתנה, זאל ניט מחזיק זיין דז רבנות ע״י כסף וזהב אלקי מסכה וכו׳... מיר וועלין דען זעלביגען אנטקיגן גין אונ׳ רודף זיין עד החרמה, אונ׳ דוחה זיין בשני ידים, אונ׳ וועלין אין מבדיל זיין מכּל קהל הגולה, אונ׳ וועלין אין מפריש זיין מכּל קדושות ישׂראל... אונ׳ וועלין מפרסם זיין קלונו ברבים, זולת שאר עונשים קשים, ולשומע יונעם ותבא עליו ברכה. אונ׳ דיא תּקנה זאל גיווערן לדור דורים״...

ד.

אַ שווערע צייט האָט אָנגערוקט פאַרן וועד אַרבע ארצות, מיטן גרויזאַמען אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן אונטער דער אָנפירונג פון כמיעלניצקי. דאָס איז געווען אין מיטן זיבעצנטן יאָרהונדערט. דאָס פייער פון בונט און מלחמה צע־פלאַקערט זיך אין פּוילן און אין דער אוקראַינע, וואָס איז דאַך דאַן אַ באַשטאַנד־טייל פון דער פּוילישער קרוין. פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך געפילט זיכער אויף דער פּוילישער ערד און געגלויבט אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון זייער עקאָנאָ־מישער און געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע, איז געקומען די ביטערע תּקופה, וואָס איז אין אונדזער געשיכטע באַקאַנט אונטערן נאָמען „גזירות ת״ח״. בלבולים, שחיטות, חורבן, קידוש־השם.

אַ שטיקל צייט דאַכט זיך, אַז עס צעפאַלט זיך דער צענטראַלער קהילות־ראַט. פיל קהילות גופא ווערן צעשטערט. און די, וואָס באַוויייזן זיך אָפּצוראַטע־ווען, פאַרלירן דעם מוט, זינקען אַריין אין חובות, און קלערן אויף אַ רגע, אַז אפשר וועט גאָר זיין לייכטער איבערצוקומען די צרות, ווען מען וועט זיך פאַר־נעמען בלויז מיט זיך אַליין און מיט די אייגענע פּראָבלעמען. די גרויסע קהילות צעשפּליטערן זיך אין קלענערע קרייזן, וועלכע מען רופט אָן „גלילות״. אין דער

נאָכט פון נידערגעשלאָגנקייט צווייפלט מען, צי וועט נאָך מעגלעך זיין ווידער צו פאַרריכטן דעם רויִנירטן בנין פון דער שטאָלצער ייִדישער אויטאָנאָמיע.

אָבער צו לאַנג האַלט די צעבראָכנקייט נישט אָן. אויב די ירידים זענען פּוסט און אָפּגעשטאָרבן, און אין די קלייטן איז נישטאָ מער קיין סחורה צו פאַר־קויפן, איז דאָך פאַרט פאַרבליבן אין זיי — אַזוי ווי דאָס ווערט געשילדערט אין די באַשרייבונגען און קינסטלערישע דערציילונגען, וואָס זייער טעמע איז די דערשיטערנדיקע טראַגעדיע פון גזירות ת״ח — יענע סחורה, וואָס פּוילישע ייִדן האָבן פאַר זיך איינגעשאַפּט אין צייטן פון אַנגסט און פּיין: בטחון.

דער וועד אַרבע ארצות נעמט פאַרוויקלען די ווונדן. פון דאָס ניי הייבט ער זיך אָן צו אָרגאַניזירן און צונויפצוקומען. פון דער ערשטער באַראַטונג, וואָס ער האַלט אָפּ נאָך די גזירות ת״ח, גייט זיך פונאַנדער אַ רירנדיקע קינה. דאָס פּוילישע ייִדנטום איז איינגעהילט אין אבלות, און זיינע פּרנסים רופן אויס אַ פֿאָלק־תּענית. זיי דערקלערן אין זייער תּקנה: מיר, וואָס זענען זיך צונויפגע־פאָרן אין לובלין, מיר, די ראשים, פּרנסים, רבנים, באַשטימען, אַז ייִדן זאָלן פאַסטן יעדעס יאָר כ׳ סיון, ווייל „דעם צוואַנציקסטן טאָג אין חודש סיון האָט זיך אָנגעהויבן די צרה אין דער הייליקער און גרויסער קהילה פון נעמיראָוו״...

די פּראָבלעמען, וואָס שטייען איצט פאַרן צענטראַלן קהילות־ראַט, זענען נאָך שווערער און קאָמפּליצירטער ווי פריִער. מען מוז אויספועלן ביים קעניג און ביי די הויכע לייט פון דער מדינה, אַז זיי זאָלן האָבן פאַרשטענדעניש פאַר דעם שווערן מצב, אין וועלכן עס זענען אַראָפּגעזונקען די ייִדן, און האָבן איינזען ביים אויסמעסטן און אויפמאָנען די שטייערן. מען מוז טראָגן שטיצע צו די, וואָס זענען פאַראָרעמט געוואָרן, און צו די, וואָס וואָגלען אויף די וועגן און זוכן אַ דאַך איבערן קאָפּ. מען דאַרף צוריק איינשטעלן דעם צעשטערטן דערציִונג־סיסטעם און אויפבויען די חדרים און ישיבות. מען מוז ווידער אויפלעבן די גייסטיקע אַקטיוויקייט. און — מען מוז אָנווענדן אַזוי פיל ענערגיע און מיטלען בכדי אויס־צולייזן די ייִדן, וואָס „די צוררים״, די באַדריקער, האַלטן זיי אין געפאַנגענשאַפט און אין תּפיסה. אין די מלחמות, וואָס האָבן זיך געצויגן אין אַן אומענדלעכער קייט נאָך דעם פינצטערן כמיעלניצקי־פּעריאָד, זענען ייִדן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „אָביעקט״ פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל מיט זייערע לעבנס. מ׳האָט זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט אָדער אַריינגעוואָרפן אין תּפיסות, און געפאָדערט פאַר זיי אויסלייז־געלט. כמעט נישט געווען קיין אַרמיי אָדער אומה, וואָס זאָל נישט האָבן געשטרעבט צו מאַכן אַ פאַרמעגן אויפן דאָזיקן וועג. די סומעס, וועלכע זענען געקומען אין באַטראַכט, זענען געווען ריזיקע. פּדיון־שבויים, איז געוואָרן דער דרינגענדיקער רוף פון דער שעה. אין די פאַרוואָרפענע מקומות אין רוסלאַנד, און אַפילו אין וויטן פּערסיע, האָט געדראָאָט, אַז ייִדן זאָלן פאַר־קויפט ווערן פאַר שקלאַפן. צי וועלן די קהילות פאַרבלייבן גלייכגילטיק צום פּיין

פון זייערע ברידער? דער וועד אַרבע ארצות, אַליין פאַראַרעמט, מיט אַן אויס־געליידיקטער קאַסע, רופט צונויפצוזאַמלען די נויטיקע סומעס, ווי מוראדיק זיי זאָלן נישט זיין. דער וועד קניפּט אָן באַציִונגען מיטן ציבור פון אַנדערע מדינות, פון ענגלאַנד און האָלאַנד. ער שיקט שליחים און אַפּעלירט צו ייִדישער אַחדות. ער הייבט אויף דאָס געשריי פון ווײ: שטייט אויף צו העלפן די טויזנטער ייִדן, וואָס ליידן אין געפאַנגענשאַפט פון די שונאים און באַדריקער (אלפי נפשות שנשבו תחת יד אומה קשה הצורר עליהם), קיין שום קהילה טאָר נישט שטיין פון דער ווייטנס... און ווידער וועקן זיך אויף ביים וועד דער מוט פון די פריִערדיקע צייטן און דער כלל־ישׂראל־באַוווסטזיין: אין פאַל, ווען אַ קהילה וועט בלייבן פאַרהאַרטעוועט, (ובאם שאיזו קהילה יקשה להם בלתי שמוע, חס ושלום), שליסט זי זיך אויס דורך איר האַרצלאָזיקייט פון ציבור, און עס וועט אויף איר אויס־גערופן ווערן אַ חרם...

בעת דער ייִדישער ישוב אין פּוילן ווערט פאַרפלייצט פון דער כוואַליע פון די בלוט־בלבולים, שיקט דער קהילות־ראַט אַ שליח מיוחד קיין רוים, אַ ייִד פון גניעזנע, אַז ער זאָל זען, וואָס מען קען אויפטאָן כדי אָפּצושטעלן די ווילדע העצעס. דער דאָזיקער שליח קערט זיך אום דערנאָך קיין פּוילן מיט אַ בריוו פון די דאָמיניקאַנער גלחים אין רוים, אין וועלכן זיי ווענדן זיך צום פּוילישן דאָמיניקאַנער־אָרדן צו באַשיצן די ייִדן קעגן דעם עלילת־דם. דער וועד באַ־גנוגנט זיך נישט דערמיט. ער שיקט שפּעטער אַ צווייטן שליח קיין רוים, וועל־כער דערגייט אַפילו צום פּויפּסט, און באַקומט פון אים אַ שריפט, וואָס פאַר־טיידיקט ייִדן אין אָנבליק פון דער פאַלשער און נידערטרעכטיקער באַשולדיקונג.

אויך נאָך די אויפשנידערנדיקע דערפאַרונגען פון די גזירות ת״ח לעבט אויף דער וועד מיט זיין געוויינלעכן אימפּעט. באַנייטע ענערגיע און איניציאַטיוו שלאָגן אין זיין טעטיקייט. ווידער באַוועגן זיך זיינע פּרנסים און רבנים אויף די ירידים אין לובלין און לענטשיץ, אין יאַראָסלאַוו און פּזשעוואָרסק, אויף די צוזאַ־מענפאָרן אין ריטשעוואָל, פּינטשעוו און וואַרשע, און ווידער באַווייזן זיי אין געווירבל פון די געשעענישן אָפּצושאָקלען דעם שטויב פון דער וואָך, און עפענען דעם גרויסאַרטיקן היכל פון ייִדישער גייסטיקייט. זיי דערלאַנגען פון דאָס ניי הילף צו פאַרלאַגן און מחברים. זיי גיבן הסכמות אויף ספרים. זיי דרוקן זיך אויס מיט באַגייסטערונג וועגן די קוואַלן פון שאַפן, וואָס שפּרודלען כסדר אין פּוילן, און זאָגן זייער וואָרט מכוח די מיינונגס־פאַרשידנהייטן, וואָס וואַקסן דעמאָלט אויס אַרום דעם אויסטייטש פון די רעליגיעזע געזעצן אַזוי ווי זיי גילטן פאַרן אַשכּנזישן ייִדנטום, די מיינונגס־פאַרשידנהייט צווישן רבי שבתי כּהן, בעסער באַקאַנט ווי דער ש״ך, און רבי דוד בן שמואל הלוי, בעסער באַקאַנט ווי דער ט״ז. דער וועד אַרבע ארצות פילט זיך ווידער פעסט און זיכער נאָך דעם, ווי די ערד אונטערן פּוילישן ייִדנטום האָט געציטערט.

אויב מיר זוכן היינט, פיר הונדערט יאָר נאָך דעם, ווי דער וועד אַרבע ארצות איז געגרינדעט געוואָרן, אַ מאָטאָ, וואָס וואָלט געקענט אין אַ קורצער פראַזע אויסדרוקן זיין מהות און כאַראַקטער, קומט אונדז אויס, אַז גראָד דער שניידיקער אַפאָריזם פון רבי נחמן בראַצלאַווער — אַליין פון יענער אוקראַיִנע, ווו דער וועד איז געווען טעטיק און ווו ער האָט איבערגעלאָזט אַזאַ שטאַרקע השפעה אין אַלע תּחומים פון ייִדישן לעבן — גראָבט אין דער טיף פון קאַפּיטל, וואָס די צענטראַלע אינסטיטוציע פון ייִדישער אויטאָנאָמיע האָט אַריינגעשריבן אין אונדזער געשיכטע: „העולם הוא גשר צר, והעיקר הוא שלא לפחד"... די וועלט, און על אַחת כּמה וכמה דער קיום פון ייִדן אין דער וועלט, איז ווי אַ בריק, וואָס איז ענג און שמאָל, און כּדי צו קענען זיך באַוועגן אויף דער בריק און זי אַריבערגיין, איז דער עיקר זיך נישט צו שרעקן...

דאָס האָט דער שטאַרקער גלויבן אין דער גרויסקייט פון דער שליחות, וואָס איז זיי אָנגעטרויט געוואָרן מצד דעם ייִדישן קיבוץ, געגעבן די מענטשן פון וועד אַרבע ארצות דעם וווּנדערלעכן מוט, וואָס שיינט צו אונדז אַרויס פון זייער וואָרט און טאַט.

ה.

אין אַ באַטראַכטונג וועגן דער טעטיקייט און באַטייט פון צענטראַלן קהילות־ראָט אין אַמאָליקן פּוילן קענען נישט אַדורכגעלאָזט ווערן אייניקע באַמערקונגען מכּוח די מיטלען, וואָס מיט זיי האָט דער וועד זיך באַנוצט כּדי דער יחיד און דער ציבור זאָלן פאָלגן די תּקנות, וואָס זענען דורך אים אַרויסגעגעבן געוואָרן. דער וועד האָט געשטרעבט, אַז ער זאָל טאַקע זיין דער אויסדרוק און די פאַר־קערפּערונג פון דער ייִדישער אַליינפאַרוואַלטונג, און זיך אָנגעשטרענגט וואָס וויניקער אָנצוקומען צו דער אונטערשטיצונג און אינטערווענץ פון דער דרויסנ־דיקער מאַכט. ער האָט באַגערט, אַז אַלץ זאָל דורך ייִדן און צווישן ייִדן דער־ליידיקט ווערן, און אַז אַפילו די שטראָף, וואָס ווערט אַרויפגעלייגט, זאָל זיין אַ ייִדישע, אַ ייִדיש־געזעלשאַפטלעכע. און דאָ קומען מיר צו צום חרם. דער וועד אַרבע ארצות האָט זיך באַנוצט מיטן חרם, ווי אַ מיטל אַרויסצורופן רעספּעקט פאַר זיינע פאַראָרדענונגען און אויפצוהאַלטן דיסציפּלין אין דער ייִדישער גע־זעלשאַפט.

עס איז איבעריק אונטערצושטרייכן, אַז מיר, אין אונדזער היינטיקער צייט, קענען נישט קוקן אויפן חרם מיט די זעלבע אויגן, מיט וועלכע מען האָט אויף אים געקוקט מיט לאַנגע יאָרהונדערטער צוריק. דאָס איז אַן אינסטרומענט פון

צייטן, וואָס זענען פאַרביי, און פון פאַרהעלטענישן פון דער פאַרגאַנגענהייט, און פון פאַרגאַנגענע באַגריפן. כּדאַי צוצוגעבן, אַז אַפילו אין יענע פאַרלאָפענע צייטן האָבן זיך געפונען רעליגיעזע אויטאָריטעטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט שאַרף קעגן אים. רבי יואל סירקיס, דער גאון און פּוסק פון קראָקע, בעסער באַקאַנט צוליב זיין חיבור פון חידושים אין פעלד פון דער הלכה „בית חדש" ווי דער ב"ח, וועלכער האָט געלעבט טאַקע אין דער צייט, ווען דער וועד אַרבע ארצות האָט געווירקט אין יידיש־פּוילישן קיבוץ, האָט געשריבן אין זיינע „שאלות ותשובות", אַז ליידער מיסברויכט מען מיטן חרם. ביי כּלערליי געלעגנהייטן גיט מען זיך אַ זאָג אָפּ „מוחרם ומנודה משני עולמות", אַז פלוני בן פלוני ווערט אַרויסגעשטויסן פוןביידע וועלטן, אַז ער איז „מופרש מכּל קדושת ישׂראל", אַז ער ווערט אַרויסגעוואָרפן פון קהל און פון יידישע הייליקטימער. עס איז אַ סך גלייכער, האַלט רבי יואל סירקיס, אַרויפצולייגן אויף די שולדיקע אַ געלט־שטראָף צי גאָר קנס פון אַדמיניסטראַטיוון כאַראַקטער. אין אַ בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו די ראשים פון וועד, רופט ער מבטל צו מאַכן די אינסטיטוציע פון חרם.

אָבער דער דאָזיקער גאַנצער פּראָבלעם, וואָס האָט נישט איין מאָל אַרויסגערופן הייסע וויכּוחים אין דער יידישער וועלט, מוז אַנאַליזירט ווערן אין דער ראַם פון דער תּקופה. אין אַסך פאַלן האָט דער חרם אָפּגעראַטעוועט די גאַנצקייט פון דער קהילה. ער האָט דערווייטערט די מוסרים און דעגענעראַטן אָדער סתּם געוויסנלאָזע פאַרשוינען, וואָס האָבן צוליב אייגננוצן אונטערגעגראָבן די יסודות פון יידישן לעבן. עס איז ריכטיק, אַז די פּוילישע מאַכט האָט געהאַט איר אייגענעם אינטערעס אין פאַרשטאַרקן דעם כּוח פון דאָזיקן „יידישן געווער", און, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַ ריי מלוכהשע דאָקומענטן, צוגעגעבן מוט דעם וועד אַנצוווענדן דעם חרם בעת דאָס אויפמאָנען די שטייערן האָט אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן. אָבער פון דער אַנדערער זייט לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, אַז גראָד דער חרם האָט נישט דערלאָזט, אַז מלכות זאָל ווערן דער פּוסק אחרון אין יידישע ענייני‍ם. ער איז אויסגערופן געוואָרן קעגן די, וואָס האָבן אָנשטאָט צו גיין צו אַ דין־תּורה אויסגעקליבן זיך צו ווענדן צו מלכות אָדער וואָס האָבן געוואָלט איבערנעמען אַ רבנות מיטן כּוח פון פּריץ. די, וואָס זענען געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער יידישער אויטאָנאָמיע אין פּוילן און געצייטערט איבער איר דויערהאַפטיקייט, זענען געווען איבערצייגט, אַז די שטרענגע מיטלען, וואָס שפּאַרן זיך אָן אויף דורותדיקער רעליגיעזער טראַדיציע און דעת הקהל, און וואָס דרוקן אויס די יידישע גורל־צונויפגעבונדנקייט, העלפן אויפהאַלטן געזעצלעכקייט און אָרדענונג צווישן יידישן ציבור, און לאָזן אים נישט אַראָפּזינקען אין תּהום פון סאָציאַלער און מאָראַלישער הפקרות. דאָס שטעלן מחוץ למחנה די, וועלכע באַפלעקן דעם יידישן כּבוד, באַדראָען זיין זיכערקייט

און ווירטשאַפֿט, צעבראָכן זײַן היינט און זײַן מאָרגן, איז טאַקע נישט קיין אָנגענעמע אויפֿגאַבע, אָבער בפֿירוש אַ נויטווענדיקע.

עס איז בכן נישט ריכטיק און גערעכט אָפּצושאַצן די חרם־אינסטיטוציע מיט באַגריפֿן פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. געגוי ווי עס איז אומגערעכט אויסצומעסטן לגבי דעם גאַנצן צוניפֿשטעל פֿון וועד — אַ קהילות־ראַט פֿון די „פּני״, מיוחסים און חשובֿע באַלעבאַטים — אַ קריטיק, וואָס איז אַ פּראָדוקט פֿון דער נייער צײַט און פֿון אַ געענדערטער סאָציאַלער פֿילאָסאָפֿיע. באַצייכענען דעם צענטראַלן קהילות־ראַט פֿון פּוילישן ייִדנטום, ווי אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז נישט געווען דעמאָקראַטיש און פֿאָלקסטימלעך, איז אַרויסנעמען דעם פֿירנדיקן אָרגאַן פֿון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע פֿון זײַן עפּאָכע און סבֿיבֿה.

אין לעצטן סך־הכּל, אויב עס איז די רייד וועגן וועד און זײַן וויכטיקסטן שטראָף־אינסטרומענט: דער חרם, דאַרף זײַן אַנטשיידנדיק פֿאַר אונדז דער פֿאַקט, אַז אין יענער צײַט האָבן די אָנגעצונדענע ליכט און דער קול פֿון שופֿר פֿון דער חרם־צערעמאָניע טיפֿער אויפֿגעציטערט דאָס ייִדישע געוויסן, ווי דאָס שטאָל און אײַזערנע פֿאַרניכטנדיקע געווער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין האַנט פֿון די דרויסנדיקע גוייִשע מאַכטהאָבער. נאָך אין די פֿריִערדיקע צײַטן, נישט לאַנג נאָך דער תּלמוד־עפּאָכע, איז דווקא דורכן חרם געלונגען אויסצוּוואָרצלען די פּאָליגאַמיע צווישן ייִדן אין דער מערבֿ־וועלט, און דורכן זעלבן חרם, דער חרם דרבנו גרשום, איז פֿאַרווערט געוואָרן אָפּצוגטן אַ פֿרוי קעגן איר ווילן. לאָמיר זיך בכן אָפּהאַלטן פֿון באַשטימען אין אַלגעמיין, אָן אַנאַליזירן די פּאַנאָראַמע און אָן אַרײַנגיין אין פּרטים, אַז דער חרם איז „פֿינצטער״ און אַז ער שמעקט מיט „צוריקגעשטאַנענעם״ מיטל־עלטער. אַזאַ רעאַקציע קען מעגלעך זײַן דיקטירט פֿון איידעלן אימפּולס און דורשט צו גערעכטיקייט. אָבער דאָס איז אַ פֿלאַכער און דורכויס סוביעקטיווער צוגאַנג צו די קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען, פֿאַר וועלכע מיר ווערן געשטעלט אין דער ייִדישער געשיכטע.

1. נאָך צוויי הונדערט יאָר בערך האָט די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ פֿון די ייִדישע קהילות אין פּוילן אויפֿגעהערט צו עקזיסטירן. אין האַרבסט פֿון יאָר 1764 האָט דער וועד אָפּגעהאַלטן זײַן לעצטע אַסיפֿה. זי איז פֿאָרגעקומען אין פּיליץ, אין קליינפּוילן. און דאַן איז געקומען דער באַפֿעל מצד דער פּוילישער מאַכט, אַז דער „אַלגעמיינער קאָנגרעס פֿון די ייִדן״ ווערט אויפֿגעלייזט. אָפּגעשלאָסן איז געוואָרן דאָס גרויסאַרטיקע קאַפּיטל אין דער ייִדישער געשיכטע.

דאָס איז געווען אַ צייט פון שאַרפן פּאָליטישן קריזיס אין דער פּוילישער מדינה. אַ צייט פון כאַאָס און אַנאַרכיע, די פאַרשידענע סאָציאַלע שטאַנדן, וואָס שטעלן נישט אָפּ זייערע שטריטן אויך אין מאָמענטן, ווען אויסערלעכע געפאַרן באַדראָען די גאַנצקייט און קיום פון דער מלוכה, דערפירן דערצו, אַז אַ בירגער־קריג זאָל זיך צעפלאַקערן, וואָס דערפירט צום פונאַנדערברוך פון דער גאַנצער מלוכהשער אָרגאַניזאַציע. פּוילן ווערט צעברעקלט, און ווי אויף רויב, וואַרפן זיך די שכנים אויף איר טעריטאָריע. דער קלעריקאַלער פאַנאַטיזם און די רעאַקציע הייבן אויף דעם קאָפּ. די טאָלעראַנץ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר פּוילן, ווערט אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט. קעגן יידן גייט אָן אַ ווילדע העצע, די אויסטערלישסטע באַשולדיקונגען ווערן אַרויסגערוקט. מערדערישע באַנדעס הוליען הפקרדיק איבער די יידישע ישובים. פאַר די פּוילישע שׂררות ווערט איבער־לעסטיק צו זען אַ יידישן שתדלן, וואָס דרייט זיך אַרום אין די קולואַרן פון פּוילישן פּאַרלאַמענט. עס ווערט פאַר זיי אומבאַקוועם, וואָס יידן קומען זיך צונויף און גיבן אַרויס אייגענע געזעצן, אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען בעלי־הבתים אין לאַנד. דער גאַנצער באַגריף פון אַ יידישער אויטאָנאָמיע ווערט פאַר זיי איבערדריסיק. בפרט, ווען פון דער סעקטע פון יעקב פראַנק, דער פאַלשער משיח פון דעמאָלטיקן פּוילן פון אַכצנטן יאָרהונדערט, קומען אָן געמיינע מסירות, אַז דער וועד איז „אַ מלוכה אין אַ מלוכה", און אַז פאַקטיש קלייבט דער וועד צונויף פיל גרעסערע סומעס געלט ביי דער יידישער באַפעלקערונג ווי די, וועלכע ער צאָלט אַריין אין דער מלוכהשער קאַסע, נאָר ער פאַרנוצט דאָס געלט פאַר צוועקן פון קהל. דער פּוילישער פּאַרלאַמענט, דער סיים, באַשליסט צו ענדערן דעם גאַנצן סיסטעם. רעגירונג־באַאַמטע דאַרפן אויפמאָנען אינדיווידועל די שטייערן ביי איטלעכן ייד, מען בויטיקט זיך נישט מער אין די קהילות. מען דאַרף מער נישט האָבן דעם צענטראַלן קהילות־ראַט. אויס מיט די אַלגעמיינע שטייער־סומעס. דורך דעם נייעם מעטאָד וועט מעגלעך זיין אויסצודיגן מער געלט פון יידן.

דער כּלל־טוער, וואָס האָט געלעבט אין גאַליציע אין יענער תּקופה פון מהומה און פונאַנדערפאַל, דוד בער באָלעכאָווער, שילדערט אין זיינע אינטערעסאַנטע זכרונות, וואָסער דערדריקנדיקן רושם דער איבעררייס אין דער טעטיקייט פון וועד אַרבע ארצות האָט געמאַכט אין די יידישע שטעט און שטעטלעך: „דער שינוי האָט דערנידעריקט אונדזער פאָלק און צוגענומען ביי אים דאָס ברעקלעל חשיבות, וואָס עס האָט געהאַט זינט עס האָט זיך באַזעצט אין דעם לאַנד ביז צו דעם קעניג פּאָניאַטאָווסקי... אין סיים זענען געווען אַ סך שׂונאי ישׂראל, וואָס האָבן אויסגעטראַכט בלבולים אויף יידן בכדי צוצונעמען פון זיי זייערע אַלטע פּריווילעגיעס... די רעגירונג האָט באַפוילן אָפּצושאַפן די צונויפפאָרן פון די ראשי הקהילות, פון די ראשי הגלילים און פון די רבנים, און געשיקט אין אַלע

פּוילישע געגנטן קאָמיסאַרן, וואָס זאָלן אַדורכפֿירן די צײַלונג פֿון דער ייִדישער באַפֿעלקערונג, כּדי ייִדן זאָלן צאָלן דעם קאָפּשטײַער לויט זייער צאָל, און מען וועט נישט דאַרפֿן האָבן איבער זיי קיין עלטסטע און ראשים, וואָס זענען מכּלומרשט שולדיק אין שטערן אין דער געזעצגעבונג פֿון דעם גאַנצן לאַנד... זיי האָבן מער נישט געוואָלט האָבן קיין ייִדישע פֿאַרשטייער אין קעניגלעכן הויף און אין מלוכה־סיים״...

אוממעגלעך געווען, אַז אין דאָזיקן מצב פֿון קריזיס און אומזיכערקייט זאָל בײַ פּוילישע ייִדן אָנהאַלטן די געהויבענע שטימונג פֿון אַמאָל. מען הייבט אָן אַרומצוקריגן זיך צווישן זיך אַליין. אין דער אַלגעמיינער פֿאַראָרעמטקייט פֿאַר־גרעסערן זיך די רייען פֿון די אומצופֿרידענע. מען וואַרפֿט באַשולדיקונגען אײנע קעגן די אַנדערע. מען זוכט בײַ זיך קעגנזײַטיק עוולות. דערצו וואַקסט נאָך אויס די נגע צרעת פֿון פֿאַלשן משיח, דער נאָכפֿאָלגער פֿון שבתי צבי אין פּוילן, יעקב פֿראַנק. דער שמד פֿון שאַרלאַטאַן און פֿון זײַנע אָנהענגער, די נידערטרעכ־טיקע העצע, וואָס זיי אָנטוויקלען, די שייטערהויפֿנס, וואָס זיי צינדן אָן און אין וועלכע זיי וואַרפֿן די מסכתות פֿון תּלמוד, פֿאַרגרעסערן נאָך מער די צעטומלעניש און אַנגסט פֿון ביטער־געפּרוווטן ייִדישן קיבוץ.

אָבער אויך אין יענע יאָרן, די לעצטע יאָרצענדליקער פֿון זײַן עקזיסטענץ, איז נישט די צענטראַלע רעפּרעזענטאַנץ פֿון פּוילישן ייִדנטום מסכּים אָפּצולאָזן פֿון איר טעטיקייט. אויב נישט מער אין די גרויסע שטעט, קומט מען זיך צונויף אין קלענערע ישובים, אויב מען קען נישט מער זײַן אַקטיוו בגלוי, פּרוּווט מען מיט שטילע שתּדלנות־אַקטן אָפּשרייען גזירות, באַקעמפֿן שקרים, באַשיצן ייִדן און ייִדישע אינסטיטוציעס. אויך אין פֿאַרהעלטענישן, וואָס פּאַראַליזירן יעדע ווירדיקע אַקציע, דערשײַנען תּקנות, וואָס הייבן אַרויס די אומפֿאַרגענגלעכע ייִדישע ווערטן און רופֿן נישט אַרײַנצופֿאַלן אין יאוש. מיט אַלע כּוחות שטרענגט מען זיך אָן צונויפֿצוקומען כאָטש איין מאָל אין יאָר, ביז עס האָט אויסגעשלאָגן די לעצטע שעה פֿאַר דער צענטראַלער אינסטאַנץ פֿון פּוילישן ייִדנטום.

ז.

כּדי צו מאַכן דאָס בילד גאַנץ בײַ דער דאָזיקער געלעגנהייט, ווען מיר זענען דערגאַנגען צו פֿיר הונדערט יאָר, זינט דער וועד אַרבע ארצות איז גע־גרינדעט געוואָרן, איז אונדזער חוב צו דערקלערן, אַז זיכער נישט אַלע וועלן מסכּים זײַן מיט אונדזער אָפּשאַצונג וועגן דעם צענטראַלן קהילות־ראַט, וואָס איז געווען אַקטיוו אין אַמאָליקן פּוילן. עס וועלן נישט פֿעלן די, וואָס וועלן אונדז פֿאַרוואַרפֿן, אַז מיר האָבן שפּאָר איבערגעטריבן אין די פּרטים, הגם מיר האָבן

זיך געשטיצט אויף באַגלויבטע היסטאָרישע מקורות. עס וועלן אויך נישט פעלן אַנדערע, וואָס וועלן אונדז פשוט באַשולדיקן, אַז מיר אידעאַליזירן אַן אינסטי־טוציע, וואָס איז געווען פול מיט פעלערן אין איר בוי און אַרבעט, און צו די מעגלעכע באַצייכענונגען, אויף וועלכע מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן, דהיינו, אַז דער וועד איז נישט געווען דעמאָקראַטיש, אַז אים האָט געפעלט פאָלקסטימ־לעכקייט, וועלן זיי אויך צוגעבן, אַז דער פון אונדז אַזוי פאַרהערלעכטער אויטאָ־נאָמער אָרגאַן איז געווען אַן אָליגאַרכישע אינסטיטוציע.

ווילן מיר גלייכער אַליין אָפּגעבן אַן אָרט פאַר דער קריטיק, וואָס האָט זיך געהערט און הערט זיך אין פאַרשידענע געשיכטלעכע פאָרשונגען צי אין כראָניק־פאַרצייכענונגען קעגן דער הויכער אינסטאַנץ פון די ייִדישע קהילות אין פוילן. אין דער קריטיק ווערט אויסגערעכנט, אַז אין וועד האָבן געמאַכט יד אחת מלכות און די ייִדישע תקיפים, געלט־מענטשן און רבנים, אַז ער האָט אַרויפ־געוואָרפן אַ שווערן יאָך אויפן אָרעמאַן, אַז ער איז געווען אַ נעסט פון קאָרופּציע און אַבערגלויבן, און אַז מער ווי פּאַראַייניקן, האָט ער אַריינגעבראַכט צעשפּלי־טערונג אין דער ייִדישער עדה, באַדריקט דעם אַרבעטער, און אַז אַ סך פון זיינע תקנות באַווייזן אַ מוראדיקע סאָציאַלע און עטישע געפאַלנקייט. בן־ציון דינאַבורג אין זיין פאָרשונג „במפנה הדורות" ציטירט אַן אויסרוף, וואָס אַ ייִדי־שער אַרבעטער האָט געמאַכט אין אַכצנטן יאָרהונדערט, און וואָס דאַרף אויס־דרוקן דאָס געפיל פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן אין אַלע יענע קהילות: „נאָך וואָס דאַרפן מיר אַ רב און קהל־לייט, סיידן צו אונדזער אומגליק און פאַרניכטונג"... און רפאל מאַלער אין זיין „תולדות היהודים בפולין" ברענגט זייט נאָך זייט פאַקטן און פראַגמענטן פון אַלטע דאָקומענטן און ספרים, וואָס דאַרפן באַווייזן, וואָס דער וועד ארבע ארצות איז געווען „אין דער אמתן". דער צענ־טראַלער קהילות־ראַט, שרייבט מאַלער, איז געווען בלויז אַן אינסטרומענט אַרויס־צוציִען אַלץ גרעסערע שטייערן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. ער איז געווען מער אַ געהילף־אינסטיטוציע פאַרן פוילישן פינאַנס־מיניסטער, ווי אַן אויטאָנאָ־מער ייִדישער אָרגאַן. דער אָליגאַרכישער יסוד, וואָס אויף אים איז ער געווען געבויט, איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער הפקרות און קאָרופּציע, וואָס האָט דאָרט געהערשט, די קהילה־אַפּוטרופּסים האָבן זיך גענומען דאָס רעכט צו אַנט־שיידן אין אַלע ייִדישע ענייִנים, און זיי האָבן קודם כל געזאָרגט פאַר זייער אייגענעם הויכן געהאַלט און פאַר די הוצאות, וואָס זיי האָבן באַגערט צו דעקן בעת די אַסיפות. מיטן כוח פון די תקנות האָט די הערשנדיקע אָליגאַרכיע פאַר־שטאַרקט איר אויטאָריטעט און געבראַכן די קעגנערשאַפט פון די באַוועלהטע מאַסן. די פרנסים און ייִדישע שטייער־אויפמאָנער האָבן געשונדן די הויט פון דער שוצלאָזער באַפעלקערונג.

און ווירקלעך, אין דעם אָדער יענעם ספר, וואָס איז דערשינען אין יענע

תּקופות, באַגעגענען מיר זיך נישט אַלע מאָל מיט דער התפּעלות, אויף וועלכער מיר טרעפן זיך אָן, למשל, אין דער כראָניק פון נתן נטע האַנאָווער, ווען עס איז די רייד וועגן וועד אַרבע ארצות. מגידים און מוכיחים פון יענע פּאַרלאָפענע יאָרן האָבן עטוואָס אַנדערש צו דערציילן. צבי הירש קיידאַנאָווער אין זיין ספר „קב הישר״ קאַרגט נישט קיין פאַרוורפן קעגן די פּרנסים, „וואָס לעבן אין ווילטאַג, נעמען פאַר זיך צו אַלע כּיבודים, זענען פעט און געזונט, בעת גאָטס פאָלק, די קינדער פון אַברהם, יצחק ויעקב, גייען אַרום נאַקעט און באָרוועס, און ווערן דערדריקט פון די שטייערן, וואָס די ראשי־הקהל רויבן ביי זיי צו״... דער וואַנדערנדיקער בעל־דרשן ברכיה בירך בן אליקום געצל אין זיין ספר „ברך שלישי״ רופט אָן די קהילה־מנהיגים מיט באַליידיקנדיקע נעמען, און זאָגט, אַז די רבנים לעבן אויף, ווען מען קומט צו זיי מיט אַ סכסוך אָדער דין־תּורה, וואָרום אַזוי אַרום זענען זיי זיכער צו קריגן מתּנות און שוחד, און אַז הגם עס זענען אויך דאָ גוטע רבנים, איז אָבער דער רוב אָן אַנדערער...

מיר פאַרהוילן נישט די פאַקטן. אַזעלכע באַשולדיקונגען ווערן דאָ און דאָרט אַרויסגערוקט קעגן די ראשים און רבנים פון וועד. און דאָך האַלטן מיר, אַז אויב אַפילו זיי לאָזן זיך אָנווענדן לגבי דעם אָדער יענעם מיטגליד פון צענטראַלן קהילות־ראַט אין משך פון די צוויי הונדערט יאָר פון זיין עקזיסטענץ, קענען זיי באַין־אופן נישט וואַרפן קיין שאָטן אויף דעם גאַנצן וועד און אָפּשוואַכן ביי די פירנדיקע געשטאַלטן פון דער ייִדישער אויטאָנאָמיע אין פוילן זייערע גרויסע היסטאָרישע פאַרדינסטן.

און לאָמיר זיך באַנוצן כאָטש מיט איין אַרגומענט. מיר, וואָס האָבן געלעבט אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות און זענען אַליין געווען עדות פון דער ברויזנדיקער שעפערישער ענערגיע פון פוילישן ייִדנטום אין יענעם פּעריאָד, פון זיין פּאָליטישער רייפקייט, פון זיין ווונדערלעך אַנטוויקלטן באַוווסטזיין פון געזעלשאַפטלעכער און מאָראַלישער אַחריות, געדענקען דאָך גלייכצייטיק, אַז אויך אין יענעם געוואַלטיק פּאָזיטיוון פּעריאָד אין ייִדישן לעבן האָבן נישט געפעלט קיין מוכיחים — און געוויס האָבן זיי זיך אָנגעשפּאַרט אויף אמתע פאַקטן — וואָס האָבן געטייטלט מיטן פינגער אויף די און יענע נעגאַטיווע און אומהיימ־לעכע דערשיינונגען. מיר געדענקען, צום ביישפּיל, די פּובליציסטישע אַרטיקלען פון אַ הלל צייטלין, זיין וואָכנטלעכע מוסר־אויסגאַבע „דער בליץ״, וואָס איז דערשינען אין די צוואַנציקער יאָרן, און וואָס זענען מיט זייער לשון און טאָן אין גאַנצן געווען ענלעך צו דער שפּראַך און סטיל פון די שטראָפער און מוסר־זאָגער פון דער תּקופה פון וועד אַרבע ארצות. און דאָך ווייסן מיר, אַז אויב אַפילו הלל צייטלין און די אַנדערע, וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער קול קעגן דער פאַרדאָרבנקייט און געפאַלנקייט פון זייערע בני דור, זענען געווען גערעכט

אין זייער אויפרעגונג און צאָרן, איז דאָך דאָס ווייט נישט געווען דער גאַנצער אמת, און צו מאָל נישט דער האַלבער אמת.

מיר קענען זיך דעריבער דערלויבן צו באַשטימען מיט דער פולער אָביעק־טיווקייט, אַז דער וועד אַרבע ארצות, וואָס האָט אין משך פון קאַרגע צוויי הונדערט יאָר אָנגעפירט מיטן יידישן קיבוץ אין פוילן, שטייט איינציק און אַליין אין אונדזער גלות־געשיכטע מיט זיין פעסטער קהילות־אָרגאַניזאַציע, מיט זיין פאַרצווייגטער רעליגיעזער און סאָציאַלער טעטיקייט, מיט זיינע ברייטע גייסטיקע האָריזאָנטן, מיט זיין כלל ישׂראל דינאַמיק, און מיט זיין אַנטשלאָסנקייט אויפצוהאַלטן דיסציפּלין אין דער יידישער עדה. אויך נאָך דעם אונטערגאַנג, איז די השפּעה פון דער דאָזיקער אינדזל פון יידישער אויטאָנאָמיע אין דער פּוילישער מלוכה געווען קענטיק אין געראַנגל פון מזרח־אייראָפּעיִשע יידן, און מען קען זאָגן פון יידישן פאָלק בכלל, פאַר אַ ווירדיקן קיום און פאַר די רעכט אויפצוהאַלטן אַפילו אין אַ פיינטלעכער אַטמאָספער סדר און אייגענעם לעבנס־שטייגער. אויך אונטער דער אַכזריותדיקער און פאַרניכטנדיקער נאַצי־אָקופּאַציע איז אין דער גייסטיקער גבורה, מיט וועלכער יידן האָבן אויפגעהיטן זייערע סאָציאַלע און דערציִערישע אינסטיטוציעס און אין העראָישן ווידערשטאַנד, וואָס זיי האָבן געשטעלט אין די געטאָס און אין די וועלדער, געווען די אינספּיראַציע, וואָס דער וועד אַרבע ארצות האָט אַריינגעהויכט אין דער יידישער געשיכטע. און די דאָזיקע אינספּיראַציע הייבט זיך אַרויס אויך אין אויפקום פון מדינת ישׂראל.

סאָציאַלע קריטיק ביים פוילישן ייִדנטום

ווען האָט זיך אָנגעהויבן די סאָציאַלע קריטיק ביי ייִדן? זי איז אַנטשטאַנען מיטן בראשית פון אונדזער פאָלק. שוין, ווען מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין אונדזער געשיכטע, האָט מען גענומען ביי אונדז אָנווייזן אויף די עוולות, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אויך אין אונדזער מחנה פון מענטש אַנטקעגן מענטש. סאָציאַלע קריטיק איז אַלט, אַזוי אַלט ווי עס איז ייִדישקייט. נישט געווען קיין מער אַנטשלאָסענע און ליידנשאַפטלעכע סאָציאַלע קריטיקערס ווי די נביאים. פון ערשטן ביזן לעצטן, פון משה ביז מלאכי, האָבן זיי געשליידערט זייער שאַרפן פּראָטעסט קעגן דערשיינונגען, וואָס האָבן זיך פאַר זיי אויסגעוויזן צו שטיין אין סתירה צו די פּרינציפּן פון רעכט און יושר און קעגן די פאַרשוינען וואָס האָבן זיי אויסגעזען צו זיין בלינד און טויב צו די ליידן פון אָרעמען און עלנטן מענטש.

ישעיה האָט שוין אין ערשטן פּרק פון זיין ספר אָנגעצייכנט מיט צער און צאָרן דאָס אויפשוידערנדיקע בילד פון דער געפאַלנקייט פון זיינע בני דור. ער האָט זיי פאַרגליכן צו די איינוווינער פון די אַמאָליקע שטעט פון רויב: סדום און עמורה, וואָס אויף זיי איז געפאַלן די שטראָף פון גאָט. אַפילו דער לירישער און צאַרטער ירמיהו האָט אין זיין פּראָטעסט קעגן סאָציאַלן אומרעכט זיך באַנוצט מיט אַ שאַרפער און בייסיקער שפּראַך, דער וויזיאָנער פון אויפבוי און נאַציאָנאַלער אויפלעבונג יחזקאל האָט אָפן אָנגערופן די, וואָס פאַרבלייבן גלייכגילטיק צום פּיין פון די אונטערדריקטע געקריוודעטע, וועלף, פאַרצוקנדיקע, בייזע וועלף. עמוס האָט נישט געקאַרגט קיין ווערטער כּדי צו באַווייזן דעם שרייענדיקן קעגנזאַץ צווישן די וואָס לעבן אין ווילטאָג און די, וואָס האָבן צו מאָל נישט קיין ברויט צו שטילן זייער הונגער. נאַטירלעך, אַז זיין אומברחמנותדיקע קריטיק האָט געגרילצט אין אויער פון די מאַכטהאָבער און גייציקע. אָבער די דראָונגען האָבן נישט געקענט אָוועקנעמען ביי די סאָציאַלע קריטיקערס זייער מוט און אַנטשלאָסנקייט. אויך דער פילאָסאָפישער טאָן אין וועלכן עס איז געשריבן דער ספר „קהלת" האָט אָנגענומען אַן עמאָציאָנעלן אויסדרוק, ווען עס איז אויסגעקומען צו באַרירן די נויט פון די באַרויבטע. ער קען נישט, זאָגט ער, צוקוקן זיך רויִק צו זייערע טרערן.

אַפילו דער תּלמוד, וואָס האָט אין זיין אַגדה־טייל זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע צו גלעטן דאָס יידישע געמיט, האָט דאָך נישט געוואָלט אויסמיידן די אַנגעווייטיקטע סאָציאַלע פּראָבלעמען, וואָס האָבן זיך אַרויסגערוקט. אויף זייער אייגנטימלעכן אופן, און אין דער פאָרם פון קורצע שניידיקע אַפאָריזמען, האָבן די חכמי התּלמוד אויסגעטייטשט דראַמאַטישע געשיכטלעכע פּאַסירונגען אין ליכט פון דער סאָציאַלערווירקלעכקייט.

ווילסט וויסן, פאַר וואָס ירושלים איז חרוב געוואָרן? קום און האָרך זיך איין צו דער שטימע פון איר מאַיעסטעט, די געשיכטע: צוליב שׂנאת חינם איז געקומען דער חורבן. מען קען פאַקטיש נאָך מער אויסברייטערן די אינטער־פּרעטאַציע. מען איז נישט געווען געגוג מענטשלעך אין דער הייליקער שטאָט ירושלים. מען האָט נישט איינגעשטעלט די קעגנזייטיקע באַציִונגען אויפן יסוד פון לפנים משורת הדין. און די פאַרמעגלעכע האָבן נישט אַרויסגעוויזן פאַר־שטענדעניש און האַרץ, פאַר די וואָס זענען פאַרקלעמט געוואָרן אין פּיין. ניין, נישט לייכט איז אָנגעקומען די חכמי התּלמוד אין זייער שטרעבן אויפצוהייבן דאָס יידישע געמיט אונטערצושטרייכן, אַז נאָך שטאַרקער ווי אין נאָרמאַלע צייטן מוז קעגנזייטיקע הילף זיך אָנזען אין איר גאַנצער אַקטיווקייט אין צייטן פון אומגליק און קאַטאַסטראָפע.

דאָס יידישע מזרח־אייראָפּע איז, דאַכט זיך, געבוירן געוואָרן אונטערן צייכן פון סאָציאַלער קריטיק. אין די ווייטע יאָרהונדערטער פון אויפגאַנג פון פּוילישן יידנטום איז גלייך רייף געוואָרן די אַנטשלאָסנקייט צו טייטלען מיטן פינגער אויף עוולות ווען זיי ווערן אָפּגעטאָן, און דער פעסטער באַשלוס זיי אויסצו־רייסן מיטן וואָרצל. די איינוואַנדערער האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ספר, וואָס האָט זיי באַהויכט מיט דער אידעע, אַז אויסבעסערן מידות איז אַ יידישע זאַך, אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט און פון דער קעגנוואַרט; דעם ספר חסידים, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין אַשכּנז, אין די קהילות, וואָס האָבן דעם דאָזיקן ספר באַטראַכט ווי אַ לייטער, אויף וועלכן מען קען קלעטערן באַרג אַרויף. די גאַנצע געשיכטע פון פּוילישן יידנטום איז אַן אימפּאָנירנדיקער דרייסטער פאַר־מעסט צו טאַדלען די אומגערעכטיקייט און די אומגערעכטע. נישט בלויז די שרייבערס פון דער תּקופה פון דער השׂכּלה האָבן געשלידערט פיילן קעגן דעם מאַנגל אין אינטערעס פאַרן גורל פון די באַוואָלטע. נישט בלויז יצחק ערטער צי יצחק בער לעווינזאָן האָבן זיך איינגעשפּאַנט אין דער אויפגאַבע פון אויפוועקן וואַכזאַמען סאָציאַלן אינטערעס. אַזאַ אויפריכטיק פרום מוסר־ספר ווי דער „קב הישר" פון צבי הירש קיידאַנאָווער בלייבט נישט הינטערשטעליק. וועגן וואָס איז נישט די רייד אין „קב הישר"? דאָרט רעדט זיך מכּוח די קהילה־פירער, וואָס טוען זיך אָן גרויסע פאַרגעניגנס און דרייען זיך אַרויס פון צאָלן שטייערן בעת זיי וואַרפן אַרויף אויף אַנדערע די שווערע משׂא. דאָרט רעדט זיך

וועגן די רעדל־פֿירער, וואָס ווערן דורכן מחבר באַצייכנט ווי „בעלי קרנים" און „בעלי זרוע", די פֿאַרשווינען מיט הערנער און ברוטאַלער קראַפֿט. דאָרט רעדט זיך וועגן קהלס נשׂיאים, וואָס אונטערדריקן די ברייטע שיכטן פֿון פֿאָלק און זויגן דאָס בלוט און דעם מאַרך פֿון אָרעמען המון. אַפֿילו אויף זייער פּיזישן אויסזען שטעלט זיך אָפּ דער מחבר פֿון ווילנע, צבֿי הירש קיידאַנאָווער. זייערע פּנימער, זאָגט ער, זענען פֿעט און געזונט, ווייל זיי טוען זיך אָן אַלע ווילטאָגן, וואָס זייער האַרץ גלוסט. יענעמס ליידן באַרירן זיי נישט און גאָטס עדה, די קינדער פֿון אַבֿרהם יצחק ויעקבֿ, זענען פֿאַרשטויסן און דערנידעריקט. זיי זענען אָרעם, באָרוועס און נאַקעט, מחמת דעם וואָס זיי ווערן באַרויבט דורך די אַגענטן און באַדינערס פֿון קהל. יענע כאַפּן און ראַבעווען, וואָס זיי געפֿינען, און די אָרעמע מענטשן בלייבן נאַקעט און באָרוועס... מער־ווייניקער די זעלבע אויפֿטרייסלענ־דיקע שילדערונג וואָרפֿט אָן רבי יהודה מרגליות. אַ טייל ייִדישע מנהיגים, דער־ציילט ער, טראַכטן נאָר וועגן זייערע אייגענע אינטערעסן. „מיט זייערע שאַרפֿע ציינער טוען זיי פֿרעסן די אָרעמעלייט, אויף קיינעם טוען זיי זיך נישט דער־באַרעמען".

זאָל צוגעגעבן ווערן, אַז אויך אַזאַ באַוועגונג ווי חסידות, וואָס איר כּוונה איז געווען צו ברענגען צו ייִדן דאָס וואָרט פֿון טרייסט און דערמונטערונג און וואָס איז אין איר תּוך געווען דער אויסדרוק פֿון דער בפּירושער שטרעבונג מלמד זכות צו זיין אויפֿן יחיד און אויפֿן כּלל, האָט דאָך נישט אויסגעמיטן דעם בייסיקן טאָן פֿון סאָציאַלער קריטיק. דער רבֿ פֿון פּאָלאָנאָי, רבי יעקבֿ יוסף, אַ תּלמיד פֿון רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ, האָט אין זיין ספֿר „תּולדות יעקבֿ יוסף" אויפֿ־געדעקט די אַספּעקטן פֿון ייִדישן לעבן אין זיין צייט, וואָס זענען דורך אים באַטראַכט געוואָרן ווי נישט פּאַסיקע פֿאַר דער הייליקער עדה. דאָס ספֿר פֿון דעם רבֿ פֿון פּאָלאָנאָי איז אַ ספֿר וואָס גרייפֿט אָן, וואָס באַשולדיקט. דווקא חסידות האָט באַרייכערט די ליטעראַטור פֿון סאָציאַלער קריטיק ביי ייִדן מיט אַ חיבור, וואָס האָט קוים צו זיך אַ גלייכן צוליב זיין שאַרפֿקייט און בייסיקייט.

די דאָזיקע טענדענץ נישט צו פֿאַרבאַהאַלטן קיין שום דערשיינונג פֿון געזעל־שאַפֿטלעכן לעבן, אויב זי קומט אויס צו זיין נעגאַטיוו, האָט אָנגעהאַלטן צווישן פּוילישן ייִדנטום ביז צו דער טראַגישער תּקופֿה, וואָס האָט אָנגערוקט מיטן נאַצי־חורבן. די סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן און אַנטוויקלט אַ דינאַמישע טעטיקייט אין די שטעט און שטעטלעך, זענען געווען אַ פּראָדוקט פֿון אויפֿברויז אויסצובעסערן דעם מצבֿ פֿון די דערשלאָגענע און באַליידיקטע. די מאָדערנע ייִדישע ליטעראַטור האָט זינט איר באַגינען זיך געשטעלט דעם ציל צו באַשיצן די, וואָס האָבן געגאַרט אַז עמעץ זאָל זיך פֿאַר זיי אָננעמען. אָנהויבנ־דיק מיט אליקום צונזער האָט די ייִדישע ליטעראַטור באַטראַכט פֿאַר איר אויפֿ־גאַבע אַריינצודרינגען אין יענע ערטער, ווו עס איז אויפֿגעגאַנגען די אומצו־

פרידנקייט מיט די הערשנדיקע פאַרהעלטענישן. שלום עליכם אויף זיין שטייגער און י. ל. פרץ אויף זיין שטייגער האָבן אויפן יידישן באָדן אין מזרח־אייראָפּע געבערענגט דעם יידישן לייענער דערמונטערונג אויפן דאָרניקן וועג אַריינצופירן האָרץ אויך דאָרט, ווו האָרץ איז געווען פאַרשטייפט און אויסגעטרוקנט. יעקב דינעזאָן איז ביים אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט געווען אפשר דער צום מערסטן פאָפּולערער צווישן די מאַסן, וואָס האָבן געפילט, אַז נישט גענוג ווערט געזאָרגט בכדי צו פאַרבעסערן זייער גורל. „יאָסעלע״ צי „הערשעלע״ האָבן דער־לויבט צו וואַרפן אַ בליק אין דער סיטואַציע פון די, וואָס האָבן אין זייער עלנט דאָך נישט אויפגעהערט בענקען נאָך בעסערע טעג און צו גלויבן, אַז מער פאַר־שטענדניש וועט זיך איינשטעלן אין דער באַציִונג צום באַליידיקטן יתום און אויף הפקר איבערגעלאָזענעם ישיבה־בחור. און אין דעם אומגעווײנלעכן דער־פאָלג וואָס „דער דיבוק״ פון ש. אַנסקי האָט געהאַט אין דער יידישער גאַס אין דער תקופה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות איז זיכער געווען דער סאָציאַלער מאָטיוו, וואָס האָט אַרויסגעשריגן פונעם פאַקט, וואָס דער גביר סענדער האָט געבראָכן זיין וואָרט לגבי דעם אָרעמען אויסגעצערטן חנן. קעגן מענדעלע מוכר ספרים הערן זיך טענות, אַז ער האָט פאַרגעשטעלט יידן אין אַ קרומען שפּיגל. אָבער ער איז געווען אַ סאָציאַלער קריטיקער.

די יידישע פּובליציסטיק אין ערב חורבן־פּוילן האָט בלי ספק געאָטעמט מיטן אויפבראיז, וואָס האָט זיך געשפּירט אין אַ מאַסע, וואָס האָט אפשר צו פיל באַשולדיקט אין איר אומהיימלעכן מצב די יידישע פּלוטאָקראַטיע און די יידישע תקיפים, הגם די פאַראַנטוואָרטלעכע זענען אין אַ פיל גרעסערער מאָס געווען די שונאים פון דער פרעמד און די מלוכה־אָרגאַנען, וועלכע האָבן זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו דער יידישער אָרעמקייט. אינטערעסאַנט איז, אַז די פּראָגרעסיווע פּוילישע שרייבער האָבן גראָד יאָ אָנגעוויזן אין זייערע ווערק, אַז דאָס זענען אויסערלעכע פאַקטאָרן, דאָס הייסט די גלייכגילטיקייט פון דער פּוילישער גאַס, שולדיק אין דער נויט פון די יידישע מאַסן. דאָס האָבן געטאָן אַזעלכע שרייבער ווי פּרוס און זשעראָמסקי. אין דער איינדרוקספולער דערציילונג פון זשעראָמסקי, „ערב פּרילינג״, געשריבן אין די צוואַנציקער יאָרן, איז אָנגעוואָרפן געוואָרן דאָס שוידערלעכע בילד פון אַ רעגירונג, וואָס פּרוווט נישט וואַרפן אַ הומאַני־טאַרן בליק אויף די גאַנסן פון דער יידישער נויט. אָבער די יידישע פּובלי־ציסטיק האָט זיך נישט באַגרענעצט צום טאַדלען דעם אַנטיסעמיטישן קורס פון מלכות. זי האָט געוואָרפן איר תוכחה קעגן יענע, וואָס האָבן אויך אין דער יידישער מחנה אָנגעהאַלטן זייער עגאָיִזם און באין אופן נישט מסכּים געווען אויפצוּוועקן זייער געוויסן. הלל צייטלין פאַרנעמט מעגלעך דעם אויבן אָן צווישן יענע סאָציאַלע מוכיחים, וואָס האָבן זייער פעדער פאַרוואַנדלט אין אַן אינסטרו־מענט פון קאַמף. אָבער ער איז ווייט נישט געווען דער איינציקער.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דער פּעליעטאָן, דער זשאַנער, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פאַר דער יידישער פּרעסע אין דעם ערבֿ־חורבן־פּעריאָד, און וועלכער איז באַאיינפלוסט געוואָרן אין זיין פאָרם פון דער אַלגעמיינער פּרעסע, האָט דאָך אין דער יידישער צייטונג זיך אויסגעצייכנט מיט זיין סאַטירישן און קעמפערישן טאָן. אין דער נישט־יידישער פּרעסע איז ער פאַרבליבן געמיטלעך. אין דער העברעיִשער אָדער יידישער צייטונג איז ער געווען שאַרף, שניידיק, און על פּי רובֿ האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם שטיבֿ, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער יידישער נשמה. ב. יאָושזאָן, מער באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים איטשעלע, האָט אָפּט מאָל אויפגעעפנט די וווּנדן פון היימישן יידישן לעבן און אין פאַרמעסט אויסצוּוואַרצלען עוולות איז נישט געשאַנעוועט געוואָרן קיינער. ברוך שעפּנער, הגם ער איז געשטאַנען אידעאָלאָגיש אין אַ קעגנגעזעצטן לאַגער, האָט נישט איין מאָל אין דער טעמאַטיק זיך געאייניקט מיטן פּעליעטאָניסט פון דער יידישער בירגערלעכער פּרעסע, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט אין סאָציאַלן פּראָטעסט. אויך אין פּעליעטאָן, וואָס איז געשריבן געוואָרן דורך וועלוועלע ליפּסקער, באַקאַנט אונטער זיין פּסעוודאָנים „למד וואָוו", אין דער אָרטאָדאָקסישער צייטונג, האָבן זיך אַרויסגעהויבן גאַנץ אָפּט געוואָגטע סאָציאַלע מאָטיוון. דער פּעליעטאָן שפּיגלט אָפּ דעם אומרו און פיבער פון אַ קיבוץ, וואָס האָט אויף קיין שום אופן נישט געוואָלט שלום מאַכן מיט אומרעכט און עוולות. דער פּעליעטאָן האָט אויפגעדעקט דערשיינונגען, וואָס דער און יענער האָבן געפּרוּווט פאַרבאַהאַלטן. אפשר קיין שום אַפאָריזם דריקט נישט אויס אַזוי שטאַרק דעם כאַראַקטער פון פּעליעטאָן אין דער ערבֿ חורבן־תּקופֿה אין דער יידישער פּרעסע אין פּוילן, ווי די חריפֿותדיקע באַמערקונג וואָס דער רבי פון קאָצק, רבי מענדעלע, האָט צוגעגעבן צום פּסוק פון קוהלת: „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב" — אַ סך וויסן פאַרשאַפט ווייטיק:

— טאָ איז וואָס, ווי טאָן זאָל, אָבער וויסן זאָל מען...

אָבער אין איצטיקן פאַל גייט אונדז אָן די סאָציאַלע קריטיק, וואָס עס האָט אויסגעמאָסטן קעגן זיינע בני דור רבי שלמה אפרים פון לענטשיץ (רבי שלמה אפרים איש לונטשיץ). ער איז מער באַוווּסט לויט דעם נאָמען פון זיין פּירוש אויף דער תּורה „כלי יקר".

לאָמיר פאַרצייכענען איניקע פּרטים פון זיין לעבן. אַן אָנגעזעענער רבֿ, אָנערקענט ווי אַ גאון, און שטאַרק טאַלאַנטירטער בעל־דרשן, דערמאָנט ער דעם וואַנדערנדיקן אינטעלעקטואַל פון שפּאַנישן יידנטום, רבי אַברהם אבן עזרא, וועלכער האָט געלעבט עטלעכע הונדערט יאָר פאַר אים. דער מגיד פון לענטשיץ האָט טאַקע נישט פאַרמאָגט די אוניווערסאַלע בילדונג, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פאַר רבי אַברהם אבן עזרא. ער האָט אויך נישט פאַרמאָגט זיין אומגע־

ווײַנלעכע פֿעיִקייט צו פֿאַרוואַנדלען זײַנע געשניצטע ווערטער אין גראַציעזע עפּיגראַמען. אָבער דער אומרו איז פֿאַר ביידן פֿאַרבליבן כאַראַקטעריסטיש. דער אומרו צו וואַנדערן, דער אומרו צו קריטיק, די שעפֿערישע אומצופֿרידנקייט, וואָס איז אויסגעדריקט אין יענעם פּאָפּולערן עפּיגראַם פֿון דיכטער פֿון ספֿרד, געווענדט קעגן די גבֿירים, וואָס שאַצן נישט אָפּ די פּרוכטן פֿון גייסט און די מענטשן פֿון גייסט.

רבי שלמה אפֿרים פֿון לענטשיץ האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זעכצנטן יאָרהונדערט, אין דעם יאָרהונדערט פֿון אויפֿגאַנג פֿון ייִדישן קיבוץ אין פּוילן ווי אַ דינאַמישער כּוח אין דער ייִדישער וועלט. דאָס איז געווען דער יאָרהונדערט פֿון פּאָליטישן, סאָציאַלן, עקאָנאָמישן אויפֿבלי פֿאַר די פּוילישע ייִדן. דער רבי שלמה אפֿרים האָט געלערנט אין יאַראָסלאַוו און לובלין. רבי שלמה לוריא, באַקאַנט ווי דער רש״ל, דער ראש־ישיבֿה אין לובלין, איז געווען פֿול מיט באַוווּנדערונג פֿאַרן גרעאַטעגעם תּלמיד, דער מתמיד און חריף פֿון לענטשיץ. ער איז שפּעטער געוואָרן ראש־ישיבֿה אין לעמבערג און האָט אויך פֿאַרנומען דעם כּסא־רבנות אין אַנדערע ערטער. אין זײַנע לעצטע יאָרן איז ער געווען רבֿ און ראש־ישיבֿה אין פּראָג. אָבער געיאָגט פֿון אינערלעכן פֿיבער, האָט ער געוואַנדערט פֿון איין ייִדישן צענטער צום צווייטן. ער האָט ליב געהאַט צו האַלטן דרשות. ער האָט זיך אויסגעלעבט אין דער דרשה ווײַל ער האָט געגלויבט, אַז דער דירעקטער קאָנטאַקט מיטן עולם איז אומבאַדינגט נויטיק פֿאַרן גייסטיקן מנהיג. ער האָט געשריבן אַ סך ספֿרים. זײַן פּירוש צו דער תּורה „כּלי יקר״ איז גלײַך נאָך זײַן דערשײַנען אויפֿגענומען געוואָרן מיט אָנערקענונג אין די רעליגיעזע קרײַזן. אָבער שרײַבן ספֿרים איז געווען פֿאַר אים ווייניק. ער האָט געהאַלטן דרשות. און טאַקע די דרשות, וואָס ער האָט דערנאָך אַרויסגעגעבן אין דרוק, צוזאַמען מיט אַזוי פֿיל אַנדערע שטעלעס אין זײַנע ספֿרים, באַווײַזן, וואָסער מוטיקער סאָציאַלער קריטיקער דער דאָזיקער וואַנדערנדיקער גאונישער מגיד איז געווען. נישט בלויז אין די בתּי־מדרשים האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן שטימע פֿון פּראָטעסט. פֿאַר די מנהיגים פֿון וועד אַרבע ארצות, פֿונעם העכסטן קהילות־ראַט אין יענער תּקופֿה אין דער פּוילישער מלוכה, אויף די יאַרידן, וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין לובלין, האָט דער אומדערשראָקענער בעל־דרשן געשילדערט די בילדער, וואָס האָבן געקענט אַרויסרופֿן אַ געפֿיל פֿון ברענענדיקער חרפּה ביי די אָנערקענטע מנהיגים. וואָרום, דאָס טאַקע האָט ער געשטרעבט צו דערגרייכן: אויפֿוועקן דאָס געוויסן. פּשט, דרוש און מוסר האָבן זיך צונויפֿגעוועבט אין זײַן וואָרט. ער האָט אָנגערופֿן די זאַכן ביים נאָמען. אין זײַנע שניידיקע אַרויסטריטן זענען נישט אויסגעמיטן געוואָרן די מיוחסים, ווער זיי זאָלן נישט זײַן, רבנים, נגידים. לויט אים איז די ייִדישע געזעלשאַפֿט אין זײַן צײַט געזונקען אין תּהום פֿון געפֿאַלנקייט. מען יאָגט זיך נאָך געלט און

כּבוד, און מען זאָרגט נישט פאַר תּיקון הנפש און תּיקון המידות, פאַר אַריינפירן אַ ביסל איידלקייט און מענטשלעכקייט אין ייִדישן לעבן. אַפילו ווען מען לערנט תּורה, לערנט מען נישט לשמה. דער פּילפּול, דער מעטאָד פון פרעגן קשיות און שאַרפן דעם מוח, האָט אין דעם בעל־דרשן פון לענטשיץ געהאַט זיין שאַרפן קעגנער.

אין דער הקדמה צו זיין ספר „עמודי שש" שרייבט רבי שלמה אפרים: „אַזאַ איז געווען מיין דרך; רעדן קעגן די חשובע רבנים און מנהיגים, איך קען זיך נישט באַהערשן. איך האָב גורם געווען, אַז אַ סך האָבן מיך גערודפט..." אָבער אין דאָזיקן ספר „עמודי שש" געפינען זיך נאָך מער בייסיקע שורות. „די פירער, זאָגט דער מחבר, גלוסטן נאָך געלט, אַפילו ווען זיי ווערן אַלט, ווירקט אין זיי דער חשק צו רויבן. די מערהייט עשירים זאָגן צו מאָל נישט אויס צוליב קמצנות, ווי גרויס עס איז זייער פאַרמעגן. זיי האָבן מורא, טאָמער וועט מען בעטן ביי זיי אַ נדבה"...

אין דער הקדמה פון זיין פּירוש „כּלי יקר" פלעכט זיך די קריטיק צונויף מיטן טעקסט פון חומש. זי באַרעכטיקט משמעות פאַר וואָס דער פּירוש גופא לאָזט זיך אָפּט מאָל אַוועק אין דיגרעסיעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַקטועלער ווירקלעכקייט פון ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. מיר לייענען דאָרט: „ווער קוקט זיך נישט צו צו די זאַכן, וואָס קומען פאָר? אונדזערע ייִדן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם געטלעכן יאָך. זיי איז ניחא די הפקרות. זיי פאַרמאָגן פּוסטע אַמביציעס. יעדער איינער וויל ווערן רייך. וואָס פאַר אַ פאַרדרייטער, איבערגעקערטער דור דאָס איז! זיי זענען צעטיילט אין כּיתּות און חבורות. פאַר אַ טייל איז וויכטיקער געלט, פאַר אַ טייל כּבוד. מענטשן, וואָס זאָלן ליב האָבן דעם אמת, זענען פאַראַן גאָר ווייניק... איך קען מער נישט פאַרטראָגן דעם מצב. די שאַנדע ברענט מיך ווי פייער. ווי לאַנג נאָך וועט איר אָפּטאָן עוולות און פאַרוואַנדלען ליכט אין פינצטערניש? צי איז שוין אַ מאָל געווען אַזאַ צייט? געמיינקייטן ווערן אָפּגעטאָן. עס טוט וויי, וואָס מען זעט נישט, ווי אַזוי דער מצב קען פאַרבעסערט ווערן"...

אין אויבן דערמאָנטן ספר „עמודי שש" גיט ער צו, אַז „ביי די ווילן־לערנערס פון אונדזער דור איז די מידה פון עניוות כּלל נישט בנמצא. נישטאָ אין דער גאַנצער וועלט אַזעלכע בעלי גאווה. יעדער איינער איז מבזה דעם צווייטן. יעדער איינער רעדט אויס שלעכטס אויפן אַנדערן"... „די פּרנסים און מנהיגים ווילן רק געוועלטיקן... די גבירים רעכענען, אַז דערפאַר וויל זיי האָבן געמאַכט געלט, פאַרמאָגן זיי אויך תּורה און חכמה"...

סאָציאַלע קריטיק האָט זיך בכן אָנגעהויבן צוזאַמען מיט דער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום. ווען מען פילט, אַז דער בעל־דרשן פון לענטשיץ האָט בלי ספק זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שטורמישן טעמפּעראַמענט, איז מען בפירוש גענויגט אָנצונעמען, אַז רבי שלמה אפרים האָט אַ שפּאַר ביסל איבערגעטריבן און פאַראַלגעמיינערט די פאַקטן. און אַז ער איז נישט אַלע מאָל געווען גערעכט באַוויזט דער דאָזיקער פאַל.

די מנהיגים, וואָס קעגן זיי האָט ער געשליידערט זיין שניידיקע קריטיק, די מנהיגים פון קהילות־ראַט „וועד אַרבע ארצות", האָבן פינאַנסירט און אַרויסגעגעבן זיין ספר „כלי יקר", וואָס איז דאָך פול מיט אָנפאַלן טאַקע קעגן זיי.

אַזוי דערציילט דער מגיד פון לענטשיץ אין זיין הקדמה צום ספר:

„מנהיגי שלוש אַרצות היושבים ראשונה במלכות מכוחם החזיקו בידי ומכיסם סייעו למלאכת הדפוס"...

דאָס הייסט, אַז די קהילות־פירער האָבן אים מיט זייער אייגן געלט געהאָלפן אָפּצודרוקן זיין חיבור.

אַזאַ איז געווען דאָס פּוילישע ייִדנטום: סאָציאַלע קריטיק איז אויפגענומען געוואָרן ווי אַ וויכטיקער און פּאָזיטיווער באַשטאַנדטייל פון דער ייִדישער געזעל־שאַפט. דער סאָציאַלער קריטיקער, און אַפילו ווי שאַרף ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט צוליב זיין בייסיקער פעדער אָדער שניידיקער צונג, נישט פאַרלוירן זיין ברויט. מען האָט געהאַלטן, אַז די מלחמה פאַר אמת און גערעכטיקייט איז דער יסוד פון קיבוץ.

און דער דאָזיקער שטריך איז פאַרבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַרן אונטערגע־גאַנגענעם ייִדישן קיבוץ אין משך פון אַלע יאָרהונדערטער פון זיין עקזיסטענץ.

דאָס איז געווען די סאָלידע טראַדיציע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן זינט די צייטן פון בעל־דרשן פון לענטשיץ ביז דעם מוסר־זאָגער און פעליעטאָניסט פון דער ייִדישער פּרעסע ערב דעם חורבן.

דאָס מזרח־אייראָפּעישע ייִדנטום
אין געראַנגל צווישן „איך“ און „דו“

א.

זינט דעם באַגינען פון אונדזער געשיכטע און זינט דעם אויפגאַנג פון דער ייִדישער מחשבה, איז דאָס פּראָבלעם פון „איך “ און „דו“ אַרויפגעשטיגן צום צענטער פון אונדזער אויפמערקזאַמקייט. מען האָט ביי אונדז באַין־אופן נישט מסכים געווען מבטל צו מאַכן דעם „איך“. דאָס אָפּגעבן חשיבות דעם אייגענעם „איך“ איז אַן עיקר אין ייִדישקייט. יעדער איינער טראָגט אין זיך דעם געטלעכן ניצוץ. יעדער יחיד איז אַ פולע וועלט. לויט דער לערע פון דער מיסטיק, וועלכע האָט געפונען איר אויסדרוק אין ספר הזוהר, האָט בכלל נישט עקזיסטירט קיין געשטאַלט אין באַשאַף, כל זמן עס האָט געפעלט דער אויסדערווײלטער צווישן די באַשעפענישן; דער מענטש. ערשט מיטן אויפקום פונעם מענטש, איז די געטלעכע צורה געוואָרן קענטיק אין דער וועלט. אַפילו אַזאַ באַשיידענער תנא ווי הלל — ממש די עניוות אַליין — האָט זיך אויסגעדריקט: אויב איך געפין זיך דאָ, געפינט זיך אַלץ דאָ; און אויב איך געפין זיך נישט דאָ, ווער איז דאָ פאַראַן? (אִם אני כאן הכול כאן, ואם איני כאן, מי כאן — סוכּה נ״ג). ס׳איז ריכטיק, אַז די פאַרשידנסטע פירושים זענען אַרויסגעוואַקסן אַרום אָט די איבער־ראַשנדיקע ווערטער פון הלל. סיי פאַר רש״י, סיי פאַר תוספות, זענען זיי אויס־געקומען מאָדנע. אָבער די כּלערליי פּרוּוון אויסצוטייטשן זייער באַטייט, קענען דאָך ביי זיי נישט אַוועקנעמען דעם פשט. און אויב דאָס איז געווען ווייניק האָט הלל צוגעגעבן נאָך אַ באַמערקונג: אִם אין אני לי, מי לי (אבות א׳, י״ד), ווערטער וואָס האָבן אַרויסגערופן אַ נייעם באַרג סברות און דערקלערונגען, וועלכע קאָנען פאָרט נישט צורויבן די פראַגע וואָס דרינגט אַרויס פון זיי, אַז אויב עמעצער פאַרנעמט זיך נישט מיט זיך אַליין, ווער אַנדערש וועט זיך מיט אים פאַרנעמען?

אין אַלע דורות האָט מען גאָרנישט פּרובירט פאַרדעקן ביי אונדז, אַז יעדער איינער איז צום נאָענטסטן צו זיך גופא (אָדם קרוב לעצמו, סנהדרין ט׳). איטלע־כער איינער איז ממש מחויב צו דענקען, אַז צוליב אים — און בפירוש פאַר

זיינעטוועגן — איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט (כל אחד ואחד חייב לומר בשבילי נברא העולם... סנהדרין ל״ז, א׳). יעדער איינער פאַרמאָגט דאָס רעכט זיך צו באַוועגן אין זיין אייגענער, אינערלעכער וועלט (כל אחד ואחד יש לו עולם בפני עצמו — קוהלת רבה י״ב). און אַפילו ווען עס האַנדלט זיך וועגן לעבן גופא, קומט דאָס אייגענע לעבן אויפן ערשטן פּלאַץ (חייך קודמים לחיי חברך — בבא מציעא ס״ב). דאָ ליגט טאַקע איינער פון די עיקר־חילוקים, וואָס האָט גלייך פון אָנהויב אָפּגעשטעלט אַ דיקע מויער צווישן אונדז און יענע ייִדן, וועלכע האָבן מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אויסגעבויט די קריסטלעכע סעקטע. אין תּלמוד ווערט דאָס דערציילט מיט דער גאַנצער גענויקייט: צוויי זענען געגאַנגען אין וועג און בלויז איינער האָט מיט זיך געטראָגן אַ קריגל וואַסער. אין פאַל, אויב ביידע וועלן טרינקען דאָס וואַסער, וועלן ביידע אויסגיין פון דורשט, וואָרום איין קריגל איז נישט געווען גענוג פאַר ביידן. אָבער אויב איינער וועט טרינקען פונעם וואַסער, וועט ער קענען איבערהאַלטן דעם וועג און דערגיין צו אַ ישוב. האָט בן פטורא געזאָגט: זאָלן ליבערשט ביידע טרינקען פון וואַסער און אויב ביידע וועלן אויסגיין פון דורשט, וועט כאָטש איינער נישט צוקוקן זיך צו דער אַנגסט פון צווייטן. אָבער רבי עקיבא האָט געזאָגט: וחי אחיך עמך. דיין אייגן לעבן קומט פריִער ווי דאָס לעבן פון מיטמענטש (בבא מציעא ס״ב). מיר ווייסן נישט געגעני ווער בן פטורא איז געווען. עס איז אָנצונעמען, אַז פון אים האָט אַרויסגערעדט די מיינונג וועלכע איז פאַרבליבן כאַראַקטעריסטיש פאַר דער דעמאָלט אויפגעקומענער קריסטלעכער סעקטע. רבי עקיבא האָט, בלי ספק, אויסגעדריקט דעם כּסדר־גילטיקן צוגאַנג פון ייִדנטום צו דעם קאָמפּליצירטן פּראָבלעם פון „איך" און „דו".

נאָך שאַרפער איז אויסגעוואַקסן אָט דער אינדיווידואַליסטישער צוגאַנג אין דער ייִדישער מחשבה, ווען עס איז אין ייִדישן לעבן און שאַפן בכלל געוואָרן אַ מאָדע אויף אינדיווידואַליזם. דאָס האָט פּאַסירט אין דער צייט, ווען עס האָט זיך פונאַנדערגעבליט דער ייִדישער קיבוץ אויף דער שפּאַנישער ערד. טיילווייז אונטער דער השפעה פון דער מוסולמענישער פילאָסאָפיע און דיכטונג, האָבן ייִדישע דענקער און פּאָעטן אונטערגעשטראָכן, אַז דער יחיד, זיין אינטערעסן־קרייז, זיינע פּריווילעגיעס, פאַרדינען באַטראַכט צו ווערן ווי וויכטיק און ערשט־ראַנגיק. אין די פאַרשידנסטע נוסחאות — און אָפט מאָל מיט באַפליגלטע מליצות — ווערט דער „איך" פאַרהערלעכט אין די פערזן פון שלמה אבן גבירול: איך בין דער האַר פון וואָרט, איך בין דער פּרינץ פון גייסט, איך, איך... דער עגאָ־מאָטיוו פאַרבלייבט כאַראַקטעריסטיש פאַר אָט דעם געניאַלן משורר פון ספרד. און מעגלעך נישט אין אַזאַ באַוועלטיקנדיקער פאָרם, אָבער נישט מיט ווייניקער אַנטשיידנקייט, קענט איר זיך אָנטרעפן מיט דער איבערצייגונג, אַז דער יחיד שטייט און פאַרדינט צו שטיין אין צענטער פון דער געזעלשאַפט; אַז פריִער

פּאַר אַלץ מוזן גענומען ווערן אין באַטראַכט די פאַרלאַנגען פון „איך״, אויך ביי אַנדערע רעפּרעזענטאַנטן פון דער גאָלדענער תּקופה פון ייִדישן שאַפן אין שפּאַניע. נישטאָ עמעצער וואָס איז חשובער פאַרן מענטש ווי ער אַליין (אין לאיש נכבד מנפשו), רופט אויס דער גרויסער פּיקח צווישן די חכמי ספרד, רבי אַברהם אבן עזרא.

אָבער לאָמיר נישט מאַכן קיין טעות. זייט ביי דייט מיט דער געוואַלטיקער חשיבות, וואָס ווערט אָפּגעגעבן דעם אייגענעם „איך״, שלאָגט זיך אויך אַדורך די טענדענץ אַרויסצוהייבן דעם „דו״. זינט דעם בראשית פון אונדזער געשיכטע, האָט מען אונדז געלערנט, אַז דער „דו״ פאַרמאָגט נישט ווייניקער ווערט, ווייני־קער באַדייטונג און פאַרדינט נישט ווייניקער אויפמערקזאַמקייט אין אונדזער האַרץ. צוזאַמען מיטן אָנווייז, וואָס מיר האָבן באַקומען צו היטן דאָס אייגענע לעבן און צו זאָרגן פאַרן אייגענעם וווילזיין, האָבן מיר אויך באַקומען דעם אָנזאָג צו היטן דאָס לעבן און צו זאָרגן פאַרן וווילזיין פון מיטמענטש; ליב האָב אים אַזוי ווי זיך אַליין (ואהבת לרעך כמוך — ויקרא י״ט, י״ח). דער זעלבער רבי עקיבא, וועלכער האָט באַשטימט, אַז דאָס אייגענע לעבן קומט אויפן ערשטן פּלאַץ, האָט אויך דערקלערט, אַז די ליבשאַפט צום מיטמענטש איז גאָר אַ וואָגיקער כּלל אין דער תּורה, וואָס איז אונדז געגעבן געוואָרן (ירושלמי נדרים ט׳, ה). אַ פּסוק אין חומש, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן זוכן ברידער, איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ ווענדונג בנוגע אונדזערע מיטמענטשן, וועלכע מיר דאַרפן באַטראַכטן און באַהאַנדלען ווי זיך אַליין (אֶת אחי אנכי מבקש — בראשית ל״ז, ט״ז). גאָר באַלערנדיק איז דער פאַל, וואָס איז איין מאָל פאָרגע־קומען ביי רבא, איינער פון די גרעסטע אמוראים אין דער תּלמוד־תּקופה. עס האָט ביי אים עמעצער געפרעגט: וואָס זאָל איך טאָן? דער מושל פון דער שטאָט ווו איך וווין, דראָט מיך צו טויטן, אויב איך וועל ווידערשפּעניקן זיין באַפעל און נישט דערהרגענען דעם מענטש, וועמען ער הייסט מיך אומברענגען. איך בין אין אַ שרעקלעכער פאַרלעגנהייט. איך ווייס נישט, ווי אַזוי צו האַנדלען, וואָס זאָל איך טאָן? רבא האָט אים אָפּגעענטפערט: ניין, דו טאָרסט נישט, פאַרן פּרייז פון אָפּראַטעווען דיין אייגן לעבן, אומברענגען אַ צווייטן מענטש. זאָל מען דיך דערהרגענען, אָבער דו טאָרסט נישט טויטן. צי איז דען דיין בלוט רויטער ווי דאָס בלוט פון מענטש וואָס מען באַפעלט דיך אים צו דערהרגענען? (מאי חזית דדמא דידך סומק טפי, דילמא דמא דההוא גברא סומק טפי... פסחים כ״ה).

אָדם, טראָגן דעם נאָמען אָדם — מענטש, וואָרפט אַרויף דעם חוב פון ברודערשאַפט, צונויפגעבונדנקייט. דאָס איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן ביי כּלערליי געלעגנהייטן. דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן כּדי ער זאָל זיך צונויפברודערן מיטן צווייטן (ברכות ו׳). דער זעלבער הלל, וועלכער האָט מיט דער פולער אָפנהאַרציקייט אַרויסגעבערענגט די חשיבות פון זיין אייגענעם „איך״, האָט אויך

דערקלערט, אַז דער „איך" איז ווערטלאָז און אָן באַטייט, אויב ער איז מטופל בלויז מיט זיך (וכשאני לעצמי מה אני — אבות א׳, י"ד). אין דער זעלבער ליטעראַטור, ווו עס זענען אויסגעוואַקסן אַזוי פיל אָנווייזונגען פון קאַטעגאָרישן אינדיווידואַליזם, זענען אויך אַריינגעדרונגען אָנדייטונגען און אַפילו בפירושע געבאָטן און געזעצן — פון אַ גאַנץ פאַרשידענעם כאַראַקטער. דאָ און דאָרט קענען מיר לערנען, אַז אין תּוך איז גאָרנישט בנמצא קיין יחיד. יעדער יחיד איז אַ גליד פון כּלל און ווי אַזעלכער דאַרף ער זיך באַטראַכטן. עס איז בכלל נישט שייך צו רעדן וועגן לעבן פון יחידישן מענטש. שוין דער דקדוק פון תּנ"כישן לשון זאָגט דערויף עדות. נישטאָ אין העבראיִש דער באַגריף „חיים", לעבן, אין מספר יחיד. דער קיום פון יחיד איז אַן אילוזיע; און דאָס איז נישט קיין צופאַל אין דער העבראיִשער גראַמאַטיק. דאָרט שפּאַרט זיך אַלץ אָן אויף טיפער מחשבה. אויך אין אַ משל ווערט דערויף אָנגעוויזן. ייִדן זענען געגליכן צו ניס, זאָגט אַ מאמר אין מדרש. גענוי אַזוי ווי די ניס, בעת דו רייסט אָפּ איינעם פון זיי, קוילערן זיך אַלע אַראָפּ, אַזוי זענען ייִדן. מען שלאָגט איינעם, און אַלע שפּירן דעם ווייטיק (שיר השירים רבה ו׳). ס׳איז בכן נישט מעגלעך צו רעדן וועגן דער עקזיסטענץ פון יחיד, און אַוודאי נישט ווען עס האַנדלט זיך וועגן זיין נאַציאָנאַלן קיום. רעד זיך נישט איין, אַז דו איינער וועסט זיך אָפּראַטעווען, בעת דער גאַנצער ציבור וועט שטיין אין סכנה. שיקט זיין שאַרפע וואָרענונג צו אסתּר המלכּה דער באַאומרויִקטער מרדכי (אַל תּדמי בנפשך להמלט בית המלך מכּל היהודים — מגילת אסתּר ד׳, י"ג). אַפילו ביי די אויסגעשפּראָכענע אינדיווידואַליסטן און עגאָצענטריקער פון דעם גאָלדענעם פּעריאָד פון ייִדישן שאַפן אין שפּאַניע וואַרפן זיך אַריין שורות, ווו עס איז גובר דער באַוווּסטזיין, אַז אין אָנטרעף מיטן „דו" איז דער „איך" מחויב זיך אָפּצורוקן אין אַ זייט. דער דיכטער משה אבן עזרא שטרענגט זיך אָן אונדז צו איבערציַיגן, אַז עס איז נישטאָ קיין מער עלנטער מענטש ווי דער, וואָס האָט ליב זיך אַליין (אין לך אדם גלמוד יותר ממי שיאהב את עצמו). שוין אָפּגעשמועסט דערפון, אַז ביי רבי יהודה הלוי, צי ביי רבי יוסף אַלבו שווימט כּסדר אַרויף די אָנצוהערעניש, אַז פאַרבלענדט זענען די, וואָס פּרובירן אַראָפּשטויסן דעם „דו" פון דער הויכער מדרגה, וואָס צו איר האָט ער אַרויפגעקלעטערט אין ייִדישקייט. נישט אין ווייטן אַמאָל, און נישט אין די שפּעטערדיקע צייטן, האָט עמעצער געקענט אַרויסרוקן אין דער דראַמע פון ייִדישקייט זיין „איך" אין פאָדערגרונט. אַפילו משה רבנו האָט דאָס נישט באַוויזן צו טאָן. און אויך זיין אויסרוף „שמע ישׂראל" איז לאו דווקא אַ יחידישע ווענדונג. שמע ישׂראל קען אויסגעטייטשט ווערן: זאַמל זיך צונויף, ישׂראל, באַהעפט זיך מיטן מיטמענטש. „שמע" קען אויך באַדייטן: צונויפזאַמלען (שמואל א׳, ט"ו, ד׳).

ווו איז בכן דער באַשייד, וואָס ייִדישקייט גיט צו דעם שאַרפן און שניידיקן

פּראָבלעם פון מענטש און מיטמענטש? וואָס שטאַרקער מען פּאַרטיפט זיך אין אַט דער סוגיא, אַלץ מער מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דאָס איז אַ דורות־דיקע פראַגע אין דער ייִדישער געשיכטע און ייִדישער מחשבה. קריסטנטום גיט אַן ענטפער. די פאַרגייער און נאָכפאָלגער פון ניטשע גיבן אַן ענטפער. אין ייִדנטום איז דאָס דער קאָמפּליצירטער פּראָבלעם פון מענטש און לעבן, וואָס איז ווי בכיוון איבערגעלאָזט געוואָרן ווי אַ שרייענדיקער פראַגע־צייכן, כּדי ער זאָל כּסדר מאָנען דאָס געוויסן. ייִדישע דענקער אין דער מאָדערנער צייט, וועלכע האָבן יאָ פּרובירט צו באַשטימען וואָסער תּשובה דורותדיקע ייִדישקייט גיט צו דער האַרבער פראַגע, האָבן טאַקע אויפגעשטעלט בנינים פון סברות; אָבער ווייט נישט אויף קיין פעסטן יסוד. משה מענדעלסאָן האָט, אין זיין אַנאַליז פון אָט דעם פּראָבלעם געוואָלט באַווייזן, אַז ייִדישקייט איז אין גאַנצן אַרייַנגעטאָן אין מיטמענטש און איז זיך מטפל מיטן כּלל. אָבער אויך ער האָט דאָך נישט געקענט פאַרהוילן, אַז ייִדישקייט איז די אמונה, וואָס צערטלט דעם יחיד און דערלאָזט אים נישט אָפּוואַרפן און נעגירן זיין „איך". משה העס האָט אַרויסגעהויבן דעם פאַקט, וואָס ייִדן שטעלן זיך נישט פאַרן באַשעפער מיט תּפילות און בקשות, וואָס באַציִען זיך צו זייערע פּריוואַטע געברויכן. אָבער ווען ער האָט געעפנט דעם ספר תּהילים, וואָס איז דער קוואַל פון אַלע אונדזערע תּפילות, האָט ער בפירוש זיך געקענט איבערצייגן, אַז דאָרט רעדט דער יחיד צו גאָט, פאַר וועמען ער וויקלט אויף די איבערלעבונגען און דערפאַרונגען פון זיין אייגענעם „איך" און פאַר וועמען ער דערציילט מיט אַלע פּרטים זיינע אייגענע, גרויסע און קליינע ליידן און פריידן.

אחד העם האָט זיך פאַרמאָסטן אַנצוצייכענען — דורך אַנשפּאַרן זיך אין לאָגישע אַרגומענטן — די גרענעץ, ביז וואַנען עס דערגייט אין ייִדישקייט די ליבשאַפט צו זיך אַליין און ווו עס הויבט זיך אָן די מסירת־נפש פאַרן „דו". אָבער געגנוי ווי אין אַנדערע פאַלן, האָט אויך אין אָט דעם פאַל אחד העם פאַרזען, אַז אין מענטשלעכע האַנדלונגען דעצידירט נישט דווקא די לאָגיק; אַז אין ים פון ברויזנדיקע סענטימענטן ווערט אָפט דערטרונקען די לאָגיק. פּשוט: מיר נישטערן נישט אין קאָדעקס פון געזעצן אין מאָמענטן פון אַנטשיידונגען, נאָר לאָזן זיך גאַנץ אָפט פירן פון די געפילן, וועלכע פאַרפּלייצן אונדז. און ייִדיש־קייט האָט דאָס גוט געוווּסט.

שמשון רפאל הירש האָט געמאַכט די דערקלערונג, אַז ייִדישקייט איז באַהויכט מיט דער שטרעבונג צו פאַראייניקן די באַגרענעצטע כּוחות פון יחיד מיט די אומבאַגרענעצטע כּוחות פון כּלל. אָבער נישט איין מאָל האָט דאָך פּאַסירט אין אונדזער געשיכטע, אַז באַגרענעצט זענען גראָד געווען די באַגערן און מעגלעכקייטן פון כּלל; און צום אין־סוף האָט זיך דווקא געריסן דער „איך". ייִדישקייט האָט געמונטערט דעם יחיד און אין אים אַריינגעגעבן קוראַזש זיך

צו שטעלן קעגן אַלץ און אַלעמען. מאַרטין בובער פאַרנעמט כּסדר אין ייִדישקייט דעם דיאַלאָג צווישן „איך" און „דו", אָבער צי קלינגט דען טאַקע אָפּ אין דיאַלאָג בלויז דאָס קול פון „דו"? טרעפט נישט אָפט, אַז דווקא דער „איך" דערשיינט ווי דער, וועלכער וואַרפט אָן זיין ווילן, זיין ריכטונג, זיין פּערזענ־לעכקייט?

אין דער ייִדישער השקפה איז דער וועלט־באַשאַף נאָך נישט פאַרענדיקט. אומפאַרענדיקט איז אויך דער מענטש. אין געדיכטן פלאָנטער זענען פאַרפלאָכטן די פּראָגעס, וועלכע עקבערן און מאַטערן זיין געמיט און געוויסן. מיר זענען נאָך אַלץ נישט געקומען צום סוף פסוק. און דאָס פּראָבלעם פון „איך" און „דו" וואַרט זינט יאָרטויזנטער אויף באַשייד.

ב.

מיט אַן אומגעוויינטלעך אימפּעטפולער דינאַמיק האָט דאָס פּראָבלעם פון „איך" און „דו" זיך אַריינגעריסן אין ייִדישן קיבוץ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויספאָרמירן מיט הונדערטער יאָרן צוריק אין מזרח־אייראָפּע. מען איז אַריבער־געקומען קיין מזרח־אייראָפּע מיטן פּולן באַגאַזש פון דורות. מען איז אַריבער־געקומען מיט די באַגריפן, וועלכע זענען אויסגעבויט געוואָרן אין תּנ"ך, אין תּלמוד, און מיטן אימפּאָנירנדיקן טורעם פון אידייען, וועלכע איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין די שפּעטערדיקע פּירושים און הגהות. מען האָט אויך דאָ, אינעם ניי־אויפשפּראָצנדיקן קיבוץ, איבערגעחזרט יענע מאמרים, אין וועלכע עס ווערט אַרויסגעהויבן די חשיבות פון אייגענעם „איך". די פּערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן אַרויסגעשיינט אין אויפשטייגנדיקן גייסטיקן צענטער, האָבן שוין בלויז מיט דער זעלבסטזיכערקייט פון זייער טאָן אונטערגעשטראָכן, אַז אין ייִדישקייט דאַרף דער יחיד נישט בטל ווערן פאַרן כּלל. אָבער אייגנטימלעכע פאַרהעלטעניש האָבן דערפירט דערצו, אַז אין מזרח־אייראָפּע — ווי אפשר אין קיין שום אַנדערן קיבוץ, וואָס האָט ביז דעמאָלט עקזיסטירט אין ייִדישער געשיכטע — זאָל אָנגענומען ווערן, אַז דער „דו" ווען ער פאַרמעסט זיך מיטן „איך", האָט מער באַטייט, מער וואָג, מער רעכט און באַרעכטיקונג.

דער „וועד אַרבע ארצות", דער צענטראַלער אָרגאַן פון דער ייִדישער אויטאָ־נאָמיע אין פּוילן, וואָס זיין השפּעה האָט זיך אויך אויסגעשפּרייט אין ליטע, און אַפילו מחוץ די גרענעצן פון אָט די מדינות, האָט מיט זיין עצם־עקזיסטענץ פאַרמינערט די באַדייטונג פון „איך". סיי אין גייסטיקע, סיי אין סאָציאַלע און עקאָנאָמישע ענינים, וואַרפט דער מיטמענטש אַרויף זיין ווילן אויף דער פּערזאָן, וואָס פּרוּווט אויך אין די נייע באַדינגונגען דווקא אַרויסקומען מיט זיין „איך".

אין די פּינקסים און תּיקונים פֿון וועד אַרבע ארצות באַקומט זיך אָפּט מאָל דער איינדרוק, אַז דער „איך" ווערט כּמעט ווי אויסגעשטראָכן פֿון ייִדישן דענקען. די פֿריש אויפֿגעקומענע זעלבשטענדיקע קהילות, זענען הייליקע קהילות, ווייל אין זיי ווערט אַרויסגעהויבן דער ציבור, וואָס אין זיינע ראַמען דאַרף דער ייִד זיך אויסלעבן און איינלעבן; ווו דער איינצלנער ייִד קען, אין זיין וועלט־באַנעם, באַין־אופֿן נישט אַריינלאָזן די באַגריפֿן פֿון דער פֿרעמד. אין דער דרויסנדיקער געזעלשאַפֿט האָט דעמאָלט דער עקסטרעמער אינדיווידואַליזם געפּייערט טריומפֿן. אין דער פּוילישער מלוכה, למשל, האָט אין איר פּאָליטישער און סאָציאַלער געזעצגעבונג דער מיטמענטש אַראָפּגענידערט צום סאַמע נידעריקסטן שטאַפּל. דער „ליבערום וועטאָ", דאָס הייסט, די אומבאַגרענעצטע רעכט פֿון יחיד צו פּראָקלאַמירן די מעכטיקייט פֿון זיין „איך", איז געווען אַן עיקר אין הערשנדיק פּאָליטישן סיסטעם. אין די תּיקונים פֿון וועד אַרבע ארצות איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט געזאָגט געוואָרן גאַרנישט פֿון וועלכן מלכות וואָלט זיך געקענט פֿילן געטראָפֿן. אָבער אין אַלץ, וואָס איז דאָרט אָנגעצייכנט געוואָרן, איז בעצם אָפּגעוואָרפֿן געוואָרן די עגאָצענטרישקייט פֿון אַרום.

מען קען נישט זאָגן, אַז די פֿירנדיקע גייסטער פֿון פֿריִערדיקן שפּאַנישן פּעריאָד אין ייִדישער געשיכטע זענען לגמרי אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין שאָטן אינעם אויפֿגייענדיקן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע. אָבער עס פֿאַרבלייבט דאָך כאַראַקטעריסטיש, אַז די בפֿירושע אינדיווידואַליסטן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער תּקופֿה האָבן נישט פֿאַרנומען דעם אויבן אָן אין די אויפֿקומענדיקע ישובים. פֿון רמב"ם זענען געווען צום האַרצן יענע פֿון זיינע חיבורים, אָדער די טיילן פֿון זיינע חיבורים, אין וועלכע די פּערזענלעכקייט פֿון יחיד דערשיינט צונויפֿגעפֿלאָכטן מיטן ציבור, און נישט די כּתבים, וועלכע שטרייכן אונטער די וויכטיקייט פֿון אויסדערוויילטן יחיד און פֿון זיין „איך". פֿון די גדולים פֿון ספֿרד איז אויסגע־קומען צו זיין צום נאָענטסטן צום געמיט פֿון די נייע מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע קיבוצים דון יצחק אַבּרבנאַל. זיין צוגאַנג צום פּראָבלעם פֿון „איך" און „דו", זיין טיף אַנטוויקלטער סאָציאַלער באַוווּסטזיין, האָבן זיך גלענצנדיק אַריינגע־פּאַסט אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישערווירקלעכקייט. נתן נטע האַנאָווער, דער כראָניק־שרייבער פֿון זיבעצנטן יאָרהונדערט דערציילט, ווי שטאַרק דער ייִד איז אין יענער תּקופֿה אין מזרח־אייראָפּע געווען צונויפֿגעבונדן מיטן צווייטן ייִד. עס איז לחלוטין אָוועקגעפֿאַלן די מחיצה צווישן „איך" און „דו". אַ סך האָבן דערצו מיטגעהאָלפֿן די ישיבות. מען איז אויפֿגעוואַקסן צוזאַמען. מען האָט געלערנט צוזאַמען. מען האָט אויפֿגעבויט מענטשלעכקייט און ייִדישקייט צוזאַמען.

אָבער אַ פֿאַרטיפֿטער אַריינבליק אין ייִדישן לעבן פֿון מזרח־אייראָפּע אין די פֿאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער באַווייזט, אַז אין דעם אָדער יענעם ווינקל פֿון ייִדישער טעטיקייט — און אין דער אָדער יענער דערשיינונג פֿון ייִדישער

גייסטיקייט — האָט דאָך דער פון־בראשית־עקזיסטירנדיקער אינדיווידואַליזם זיך פּרובירט אַדורכשלאָגן אַ וועג. פון פּלפּול האָט אַרויסגערעדט דער יחיד. דאָס איז געווען די שיטה אין לערנען, וואָס אין איר האָט פאַר זיך באַדאַרפט אָנצייכענען אַ וועג דער „איך" מיט באַגריפן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש בלויז פאַר אים אַליין און מיט אויספירן, צו וועלכע בלויז ער אַליין איז געקומען. דאָס איז מעגלעך איינער פון די סאַמע אינטערעסאַנטע פּאַראַדאָקסן וואָס מיר באַמערקן אין אויפקום און אין דער אַנטוויקלונג פון די ייִדישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע: אין מיטן פון די אָנגעשטרענגטע פּרוּוון אויסצופאָרמירן אַ געזעלשאַפט, וואָס זאָל כּולה זיין אַדורכגעדרונגען מיט ציבור־אידעען, וואַקסט אויס ווי אַ קעגן־רעאַקציע דער עקשנותדיקער און חריפותדיקער ווילן אויפצולעבן אין אַ פאַרשטאַרקטער פאָרם די „איך"־טענדענצן, וועלכע האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט צו זיין אַקטועל אין ייִדישקייט. גראָד אין דער תקופה פון וועד אַרבע ארצות — מיט זיינע תיקונים, וועלכע טראָגן די כּוונה צו פאַרוואַנדלען די יחידים אין איין גרויסן כּלל — וואַקסן אויס יחסנים, וועלכע שטאָלצירן מיט זייער לומדות; וואַקסן אויס משפּחות, וועלכע באַטראַכטן זיך ווי מיוחסימדיקע; וואַקסן אויס תּקיפים, וועלכע הייבן אָן ביסלעכווייז — סיי צוליב זייער קאָנטאַקט מיט מלכות, סיי צוליב זייער עשירות — צו ווערן ענלעך צו די תּקיפים, וואָס האָבן פאַרנומען פירנדיקע פּאָזיציעס אינעם פאַרשוווּנדענעם ייִדישן קיבוץ פון שפּאַניע.

דער געראַנגל, וועלכער האָט זיך אויסגעוויזן צו האָבן פאַרענדיקט אין מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן קיבוץ, דער געראַנגל צווישן „איך" און „דו", לעבט אויף פון ס׳ניי. דער פּירוש צו דער תורה, וועלכן עס האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן רבי שלמה אפרים איש לונטשיץ (דער פּירוש וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „כּלי יקר") האָלט טאַקע פאַר זיין אויפגאַבע צו דערקלערן פאַר אונדז די פּרשיות פון חומש. אָבער אויסער דעם פּשט פון חומש, אַנטפּלעקט פאַר אונדז דער „כּלי יקר" דעם דראַמאַטישן פאַרמעסט, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די צוויי קעגנזעצלעכע שטרעמונגען אין דער ייִדישער געזעלשאַפט פון מזרח־אייראָפּע. רבי שלמה אפרים איש לונטשיץ פאַרלאַנגט, מיר אַלע זאָלן איינזען, אַז ייִדישקייט איז איין גרויסער, אַלץ־אַרומנעמענדיקער „דו". אָבער ער אַליין איז מודה, אַז נישט אַלע טיילן זיין מיינונג. אונטער פאַרשידענע אויסריידן הערט ער אַרום זיך די גרילצנדיקע קולות: איך, איך, איך...

ג.

אויך מיטן אויפקום פון חסידות, האָט אין ייִדישן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע נישט אויפגעהערט דער „איך"־„דו"־געראַנגל. ס׳איז טאַקע אמת, אַז חסידות האָט

אָוועקגעשטעלט אין מיטלפּונקט דעם מיטמענטש. רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, דער גרונטלייגער פון חסידות, האָט — סיי בעת ער האָט געגראָבן ליים אין די בערג פון פּאָדאָליע, סיי בעת ער האָט געטריבן פערד און וואָגן אין קיטעוו, סיי בעת ער האָט געטראָגן אויף זיינע אַקסלען די חדר־ייִנגלעך אין אוקאָפּ — גערופן די מענטשן אַרויסצורייסן פון זיך מיטן וואָרצל דאָס געפיל פון אייגנ־ליבשאַפט. ער האָט געזאָגט: פּונקט אַזוי ווי דו האָסט דיך ליב, הגם דו ווייסט, און דו קענסט זיך, אַז דו ביסט נישט ריין פון חסרונות און פעלערן, אַזוי דאַרפסטו אויך ליב האָבן דעם צווייטן, נישט קוקנדיק אויף זיינע פעלערן און חסרונות. פאַר איינעם פון זיינע תלמידים האָט ער זיך פאַרטרויט: איך האָב ליבער דעם ערגסטן ייִד, דעם קל שבקלים, מער ווי דו האָסט ליב דיין בן־יחיד. אַפילו ווען מען ריכט זיך איין אין בלאָטע, האָט ער צוגעגעבן, מוז מען שטיין צוזאַמען מיט כּל ישׂראל. די, וועלכע זענען געקומען נאָכן בעל־שם, האָבן צעטראָגן זיין שיטה איין דער לענג און דער ברייט פון מזרח־אייראָפּע. דער „איך", האָט מען דערקלערט, איז די מחיצה, וואָס איז מפסיק צווישן מענטש און גאָט, צווישן מענטש און מענטש. אַזוי איז אויסגעטייטשט געוואָרן דער פּסוק, אין וועלכן עס רעדט זיך וועגן מעמד הר סיני (אנכי עומד בין ה' וביניכם — דברים ה, ה). אין חסידות איז געגעבן געוואָרן אַן אומגעריכטער און געוואַגטער טייטש צו דעם אינדיווידואַליסטישן זאָג פון הלל. רבי יחיאל מיכל זלאָטשעווער האָט געטייטשט: אם אין אני לי מי לי, אויב איך בין נישט רק באַשעפטיקט מיט זיך אַליין, נאָר איך בין צונויפגעהאָפטן מיטן צווייטן מענטש, פאַרנעמט זיך אויך דער אַנדערער מענטש מיט מיר. רבי איטשע מאיר פון גער האָט אַנטדעקט אין די ווערטער פון הלל די כּוונה, אַז יעדער איינער איז געקומען אויף דער וועלט כּדי מתקן צו זיין אַזוינס, וואָס קיין צווייטער קען דאָס נישט דערגרייכן. אָבער דערצו איז קודם־כּל נויטיק מבטל צו מאַכן דעם אייגענעם „אני", דעם „איך". אָדער ווי דאָס גייט אין לשון פון רבי איטשע־מאיר: „דעם „חלק פּרטי".

אָבער נישט געקוקט אויף די אַלע אָנשטרענגונגען, וואָס חסידות האָט געמאַכט כּדי צו פאַרוואַנדלען דעם ייִדישן ציבור אין איין אַלץ אַרומנעמענדיקן „דו", האָט דאָך דער „איך" אויסגעבויט זיין נעסט דאָ און דאָרט אין חסידישן ציבור גופא. רבי יעקב יוסף פון פּאָלאָנאָי, אין זיין „ספר התולדות", מעסט אויס אַ שאַרפע קריטיק קעגן די, וועלכע פירן נישט אויס אין זייער טאָג־טעגלעכן לעבנס־שטייגער די תורה, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין די קאַרפּאַטן־בערג.

אַנדערע וועגווייזער פון חסידות, וועלכע האָבן נישט פאַרמאָגט די בייסיקע פעדער פון רבי יעקב יוסף, טוען דאָס מיט זייערע אייגענע וועגן און מיטלען. דער קאָזשעניצער מגיד ר' ישׂראל האָט אָט דעם בליק באַקאַנט געמאַכט אין אַ קורצער באַמערקונג. אויב עס געפינט זיך, האָט געזאָגט דער קאָזשעניצער מגיד, אַ ייִד אַ ירא־שמים און ווילדלערנער, מיט אַלע גוטע מעלות, וועלכער זאָגט

אָבער אין זיין האַרץ „איך״, איך תּלמיד־חכם, איך צדיק וישר, האָלט מען פאַר אים פאַרשפּאַרט די טויערן פון הימל. רבי דודל לעלעווער האָט אויפגעעפנט זיין אינערלעכע וועלט פאַר זיינע מקורבים, בעת ער האָט זיי דערציילט, אַז כּל־זמן ער פילט ביי זיך אין האַרץ אַ שטאַרקערע ליבע צו זיינע אייגענע קינדער ווי צו אַ געוויינלעכן און פרעמדן ייִד, איז ער נאָך נישט קיין צדיק. אויב מיר האָבן נאָך נישט דערגרייכט, אַז אַ ייִד זאָל אַרומנעמען און האַלדזן אַ צווייטן ייִד, אַפילו ווען יענער טוט אַן עבירה, האַלטן מיר נאָך זייער שלעכט; און צו מאָל אַ העלפט פון אהבת ישׂראל איז נאָך אין אונדז נישט אַריינגעדרונגען. אַ חסיד האָט איין מאָל געפרעגט ביי רבי שמעלקע פון ניקעלשבורג: ס׳טייטש, ווי אַזוי קען איך ליב האָבן דעם אַנדערן, ווען יענער טוט מיר שלעכטס? רבי שמעלקע האָט אים אָפּגעענטפערט: אַפילו בעת דער צווייטער טוט דיר אַן עוולה, ביסטו מחוייב צו שפּירן, אַז אַלע נשמות זענען איין נשמה. דאָס איז ייִדישקייט.

רבי פּנחס פון קאָרעץ האָט געהאַלטן, אַז מען קען גאָרנישט מתפּלל זיין פאַר זיך. מען דאַרף כּסדר זיין אַ „מתפּלל בעד חברו״, בעטן רחמים און חסד פאַרן צווייטן. נח פון די צייטן פון מבול האָט מתפּלל געווען פאַר זיך, שטייט טאַקע געשריבן וועגן אים, אַז ער איז פאַרבליבן אַליין. ער האָט זיך נישט אויפגע־הויבן צו דער מדרגה פון אַברהם אָבינו (וישאר אך נח — בראשית ז׳, כ״ג). אַ תּלמיד פון מעזריטשער מגיד ר׳ דוב־בער איז איין מאָל אַדורכגעפאָרן האַלבע נאַכט דורך קאַרלין. ער האָט דאָרט געוואָלט זען דעם גרויסן רבי אַהרן פון קאַרלין און ער האָט אָנגעקלאַפּט אין זיין פענצטער: רבי אַהרן, עפנט פאַר מיר די טיר. רבי אַהרן איז געזעסן פאַרטיפט אין לערנען. ער האָט דערהערט, אַז עמעצער קלאַפּט און ער האָט געפרעגט: ווער איז דאָרט? דער פאַרבייפאָרער האָט געענטפערט: איך. רבי אַהרן האָט נישט געעפנט די טיר און ווייטער געלערנט. איז דער גאַסט געוואָרן אומגעדולדיק. ער האָט געקלאַפּט איין מאָל און נאָך אַ מאָל: רבי אַהרן, פאַר וואָס לאָזט איר מיך נישט אַריין? — האָט ער געפרעגט. רבי אַהרן האָט אויפגעהויבן זיין בליק פון ספר און געענטפערט: מען טאָר נישט זאָגן „איך״...

בעת מען האָט געפרעגט ביי רבי משה־לייב סאַסעווער, פאַר וואָס ער חברט זיך מיט פּראָסטע מענטשן, האָט רבי משה־לייב געענטפערט: ניין משה־לייבס זענען נישט קיין מנין, אָבער צען פּראָסטע שניידערס זענען אַ מנין. רבי משה קאָברינער האָט ערב ראש־השנה, פאַר מנחה, אַראָפּגעלאָזט זיין קאָפּ אויפן באַרג „קוויטלעך״ וואָס זענען פאַר אים געלעגן מיט בקשות אויף געזונט און פּרנסה. ער האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: רבונו־של־עולם, זאָל דיין משפּט פאַלן אויף מיר, אָבער זיי אַ דערבאַרעמדיקער פאָטער צו די ייִדן. וואָס האָבן דען די ייִדן געזינדיקט? רבי זישע האָט גענומען אויף זיך צו ליידן יסורים, כּדי אַזוי אַרום אַראָפּצונעמען די זינד פון די ייִדן, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן געשטראָפט ווערן.

רבי לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט געזען אין פולשטענדיקן צונויפגיסן זיך פון אחינו בני ישׂראל, איינער מיטן צווייטן, אַ דערשיינונג וואָס שטייגט אַריבער די השׂגות פון אונדזער באַגרענעצטן שׂכל. „איך" בין ממש „דו", און „דו" ביסט ממש „איך".

אין תּלמוד איז געזאָגט געוואָרן, אַז אַלע ייִדן זענען פאַראַנטוואָרטלעך איינער פאַרן אַנדערן (כּל ישׂראל ערבים זה בזה — שבועות ל"ט). אין חסידות איז אָט דער מאמר באַרייכערט געוואָרן אין רמזים און ניואַנסן. מען האָט דערקלערט, אַז אָט די ווערטער מיינען אונדז צו לערנען, אַז ייִדן זענען זיס איינער פאַרן צווייטן. רבי אַברהם קאַליסקער האָט געהאַלטן, אַז זיי זענען אויסן אונדז צו באַווייזן, אַז ייִדן דאַרפן זיך אויסמישן צוזאַמען, כּדי דאָס ליכט פון איינעם זאָל פאַלן אויפן אַנדערן. אין באַגריף „ערבים" איז אַנטדעקט געוואָרן אַ וועלט מיט כּוונות.

און דאָך, נישט געקוקט אויף אָט דעם רירנדיקן פאַרמעסט אַרויסצורייסן דעם „איך" פון דער ייִדישער מחנה, איז אויך אין חסידות אָנגעגאַנגען דער געראַנגל צווישן די צוויי קעגנגעזעצטע באַגריפן, און פון מאָל צו מאָל זיך אַנטוויקלט אין אַ טיף מענטשלעכן, טראַגישן קאָנפליקט. נישט בלויז האָט אין חסידות אָנגעהויבן פאַרנעמען דאָס צענטראַלע אָרט דער גרויסער יחיד, דער צדיק, וואָס האָט נישט אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט דעם „איך" פון זיין לשון, נאָר בפירוש אינדיווידואַליס־טישע טענדענצן האָבן מיט דער צייט זיך גענומען אַרויסשיילן. רבי בונם פון פּשיסכע האָט געזאָגט: יעדער איינער דאַרף האָבן צוויי טאַשן, כּדי ער זאָל זיך קענען באַנוצן מיט זיי בשעת הצורך. אין איין טאַש זאָל ער אַריינלייגן די איבער־צייגונג, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פאַר זיינעטוועגן, „בשבילי נברא העולם"; און אין דער צווייטער, די איבערצייגונג אַז ער איז שטויב און אַש, „אנכי עפר ואפר"... רבי בונם באַמערקט, אַז אָפט מאָל ווייזט זיך אים אויס, אַז דער מענטש איז ווי אַ בוים אין מדבר. נישטאָ מער ווי איין בוים אין דער וויסטעניש. נישטאָ מער ווי איין מענטש. נאָך שטאַרקער האָט זיך פאַרשאַרפט דער געראַנגל אין קאָצק. געגוי ווי אין זיין צוגאַנג צו כלערליי פּראָבלעמען, וואָס האָבן געפּייניקט און באַאומרויִקט זיין געדאַנק, האָט אויך אין אָט דער פראַגע רבי מענדעלע קאָצקער געפאָדערט אַנטשיידונג, קאָנסעקווענץ. אויב איך בין „איך", האָט ער געזאָגט, ווייל איך בין איך, און דו ביסט דו, בין איך איך, און דו ביסט דו. אָבער אויב איך בין איך, ווייל דו ביסט דו, און דו ביסט דו, ווייל איך בין איך, בין איך נישט איך און דו ביסט נישט דו... נישטאָ קיין האַלבע מיטלען און וועגן, האָט אויסגערופן דער קאָצקער. אין מיטן וועג גייען פּגרים.

אין אַ סך ווערטער פון רבי פון קאָצק איז אויסגעדריקט געוואָרן דער ווילן זיך צונויפצוגיסן מיטן „דו". אָבער צו אָפט האָט אַרויסגעשטאַרט דער „איך". ווייט און אוממעגלעך איז געווען די אַנטשיידונג. און דער דאָזיקער קאָנפליקט פאַרשטאַרקט די טראַגעדיע פון קאָצק.

און דער אמת איז, אַז אַפילו אין דער באַגינען־תּקופה פון דער חסידות־באַוועגונג, איז מעגלעך געווען צו דערהערן דעם טאָן, וואָס האָט שפּעטער אָפּגע־קלונגען אין אַ פאַרשטאַרקטן אופן אין פשיסכע און קאָצק. די ווונדער־מעשׂהס פון רבי נחמן בראַצלאַווער זאָגן דערויף עדות. האָבן די מעשׂהס די כּוונה איינ־צופלאַנצן דעם באַוווסטזיין פון „דו" אין די גלוביקע אָדער שטרעבן זיי צו אַנטוויקלען דעם „איך" ביים יחיד? — אָט טראָגט זיך פון זיי אַרויס דער מוסר השׂכּל נאָכצופאָלגן דעם ניגון, וואָס ברומט אין אייגענעם האַרץ. און אָט הייבט זיך דאָרט אַרויס די דעציזיע זיך מקריב צו זיין אויפן מזבח פון „דו". צו זיין געטרייען תּלמיד רבי נתן האָט געזאָגט רבי נחמן בראַצלאַווער: אַלץ וואָס איז מיינס, איז אויך דיינס; און ווען נישט דו, וואָלט קיין איין שורה פון מיינע תּורות נישט פאַרשריבן געוואָרן. אָבער טאָקע פון רבי נחמנס שורות, וואָס זיין תּלמיד האָט פאַרצייכנט מיט וווּנדערלעכער איבערגעגעבנקייט, באַקומט זיך דער איינדרוק, אַז אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער יִידישערווירקלעכקייט האָט דער רבי פון בראַצלאַוו אַריינגעשריבן ווערטער, וואָס הלל האָט זיי געהאַט אויסגעזונגען מיט טויזנטער יאָרן פריִער אין דער סוכּות־נאַכט אין ירושלים פון אַמאָל: „אם אני כאן, הכול כאן, ואם איני כאן, מי כאן?" — אויב איך געפין זיך דאָ, געפינט זיך אַלץ דאָ, און אויב איך געפין זיך נישט דאָ, ווער איז דען דאָ פאַראַן?

אפשר ליגט אין דער „איך"־פּערזענלעכקייט פון רבי נחמן די סיבה פון דער מחלוקת, וואָס עס האָט קעגן אים געפירט זיין גרויסער בן־דור רבי אריה־לייב, דער שפּאָלער זיידע.

ד.

די אומגעוויינלעכע גייסטיקע דינאַמיק, די פאַרשידנאַרטיקייט פון אידעען און שיטות, די כּלערליי פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך אַנטוויקלט אין די מאָדערנע תּקופות אין יִידישן קיבוץ אין מזרח־אייראָפּע, האָבן בעצם זיך אומגעקערט צו די גרויסע פראַגע־צייכנס, וועלכע זענען געווען זינט תּמיד, אַקטועל אין דער יִידישער מחשבה. דער זעלבער פּרווו איז געמאַכט געוואָרן אַריינצופירן אַנטשיידונג אין אַ קאָמפּליצירטן פּראָבלעם. דער זעלבער פאַרמעסט.

אויפן יִידישן באָדן פון מזרח־אייראָפּע זענען די נייע באַוועגונגען אויסגע־וואַקסן אין דער טראַדיציע, וואָס האָט זיך דאָ געהאַט איינגעשטעלט נאָך אין דער צייט, ווען די קהילות־אויטאָנאָמיע האָט אינטערוועגירט אין די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש. די חברות און אינסטיטוציעס, וועלכע האָבן דאָ קיין מאָל נישט איבערגעריסן זייער טעטיקייט, האָבן מיט זייער ברייט־פאַרצווייגטער

פּראַקטישער אַרבעט מיטגעהאָלפן צו פאַרמינערן די אינדיווידואַליסטישע שטרע־מונגען אין דער ייִדישער געזעלשאַפט. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זיי זענען לגמרי פאַרשוווּנדן. די נייע פּאָליטישע און סאָציאַלע באַוועגונגען האָבן געהאַט פאַר זיך אַ שווערן וועג. אין דער ייִדישער גאַס זענען אַריינגעדרונגען די „איך"־מאָטיוון, וועלכע זענען אויך אין דער נייער צייט געווען אין דער מאָדע אין אייראָפּע און אין אירע אינטעלעקטועלע ספערעס. ס׳איז שווער אָנצוטרעפן אין דער השׂכּלה־עפּאָכע צו מאָל אויף איינעם, וואָס זאָל אין דער אָדער יענער פאָרם נישט האָבן דערשינען פאַרן ייִדישן מענטש מיטן פּראָגראַם פון אויסגעשפּראָ־כענער עגאָצענטרישקייט; דער פּראָגראַם, וועלכער איז געווען אייגנטימלעך פאַר אייראָפּע אין דער צייט פון פונאַנדערבלי פון ראָמאַנטיציזם. אויך ווען די צייטן האָבן זיך געטוישט און נייע אינטעלעקטועלע שטרעמונגען האָבן געוווּנען נאָכ־פאָלגער, איז נישט דער טריומפירנדיקער אינדיווידואַליזם אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב דעם. עס איז אויפגעגאַנגען די שעה פון ניטשע אין דער אייראָפּעיִשער פילאָסאָפיע מיט זיין לערע וועגן דעם „איבערמענטש" און זיינע אומבאַגרע־נעצטע און זעלבסטפאַרשטענדלעכע פּריווילעגיעס. אין דער ייִדישער גאַס האָבן נישט אויסגעפעלט קיין ענטוזיאַסטישע אָנהענגער פון דער ניטשע־דאָקטרין.

מיכה־יוסף בערדיטשעווסקי, אַליין אויסגעוואַקסן אין ייִדישער גייסטיקייט — מיט איר היסטאָרישער פאַרטיפונג פון דער אידעע פון מענטש און מיטמענטש — איז אויף אַ שטיק צייט געפאַנגען געוואָרן פון דער אַלט־נייער „איך"־טעאָריע. יוסף־חיים ברענער האָט, אין אומהיימלעכן פּעסימיזם, וועלכער האָט אים באַוועל־טיקט, געקלערט אין דער תּורה פון יחיד און זיינע רעכט צו געפינען אַן אויס־גאַנג פאַר דער מענטשהייט, וואָס זינקט אין זומפּ. הלל צייטלין האָט, אין זיינע גייסטיקע וואַנדלונגען, פּרובירט וואַרפן אַ בריק צווישן אידעען וועלכע לאָזן זיך נישט פאַראייניקן. מיר דערמאָנען בלויז עטלעכע נעמען פון די ,וועלכע האָבן אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון היינטיקן יאָרהונדערט אַריינגעברענגט דעם פיבער פאַר אינדיווידואַליזם אין דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער געזעלשאַפט.

די פאַרשטאַרקטע „איך"־שטרעמונג האָט נאָר פאַרשאַרפט דעם געראַנגל. דער וויכּוח האָט אַרומגענומען אין תּוך דאָס גאַנצע ייִדישע מזרח־אייראָפּע, דעם גאַנצן פילפאַרביקן צאַפּלדיקן קיבוץ. פרומע און פרייע, רעכטע און לינקע, נאַציאָנאַליסטן און סאָציאַליסטן, האָבן געפירט מיט ליידנשאַפט די דעבאַטע פון דורות. אהרן־דוד גאָרדאָן האָט געשריבן, אַז דאָס באַפרידיקן דעם אייגענעם „איך" איז אַ קינדערישע פּאָזע אין דער מענטשלעכער געשיכטע, אַ פּראָדוקט פון אומרייפקייט. נתן בירנבוים האָט אַנטוויקלט זיין טעזע, אַז ייִדנטום האָט גאָר קיין מאָל נישט געצערטלט דעם יחיד; זי האָט געשטרעבט צו דערציִען אים, און אַזוי אַרום אָפּראַטעווען דעם כּלל. הרב קוק האָט דערקלערט, אַז וואָס העכער דער מענטש שטייגט, אַלץ מער פאַרגעסט ער אין זיך. דער פּאָעט ישׂראל שטערן,

מיט וועמען איך פלעג זיך באַגעגענען אין די שבת־פרימאָרגנס אין שטיבל פון די בראַצלאַווער חסידים אויף דזשעלנע־גאַס אין וואַרשע, האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז בעת ער קומט צו די בראַצלאַווער חסידים פילט ער ערשט, אַז דאָ קען ער פאַרבלייבן „איך" אויך ווען ער זאָגט „דו". מיר זענען בפירוש פאַרפּלייצט געוואָרן, פלעגט ער זיך פאַרקלאָגן, מיט אַ מבול פון אידעען וועגן קאָלעקטיוו און ציבור. אָבער איז דען נישט היסטאָריש יידיש צו זאָגן: „איך" ?...

ווי אַ דאָקומענט פון דראַמאַטישן גראַנגל צווישן די קעגנגעזעצטע באַגריפן דאַרפן באַטראַכט ווערן די עסייען, וועלכע נחום סאָקאָלאָוו האָט פאַרעפנטלעכט אונטערן נאָמען „האני הקיבוצי". זיי אַנאַליזירן דאָס פּראָבלעם פון כלל־מענטשלעכן און כלל־ישׂראלדיקן „איך". דער ישיבה־בחור פון ווישאָגראָד, וואָס איז אויסגעוואָקסן צו זיין דער מנהיג פון פּאָליטישן ציוניזם, גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן דער געוואַלטיקער סתירה וואָס טיילט פונאַנדער די פאַרשידענע השקפות. אָבער ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין גאונות און מיינט, אַז דאָס, וואָס עס איז אַנדערע נישט געלונגען, וועט דאָך אים געראָטן. ער וועט געפינען דעם סינטעז, ער וועט אַריינפירן האַרמאָניע; ער וועט אַנטדעקן אַ פּסיכאָלאָגישן באַשייד. אָבער דער אמת איז, אַז נישט צוליב דעם ווערט אויפגעבונדן דער פּלאָנטער.

אין פאַר־מלחמהדיקן פוילן האָב איך, ערב דעם חורבן, דעם לעצטן שמועס אויף אָט דער טעמע געפירט מיט רבי ירמיהלע, דער רבי פון אָפּאָלע, וועלכער האָט געוווינט אין אַן אָרעמער דירה אויף פּאַוויע־גאַס אין וואַרשע, און צו וועמען איך פלעג אָפט צוגיין, כדי באַהויכט צו ווערן פון זיין וואָרט. בעת יענעם לעצטן באַזוך, ווען אָט די טעמע איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אין אונדזערע רייד, האָט מיר רבי ירמיהלע געזאָגט: תּפילה איז דער חוב פון יעדן יחיד, אָבער מען דאַרף דאַווענען בציבור. אַפילו ווען דיר דאַכט זיך, אַז די תּפילה וועט זיין גוט ביחידות, איז אַלץ בעסער בציבור...

אין די מלחמה־יאָרן, בעת דאָס מזרח־אייראָפּעיִשע יידנטום איז געגאַנגען דעם לעצטן וועג צו די גאַז־קאַמערן אין אוישוויץ און טרעבלינקע, איז דאָס פּראָבלעם פון „איך" און „דו" אַרויפגעשוווּמען אין אַ שמועס, וואָס איך האָב געהאַט אין לאָנדאָן, ווו איך האָב זיך דעמאָלט געפונען, מיט שמואל זיגעלבוים, דער אַרבעטער־טוער, וועלכער איז אויך פאַרוואָרפן געוואָרן קיין ענגלאַנד, ווי דער פאַרשטייער פון „בונד" אין דער פוילישער גלות־רעגירונג. אַ מענטש פון פאָלק, האָט שמואל זיגעלבוים פאַרמאָגט דעם באַזונדערן טאַלאַנט אַרויסצוזאָגן געדאַנקען און אויסבויען זאַצן, וועלכע האָבן זיך איינגעגראָבן טיף אין געמיט. אין יענער שעה פון אונטערגאַנג און חורבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום, האָט זיגעלבוים כסדר זיך אומגעקערט צו דעם אייגנטימלעכן כאַראַקטער פון די יידן, וואָס פון זיי זענען מיר אַרויסגעוואַקסן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפן טייערן מענטשלעכן אוצר, וואָס איז דאָרט געווען פאַרבאָרגן. ער האָט געזאָגט: עס ווערט

פאַרשניטן אַ קיבוץ, וואָס זײַנע ייִדן האָבן באַוויזן אָפּצוהיטן זייער „איך" אַפילו ווען זיי האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַרן „דו". יעדער ייִד איז דאָרט געווען אַ וועלט פאַר זיך, און פאָרט איז דאָרט דער ייִד נישט געווען פאַרקוקט אין זיך. דאָרט זענען נישט געווען קיין אָפּגעריסענע אברים. ביי זייער גאַנצן אינדיווי־דואַליזם, האָבן יענע ייִדן מיט זיך פאָרגעשטעלט איין גרויסן, ווונדערלעך־צונויפגעהאָפטענעם כלל...

דערנאָך האָבן מיר נאָך לאַנג געשמועסט פון דער לערע, וואָס ווערט אַנט־וויקלט אין דער קבלה וועגן די אותיות, וואָס זענען זיך מצרף, וועגן די נשמות וואָס זענען זיך מצרף, און וועגן די הערלעכע אָנשטרענגונגען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אין טויזנט יאָר ייִדישער געשיכטע אין מזרח־אייראָפּע, מצרף צו זיין מענטש און מענטש, דעם „איך" און דעם „דו".

קאַרלין, דאָס חסידות פון דער ליטע

א.

מיר זענען געוווינט צו זאָגן: דאָס מתנגדישע ליטע. מיר זענען גענויגט צו באַשטימען, אַז ליטע איז אין דער צייט, ווען זי איז געווען אַ געדיכט־באַפעל־קערטער און בליִענדיקער ייִדישער צענטער, געשטאַנען ווייט פון חסידות. אָבער דאָס איז דאָך נישט אַזוי פּשוט. שוין אין דער בראשית־תּקופה פון דער חסידות־באַוועגונג האָבן די טויערן פון ליטע זיך געעפנט פאַר די נייע אידעען, וועלכע זענען אויפגעגאַנגען אין מעדזשיבאָזש און האָבן אַרויסגערופן אַן איבערקערעניש אין דער ייִדישער וועלט. קיין ליטע האָט רבי שניאור זלמן פון ליאַדי געבראַכט די שיטה פון חב״ד, וואָס האָט געגראָבן אין דער טיף פון דער דורותדיקער ייִדישער מחשבה און וואָס איז געווען פאַרוואָרצלט אין דער תּורה פון רבי ישׂראל בעל־שם־טוב. און דאָרט, אין דער ליטע, איז, אין סאַמע באַגינען פון דער חסידות־באַוועגונג, אויסגעטראָגן געוואָרן מיט פרייד און גלויבן דאָס חסידות פון קאַרלין, וואָס האָט טאַקע פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און אייגנאַרטיקע שטריכן, אָבער וואָס איז דאָך אין תּוך געווען באַהויכט און באַפרוכפּערט פון דער לערע, וועלכע האָט פאַר זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צופוסנס פון די קאַרפּאַטן־בערג.

מעגלעך צוליב דער נייגונג צו פאַראַלגעמיינערן דערשיינונגען, און מעגלעך אויך דערפאַר, ווייל די ייִדישע גייסטיקע צענטערס שטעלן אונדז צו אַ צו שטאַרק קאָמפּליצירטע פּראָבלעמאַטיק, פאַלן מיר אָפט אַריין אין טעותדיקע דערקלערונ־גען, בעת מיר פּרווון אָפּשאַצן דאָס וועזנטלעכע, וואָס ווייזט זיך אונדז אויס צו זיין כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי. דער אַמאָליקער גרויסאַרטיקער ייִדישער צענטער אין בבל פאַרט זיך אין אונדזער פאַרשטעלונג צונויף מיט דער שקלא וטריא, וואָס פירט זיך אין די מסכתות פון דער גמרא, וועלכע איז דאָרט געשאַפן געוואָרן, און וואָס האָט צו טאָן מיטן טורעם פון דער הלכה, וואָס די אמוראים פון בבל האָבן, דור נאָך דור, אויפגעשטעלט נאָך אויספירלעכע אַרגומענטן און האַרשפּאַלטנדיקע וויכּוחים. אָבער מיר פאַרגעסן, אַז צוזאַמען מיט דער הלכה האָט מען אין בבל אויסגעשפּונען די אגדה, און אַז נישט בלויז דינים זענען דאָרט

אויסגעהאַמערט געוואָרן, נאָר אַז דאָרט האָט זיך אויך באַוועגט די פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע, און דער ציטער פֿון די סטרונעס פֿון דער לעגענדע האָט אָפּט מאָל זיך דייטלעכער דערהערט ווי די שאַרפֿן וויכּוחים איבער געזעצן און דינים. אין דער מסכתּא סנהדרין, וווּ עס רעדט זיך וועגן דער שטרענגקייט פֿון געריכט און ריכטער, געפֿינען זיך אויך צונויפֿגעוועבט די חלומות וועגן דער גאולה, וואָס איז אַנגעברייט פֿאַר מענטש און ייִד. און אין דער מסכתּא גיטין, וווּ עס ווערן געמאַכט פּרוּוון צו לייזן פֿאַרפּלאָנטערטע פֿאַמיליע־פּראָבלעמען אין הסכּם מיטן לעגאַלן געזעץ, איז אַנגעוואָרפֿן דאָס רירנדיקע בילד פֿון חורבן, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף ירושלים, און אַ כראָניק איז געצייכנט, וואָס יאָגט אָן דערשיטערנדיקן אומעט אָבער אויך דערהויבנדיקע טרייסט.

נישט עפּעס אַנדערש פּאַסירט אין אונדזער צוגאַנג צום ייִדישן ישוב, וואָס איז געווען אין משך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער צונויפֿגעוואַקסן מיט דער שפּאַנישער ערד. די באַצווינגנדיקע שירים פֿון רבי יהודה הלוי און די פֿילאָסאָפֿישע באַטראַכטונגען פֿון רמב״ם פֿירן אונדז אַריין אין דער מיינונג, אַז שפּאַניע איז אין דער געשיכטע פֿון אונדזער גייסטיקער קולטור בלויז דער וויינגאָרטן פֿון אונדזער נאַציאָנאַלער פּאָעזיע און די פֿעסטונג פֿון אונדזער רעליגיעזער פֿילאָסאָפֿיע. אָבער צי איז דען דאָס טאַקע אַזוי? אין ספֿרד איז אויך אויסגעטראָגן געוואָרן די ייִדישע מיסטיק, און הגם מען קען אויפֿהייבן ניצוצות פֿון דער קבלה אויך פֿון אַנדערע ייִדישע ישובֿים, איז דאָך דער בייטראָג פֿון רבי משה דע לעאָן אין פֿעלד פֿון דער מיסטיק פֿון אַנטשיידנדיקן באַטייט, וואָרום ערשט דורך שפּאַניע איז צו אונדז דערגאַנגען דער ספֿר הזוהר.

אויך לגבי דעם גייסטיקן צענטער, וואָס האָט זיך פֿונאַנדערגעבליט אין פּוילן, האָבן זיך איינגעשטעלט פֿאַרשטעלונגען, וואָס שפּיגלען נישט אָפּ די ווירקלעכקייט. עס איז כּמעט ווי אָנגענומען, אַז הגם דער ייִדיש־פּוילישער ישוב האָט זיך אויסגעצייכנט אין פֿאַרשידענע דערשיינונגען פֿון ייִדישער שעפֿערישקייט, איז ער דאָך געבליבן הינטערשטעליק, אין פֿאַרגלייך מיט אַנדערע ייִדישע צענטערס פֿון מזרח־אייראָפּע, אויפֿן געביט פֿון לומדות. אָבער דאָס איז דאָך נישט ריכטיק. נישט בלויז דעמאָלט, ווען ייִדיש מזרח־אייראָפּע האָט געשטעלט זיינע ערשטע טריט, האָט דער ישוב אין פּוילן פֿאַרבליצט מיט זיינע למדנים און מיט זייער לומדות, נאָר אויך, ווען דער ווײ פֿון ערבֿ חורבן האָט זיך אַריינגעשניטן אין פּוילישן ייִדנטום, האָט נאָך אַלץ דער פּרמיליאַניקער ייִדישער צענטער אָפּגעהיטן זיין רום פֿון אַמאָל. רבי מנחם זעמבאַ, דער רבֿ, וועלכער איז אומגעקומען בעת דעם אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, האָט אָפּגעשלאָסן דאָס בלאַט, וואָס האָט זיך געהאַט געעפֿנט אין זעכצנטן יאָרהונדערט מיט רבי משה איסרליש און רבי שלמה לוריאַ.

אויב עס איז די רייד וועגן דער ייִדישער גייסטיקער קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין ליטע, רוקן זיך וואָס אַן אמת אַן פּראַגעס אויף פּראַגעס בנוגע ליטע גופא. דאָס איז זיכער נישט בלויז דאָס לאַנד, וואָס ליגט ביים באַלטישן ים מיט דער הויפּטשטאָט קאָוונע. דאָס איז זיכער דאָס לאַנד פון דער פאַרלאָפענער ייִדישער געשיכטע, וואָס האָט אַרומגענומען אַ גרויסן טייל פון ווייסרוסלאַנד און וואָלין, און וואָס אין זיין טעריטאָריע האָט זיך געפונען נישט בלויז ווילנע, „ירושלים דליטא", נאָר עס זענען דאָרט אַריינגעגאַנגען בריסק, לוצק, פּינסק, לודמיר, ביאַליסטאָק, גראָדנע, און אַ סך אַנדערע גרעסערע און קלענערע שטעט. אין משך פון יאָרהונדערטער, איז ליטע געווען פאַראייניקט פּאָליטיש מיט דער פּוילישער מלוכה, און דער בשותפותדיקער גורל האָט צונויפגעבונדן ביידע מדינות. ייִדיש פּוילן און ייִדיש ליטע זענען דורך אַ לאַנגער תקופה געווען צונויפגעברודערט אין זעלבן וועד אַרבע ארצות, און געטיילט צווישן זיך די אחריות פאַר דער ייִדישער אויטאָנאָמיע. אַפילו נאָך דעם, ווי ייִדיש ליטע האָט געשאַפן אירע אייגענע אויטאָנאָמע אינסטיטוציעס, זענען די פּראָבלעמען פאַרבליבן בשותפותדיקע, און די לייזונג האָט געדאַרפט געפונען ווערן מיט בשותפותדיקע אָנשטרענגונגען, וואָרום „די קרוין" — דאָס הייסט די אויסערלעכע פּאָליטישע פאַקטאָרן, וואָס האָבן באַדאַרפט אַנטשיידן אין די דאָזיקע פּראַגעס — איז דאָך געווען די זעלבע פאַר פּוילן און ליטע. נישט בלויז פּוילנס גרעסטער דיכטער אַדאַם מיצקעוויטש האָט נישט געקענט באַשטימען אויף זיכער, צי איז ער אַ זון פון פּוילישן פאַטערלאַנד אָדער גאָר פון ליטווישן פאַטערלאַנד — אין אַנהויב פון זיין פּאָעמע „פּאַן טאַדעוש" רופט ער אויס מיט פּאַטאָס: „אָ ליטע, מיין פאַטערלאַנד" — אויך ביי ייִדן אין דער ליטע האָבן אָפט מאָל זיך פאַרווישט די גרענעצן און זיי האָבן נישט אָנגעהויבן וויסן, צי זענען זיי פּוילישע אָדער ליטווישע ייִדן. זיי האָבן דאָס נישט געוווסט בעת דער צאַרישער אָקופּאַציע אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. זיי האָבן דאָס אויך נישט געקענט באַשטימען אין פעריאָד צווישן די צוויי וועלט-מלחמות אין היינטיקן יאָרהונדערט, ווען ליטע איז געוואָרן איינגעשרומפּן אין איר ענגער טעריטאָריע אַרום קאָוונע. אָבער פאַרט האָבן די ייִדן פון דער ברייטער, היסטאָרישער ליטע נישט אויפגעהערט זיך צו באַטראַכטן, אַפילו אין די געענדערטע פאַרהעלטענישן, ווי ליטווישע ייִדן, און אַזוי זענען זיי טאַקע גערופן געוואָרן אין מויל פון פאָלק: ליטוואַקעס.

צו שטאַרק איז ליטע דורך לאַנגע תקופות געווען געקניפּט און געבונדן מיט די שטרעמונגען, וואָס האָבן אויספאָרמירט ייִדיש פּוילן, ייִדיש אוקראַינע, ייִדיש ווייסרוסלאַנד (רייסן), אַז עס זאָל זיין מעגלעך צו רעדן וועגן אַן אויסשליסלעך מתנגדישער ליטע. זינט די טעג פון חסידישן באַגינען האָט ליטע, גענוי ווי אַנדערע שכנותדיקע געגנטן, זיך געפונען אין קרייז פון חסידות. און קאַרלין,

דאָס חסידות פֿון קאַרלין, באַווייזן באַשיינפּערלעך, אַז שוין אין דער צייט, ווען רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ האָט פֿאַרזייט זיין נייע לערע, זענען דער אָפּשיין פֿון זיין פּערזאָן און דער אָפּקלאַנג פֿון זיין וואָרט דערגאַנגען קיין ליטע.

ב.

דאָס איז געווען די צייט, ווען נאָענטע און ווייטע האָבן זיך געזאַמלט אַרום דעם שעפּער פֿון חסידות און אַרום זיין תּלמיד, רבי דובֿ בער פֿון מעזריטש. לויט דער חסידישער טראַדיציע זענען די תּלמידים פֿון רבי דובֿ בער, וועלכער ווערט אָנגערופֿן אין דער געשיכטע פֿון חסידות דער מגיד, אַריבערגעשטיגן די צאָל פֿון דריי הונדערט. שוין בלויז אין דער באַצייכענונג פֿון זייערע נעמען גייט פֿאַר אונדז פֿאַרביי די ייִדישע געאָגראַפֿיע פֿון יענער תּקופֿה און עס זעט זיך אין וואָסערע געגנטן פֿון דער דעמאָלטיקער ייִדישער וועלט די תּורה פֿון חסידות האָט אַלץ אָנגעשלאָגן: רבי פּנחס פֿון קאָרעץ, רבי יחיאל מיכל פֿון זלאָטשעוו, רבי וואָלף פֿון זשיטאָמיר, רבי מנחם מענדל פֿון פּרעמישלאַן, רבי שמעלקע פֿון ניקעלשבורג, רבי מנחם מענדל פֿון וויטעבסק, רבי מרדכי פֿון לעכעוויץ, רבי זישע פֿון אַניפּאָלי, רבי אלימלך פֿון ליזשענסק, רבי ישׂראל פֿון קאָזשעניץ, רבי יעקבֿ יצחק פֿון לובלין. אָבער לויט דער זעלבער חסידישער טראַדיציע, זענען געווען דריי, אין וועמען רבי דובֿ בער האָט דער עיקר געזען דעם המשך פֿון דער נייער באַוועגונג. אין דער חורבה, וואָס אין איר האָט ער געוווינט מיט זיין משפּחה מחוץ פֿון דער שטאָט, האָט ער לגמרי נישט געפֿילט די קעלט, וואָס האָט אַהין אַריינגעבלאָזן פֿון די אַרומיקע ליידיקע שטחים. דריי האָבן אָנגעיאָגט אַ חמימות און אַ זיכערקייט, אַז חסידות וועט געווינען די הערצער אַפֿילו פֿון אירע קעגנער. די דריי זענען געווען: רבי שניאור זלמן פֿון ליאַדי, רבי לוי יצחק פֿון בערדיטשעוו און רבי אהרן פֿון קאַרלין. אין דרך פֿון רבי שניאור זלמן האָט אַרויסגערופֿן התפּעלות זיין אומגעווייגלעכער כּוח צונויפֿצובינדן תּלמודישע לומדות מיט דער געדיכטקייט פֿון דער מיסטיק, אָדער ווי דאָס ווערט אָנגערופֿן אין דער חסידישער ליטעראַטור נגלה מיט נסתּר, לערנען און דאַווענען. רבי שניאור זלמן דערציילט וועגן זיך, אַז ער האָט געהערט אין זיין יוגנט, אַז אין ווילנע, ביים גאון, לערנט מען גוט, און אַז אין מעזריטש, ביים מגיד, דאַוונט מען גוט, און ער האָט באַגערט צו פֿאַראייניקן ביידע, דאָס לערנען און דאָס דאַווענען. רבי לוי יצחק האָט געוועקט באַוווּנדערונג מיט זיין גליִענדיקער אהבֿת ישׂראל, מיט זיין שטורעמדיקן מוט מלמד זכות צו זיין אויף דער ייִדישער אומה אויך פֿאַרן הימלישן טראָן, און מיט זיין אומדערשיטערטער זיכערקייט אין דער גרויסקייט פֿון דער ייִדישער נשמה. רבי אהרן איז דערשינען מיט זיין אומגעשטילטן דורשט

צו אויפשטייג און דערהויבונג. דאָס איז דער דורשט, וואָס וועגן אים האָט גערעדט דער נביא עמוס אין אַכטן קאַפּיטל פון זיין ספר, אַ הונגער נישט נאָך ברויט, און אַ דורשט נישט נאָך וואַסער, נאָר צום געטלעכן וואָרט. (הנה ימים באים... והשלחתי רעב בארץ, לא רעב ללחם, ולא צמא למים... עמוס ח׳, י״א). דער דורשט, וועלכער שרייט אַרויס פון די פרקים פון ספר הזוהר און פון געזאַנג, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין צפת אין דער סביבה פון רבי יצחק לוריא און זיינע תלמידים, די מקובלים פון צפת. דער דורשט, וואָס איבער אים איז די רייד אין תהלים (כאַיל תערוג על אפיקי מים כן נפשי תערוג אליך... צמאה נפשי... תהלים מ״ב, ב). דער דורשט און די נאָגנדיקע בענקעניש צו דערנענטערן זיך צו דער געטלעכקייט.

עס מעג אויסקומען ווי אַ קוריאָז, אָבער עס איז דאָך אַ באַשטעטיקטער פאַקט, אַז אין יענער תקופה, ווען חסידות האָט געזוכט איר וועג צום ייִדישן מענטש, איז דווקא ליטע באַטראַכט געוואָרן דורך די קעגנער פון חסידות ווי די נעסט פון דער אויפשפּראָצנדיקער באַוועגונג. די אָנהענגער פון חסידות, אָן אונטערשייד, אין וועלכער געגנט זיי האָבן געוווינט, זענען בדרך כלל אָנגערופן געוואָרן „די קאַרלינער״. אין די פּאַמפלעטן, וואָס זענען דעמאָלט, אויף דער שוועל פון נייננצנטן יאָרהונדערט, דערשינען קעגן דער „חסידישער סעקטע״, איז זי אָפט באַצייכנט געוואָרן ווי די „קאַרלינער סעקטע״. אויף רבי אהרן, דער גרינדער פון קאַרלינער חסידות, איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן די שולד פאַרן וווּקס פון דער באַוועגונג. אויף אים, מער ווי אויף עמעצן אַנדערש. קעגן קאַרלין זענען געוווען געוועגדט די אָנגריפן פון די קעגנער. אויף דער גרויסער אסיפה פון רבנים און פרנסים, וואָס זענען זיך צונויפגעקומען אין שקלאָוו, האָט מען אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף רבי אהרנען, אַז דאָס טוט ער פאַרשפּרייטן אין דער ליטע די תורה פון וואָנדערנדיקן בעלפער פון מעדזשיבאָזש. און אין ווילנע און אין פּינסק האָט מען זיך פונאַנדערגעשריִען: קאַרלין, פון קאַרלין דראָט די „סכנה״!

דאָס, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען וועגן גרינדער פון קאַרלינער חסידות, איז געענוי ווי דער מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן וועגן זיינע גרויסע בני דור, וועלכע האָבן אויסגעבויט די נייע שיטה אין ייִדישקייט — אַן אויסגעמיש פון ווירקלעכקייט און פאַרשטעלונג. אַ זון פון אַ מתנגדישער פאַמיליע (תצ״ו, 1736, איז דאָס יאָר, ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט), איז ער גראָד געוואַקסן אין אַ נגידישער היים. לויט דער לעגענדע, וואָס האָט זיך וועגן אים אויסגע־שפּונען, פלעגט ער גיין אָנגעטאָן אין שיינע מלבושים און אַרומפאָרן אין אַ גרויס־אַרטיקער קאָטש. אָבער ער איז נישט לאַנג פאַרבליבן צופרידן מיט זיין סביבה און מיטן לעבנס־שטייגער, וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען. ער האָט דערשפּירט דעם גייסטיקן דורשט, וואָס האָט אים זינט דעמאָלט מער נישט אָפּגעלאָזט, און ער האָט געזוכט ווו אים איינצושטילן. האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט צום רבי דוב בער,

דעם מגיד פון מעזריטש. די חסידישע לעגענדע ווייסט צו דערציילן, אַז ווען ער איז אַריינגעגאַנגען אין חדר פון מגיד, האָט ער זיך אָוועקגעלייגט אויף זיין בעט, און איז אָפּגעשלאָפן אַ טאָג מיט אַ נאַכט. דער מגיד האָט נישט געלאָזט, אַז מען זאָל אים אויפוועקן. דער מגיד האָט געזאָגט: לאָזט אים אָפּ, ער לייגט איצט די תפילין פון באַשעפער פון דער וועלט. נאָך דעם, ווי ער איז אָפּגעווען אַ שטיקל צייט ביים מגיד, האָט מען ביי אים געפרעגט, וואָס ער האָט געלערנט אין מעזריטש. ער האָט געענטפערט: גאָרנישט, איך האָב געלערנט גאָרנישט. און ווען מען איז צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער זאָל אויסטייטשן די כּוונה פון זיין מאָדנעם ענטפער, האָט ער דערקלערט: איך האָב ביים מגיד געלערנט דעם טייטש פון גאָרנישט. איך בין גאָרנישט, אָבער פאָרט בין איך דאָ, איז בכן מיין חוב צו פאַרשפּרייטן איבער דער וועלט די תורה, וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן אין חסידות. און טאָקע ער, דער יונגער בחור פון קאַרלין, האָט באַקומען דעם באַפעל פון מגיד פונאַנ־דערצוטראָגן די פונקען פון חסידות.

אין דער חסידישער לעגענדע ווערט אויך דערציילט, ווי אַזוי און אין וואָסערע אומשטענדן דער מגיד האָט דערקענט, אַז דער קאַרלינער איז באַשטימט געוואָרן צו זיין דער שליח פון חסידות אין דער וועלט. דאָס איז געווען די צייט, ווען די קאָזאַקן, וועלכע מען האָט דעמאָלט גערופן היידאַמאַקעס, זענען באַפאַלן יידישע ישובים און אומגעברענגט יידישע לעבנס. אויך אויף דער קהילה אין מעזריטש האָט זיך אויסגעגאָסן דער צאָרן. אַזוי ווי יידן האָבן דאָס געטאָן אין אַנדערע קהילות, האָבן מעזריטשער יידן זיך צונויפגעזאַמלט אין בית־המדרש, קליין און גרויס, און געגרייט זיך מיט די ספרי תורה אין די הענט אומצוקומען על קידוש השם. אָבער דער קאַרלינער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים אַריינגאַנג צו דער שול, און ווען די קאָזאַקן האָבן זיך דערנענטערט, האָט ער אויסגעשריִען: למה רגשו גוים? פאַר וואָס וואַרפן זיך די פעלקער פון דער וועלט קעגן אונדז, יידן? — זיין קול האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה. די חסידישע לעגענדע דערציילט, אַז די קאָזאַקן זענען צעטומלטע אָוועקגעלאָפן פון בית־המדרש, און אין דער שטילקייט, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער עדה יידן, האָט זיך דערהערט די שטימע פון מגיד: דאָס ביסטו דו, אהרן, אָנגעברייט געוואָרן צו זיין דער שליח פון בעל־שם־טוב צו אונדזערע ברידער יידן!

דער גרויסער רבי אהרן — רבי אהרן הגדול — ווי אַזאַ איז דער ערשטער שליח פון דער חסידות-אידעע אַריינגעטראָטן אין אונדזער געשיכטע. האַרציקע און וווּנדערלעכע מעשׂהס ווערן דערציילט מכּוח זיין אומגעווייִנלעכן טאַלאַנט צו געווינען אָנהענגער פאַר דער תורה פון חסידות. ער האָט געפאַנגען דאָס האַרץ פון די מענטשן. מען האָט געלעכצט צו הערן זיין וואָרט. אין די שולן, ווו ער פלעגט האַלטן זיינע דרשות בין מנחה למעריב, אין דער געגנט פון פּאָלעסיע, אין די שטעט פון דער ליטע, איז דער געדראַנג געווען גרויס. ער האָט גאָרנישט

נאָכגעלאָזט אין יידישקייט, און גאָרנישט צוגעזאָגט. אָבער דער דורשט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אים, האָט זיך אַריבערגעטראָגן צו די, וואָס האָבן זיך איינגעהאָרכט צו זיינע רייד. זיין אומרו האָט אָנגעצונדן התלהבות. רבי אהרן קאַרלינער איז בלי ספק איינער פון די גרויסע בעלי־דרש, וואָס זענען דערשינען אין דער יידישער געזעלשאַפט. און עס איז שווער צו באַשטימען, ווו עס איז פאַרבאָרגן דער סוד פון זיין ווירקונג. צי דאַרף מען אים זוכן אין זיין נאָענטקייט און האַרציקער זאָרג פאַרן אָרעמען און נויטבאַדערפטיקן, אין פשטות פון זיין וואָרט, אין דער תמימות פון זיין פערזענלעכקייט אָדער גאָר טאָקע אין יענער דורשטיקייט, וואָס איז מסוגל אַפילו די האַרטע פעלזן צו צעעפענען. ווי אַ ווונדער האָט מען זיך דעמאָלט איבערגעגעבן, אַז ער איז בכוח געווען אַריינצוברענגען אַן איבערקערעניש אַפילו אין לעבנס־שטייגער פון רבי חייקא. דער דאָזיקער חיים — חייקא (חייקל), וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן און גאַטספאַרכטיק, האָט אויסגעקליבן דעם וועג פון התבודדות. ער האָט געלעבט אין אַ וואַלד אין דער איינזאַמקייט, אָפּגעשיידט פון רויש פון לעבן. אין זיינע וואַנדערונגען האָט אים באַגעגנט רבי אהרן. צווישן זיי האָט זיך אַנטוויקלט אַ שמועס. רבי אהרן האָט דווקא פאַרלאַנגט, אַז דער איינזאַמער מענטש זאָל קומען פאַרנאַכט אין בית־המדרש הערן זיין דרשה. אויך רבי חייקא האָט נישט געקענט זיך אַנטקעגנשטעלן דעם גרויסן בעל־דרשן. ער איז געקומען, געהערט, און דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזט קיין מעזריטש צום מגיד, און אַרויף אויפֿן וועג פון חסידות.

מיט אַ נישטדאָיקן אימפעט און מיט אַ התלהבות, וואָס פון איר זענען יידן אין דער ליטע צעגליט געוואָרן, איז רבי אהרן אַרומגעפאָרן איבער די יידישע ישובים. מיט נישטדאָיקע כוחות איז אין דער שעה פון זונפאַרגאַנג געשטאַנען פאַר די עדות יידן און די בתי־תפילה און גערעדט וועגן די טויערן פון רחמים, וואָס עפענען זיך פאַר דער געהייליקטער אומה, אָבער מיט אַ נישטדאָיקער פלוצימדיקייט איז ער אַוועקגענומען געוואָרן פון זיין שליחות, אין עלטער פון זעקס און דרייסיק יאָר איז אויסגעלאָשן געוואָרן דאָס לעבן פון גרויסן רבי אהרן. אַ קראַנקהייט, וואָס האָט געדויערט בלויז דריי טעג, האָט אונטערגעהאַקט די דערוואַרטונגען, וואָס חסידות האָט מיט אים צונויפגעבונדן. „ער איז געווען אונדזער כלי־זין און אונדזער שוץ" — האָט זיך צעוויינט דער מגיד, בעת עס איז צו אים דערגאַנגען קיין מעזריטש די ידיעה וועגן דער פריצייטיקער פטירה פון קאַרלינער — „וואָס וועלן מיר איצט טאָן אָן אים? וויי איז צו אונדז!... דער מגיד האָט צוגעגעבן: אַזוי ווי נאָך דער פטירה פון אהרן הכהן, האָבן זיך פון אונדז אָפּגעטאָן די געטלעכע וואָלקנס, וואָס באַגלייטן אונדז (מת אהרן, ונסתלקו ענני כבוד, מסכת ראש השנה, ג'). זיין תלמיד רבי שלמה, וועלכער האָט שפּעטער פאַרנומען זיין אָרט אין קאַרלינער חסידות, האָט אים פאַרגליכן צו חנוך, וועגן וועמען עס ווערט דערציילט אין חומש בראשית, אַז ער איז אַוועק פריצייטיק פון

דער וועלט, פּריצייטיק און פּלוצלונג. ער האָט ביי די מענטשן אָפּגענומען דעם כּוח אויסצוווילן זייער וועג, האָט מסביר געווען רבי שלמה. ער האָט ביי זיי אָפּגענומען זייער ווילן, און אויף דער ערד האָט מען נישט געקענט מער פאַרטראָגן דאָס, וואָס שטייגט אַריבער די כּוחות הטבע. לויט ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט רבי שניאור זלמן פון ליאַדי, איז רבי אהרן געווען דער מקור פון די הימלישע איבערלעבונגען אין ייִדישן מענטש. ער האָט זיך אַליין דערהויבן צו די הימלען און איז מסוגל געווען אויפצוהויבן אויך אַנדערע צו די הימלישע הויכקייטן.

דאָס איז געווען אַ שווער און אומהיימלעך יאָר, דאָס יאָר תקל״ב. אין יענעם יאָר, ווען עס איז איבערגעהאַקט געוואָרן די שליחות פון רבי אהרן, איז אַ ביסל שפּעטער אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט דער מגיד פון מעזריטש. אין יענעם יאָר איז אויך אויסגערופן געוואָרן דער חרם קעגן חסידות, און דאָס פייער פון מחלוקת האָט זיך צעפלאַקערט. לויט דעם אויסטייטש אין חסידישן פאָלקלאָר, האָט דער גרויסער רבי אהרן געשפּירט, אַז די פינצטערניש פאַלט אַראָפּ, און ער, דער לייכטנדיקער שטערן, האָט געמוזט זיך אָפּרוקן איידער די פינצטערניש האָט זיך אויסגעשפּרייט אין איר פולער געדיכטקייט.

ג

„די דאָזיקע וועלט איז די נידעריקסטע פון אַלע וועלטן, אָבער זי איז בעצם די העכסטע פון זיי אַלע״ — אַזוי האָט געזאָגט רבי אהרן פון קאַרלין, און אַרום דאָזיקן געדאַנק איז געגאַנגען זיין שיטה. אין איר זענען אַריינגענומען געוואָרן יסודות און שפּליטערס פון די גייסטיקע שיטות, וואָס האָבן אין פאַרשידענע צייטן געגעבן אינהאַלט און אָנווייז דעם ייִדישן מענטש, און האָבן זיי אַפילו געקענט אויסקומען צו זיין אין קעגנזאַץ צו דער תּורה פון מעזריבאָזש. אין קאַרלין האָט מען אַפילו נישט אָפּגעוואָרפן אין גאַנצן דאָס אַנטלויפן אין דער איינזאַמקייט און דעם פּרווו צו זוכן אין פאַסטן דעם וועג צו גאָט און צו זיך.

עס איז ריכטיק, אַז אין קאַרלין איז אונטערגעשטראָכן געוואָרן, אַז פרייד איז דער קוואַל, וואָס דאַרף שטראָמען אין ייִדישן מענטש, און אַז נישט גזירות און נישט רדיפות און נישט די שרעקלעכע אָרעמקייט קענען פאַראומערן דאָס געמיט. די שווערע דאגות טאָרן נישט אַרויפוואַרפן קיין טרויער. אויב אַפילו מען קען נישט זאָגן אויף עצבות, אַז זי איז אַן עבירה, האָט דערקלערט דער קאַרלינער, פאַרטעמפּט זי אָבער די געדאַנקען און געפילן, און טמטום הלב — גיין אין לעבן מיט אַ האַרץ, וואָס איז פאַרשטאָפּט — איז אַ זינד. אַ ייִד טאָר בכן נישט זיין טרויעריק. דער ייִד, וואָס איז נישט מלא שׂמחה צוליב דעם, וואָס ער איז אַ

ייִד, איז אַן אומדאַנקבאַרער מענטש. ער ווייסט נישט ווי אָפּצושאַצן די גרויסע ברכה און דעם טייערן געשאַנק, מיט וועלכן ער איז באַשאָנקען. דער ייִד, וואָס פאַלט אַריין אין עצבות, האַלט, אַז מען איז אים עטוואָס שולדיק, אַז אים קומט עטוואָס, אָבער אויב מען איז אַ ייִד, פאַרמאָגט מען דאָך אַלצדינג. וואָס פעלט אונדז, אויב מיר קענען זיך אויסטענהן מיטן באַשעפער, אַזוי ווי קינדער טענהן זיך אויס מיט זייער פאָטער.

אָבער גלייכצייטיק מיטן טראָפּ, וואָס איז געלייגט געוואָרן אויף פרייד, האָט מען אין קאַרלין באַין אופן נישט מסכים געווען צו פאַרפלאַכן און פאַראײנפאַכן דעם גאַנצן ענין פון שׂמחה. אויך אין פשט איז פאַראַן עמקות. און צו עכטער, דערהויבענער פרייד קען מען דערגיין דורך פאַרשידענע וועגן. אויב עמעצער גלויבט, אַז ווען ער וועט פאַסטן אַ טאָג, וועט ער מסוגל זיין צו לייטערן זיינע מידות, זאָל ער דאָס טאָן, אדרבא. אין אַ בריוו, וואָס איז פאַרבליבן נאָך רבי אהרן קאַרלינער, און וואָס איז געשריבן מיט רירנדיקער האַרציקייט, וואָרנט ער קעגן די עקסטרעמען. פראַוועז סתם תעניתים און סיגופים און פירן זיך לויט דעם, וואָס עס האָבן דעמאָלט אָנגעוויזן די פּאָפּולערע מוסר־ספרים, שרייבט ער, איז די עצה פון יצר הרע, פירט אַראָפּ פון וועג. אָבער אָפּוואַרפן אַלץ, וואָס ווערט געזאָגט אין זיי, איז אויך נישט ריכטיק. אין קאַרלין האָט מען געוואָרפן אַ בריק איבער די פאַרשידענע שיטות, וואָס האָבן אויסגעבויט דעם ייִדישן מענטש. אין דער צייט, ווען אַן אַנדערער תּלמיד פון בעל־שם־טוב, רבי יעקב יוסף פון פּאָלאָנאָי, האָט געפירט שאַרפע וויכוחים מיט די קעגנער פון חסידות, האָט רבי אהרן קאַרלינער פאַרטרעטן דעם שניידיקן וויכוח אָט מיט דער לירישער התלהבות און אָט מיט דער גליִענדיקער התלהבות. אין אויבן דערמאָנטן בריוו ווערט שטרענגער, אָנגענומענער לעבנס־שטייגער באַהויכט מיטן אָטעם פון די מקובלים. דער אַר״י און דער של״ה נידערן אַראָפּ פון זייערע מיסטישע הויכקייטן און נעמען אַן היימישלעך ביי דער האַנט דעם איינפאַכן ייִד פון פּינסק און פון קאַרלין, און גייען מיט אים צוזאַמען צו די קוואַלן פון ייִדישקייט צו שטילן זייער דורשט. בעת דאָ און דאָרט זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען השערות, אַז חסידות איז געקומען מיט דער דעה צו פאַרלייכטערן דורותדיקע ייִדישקייט, האָט אין קאַרלין זיך אַרויסגעוויזן, אַז חסידות איז ייִדישקייט אין איר פולן פאַרנעם. אויך דער קרייז פון מתנגדים קען נישט פאַרבלייבן אָפּגעפרעמדט פון רבי חיים וויטאַל צי פון רבי משה קורדובירו.

עס זענען פאַרבליבן אין נאָמען פון רבי אהרן פאַרצייכענונגען, וואָס דערלויבן צו וואַרפן אַ בליק אין זיין אינערלעכער וועלט. אַפילו ווען אברהם אבינו, האָט ער געזאָגט, וואָלט מיט אים זיך געוואָלט פאַרטוישן, און ער, דער קאַרלינער, זאָל ווערן אברהם אבינו, וואָלט ער אויפן דאָזיקן טויש נישט מסכים געווען. יעדער איינער האָט זיין שליחות צו דערפילן. דער לייטער פון יעקב, וואָס וועגן

אים דערציילט דער חומש, אַז מען האָט אויף אים געקענט אַרויפגיין צום הימל, איז געשטאַנען אויף דער ערד. (סולם מוצב ארצה, וראשו מגיע השמימה, בראשית כ״ח, י״ב). יעדער איינער דאַרף שטיין אויף זיין נקודה, און פון דאָרט אָנהויבן קלעטערן. נאָר אויב מען שטייט אויף דער ערד, קען מען דערגרייכן צום הימל. אין די חסידישע ספרים ווערט דערציילט, אַז פון הימל האָט מען געוואָלט באַשענקען רבי אהרנען מיט אַלע תענוגים פון דער וועלט, אָבער ער האָט נישט געוואָלט זיי אָננעמען, צו ערשט דאַרף איך זיך אָנשטרענגען, כדי צו באַקומען די תענוגים, האָט ער געזאָגט. דער סדר היום פון גרויסן רבי אהרן איז געווען פול מיט אָנשטרענגונג און אַרבעטן איבער זיך. און וואָלט מען נישט געוווסט, אַז דאָס איז דער סדר היום פון רבי אהרן, וואָלט מען געקענט באַקומען דעם איינדרוק, אַז ער איז פאַרבליבן פון די כתבים פון די, וואָס האָבן אויסגעבויט די מוסר־באַוועגונג אין דער ליטע. אָבער אין רבי אהרנס סדר היום רעדט זיך אויך אַ סך וועגן פרייד. די מרה שחורה, שרייבט ער, פירט צו אַלע שלעכטע מידות.

צווישן די געוווינהייטן, וועלכע מען דאַרף אויסרייסן פון זיך, געפינט זיך די איבערגעטריבענע ליבשאַפט צו זיך אַליין, די חשיבות, וואָס מען גיט דעם אייגענעם „איך״. דאָס אַנטלויפן אין דער איינזאַמקייט קען דערפאַר ווערן געפערלעך, ווייל אין התבודדות האָט אַ ברירה אויסצוואַקסן די אייגענע וויכטיקייט, און מען פאַרזעט דעם מיטמענטש. אַ ייִד אַ חסיד האָט איין מאָל שפּעט אין דער נאַכט אָנגעקלאַפּט ביי אהרנען אין פענצטער: עפּנט רבי אהרן, דאָס בין איך! רבי אהרן איז דעמאָלט געזעסן און געלערנט. ער האָט זיך נישט אויפגעהויבן פון אָרט צו עפענען די טיר. דער ייִד האָט געקלאַפּט און געקלאַפּט, אָבער רבי אהרן האָט נישט געעפנט. פאַר וואָס עפנט איר מיר נישט די טיר, רבי אהרן? — איז דער ייִד געוואָרן אומגעדולדיק. רבי אהרן האָט געענטפערט: מען טאָר נישט זאָגן „איך״, בלויז די אַנטפלעקונג אין סיני האָט זיך אָנגעהויבן מיט „אנכי״...

אין באַנעם פון קאַרלין האָט דער ניגון אַ געוואַלטיקע השפעה אין אויסבוי פון געמיט און כאַראַקטער. זינט די טעג פון בעל־שם־טוב האָט דער ניגון נישט בלויז באַגלייט חסידות, נאָר ער איז געוואָרן אַן עיקר אין דער שיטה. מיט געזאַנג קען מען לייטערן נשמות, איז געוואָרן אַ כלל אין חסידות. נישטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, האָט פאַרזיכערט רבי נחמן בראַצלאַווער, וואָס זאָל נישט האָבן קיין ניגון, און אַפילו אַפּיקורסות האָט אַ באַזונדערן ניגון. בעת מען האָרכט זיך איין אין אַ ניגון, ווערט די נשמה מיטגעצויגן מיט יעדער תנועה, און דער תענוג איז גרויס און ווונדערלעך. אָבער אין קאַרלין איז מען זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין געזאַנג אפשר מער ווי אין יעדן אַנדערן חסידישן צענטער פון יענער צייט. דער ניגון איז די התפעלות פון האַרץ און נשמה, האָט מען דאָרט געזאָגט. קומט, לאָמיר זינגען — לכו נרננה — אָ, זינגט, איר גערעכטע! — רננו צדיקים — אַלטע פסוקים פון תהלים, וואָס האָבן צוליב דעם, וואָס מען באַנוצט זיך אָפט מיט

זיי, אויפגעהערט פאַרמאָגן די אָריגינעלע קראַפט, זענען אָנגעלאָדן געוואָרן מיט אינהאַלט. אין קאַרלין האָט מען אויסגעזונגען דאָס דאַווענען. איין מאָל אַ פרייטיק צו נאַכטס, נאָך דער שבתדיקער סעודה, ווען רבי אהרן איז געווען אין מעזריטש, איז ער אַוועק צו זיך אין דער אַכסניה און דאָרט געברומט שטילערהייט שיר השירים. באַלד האָט אָנגעקלאַפּט ביי אים אין דער טיר דער שמש פון מגיד, ער האָט אים געזאָגט, אַז דער מגיד קען נישט איינשלאָפן. הגם די אַכסניה איז געווען וויט פון דער דירה פון רבין, הילכט אָפּ דער שיר השירים ביי אים אין חדר... רבי אהרן האָט אויך אָנגעשריבן אַ האַרציקע זמירה לכבוד שבת, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער „יה אכסוף נועם שבת”, גאָט, איך בענק צו דער זיסקייט פון שבת.

די צוואה, וואָס איז פאַרבליבן נאָך רבי אהרן, רופט אַרויס אַן אינערלעכן ציטער, בעת מען הערט אירע שורות. דאָרט איז קאָנצענטרירט יידישקייט, אַזוי ווי זי איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשידענע תקופות און אין כלערליי שיטות. אָט ווייזט זיך אייך אויס, אַז זי יאָגט אויף אייך אָן דעם פּאַטאָס, וואָס דורות יידן האָבן אַרויסגעטראָגן פון תנ״ך. אָט פילט איר דעם חותם, וואָס די סוגיות פון תלמוד האָבן איבערגעלאָזט אין דענקען און פילן פון חסידישן גדול. אָט קומט אייך אַנטקעגן די אידעע, וואָס אויף איר איז געבויט דער זוהר: „לית אתר פנוי מיניה” — נישטאָ קיין אָרט, וואָס זאָל זיין פריי פון דער געטלעכקייט. — אָט דאַכט זיך אייך אויס, אַז איר האָט פאַר זיך דעם „חובות הלבבות”, דער ספר פון רבנו בחיי, דער דיין פון סאַראַגאָסאַ. אָט קומט אייך אויס, אַז איר באַגעגנט זיך דאָ מיט דער מחשבה און לשון פון רמב״ם. אָט פילט איר ווי דער תוכן איז באַוועלטיקט פון דער אגדה, וואָס טראָגט אייך אַוועק צו דער וועלט פון רש״י. אַ צוואה, וואָס פון איר פליסטערן אַרויס טיפע אמונה, שטילע באַשיידנ־קייט ,ערנסטע זאָרג פאַר יידן און יידישקייט און גרויסע דערוואַרטונג. זאָל מען אויסקריצן, בעט ער, אויף דער מצבה בלויז עטלעכע ווערטער: פה נפטר פלוני הנולד מאשה פלונית.... וואָס אויב ער האָט אַ מאָל געזאָגט מוסר, האָט ער עס געטאָן פון ליבשאַפט צו גאָט און צו זיין פאָלק...

די, וועלכע צווייפלען אין באַזונדערן געשיכטלעכן וועג פון דער יידישער אומה, אָדער, ווי דאָס קלינגט אין לשון פון די אַלטע מדרשים, אין אויסשליסלעכן גייסטיקן געשטאַלט פון אונדזער אומה, (שׂר האומה), דאַרפן מעיין זיין אין דער צוואה פון גרויסן רבי אהרן. ערשט דאַן ווערן פאַרשטענדלעך די ווערטער, מיט וועלכע רבי ישראל פון ריזשין האָט אָפּגעשאַצט דעם גרינדער פון קאַרלינער חסידות: ער איז געווען דער אמת פון דער וועלט.

ד.

דער שטערן האָט זיך אויסגעלאָשן. אין געווירבל פון די געשעענישן האָט קאַרלינער חסידות ציטנווייז זיך געמוזט אַריבערטראָגן אין אַנדערע נאָענטע מקומות, קיין לודמיר, קיין סטאָלין. אָבער דער ניגון, וואָס איז פאַרצויגן געוואָרן דורך רבי אהרן, איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. נוסח קאַרלין האָט אַריינגעבראַכט פּילפּאַרביקייט אין ליטווישן ייִדנטום. אין קאַרלינער חסידות איז אויסגעוואַקסן רבי אשר, דער זון פון רבי אהרן, מיט זיין אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון וועלט און ייִד. פאַר וואָס האָט זיך ביי אונדז איינגעשטעלט דער נוסח: צא ולמד, גיי אַרויס און לערן? האָט געפרעגט רבי אשר. ער האָט געענטפערט: בעת מען זעצט זיך לערנען, מוז מען אַרויסגיין פון דער וועלט. דער עיקר איז פאַר אים אויסגעקומען צו זיין די גאַנצקייט אין ייִד. נישט אַריינברענגען קיין ריס צווישן וואָרט און טאַט. טראָגן דאָס וואָרט מיט זיך און אין זיך. ער האָט אויסגעטייטשט אויף זיין אייגענעם אופן דעם תּלמודישן מאמר „אין מזל לישׂראל" (שבת קנ"ו). דער „אין", דער „נישט", איז דער ייִדישער מזל. מיר קענען אָוועקשטעלן זיך און זאָגן ניין צו אַלע עבודה זרהס. עס איז זיך נישט צו ווונדערן, אַז ווען רבי ישׂראל סאַלאַנטער האָט יאָרן שפּעטער געגרינדעט אין דער ליטע די מוסר־באַוועגונג, האָט ער איינגעפירט אַ סך פון חסידישן נוסח אין זיין שיטה, און זיינע מנינים זענען אָנגערופן געוואָרן „שטיבלעך". פיל באַגריפן אין דער מוסר־באַוועגונג זאָגן עדות, ווי נאָענט מוסר איז געווען צום דרך פון קאַרלין. פאַר רבי אָשר איז ייִדישקייט געגליכן צו דעם קרבן עולה, וואָס ביי אים שטייט געשריבן „על מוקדה". מיט פייער, מיט פלאַם מוז פלאַקערן אונדזער אמונה. און אויב עס איז די רייד וועגן גאולה, האָט ער דערקלערט, טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז אין אונדז ווענדט זיך אין אַ שפּאַרער מאָס דער דאָזיקער ענין. עס ווענדט זיך מיט וואָס מיר פולן אויס אונדזערע טעג. אַזוי האָט ער פאַרטייטשט די תּפילה: ובנה אותה בקרוב בימינו בנין עולם. מיט אונדזערע טעג, מיט די מעשׂים, וואָס מיר טוען אָפּ אין זיי, קענען מיר צואיילן די גאולה. אויב אַפילו מיר ווערן געזידלט צוליב אונדזער דרך אין חסידות, דאַרפן מיר נישט אָפּענטפערן, כּדי אויסצומיידן מחלוקת און פוסטע באַרימעריי.

אַ גאָר שווער לעבן האָט געהאַט רבי שלמה דער קאַרלינער, וועלכער איז געווען אַ תּלמיד פון גרויסן רבי אהרן, און האָט אָנגעפירט מיט קאַרלינער חסידות, ציִענדיק פון דאָרט זיין גייסטיקן שורש. די רדיפות זענען אויף אים אַראָפּגעפאַלן פון אַלע זייטן, ער איז אומגעקומען ווי אַ קדוש. אין דער מלחמה, וואָס איז אין זיין צייט אָנגעגאַנגען צווישן רוסלאַנד און פוילן, איז ער דערהרגעט געוואָרן אין לודמיר דורך אַ רוסישן קאָזאַק בשעתן דאַווענען. עס זענען פאַרבליבן נאָך אים געדאַנקען און פּירושים, וואָס זענען רירנדיק און לויטער, און

צייכענען זיך אויס מיט זייער אַריינדרינגענדיקער פשטות און קלאָרקייט. ער איז אַריינגעגאַנגען אין דער געשיכטע פון חסידות ווי דער גרויסער מתפלל. איבערן הייסן געפיל, וואָס האָט אַרויסגעשטראָמט פון זיינע תפילות, ווערט אַ סך גערעדט אין די חסידישע ספרים. חסידים האָבן געזאָגט, אַז ער האָט אין זיין דאַווענען נישט איבערגעלאָזט קיין פונק, וואָס איז נישט אָנגעצונדן געוואָרן, און אַז אין זיין כּל נדרי האָט ער צונויפגעזאַמלט אַלע הייליקע ניצוצות פון די ייִדן פון ליטע, פוילן און ווייסרוסלאַנד, און זיי געבערענגט פאַרן כסא הכבוד. ער ווערט פאַרגליכן צו רבי לוי יצחק בערדיטשעווער. זיי האָבן זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט, בעת רבי לוי יצחק איז געווען רב אין פינסק, און רבי שלמה איז געווען אַ קבצן אַ מלמד אין קאַרלין.ביידנס פּנימער האָבן געגליט אין דער דאַזיקער באַגעגעניש, ביידע האָבן געפילט די קרובהשאַפט פון זייערע נשמות. איבערביידן דערציילט מען ענלעכע זאַכן. בעת איינער אַ ייִד האָט ביי אים געבעטן אַז ער זאָל אים באַזוכן אויף צומאָרגנס, האָט ער זיך אָפּגערופן: ווי קען איך אַזוינס צוזאָגן? היינט דאַרף איך נאָך דאַווענען מעריב, אין דער פרי דאַרף איך דאַווענען שחרית. ווי קען איך וויסן אין וואָסער מצב איך וועל זיך געפינען נאָך די תפילות?

חסידים האָבן דערציילט, אַז רבי שלמה האָט אַלע מאָל נאָכן דאַווענען געשפּיגן מיט בלוט ,ווי אַ פּועל־יוצא פון זיין אומגעוויינלעכער התלהבות.

אויך אין זיין מלמד זכות זיין אויף ייִדן האָט רבי שלמה דערמאָנט דעם בערדיטשעווער. ער האָט אָנגעוויזן, אַז בעת מען טוט אַ טובה עמעצן, דאַרף מען זיין גרייט אַריינצוגיין צוליב אים אין בלאָטע. דאָס ערגסטע, וואָס פּאַסירט מיט אונדז ייִדן, האָט ער באַמערקט, איז, וואָס מיר פאַרגעסן, אַז מיר זענען בני מלכים. דאָס איז אונדזער שווערסטע זינד. יעדער ייִד איז אַ בן מלך, און דאַרף זיין איבערצייגט, אַז ער איז איינער אויף דער וועלט, און קיינער קען זיך נישט צו אים פאַרגלייכן. יעדער ייִד האָט אין זיך אַ טייל פון דער געטלעכקייט. הלוואי, האָט ער אויסגערופן, וואָלט איך ליב געהאַט דעם גרעסטן צדיק, אַזוי ווי דער רבונו של עולם האָט ליב דעם גרעסטן רשע. אַ סך פון זיינע געדאַנקען זענען פאַר־בליבן אין די חסידישע ספרימלעך אין לשון, אין וועלכן זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, אין ייִדיש. אָט זענען אייניקע פון זיי: דאָס איז אַ שטראָף פון גאָט, אַז מען טוט אַ מצווה, און לייט וויסן דערפון... איז מען אָרעם, איז מען דערהויבן, איז מען דערהויבן, איז מען אָרעם... איטלעכער ייִד האָט אַ טעלעגראַף אין זיין מויל צו די עולמות העליונים... דורך זייער אמונה דערהערן ייִדן, אַז גאָט איז באַהאַלטן אין איטלעכן ייִד... תעניתים און סיגופים נוצן מיר נאָר מיט ג׳ תּנאים: אַ געזונטער מענטש, אַ גראָבע עבירה און אין די קליינע טעג; אַ נישט באַדאַרף מען נישט... אויף דעם אָרט, וואָס מען ברעכט דעם קאָפּ אויף נאַרישע חשבונות, זאָל מען בעסער דאַווענען און לערנען פריש און לעבעדיק...

אין קאַרלין האָט מען גלייך אין דער בראשית תקופה פון חסידות צוגעגעבן

חשיבות דעם געבאָט פון לערנען. פאָלקסטימלעך און פאַרבונדן מיט עמך, מיט די ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר, האָט מען דאָרט געשטרעבט, אַז אַלע זאָלן לערנען, און יעדער איינער זאָל, לויט זיינע גייסטיקע מעגלעכקייטן, נישט יוצא זיין בלויז מיט אַ פּסוק חומש מיט רש״י, נאָר טאַקע זיך זעצן לערנען אַ בלאַט גמרא. אין קאַרלין האָט מען געזאָגט צום עולם: ווען איר זאָלט לערנען אַ דף גמרא שבת פאַרן דאַווענען, וואָלט אייער נשמה אַן אַנדער פּנים געהאַט... באַגריפן, וואָס זענען אין אַנדערע געגנטן ערשט רייף געוואָרן אין דער חסידישער באַוועגונג מיט דער צייט, האָבן אין דער ליטע גלייך זיך אַרויסגעהויבן, רבי שלמה האָט אויסגערופן: בעסער ווי אַריינקוקן אין די מוסר־ספרים, איז לערנען אַ בלאַט גמרא. ער האָט צוגעגעבן: גמרא איז קדושה. ער האָט געטייטשט, אַז גמרא נעמט זיך פון וואָרט „גומרא״, וואָס באַטייט קוילן, (גומרא דלא כוויה, ירושלמי מעשר שני ה׳, ג׳). גמרא פאַרברענט די קליפּות, פאַרברענט דאָס בייזע.

אין מאָל איז רבי שלמה געקומען אויף שבת קיין דאָבראָמישל, נעבן ליאָזנע, ווו עס האָט דעמאָלט געוווינט רבי שניאור זלמן. האָט רבי שניאור זלמן געהייסן זיינע חסידים, אַז זיי זאָלן פאָרן אויף שבת צום קאַרלינער. היינט בין איך נישט רבי, האָט געזאָגט רבי שניאור זלמן. אויב רבי שלמה געפינט זיך אין דער דאָזיקער געגנט, דאַרף מען פאָרן צו אים, און זיך זעצן ביי זיין טיש... רבי שלמה שטייט העכער ווי די וועלט... וועגן רבי אורי פון סטרעליסק גיט מען איבער, אַז ער האָט לאַנג זיך געוואַקלט, צו וועלכן חסידישן גדול צו פאָרן. ער איז געווען ביי רבי אלימלך פון ליזשענסק, ביי רבי פּינחס פון קאָרעץ, ביי רבי מרדכי פון ניעסוויעזש, ביי רבי זישע פון אַניפּאָלי, ערשט ביי רבי שלמה פון קאַרלין האָט ער דערפילט, אַז ער איז דערגאַנגען צום ברעג.

ווי געזאָגט, איז רבי שלמה דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ רוסישן זעלנער. דאָס איז געשען אין אַן ערב שבועות, וואָס איז אויסגעפאַלן שבת. ייִדן זענען געווען אין שול, און די צוויילדעוועטע קאָזאַקן זענען באַגאַנגען אַקטן פון רויב און מאָרד. בעת דער רוצח האָט געצילט זיין קויל קעגן רבי שלמה, האָט רבי שלמה אויסגערופן מיט התלהבות: גאָט איז דער מלך! — לך ה׳ המלוכה! — ער איז געפאַלן אין שול שווער פאַרוווּנדעט. ווען מען האָט אים געברענגט אַהיים, האָט ער צוריקגעוווּנען אויף אַ קורצער צייט זיין באַוווּסטזיין. ער האָט געבעטן, אַז מען זאָל פאַר אים עפענען דעם זוהר. פאַרן אָפּענעם זוהר האָט ער אויסגע־הויכט זיין נשמה.

קאַרלינער חסידות איז געוואָרן דערשיטערט, אָבער מען האָט ווייטער גע־צויגן די גאָלדענע קייט. עס עפנט זיך די תקופה פון צווייטן רבי אהרן, וועלכער איז געווען אַן אייניקל פון גרויסן רבי אהרן, ער ווערט אָנגערופן אין דער געשיכטע פון קאַרלינער חסידות „סבא קדישא״, דער הייליקער זיידע, אָדער גאָר אויפן נאָמען פון זיין ספר „בית אהרן״. ער האָט אַריינגעברענגט אייגענעם נוסח

און אייגענעם אויסטייטש, אָבער בעצם איז דאָס געווען דער אָנגעזאַמלטער אויס־דרוק פון דער קאַרלין־טראַדיציע. ער האָט אָפּגעוואָרפן די מידות פון גאוות און באַרימעריי. פשטות איז פאַר אים אויסגעקומען צו זיין דער דרך, און דער דורשט צו שטייגן אין ייִדישקייט, אין איידלקייט, אין אהבת ישראל. מען דאַרף פאַרלייגן אַ שפּאַר ביסל „האָרעוואַניע" — פלעגט ער אויסטייטשן אין דאַזיקן אויסדרוק פאַרן עולם, צו וואָס ער איז מכוון אין זיינע רייד — אָבער אַפילו דער פשוט־סטער ייִד איז מסוגל צו ווערן אַ בעל־מדרגה. לך לך — האָט ער אויסגערופן — ליבער ברודער ייִד, גיי צו זיך. און אויב דו קענסט נישט מיט אַ מאָל, גיי שטופּנ־ווייז.

דער צווייטער רבי אהרן האָט מערסטנטייל אַרויסגעברענגט דאָס ליכט און די שיינקייט, וואָס דער שבת און יום־טוב פירן אַריין אין לעבן פון ייִדישן מענטש. מיט געזאַנג און טאַנץ איז אַ מצווה אויסצודרוקן די פרייד. שבת שיינט ווי אַ מנורה פאַר דער ייִדישער נשמה. שבת איז די מיטלסטע ליכט. די אַנדערע זעקס ליכט, די טעג פון דער וואָך, פירן צום שבת. ראש השנה, יום תרועה, איז דאָס נייע יאָר, וואָס דאַרף זיך אָנהייבן מיט חברשאַפט און ליבשאַפט צום צווייטן ייִד, וואָרום תרועה שטאַמט פון וואָרט ריעות, חברשאַפט. דער ווייסער קיטל יום כיפור איז מרמז אויף דער פשטות, וואָס איז אַן עיקר אין ייִדישקייט. ווייַסקייט, און נישט קיין צונויפמיש פון קאָלירן. סוכות ווייזט אונדז אָן, אַז האַרץ איז אַנטשיידנדיק אין אונדזערע באַציִונגען. חכמה אָן האַרץ איז נישט דער ייִדי־שער דרך. לולב איז לב. חנוכה ברענגט אַריין האָפענונג אין ייִדישן מענטש. מיט נסים איז פאַרזייט אונדזער קיום. און יציאת מצרים איז נישט בלויז אַ פּאַסירונג צום דערציילן, „מספרים ביציאת מצרים" האָט נאָך אַ באַטייט. „מספרים" דערמאָנט אין וואָרט „ספיר", אבן הספיר. אַן אָנדייט אויף קלאָרקייט. יציאת מצרים מאַכט פאַר אונדז קלאָר אונדזער וועג צו דורות, פסח לדורות.

גענוי ווי אין יענע יאָרן, ווען קאַרלין האָט אויפגעשיינט, האָט ווידער רבי אהרן גערופן נישט אַריינצופאַלן אין יאוש, אין מידקייט, אין אַלטקייט. קאַרלינער חסידות האָט אַריינגעטראָגן דעם ווילן צו באַנייען זיך כסדר, די געוואַלטיקע מעלה פון יוסף הצדיק, האָט ער באַטאָנט, איז געווען, וואָס ער איז, אויך אין זיינע שווערע איבערלעבונגען, פאַרבליבן יונג. (והוא נער, בראשית ל"ז, ב'). אַפילו בעת מען איז אַלט, דאַרף מען זיין יונג. אַזאַ דערמונטערנדיקן טייטש האָט ער אַריינגעלייגט אין דער אין פלוג אומפאַרשטענדלעכער שטעלע אין תהלים: נער הייתי גם זקנתי, (ל"ז, כ"ה). מיר ייִדן, האָט ער דערקלערט, זענען גלייך צו דער לבנה, גלייך ווי זי באַנייַען מיר זיך כסדר. די התחדשות, דאָס באַנייַען זיך, איז דער גרויסער מופת אין ייִדישן לעבן. אויפן דאָזיקן מופת האָט מען זיך אָפּגע־שטעלט אין קאַרלין. אין אַנדערע מופתים איז מען דאָרט נישט געווען פאַר־אינטערעסירט.

דאָס איז געווען אַ ביז גאָר אייגנאַרטיק חסידות, דערנערט זיך פֿון די קוואַלן פֿון מעדזשיבאָזש ווי אַלע אַנדערע שיטות אין חסידות, און פֿאַרט פֿאַרמאָגט אייגענע שטריכן. די ערשטע געעפֿנט פֿאַר חסידות אַ טויער אין דער ליטע, און אַפֿילו אין ווילנע, ווו עס האָט געלעבט און געווירקט דער גאון, אַריינגעברענגט אויפֿטרייסלונג. בעת עס איז נויטיק געווען, האָט קאַרלין אַריינגעפֿירט סאָציאַלע מאָטיוון אין איר געשיכטלעכער שליחות. זי האָט זיך מוטיק אַנטקעגנגעשטעלט תּקיפֿות און תּקיפֿים. דער אָרעמער, באַוווּלטער מענטש האָט אין איר געפֿונען שוץ. דור נאָך דור האָט זי אויפֿגעהאַלטן איר פֿאַלקסטימלעכקייט און דעם צוטרוי אין דער דערפֿאַרונג פֿון נביא אליהו אין דער הייל פֿון חורב, וואָס באַווייזט, אַז גראָד די שטילקייט רעדט הויך, (ואחר האש קול דממה דקה, מלכים א׳, י״ט, י״ב). אויך די גרויע טעג פֿון דער וואָך זענען שבת, און אָן שטריימלען און זשופּיצעס קען מען אויך פֿאַרמאָגן חסידיש ברען. ניט לויט די גרויסע המונים קען מען אָפּשאַצן ווערטן. קאַרלין האָט קיין מאָל נישט געגלויבט, אַז צאָל אָדער אויסערלעכער גלאַנץ זאָלן זיין אַנטשיידנדיק. כּה תבֿרכו את בני ישׂראל (במדבר ו׳, כ״ג), האָט מען געזאָגט אין קאַרלין. ייִדן דאַרף מען אָננעמען אַזוי ווי זיי זענען, אַזעלכע ווי זיי זענען, זאָלן זיי זיין געבענטשט.

קרוב צו צוויי הונדערט יאָר האָט קאַרלין פֿאַרזייט חסידות אין דער ליטע. אַפֿילו זינט סטאָלין איז געוואָרן דער צונויפֿקום־פּונקט, איז אַלץ קאַרלין געווען דער צייכן. צו די אויבן דערמאָנטע וועגווייזער און לערער זענען צוגעקומען אַנדערע פֿון דער זעלבער גייסטיקער משפּחה. געגנוי ווי די ראשונים האָבן זיי געברומט זייער שיר השירים אין דער שטיל, אָבער נאָענטע און ווייטע האָבן אים דייטלעך דערהערט.

זאָל מען דעריבער איצט, ווען ייִדיש ליטע איז אַכזריותדיק פֿאַרטיליקט געוואָרן, דערמאָנען נישט בלויז איר בייטראַג צום אויפֿקומען פֿון די רומפֿולע ישיבֿות אָדער צום אויפֿשטייג פֿון דער מוסר־באַוועגונג. זאָל מען נישט בלויז דערמאָנען די ציגל, וואָס זי האָט געטראָגן צום בנין פֿון דער השׂכּלה צי פֿון דער מאָדערנער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור. זאָל מען דערמאָנען, אַז ייִדיש ליטע — וועלכע ווערט באַצייכנט בדרך כּלל ווי די מתנגדישע ליטע — האָט אַריינגעשריבן אַ גרויסאַרטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון חסידות. אין זיינעם אַן עסיי האָט אַמאָל נחום סאָקאָלאָוו באַהאַנדלט די פֿראַגע, צי איז דאָ אַזוינס, וואָס מען קען אָנרופֿן ייִדישער חן. פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס צווייפֿלען אין דער ריכטיקייט פֿון דער דאָזיקער כאַראַקטעריסטיק, וואָס עקזיסטירט אין פּאָפּולערן פֿאָלקס־אויסדרוק. דאָס חסידות פֿון קאַרלין לאָזט נישט איבער קיין שום ספֿק, אַז ייִדישער חן איז נישט קיין הוילע פֿראַזע. אויף קאַרלינער חסידות איז אויס־געגאָסן אָריגינעלער, גרויסער, עכטער ייִדישער חן.

מוסר, די שיטה, די באַוועגונג, און איר שעפער רבי ישׂראל סאַלאַנטער פון דער ליטע

א.

טאָג נאָך טאָג פלעגן מיר זיך אָנטרעפן אויף זיי אין יענע גאַסן, וואָס האָבן פאַרמירט דעם ייִדישן פירטל אין פאַרחורבנדיקן וואַרשע, בעת זיי זענען אַרייַנגעגאַנגען אָדער אַרויסגעגאַנגען פון דער ישיבה, וואָס זיי האָבן געהאַט אויף פראַנצישקאַנער־גאַס. זייערע אויגן זענען געווען אַראָפּגעלאָזט אין אַ שטילער עניוות, וואָס איז אויסגעקומען צו זיין אַ קאָנטראַסט צו דעם רוישיקן און איינרייסנדיקן אַרום. זייער הילוך האָט אָנגעיאָגט דעם איינדרוק פון אַן אָפּגעלאָזנקייט, וואָס איז געווען די קאָנסעקווענץ פון אַ שיטה און אַ וועג אין לעבן. מען האָט אין זיי דערקענט, אַז זיי זענען אַנדערש ווי די אַנדערע ישיבה־בחורים, וואָס האָבן זיך באַוועגט אין יענער געגנט. נישט געקוקט אויף זייער יונגן עלטער, האָבן זיי אַרויפגעצויגן אויף זיך די ערנסטקייט, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פאַר דער מוסר־ישיבה, און זי האָט זיך געטראָגן פון זייער בליק, פון זייער יעדער באַוועגונג און פון זייער אָט צעפלאָסענער, אָט קאָנקרעטער נישט־דאָיִקייט.

צווישן די אַלע שיטות, וועלכע זענען אויסגעוואַקסן צווישן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום אין דער צייט פון זיין ווונדערלעכן גייסטיקן פונאַנדערבלי, איז אפשר צום ווייניקסטן אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן געוואָרן דער שיטה און דער באַוועגונג פון מוסר. מען האָט דאָס געפּרווט פאַרענטפערן מיטן מאָטיוו, אַז מוסר איז אַן אַלט ייִדישער באַגריף, און עס איז דעריבער איבערגעטריבן צו באַשטימען, אַז מוסר איז אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן אין ייִדישן מזרח־אייראָפּע.

און ווירקלעך: מיטן באַגריף מוסר, וואָס אַנטהאַלט אין זיך אַן אַן אוצר פון רעיונות און כוונות, וואָס רופט צו חשבון־הנפש און צו גוטע מידות, וואָס טייטלט אָן אויף דער אויפגאַבע פון מענטש אַריינצוקוקן אין אייגענעם געוויסן און כסדר צו לייַטערן זיך, און וואָס לאָזט אַפילו נישט אַדורך דעם עלעמענט פון שטראָף, איז אַדורכגעדרונגען דער תנ״ך, איז אַדורכגעזאַפּט ייִדישקייט. מיט דער אַריינדרינגענדיקער און דערשיטערנדיקער פראַגע: ווּ ביסטו, אָדם־מענטש? עפנט זיך דער ספר בראשית. און די דאָזיקע פראַגע הייבט זיך אויף אין כלערליי נוסחאות אין אַלע ספרים, וואָס גייען אַריין אין ספר הספרים. נישט בלויז מאָנענדיקע און אָנגעצויגענע מוסר־זאָגער האָבן זי אַוועקגעשטעלט אין דער גאַנצער שאַרפקייט. זי האָט זיך אַריינגעשניטן אויך אין לירישן און צאַרטן טאָן פון נביא ירמיהו;

די אויפפאָדערונג צו פאַרטראַכטן זיך און פאַרטיפֿן זיך אין די באַהעלטענישן פון אייגענעם געוויסן (והתבוננו מאד וראו, ירמיהו ב׳, י׳), ווערט פאַרוואַנדלט אין רעפריין, וואָס טראָגט זיך פונאַנדער פון די פרקים פון זיין ספר. וואָס איז דער ציל פון ספר משלי? דער מחבר צייכנט אים גלייך אָן אין זיין אַריינפיר: וויסן, חכמה און מוסר, און פיר מאָל ברענגט ער פאַר אונדז אַרויס דעם דאָזיקן באַגריף גלייך אין די ערשטע פסוקים פון זיינע באַטראַכטונגען. אויב עס האַנדלט זיך וועגן ספר איוב, קען זיך אויסווייזן בלויז אויבנאויפיק, אַז דאָרט ווערט געמאַכט דער פרווו צו אַנאַליזירן די דרכים פון גאָט. אין דער אמתן איז דאָרט די רייד וועגן מענטש און וועגן דעם הימל און דעם אָפּגרונט, וואָס געפינען זיך אין מענטשלעכן געוויסן. עס זענען אין תנ״ך אויסגעבויט געוואָרן אויסדרוקן, וואָס פאַר זיי איז שווער צו געפינען אַן אַנטשפּרעכנדיקע איבערזעצונג. מוסר־כּליות, איז איינער פון זיי. עס באַציט זיך צום קול, וואָס רופט אינעווייניק, אין אונדז גופא, וואָס מאָנט און עקבערט, און צו דעם גיגאַנטישן פאַרמעסט, וואָס מוז געמאַכט ווערן, בעת מיר ווערן אויפגעטרייסלט און צעטראָגן פון דאָזיקן קול. סיי דער קעניג דוד אין דער שעה פון שאַרפן פערזענלעכן קריזיס, סיי דער נביא יחזקאל, אין דער צייט פון באַדראָענדיקן נאַציאָנאַלן קריזיס, האָבן מיט מאָראַלישער אויפרודערונג אָנגעוויזן, אַז מוסר דאַרף באַוועגן צום איבערבוי פון דער פערזענלעכקייט. מכּוח אַ ריין און ניַי האַרץ פאַר זיך האָט געבעטן דער קעניג (תהלים נ״א, י״ב), און אויף דער נויטיקייט אַרויסצורייסן פון זיך דאָס האַרץ פון שטיין, האָט זיך אָפּגעשטעלט דער נביא (יחזקאל ל״ו, כ״ו). (אַף לילות יסרוני כּליותי, תהלים ט״ז, ז׳).

דורות אויף דורות האָט מען איבערגעחזרט ביי אונדז, אַז אין דער תּלמודישער ליטעראַטור ווערט געלייגט געוויכט אויף דין, הלכה. אָבער נישט אַלע מאָל איז צוגעגעבן געוואָרן, אַז אויך מוסר איז דאָרט דין און הלכה. גראָד איינער פון די וויכטיקסטע שעפער פון דער תּלמודישער ליטעראַטור, הלל, האָט אַרויסגעזאָגט קלאָר זיין מיינונג, אַז אין דער מאָראַל קאָנצענטרירט זיך דער אַלף־בית פון ייִדנטום. „טו נישט דעם אַנדערן דאָס, וואָס דו ווילסט נישט, אַז מען זאָל טאָן צו דיר; דאָס איז די גאַנצע תּורה, און אַל דאָס איבעריקע איז בלויז אַ פירוש״, האָט הלל באַשטימט, (מסכת שבת ל״א). מיט דער זעלבער אַנטשלאָסנקייט האָבן געענוי אַזוי זיך אַרויסגעזאָגט די אַנדערע, וואָס ווערן פאַררעכנט צו די בויער פון דער וועלט פון תּלמוד. זיי זענען געווען זיכער, אַז דער ציל פון אַלע דינים און מצוות, וואָס זענען אונדז געגעבן געוואָרן, איז צו מאַכן די מענטשן איידעלער און לויטערער. און זיי האָבן דאָס דערקלערט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, (בראשית רבה, מ״ד, א׳). אינעם ים פון תּלמוד איז אַ גאַנצע מסכתּא אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר אַ שמועס מיטן אייגענעם געוויסן. וואָרום אַזאַ איז דאָך אייגנטלעך די מסכת אבות. אין האַרציקע און אַדורכנעמענדיקע ווערטער ווערט

דאָרט געזאָגט, אַז דער טאָג איז קורץ, אַז צו טאָן איז דאָ אַ סך, און הגם מיר פאַלן אַריין אין עצלות, טאָרן מיר דאָך נישט אַראָפּלאָזן אַפילו אויף אַ רגע פון געדאַנק, אַז דער בעל־הבית, דער בעל־הבית פון דער וועלט, דער בעל־הבית פון אונדזער לעבן, שטייט איבער אונדז, און יאָגט, און מאָנט, און פאָדערט דין־וחשבון, (אבות, ב׳, ט״ו).

אין אומהיימלעכע צייטן פון רדיפות, וואָס האָבן אָנגערוקט אין דער יידישער געשיכטע, זענען פאַרשידענע אינטערפּרעטאַציעס געגעבן געוואָרן צו די געזעצן, וואָס לויט זיי האָט באַדאַרפט שטראָמען יידיש לעבן. אָבער קיין שום בויגעוודיקע און עלאַסטישע אינטערפּרעטאַציע איז נישט צוגעלאָזט געוואָרן, בעת עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן מאָראַל און מוסר. מיט דער אַנטשיידנקייט און דורכזיכטיקייט, וואָס זענען פאַר אים געווען אייגנטימלעך, האָט דער רמב״ם געשריבן אין זיין פילאָסאָפיש ווערק, אַז דער וועג, וואָס צו אים פירט יידישקייט, איז דער וועג פון תיקון הנפש, וואָרום אויסבעסערן די אייגענע נאַטור איז די הויכע מענטשלעכע אויפגאַבע (מורה נבוכים ג׳). אין דער אומזיכערער תקופה פון מיטל־אַלטער זענען יידישע דענקער און לערער פאַרבליבן זיכער, אַז דער פּאַטאָס פון מוסר איז מסוגל אויפצוהויבן און הייליקן דעם יידישן מענטש אויך, ווען אַלע ווערטן ווערן פאַרשוועכט. גראָד דעמאָלט איז אָנגעשריבן געוואָרן דער ספר, וואָס פירט אַריין דעם לערנער און לייענער אין אַלע כללים און פּרטים, וואָס זענען פאַרבונדן מיט אונדזער מאָראַלישער אויפפירונג, דער „ספר חסידים״. גרויס איז שוין אין יענער צייט געווען די יידישע צעשפּרייטקייט, אָבער וואָס שייך מוסר און מאָראַל זענען קיין שום גרענעצן נישט אָנגעצייכנט געוואָרן אין דער געאָגראַפיע פון פאָלק, דער „ספר חסידים״, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין אַשכּנז דורך יהודה החסיד און זיינע תּלמידים, טרעפט זיך דאָ און דאָרט, אין זיינע יסודות און אויספירן, צונויף מיט די ספרים איבער עטיק און מוסר, וואָס זענען אַנטשטאַנען אין ספרד, און וואָס זייערע מחברים זענען געווען רבנו בחיי און רבי יונה גירונדי. אַלטע און נייע שטרעמונגען זענען אַריין צווישן זיך אין קאָנפליקט אין אויסטייטש פון די אָדער יענע געזעצן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין אונדזער טראַדיציע, אָבער אין פעלד פון מוסר האָט זיך איינגעשטילט דער שטרייט. דער ספר „מנורת המאור״ פון רבי יצחק אבוהב, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין דער עפּאָכע פון אייראָפּעישן רענעסאַנס, און אין וועלכן עס קומען אויך צום אויסדרוק די טענדענצן פון זיין צייט; דער ספר „מסילת ישרים״ פון רבי משה חיים לוצאטו, וואָס טראָגט אין זיך דעם חותם פון דער מיסטיק און פון דער פּאָעזיע פון איטאַליע פון אַכצנטן יאָרהונדערט; דער „ספר המידות״ פון רבי נחמן בראַצלעווער, וואָס ברענגט אַריין חסידישע התלהבות אין דראַנג צו דערגיין צו הויכער מענטשלעכקייט און יידישקייט; און אַפילו דער חשבון־הנפש, וואָס עס האָט אַדורכגעפירט דער השׂכּלה־שרייבער פון אָנהייב פאַרגאַנגע־

נעם יאָרהונדערט מענדל לעפֿין, קומען זיך אַלע צונויף, אַז די פֿראַגע איבער אַלע פּראַגעס, וואָס שטייט פֿאַר אונדז, איז די עקבערדיקע קשיא: ווּ ביסטו, און צו וואָס ביסטו דערגאַנגען, מענטש?

די געניקייט פֿאַרלאַנגט צוצוגעבן, אַז מוסר איז לאו דווקא אַ ייִדישע דער־פֿאַרונג. אויך די פֿעלקער פֿון דער וועלט האָבן אין געוויסע תּקופֿות געגראָבן אין דער טיף פֿון פּראָבלעם. און מען מוז נישט בלויז דערמאָנען די קולטורן פֿון ווייטן מזרח און אַנאַליזירן די געדאַנקען פֿון בודאַ צי קאָנפֿוציוס בעת עס איז די רייד וועגן מאָראַלישן אומרו. אויך אין דער מערב־ציוויליזאַציע, און אין אַ סביבה, וואָס האָט נישט אינספּירירט צו אַ דיאַלאָג מיטן געוויסן, זענען דאָך די פּראָבלעמען פֿון דער פֿאַרדרימלטער מאָראַל פֿיל מאָל אָנגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פֿון דער אויפֿמערקזאַמקייט. ביים אַריינגאַנג צו דער אַקאַדעמיע אין אַטען פֿון אַלטערטום, האָט אַריינגעקוקט אין די טיפֿענישן פֿון מענטש די אויפֿ־שריפֿט: דערקען זיך אַליין. די דראַמעס פֿון סאָפֿאָקלעס מעגן האָבן פֿאַרשידענע כּוונות, און דער כאָר, וואָס זינגט אין זיי אויס די מעלאָדיעס פֿון ווייִ און פֿאַטום, מעג אויסטיילן פֿאַרשידענע לעקציעס. אָבער איבער אַלץ צווינגען זיי דאָך אונדז זיך צו פֿאַרטראַכטן איבער די אימפּולסן פֿון אונדזער אייגענער נאַטור, און רעגן אונדז אָן אַריינצוקלערן, צי זענען מיר טאַקע געצוווּנגען אָפּצוטאָן זאַכן, וואָס מיר ווילן זיי בעצם נישט אָפּטאָן, אָדער אפֿשר גאָר איז מעגלעך צו האַמעווען און צוימען אונדזער זינלאָזן אימפּעט? געוויס, אין אַטען האָט מען באַנוצט אַ פֿאַרשידענע טערמינאָלאָגיע. אין ירושלים האָט מען געזאָגט: כּובש זיין דעם יצר. אָבער דאָס פּראָבלעם איז דאָס זעלבע. אין דער אייראָפּעיִשער קולטור, ביי איר גאַנצער דעקאַדענץ, איז דאָך אָפֿט מאָל די פֿראַגע אַרויסגעשוווּמען אין איר פֿולן שווידער. אין אַן אָנציִענדיקן סיפּור המעשׂה איז זי פֿאַרוויקלט אין די דראַמעס פֿון שעקספּיר. מיט באַרעדעוודיקן פּאַטאָס ווערט זי באַהאַנדלט אין די פּאָעמעס פֿון מיצקעוויטש. אין רירנדיקע שילדערונגען דערגייט זי צו אונדז דורך די דערציילונגען פֿון מאָריאַק. צו אַ דערשיטערנדיקן אינערלעכן געראַנגל דערפֿירט זי אין די דראַמעס פֿון איבסען. אַן איבערלעבונג פֿון אויפֿשווידערנדיקע יסורים ווערט זי ביי דאָסטאָיעווסקי. און דאָס האָט דאָך, דאָס אויפֿציטערנדיקע פּראָבלעם פֿון דער מאָראַל, געצוווּנגען דעם זקן לעוו טאָלסטאָי צו פֿאַרלאָזן זיין באַקוועמע היים, און אין אַ ווינטערדיקן פֿרימאָרגן זוכן דעם באַשייד פֿאַרן פּיַין פֿון זיין געוויסן אין די פּראָסטיקע מרחקים. אַפֿילו אין פּראַקטישן אַמעריקע, אין דער צייט פֿון אַנשטיין פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, ווען אַלע האָבן זיך דאָ אויסגע־וויזן צו זיין צוגעבונדן צו דער ערד און אירע באַדערפֿענישן, האָט איינער פֿון די גרינדער פֿון דער דאָזיקער ערדישער רעפּובליק, בענדזשאַמין פֿראַנקלין, אין

דער שעה פון רעפלעקס, געשריבן וועגן מאָראַל און מוסר, באַווייזנדיק, ווי פּוסט און אינהאַלטלאָז דאָס לעבן איז אָן אַט דער באַוועגנדיקער קראַפט.

און דאָך, הגם מוסר איז דאָס פּראָבלעם, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן אין ייִדנטום זינט קדמונים, און איז אויך באַהאַנדלט געוואָרן אין די פאַרשידנסטע קולטורן פון מזרח און מערב, איז ווייט נישט איבערגעטריבן צו באַשטימען, אַז די שיטה און די באַוועגונג פון מוסר זענען אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן אין ייִדישן מזרח־אייראָפּע. דאָ איז מען געקומען צום אויספיר, אַז עס איז ווייט נישט גענוג אַרייַנצוקלערן אין מוסר. נישט גענוג צו מעדיטירן איבער מוסר. מען מוז מוסר לערנען. לערנען יעדן טאָג. לערנען מיט התמדה. דאָ זענען געגרינדעט געוואָרן שולעס פאַר מוסר, וועלכע מען האָט גערופן מוסר־ישיבות, און ווו מוסר איז אַ לימוד. דאָ האָט מען געהאַלטן, אַז שוין יונגערהייט מוז מען זיך אָנהייבן אויסטענהן מיטן געוויסן און לערנען זיך שטייגן אויף די שטאַפּלען פון דער מאָראַל. דאָ איז מוסר נישט באַטראַכט געוואָרן ווי אַן ענין פאַר אויסדערוויילטע יחידים. אַלע דאַרפן פאַרנעמען דאָס קול, וואָס רופט און מאָנט. מוסר איז אויס־געוואַקסן צו זיין אַ פאָלקס־באַוועגונג, אַ מאַסן־אָנשטרענגונג.

דאָ, אין ייִדישן מזרח־אייראָפּע, איז געבוירן געוואָרן דער חידוש צו לערנען מוסר מיט אַ הויכן קול, מיט שטורמישן געפיל, מיט אַ ניגון, מיט התפעלות און התלהבות. געגוי ווי אַלע אַנדערע שיטות און באַוועגונגען, וואָס ייִדיש־מזרח־אייראָפּע האָט אויסגעוואַרעמט, פאַרדינט מוסר צו שטיין אין צענטער פון אונדזערע אָפּהאַנדלונגען. מיר זענען דאָ עדות פון אַן אויסטערלישער דערשיינונג: אין פאַריקן יאָרהונדערט האָט אין דער ליטע אַ ייִד פון פאָלק, אַ ייִד, וועלכער האָט נישט פאַרנומען קיין הויכע שטעלע אין קהל און נישט געזעסן אויף קיין שטול פון רבנות, אויפגעהויבן די אידעע, וואָס האָט אַראָפּגעשייַנט נאָך אין די ווייטע חומש־צייטן: פאַרוואַנדלען ייִדן אין אַ פאָלק פון מוסר. אַ גאַנץ לעבן האָט אים געפייניקט דער דאָזיקער ענין. מוסר האָט באַדאַרפט ווערן די סובסטאַנץ אין דינאַמישן פּראָצעס פון אונדזער קיום.

ב.

דאָס איז ער, רבי ישׂראל סאַלאַנטער, געווען דער שעפער פון דער מוסר־באַוועגונג אין אונדזער געשיכטע. אויב בנוגע אַנדערע ייִדישע לערער און פירנ־דיקע פערזענלעכקייטן פון די פאַרגאַנגענע תקופות, איז שייך צו זאָגן, אַז נאָך דעם, ווי מען באַקענט זיך נענטער מיט זייער לעבן און שאַפן, הייבט זיך אָן אָוועקצוראקן די דיסטאַנץ, וואָס טיילט אונדז פון זיי אָפּ, און זייער געשטאַלט נעמט אָן די שטריכן פון היימישקייט, איז דאָס באַיין־אופן נישט דער פאַל מיט

ישׂראל סאַלאַנטער. מאַטעריאַל וועגן אים איז פאַרבליבן, אייניקע פון זיינע וויכ־טיקע כּתבים זענען צו אונדז דערגאַנגען. עס איז דערגאַנגען צו אונדז דער זשור־נאַל פאַר מוסר, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן, „תּבונה". עס איז די רייד וועגן אים אין די ספרים פון זיינע תּלמידים, און בעיקר אין ספר „אור ישׂראל", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך זיין תּלמיד רבי יצחק בלאַזער. מען קען אַפילו וועגן אים לייענען אין די העברעיִשע צייטשריפטן, וואָס זענען דערשינען אין פאַריקן יאָרהונדערט, און פאָרט קען פון אים דאָס אומגעווייינלעכע נישט אַוועקגענומען ווערן, ער פאַרבלייבט מאָנומענטאַל אין זיין שטרעבונג, מאָנומענטאַל אין זיין דערגרייכונג.

אומגעווייינלעך קומט פאַר אונדז אויס צו זיין אָט די דאָזיקע אומבויגעוודיקע אַנטשלאָסנקייט צו מאַכן פון מוסר אַ פאָלקס־באַוועגונג. די צייט האָט אויסגעזען צו זיין גינסטיק פאַר פלערליי שיטות, אָבער גראָד נישט אַזוי גינסטיק פאַר דער אידעע, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין ישׂראל סאַלאַנטער. אין דער וועלט האָט גע־הערשט אַ צומישעניש נאָך די נאַפּאָלעאָן־מלחמות. אָפּגעשטעלט האָבן זיך די שלאַכטן, אָבער נישט דער אויפברויז, אָבער נישט די בונטאַרישע אומצופרידנקייט פון די מענטשן און פעלקער. אין רוסלאַנד, ווו עס איז געווען קאָנצענטרירט די גרויסע מערהייט פון ייִדישן פאָלק אין יענער צייט, זענען אַפילו אונטער דער אייזערנער רוט פון צאַריזם אויפגעגאַנגען געזאַנגען וועגן נייע עפּאָכעס. דער אָפּקלאַנג פון די דאָזיקע נייע לידער איז אויך דערגאַנגען צו דער ייִדישער גאַס; דאָ איז אָנגעגאַנגען אין דער פולער שאַרפקייט דער פאַרמעסט צווישן די דריי אידעיִשע ריכטונגען, וואָס האָבן אויף אַ פאַרשידענעם אופן אינטערפּרעטירט ייִדישע פאַרגאַנגענהייט און מיט פאַרשידענע אויגן געקוקט אין ייִדישער צוקונפט: מתנגדים, חסידים, משׂכּילים. אין דער ליטע האָט חסידות געהאַט אויסגעבויט אַן אינדזל, דער אינדזל פון רבי פון ליאַדי, דער אינדזל פון קאַרלין. אין די יאָרן, ווען רבי ישׂראל סאַלאַנטער איז אויפגעוואַקסן, איז דאָרט פאַקטיש דער געראַנגל אָנגעגאַנגען צווישן מתנגדים און משׂכּילים. דאַרף ייִדישקייט אָנגיין אַזוי ווי זי איז אָנגעגאַנגען פאַר דורות, אָדער דאַרפן אַריינבלאָזן נייע ווינטן? יעדער צד האָט אָנגעזאַמלט ראיות פאַר זיין שיטה. יעדער צד האָט פאַרזיכערט, אַז פאַר אים איז דער טייערסטער אוצר די ייִדישע נשמה. אָבער אין דאָזיקן מישמאַש פון אידעען און ווירוואַר פון כּוונות, האָט ישׂראל סאַלאַנטער, פריִער איינער אַליין, און שפּעטער מיט אַ גאַר קליינער גרופּע תּלמידים און אָנהענגער, געזאָגט זיין וואָרט, אַז דאָס, וואָס די ייִדישע נשמה דאַרף, און צו וואָס זי איז גיריק און דורשטיק, איז — מוסר. עס איז נישט גענוג מעיין צו זיין אין אַ מוסר־ספר. דער ייִדישער יחיד און דער ייִדישער כּלל דאַרפן קאָנצענטרירן זיך אין מוסר. מען מוז יונגע קינדער מחנך זיין אין מוסר. אַלע דאַרפן מיר אויסאיידעלן אונדזערע מידות, אַלע דאַרפן מיר זיך שטעלן די פראַגע, צי דערפילן מיר

אונדזער חוב, וואָס צוליב אים זענען מיר אַראָפּגעקומען אויף דער דאָזיקער וועלט, אַלע דאַרפן מיר אַדורכפירן דעם חשבון־הנפש, צי זענען מיר גענוג מענטשלעך און יידיש.

אומגעווייינלעך קומט פאַר אונדז אויס זיין טאַלאַנט צונויפצובינדן קעגנזייטיקע שיטות אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן. אין קליינעם ליטווישן שטעטל זאַגער, ווו זיין פאָטער איז געווען מלמד, אויף דער גרענעץ פון קורלאַנד און פּרייסן, איז פאַרבײַ זיין קינדהייט. יונגערהייט האָט מען אים אָװעקגעשיקט לערנען קיין סאַלאַנט. דערפאַר האָט מען אים גענומען רופן ישׂראל סאַלאַנטער, הגם זיין אייגנטלעכער פאַמיליע־נאָמען איז געווען ליפקין. דאָ, אין סאַלאַנט, איז אַנטשטאַנען אין אים די רייפקייט פאַר מוסר, זיין אייגענע ריכטיקע אויפפירונג, די אויפפירונג פון מיטמענטש. זיינע באַטראַכטונגען האָבן אים אויפן דאָזיקן וועג אַרויפגעפירט, די מוסר־ספרים, אין וועלכע ער האָט זיך פאַרטיפט, און אויך אַ ייד פון סאַלאַנט, וואָס האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע השפעה, אַ ייד, וועלכער האָט זיך באַשעפטיקט מיט קליינעם מסחר, געלעבט באַשיידן, און געהאַלטן, אַז לײַטערן זיך אין מידות איז די אויפגאַבע פון מענטש. ער האָט געהייסן רבי יוסף זונדל. טאַקע וועגן אים האָט ישׂראל סאַלאַנטער געזאָגט, אַז ער איז דער לייטער אויף דער ערד, וואָס זיין שפּיץ דערגרייכט צום הימל.

געננוי ווי דער רוב יידן אין דער ליטע, איז אויך ישׂראל סאַלאַנטער נישט געשטאַנען אין דער וועלט פון חסידות, אָבער ווען ער האָט באַשלאָסן צו פאַרשפרייטן זיין אידעע פון מוסר, האָט ער געהאַלטן, אַז דווקא דער וועג און די מעטאָדע פון חסידות קענען אים קומען צו הילף. בכדי צו עפענען דאָס האַרץ, איז נויטיק פאַטאָס, איז נויטיק התלהבות, איז נויטיק געזאַנג, איז נויטיק די באַוועגונג פון די אָברים. אין דער חברותא פאַר מוסר, וואָס ישׂראל סאַלאַנטער גרינדעט — זיין ערשטער פּרווו — לערנט מען מוסר מיט אַדורכנעמענדיקע קולות, מיט גליענדיקע ליפן, מיט דערהויבנדיקע ניגונים. ישׂראל סאַלאַנטער טראָגט זיך אַריבער קיין ווילנע, קיין קאָװנע, קיין סלאָבאָדקע, די פאָרשטאָט פון קאָװנע. אומעטום אַנטשטייען די בתי מוסר, די מוסר־חברות. אָבער מען רופט זיי מוסר־שטיבלעך. חסידישע טערמינאָלאָגיע, חסידישער דרך, חסידישע צונויפלעבונג און השתפכות הנפש. אין די דאָזיקע שטיבלעך איז נישטאָ קיין צדיק, נישט קיין רבי, דאָ זענען אַלע יידן, וואָס ווילן שטייגן צו גאָט און צו הויכער מענטשלעכקייט דורך אָנשטרענגונג. עס איז אַ סך לייכטער, האָט ישׂראל סאַלאַנטער געזאָגט, אַדורכצולערנען זיבעציק מאָל ש״ס, ווי איבערצומאַכן איין שלעכטע געוווינהייט פון אַ מענטש, אָבער מען קען דאָס דערגרייכן, און מען מוז דאָס דערגרייכן...

די מוסר־שטיבלעך זענען געווען דער שריט, וואָס האָט געפירט צו די מוסר־

ישיבות. דאָ ווידער איז מוסר צונויפגעגאָסן געוואָרן מיט מתנגדישן שטייגער. אַוודאי, אין אַ ישיבה מוז מען לערנען גמרא, מוז מען זיך אָפּגעבן מיט תּוספות און פּוסקים. אָבער אין דער ישיבה, וואָס פּאַרזייט מוסר, ווערן צוגעגעבן לכל הפּחות צוויי שעה טעגלעך פאַר טענות מיטן אייגענעם געוויסן, פאַר דין־וחשבון פאַר גאָט און מיט זיך אַליין, פאַר אויסבויען אַ ניי האַרץ אין זיך און אין מיט־מענטש. אויך דער שיעור אין דער מוסר־ישיבה פּרוּווט אַריינצופירן נייעם נוסח אין אַן אינסטיטוציע פון דורות. נישט דווקא חידושים אין דער סוגיא פון תּלמוד, מען קען אויך רעדן וועגן מידות, וועגן מאָראַלישן אויפשטייג, און אויך וועגן תּהום, וואָס איז אויסגעשפּרייט אונטער אונדזערע פיס. דער שיעור ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ שמועס, אַ מוסר־שמועס פאַר קינדער און יוגנטלעכע, דער געוואַלדיקער בײַשטייער פון ישׂראל סאַלאַנטער פאַר ייִדישער דערציִונג.

אומגעווייִנלעך דערשיינט פאַר אונדז זיין מוט. ער האָט אים אַרויסגעוויזן אין פאַרשיידענע פאַזעס פון זיין לעבן. אָבער זיין אויפפירונג אין יום־כּיפּור פון יאָר תּר״ט האָט אַרויסגערופן אַ שטורעם אין דער ייִדישער וועלט, אַ שטורעם פון קריטיק און אַ שטורעם פון לויב, און געהערט צו די דראַמאַטישע קאַפּיטלען פון אונדזער רעליגיעזער געשיכטע. רבי ישׂראל סאַלאַנטער האָט דעמאָלט געוווינט אין ווילנע, און דאָרט האָט אין יענער צייט געבושעוועט די כאָליערע־עפּידעמיע. דער יום־כּיפּור האָט אָנגערוקט, און הגם אַלע האָבן גוט פאַרשטאַנען, אַז, אין אָנבליק פון דער שרעקלעכער מגיפה, דאַרף עטוואָס געטאָן ווערן כּדי צו פאַר־לייכטערן די רעזולטאַטן פון תּענית, וואָס קענען ווערן פאַטאַל פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג, האָט דאָך צווישן די רעליגיעזע מנהיגים געפעלט איינִיקייט בנוגע די שריט, וואָס קענען אונטערגענומען ווערן. ישׂראל סאַלאַנטער האָט נישט פאַר־נומען קיין רבנות־שטעלע — ער האָט געהאַט אָפּגעוואָרפן אַלע פאַרשלאָגן, וואָס זענען אים געמאַכט געוואָרן אָנצונעמען אַ רבנות־ און אויסגעקליבן צו לעבן בדחקות, מיט זיין הויזגעזינד — אָבער ער האָט געפילט, אַז זיין חוב איז עטוואָס צו טאָן. ער האָט זיך באַטראַכט פאַרן מינדערוויכטיקסטן אין ירושלים דליטא, ווי ווילנע איז שוין דאַן אָנגערופן געוואָרן, און דאָך האָט ער ערב יום־כּיפּור זיך אָוועקגעלאָזט איבער די שולן און בתּי־מדרשים, און קעגן דער שטעלונג פון די אָפיציעלע רבנים, אויסגעקלעפּט מודעות, אין וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז היינטיקן יום־כּיפּור, צוליב דער בושעווענדיקער עפּידעמיע, טאָר מען נישט פאַסטן, נישט פאַרבלייבן לאַנגע שעהן אין שול, קורצער מאַכן דאָס דאַווענען — פּיקוח־נפש — ראַטעווען דאָס לעבן איז אַ פאַרהייליקטער ייִדישער געבאָט. יום־כּיפּור אין דער פרי, גלייך נאָך שחרית, איז ער אַרויפגעגאַנגען אין דער גרויסער ווילנער שול אויף דער בימה, צוויי מורה הוראהס, וואָס האָבן מסכּים געווען מיט אים, האָבן זיך געשטעלט ביי זיין זייט, און מיט אַ געבראָכענער שטימע, וואָס האָט זיך געשטיקט אין טרערן, האָט ער דערקלערט: „אין נאָמען פון גאָט און

אונדזער הייליקער תורה, וואָס פאַרבינדט אַלע מצוות מיט איין יסודותדיקער און אַלגעמיינער מצווה: וחי בהם — לעבן דורך זיי, און נישט שטאַרבן — זענען מיר מתיר נישט צו פאַסטן היינט". ער האָט אַרויסגענומען וויַין און קיכלעך, געמאַכט קידוש, און געגעסן פאַר אַלעמען אין די אויגן, און אויסגערופן: גייט עסן, ייִדן!...

רבי ברוך עפשטיין, איינער פון די גרויסע גאונים אין די לעצטע דורות, גיט איבער דעם דאָזיקן פאַקט אין זיין ספר „מקור ברוך". אָט וואָס ער שרייבט: „ולמען תקובל הוראתו הלכה למעשה, לקח כוס יין, ויקדש עליו, וישת ממנו, הוא ומורי הוראה העומדים עליו, לעיני כל הקהל, וגם טעמו מיני מתיקה, מעשה אופה". ד"ר מנחם גלען אין זיין מאָנאָגראַפיע וועגן רבי ישׂראל סאַלאַנטער ברענגט אויך אַנדערע ווערסיעס, וועלכע זענען אייניק דעריין, אַז ישׂראל סאַלאַנטער האָט טועם געווען אין תענית אויף דער בימה אין שול, און דערנאָך זיך אַוועקגעלאָזט איבער די אַנדערע שולן און גערופן ייִדן נישט צו פאַסטן און אַהיים גיין זיך אָפּרוען. אין דער ייִדישער עפנטלעכקייט האָט די האַנדלונג פון ישׂראל סאַלאַנ־טער אַרויסגערופן אַ געוואַלדיקע אויפרודערונג. צי האָט ער באַדאַרפט בפרהסיא אָפּטאָן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן, אָדער האָט ער געשפּאָלטן די מויער פון הייליק־טום? דער ראש הדיינים אין ווילנע האָט שאַרף פּראָטעסטירט. דאָ און דאָרט זענען געמאַכט געוואָרן די פאַרשיידנסטע קאָמענטאַרן. מען האָט זיך געבייזערט און מען האָט זיך באַגייסטערט. די איינדרוקספולע קורצע דערציילונג אין דער העברעיִשער ליטעראַטור פון דוד פרישמאַן „שלשה שאכלו" — דריי, וואָס האָבן געגעסן יום־כּיפּור — באַציט זיך צום דאָזיקן קאַפּיטל אין לעבן פון ישׂראל סאַלאַנטער.

אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט ווייזט זיך אונדז אויס צו זיין אומגעוויינלעך זיין כּסדרדיקער אינערלעכער אומרו. ייִדישע געשיכטע ווייסט צו דערציילן וועגן לערער און אינטעלעקטואַלן, וואָס האָבן, געטריבענע פון אינערלעכער שפּאַנונג, זיך געשלעפּט פון אָרט צו אָרט, פון לאַנד צו לאַנד, און אומעטום אויפגעשטעלט זייער געצעלט, און אומעטום פאַרשפּרייט זייער וואָרט און שריפט. איינער אַזאַ וואַגלער איז ביי אונדז געווען אַברהם אבן עזרא, וועלכער האָט אין אַ וועלט, וואָס איז געווען שרעקלעך אָרעם אין קאָמוניקאַציע־מיטלען, און ביי ווייט נישט גינסטיקע פאַרהעלטענישן, געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, און די ספרים, וואָס ער האָט געשריבן, זאָגן טאָקע עדות אויף דעם אומרויִקן גייסט פון זייער מחבר. אַ צווייטער אַזאַ פון דער שפּאַנישער תּקופה אין אונדזער פאַרגאַנגענהייט איז בנימין פון טודעלאַ, וועלכער האָט געשפּירט אין זיך אַן אומגעשטילטן הונגער צו דערקענען נייע מדינות און קאָנטינענטן, און זיי צו באַשרייבן פאַר זיינע בני דור און פאַר די קומענדיקע דורות. צווישן די דאָזיקע פון אומרו געיאָגטע וואָגלערס פאַרנעמען אַ גאָר וויכטיק אָרט די, וואָס האָבן פונאַנדערגעטראָגן די

לערע פֿון חסידות אין טוי פֿון איר באַגינען. סיי רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, סיי רבי דוב בער פֿון מעזריטש, סיי רבי אלימלך פֿון ליזשענסק, האָבן זיך געשלעפּט איבער ייִדישע ישובֿים, און אויפֿן מאַרק, ווו ייִדן זענען געשטאַנען ביי זייערע קליטן, צי אין בית־המדרש, ווו זיי פֿלעגן זיך צונויפֿקומען, האָבן זיי געברענגט דאָס וואָרט פֿון אויפֿמונטערונג און בטחון, אָבער חסידות האָט זיך באַוועגט כּמעט אויסשליסלעך אין דער היימישער ייִדישער געאָגראַפֿיע, פּאָדאָליע, וואָלין, אוקראַיִנע, ווייַסרוסלאַנד, צענטראַל פּוילן. רבי ישׂראל סאַלאַנטער האָט זיך נישט באַנוגנט מיט די מוסר־שטיבלעך, וואָס ער האָט פֿאַרזייט אין די שטעט און שטעטלעך פֿון ייִדישן מזרח־אייראָפּע, און אויך נישט מיטן נייעם טיפּ ישיבֿות, וואָס ער האָט דאָרט געעפֿנט. ער האָט אָנגעשפּאַרט קיין מערבֿ־אייראָפּע. אין די פּעסטונגען פֿון השׂכּלה און אַסימילאַציע האָט ער באַשלאָסן אויפֿצווועקן דאָס ייִדישע געוויסן פֿאַר די נישט פֿאַרגעגנגלעכע ווערטן פֿון אמונה און עטיק.

ער האָט אויסגעשפּרייט זיין מוסר־טעטיקייט אין האַלבערשטאַט, בערלין, פּאַריז, האַמבורג, קעניגסבערג. אין דער זעלבער תּקופֿה, וואָס דער דייטשער פֿילאָסאָף קאַנט האָט אויפֿגעשטעלט אין קעניגסבערג זיין טורעם פֿון עטיק אויפֿן פֿונדאַמענט פֿון שׂכל, פֿון „ריינעם פֿערנונפֿט", און פֿון וועלכן עס האָט געיאָגט די שנייַדיקע קעלט פֿון אַנאַליז, האָט דאָרט ישׂראל סאַלאַנטער געשריבן זיינע מוסר־באַטראַכטונגען פֿאַרן זשורנאַל „תּבֿונה", וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרויסגעבן, ווו יעדע שורה האָט געגליט מיטן פֿייער פֿון דער ייִדישער מאָראַלישער סיני־טראַדיציע. אין פּאַריז האָט ער אָנגעשריבן זיין „אגרת המוסר", אַ בריוו געווענדט צו ייִדן פֿון נאָענט און וויַיט. בואו לחשבון, רופֿט ער אויס מיט אַ ציטער, וואָס מוז אויפֿרודערן דעם לייענער, קומט, לאָמיר אַרויסציִען אַ דין־וחשבון, לאָמיר זיך אַדורכשמועסן איבער מוסרדיקע ענינים. צי זענען מיר דען נישט גלייך צו די, וואָס כאַפּן זיך צו צום עסן, הגם זיי ווייסן, אַז דאָס עסן וועט זיי פֿאַרשאַטן? מיר פֿאַרטראַכטן זיך נישט, מיר לאָזן זיך פֿאַרפֿירן פֿון דער אומריינקייט, פֿון „רוח הטומאה"...

מוסר־שטיבלעך און מוסר־ישיבֿות וואַקסן אויס נישט בלויז אין קעלם און אין טעלז, אין נאָוואַרדאָק און אין ביאַליסטאָק, אין מיר און אין ראַדין, אין מעמעל און אין וואַרשע, אין לאָמזשע און אין ירושלים. אין ווייטע און אָפּגעפֿרעמדטע מקומות, וועקט דער מאָנענדיקער מוסר־טרעגער ייִדישע יוגנטלעכע, אַז זיי זאָלן זיך אַראָפּרעדן פֿאַר גאָט און פֿירן געשפּרעכן מיטן אייגענעם געוויסן, אַז זיי זאָלן קלאָר מאַכן פֿאַר זיך אויף וואָס זיי גיבן אַוועק זייערע טעג און יאָרן, און אָננעמען באַשלוסן אין וואָסער ריכטונג צו פֿירן זייערע לעבנס מאָרגן און איבערמאָרגן.

אין דאָזיקן אומרו פֿון וואַנדער און וואָגל ווערן אויסגעוואָרעמט אין זיין מוח און האַרץ פּראָיעקטן, וואָס האָבן צו טאָן מיט דער צוקונפֿט פֿון ייִדישן פֿאָלק און

יידישער גייסטיקייט. ער שטרעבט צו מאַכן צוטריטלעך דעם תּלמוד, וואָס איז דאָך רייך אין ווונדערלעכע עטישע ווערטן, פאַר דער נישט יידישער וועלט דורך איבערזעצן אים אויף פרעמדע לשונות. ער פּלאַנעוועט צו מאַכן פאַרשטענדלעך דעם תּלמוד פאַר יידן גופא, און אַרויסגעבן אַ ווערטערבוך צי אַ לעקסיקאָן אין יידיש, ווו עס וועלן דערקלערט ווערן זיינע קאָמפּליצירטע שטעלעס, און אויך אַן אַראַמעיִש־העברעיִשן ווערטערבוך. ער נעמט אונטער די איניציאַטיוו אָפּצודרוקן דעם תּלמוד אין איין באַנד און גרינדן קאַטעדרעס פאַר תּלמוד און יידישער עטיק אין די אייראָפּעיִשע אוניווערזיטעטן. די ברייטע מאַסן און די אַקאַדעמישע קרייזן, זאָגט ער, דאַרפן זיך באַקענען מיטן אינערלעכן תּוך פון יידישקייט. ער אַליין האַלט לעקציעס פאַר יידישע סטודענטן אין דייטשלאַנד וועגן מוסר, און ער געפינט די פּאַסיקע פאָרם ווי אַזוי זיי צוצוציִען צו זיין וואָרט. לויט דעם חן, וואָס איז אויסגעגאָסן אויף זיינע רייד, קומט אויס, אַז ווען ער וואָלט געווירקט אין דור פון חתם סופר, וועלכער האָט אַנגעפירט מיטן קאַמף קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג, וואָלט ער נישט דערווייטערט די רעפאָרמער פון כּלל ישראל. ער וואָלט זיך מיט זיי פונאַנדערגעשמועסט, און אויב אַפילו ער וואָלט אַברהם גייגערן, דעם באַגרינדער פון דער שיטה פון רעפאָרם, נישט איבערצייגט, וואָלט ער גע־מאַכט דעם אַנשטעל, אַז ער קומט מיט אים אַדורך. דו ווילסט אַ רעפאָרמירטע שול, וואָלט ער צו אים געזאָגט, גוט, לאָמיר בויען אַזאַ שול. אָבער דאָרט וואָלט מען זיך אָוועקגעזעצט לערנען תּורה און מוסר. ער האָט פאַר די יידישע סטודענטן, מיט וועלכע ער האָט זיך צונויפגעזאַמלט, דערקלערט, אַז דאָס ערגסטע, וואָס קען מיט אַ מענטש פּאַסירן איז, ווען ער פאַרבלייבט אַזוי ווי ער איז. מען מוז כּסדר שטרעבן צו שטייגן, דאָס לעבן איז אַ לייטער, אָדער אַרויף אָדער אַראָפּ. די שווערע זינד איז גיין, ווי עס גייט זיך, טאָן, ווי עס טוט זיך, לעבן, ווי עס לעבט זיך. איך קלער קיין מאָל נישט האָט ער געזאָגט צו די יוגנטלעכע, צי מען קען, נאָר צי מען דאַרף. אין באַשלוסן פון מאָראַל איז דער ווירקנדיקער וועג דער זעלבער, וואָס ביים לערנען מוסר. בעת מען קומט צו אַ מאמר, וואָס לאָזט איבער אַ רושם, דאַרף מען זיך אָפּשטעלן, און אים איבערחזרן איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער ווערט אַ טייל פון דער נשמה.

אים האָט נישט געאַרט, ווען ער האָט געהערט, ווי מען מורמלט וועגן אים, אַז ער איז אַ בטלן. ער פלעגט ציטירן די שטעלע פון תּלמוד, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז אַ גרויסע שטאָט איז גראָד די, וואָס פאַרמאָגט צען בטלנים. מיטן חוש פאַר הומאָר, וואָס האָט זיך ביי אים אויסגעמישט מיט באַלערנדיקער ערנסט־קייט, פלעגט ער צוגעבן: און איך בין דאָך נאָר איין בטלן.

אַליין אַ חלוש, געפּלאָגט פון פאַרשיידענע קראַנקהייטן, און דערצו אויסגע־מאַטערט פון דער דחקות און נויט, אין וועלכער ער האָט אָפּגעלעבט זיינע יאָרן, האָט ער געטראָגן אין זיך די וויזיע פון אַ יידיש פאָלק, וואָס וועט כּולו זיין

אַדורכגענומען מיט די מידות פון דערהויבנקייט. גרויסע ייִדישע פּערזענלעכ־קייטן זאַמלען זיך אַרום אים, ווערן זיינע תּלמידים, זאָגן אים צו צו ציִען ווייטער זיין לערע. רבי שׂמחה זיסל זיוו, דער „זיידע״ פון קעלם, רבי נטע הירש פינקעל, דער „אַלטער״ פון סלאָבאָדקע, רבי יוסף יוזל הורוויץ פון נאָוואַרדאָק, יעדער איינער פון זיי ברענגט אַריין אין דער מוסר־באַוועגונג עטוואָס פון זיינע אייגענע השקפות, אָבער אין תּוך איז דאָס אַלץ די זעלבע שיטה: די שיטה פון ישׂראל סאַלאַנטער. דער חפץ־חיים פון ראַדין, וועלכער וואַכט איבער זיין ישיבה ווי אויפן שוואַרצאַפּל פון אויג, געפינט זיך צווישן די, וואָס האַלטן, אַז רעכט האָט רבי ישׂראל סאַלאַנטער, ווען ער זאָגט, אַז מוסר דאַרף מען לערנען מיט ייִדישע קינ־דער נאָך, ווען זיי זיצן אויף דער באַנק אין דער ישיבה. און רבי שמואל, דער רבי פון ליובאַוויטש, דערקלערט, אַז אין דער נשמה פון סאַלאַנטער איז דאָ דער יסוד פון דער נשמה פון חסידות.

ג.

אַ מענטש ווינט מיט זיך אַ לעבן לאַנג, און צום סוף דערקענט ער זיך נישט. דער דאָזיקער זאָג פון ישׂראל סאַלאַנטער דאַרף דינען ווי אַן אַריינפיר צו אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן. אין דאָזיקן קורצן זאַץ איז קאָנצענטרירט דער תּמצית פון זיין לערע: דערקענען זיך אַליין. אַדורכמאַכן דעם דין־וחשבון, אין וועלכן מען דאַרף אַנטדעקן די אייגענע מעגלעכקייטן.

די כּתבים איבער מוסר, וואָס זענען נאָך אים פאַרבליבן, זענען פאַרוואָרצלט אין דורותדיקער ייִדישקייט. עס שיינען פון זיי אַרויס חקירה און קבלה, און מען קען דאָרט געפינען מחשבה־שפּליטערס פון רבי משה קאָרדאָוועראָ און רבי משה חיים לוצאַטו. מען טרעפט זיך דאָרט אָן אויף באַגריפן און אויסדרוקן, וואָס זענען צונויפגעוואַקסן מיט אונדזער מוסר־ליטעראַטור אין די יאָרטויזנטער פון איר עקזיסטענץ. גענוי ווי די וואָס האָבן געאַקערט אין פעלד פון מאָראַל פאַר אים, און וואָס האָבן געקוקט פאַר אים אין די טיפענישן פון דער מענטשלעכער נשמה, רעדט רבי ישׂראל סאַלאַנטער וועגן דעם באַטייט פון עניוות און סבלנות באַ־ווייזנדיק, ווי אַנטשיידנדיק עס איז פאַר אונדזער וועג אין לעבן צו האַלטן אין צוים אונדזערע ליידנשאַפטן, אַרויסרייסן פון זיך די קנאה און די שׂנאה, די גאווה און די לוסט, און באַגנוגענען זיך מיט ווייניק, בעת עס האַנדלט זיך וועגן פיזישע געברויכן און מאַטעריעלע ווערטן. אָבער ישׂראל סאַלאַנטער טראָגט אַריין אין דער מוסר־קולטור נייַע געדאַנקען. אינעם קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין אונדז, זענען טאָקע די „טונקעלע כּוחות״ — בחינת הכּהות, ווי זיי ווערן אָנגערופן ביי אים — די, וואָס פּרווון אונדז באַהערשן און

מנצח זיין. אָבער די טונקעלע כּוחות קענען אויך ווערן פּאָזיטיוו, אויב זיי טרעפן זיך אָן אויף אונדזער ווידערשטאַנד. זיי קענען ווערן באַלויכטנדיקע כּוחות — כּוחות המאירים, ווי זיי ווערן דורך אים באַצייכנט. דער מענטש איז נישט אַליין און איינזאַם אין זיין פּאַרמעסט. מיר זענען ווייט נישט פּאַראיינזאַמט אין אונדזער ראַנגלעניש קעגן די בייזע נייגונגען, אויב מיר מיינען ערנסט מיט אונדזער ווילן אויסצוּוואָרצלען פון זיך דאָס שלעכטס.

פּאַרן שעפער פון דער מוסר־באַוועגונג פּאַרבלייבט כאַראַקטעריסטיש דער געוואַלדיקער אָפּטימיזם וואָס האָט אין אים געשפּרודלט. אין קעגנזאַץ צו אַזוי פיל מאָראַליסטן אין דער נישט־ייִדישער וועלט, וואָס זענען געווען באַהערשט פון פאַרכמורעטן פעסימיזם, האָט דער מוסר־לערער פון סאַלאַנט געזייט זיינע געדאַנקען מיט זוניקן גלויבן. אַלץ קען אונדז אונטערשפּאַרן און העלפן אין אונדזער אָנשטרענגונג צו תּיקון הנפש, אין אונדזער דעציזיע צו ווערן מער מענטשלעך און מער ייִדיש. דער גוף אַליין איז אונדז מסוגל צו העלפן דעריין. דורך אויפרודערן אונדזער קערפּער, דורך אַריינפירן אים אין באַוועגונג — אָדער ווי דאָס ווערט אויסגעדריקט אין די שפּראַך־ווענדונגען פון סאַלאַנטער: תּיקון הגוף — זענען מיר בכּוח אויפצווועקן אונדזער נשמה. רבי ישׂראל סאַלאַנטער איז נישט מיד געוואָרן אונטערצושטרייכן, ווי שטאַרק וויכטיק עס איז נישט אַריינצוּ־פאַלן אין עצבֿות בעת מען דעקט אויף די נאַקעטקייט פון געוויסן, נאָר האָפֿער־דיק, אין גלויביקן ענטוזיאַזם, שפּאַנען צום נצחון איבער זיך אַליין.

נישט בלויז די פּאַרטיפעטע באַטראַכטונג אין דער שיטה פון סאַלאַנטער פאַר־דינט אונדזער אויפמערקזאַמקייט. אויך אין די ווערטלעך צי אַפאָריזמען, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן כּלאחר־יד, איז פאַראַן עמקות, און זיי באַווייזן זיין כּוח אויסצודריקן וועלטן פון מחשבֿות אין אַ שטוינענדיקן קיצור. אָט איז די מעשׂהלע מיטן שוסטער־לאַטוטניק. ער האָט דערציילט, אַז איין מאָל, שפּעט ביי נאַכט, ווען ער איז אַהיים געגאַנגען פון בית־המדרש, האָט ער אויפן וועג געזען, אַז ביים שוסטער־לאַטוטניק ברענט נאָך אַ ליכטל. איז ער צו אים אַריינגעגאַנגען און געזאָגט: איר האָט שוין גענוג געאַרבעט, מיין פריינד, דאָס ליכטל האַלט שוין ביים אויסגיין, צייט זיך אָפּצורוען. האָט אים דער שוסטער אָפּגעענטפערט: אַזוי לאַנג ווי דאָס ליכטעלע ברענט קען מען נאָך פאַרריכטן... און דער סאַלאַנטער האָט צוגעגעבן: איך האָב אַ סך געלערנט פון דאָזיקן ענטפער פון שוסטער, און אַלע קענען מיר דערפון אַ סך לערנען. אַזוי לאַנג ווי דאָס ליכטל פון אונדזער נשמה ברענט, קענען מיר נאָך פאַרריכטן...

אָט איז אַן אָפּקלויב פון נאָך אַנדערע ווערטער־פּערל פון סאַלאַנטער־אוצר: אַ מענטש איז מחויב צו פאַרזאָרגן זיין אייגענע נשמה און דעם גוף פון מיט־מענטש, און נישט פאַרקערט... דער, וואָס זיצט אין געוועלב און פירט ערלעך זיין האַנדל, און איז אַן אָרנטלעכער ייִד, איז אַ סך וויכטיקער, ווי דער, וואָס זיצט

אין בית־המדרש און לערנט טאָג און נאַכט... לייכט איז צו שרייבן, שווער איז אויסצומעקן... נישט אַלץ, וואָס מען טראַכט, דאַרף מען אַרויסרעדן; נישט אַלץ, וואָס מען דערציילט, איז כּדאַי צו ווערן פֿאַרשריבן; און נישט אַלץ, וואָס ווערט פֿאַרשריבן, איז כּדאַי מען זאָל עס אָפּדרוקן... אַ גאַנץ יאָר דאַרף מען זיך נוהג זיין ווי אין חודש אלול, און אלול איז דאָך טאַקע אלול... דער רבֿ, וואָס זיין קהילה האָט אים נישט פֿאַרטריבן פֿון שטאָט, ווייל ער טוט אַלץ, וואָס מען פֿאַרלאַנגט פֿון אים, איז נישט קיין רבֿ... אַ מתמיד איז דער, וואָס לערנט יעדן טאָג...

דערשיינונגען, וועלכע זענען אויסגעקומען לגמרי נישט וויכטיק, אַז מען זאָל זיך איבער זיי אָפּשטעלן, האָבן ביי אים אַרויסגערופֿן רעפֿלעקסן, און אַרויסגעברענגט מערקווירדיקע מוסר־השׂכּלס. ער האָט באַמערקט, אַז מען קען זיך אָפּלערנען דריי זאַכן פֿון אַ באַן: דער, וואָס פֿאַרשפּעטיקט אַפֿילו אויף איין מינוט, פֿאַרזוימט; דער מינדסטער אָפּנויג פֿון די רעלסן, ברענגט צו אַ קאַטאַסטראָפֿע; און מען טאָר נישט פֿאָרן אָן קיין בילעט. ער האָט געזאָגט, אַז אַ מענטש איז גלייך צו אַ פֿויגל. דער פֿויגל פֿליט, כּל־זמן ער באַוועגט זיינע פֿליגלען, טאָמער שטעלט ער זיך אָפּ, פֿאַלט ער אַראָפּ. די תּשובֿה־טעג צווישן ראש השנה און יום־כּיפּור האָבן אַרויסגערופֿן זיין באַמערקונג, אַז הגם מען פֿירט זיך, אַז מען טוט תּשובֿה אין די סליחות־טעג, זענען אָבער דאָ אַנדערע, וואָס הייבן אָן תּשובֿה טאָן שוין אין ראש חודש אלול, און דאָס גלייכסטע איז אָנצוהייבן תּשובֿה טאָן באַלד נאָך נעילה... זיינע כּתבֿים האָט דער סאַלאַנטער געשריבן אין לשון הקודש. זיינע שמועסן מיטן עולם צי מיט זיינע תּלמידים האָט ער, פֿאַרשטייט זיך, געפֿירט אין ייִדיש. איןביידע לשונות האָט ער באַוויזן אַרויסצוזאָגן אַלץ אין דער שנײַדיקסטער פֿאָרם. זייטן אויף זייטן וואָלט מען געקענט אָנשרייבן בלויז בכדי אויסצוטייטשן די כּוונות, וואָס זענען פֿאַרבאָרגן אָט אין דאָזיקן אָפּאָריזם: דרײַ כּללים דאַרף אַ מענטש אָפּהיטן: טאָן, נישט נאָכטאָן; טאָן, נישט אָפּטאָן; טאָן, נישט אויפֿטאָן.

וועגן רבי ישׂראל סאַלאַנטער ווערט דערציילט דאָס, וואָס די חסידישע טראַדיציע האָט צונויפֿגעבונדן מיט רבי לוי יצחק בערדיטשעווער און רבי משה לייב סאַסעווער. אין דער נאַכט פֿון כּל נדרי האָט קהל געוואַרט אויף אים. דאָס איז געשען אין ווילנע. אָבער ער איז נישט געקומען. באַאומרויִקטע און פֿאַרוווּנדערטע ווי אַלע זענען געווען, האָט מען דאָך אין אַ שפּעטער שעה זיך גענשטעלט דאַוונען אָן אים. ענדלעך האָט ער זיך באַוויזן אין שול. זיינע בגדים זענען געווען צעקנייטשט און באַדעקט מיט פּעדערן. ווּ ער איז געווען? גייענדיק אין שול, האָט ער געהערט ווי אַ קינד וויינט, די עלטערן זענען געהאַט אַוועקגעגאַנגען אין שול, און איבערגעלאָזט דאָס קליינע קינד אונטער דער אויפֿזיכט פֿון אַ שוועסטערל. אָבער זי איז נישט מסוגל געווען איינצושטילן דאָס קינד. איז רבי

ישראל סאַלאַנטער פאַרבליבן מיט ביידע קינדער אין זייער הויז, און זיך פאַר־נומען מיט זיי, ביז וואַנען די עלטערן זענען אַהיים געקומען. אין דער צייטשריפט „השחר", וואָס פרץ סמאָלענסקין האָט אין פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אַרויסגע־געבן אין ווין, איז די דאָזיקע געשיכטע באַשריבן געוואָרן דורך אַ קאָרעספּאָנדענט מיט אַלע פּרטים. אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע האָט דאָס געדינט ווי אַ טעמע פאַר יהואש. אין זיין ליד „אַ יום־כּיפּור־מעשׂהלע" דערציילט דער דיכטער, ווי דער רב האָט דאָס קינד „אין טלית איינגעטוליעט, און זינגענדיק כּל נדרי אים געניאַנטשעט און געליולעט". די דאָזיקע דערפאַרונג האָט משמעות זיך שטאַרק איינגעקריצט אין האַרץ פון ישראל סאַלאַנטער, ווייל ווען עס איז ביי דער קהילה אין מעמעל פאַרבליבן אַ שפּאַר ביסל ציגל נאָך דעם, ווי זיי האָבן געענדיקט בויען די נייע שול, און מען האָט אָנגעפרעגט ביי אים, וואָס מען זאָל טאָן מיט די ציגל, האָט ער געענטפערט: ווען עס זאָל זיך וועגדן אין מיר, וואָלט איך פאַרבויט די טיר פון דער ווייבער־שול, אַ סך גלייכער, אַז די ווייבער זאָלן פאַרבלייבן אין דער היים און זיך אָפּגעבן מיט זייערע קינדער.

אין אַ קרעטשמע, ווו ער איז אַ מאָל איינגעשטאַנען צוזאַמען מיט עטלעכע רבנים, האָט ער באַמערקט, אַז די דינסט ברענגט די עמערס מיט וואַסער פון אַ ווייטן ברונעם, און אַז זי ווערט פאַרמאַטערט שלעפּנדיק די עמערס באַרג אַרויף צו דער קרעטשמע. בעת ער האָט זיך געוואַשן צום עסן, האָט מען געקענט זען, אַז ער וואַשט זיך די הענט מיט אַ קליין ביסל וואַסער. פאַר וואָס נוצט איר אַזוי ווייניק וואַסער? — האָבן אים געפרעגט די רבנים. ער האָט געענטפערט: מען טאָר נישט זיין אָפּגעהיטן אין מצוות אויפן חשבון פון יענעמס פלייצעס.

מוסר האָט פאַר אים באַדייט נישט בלויז גיגאַנטישער פאַרמעסט אין גראַנגל קעגן „די טונקעלע כּוחות", וואָס בויען אויס זייער נעסט אינעם מענטש, נאָר טאָקע אויך פּשוטע טאָג־טעגלעכע גוטסקייט, מיטלייד צום אָרעמען און געדריקטן, האַרציקע באַציִונג פון מענטש צו מענטש. אַ צדיק, האָט ער געזאָגט, קען נישט זיין דער, וואָס פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף די באַדערפענישן פון דור, און עס איז אַ טעות אויב מען רעכנט, אַז מען געפינט זיך און די אייגענע פּערזענלעכ־קייט, ווען מען איז מיט זיך אַליין; מען געפינט זיך, ערשט ווען מען איז מיטן מיטמענטש און ווען מען זאָרגט פאַרן אַנדערן מענטש און מען בינדט זיך צונויף מיט זיינע געברויכן. מוסר דריקט זיך אויס אין מעשׂים, און אויך אין געפילן און געדאַנקען, נישט אָנרירן יענעמס כּבוד, אָנהייבן מיט זעלבסטקריטיק. אַ געזעלשאַפט פאַרווירקלעכט די אידעען פון גערעכטיקייט ,אויב יעדער יחיד פּירט אַדורך אין זיין אייגענער אויפפירונג די פּרינציפּן פון גערעכטיקייט און יושר. איי, האָט ער אָפּגעזיפצט, מען שלעפּט אַריין אַ ייִד אין שול, ווען מען דאַרף האָבן אַ מנין, אָבער ווען מען מאַכט אַ סעודה, זע איך גאָרנישט, אַז מען זאָל אַריינשלעפּן אַהין ייִדן...

אַ דורכפֿאָרנדיקער מגיד האָט אַ מאָל געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל אים אויס־לערנען האַלטן אַ שיינע דרשה, האָט ער זיך מיט אים אָוועקגעזעצט, און מיט דער פֿולער ערנסטקייט איינגעקנעלט מיט אים עטלעכע דרשות. טאָן אַ טובה אַ מענטש, איז העכער מוסר. פֿאַר פּסח האָט ער אָנגעזאָגט זיינע תּלמידים, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אין עניינים פֿון כּשרות איבער די בעקערייען, אַז זיי זאָלן שטאַרק אַכטונג געבן אויף אַלץ, וואָס זיי וועלן זיך אָנטרעפֿן. אויף דער פֿראַגע אין וואָס זיי דאַרפֿן צומייסטן זיין נזהר, האָט ער געענטפֿערט: בייזערט אייך נישט אויף דער פֿרוי, וואָס קנעט דעם טייג, זי איז נעבעך אַן אָרעמע אַלמנה, טוט איר נישט אָן קיין צער...

דער הקדש אין קאָוונע, ווו עס פֿלעגן שלאָפֿן די אָרעמע־לייט, האָט זיך געפֿונען אין אַ פֿאַרוואָרלאָזטן מצב, און קהל האָט זיך נישט געאיילט אַריינצו־ברענגען דאָרט אַ ביסל ריינקייט און אָרדענונג, האָט ער אַליין זיך אַריינגעצויגן אין הקדש און דאָרט געשלאָפֿן. אפֿשר קען דאָס זיין אַ מיטל, אַז מען זאָל אָנהייבן עפּעס טאָן פֿאַר די אָרעמע־לייט, וואָס פֿינצטערן אָפּ זייער לעבן... בעת ער איז געזעסן אין בית־המדרש אין קאָוונע און געלערנט שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער געהערט, ווי איין אָרעמאַן בעט ביים אַנדערן, אַז ער זאָל מיט אים מיטגיין צום ברונעם אָננעמען וואַסער, ווייל ער איז דורשטיק, אָבער יענער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן. איז ער אַוועק צום ברונעם און געברענגט וואַסער. אַ ייִד, האָט ער געזאָגט, דאַרף האָבן רחמנות, מען קען נישט האָבן קיין האַרץ פֿון שטיין. מוסר האָט באַדייט פֿאַר אים איבערבוי פֿון איינשטעלונג. מען דאַרף געבן צו פֿאַרשטיין אונדזערע מענטשן, האָט ער געטענהט, אַז ביי אונדז ייִדן שטאַרבט מען נישט פֿון הונגער נאָר פֿון גאווה. אָפֿט קומט מיר אויס צו הערן, ווי אונדזערער אַ ייִד זאָגט, אַז די אַרבעט פּאַסט נישט פֿאַר אים און אַז יענע באַשעפֿטיקונג שטייט אים נישט אָן, אַ בעל־מוסר, האָט ער אויסגעטייטשט, איז דער, וואָס איז אַ מוסר־ניק אין יעדן קער און ווענד און וואָס מוסר איז זיין אייגנס. מען קען אַ מאָל מער מתקן זיין מיט דער סעודה אין פּורים, ווען מען פֿאַרבעט צו איר אָרעמע־לייט, ווי מיט דער נעילה יום־כּיפּור.

זאָל צוגעגעבן ווערן, אַז ער האָט געהאַט אויך קעגנער. אין די רעליגיעזע קרייזן האָבן אייניקע געהאַלטן, אַז ער רייסט אָפּ די יוגנט פֿון לערנען און ברענגט אַריין אַ פֿונאַנדערטייל אין ייִדישן ציבור, אין אַזעלכע, וואָס לערנען מוסר, און אין אַזעלכע, וואָס לערנען נישט קיין מוסר. מען האָט אים גענומען פֿאַר אומגוט דעם ענטפֿער, וואָס ער האָט געגעבן, ווען מען האָט אים געפֿרעגט, וואָס צו טאָן אין פֿאַל, ווען מען קען בלויז איין שעה אין טאָג אָוועקגעבן פֿאַר לערנען, צי איז גלייכער לערנען תּורה אָדער מוסר, און ער האָט געענטפֿערט, אַז עס איז בעסער צו לערנען מוסר. געמיינט האָט ער דערמיט צו זאָגן, אַז אויב מען לערנט מוסר, וועט מען שוין געפֿינען צייט אויך פֿאַר תּורה, אָבער ביי זיינע קריטיקער

האָט די תשובה אַרויסגערופן קעגנערשאַפט. צווישן די משׂכּילים און אויפגעקלערטע האָבן נישט געפעלט די, וואָס האָבן אים באַטראַכט ווי „צוריקגעשטאַנען", אַ ייִד אַ בטלן, וואָס לעבט אין שטויב פון אַלטע ספרים און אָפּגעוועלקטע באַגריפן, אָבער דער דאָזיקער ייִד האָט פאַרמאָגט אין זיך אומגעווייִנלעכע פעסטקייט פון כאַראַקטער. גאַרנישט האָט געקענט אָפּשוואַכן זיין אַנטשלאָסנקייט. מער ווי אין אַנדערע צייטן מוז אונדזער פאָלק קלעטערן צו די הויכקייטן פון מידות, בעת מענטש און ייִד שטייען אויפן שיידוועג פון אידעען, האָט ער דערקלערט. און ער האָט נישט געלאָזט פאַלן און אויסרעדן קיין שלעכט וואָרט אויף זיינע קעגנער. איך האָב נישט אויף זיי קיין פאַרדרוס, האָט ער געזאָגט, און ווי עס גיבן איבער זיינע בני דור, האָט ער זיי אַפילו געהאָלפן, אויב זיי האָבן זיך גענויטיקט אין זיין הילף. חסידים, האָט ער זיך פאַרטרויט, גלויבן, אַז זיי האָבן מנהיגים. מתנגדים האַלטן, אַז זיי דאַרפן נישט קיין מנהיגים. און איך האַלט, אַז מיר דאַרפן אַלע פאַרריכטן אונדזערע מידות.

בעת ער איז קראַנק געוואָרן — און ער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין קעניגסבערג — זענען די חשובסטע בעלי־הבתּים פון שטאָט געקומען אים מבקר חולה זיין. מען האָט געזאָרגט פאַר זיין באַקוועמלעכקייט און געוואָלט אַפילו דעם וואַנט־זייגער אַריבערטראָגן אין אַן אַנדערן צימער, כּדי דער חולה זאָל האָבן פולשטענדיקע רו. ער האָט זיך אָפּגערופן: אַן אַלטער ייִד, אַן אָרעמאַן, ליגט אין בעט, און איר פאַרלייגט אַזוי פיל טירחה אַרום אים. עס, נישט כּדאַי...

טאַקע אין קעניגסבערג איז דער שעפער פון דער מוסר־באַוועגונג אַוועק פון דער וועלט, מיט העכער הונדערט יאָר צוריק, אין יאָר תּרמ"ג.

ד.

אין רבי ישׂראל סאַלאַנטער האָט געלעבט מיט ווונדערלעכער פרישקייט דער אוראַלטער ייִדישער חלום פון פאַרריכטן די וועלט, אַזוי, אַז זי זאָל ווערן דאָס קעניגרייך פון גאָט, און פאַרריכטן דעם מענטש, אַזוי, אַז ער זאָל זיך טאַקע אַרויפהייבן צו זיין די קרוין פון באַשאַף. לתקן עולם במלכות שדי, אַזוי האָט מען זיך אויסגעדריקט אין די אַמאָליקע צייטן. רבי ישׂראל סאַלאַנטער האָט זיך באַנוצט מיט מער קאָמפּליצירטע אויסדרוקן, אָבער דער חלום איז דער זעלבער, און די זעלבע איז די לערע. עטיק קען נישט אויסגעבויגן ווערן, און עס קען אין איר נישט אַריינטרעטן קיין ענדערונג. מוסר איז אַבסאָלוט, אוניווערסאַל, און שורשדיק ייִדיש. זיין קינדער פון גאָטס פאָלק וואַרפט אויף אונדז אַרויף חובות, וואָס מוזן געדעקט ווערן.

אין דער ייִדישער וועלט פון מזרח־אייראָפּע, וואָס איז אונטערגעגאַנגען, איז

ישׂראל סאַלאַנטער, אויך דעמאָלט, ווען ער איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, געווען אַ ווירקנדיקער כּוח. מוסר־ישיבות האָבן געהאַלטן אָפן זייערע טויערן, און זיי האָבן זיך געפונען אין די שטעט און שטעטלעך פון פאַרשידענע געגנטן. אויך חברות און שולן האָבן זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע אָנצוגיין כּסדר מיט די אָנווייזונגען פון שעפער פון דער מוסר־באַוועגונג. אין אַן אַרבעט, וואָס אַברהם מענעס האָט פאַרעפנטלעכט, ווערט איבערגעגעבן, אַז צווישן די צוויי וועלט־מלחמות האָט די מוסר־באַוועגונג אין ליטע פאַרשפּרייט צווישן אירע חברים די תּקנות, וואָס האָבן גערופן צו באַשטימען יעדן טאָג אַ צייט פאַר לערנען מוסר און כּסדר אָנגיין מיט דער אָנשטרענגונג אויסצובעסערן די מידות, די מידה פון חסד, די מידה פון אמת.

אָבער נישט דווקא אין דער ישיבה צי אין דער שול איז קענטיק געווען די השפּעה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. די תּורה פון מוסר איז זיך פונאַנדערגע־גאַנגען אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט, וואָס איז אונטערגעגאַנגען. די נייע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור האָבן אָפּט פאַרנומען איר מאַנענדיקן קול. דער „דיבוק" פון ש. אַנסקי איז אַן אויפטרייסלענדיקער אויסגעשריי פון דער פאַרוואונדעטער מאָראַל, און די באַמערקונגען, וואָס דער משולח לאָזט פאַלן אין דער דאָזיקער דראַמע פון עטיק און מיסטיק, קומען אויס ווי אַרויסגענומענע פון מחשבות־אוצר פון סאַלאַנטער. ישׂראל שטערן האָט באַזונגען און באַשריבן דאָס חסידות פון בראַצלאַוו, אָבער בראַצלאַוו האָט זיך אין זיין וואָרט צונויפגעגאָסן מיט סאַלאַנט. נישט בלויז אין דעם מוסר־פּיִין, אין וועלכן עס האָבן זיך געקנוילט יוסף חיים ברענער און מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, איז איינגעגראָבן די עקבערנ־דיקע אויפפאָדערונג פון סאַלאַנט, נאָר אויך אין דער פּאָעמע וועגן מסדה פון יצחק למדן שפּירט זיך דער עטישער אומרו, וואָס ישׂראל סאַלאַנטער האָט אַריינ־געטראָגן אין ייִדישן לעבן פון די לעצטע דורות.

צווישן די געשטאַלטן, וואָס שווימען פאַר מיר אַרויס פון דער וועלט פון דער פאַרגאַנגענהייט, זע איך פאַר זיך ראַבינאָוון פון וואַרשע, דער תּלמיד־חכם ראַבינאָוו, וועלכער פלעגט צונויפזאַמלען אין די פרייטיק־צו־נאַכטן המונים צו־הערער, כּדי פאַר זיי אויסצולייגן די תּורה פון מידות און מוסר. די מאמרים פון הלל צייטלין צי פון יהודה לייב אָרלעאַן אין די פרייטיק־אויסגאַבעס פון די וואַרשעווער צייטונגען זענען אין תּוך געווען פּובליציסטישע אויפקלערונגען פון סאַלאַנטערס אַ מוסר־שמועס. נתן בירנבוימס אַן אָפּרוף האָט אין זיך געטראָגן דעם צער און די האָפענונג פון סאַלאַנטער, און אין אַ וועלט, וואָס האָט זיך געקרישלט אין אירע יסודות, און אין אַ צייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן חורבות אויף חורבות, האָט חיים גראַדע געפילט, אַז אין דער תּורה פון ייִדישן מוסר איז פאַראַן איינהאַלט און אָנהאַלט, און אַז די מוסרניקעס זענען די, וואָס היטן אָפּ דעם געטלעכן ניצוץ אין געשענדטן מענטש.

נישטאָ מער קעלם, און נישטאָ מער נאָוואַרדאָק, און נישטאָ מער ביאַליסטאָק, און נישטאָ מער פּראַנצישקאַנער־גאַס. אין יענע שטעטלעך און גאַסן, וואָס האָבן זיך אויסגעוויזן צו זיין דורותדיק ייִדיש, שלייכן זיך מער נישט אַדורך אין שטילער עניוות די בחורים פון די אונטערגעגאַנגענע ישיבות. אָבער אין די טיפענישן פון ייִדישער געשיכטע, און אין איר אייביקן שטראָם, קלינגט אָפּ דער ווידערקול פון דער מוסר־פּראַגע, וואָס רבי ישׂראל סאַלאַנטער האָט מיט שטורעם און אַדורכנעמענדיקן ניגון אַריינגעשניטן אין ייִדישן געוויסן.

די גייסטיקע קולטור פון פוילישן ייִדנטום

מיר באַנוצן זיך כּסדר מיט אַ צופּיל־פּאַראַלגעמיינערטן באַגריף „מזרח־אייראָפּעיִש ייִדנטום" און מיר פאַרגעסן, אַז מזרח־אייראָפּע האָט אין זיך אַריינגענומען פאַרשידענע לענדער און פאַרשידענע ייִדישע קיבוצים. אין איצטיקן פאַל גייט מיר בפירוש וועגן פּוילישן ייִדנטום; און די אויפגאַבע איז ווייט נישט קיין לייכטע. בעיקר דערפאַר, ווייל אונדז פעלט נאָך אין אונדזער דור די געהעריקע פּערספּעקטיוו אָפּצושאַצן די ירושה, וואָס איז אונדז פאַרבליבן נאָכן אונטערגעגאַנגענעם ייִדיש־פּוילישן קיבוץ.

מיט אייניקע יאָרצענדליק צוריק האָט נאָך פּויליש ייִדנטום געלעבט; האָט נאָך ייִדיש־פּוילישע קולטור געבליט. אַ סך פון אונדז זיינען אַפילו געווען אַקטיוו מיטבאַטייליקט אין געוועב פון יענעם רומפולן נעכטן. הײַנט איז פּויליש ייִדנטום חרוב, צעשטערט. די פראַגע איז בכן: צי זענען מיר, צי איז אונדזער דור, בכלל פעיִק אונטערצוציִען אַן אָביעקטיוון סך־הכל פון דער גייסטיקער ירושה, וואָס איז אונדז פאַרבליבן? אָבער דווקא דערפאַר, ווייל די טעמע טראָגט אין זיך שוועריקייטן, לאָקט זי דעם געדאַנק.

נאָך אַ שטערונג: די דעפיניציע גופא „פּוילישער ייִד". ווער זענען געווען פּוילישע ייִדן? ריכטיק וואָלט געווען צו זאָגן, אַז פּוילישע ייִדן זענען די, וועלכע האָבן געלעבט אין די גרענעצן פון פּוילן. אָבער אין לויף פון דער געשיכטע האָט פּוילנס מאַפּע אַדורכגעמאַכט שאַרפע און אַנטשיידנדיקע ענדערונגען. די אַלט־היסטאָרישע פּוילישע מלוכה איז געווען פאַראייניקט מיט ליטע. אין דער טעריטאָריע זענען געווען איינגעשלאָסן קליין־פּוילן מיט קראָקע און לובלין; גרויס־פּוילן מיט פּויזן; רויט רוסלאַנד, דאָס שפּעטערדיקע מזרח־גאַליציע, מיט לעמבערג; און דאָס עטנאָגראַפישע פּוילן, צענטראַל פּוילן, דאָס שפּעטערדיקע קאָנגרעס־פּוילן מיט וואַרשע. אָבער אין 18טן יאָרהונדערט הייבט זיך אָן דער פּראָצעס פון אונטערגאַנג. פּוילן ווערט פונאַנדערגעבערעקלט און פונאַנדערגעטיילט צווישן די רויבערישע שכנים. סוף פון 18טן יאָרהונדערט ווערט זי אָפּגעווישט פון דער מאַפּע, און עס בלייבט בלויז איבער אַ שאָטנדיקע זעלבסטשטענדיקייט אין אַ קליינעם טייל פון צענטראַל־פּוילן. ערשט נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יאָר 1918, שטייט פון ס'ניי אויף אַ גרויס, זעלבסטשטענדיק פּוילן; און עס לעבט

ווידער אויף די פּאָליטישע און גייסטיקע אייניקייט פון גרויסן יידיש־פּוילישן קיבוץ. טאָ אין וועלכע געאָגראַפישע, פּאָליטישע און קולטורעלע גרענעצן לאָזט זיך רעדן וועגן פּוילישן יידנטום?

די אויפגאַבע איז אומגעוויינלעך קאָמפּליצירט. אין די ראַמען פון מיין עסיי וועל איך זיך דעריבער האַלטן ביים דאָזיקן כּלל: פּוילישע יידן זענען די, וואָס הגם זיי זענען אויף אַ געוויסער תּקופה אַרונטערגעפאַלן אונטער אַ פרעמדער מאַכט, האָבן זיי דאָך אויפגעהאַלטן זייער אוממיטלבאַר־היסטאָרישן קאָנטאַקט מיטן פּויליש־יידישן כּלל און מיטן גייסט פון דער יידיש־פּוילישער קולטור־טראַדיציע.

איך וועל אויסשליסן פון מיין אַרבעט די געגנטן, וואָס נאָך דעם ווי זיי זענען אָפּגעפאַלן פון פּוילן, האָבן אויך די יידן אין זיי זיך אָפּגעריסן גייסטיק און קולטורעל פון יידיש־פּוילישן קיבוץ צו וועלכן זיי האָבן פריִער געהערט; גענומען ציִען זייער שאַפן און אויסוועבן זייער מענטאַליטעט אין אַ גאַנץ פאַרשידענער ריכטונג.

דער יידישער ישוב אין פּוילן איז אַלט. נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק, גלייך מיטן אויפקום פון דער פּוילישער מלוכה, האָבן שוין יידן געלעבט אויף דער פּוילישער ערד. נאָך מיט טויזנט יאָר צוריק זענען שוין אין פּוילן אויסגעגאָסן געוואָרן מטבעות מיט העברעיִשע אויפשריפטן. אָבער עס האָבן נאַטירלעך געמוזט פאַרבייגיין לאַנגע תּקופות, ביז עס האָט זיך אַנגעהויבן אויספאָרמירן אַן אייגנאַרטיק־יידישע קולטור אויף דער פּוילישער ערד. אין די ערשטע יאָרהונדערטער פון יידיש־פּוילישער געשיכטע וואַקסט דאָרט די יידישע באַפעלקערונג אין גאָר אַ קליינער צאָל. עס פליסט אויך אַ שוואַכער שטראָם פון יידישע איינוואַנדערער קיין פּוילן. ערשט אין 14טן יאָרהונדערט פאַרגרעסערט זיך די צאָל אימיגראַנטן. אין די שכנותדיקע מדינות קומען פאָר רדיפות אויף יידן. אין פּוילן הערשט דאָן אַ באַדייטנדיקע טאָלעראַנץ. פּוילן אַליין וואַקסט אויס ווי אַ גרויסמאַכט ערשט ביים סוף פון 14טן יאָרהונדערט. די יידן ווערן אַ וויכטיקער עקאָנאָמישער פאַקטאָר אינעם אויפבוי פון דער פּוילישער מדינה, אין דעם אויפקום פון אירע שטעט, אין דער אַנטוויקלונג פון האַנדל און אינדוסטריע.

פּוילן הייבט אויך אָן צו ווערן אַ פירנדיקער גייסטיק־יידישער צענטער. עס שיילט זיך אַרויס אַ קולטור מיט אַן אייגענעם נוסח און אייגנאַרטיקן אויסדרוק.

דער פּלפּול אין דער תּלמודישער קולטור

זאָל גלייך געזאָגט ווערן: דאָס איז געווען אַ רעליגיעזע קולטור. אין גאָר דער וועלט, אומעטום ווו יידן האָבן געלעבט, איז זייער קולטור אין יענער צייט

געווען אַ רעליגיעזע. דער תּלמוד איז די באַזע פֿון דער ייִדישער ציוויליזאַציע אין יענער עפּאָכע. אָבער אין פּוילן פֿאָרמירט זיך אויס אַ באַזונדערע שיטה אין לערנען דעם תּלמוד: די שיטה פֿון פּלפּול.

מיר זענען געווינט איבערצוזעצן פּלפּול מיטן טערמין „סכאָלאַסטיק". אָבער איך צווייפֿל, צי סכאָלאַסטיק דריקט ווירקלעך אויס דאָס, וואָס דער פּלפּול־וועג באַטייט. דאָס איז אַ שיטה, ווו דער אינטעלעקט רוקט זיך אַרויס אויפֿן ערשטן פּלאַץ. דאָס איז אַ ריכטונג, וואָס שטעלט זיך פֿאַר אַ ציל צו אַנטוויקלען די שׂכלדיקע מעגלעכקייטן פֿונעם תּלמיד, אַזוי, אַז ער זאָל קאָנען — אויף אַ זעלבסט־שטענדיקן אופֿן — דערגיין צו די פֿאַרהאַנדלונגען און אויספֿירן אין תּלמוד. דאָס איז אַ שיטה, וואָס וועקט צו שאַרפֿן דעם פֿאַרשטאַנד.

פֿון די חדרים און ישיבֿות וואַרפֿט זיך אָט די שיטה אַריבער אויף אַלע געביטן פֿון גייסטיקן לעבן. זי לייגט אַרויף איר טיפֿן שטעמפּל אויף דער ייִדיש־פּוילישער פּסיכיק. שוין דעמאָלט, אין באַגינען פֿון דער ייִדישער קולטור אין פּוילן, איז דער פּוילישער ייִד אַ מענטש, וואָס ביי זיין גאַנצער און שטאַרקער רעליגיעזיטעט, גלייבט ער דאָך אין דער מאַכט פֿון אינטעלעקט. ער איבט זיך אין די דינסטע און פֿיינסטע ניואַנסן פֿון דענקען.

דער ערשטער באַוווּסטער תּלמודישער גאון, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַרויסגעגעבן, איז געווען רבי יעקב פּאָלאַק, ראש ישיבֿה אין לובלין. ער איז געווען אַ מייסטער אין דער „תּורה עוקרת הרים", אין דער תּורה, וואָס איז געווען פֿעיִק „אויסצורייסן בערג פֿון זייער אָרט", ווי מען פֿלעגט זיך אויסדריקן אין אַ מליצהדיקן לשון־קודש. וועגן רבי יעקב פּאָלאַק ווערט דערציילט, אַז איין מאָל האָבן זיינע תּלמידים אויסגעריסן עטלעכע בלעטער פֿון דער גמרא, וואָס ער האָט געלערנט. אָבער ער האָט בכלל נישט געפֿילט, אַז זיי פֿעלן. מיט דער חריפֿות פֿון זיין שׂכל, האָט ער פֿאַרבונדן די ענינים, וואָס זענען פֿאַקטיש געווען ווייט איינער פֿון אַנדערן. ער האָט נישט איבערגעלאָזט קיין ספֿרים נאָך זיך, קיין חידו־שים, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז זיינע תּלמידים וועלן צוליב דעם זיך ווייניקער אָנשטרענגען און זיך מער שטיצן אויף דער אויטאָריטעט פֿון זיין געשריבענעם וואָרט.

אין אָט דעם וועג פֿון פּלפּול זענען געגאַנגען די רבנישע אויטאָריטעטן, וואָס האָבן געלעבט נאָך אים. איך וועל בלויז דערמאָנען אייניקע נעמען: רבי שלום שכנא פֿון קראָקע, דער מייסטער פֿון געשליפֿענעם פֿאַרשטאַנד; רבי משה איסער־ליש (אין פֿאַרקירצונג גערופֿן: רמ"א), דער באַרימטער פּוסק פֿון פּוילישן ייִדנ־טום, וועלכער האָט זיין שאַרפֿע דיאַלעקטיק און אייזערנע לאָגיק באַנוצט אויך אין זיינע קאָמענטאַרן צום רעליגיעזן קאָדעקס, דער „שולחן ערוך"; רבי שלמה לוריא, דער רש"ל, וועלכער איז געווען באַשאָנקען מיטן אַנאַליטישן חוש פֿון אַן

ערשט־קלאַסיקן פאַרשער. רבי שלמה לוריא האָט פּאַקטיש געעפנט דעם וועג פאַר דער זעלבסטשטענדיקער קריטיק אין פאַרשן דעם טעקסט פון תּלמוד.

אָט די געוואַלדיקע אַכטונג פאַרן אינטעלעקט איז די סיבה, פאַר וואָס די בויער פון דער תּלמודישער קולטור אין פוילן, האָבן זיך באַצויגן מיט אַזאַ שטאַר־קער פאַרערונג צום גרויסן ראַציאָנאַליסט, וואָס דאָס שפּאַנישע ייִדנטום האָט אַרויסגעגעבן עטלעכע הונדערט יאָר פריִער, צום רמב״ם. זיי זענען אייגנטלעך געשטאַנען זייער ווייט פון רמב״ם. זיי האָבן נישט פאַרמאָגט זיין אַלזייטיק־פילאָ־סאָפישע צוגרייטונג. אָבער אין שטריך האָט פאַראייניקט דעם ראַציאָנאַליסט פון אונטערגעגאַנגענעם שפּאַנישן ייִדנטום, און די דענקענדיקע גייסטער פון אויפ־גייענדיקן פוילישן ייִדנטום: די פאַרערונג פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. פאַרן רמ״א, וועלכן כ׳האָב שוין פריִער דערמאָנט, איז דער רמב״ם געווען דער „רב המורה״, דער גרויסער לערער. זיין ספר „מורה נבוכים״, דער „וועגווייזער פון די בלאָנדזשענדיקע״, איז פאַר אים געווען דער טיפער קוואַל פון פילאָסאָפישן וויסן. עטוואָס מער: געַנוי ווי דער רמב״ם, האָט אויך דער רמ״א געפּרוווט דערקלערן מיטן שׂכל די דערשיינונגען אין דער וועלט, אין לעבן און אין דער אמונה. ער האָט געזאָגט, אַז דער שׂכל פון מענטש איז ענלעך צו אַ פלאַם פייער, וואָס באַ־לויכט די פינצטערניש; און בלויז דער, וואָס איז משׂיג און באַגרייפט דעם אמת, דערהויבט זיך צו דער העכסטער מדרגה.

אַן אַנדער תּלמודישער גאון, רבי מרדכי יפה, גערופן אויפן נאָמען פון זיינע ספרים „דער בעל־לבושים״, שרייבט אַ פּירוש צום „מורה נבוכים״, און ער פּרוּווט אַפילו דערקלערן מיט אַ שׂכל־טעאָריע די דערשיינונג פון נבואה.

די נייגונג צו מיסטיק

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ נישט דאָס פולע בילד פון דער גייסטיק־ייִדישער קולטור אין אַמאָליקן פוילן. גלייכצייטיק מיט דער געוואַלדיקער פאַרערונג פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד, טרעט אויך אַרויס אַ קעגנזעצלעכע נייגונג אין יענעם באַגינען פון דער ייִדיש־פוילישער קולטור: אַ נייגונג צו מיסטיק, צו דער לערע פון סוד, צו דער תּורה שבלב, צו דער לערע פון האַרץ. און דאָס איז עטוואָס נייעס.

אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט איז דעמאָלט (און אויך פריִער) אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער געראַנגל צווישן די צוויי ריכטונגען. פון איין זייט די שיטה, וואָס האָט דערקלערט, אַז מיר מוזן זיך באַמיִען צו באַגרייפן אַלע דערשיינונגען מיטן

כּוח פון אונדזער שׂכל; אַז די עמאָציאָנעלע פאַקטאָרן טאָרן נישט שפּילן קיין ראָל אין מענטשלעכן לעבן; אַז די גרויסע פּילפּאַרביקע וועלט פון מענטשלעכע חלו־מות, אילוזיעס און פאַנטאַזיע איז שפּינוועב. דערהויבונג געפינט נאָר דער מענטש אין זיין אַקטיוון אינטעלעקט. און פון דער צווייטער זייט, די ריכטונג, וואָס איז בעיקר געקומען צום אויסדרוק אין דער מיסטיק, אין דער קבלה, און אין איר פונדאַמענטאַלן ספר, דער זוהר. די שיטה האָט געזאָגט, אַז העכער פון שׂכל שטייט דאָס געפיל; אַז ווירקלעכער ווי די רעאַלע וועלט, איז די וועלט פון פאַנטאַזיע; אַז דער ציטער פון אַ בענקענדיקער נשמה איז אַנטשיידנדיקער, ווי דער קאַלטער שׂכל פון דענקער.

אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט איז אַנגעגאַנגען אַ שאַרפער דראַמאַטישער וויכּוח: וואָס איז ייִדישקייט? וואָס איז ייִדישער וועלט־בליק, וואָס איז ייִדישע תּורה? צי איז זי אַ תּורה פון מוח? אָדער פון האַרץ? צי קאָן אַלץ אין דער וועלט ווערן אָפן, קלאָר, פאַרשטענדלעך — אָדער מוז אַלץ בלייבן פאַרנעפּלט, פאַרהוילן, אַ סוד אויף אייביקע צייטן?

אין פּוילן זענען ביידע און קעגנזעצלעכע ריכטונגען געגאַנגען צוזאַמען־פּאָרט. זייט ביי זייט מיט דער אינטעלעקטועלער קולטור בויט זיך אויך אויס אַ מיסטישע קולטור. זייט ביי זייט, האַנט ביי האַנט. און עטוואָס מער: אין די זעלבע פּערזאָנען גופא. די שאַרפע ניכטערע מוחות קאָנען אויך זיין פּאָעטיש, ראָמאַנטיש. די אייזערנע קעפּ פאַרוויגן זיך אויך אין דמיונות. דער ראַציאָנאַליסט איז אַ מיס־טיקער; דער מיסטיקער איז אויך אַ ראַציאָנאַליסט. דער תּלמוד איז דאָס ספר פון פאָלק. אָבער אויך דער זוהר איז דאָס ספר פון פאָלק.

איך זאָג מיט אַ כּוונה: פאָלק. וואָרעם איינער פון די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער ייִדישער קולטור אין פּוילן איז, אַז דאָס גאַנצע פאָלק באַטייליקט זיך אין איר אויפבוי. נישט איין שיכט, נישט איין קלאַס, ווי דאָס איז געווען דער פאַל אין אַנדערע ייִדישע ישובים. אין ייִדיש־פּוילישן קיבוץ לייגן אַלע די ציגל צום קולטור־בנין. אַלע לערנען דעם תּלמוד און אַלע פאַרטיפן זיך אין דער קבלה.

דער זעלבער רמ״א, וועלכער רעדט וועגן דער אוניווערסאַלער באַדייטונג פון ווירקנדיקן שׂכל, שרייבט אויך אַ פּירוש אויפן זוהר; און ממש אין איין אָטעם זאָגט ער אויך, אַז אַלץ איז פאַרהוילן, אַז די מענטשלעכע נשמה איז אַ וווּנדער, און דאָס האַרץ איז אַ סוד.

דער זעלבער רש״ל, דער אַנאַליטישער קריטיקער פון טעקסט פון תּלמוד, האַלט דערביי, אַז די קבלה איז קודש־קדשים; און אין אַנטרעף מיט דער מיסטיק פאַר־בלייבט דער מענטש שטום, אָן ווערטער.

באַווירקט און צעגליט פון סוד פון חכמת הנסתּר זענען געווען נישט בלויז דער רמ״א און דער רש״ל, נאָר אויך די אַנדערע תּלמודישע גאונים און פּלפּול־

מייסטערס פון אַמאָליקן פוילן. איך וועל בלויז דערמאָנען אייניקע נעמען: רבי מרדכי יפה, רבי שמואל אײדלש (מהרש״א), רבי יהושע פאַלק, רבי מאיר מלובלין (דער מהר״ם), רבי יואל סירקיש, דער מחבר פון אַנאַליטישן פירוש צום „שולחן ערוך״, (אין פאַרקירצונג, גערופן דער ב״ח). דער לעצטער גייט אַזוי ווייט ביז צום אויסדריקן זיין געוואַגטע מיינונג, אַז ווער עס טרעט אַרויס קעגן דער קבלה, דאַרף מען אים לייגן אין חרם.

אמת: אויך אין אַנדערע קיבוצים זענען געווען פערזענלעכקייטן, וועלכע האָבן געטראָגן אין זיך ביידע קעגנזעצלעכע נייגונגען: די נייגונג צו ראַציאָנאַליזם און צו מיסטיק. אָבער אין אַנדערע קיבוצים איז דאָס געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. די טרעגער פון קאָנטראַסטן זענען פאַרבליבן אַן אויסנאַם. דאָ אין פוילן, איז דער קעגנזאַץ געווען אַן אַלגעמיינע דערשיינונג.

די גאונות פון פוילישן יידנטום: די סתירה

צי האָבן די בויער פון דער יידישער קולטור אין פוילן נישט באַמערקט די סתירה? האָבן זיי נישט געזען דעם תהום, וואָס טיילט פונאַנדער ביידע וועלט־באַנעמען: די לערע פון שׂכל און די לערע פון אינטויִציע? זיכער! זיי האָבן געוווּסט, אַז ביידע לערעס זענען שאַרפע קעגנזאַצן, וועלכע זיי האָבן אַפילו נישט געפּרוּווט צונויפגיסן. די גאונות פון פוילישן יידנטום האָט זיך נישט אויסגעדריקט אינעם געפינען אַ האַרמאָניע, אין בויען אַ סינטעז. נישט דעמאָלט, נישט שפּע־טער. דאָס פוילישע יידנטום איז גרויס אין די סתירות.

שוין אין 16טן יאָרהונדערט, ביים סאַמע אויפבלי פון דער פלפול־ליטעראַ־טור, לעבן אין פוילן באַדייטנדיקע מקובלים. די לופט איז אָנגעזאַפּט מיט פלפול און — מיסטעריע; מיט ניכטערקייט און — משיחישע חלומות. עס וואַקסט אויס אַ מיסטישע ליטעראַטור, ווו עס ווערט געזאָגט, אַז דער מענטש איז באַשטימט צו באַהאַלטענע אויפגאַבעס, אַז אַוודאי זענען אָנגעברייט צו מיסטישע און מיסטע־ריעזע צילן סיי דער יידישער מענטש און סיי דאָס פאָלק ישׂראל; אַז פון דער קליפּה (דאָס הייסט: פון דער אויסערלעכער וועלט) קאָנען אַרויסגעבראַכט ווערן אויך ניצוצות פון קדושה, פונקען פון הייליקייט און גוטס. עס אַנטוויקלט זיך אַ מיסטישע ליטעראַטור, ווו עס געפינען זיך אַלע עלעמענטן פון דער קבלה, אַזוי ווי זי איז אויסגעשפּונען געוואָרן אין גוואַדאַלאַכאַראַ אין שפּאַניע, די שטאָט פון רבי משה דע לעאָן פון „זוהר״, און אין צפת, די שטאָט פון רבי יצחק לוריא, דער אר״י. דער מיסטישער גייסט פון די יידישע מאַסן אין פוילן שפּיגלט זיך אָפּ

אין ספר פון רבי ישעיהו הורוויץ, „שני לוחות הברית״, געהאָלפן דער של״ה הקדוש. אין אָט דעם פאַרהייליקטן ספר לייענען מיר: „נישטאָ קיין סוף און קיין תכלית צו דער געהיימעניש פון דער וועלט״...

„ווען דער מענטש זאָל אַפילו לעבן טויזנט יאָר, וועט ער נישט אַריינדרינגען אין דער מיסטעריע״... „מה נורא האדם״ — רופט אויס דער מחבר. ווי פּאַרכטיק איז דער מענטש! ווי געוואַלטיק געהיימנישפול! ווער עס דערזעט נישט דאָס ליכט פון דער מיסטיק, זעט בכלל נישט קיין ליכט! און ווער עס גייט אַוועק פון דער תורת־הסוד, טיילט זיך אָפּ פון גייסטיקן מהות פון דער וועלט.

אָבער מער כאַראַקטעריסטיש ווי אַלץ, וואָס ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט, איז דאָס מערקווירדיקסטע ספר, ווו עס ווערט בכלל אָפּגעווישט די גרעניעץ צווישן אינטעלעקט און געפיל. „מגלה עמוקות״ (דער אַנטפּלעקער פון די טיפענישן) איז דער נאָמען פון ספר. דער מחבר איז רבי נתן־נטע שאַפּירא. דאָ דערשיינט פאַר אונדז אַזוי צו זאָגן, אַ דיאַלעקטישע מיסטיק. צאַרטער גאולה־געפיל איז צונויפגעפלאָכטן מיט מאַטעמאַטישער קאָמבינאַציע. די לערע וועגן די פונקען פון הייליקייט איז צונויפגעפלאָכטן מיט שׂכלדיקע אָנצוהערענישן; מיט דיאַלעקטישע חשבונות און רמזים.

דער פּלפּול־עלעמענט איז אויך אַריינגעוועבט אין די עטישע ספרים וואָס ווערן געשריבן אין פּוילן. צוזאַמען מיטן מאָראַלישן פּאַטאָס, וואָס הייבט זיך אויף פון זיי, שטייגן אויף פאַר אונדז בנינים פון דיאַלעקטיק. אין די דרשות דערשיינט די שכינה, וואָלט מען געקאָנט זאָגן, איינגעהילט אין מיסטעריע און פאַרטאָן אין חשבונות.

אומלאָגיש? קעגן דער לאָגיק, האָבן שׂכל און עמאָציע זיך באַגעגנט אין דער ייִדיש־פּוילישער קולטור. דאָס פּוילישע ייִדנטום איז, זינט דער שעה פון באַגי־נען, געווען באַהערשט פון טיף־גייסטיקן אומרו. עס האָט נישט געפונען קיין פול־גייסטיקע צופרידנקייט אין אינטעלעקטואַליזם. עס האָט אָבער אויך נישט געפונען קיין אַבסאָלוט־גייסטיקע צופרידנקייט אין מיסטיציזם. מיט אימפּעט האָט עס זיך געוואָרפן אויףביידע קוואַלן און מיט אומגעוויינלעכן דורשט געטרונקען פון ביידע.

די שבתאי צבי־באַוועגונג

מיר וווּנדערן זיך עד־היום: ווי אַזוי האָט די באַוועגונג פון פאַלשן משיח שבתאי צבי, אין מיטן 17טן יאָרהונדערט, באַהערשט אין אַזאַ געוואַלטיקער פאָרם

די ייִדישע מאַסן אין פּוילן? קלוגע, שאַרפזיניקע סתּם־ייִדן, און אויך קלוגע שאַרפזיניקע רבנים, האָבן פאַרפּאַקט זייער האָב־און־גוטס, האָבן פאַרלאָזט זייערע הייזער און מיט ווייבער און קינדער זיך אַוועקגעלאָזט אין די האַפּן־שטעט בכדי צו וואַרטן חדשים־לאַנג, און אַפילו יאָרן־לאַנג. וואַרטן אויף וואָס? אויף אַ וואָלקן, וואָס זאָל זיי אַוועקטראָגן קיין ארץ־ישׂראל...

דאָס איז איינע פון די גרויסע רעטענישן אין אונדזער געשיכטע. מען פּרובירט דערקלערן אָט דעם מאַסן־פּסיכאָז מיט דער געדריקטער שטימונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג אין פּוילן נאָך די גזירות ת״ח ות״ט — נאָך די שחיטות פון כמעלניצקיס קאָזאַקן־באַנדעס — און מיט די אויפגייענדיקע האָפע־נונגען אויף גאולה אין יענער תּקופה פון צער און לייד. אָבער צרות האָבן ייִדן אויך אַדורכגעמאַכט אין פריִערדיקע צייטן און אין אַנדערע מדינות. גאולה־האָפענונגען זענען אויך פריִער אויפגעגאַנגען אין דער ייִדישער וועלט. אַפילו פאַלשע משיחים זענען אויפגעטראָטן אין די פריִערדיקע דורות. דאָך איז אין ערגעץ נישט אַרויסגעטראָטן אַזאַ מאַסן־עקסטאַז, ווי אין דער שבתאי צבי־עפּאָכע אויף דער פּוילישער ערד.

אָבער בלויז אויפן באָדן פון דער ספּעציפיש־ייִדישער קולטור אין פּוילן, וואָס איז געווען צונויפגעמישט פון דיאַלעקטיק און תּמימות, פון פּקחות און נאַיִוויטעט, פון פּלפּול און געפיל, האָט, מיין איך, געקאָנט אויסוואַקסן דער אומ־פאַרגלייכלעכער און אומגלויבלעכער פּסיכאָז, וואָס זיין צוועק איז געווען: אַרויס־ציִען די שכינה און די כּנסת־ישׂראל פון גלות.

בלויז דערמיט לאָזט זיך אפשר דערקלערן די ליידנשאַפטלעכע פּאָלעמיק, וואָס האָט דעמאָלט אויפגעפלאַקערט אין דער ייִדישער וועלט אַרום דעם גאון רבי יונתן אייבעשיץ. ער, איינער פון די שאַרפסטע אינטעלעקטן אין דער געשיכטע פון ייִדישן גייסט, איז באַשולדיקט און אַטאַקירט געוואָרן פאַר זיין מכלומרשטן אָפּנייג צו דער שבתי צבי־באַוועגונג. בלויז דער פאַקט, וואָס אַזאַ פּערזענלעכקייט האָט בכלל געקאָנט באַשולדיקט ווערן אין סימפּאַטיע צום פאַלשן משיח, איז כאַראַקטעריסטיש. מיר פּרובירן ביזן היינטיקן טאָג זיך דערגרונטעווען אין יענעם ליידנשאַפטלעכן וויכּוח.

משמעות, אַז די וועלכע זענען נישט באַווירקט געוואָרן פון דער דינאַמיק פון דער ייִדיש־פּוילישער קולטור — און געשטאַנען גייסטיק אויסער איר קרייז — האָבן ווירקלעך נישט משׂיג געווען אירע וועזנטלעך אינערלעכע עלעמענטן. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין אירע טיפע קאָנטראַסטן. זיי זענען נישט מסוגל געווען צו באַגרייפן, ווי אַזוי האָט רבי יונתן אייבעשיץ זיך געקאָנט אויסדריקן, אַז „הלוואי זאָלן אונדזערע נשמות זיין אַ פוסבענקעלע צו די מקובלים״, און גלייכצייטיק שרייבן מיט פאַרערונג וועגן מענטשלעכן שׂכל. פאַר די וועלכע זענען אַליין נישט געווען קיין טייל פון אָט דעם פּלאָנטער, האָט אַלץ אין אָט דער

מערקווירדיק גייסטיקער וועלט געמוזט בלייבן אומפֿאַרשטענדלעך, פֿאַרנעפּלט, און במילא — פֿאַרדעכטיקט.

די אייגנאַרטיקע ייִדיש־פּוילישע קולטור איז געווען אַ פּראָדוקט פֿון טיף־גייסטיקע און סאָציאַלע פּראָצעסן, וואָס דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אַדורכגעמאַכט. צו איר אויסגעשטאַלטונג האָבן בלי ספק אויך בייגעשטייערט די עקאָנאָמישע אומשטענדן, אין וועלכע פּוילישע ייִדן האָבן געלעבט. זי איז אויך באַווירקט געוואָרן פֿון אויסערלעכער השפּעה; פֿון קאָנטאַקטן מיט דער פּוילישער קולטור און מיטן געשיכטלעכן גייסט און וועג פֿון פּוילן. אין דער ראַם פֿון אָט דעם בילד דאַרף אויך אַרייַנגעפּאַסט ווערן די באַוועגונג פֿון פֿאַלשן משיח, דער נאָכפֿאָלגער פֿון שבתאי צבי, יעקב פֿראַנק. אָבער די סיבות וועלכע האָבן אַרויסגערופֿן אָט די ספּעציפֿישע און אייגנאַרטיקע (מען מעג זאָגן: איינציקאַרטיקע) ייִדישע קולטור, איז אַ קאַפּיטל פֿאַר זיך. אין אונדזער איצטיקער אָפּהאַנדלונג גייט אונדז בלויז אָן צו באַצייכענען איר וועזנטלעכן כאַראַקטער.

די חסידות־באַוועגונג

מיט דריטהאַלבן הונדערט יאָר צוריק טראָגט דאָס פּוילישע ייִדנטום אויס די לערע פֿון חסידות, וועלכע האָט אויפֿגעטרייסלט דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק און וואָס האָט נישט פֿאַרלוירן איר השפּעה אויך אין אונדזער דור. חסידות איז אין תּוך אַ המשך פֿון דער קבלה. זי האָט בלויז אַרייַנגעבראַכט אין דער מיסטישער לערע מער פּשטות, קלאָרקייט און פּלאַסטישקייט. זי האָט געעפֿנט די קוואַלן פֿון געפֿיל פֿאַרן ייִדישן פֿאָלקס־מענטש. וואָלט חסידות נישט געבוירן געוואָרן צווישן פּוילישן ייִדנטום, און וואָלט זי נישט דורכגעמאַכט איר געשיכטלעכע אַנטוויקלונג אינעם ייִדיש־פּוילישן קיבוץ, וואָלט זי אפֿשר פֿאַרבליבן דאָס, וואָס זי איז באַשטימט געוואָרן צו זיין אין איר סאַמע בראשית: אַ שיטה, וואָס הייבט אַרויס די באַדייטונג פֿון תּמימות. אַ לערע, ווו עס ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז דער וועג צו גאָט פֿירט דורך און פֿון האַרץ; אַז די טיפֿסטע וואָרצלען פֿון אמונה געפֿינען זיך נישט אין דענקען נאָר אין אינערלעך רעליגיעזער התלהבות; אַ באַוועגונג וואָס האַלט, אַז די טיפֿסטע חכמה פֿון אַלץ — איז נישט צו זיין קיין חכם.

אָבער די חסידישע שיטה איז אויסגעטראָגן געוואָרן אין פּוילישן ייִדנטום; און דאָ האָט שוין געגומען אַרבעטן דער אומפֿאַרמיידלעך געשיכטלעכער קנויל. דאָרט ווו פּלפּול און קבלה האָבן געהערשט צוזאַמען הונדערטער יאָרן, האָט די

נייע שיטה געמוזט זיך אויסבויען אויףביידע קעגנזעצלעכע עלעמענטן. אָט אַזאַ איז זי געוואָרן: אַ צונויפמיש פון חריפות און דביקות, פון שאַרפקייט און ברען.

אין די געגנטן, וועלכע האָבן זיך אָפגעריסן פונעם שטראָם פון ייִדיש־פוילישער קולטור, האָט זי אויפגעהיטן במשך פון דורות איר תמימותדיקע פשטות. אָבער, אין פוילן איז זי נישט געוואָרן קיין בונט קעגן אינטעלעקט. פאַרקערט, זי האָט גאָר געשטרעבט אויפצוהייבן אינטעלעקטועל דעם פשוטן פאָלקס־מענטש.

אין גאַליציע, וואָס הגם זי איז אין 18טן יאָרהונדערט אַרונטערגעפאַלן אונטער דער עסטרייכישער מאַכט, האָט דאָך כסדר אין איר פּולסירט דער ייִדיש־פוילישער דופק, ווערן די רבישע הויפן באַדייטנדיקע צענטערס פון לומדות און תלמודישן פלפול. געגנוג צו דערמאָנען דאָס צאַנזער חסידות, וואָס האָט דאָרט פאַרשפּרייט אין אַ שטאַרקער מאָס דעם וויסן פון תורה.

און אין ווילנע, ווו עס איז נאָך ביים סוף פון 18טן יאָרהונדערט געווען שטאַרק די השפּעה פון דער בשותפותדיקער ייִדיש־פוילישער קולטור — און ווו עס האָט זיך ערשט געגומען פאַרמירן אַ באַזונדערע ייִדיש־ליטווישע קולטור — באַגעגענען מיר דאָן דאָס מערקווירדיקע: דער גרויסער מתנגד און דער אַנט־שיידענער קעגנער פון חסידות, רבי אליהו פון ווילנע, דער ווילנער גאון, פאַר־טיפט זיך אין דער קבלה און שרייבט אַ פירוש צום „זוהר״. און זיין קעגנער, דער לערער פון חסידות, רבי שניאור זלמן פון ליאַדי, בויט אויס אַ פילאָסאָפישע מוח־שיטה אין חסידות, די שיטה פון חב״ד, פון חכמה, בינה, דעת, ווו עס ווערט געזאָגט: עקסטאַז אַליין פירט נישט צו גאָט, אויב ער איז נישט באַגלייט אויך מיט קלאָרקייט פון פאַרשטאַנד.

פאַרן חסידות אין סאַמע־האַרץ פון דער פוילישער מדינה אין צענטראַל־פוילן (דאָס אַזוי גערופענע קאָנגרעס־פוילן) איז כאַראַקטעריסטיש דער דרך פון פשיסכע, פון רבי בונים, וואָס האָט זיך נאָך שטאַרקער אַנטוויקלט אין דער אייגנאַרטיקער שיטה פון רבי מענדעלע פון קאָצק. פשיסכע און קאָצק, דאָס זענען נעמען פון צוויי קליינע שטעטלעך אין פוילן, וואָס זענען געוואָרן וויכטיקע צענ־טערס פון ייִדישן גייסט.

באַקאַנט איז דאָס פאָלקס־ליד: „קיין קאָצק פאָרט מען נישט, קיין קאָצק איז מען עולה־רגל״. דער קאָצקער רבי מענדעלע, איז דער סימבאָל פון פוילישן חסידות, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין און מיט די טראַגישע קאָנ־טראַסטן אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט, וואָס האָט געזוכט דאָס באַהאַל־טענע און געפילט דאָס געהיימנישפולע, דאָס חסידות, וואָס האָט געקאָנט גלויבן האַרציק און דערביי פּיינלעך זיך גריבלען אין זיך אַליין; אין יסורים קלעטערן צו דער הויך.

אין באַגינען פון דער חסידות־באַוועגונג האָט מען זי געבויט אויפן אַלטן זאָג: „רחמנא ליבא בעי״, גאָט פאַרלאַנגט דאָס האַרץ. אָבער קאָצק האָט צוגעגעבן,

אַז האָרץ אַליין איז נישט געַנוג, וואָרום אָפּט מאָל הערשט אין מענטשלעכן האַרץ אַ שוידערלעכער מיש־מאַש; אַ מוראדיקער תּוהו־ובוהו. צי איז דען מעגלעך, בכן, צו דערוואַרטן, אַז דאָס האַרץ וועט נישט פאַרפירן? חסידות האָט אָנגעהויבן מיט תּפילה, מיט קולות און התלהבות. אָבער אין קאָצק האָט מען געזאָגט: „יגעתי ומצאתי תּאמין". דורך מאַטער און גריבל ווערסטו דערגיין צו אמונה. תּפילה מוז באַגלייט ווערן מיטן גראָבן זיך אין דער טיף. קאָצק איז דאָס חסידות פון טראַגישן פאַרמעסט און דערפאַר איז עס אַזוי סימבאָליש פאַרן פוילישן ייִדנטום.

הונדערטער יאָרן פריִער האָט דאָס שפּאַנישע ייִדנטום פּראָקלאַמירט דעם וועג פון גאָלדענעם מיטן. דער וועג וואָס מיידט אויס די עקסטרעמען, איז דערקלערט געוואָרן ווי דער אידעאַל פאַרן מענטש. דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט אָפּגעוואָרפן מיט אימפּעט דעם גאָלדענעם מיטן. אין פּוילישן ייִדנטום האָבן געזידט און געקאָכט קאָנטראַסטן. דער ייִדישער קיבוץ פון פּוילן האָט זיך געשליידערט און געוואָרפן פון איין עקסטרעם צום אַנדערן אין דער זעלבער צייט און מיטן זעלביקן הייסן אָטעם. און נישט בלויז אין חסידישע קרייזן, נאָר אויך אין דער לענג און ברייט פון פּוילישן ייִדנטום האָט איבערגעלאָזט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק דאָס וואָרט פון קאָצקער רבין:

„דער מענטש שטייט מיט איין פוס אין זיבעטן הימל, און מיטן צווייטן — אין שאול תּחתּיות".

און נאָך האָט ער געזאָגט: „מענטשן גייען נישט אין מיטן וועג; אין מיטן וועג גייען פערד, און נישט קיין מענטשן". אין אָט דעם שאַרפן זאָג איז געקומען צום אויסדרוק דער דורותדיקער פּראָטעסט פון פּוילישן ייִדנטום קעגן דעם וועג פון גאָלדענעם מיטן, וואָס דער ייִדישער קיבוץ אין שפּאַניע האָט געהאַט פּראָקלאַמירט מיט הונדערטער יאָרן פריִער. אין אַלע געביטן פון לעבן און פון שאַפן און אין אַלע תּקופות זענען דווקא די שאַרפע עקסטרעמען כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן ייִדנטום. די קעגנזעצלעכע שטרעמונגען קריצן אויס זייער השפּעה אויף דער ייִדיש־פּוילישער קולטור אין די מאָדערנע צייטן געַנוי ווי די קאָנטראַסטן האָבן איינגעגראָבן זייער חותם אין איר באַגינען.

די השׂכּלה אין פּוילן

אויף דער שוועל פון 19טן יאָרהונדערט אַנטשטייט אַ „חכמת־ישׂראל"־ליטע־ראַטור, אַ השׂכּלה־ליטעראַטור, אין פּוילן. אין העברעיִש, ייִדיש און פּויליש ווערן

געשריבן פֿאָרשונגען איבער די פּראָבלעמען פֿון מענטש און ייִד, איבער אַלגעמיי־נער און ייִדישער געשיכטע און פֿילאָסאָפֿיע. אָבער אַט די ווערק, אין זייער איבערוועגנדיקער מערהייט, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אויף אַט דער טעמאַטיק אין ייִדיש־פּוילישן קיבוץ, זענען גאָר אַנדערש פֿון די ענלעכע ביכער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין אַנדערע לענדער.

אויך די אויפֿקלערונג־באַוועגונג און אויפֿקלערונג־ליטעראַטור האָבן אויף דער פּוילישער ערד אָנגענומען אייגנאַרטיקע פֿאָרמען. די השׂכּלה־ווערק האָבן דאָ נישט פֿאַרמאָגט די טענדענצן פֿון טרוקענער אויפֿקלערונג, וואָס זיי האָבן אָנגענומען אין די מערב־אייראָפּעיִשע צענטערס, אָדער אַפֿילו אין די ישובים אין רוסלאַנד. דאָ האָבן זיי זיך נישט באַזירט אויף איינזייטיק־ראַציאָנעלע טעאָריעס. בכל־אופֿן: די איינזייטיקע און ענג־ראַציאָנעלע שיטה איז נישט כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער השׂכּלה און פֿאַר דער חכמת ישׂראל, וואָס האָבן זיך אויסעפֿאָרמירט צווישן פּוילישן ייִדנטום.

נחמן קראָכמאַל, דער רעפּרעזענטאַטיווער דענקער פֿון דער השׂכּלה אין גאַלי־ציע, ראַנגלט זיך צווישן די טעאָריעס פֿון ספּעקולאַטיוון שׂכל און דער צאַרטער פּאָעזיע פֿון גייסט און פֿאָלק, וואָס שוועבט, לויט זיין מיינונג, איבער אַלע פּעריאָדן פֿון דער ייִדישער געשיכטע. פֿון איין זייט באַווייזט נחמן קראָכמאַל פֿאַר די בלאָנדזשענדיקע פֿון זיין דור, אַז נאָר דורך פֿאָרשונג קאָן מען דערגיין צום אַבסאָלוטן אמת; אָבער פֿון דער צווייטער זייט לאָזט ער זיך פֿאַרוויגן פֿון דער מעלאָדיע פֿון הארץ, און ער פֿאַלט אוממעכטיק און באַצוונגען אונטער די פֿליגל פֿון דער שכינה, וואָס טראָגט זיך איבערן ייִדישן וועג דורך דורות.

דער אויפֿגעקלערטער משׂכּיל יעקב שמואל ביק פֿאַרקויפֿט דעמאָנסטראַטיוו זיין עקזעמפּלאַר פֿון רמב״מס „מורה נבוכים״ און ווערט מיטגעצויגן, צו דער שטוינונג פֿון די משׂכּילישע קרייזן, מיט דער עמאָציע און התלהבות, וואָס שטראָ־מען אַרויס פֿון חסידות.

דער פֿאָרשער יעקב רייפֿמאַן איז, מיט זיין גאַנצער און שטאַרקער פֿאַרערונג פֿאַר די נייע אויפֿגעקלערטע ווינטן, וואָס בלאָזן פֿון אייראָפּע, פֿאַרהוילן־טיף פֿאַרגראָבן אין ספּעציפֿישן ייִדיש־פּוילישן אידעען־קרייז. ער וויל נישט, און קאָן נישט אָפּשיידן זיך פֿון דער תּורה פֿון דער האַרץ און טראַדיציע און פֿון געפֿיל, וואָס איז אויסגעטראָגן געוואָרן פֿון די פֿריִערדיקע עפּאָכעס.

דער וויסנשאַפֿטלער און בעל־חשבונות חיים זעליג סלאָנימסקי איז שטאַרק אָנגענומען ביי אַלע שיכטן פֿון ייִדישן לייענער־פּובליקום, פֿרומע ווי נישט פֿרומע; ווייל אַלט און ניי, מוח און האַרץ, האָבן זיך אין אים געראַנגלט און ווייל ער האָט צונויפֿגעבונדן וויסנשאַפֿטלעכן און משׂכּילישן אינהאַלט מיט אַלט־ייִדישן רגש. אין אים איז גאָרנישט געווען צו דערקענען דאָס נייע און דאָס פֿרעמדע. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז ער און זיין שאַפֿן זענען אַ המשך פֿון דעם, וואָס שטייט אין

די הייליקע ספֿרים. צי וואָלט זיך דאָס זעלבע געקאָנט זאָגן וועגן די פֿירנדיקע משׂכּילים פֿון יענער צייט אויך אין אַנדערע מקומות?

שלמה עטינגער, דער אויפֿגעקלערטער מחבר פֿון „סערקעלע״, לאַכט אויס אין זיינע משלים די אָפּגעשטאַנענע מאַסן, וואָס פֿון יונג ביז אַלט לויפֿן זיי ביי יעדער געלעגנהייט תּהילים־זאָגן און רייסן קבֿרים. אָבער דער זעלבער שלמה עטינגער גיט אָפּ זיין טאַלאַנט פֿאַר איבערזעצן אויף מאַמע־לשון די זעלבע תּפֿילות, וואָס פֿון זיי שפּאָט ער אָפּ; און מיט האַרציקער ערנסטקייט דיכטעט ער איבער די תּהילים־קאַפּיטלען: „נאָר צו דיר גאָט וועל איך רופֿן, לאָז ליכטיק זיין דיין פּנים איבער דיין קנעכט, און העלף מיר מיט דיין חסד, גאָט מיין האַר, וואָרום צו דיר האָף איך, אַז דו וועסט מיר ענטפֿערן און הערן מיין געשריי...״

ד״ר יעקבֿ קלאַצקין איז אַ שפּינאָזאַ־פֿאָרשער. ער האָט איבערגעזעצט, אין העברעיִש, די „עטיק״ פֿון שפּינאָזאַ און אויך אַנדערע ווערק פֿון ייִדיש־האָלענדישן פֿילאָסאָף. ד״ר יעקבֿ קלאַצקין איז בכן אַ דענקער, וואָס האָט זיך געפֿונען אין שפּינאָזאָס געדאַנקען־וועלט. אָבער דער זעלבער קלאַצקין האָט אויך געשריבן אַ טאָגבוך. און דאָרט לייענען מיר: „די וועלכע קענען מיך, וועלן זיכער נישט גלויבן, אַז איך היל זיך אָפּט מאָל איין אין מיין טלית און תּפֿילין און בין מתפּלל צו גאָט אין אַזאַ הייליקן ציטער און מיט אַזעלכע מוראדיקע געוויינען, אַזוי ווי דאָס האָבן געטאָן מיינע זיידעס און עלטער־זיידעס. איך שטיי אָפּט מאָל אויף אין מיטן דער נאַכט און ריכט אָפּ תּיקון־חצות מיט אַזוי פֿיל התלהבֿות און מיט אַזוי פֿיל טרערן, אַז איך גיי ממש אויס פֿון כּוחות...״

מאָדנע און אומפֿאַרשטענדלעך! אַ שפּינאָזאַ־פֿאָרשער איינגעהילט אין טלית און תּפֿילין. אַ שפּינאָזאַ־פֿאָרשער וויינט און יאָמערט בשעת ער ריכט אָפּ תּיקון־חצות... נישטאָ קיין קלאָר־געצייכנטע ליניע אין דער ייִדיש־פּוילישער פּסיכיק.

די מאָדערנע ליטעראַטור

די סתּירות און שאַרפֿע קעגנזאַצן טרעטן אויך אַרויס אין דער נייער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, וואָס אַנטוויקלען זיך אין פּוילן. אייניקע ביישפּילן וועלן אילוסטרירן דאָס געזאָגטע.

נחום סאָקאָלאָוו, איינער פֿון די בויער פֿון דער מאָדערן־העברעיִשער ליטעראַטור, איז בלי־ספֿק געשטאַנען אונטער דער השפּעה פֿון השׂכּלה. אין אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, דערקענט איר זיין ווילן אויפֿצוקלערן דעם לייענער; אים

„באַוווסטזיניק מאַכן״, ווי מען האָט זיך דעמאָלט אויסגעדריקט. אָבער אין דער זעלבער צייט, מיטן זעלבן אָטעם, איז סאָקאָלאָוו אויך דורך און דורך ראָמאַנטי־קער. אַ בענקעניש ציטערט אין זיין וואָרט, וואָס ס׳איז זי אַפילו נישט מעגלעך צו דעפינירן. אַן אומבאַשטימטע בענקעניש צו אַ וועלט, וואָס איז נישט רעאַל. אַן אומבאַשטימטע שטרעבונג צו מרחקים, צו עולמות־עליונים, צו העכערע ספערן. שוין סאָקאָלאָווס סטיל אַליין, צוזאַמען מיטן בפירושן השכּלה־עלעמענט, שטעלט מיט זיך פאָר אַ פּיל־פאַרביקע, נישט־דאַיִקע מאָזאַיִק.

מען האָט פאַרגעוואָרפן נחום סאָקאָלאָוו, אַז ער איז נישט סיסטעמאַטיש, אַז ער איז צו געדיכט פאַרצווייגט; אַז ער שטעלט מיט זיך פאָר אַ דור־הפלגה פון קולטור און וואָרט, פון אינהאַלט און פאָרם. אָבער ער איז אַרויסגעקומען פון דער אינגעווייד פון פוילישן יִדנטום; עס האָבן פון אים אַרויסגעשריגן דורות יִדישע קולטור, דורות פון גלויבן און דורות פון צווייפל, דורות פון לומדות און דורות פון תּמימות, דורות פון חשבון און דורות פון השתּפכות־הנפש.

דוד פרישמאַן, דער פּראָזאַיִקער, דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער — וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער אינדוסטריעלער פּראָווינץ פון לאָדזש — איז אַריינ־געדרונגען אין דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור מיט זיין אימפּעטפולן און שטורמישן עסיי „תּוהו ובוהו״. אין אָט דער שנײַדיקער און בײַסיקער קריטיק, האָט פרישמאַןליידנשאַפטלעך געמאָנט אַריינצופירן מער עלעמענטן פון דער מאָדערנער אייראָפּעיִשער קולטור און פון די אייראָפּעיִשע שטרעמונגען אינעם לעבן און אין גייסטיקן שאַפן פון יִדנטום. עס איז טאַקע אַ פאַקט, אַז ער האָט געווידמעט זיין פילזייטיק־ליטעראַרישן טאַלאַנט איבערצופלאַנצן אויף העברעיִש די מייסטערווערק פון שעקספּיר און געטע, פון בייראָן און ניטשע, פון אָסקאַר ווײַלד און אַנאַטאָל פראַנס. אָבער אויך אָט דער אַנטשיידענער אייראָפּייער אין דער יִדיש־פּוילישער פּאַנאָראַמע איז געקומען אין קאָנפליקט מיט זיינע אייגענע אידעען און איבערצייגונגען.

זיינע עסייען צייכענען זיך, בלי ספק, אויס מיט זייער ווונדער־שיינעם סטיל; אָבער זיי זענען גלייכצייטיק ביישפּילן פון שאַרפע סתירות. זיי פאַרמאָגן לויב־געזאַנגען צו דער אייראָפּעיִשער עסטעטיק; אָבער זיי זענען אויך קלאָג־לידער אויף דער אַנטוישונג, וואָס די אייראָפּעיִשע קולטור ברענגט מיט זיך. זיי שפּריצן מיט ביטערער סאַטירע קעגן דעם לעבן אין יִדישן געטאָ; אָבער פון זיי הייבט זיך אויף סענטימענטאַלע עקזאַלטאַציע פאַר אָט דעם שטייגער לעבן. אין זיין עסיי, וואָס טראָגט דעם נאָמען „וועגן יהדות״, אין וועלכן פרישמאַן פּרובירט אַנאַליזירן די פאַרשידענע קאָנצעפּטן און שיטות, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין יִדנטום, פירט ער אַוועק זיך און דעם לייענער צו דעם עקסטרעם פון מיסטיק. ער ציטירט היינריך היינען, וואָס האָט געזאָגט, אַז יִדישקייט איז „די ציווילי־

זאַציע פֿון האָרץ״ און ער שטרייכט אונטער, אַז ער גלויבט, באמונה שלימה, אַז אָט די ציוויליזאַציע איז אַן אייביקע. פֿרישמאַן באַמערקט: „צי איז דאָס מעגלעך, אַז איך בין געוואָרן אַ מיסטיקער? זאָל זיין אַזוי, אויב איר ווילט. איך ווייס, אַז דאָס זעט אויס אַ פּאַראַדאָקס; אָבער לאָזט מיך דערמיט, מיינע הערן. פּאַראַדאָקסן זענען אפֿשר דער איינציקער און פֿעסטער אמת, אויף וועלכן איך קאָן זיך נאָך שטיצן...״

יעקב כּהן, דער באַרימטער העברעיִשער דיכטער, וועלכער האָט געלעבט און געשאַפֿן אין היינטיקן יאָרהונדערט, איז אַ פּירנדיקע פּערזענלעכקייט אין דער וועלטלעכער חינוך־באַוועגונג „תּרבות״; מחבר פֿון פּערזן וואָס זענען אינספּירירט געוואָרן דורך פֿרייד פֿון לעבן און ספּאָנטאַנישן געלעכטער פֿון דער יוגנט. אָבער ער איז אויך דער שרייבער פֿון פּאָעמעס, וועלכע זענען אַדורכגעדרונגען מיט אַ בפֿירוש־רעליגיעזן גייסט. ער גראָבט אין זיינע פּאָעמעס און דראַמאַטישע ווערק אין דער טיף פֿון דער מיסטעריע פֿון ייִדישן קיום און פֿון ייִדישן ווידערשטאַנד צו אַלע אַטראַקציעס, וואָס זענען געקומען פֿון דער דרויסנדיקער וועלט. עס איז דערגאַנגען צו דעם, אַז אין טייל תּפֿילות־זאַמלונגען, וואָס זענען געדרוקט געוואָרן אין אונדזער צייט, זענען פֿאַרפֿלעכטן געוואָרן אָט די טיף־רעליגיעזע פּאָעמעס, צוזאַמען מיט די תּפֿילות, וואָס זענען געהייליקט געוואָרן אין לויף פֿון די דורות.

יצחק קאַצענעלסאָן האָט אָנגעהויבן זיין שאַפֿן אין דער העברעיִשער דיכטונג, ווי אַ פֿאַרערער פֿון העלעניזם; פֿון דער לייכטזיניקער פֿרייד. ער האָט אינטער־פּרעטירט פֿאַרן העברעיִשן לייענער די קאָנצעפּטן פֿון עפּיקור, דער פֿילאָסאָף פֿון אַלטערטימלעכן גריכנלאַנד. אָבער ער האָט אַדורכגעמאַכט אַ רירנדיקן און טיפֿן פּראָצעס פֿון וואַנדלען און אומוואַנדלען. ער איז אַוועק פֿון עפּיקורן. ער האָט זיך, וואָס אַ מאָל שטאַרקער, דערנעענטערט צו דער ייִדישער אָנשויונג און צום ייִדישן געפֿיל. ער האָט זיך פֿאַרוואַנדלט אין מקונן, וואָס באַקלאָגט דעם אומקום פֿון ייִדישן פֿאָלק אין די גאַז־אויוונס פֿון נאַצי־שוידער. די איכה־לידער, אין וועלכע קאַצענעלסאָן באַוויינט דעם חורבן פֿון פּוילישן ייִדנטום אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, זענען אַן אויסדרוק פֿון אומגעהויערן ווייטיק, וואָס דער דיכטער האָט געפֿילט אין אָנבליק פֿון דער דערשיטערנדיק־ייִדישער טראַגע־דיע. ער אַליין האָט געטיילט דעם גורל פֿון זיין פֿאָלק. ער איז אומגעקומען אין אויסראָטונגס־לאַגער צוזאַמען מיט זיינע ברידער, די פֿאַרפּייניקטע פּוילישע ייִדן.

די זעלבע שאַרפֿע סתּירות און שניידנדיקע קאָנטראַסטן באַווייזן זיך אין נישט קיין קלענערער מאָס אין דער נייער ייִדישער ליטעראַטור. דאַכט זיך: דער נאָמען, וואָס שווימט אויף פֿון זיך אַליין, איז יצחק לייבוש פּרץ. וועלכער פּרץ איז געווען דערווירקלעכער — פּרץ דער אינטעלעקטואַל, דער בולטסטער אינ־טעלעקטואַליסט אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור; אָדער פּרץ דער צע־

גליטער ראָמאַנטיקער אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור? פּרץ, דער ראַפּי־נירטער דיכטער פון „ביי נאַכט אויפן אַלטן מאַרק״, אָדער דער נאַיִווער אויס־זינגער פון די „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״? פּרץ, וואָס זיין אויער איז געווען וואַך פאַר די מעלאָדיעס פון זיין צייט, אָדער פּרץ, וואָס האָט געצויגן דעם אַלטן ניגון פון פאַרצייטנס? פּרץ, וואָס איז מיטגעצויגן געוואָרן מיט די שטרעמונגען פון מאָדערנעם סאָציאַליזם, אָדער דער, וואָס האָט געאָטעמט אין דער ספערע פון די פאַרצייטישע מקובלים און צדיקים? וועלכער פּרץ איז דער אמתער? פּרץ, דער סאַטיריקער, דער אָפּשפּאָטער — אָדער דער, וועלכער האָט נישט געפונען קיין אַנדערע פערזן איבערצודיכטן אויף יידיש, ווי דווקא די תמימותדיקע מיס־טישע פערזן וואָס יידן זאָגן שבועות אין שול, דאָס ליד פון אקדמות? פּרץ, וואָס האָט אויסגעלאַכט די יידישע טאַרבע, אָדער דער וואָס האָט באַוויזן אַז אין דער יידישער טאַרבע ליגן באַהאַלטן עלעמענטן פון וועלט־דערלייזערישער דער־הויבנקייט און האָט אויסגערופן די הייליקע שבתדיקייט פון דער יידישער וואָך?

דער אמת איז, אַז פּרץ איז געווען אַ גייסטיקער וואַגלער, אַזוי ווי דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום. ער איז מיטגעצויגן געוואָרן מיט אַ ריכטונג, געשווומען מיט איר, און גלייכצייטיק זיך געראַנגלט קעגן איר. דער קינסטלער פון מוח, וואָס האָט געזוכט האַרץ, און דער קינסטלער פון נשמה, וואָס האָט געזוכט איינ־טעלעקט. יצחק לייבוש פּרץ האָט אַליין אויף זיך עדות געזאָגט: איך האָב ליב די זאַך און איר קעגנזאַץ...

„צווישן צוויי בערג״, איז דער נאָמען פון זיינס אַ באַרימטער קורצער דער־ציילונג. דאָרט וויקלט זיך דער דיאַלאָג צווישן דער וועלט פון אינטעלעקט און דער וועלט פון פאַנטאַזיע. דאָס איז פאַקטיש דער דיאַלאָג צווישן פּרץ און פּרץ. דאָס איז דער טייטש פון די סודותדיקע פינטעלעך, וואָס מערן זיך אַזוי פיל און פּרוכפּערן זיך אין זיינע שריפטן. דאָס איז דער געשיכטלעכער דיאַלאָג פון פוילישן יידנטום.

אונטערן צייכן פון די ווידערשפּרוכן שטייט די גאַנצע ניי־יידישע ליטעראַ־טור, וואָס האָט אויפגעבליט אין פוילן אין היינטיקן יאָרהונדערט. זי איז בפירוש אַנדערש ווי די יידישע ליטעראַטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן, אין דער זעלבער צייט אין רוסלאַנד און ליטע. אין דער יידישער ליטעראַטור פון פוילן איז נישטאָ קיין וואַנט צווישן רעאַליזם און ראָמאַנטיק. נישטאָ קיין מויער צווישן רויען נאַטור־ראַליזם און פאַרחלומטער פּאָעזיע. די רעאַליסטן זענען ראָמאַנטיקער. די נאַטור־ראַליסטן זענען גלייכצייטיק די, וואָס אידעאַליזירן.

צווישן עקסטרעמען האָט זיך געוואָרפן פליגעלמאַן, דער העלד פון הירש־דוד נאָמבערג. פליגעלמאַן דער אינטעליגענט דריקט אויס די זוכענישן און ווידער־שפּרוכן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פוילן אינעם איצטיקן יאָרהונדערט. צווישן די זעלבע מוראדיקע עקסטרעמען האָט זיך געוואָרפן זיין מחבר, הירש־

דוד נאָמבערג, דער גלויביקער און סקעפּטיקער, דער זשורנאַליסט און דער דיכטער, דער אויסלאַכער פֿון „כאַ־כאַ־כאַ" און דער באַוויינער פֿון „אוי־אוי־אוי", דער חריף און דער תּם, דער ראַציאָנאַליסט און דער ראָמאַנטיקער, דער אַנאַלי־טישער דיאַלעקטיקער און דער פֿאַרחלומטער ישיבה־בחור.

איטשע־מאיר ווייסענבערג, דער פֿאָטער פֿון מאָדערנעם נאַטוראַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט אַריינגעפֿירט אין ייִדיש־ליטעראַרישן שאַפֿן די ברוּ־טאַלע, סטיכישע המונישקייט. ווייסענבערג איז דער מחבר פֿון רויען וואַכעדיקן „שטעטל". ער האָט געבראַכט צום אויסדרוק די נאַטירלעכע אימפּולסן פֿון די ייִדישע מאַסן. אָבער דער זעלבער ווייסענבערג האָט אויך געזוכט גאָר אַנדערע און גאָר פֿאַרשידענע וועגן אין זיין שאַפֿן, וואָס זענען געשטאַנען אין שאַרפֿסטן ווידערשפּרוך צו זיינע אייגענע נאַטוראַליסטישע ווערק און נאַטוראַליסטישן וועלט־בליק. ער האָט געשריבן ווערק וואָס זענען אַוועק אויף וויזיאָנערישע און מיסטישע דרכים, ווי למשל, זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס און זיין ראָמאַן „אין טיפֿן אָפּגרונט". ווייסענבערג, דער טעאָרעטיקער פֿון ייִדישן נאַטוראַליזם האָט אויך (ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען) זיך אַוועקגעטראָגן אויף די פֿליגל פֿון מיסטישער פֿאַנטאַזיע און מעטאַפֿיזישע זעונגען. בלויז אין די אייגנטימלעכע פֿאַרהעלטענישן פֿון ייִדיש־פּוילישן שאַפֿן האָט דער נאַטוראַליסט גלייכצייטיק געקענט זיין אַ מעטאַפֿיזיקער.

יוסף אָפּאַטאָשו, וואָס זיין ליטעראַרישע אַקטיוויטעט איז ענג צונויפֿגעבונדן מיט די יאָרן אין וועלכע ער האָט געלעבט אין ניו־יאָרק, האָט געאָטעמט — אויך אין דעם גרויסן צפֿון־אַמעריקאַנער צענטער — די לופֿט פֿונעם ווייטן פּוילישן שטעטל, וווּ ער איז געבוירן געוואָרן. דער גייסטיקער קלימאַט פֿון זיינע שאַפֿוּנ־גען אין פֿעלד פֿון דער ייִדישער נאָוועלע, איז דער קלימאַט פֿון פּוילישן ייִדנטום. באַשאַנקען מיט אַ שטאַרק־רעאַליסטישן טאַלאַנט, שילדערט אָפּאַטאָשו דאָס לעבן פֿון פּוילישן ייִדנטום אין דער אַנדערער העלפֿט פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער שטעלט פֿאָר די ליידנשאַפֿטן פֿון די פּערזאָנען, וואָס גייען פֿאַרביי אין זיינע דערציילונגען, זייערע קאַמפֿן, זייערע שטרעבונגען. מען מוז אָבער צוגעבן, אַז אַט דער רעאַליזם איז צונויפֿגעפֿלאָכטן מיט קעגנזעצלעכע עלעמענטן. אין זיין דער־ציילונג „אין די פּוילישע וועלדער", וואָס האָט אים געבראַכט אַזוי פֿיל רום, פֿירט אַריין אָפּאַטאָשו דעם לייענער אין יענער ספּעציפֿישער און אומגעוויינלע־כער סביבה, וווּ סוחרים און געשעפֿטס־לייט ציטירן שטיקער פֿון „זוהר"; וווּ ניכטערע מענטשן זענען פֿאַרטאָן מיט אַריינדרינגען אין דער געטלעכער מיסטע־ריע, און באַמיִען זיך מטהר צו זיין די זינדיקע וועלט פֿון די קליפּות פֿון דער טומאה; וווּ ייִדן בעלי־שׂכל און בטבע פּראָזאַיִשע נאַטורן רעדן אין התלהבות און דבקות מיטן לשון פֿון דער קבלה... אָט דער רעאַליזם, וועלכער איז פֿאַר־מישט מיט איראַציאָנעלע און מיסטישע סובסטאַנצן, איז כאַראַקטעריסטיש אויך

פאַר זיין נאָוועלע „1863" ווו דער מחבר שילדערט דעם אָנטייל פון די פּוילישע ייִדן אין פּוילישן אויפשטאַנד קעגן דער רוסישער אָקופּאַציע אין יענעם דראַמאַטישן יאָר.

שלום אַש רופט נאָך אַפילו היינט צו טאָג אַרויס דיסקוסיעס אין דער ייִדישער וועלט. ער איז געווען בײַ זיין לעבן אַ טעמע פאַר שאַרפע וויכּוחים; און דער שטורעם אַרום זיין פיגור און אַרום זיין שאַפן האָט זיך נאָך נישט איינגעשטילט איצט, יאָרצענדליקער נאָך זיין טויט. ס'איז אַ פאַקט, אַז שלום אַש האָט רעוואָלטירט קעגן פאַרהייליקט־ייִדישע טראַדיציעס און אָנשויונגען. ער האָט אַריינגעפירט אין זיינע ווערק פיל פאָראורטיילן און פאַלשע אינטערפּרעטאַציעס, וואָס האָבן נישט אויסגעדריקט די אמתע געשטאַלט פון ייִדנטום. די פאָראורטיילן קעגן ייִדנטום מאַכן ספּעציעל אַ דערדריקנדיקן איינדרוק אין די דערציילונגען, אין וועלכע שלום אַש האָט פאַרגעשטעלט די אַנטשטייונג פון קריסטנטום.

עס מוז אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז עס עקזיסטירט אויך אַן אַנדערער אַש; דער, וואָס האָט געשילדערט מיט פאַרערונג און ליבשאַפט דעם פּאַטריאַרכאַלן און דערהויבענעם לעבנס־שטייגער פון ייִדישן שטעטל אין פּוילן און געצייכנט מיט באַוווּנדערונג די איידלקייט און הויכע מענטשלעכקייט פון חסידישע רביים. שלום אַש האָט באַשריבן מיט באַגייסטערונג די מאַרטירער־אַקטן אין דער ייִדישער געשיכטע און דערקלערט, אַז די מאָטיוון פון מאַרטירערטום און משיח־בענקעניש רעדן צו אים אַמשטאַרקסטן אַרויס פון דער דורותדיקער ייִדישער קולטור. ער איז דער מחבר פון אַן איינדרוקספולער דערציילונג, וואָס באַהאַנדלט די ליידן פון פּוילישן ייִדנטום בעת דעם אויפשטאַנד פון די קאָזאַקן אונטער דער פירערשאַפט פון צורר כמעלניצקי. „קידוש השם" איז דער נאָמען פון דער דערציילונג. קידוש־השם איז אויך דער מאָטיוו פון אַשס אַנדערע שאַפונגען. די וואָס ווילן געפינען בײַ אַשן קאָנסעקווענץ פון לאָגישן דענקען, זוכן אומזיסט. דאָרט איז נישטאָ קיין קאָנסעקווענץ. דאָרט איז נישט פאַראַן קיין לאָגיק. דאָרט איז פאַראַן זוכעניש, דאָרט איז פאַראַן אומרו. דער מחבר זאָגט וועגן זיך אַליין „פון מיין מאַמען איז צו מיר געקומען בירושה דאָס אומרויִקע און פאַרחלומטע האַרץ, און פון מיין טאַטן האָב איך גערירשנט דעם גלויבן און דעם ביטחון". געגנוי ווי דער העלד פון זיין טרילאָגיע „דרײַ שטעט", אין וועלכער ער שילדערט דאָס ייִדישע לעבן אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון אונדזער יאָרהונדערט, האָט אַש כּסדר און אומדערמידלעך געזוכט דעם וועג צו זיך אַליין. ער האָט געזוכט אַן אָריענטאַציע אין רעליגיעזן און סאָציאַלן פּלאָנטער פון מענטש און ייִד. געגנוי ווי זיין העלד, האָבן אויך אַשן געצויגן און געשלעפּט די קעגנזעצלעכסטע שטרעמונגען. דאָס איז אַ שרייבער מיט אַן אידעאַליסטישן וועלט־באַנעם, מיט אַ ראָמאַנטישער שטעלונג און מיט אַ רעאַליסטישן סטיל. ער איז פאַרבליבן אין קאָנפליקט צווישן דעם אמת פון דער שיינקייט און דער שיינקייט פון אמת.

ישׂראל שטערן, דער מייסטער פֿון ראַפֿינירטע פּערזן אין דער ייִדישער פּאָעזיע, האָט זיך געפֿילט נענטער און היימישער מיט דער גייסטיקער וועלט פֿון חסידות ווי מיט דער מאָדערנער וועלט, אין וועלכער ער האָט געלעבט, אין דער תּקופֿה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות. אַ גרויסער בקיא אין דער אייראָפּעיִשער קולטור, האָט אים, פֿון דעסטוועגן, מער פֿאַראינטערעסירט די גייסטיקע דערהויבנ־קייט פֿון רבי נחמן בראַצלאַווער, דער חסידישער צדיק פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט. ישׂראל שטערן האָט געשעפּט אינספּיראַציע פֿאַר זיינע שאַפֿונגען אין פּאָעזיע און פּראָזע פֿון דער געשטאַלט און פֿונעם שאַפֿן פֿון רבי נחמן. דער דיכטער האָט אָפֿט באַזוכט דאָס אָרעמע „שטיבל" פֿון די בראַצלאַווער חסידים אין וואַרשע. דאָרט האָט ער צוזאַמען מיט די חסידים געדאַוונט און געזונגען אין פֿאַרדביקהטן עקסטאַז.

מען האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז זוסמאַן סעגאַלאָוויטש, דער ראָמאַנטיש־סטער פּראָזאַיִקער אין דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור, האָט געווירקט מחוץ דעם גייסטיקן קרייז פֿון פּוילישן ייִדנטום. עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אים האָבן נישט אינטערעסירט די פּראָבלעמען פֿון זיין סביבה. ער האָט געלעבט אין דער וועלט פֿון ראָמאַנטישע חלומות. די אויסראָטונג פֿון פּוילישן ייִדנטום האָט אויפֿגעעפֿנט סעגאַלאָוויטשעס פֿאַרמאַכטע נשמה. זיינע פּאָעמעס, וואָס ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט נאָכן נאַצי־חורבן, זענען אפֿשר די דערשיטערנדיקסטע מצבה וואָס איז געשטעלט געוואָרן אויפֿן קבר פֿון די אויסגעשחטענע ייִדן. דער פּאָעט פֿאַר־טיפֿט זיך אינעם וועזן און אין דער פּערזענלעכקייט פֿונעם קיבוץ, פֿון וועלכן ער אַליין איז געווען אַ באַשטאַנד־טייל, און וואָס נאָך זיין אומקום איז דעם פּאָעט גאָרנישט פֿאַרבליבן. „דאָרט" און „גאָרנישט" זענען די נעמען פֿון צוויי פּאָעמעס פֿון דער דאָזיקער רירנדיקער זאַמלונג, אין וועלכער עס שיינט אויף פֿאַר אונדז די אויסערגעוויינלעכע גרויסקייט פֿון דער וועלט, וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט און וואָס איז פֿאַרשוווּנדן.

ערבֿ דער צווייטער וועלט־מלחמה איז דערשינען די פּאָעמע „מיין היים" פֿון יחיאל לערער. אין אָט דעם וווּנדערלעכן ווערק האָט דער מחבר באַוויזן פֿאַר־צושטעלן דאָס, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פֿאַר דער ייִדיש־פּוילישער היים: די סתּירות, די קאָנפֿליקטן צווישן אַלט און ניי, ווי אויך דעם גאַנצן זשעני פֿון אומרו און קעגנזאַץ, וואָס שטייט איינציק און אַליין אין דער טויזנט־יאָריקער ייִדישער געשיכטע.

אַלטער קאַציזנע, דער דיכטער און דראַמאַטורג מיט ראַדיקאַלע און לינקע טענדענצן, אין דער תּקופֿה צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, האָט אויסגעקליבן (ווער וואָלט זיך דערוויף געריכט?) ווי אַ טעמע פֿאַר זיין דראַמע „דער דוכּוס", דעם מאָטיוו פֿון קידוש־השם. אין אַכצנטן יאָרהונדערט, איז דער פּוילישער גראַף פֿון ווילנע, וואַלענטין פּאָטאָצקי, באַהערשט געוואָרן דורך דעם רעליגיעזן און

עטישן פּאַטאָס פון יהדות, און ער האָט אָנגענומען די ייִדישע אמונה. דער גראַף, דער גר צדק, האָט אַרויסגערופן קעגן זיך אַ שטורעם פון רדיפות צוליב זיין געוואַגטן שריט. דער קאַטוילישער קלער האָט אים נישט מוחל געווען זיין אָפּזאָגן זיך פון קאַטאָליציזם. מ׳האָט אים איבערגעגעבן צו דער מאַכט און געפּייניקט. אָבער אויך די שרעקלעכע ליידן, וועלכע ער האָט דורכגעמאַכט, האָבן נישט שוואַכער געמאַכט זיין באַשלוס צו פאַרבלייבן אַ ייִד. גראַף פּאָטאָצקי האָט אויסגעהויכט זיין נשמה על־קידוש־השם. דער מאַרטירער־גורל פון אָט דעם עקזאַלטירטן גר צדק איז בכן די טעמע פון דער דראַמע פונעם ראַדיקאַלן און לינקן דיכטער, אַלטער קאַציזנע.

די פּרעסע און קונסט

די ייִדישע פּרעסע אין פּוילן האָט געשפּילט אַן אָנטשיידנדיקע ראָלע אין לעבן און אין דער קולטור פון פּוילישן ייִדנטום. זי לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן מיט קיין שום אַנדערער פּרעסע אין דער וועלט. זי האָט נישט בלויז אינפאָרמירט. זי האָט געפירט, באַגלייט, דערצויגן, אינספּירירט מיט מוטערלעכער וואַרעמקייט; און זי האָט אויפגעהאַלטן אַקטיוו די שעפערישע קראַפט פון אירע לייענער. די ייִדישע פּרעסע אין פּוילן איז געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער גייסטיקער קולטור פון פּוילישן ייִדנטום.

עס זענען דערשינען טאָג־צייטונגען און זשורנאַלן אין ייִדיש, העברעיִש, פּויליש. אָבער מען מוז מודה זיין, אַז בעיקר האָט די פּרעסע אין ייִדיש־לשון זיך פאַרוואַנדלט אין דער אינסטיטוציע פון פאָלק. אין איר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אינטעלעקטועלער דורשט און דער עמאָציאָנעלער ליריזם פון פּוילישן ייִדנטום, זיין דינאַמיזם און ווילן, זיין פּיקחות און איראַציאָנעלקייט. די פיר גרויסע ייִדישע טאָג־צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אין וואַרשע, זענען אַן אינטעגראַלער טייל פון דער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום, אין היינטיקן יאָרהונדערט. „מאָמענט", „היינט", „דאָס יידישע טאָגבלאַט" און „פאָלקסצייטונג", האָבן רעפּרעזענטירט פאַרשידענע פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרעמונגען. דער „מאָמענט" איז געווען אומפּאַרטייִש, דער „היינט" איז געווען ציוניסטיש, דאָס „ייִדישע טאָגבלאַט" אָרטאָדאָקסיש, און די „פאָלקסצייטונג" בונדיסטיש. אָבער, נישט געקוקט אויף זייערע פאַרשידענע פּראָגראַמען, האָט זיי אַלעמען פאַראייניקט אַ טיף געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גורל פון קיבוץ, וואָס זיי האָבן אָנגעפירט: אַ שטאַרקע זאָרג פאַר זיין גליק און דערהויבונג. די מיטאַרבעטער

פון די צייטונגען זענען נישט בלויז געווען זשורנאַליסטן מיט טאַלאַנט, נאָר עס זענען צווישן זיי געווען אויך אינטעלעקטואַלן, דענקער, היסטאָריקער, דיכטער. מען קען דעריבער פעסטשטעלן, אַז די ייִדישע פּרעסע אין פּוילן האָט פאַרגע־שטעלט מיט זיך שולן פון געדאַנק.

איך וועל אָנרופן כאָטש אייניקע נעמען:

הלל צייטלין, דענקער און מקובל, מחבר פון אַ פּירוש צום „זוהר", אַ מענטש מיט טיפע מאָראַלישע קאָנצעפּטן, וואָס זיינע מאמרים האָבן געטראָגן אין זיך דעם אָטעם פון פיר טויזנט יאָר ייִדישע געשיכטע.

ב. יאָושזאָן, דער מייסטער פון פעליעטאָן אין וועלכן עס איז געקומען צום אויסדרוק דער קאָנפליקט צווישן פאַרשטאַנד און אינטויִציע, אין וועלכן דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט זיך געפונען. אָט דער באַליבטער פּובליציסט האָט אין דער זעלבער צייט פאַרעפנטלעכט אין זיין סעריע „פון אונדזער אַלטן אוצר" פּירושים און אויסטייטשונגען פון דער סדרה פון דער וואָך, אין וועלכע דורות פון חכמה און שאַרפזין האָבן שימערירט אין אַ רעגנבויגן פון קאָלירן.

נח פּרילוצקי, פילאָלאָג, אַדוואָקאַט, עסקן און ערודיט, וועלכער האָט רעאַגירט מיט אייגנטימלעכן סטיל אויף יעדן פּראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען אויפן סדר־היום; אַברהם מרדכי ראַגאָווי, אַ פּובליציסט מיט חסידישן ברען, וועלכער האָט איבערגעזעצט פּרקים פון רמב"ם אין ייִדיש; ש. י. סטופּניצקי, מחבר פון אַ פאָר־שונג איבער שפּינאָזאַ, וועלכער האָט מאַניפעסטירט אין זיינע אַרטיקלען זיין ליב־שאַפט צום פּוילישן ייִדנטום; ברוך שעפנער, טריבון פון דער סאָציאַליסטישער אידעע, וואָס אין זיין שרייבן האָט זיך אָפּן אַנטפּלעקט די דערציִונג, וואָס ער האָט באַקומען אין די ישיבות; יהושע גאָטליב, עסייסט און פּובליציסט, וואָס האָט געוווּסט ווי אַזוי אַריינצוּוועבן פילאָסאָפישע רעפלעקסן אין די פּראָבלעמען פון טאָג־טעגלעכן הו־האַ; מאיר באַלאַבאַן, דער גרויסער ייִדישער היסטאָריקער, פּראָפעסאָר אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, וועלכער האָט אָפט געהאַט דעם פאַרלאַנג אויסצושמועסן זיך אין ייִדיש מיט זיינע לייענער וועגן געשיכטלעכע פּראָבלעמען און פּערזענלעכקייטן; יצחק שיפּער, פאָרשער פון די עקאָנאָמישע פּראָצעסן וועלכע עס האָט אַדורכגעמאַכט דאָס פּוילישע ייִדנטום, און וועלכער איז אויך געווען דער היסטאָריקער פון ייִדישן טעאַטער און אַ שרייבער מיט אַ פּאָעטישן סטיל.

אָט די פּרעסע, וואָס האָט אויסגעדריקט די פאַרשידנסטע אָנשויונגען, האָט אויך — אין מאָמענטן פון אַנטשיידונג — געשאַפן אַ פאַראייניקטן פראָנט קעגן די כוואַליעס פון שׂנאה און בלבולים, וואָס האָבן געפלייצט קעגן פּוילישן ייִדנטום סיי מצד די רעגירונגס־קרייזן, סיי מצד די אַנטיסעמיטישע פּאַרטייען. איך גע־דענק, אַז אין יאָר 1934, אין טאָג ווען דער פּראָפּאַגאַנדע־מיניסטער פון נאַצי־דייטשלאַנד, געבעלס, איז געקומען אויף אַן אָפיציעלן וויזיט קיין וואַרשע — ווי

אַ גאַסט פון דער פּוילישער רעגירונג — זענען אַלע יִדישע צייטונגען דער־שינען מיט אַנטי־נאַצי־אויפרופן, וואָס זיי האָבן פאַרעפנטלעכט אויף דער ערשטער זייט פון זייערע אויסגאַבן. דערמיט האָבן זיי געבראַכט צום אויסדרוק זייער צער און צאָרן צוליב דער אָפיציעלער פריינדשאַפט מיט די העצער פון ראַסיזם. פאַר־שטייט זיך, אַז אַלע יִדישע צייטונגען זענען יענעם טאָג קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער מאַכט. אָבער אין גאַנצן לאַנד האָט אָפּגעקלונגען די ווירדיקע און מוטיקע דעמאָנסטראַציע פון פּוילישן יִדנטום, וואָס זיין פּרעסע איז געווען אַ פעסטונג פון קולטור און זעלבסט־שוץ.

דאָס פּנים און די נשמה פון פּוילישן יִדנטום זענען געמאָלט געוואָרן מיט גרויסער קראַפט אין דער פּלאַסטישער קונסט. דאָס פּוילישע יִדנטום האָט אַרויס־געגעבן גרויסע מאָלער־מייסטער, און זייערע בילדער זענען אַ קינסטלערישער צושטייער צו דער געשיכטע פון יִדישן לעבן אין פּוילן און צו זיין כאַראַקטע־ריסטיק. מאַאוריציאַ גאָטליב, דער געניאַלער מאָלער, וועלכער איז געשטאָרבן אין בליִענדיקן עלטער פון 23 יאָר, האָט איבערגעלאָזט אַ קינסטלערישע ירושה פון אומגעוויינלעכן ווערט. אין זיין מאָנומענטאַל בילד „יִדן דאַווענען יום־כּיפּור" האָט גאָטליב אַרויסגעבראַכט די אינערלעכע וועלט, וואָס האָט וויברירט אין די מענער און פרויען, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שול אין יום־הקדוש און אויפגעהויבן זייערע תּפילות צום באַשעפער.

הענעך גליצענשטיין, דער סקולפּטאָר, מאָלער און קריצער, האָט באַוויזן אויס־צודריקן אין זיין סטאַטוע „משיח" די גאַנצע בענקעניש און די גאַנצע האָפענונג פון יענע יִדן, וואָס זענען זייערע אַלע יאָרן אַנטקעגן־געגאַנגען משיחן.

אַרטור שיק, האָט אין זיינע מאָלערייען, מיניאַטורן און אילוסטראַציעס אַנט־פּלעקט דאָס גראַנדיעזע און דראַמאַטישע שטיק געשיכטע פון טויזנט יאָר פּויליש־יִדנטום, פון בראשית פון יִדישן לעבן אין פּוילן ביז דער טראַגישער אויס־ראָטונג.

מאַאוריציאַ מינקאָווסקי האָט פאַראומשטערבלעכט אויפן לייוונט דעם וויטיק און די ליידן, די יסורים און די אַנטוישונגען, די האָפענונגען און שטרעבונגען פון די פּוילישע יִדן; ער האָט געמאָלן די פאָלקס־מאַסן אין זייער אָרעמקייט און טאָג־טעגלעכער האָרעוואַניע. אָבער ער האָט אויך אויפגעכאַפּט מיט פיינער אינ־טויִציע זייערע נשמות, וואָס זענען געווען באַלויכטן מיט הויכער גייסטיקייט.

שמואל הירשענבערג, האָט אין זיינע בילדער „גלות", „דער אייביקער יִיד" און אַנדערע שאַפונגען — וועלכע האָבן פאַרן קינסטלער דערוואָרבן אַ גרויסן נאָמען אין דער וועלט — געצייכנט דעם אומעט פון יִדישן לעבן אין פּוילן, וועלכעס איז געווען פאַרוועבט אין אויטענטישן מיסטעריעזן גלויבן. אין זיין פּאַטעטיש בילד „גלות" באַוועגט זיך אין פאַרפרוירענעם שווייגן אַ מאַסע היימ־לאָזע קרבנות פון אַ פּאָגראָם, איבער אַן אומענדלעך פעלד, וואָס איז באַדעקט מיט

שניי. אַ זקן באַװעגט זיך דער ערשטער און נאָך אים ציט זיך אַ המון פֿון פֿרויען און מענער, פֿון יונגע און אַלטע. אײניקע טראָגן פּיצלעך קינדער אין זייערע אָרעמס, אַנדערע טוליען צו זייער האַרץ די ספֿרי־תּורה. קינד און אמונה באַגלייטן אין זייער מאַרש די הימלאָזע, װאָס פֿאַרלירן ניט אויך אין אַנטרעף פֿון אַכזריות און רציחה זייער גלויבן אין גאָט און מענטש.

אין די צװאַנציקער יאָרן פֿון הײנטיקן יאָרהונדערט האָט דער פּובליציסט און מקובל הלל צייטלין אַרויסגעגעבן אַ װאָכנבלאַט אין ייִדיש „דער בליץ״. יעדער נומער פֿון אָט דער װעכנטלעכער טריבונע איז אין תּוך געװען אַ מאָני־פֿעסטאַציע פֿון דער אידעען־זוכעניש פֿון פּױלישן ייִדנטום. פֿון יעדן נומער האָט זיך געטראָגן דער געשריי פֿון אַ מאַסע, אין יעדער אויסגאַבע האָט זיך געפֿילט די גיגאַנטישע אָנשטרענגונג װאָס איז געװען באַהערשט פֿון אַן אומגעװיינלעכן דורשט צום אמת. פֿון נשמות, װאָס האָבן געשטרעבט צו פֿאַרטיפֿן דאָס אינטעלעקטועלע און אַרײַנצודרינגען אין דער ספֿערע פֿון דער אינטויִציע.

„דער בליץ״ װאָס האָט זיך אין גאַנצן אָפּגעגעבן מיטן זוכן דאָס געטלעכע און דאָס מענטשלעכע, איז, אַזוי אַרום, אַ באַרעדעװדיקער סימבאָל פֿון דער גײַסטיקער קולטור פֿון פּױלישן ייִדנטום װאָס האָט נישט צו זיך קיין גלײַכן אין אונדזער געשיכטע.

מיר לאָזן אַדורך אין דאָזיקן קורצן עסיי אַנדערע געביטן, װאָס אין זיי האָט זיך אויסגעדריקט דער אומרו פֿון דער ייִדישער שעפֿערישקייט אין פּױלן. מיר לאָזן אַדורך דאָס טעאַטער, אין װעלכן ייִדיש פּױלן האָט זיך אַנטפּלעקט מיט זײַן װיי און פֿרייד, און װוּ דראַמאַטורג, רעזשיסער און שױשפּילער האָבן גערעדט אָט מיט דער שפּראַך פֿון סוד, אָט מיט די קאַטעגאָריעס פֿון אינטעלעקט. מיר שטעלן זיך נישט אָפּ אויף מוזיק און חזנות, אין װעלכע עס האָבן אָפּגעקלונגען די אַקאָרדן פֿון ייִדישן אָרקעסטער פֿון פּױלן אין אַלע זייערע קאָנטראַסטן, און אַרײַנפֿירנדיק אין די פֿאַרבאָרגענישן פֿון דער נשמה, האָבן זיי אונדז אָט דערנענטערט צום באַשייד פֿון די רעטענישן, און אָט דערװײַטערט אויף תּמיד פֿון דערגראָבן זיך צו דער מיסטעריע. אויך אין אָט די אויסדרוקן פֿון שאַפֿן האָט זיך אַרויסגעשלאָגן דער מהות פֿון דער גײַסטיקער קולטור פֿון פּױלישן ייִדנטום.

הערשיל קלעפּפּיש

די סאָציאַלע באַוועגונג

די קאָנטראַסטן זענען אויך אַרויסגעטראָטן אין סאָציאַלן לעבן און אין דער סאָציאַלער אַקטיוויקייט פון פּוילישן ייִדנטום. גראָד דאָס צעשויבערטע, צעפּלאָשעטע פּוילישע ייִדנטום, וואָס האָט אין פּלוג געהאַט אַזוי ווייניק זין פאַר אָרדענונג און סיסטעם, האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן זיינע קהילות, אַזוי ווי דאָס האָט נישט באַוויזן קיין שום ייִדישער קיבוץ, נישט אין דער פאַרגאַנגענהייט און נישט אין דער קעגנוואַרט.

שוין אין 16טן יאָרהונדערט האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום אַנטוויקלט זיין אויטאָנאָמיע און אויפגעבויט זיינע אויטאָנאָמישע אינסטיטוציעס. די ייִדישע אויטאָנאָמיע אין פּוילן האָט איבערגעשטיגן אַפילו די קלאַסישע אויטאָנאָמיע, צו וועלכער עס איז דערגאַנגען דער בלִיענדיק-פירנדיקער ישוב אין אַמאָליקן בבל. דער ועד אַרבע ארצות — אַזוי ווי די פאַראייניקטע פאָרשטייערשאַפט פון די ייִדישע קהילות פון די פאַרשידענע געגנטן פון פּוילן האָט זיך גערופן — האָט שוין אין יענער ווייטער עפּאָכע רעפּרעזענטירט די ייִדישע באַפעלקערונג סיי אינערלעך, סיי אויסערלעך. נישטאָ אין דער גאַנצער, לאַנגער ייִדישער געשיכטע פון צעשפּרייטקייט אַזאַ פעסט-אָרגאַניזירטע קהילות-פאָרשטייערשאַפט, ווי דער ועד אַרבע ארצות האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

און דער וווּנדער איז גרויס. דאָס, אין פּלוג צעריסענע, דערשיטערטע, זוכנדיקע — מען וואָלט געקאָנט זאָגן, פליגעלמאַניש-צעשפּאָלטענע פּוילישע ייִדנטום, האָט אין גורל-שעהן דעמאָנסטרירט אויף אַ מערקווירדיקן אופן זיין פולע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אחדות. אַזוי אין אַמאָליקן פּוילן, אַזוי אין נייעם זעלבסטשטענדיקן פּוילן צווישן די צוויי וועלט-מלחמות. אין שעהן פון אַנטשיידונג האָט דאָס פּוילישע ייִדנטום באַוויזן צו קעמפן אין רירנדיקער אייניקייט פאַר זיינע מענטשלעכע, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע רעכט.

מיר, וועלכע האָבן געלעבט אין פּוילן אין די יאָרן פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה, געדענקען נאָך זייער גוט אָט די אימפּאָנירנדיקע איינהייטלעכקייט וואָס האָט אַרויסגעשיינט פון די פילפאַרביקע סאָציאַלע באַוועגונגען אין דער ייִדישער גאַס.

דער ציוניזם האָט דאָ באַקומען זיין פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער, וואָס אים האָט געפעלט אין דער וויזיע פון זיין שעפער ד״ר הערצל. דער סאָציאַליסטישער „בונד" איז דאָ געווען באַהויכט מיט שטאַרקן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס. און די אגודת ישׂראל, וואָס האָט זיך פּאַקטיש אָרגאַניזירט לויט דעם מוסטער פון דער ייִדישער אָרטאָדאָקסיע פון פראַנקפורט, האָט דאָ געהאַט רעוואָלוציאָנערן אימפּולס.

דער לעצטער אַקט

די עקסטרעמען האָבן זיך צונויפגעטראָפן און צונויפגעגאָסן אויך אין לעצטן אַקט פון דער ייִדיש־פּוילישער דראַמע. מיר, וואָס געפינען זיך נישט מער אין קרייז פון דער ייִדיש־פּוילישער קולטור און באַוועגן זיך נישט מער מיט איר דינאַמיק, קאָנען ביז היינט צו טאָג נישט אַדורכקומען צווישן זיך, ווער עס האָט געגעבן די איניציאַטיוו צום העראָיִשן אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ.

מיר זענען נאָך עד־היום פאַרנומען אין שטרייטן און קאָנען נישט אַנטשיידן, ווער עס האָט געהאַט די עיקרדיקע ווירקונג אין אויסברוך פון אויפשטאַנד. דער רב רבי מנחם זעמבא, דער ציוניסט מרדכי אַנילעוויטש, אָדער דער בונדיסט מיכאל קלעפּפיש. דער אמת איז, אַז אַלע דריי האָבן זיי געהאַט די אַנטשיידענע ווירקונג.

געננוי ווי אין זיין אויפקום, אַזוי אויך אין זיין אומקום איז דאָס פּוילישע ייִדנטום געבליבן געטריי צו זיך אַליין און צו זיינע סתירות.

דאָרט ווו אינטעלעקט און מיסטעריע זענען צוזאַמען אויפגעגאַנגען, זענען זיי אויך צוזאַמען אונטערגעגאַנגען. אויך ווען די האַק פון חורבן און פאַרניכטונג האָט זיך אויפגעהויבן אויפן טיף פאַרוואָרצלטן ייִדיש־פּוילישן בוים, זענען זיינע צונויפגעפלאָכטענע צווייגן פאַרבליבן אין זייער דורותדיקן פלאָנטער.

נאַטירלעך: עס זענען דאָ נאָך אַנדערע שטריכן אין דער ייִדיש־פּוילישער קולטור, וואָס דאַרפן אַרויסגעהויבן ווערן. איך האָב אין דעם עסיי בלויז געוואָלט אַנווייזן דאָס, וואָס איז לויט מיין מיינונג דאָס סאַמע וועזנטלעכע אין איר. אויף דער ייִדיש־פּוילישער ערד, איז אין דער גייסטיקער ייִדישער קולטור נישט געווען אויסגעגאָסן קיין קלאַסישע רו. אין איר האָט געברויזט אומרו. דאָס איז דער טיפער גייסטיקער אומרו, וואָס מאַכט געשיכטע און וואָס באַפרוכפּערט און האָט באַפרוכטיקט ייִדיש לעבן און ייִדיש שאַפן אין די לעצטע פינף הונדערט יאָר. און די ווירקונג פון דעם אומרו האָט נאָך ווייט נישט אויפגעהערט. אַפילו איצט, נאָך דעם טראַגישן אונטערגאַנג פון פּוילישן ייִדנטום

מזרח־אייראָפּעישע ייִדישקייט איז נישט קיין אַרכיוו־אוצר

פון פאַרשידענע זייטן זאָגט מען אונדז, אַז דאָס ייִדישקייט, וואָס איז נאָך ביז מיט עטלעכע צענדליק יאָר צוריק געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די אונטער־געגאַנגענע ייִדישע קיבוצים אין מזרח־אייראָפּע, איז אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט זיי. געווען, געווען, און איז מער נישטאָ.

אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. פיזיש זענען טאַקע פאַרטיליקט געוואָרן די ייִדן, וואָס האָבן אין זייער לעבן און אויפפירונג פאַרקערפּערט די דאָזיקע ייִדיש־קייט, און געאָגראַפיש איז אין יענעם טייל וועלט אַריינגעטראָטן אַ טראַגישער שינוי, וואָס האָט דאָרט אָפּגעמעקט אַ בלי‍ִענדיקע ייִדישע קולטור. אָבער דאָס באַדייט נאָך ווייט נישט, אַז מזרח־אייראָפּעישער ייִדישער תּוכן און נוסח האָבן טאַקע אויפגעהערט ווירקן אין ייִדישן לעבן.

ווען יציאַת מצרים האָט אַ מאָל געזאָגט אַ דערוויַיטערטער דיכטער, וועלכער איז דאָך געווען באַשאַנקען מיטן טאַלאַנט אַריינצודרינגען אין דער טיף פון די געשיכטלעכע דראַמעס — היינריך היינע — אַז זינט די צייטן פון משה רבנו און קריעת ים־סוף רעדן אַלע פריַיהייטס־באַוועגונגען אין גאַר דער וועלט מיט אַ העברעיִשן אַקצענט. דער דאָזיקער זאַג לאָזט זיך פאַראַפראַזירן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט. אויך נאָכן אונטערגאַנג פון ייִדיש־מזרח־אייראָפּע, רעדט די גאַנצע ייִדישע וועלט מיטן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן אַקצענט. און דאָס טוען אַפילו די, וואָס ווילן נישט מודה זיין דעריין.

מיטן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן אַקצענט רעדט אונדזער היינטצייטיקע רעלי־גיעזע קולטור. גענויער: די רעליגיעזע קולטור, וואָס ציט די גאַלדענע קייט פון אונדזער טויזנטיעריקער טראַדיציע און פאַרקריפּלט נישט און פעלשט נישט דורותדיקע הייליקטימער. אונדזערע רייד באַציִען זיך צו דער ישיבה. עס איז אמת, אַז די ישיבה איז נישט אויפגעבויט געוואָרן ערשט אין די פּוילישע און ליטווישע שטעטלעך, מען האָט געלערנט אין חבורה נאָך אין די צייטן פון תּלמוד, און מען האָט געצויגן דעם ניגון פון דער גמרא אינעם לאַנד, ווו די גמרא איז אויסגעוואַקסן אין איר אימפּאַנירנדיקן פאַרנעם, אין בבל, און מען האָט אויפגע־שטעלט ישיבות אין די ווייטע יאָרהונדערטער אין שפּאַניע און פראַנקרייך. אָבער די ישיבה, וואָס שטייט היינט ווי אַ פעסטונג אין דער שטורמישער ייִדישער

ווירקלעכקייט, און ווי יִדישער המשך ווערט אויסגעשמידט פאַר אונדזערע אויגן, איז צו אונדז איבערגעגעבן געוואָרן פון יִדיש־מזרח־אייראָפּע. פון קראָקע און נאַוואַרדאָק, פון ליובאַוויטש און פּאָניוויעזש, איז זי דערגאַנגען קיין ניו־יאָרק און בני ברק, קיין גייטסהעד און בוענאָס־אײַרעס. גענוי ווי עס איז אוממעגלעך צו זאָגן, אַז סורא און פומבדיתא, די לערנצענטערס פון אַמאָליקן בבל, האָבן אויפגעהערט באַווירקן יִדישן מוח און האַרץ נאָך דעם, ווי זיי האָבן אויפגעהערט עקזיסטירן, גענוי אַזוי איז אויבערפלעכלעך צו באַשטימען, אַז וואַרשע און ווילנע זענען פאַרשוווּנדן פון אינגעווייד פון אונדזער אומה.

דער מזרח־אייראָפּעיִשער יִדישער אַקצענט רעדט אַרויס פון דער אַקטיווּ־קייט, וואָס יִדישע קהילות וויקלען פונאַנדער אין אַלע ערטער, ווו עס פּולסירט יִדיש לעבן. עס איז ריכטיק, אַז יִדישע קהילות אין אונדזער צייט קענען זיך נישט פאַרגלייכן אין זייער אויטאָנאָמיע און אין זייער פאַרצווייגטער טעטיקייט מיטן וועד אַרבע ארצות פון פאַרצייטיקן פּוילן, צי מיטן וועד מדינת ליטע; אָבער אויך אין אַ פאַרשידענעם פייזאַזש ווערט דאָך אויסגעצויגן דער דאָך פון יִדישער אחדות און עס אינטערוועוירט דאָס געפיל פון מיטפאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַרן יִדישן גורל. און אָט די זאָרג פאַרן היינט און מאָרגן פון גאַנצן פאָלק, אָט דער כּלל ישׂראלדיקער באַוווּסטזיין אין אַלע זיינע אויסדרוקן, אין זיינע פּראַקטישע און פּאָליטישע און סאָציאַלע אַספּעקטן, איז אַריינגעדרונגען אין דער יִדישער וועלט פון די קהילה־אָרגאַניזאַציעס, וואָס יִדיש־מזרח־אייראָפּע האָט אויסגעבויט מיט וויזיע, ווירדע און געוואָגטקייט. יִדישע קהילות אין גאָר דער וועלט זאָגן עדות, אַז דער קוואַל פון יִדיש־מזרח־אייראָפּע איז ווייט נישט אויס־געטריקנט געוואָרן.

יִדיש־מזרח־אייראָפּע לעבט אין דער חסידות־באַוועגונג, וואָס איז דאָך היינט צו טאָג אומגעווייינלעך אַקטיוו און שעפעריש אין דער יִדישער מחשבה און אין דער יִדישער ווירקלעכקייט. אויב מען האָט חסידות נאָך מיט יאָרן צוריק גע־וואָלט אָוועקשטעלן אין מוזעום פון אַנטיקן און פאַרוואַנדלען זי אין געשיכטע פון דער פאַרגאַנגענהייט, האָט דאָך דווקא דער חורבן פון די גרויסע חסידות־צענטערס אין מזרח־אייראָפּע באַוויזן, אַז די ווילדע פלאַמען האָבן איבער חסידות נישט געהאַט קיין שליטה. מזרח־אייראָפּעיִשע חסידות צעוואָרעמט דאָס געמיט פון אַ יוגנט, וואָס האָט טאַקע נישט געזען מיט די אייגענע אויגן מעדזשיבאָזש און קאָצק, אָבער וואָס פילט, אַז אין דער צייט פון בלאַנדזשענישן און מוראדי־קער פאַרלוירנקייט איז מעגלעך צו געפינען אין די שיטות פון חסידות וועג און אָריענטאַציע. מען קען פון רבי ישׂראל בעל־שם־טוב און זיינע תּלמידים לערנען, ווי אַזוי צו גיין מיט גלויבן אויף דעמאָלט, ווען אַלץ, דאַכט זיך, וואַקלט זיך און פאַלט זיך פונאַנדער. און דאָס חסידות, וואָס איז דאָס גרויסע ווונדער פון היינטצייטיקער יִדישקייט אויף די ברעגן פון ירדן צי פון האַדסאָן, איז דאָך

פאַרוואָרצלט אין מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט, און שרייט אַריין אין ייִדישן אויער מיט דער התלהבות פון אַמאָל, ווי געדעכט עס איז געווען רבי חנוך העניך פון אַלעקסאַנדער, ווען ער האָט געזאָגט, אַז ווען דאָס ייִדישע האַרץ צעפלאַקערט זיך, ווערט עס הימל.

מיט מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן אַקצענט רעדט מדינת ישׂראל. אָוודאי איז די ציון־בענקעניש געבוירן געוואָרן נאָך אין די אוראַלטע צייטן. און זיכער איז דער ווילן אויפצובויען ייִדישע זעלבסטשטענדיקייט אין לאַנד פון די אָבות נישט אויפגעקומען ערשט אין מזרח־אייראָפּע. מען טאָר באַיין־אופן נישט אונטערשעצן דעם חותם, וואָס אַלע טיילן פון דער אומה און די פולע ייִדישע צעשפּרייטקייט האָבן אַרויפגעלייגט אויפן ווידעראויפבוי פון דער אומאָפּהענגיקער ייִדישער מדינה. אָבער דווקא דער בייטראָג פון ייִדיש־מזרח־אייראָפּע איז אַנזעעוודיק און אַרויסשטאַרנדיק אין מדינת ישׂראל. דער דראַנג צום אוממעגלעכן, דער דינאַמיזם פון די פּאָליטישע און סאָציאַלע שטרעמונגען, דער דורשט צו מעשׂים, דער פּאַר־מעסט, דער אימפּעט און די דרייסטקייט, דער אף־על־פּי־כן און דער אין ברירה, און אַפילו דער נוסח פון געראַנגל און קאַמף, זענען בפירוש אַרויסגענומען פון מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן מאַסן־אויפברויז און ציבור־דערפאַרונג. מיט מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישקייט אָטעמען די גאַס און די כּנסת, די ליטעראַטור און די פּרעסע. דאָס איז טאַקע מער נישט טשערנאָוויץ אָדער לאָדזש, אָבער סיי ווי שלאָגט זייער פּולס אין ירושלים און תּל־אביב.

מיט מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן אַקצענט רעדט מען אַפילו, ווען מען רעדט העברעיִש מיט הברה ספרדית. מען האָט אין אונדזער געשיכטע אָפּגעהיטן גע־טריישאַפט צו דער שפּראַך פון תּנ״ך אין אַלע תּקופות. און גלענצנדע מדקדקים און מומחים אין לשון־קודש האָבן אַנטוויקלט זייער טעטיקייט אין שפּאַניע און פּראָוואַנס. און רבי שלמה אבן גבירול און רבי יהודה הלוי האָבן אויסגעזונגען אין ספרד דעם אומעט, וואָס האָט גענאָגט אין זייער האַרץ. אָבער דער העברעיִש, וואָס איז געוואָרן אין מדינת ישׂראל די שפּראַך פון טאָג־טעגלעכן אומגאַנג, איז רייף געוואָרן אין דער עקשנותדיקער דעציזיע פון ייִדיש־מזרח־אייראָפּע. דאָרט זענען אויסגעוואַקסן דער טאַלענט און די דרייסטקייט צונויפצופּאָרן טערמינען פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיטן לשון, וואָס איז געווען באַהויכט מיטן טוי פון בראשית. און אַפילו די הברה ספרדית איז נישט בכּוח אַרויסצורייסן דעם מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן שורש פון הייַנטצייטיקן עברית.

דאָס גרויסאַרטיקע אין אונדזער וועג דורך דורות איז, וואָס מיר האָבן אונ־דזערע גרויסע קולטור־תּקופות נישט פאַרוואַנדלט אין אָפּגעלעבטע ירושות. זיי זענען זיך צונויפגעוואַקסן מיט אונדזער אומה, און זענען איינגעגלידערט געוואָרן אין לעבן פון יחיד און פון כּלל אויך נאָך דעם, ווי זיי האָבן צוליב די ענדע־רונגען פון קאַלענדאַר און שטורעם פון די געשעענישן זיך אָפּגערוקט אין דער

ווייטקייט פון צייט און אָרט אָדער פּאַרצוקט געוואָרן אין די פלאַמען. אויך מזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישקייט איז פאַרבליבן אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער היינטצייטיקער, און אייביקער, ייִדישקייט. זי לעבט כסדר אין אונדזער וואָך און אין אונדזער שבת, אין אונדזער פרייד און אין אונדזער טרויער, און גייט אויף אין אונדזער קרעכץ און אין אונדזער ניגון.

דאָס אייגנטלעך איז דער זין פון באַגריף „מורשה", וואָס האָט אין דער תנ"ך־מחשבה אָנגעצייכנט אַ קולטור־אוצר, וואָס איז אַ דויערנדיקע פּאַרטיפּטע איבערלעבונג, און פון וועלכן עס ציִען זיך פעדים פון האַרץ פאַר דורות און דורות.

און אין די אינעווייניקסטע קעמערלעך פון אונדזער האַרץ לעבט די אמונה, אַז אויך ייִדיש לשון וועט נישט זיין בלויז אַ קעגנשטאַנד צום לערנען אין די אוניווערזיטעטן און אַן אַרכיוו־אוצר. ייִדישע געשיכטע איז פול מיט איבערראַשונגען, און אין איר האָבן נישט קיין רעכט די, וואָס פּרווון מיט טרוקענעם אַנאַליז אָנצייכענען איר מאָרגן.

רבי חסדאי קרשקש
שמועסט זיך פונאַנדער מיט אַ פּוילישן ייִד

א.

מעגלעך דערפֿאַר, ווייל איך לעב די לעצטע יאָרצענדליקער אין אַ שפּאַניש־רעדנדיקער מדינה, און ווייל אויף מיין שרייבטיש ליגן אָנגעוואָרפֿן ספרים, וואָס האָבן צו טאָן מיטן ייִדישן שאַפֿן אין מיטלאַלטערלעכן שפּאַניע, שטעלן זיך אָפּט מאָל צו מיר אַריין פֿיגורן פֿון וויטן עבר פֿון שפּאַנישן ייִדנטום. אַמאָל מאַכט זיך, אַז זיי רעדן בכלל נישט אויס קיין וואָרט צו מיר. זיי אָבסערווירן מיך בלויז בעת איך מיש די בלעטער פֿון זייערע ספֿרים, בעת איך פּרוּוו זיך פֿונאַנדערצוקלייבן אין די שיטות, וואָס זיי האָבן אויסגעבויט, אָדער גאָר אין די פּערזן, וואָס זיי האָבן אויסגעציקלט, און שווייגן.

אָבער עס טרעפֿט אויך, אַז זיי גייען אַריין אין אַ שמועס מיט מיר. איך האָב זיך שוין אַזוי שטאַרק צוגעוווינט צו די דאָזיקע באַזוכן, אַז זיי קומען מיר אויס צו זיין רעאַל. איך האָב מורא צו זאָגן, אַז אָפּט מאָל ווייזן זיי זיך אויס צו זיין פֿאַר מיר מער ווירקלעך, ווי די טאָג־טעגלעכע ווירקלעכקייט, אין וועלכער איך בין ווי געוויינלעך פֿאַרוועבט. די גרענעץ צווישן פֿאַנטאַזיע און ווירקלעכקייט האָט זיך פֿאַרווישט, און איך דערקען מיינע באַזוכער, גלייך ווי זיי הייבן זיך אָן אַריינצושלייכן אין מיין צימער.

עס זענען, וואָס אָן אמת, כמעט נישט פֿאַרבליבן קיין בילדער פֿון אונדזערע אַמאָליקע גדולים אין שפּאַניע, אָבער פֿאַרט האָב איך נישט קיין שוועריקייטן אין דערקענען זיי. זייער פֿיזיאָנאָמיע קומט פֿאַר מיר אויס מערקווירדיק נאָענט, און זיי דאַרפֿן בכלל זיך נישט פֿאַרשטעלן. איך ווייס ווער זיי זענען לויט דעם אויסדרוק פֿון זייער פּנים און לויט דעם בליק פֿון זייערע אויגן. איך דערקען אברהם אבן עזרא אינעם רירעוודיקן פּקחותדיקן פֿייערל, וואָס צינדט זיך אָן אין איינעם פֿון זיינע אויגן, בעת ער האַלט דאָס אַנדערע אויג האַלב פֿאַרמאַכט, און איך ווייס, אַז איך האָב פֿאַר זיך רבי משה בן נחמן, ווען מיך נעמט מיט אַ מאָל אַרום אַ בליק, וואָס קומט פֿון ערגעץ ווייט. די הויט פֿון פּנים פֿון דון יצחק אַבּרבּנאַל איז אַדורכגעאַקערט מיט טיפֿע קנייטשן און דערמאָנט מיך אין אַ פֿאַרעלטערטער פֿאַרמעט־יריעה.

אָבער שטראַלן זון פּאַרפּלייצן מיך פון דער פיגור פון שמואל הנגיד, וואָס שפּרודלט מיט אַזוי פיל נאַטירלעכער לעבנספרייד. מיט אַ שמייכל פון שפּאַט שטעלט זיך תּמיד אַריין צו מיר יהודה אַלחריזי. דאַקעגן מיט אַ האַסטיקן אימ־פּולסיוון ניגון, וואָס טרייסלט־אויף די נשמה, רייסט זיך אַריין משה דע לעאָן. דער שטורמישער ניגון פאַרוויגט זיך דערנאָך אין אַ פאַרחלומטער דביקות. און ווען איך האָב אַנומלט געפרעגט ביי משה דע לעאָן פון וואַנען עס קומט אָט דער איבערגאַנג אין דער מעלאָדיע, וואָס זינגט אַרויס פון זיין פּערזאָן, דער איבער־גאַנג פון אויפרודערנדיקן שטורעם צו גלעטנדיקער צאַרטקייט, האָט ער מיר קורץ געענטפערט: פון היכל פון סוד.

איך דערקען מיינע באַזוכער אַפילו לויט דעם קלאַנג פון זייער שטימע. איך האָב זיך אויסגעלערנט, למשל, צו אונטערשיידן צווישן דער שווינדזוכט־הייזערי־קער שטימע פון שלמה אבן גבירול און דעם וווייכן לירישן קול פון משה אבן עזרא.

לעצטנס איז מיר אויסגעקומען זיך פונאַנדערצורעדן מיט רבי חסדאי קרעס־קאַס (קרשקש). איך האָב גראָד יענעם טאָג געהאַט אין האַנט זיין ספר „אור ה׳", דאָס ליכט פון גאָט. איך האָב אויך יענעם טאָג געלייענט, וואָס עס האָט איבער חסדאי קרשקש געהאַט צו זאָגן איינער פון די ייִדן, וואָס האָבן גענומען דעם וואַנדערשטעקן אין האַנט אין דער צייט פון גירוש ספרד, און וואָס האָבן געלעבט אין סוף פון זעלבן יאָרהונדערט, אין וועלכן קרשקש האָט געווירקט: יוסף יעבץ.

„רבי חסדאי — שרייבט יוסף יעבץ — האָט איבערגעשטיגן מיט זיין איינ־טעלעקט אַלע פילאָסאָפן פון זיין צייט. ער איז אַריבערגעוואַקסן די פילאָסאָפן פון אדום און ישמעאל (דאָס באַדייט: די קריסטלעכע און די מוסולמענישע), און ער האָט זיכער אַריבערגעשטיגן די ייִדישע דענקער"... איך האָב אויך געלייענט אין דער ליטעראַטור־געשיכטע פון ישׂראל צינבערג די אויסדרוקן, מיט וועלכע שלמה דאַפּיעראַ, רבי חסדאיס בן־עיר, האָט באַצייכנט די פּערזענלעכקייט פון קרשקש: „דער געזאַלבטער כרוב! דער אָרון־קודש מיט די לוחות!"...

מיר האָבן צו ערשט גערעדט וועגן די שטעט פון וואַנען מירביידע קומען. ער האָט דערמאָנט, ווי איך האָב געקענט באַמערקן, מיט גאָר שטאַרקן סענטי־מענט, „זיין" שטאָט סאַראַגאָסאַ. ער האָט פאַר מיר אויפגעוויקלט דעם יחוס פון דער קהילה, וואָס האָט דאָרט געבליט. דער ייִדישער ישוב האָט דאָרט געווימלט און געשוויבלט מיט איניציאַטיוו און געשפּרודלט מיט תורה און חכמה, האָט ער געזאָגט. ייִדן האָבן דאָרט אַרויפגעקלעטערט אויפן לייטער פון דערפאָלג אין פאַר־שידענע געביטן. מען האָט אַנטוויקלט די ווירטשאַפט און מען האָט זיך אויך אָפּגעגעבן מיט זאַכן פון גייסט. דריי הונדערט יאָר פאַר אים האָט דאָרט געלעבט און געשאַפן רבי בחיי איבן פּקודה, און טאַקע אין סאַראַגאָסאַ האָט ער אָנגעשריבן זיין ספר „חובות הלבבות", וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו אינספּירירן די שפּע־

טערדיקע דורות מיט זיין רירנדיקן פּאַרמעסט אויפצולעבן די אידעלע ייִדישע מידות. ייִדן האָבן זיך געפילט אַזוי נאָענט צונויפגעוואַקסן מיט סאַראַגאָסאַ, האָט ער צוגעגעבן, אַז דער ראש־הקהל און עושר בנבנשתי דע לאַ קאַבאַלעריאַ פלעגט לייגן זיין אונטערשריפט אויף די מלוכה־באַנקנאָטן אין לשון־קודש.

איך האָב צו אים גערעדט וועגן דער שטאָט וואַרשע, ווו איך בין אויפגעוואַקסן. איך האָב אים געזאָגט, אַז ווי גרויס מיין באַוווּנדערונג זאָל נישט זיין פאַר דער קהילה, וואָס האָט געבליט אין סאַראַגאָסאַ, רעכן איך נישט, אַז דאָרט זאָל האָבן פולסירט אַזאַ ברויזנדיק ייִדיש לעבן, ווי אין „מיין" וואַרשע. דאָרט האָט מען געפילט ייִדישקייט בפועל ממש. נישט בלויז די היים איז געווען ייִדיש, נאָר אויך די גאַס. דאָרט האָט געאָטעמט אַ פאָלקסטימלעכע מאַסן־ייִדישקייט, וואָס איך צווייפל, צי זי האָט געהאַט איר גלייכן אין סאַראַגאָסאַ. איך האָב אים דערציילט וועגן די פּעריאָדישע אויסגאַבן, וואָס פלעגן דערשיינען אין וואַרשע, אין ייִדיש, אין העברעיִש, אין פויליש. דאָרט האָבן מענטשן פון פאָלק געטרונקען מיט אומגעשטילטן דורשט פון די קוואַלן פון ייִדישן גייסט. אויב ערגעץ־ווו איז געווען גילטיק דער אָנווייז פון יהודה הלוי „ואל תשיאך חכמה יונית שאין לה פרי כי אם פרחים", „לאָז זיך נישט פאַרנאַרן פון דער נישט־ייִדישער גריכישער חכמה, וואָרעם זי פאַרמאָגט בלויז בלומען און האָט נישט קיין פרוכט", איז דאָס געווען צווישן פוילישן ייִדנטום. די גרויסע מערהייט פון ייִדישן קיבוץ אין פוילן האָט ביי דעם פיבערדיקן אומרו, וואָס האָט זיך באַוועגט אין איר אינגעווייד, געזוכט זיך צו שפייזן מיט נאַרהאַפטיקער ייִדישקייט. מעגלעך, האָב איך צוגעגעבן, אַז דער ייִדישער קיבוץ אין וואַרשע האָט נישט פאַרמאָגט די רייצנדיקע אויסערלעכע מאַיעסטעטישע פּראַכט, וואָס מיט איר האָט זיך אויסגעצייכנט דער קהל אין סאַראַגאָסאַ. אָבער ווידער אַ מאָל וועל איך זיך באַנוצן מיט אַ פראַזע פון יהודה הלוי, דער דיכטער פון טאָלעדאָ, וועלכער איז דאָך אייך זיכער נאָענט צום האַרץ: „נגלה ללבב ולא לעין". די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון וואַרשעווער ייִדן האָבן זיך נישט אַנטפּלעקט פאַרן אויג. זיי זענען אָבער געווען אָפן פאַרן האַרץ. וואַרשעווער ייִדן האָבן געקענט זאָגן דאָס זעלבע, וואָס דער ייִדישער געלערנטער האָט אינעם ספר פון יהודה הלוי דערקלערט פאַרן מלך פון די כוזרים: „הגם מיר שטעלן מיט זיך פאָר צעשאָטענע ביינער, איז דאָך אונדזער גייסט פאַרבליבן לעבעדיק"...

רבי חסדאי קרשקש האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אינטערעס. איך האָב ווייטער געצויגן:

— מער ווי אין וועלכן עס איז אַנדערן קיבוץ אין דער ייִדישער געשיכטע האָבן מיר אין פוילן געהאַלטן, אַז אין לעבן פון יחיד, געגנוי ווי אין דער עקזיסטענץ פון כלל, פאַרנעמט און מוז פאַרנעמען אַ גאָר וויכטיק, און טאַקע אַנטשיידנדיק אָרט, די טראַדיציע. און דאָס איז דאָך סוף־כל־סוף אַן עיקר־געדאַנק,

וואָס ווערט אַנטוויקלט מיט איבערצייגנדיקער קראַפט אין „ספר הכּוזרי״: טראַ־דיציע איז דער וועג פון מענטש צו מענטש, און אויך צו זיך אַליין. טראַדיציע איז אַן עטישע דערפאַרונג, און זי איז אַ פּראָדוקט פון אַ לאַנגער היסטאָרישער אַנטוויקלונג. זי איז בכן אַ נאַציאָנאַלע איבערלעבונג. דורך דער טראַדיציע, וואָס איז איבערגעגאַנגען פון דור צו דור, זענען מיר ייִדן געוואָרן וואָס מיר זענען. און אין פּוילישן ייִדנטום האָט געלעבט און געאָטעמט מיט געוואַלדיקער אינטענ־סיווקייט טויזנטיאָריקע ייִדישע טראַדיציע אין איר מערקווירדיקער רײַכקייט און פילפאַרביקייט. איך וואָג צו זאָגן, אַז ערשט אין דער וואָכנדיקער טאָג־טעגלעכער האָוועניש פון פּוילישע ייִדן און אין זייערע גרויסאַרטיקע שבתים און ימים־טובים האָט די רעליגיעזע טראַדיציע אָנגענומען יענעם פּילזייטיקן אינהאַלט און אַרויפגעצויגן אויף זיך יענע וווּנדערלעכע צורות, וואָס יהודה הלוי האָט אָנגע־צייכנט אין זײַן פּאָעטיש־פילאָסאָפישער וויזיע.

ב.

דערנאָך האָבן מיר ביידע געעפנט דעראינערונגען. חסדאי קרשקש האָט מיר דערציילט וועגן זײַן יונגן זון, וואָס איז אומגעקומען אין די בלוטיקע אומרוען, וועלכע זענען אויסגעבראָכן קעגן ייִדן. דאָס איז געווען אין יאָר קנ״א, איידער מיר זענען אַריבערגעגאַנגען קיין סאַראַגאָסאַ — האָט ער געזאָגט מיט אַ געבראָ־כענער שטימע. מײַן פאַמיליע און איך האָבן דאַן געוווינט אין באַרצעלאָנאַ. די העצע קעגן ייִדן האָט זיך אייגנטלעך צעפלאַקערט אין סעווילי
ע, אָבער דאָס ווילדע פײַער האָט זיך גיך צעשפּרייט איבער שטאָט און דאָרף. דאָס, וואָס מיר האָבן צוגעזען אין באַרצעלאָנאַ, איז געווען אַ מוראדיקע שחיטה. מײַן זון איז קוים אַלט געווען צוואַנציק יאָר. אינעם בריוו, וואָס איך האָב געשיקט צו דער קהילה אין אַוויניאָן האָב איך אויסגעיאָמערט די קינה פון פאָטער, וואָס האָט זיך געמוזט זעצן שיבעה נאָך זײַן זון, האָט ער אָפּגעזיפצט. ער איז אויף אַ לענגערער רגע פאַרשוויגן געוואָרן, גלײַך ווי ער וואָלט אַראָפּגעגלידערט אין תּהום פון זײַן צער. זײַן גרויע באָרד האָט אָנגעוואָרפן דעם שווערן ווײ פון אבלות. דערנאָך האָט ער ווידער געצויגן: אַזוי האָב איך געשריבן צו אחינו בני ישׂראל אין אַוויניאָן: „אַ סך האָבן געהייליקט גאָטס נאָמען, צווישן זיי מײַן זון, מײַן איינציקער, אַ יונגער חתן... איך האָב אים געברענגט פאַר אַ קרבן עולה, אַצדיק עלי הדין, איך וועל רעכטפאַרטיקן אויף מיר דעם גזר־דין״...

איך האָב אים איבערגעהאַקט: „רעכטפאַרטיקן״ האָט איר געזאָגט, רבי חסדאי?

איך האָב זיך אָנגעשטרענגט זיך צוניפטרעפן מיט זײַן בליק, אָבער דאָס איז מיר נישט געלונגען. זײַנע אויגן זענען געווען פאַרקוקט אין חלל. ער האָט גע־

זאָגט: דער ייִדישער וועג דורך דורות האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער עקידה. מיש אויף דעם חומש בראשית. אַברהם האָט באַקומען דעם געטלעכן רוף, און ער איז געווען אָנגעברייט אויסצופירן דעם אַקט, וואָס איז שפּעטער אין אונדזער געשיכטע באַצייכנט געוואָרן ווי „קידוש השם". דער אמת איז, אַז אויפן באַרג מוריה איז די עקידה פאַרבליבן בלויז אַ נסיון, אַ פּרווו. אָבער דאָרט איז אָנגעוויזן געוואָרן דער וועג. איך זאָג „וועג", און נישט „גורל". אָט ליגט דאָך פאַר דיר מיין ספר, און דו קענסט נאָך אַ מאָל איבערלייענען, וואָס איך דערקלער דאָרט וועגן דעם דאָזיקן ענין...

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אין יענעם מאָמענט האָט ער געהאַט דעם פאַרלאַנג אַריינצודרינגען אין מיר מיט זיין גאַנצן „איך". מיר האָבן ביידע צוזאַ־מען געמישט די בלעטער. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אונדזערע פינגער זענען זיך צונויפגעוואַקסן. אָט זע — האָט ער געפירט מיין האַנט איבערן טעקסט — פאַר־טראַכט זיך איבער דעם, וואָס דאָ ווערט געזאָגט. איך גלייב באַוווּסטזיניקן וועג פון יחיד און פון כּלל. די זאַכן פאַסירן נישט, ווייל זיי ווערן מכּלומרשט באַשטימט פון פאָרויס. דאָס זענען מיר, וואָס מאַכן די אַנטשיידונג. אויב מיר ווילן זיין ערלעך צו זיך אַליין, מוזן מיר מודה זיין, אַז דאָס, וואָס איז געווען אין באַגינען פון אונדזער געשיכטע אַ ניסיון, האָט מיט אונדזער בפירושן ווילן אויספאָרמירט אונדזער נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט. מיר האָבן באַגערט, אַז מיר זאָלן זיך אויספאָרמירן אַזוי, און נישט אַנדערש. עס איז, בכן, נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר פאַרביטערונג, פאַר פּראָטעסט...

איך האָב אָפּגעפרעגט זיין מיינונג, אייער באַהויפּטונג — האָב איך געזאָגט — איז נאָר טיילוויז ריכטיק. צוזאַמען מיט דעם „הנני", מיט וועלכן דורות האָבן רעאַגירט, ווען זיי זענען געווען ווי דער ערשטער ייִד געשטעלט געוואָרן אויג אויף אויג מיט דער דראַמע פון פּיין, האָט אויך אויפגעבראַוזט דער „פאַרוואָס", האָט אויך אויפגעשטורעמט די גרויסע טענה. צווישן „הנני" און „פאַרוואָס" וויקלט זיך פאַקטיש פונאַנדער די ייִדישע געשיכטע. שוין אין תּהילים, גלייך אין צווייטן קאַפּיטל, איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן די מאָנענדיקע פראַגע: „למה רגשו גויים", פאַר וואָס האָבן די פעלקער זיך צעבושעוועט קעגן אונדז?... אין דער צייט פון די גזירות, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אונטער דער רוימישער הערשאַפט, האָבן נישט בלויז די לערער פון ייִדנטום, נאָר אויך די מעטאַפיזישע עלעמענטן פון אוניווערס, ווי עס דערציילט דער תּלמוד, אויפגעטרייסלט הימלען מיט דעם פאַר־צווייפלטן אויסגעשריי: „זו תּורה וזה שׂכרה", אַזוי אַרום, אַ גאָט, צאָלסטו אָפּ דיינע גלויביקע?...

דער מזרח־אייראָפּעיִשער ייִדישער קיבוץ האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין אנוסים, ווי דאָס איז געווען דער פאַל מיטן שפּאַנישן ייִדנטום. אָבער דאָך האָבן מיר באַין־אופן נישט געוואָלט רעכטפאַרטיקן דעם ביטערן גזר־דין. און נישט דווקא

אין מיין צייט. אויך אין דער תּקופה פון די גזירות ת״ח האָבן ייִדן געשטעלט מוראדיקע קשיות. נאָך שטאַרקער איז אויסגעוואַקסן דער ברוגז צווישן ייִד און גאָט ביי די לערער פון חסידות. רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט נישט גע־וואָלט רעכטפאַרטיקן דאָס פאַרגאָסענע ייִדישע בלוט. ער האָט גערופן גאָט צו אַ דין־תּורה. אין סאַמע יום־הדין האָט ער געשטעלט גאָט פאַרן משפּט. רבי פּינחס פון קאָרעץ האָט אין תּשעה באָב פון באַלעמער אַראָפּ אויפגעהויבן אַ דראָונג צום הימל. מען האָט זיך שפּעטער איבערגעבעטן, אָבער מען האָט נישט אויפגעהערט זיך צו ברוגזן. פאַר מיר איז בפירוש שווער אַראָפּצושלינגען אייער רעכטפאַרטי־קונג, רבי חסדאי. איך וועל פאַר אייך איבערלייענען, וואָס דון יצחק אַבּרבּנאַל האָט פאַרצייכנט וועגן לעצטן טראַגישן וועג פון די ייִדן פון סאַראַגאָסאַ און טאָלעדאָ, פון מאַלאַגאַ און גראַנאַדאַ: „איך האָב געזען די קינדער פון ישׂראל אין יאוש און האָפענונגסלאָזיקייט. איך האָב זיי געזען, ווי זיי זענען געווען פונ־אַנדערגעשפּרייט איבער די בערג״... קענט איר דאָס רעכטפאַרטיקן?...

אין די גרויל־לאַגערן, וואָס אין זיי זענען אומגעקומען מיין טאַטע־מאַמע, האָבן צוזאַמען מיט די טענער פון „אני מאמין״ אָפּגעהילכט גרויזאַמע קשיות. דער דיכטער יצחק קאַצענעלסאָן האָט דאָרט געפרעגט אין אויסברוך פון צער און צאָרן: „פאַר וואָס און פאַר ווען איז מיין פאָלק פאַרפייניקט געוואָרן?״... אין מיין יוגנט, רבי חסדאי, בין איך שטאַרק באַאיינפלוסט געווען פון אַ רוסישן שרייבער, דאָסטאָיעווסקי, וועלכער האָט אַרויסגעזאָגט אַ געדאַנק, וואָס האָט זיך איינגעגראָבן אין מיין געמיט: „דער כּלל, אַז צוויי מאָל צוויי מוזן זיין אומבאַדינגט פיר, איז אַ באַליידיקונג. אַ באַליידיקונג פאַרן לעבן. אַן אַריינפיר צום טויט״. קיין זאַך דאַרף פאַר אונדז נישט זיין אַנטשידן. אויך אַ גזר־דין קען צעריסן ווערן. אויך אין שפּאַן צום באַרג מוריה מוז זיין אַן אָפּהאַלט. איך ווייס צומאָל נישט ווען און אין וועלכן טאָל פון שוידער מיין טאַטע־מאַמע, מיין ברודער און שוועס־טער, מיין פרוי, האָבן אויסגעהויכט זייער לעצטן אָטעם. איך ווייס צומאָל נישט ווען אַנצוצינדן יאָרצייט־ליכט...

רבי חסדאי קרשקש האָט זיך איינגעהאָרכט מיט אָנגעשטרענגטער געצוימט־קייט. מיר האָבן ביידע זיך געפילט פאַרמאַטערט. ענדלעך האָט ער איבערגעהאַקט דאָס שווייגן: דו האָסט דאָך פריִער דערמאָנט די שיטה פון יהודה הלוי. מיר זענען אַן אומה מיט אַן אוראַלטער טראַדיציע. איבער אונדז לאָזט זיך זאָגן, אַז נישט בלויז וואָס די טראַדיציע לעבט אין אונדז, נאָר מיר לעבן אין דער טראַדיציע. אויך ייִדיש מאַרטירערטום איז טראַדיציע. אויף די ברעגן פון טייך כבר אין בבל, מיט לאַנגע תּקופות צוריק, אונטער „אַ פונאַנדערגעעפנטן הימל״, האָט דער נביא יחזקאל, אַליין אַ פּליט פון אונדזער ערשטער גרויסער נאַציאָנאַ־לער קאַטאַסטראָפע, איינגעקנעלט מיט אונדז: „בדמיך חיי״, אין דיין בלוט וועסטו לעבן... בלוט און לעבן, וואָסער אויסטערלישער צונויפפאַר. וואָסער שטוינענדי־

קער צונויפבונד. נאָר יחזקאל, וואָס אין זיינע זעונגען האָט זיך באַוועגט דער „הימלישער רייטוואָגן", האָט געקענט קומען צו אַזאַ צונויפפּאָר. און נאָר ער האָט אויך געקענט, ווי ער דערציילט אונדז אין דריטן פּרק פון זיין ספר, נעמען אין זיין מויל „די מגילה פון יאָמער, געוויין און קלאָג", און אָנפולן מיט דער דאָזיקער מגילה זיין אינגעווייד.

מיר האָבן ביידע געבלאַנדזשעט מיט אונדזערע אויגן איבער די פּסוקים פון ספר יחזקאל.

ג.

דער געשפּרעך האָט זיך פאַרצויגן. איך האָב אים געזאָגט, אַז נישט געקוקט אויף די הונדערטער יאָרן, וואָס זענען אַריבערגעלאָפן זינט ער האָט אָנגעשריבן זיין ספר „דאָס ליכט פון גאָט", זענען דאָך די באַגריפן, וואָס ווערן דאָרט אַנט־וויקלט, אומגעוויינלעך אַקטועל.

— יאָ — האָט ער באַמערקט — איך האָב פאַרענדיקט מיין חיבור אין חודש אייר פון יאָר ק"ע...

— דאָס הייסט, מיט קאַרגע זעקס הונדערט יאָר צוריק — האָב איך פאַרגע־זעצט. — אַלע האָבן דעמאָלט געגלויבט, אַז די וועלט איז אָפּגעגרענעצט און באַגרענעצט, אַז דער אוניווערס איז אָפּגעשלאָסן. אַלע, די וויסנשאַפטלער, די פילאָסאָפן, די פאָרשער פון דער פיזיק. איר, רבי חסדאי, זענט געווען דער ערשטער, וואָס איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער דאָזיקער שיטה, וואָס אַריסטאָטל איז געווען איר פאָטער און באַגרינדער. איר האָט געגעבן אַ געוואַלטיקן שטויס דער פיזיק און דער פילאָסאָפיע. דער מענטשלעכער געדאַנק האָט דורך דער רעוואָלוציע, וואָס איר האָט אַרויסגערופן אין דער וויסנשאַפט, אָנגענומען אַ נייע, געוואָגטע ריכטונג. דזשאָרדאַנאָ ברונאָ, פּיקאָ דע לאַ מיראַנדאָלאַ, שפּינאָזאַ, און מעגלעך אויך ניוטאָן, האָבן פון אייך אַ סך געלערנט. אַלבערט איינשטיין, דער פיזיקער, וואָס האָט אַנטדעקט די ענערגיע פון אַטאָם, וואָלט נישט געקענט אויס־בויען זיינע טעאָריעס, ווען איר וואָלט נישט געעפנט נייע האָריזאָנטן מיט אייער לערע וועגן דער אומענדלעכקייט פון אוניווערס.

— גוט, וואָס דו רירסט אָן דעם דאָזיקן פּונקט — האָט ווידער אויפגעהויבן צו מיר זיין בליק חסדאי קרשקש. — אָבער לאָמיר נישט אָפּרוקן זיך פון דער טעמע, וואָס מיר האָבן פריִער באַהאַנדלט. אין מיין צייט, און אויך אין דיין צייט, מיין איך, האָבן נישט געפעלט, און פעלן נישט קיין מענטשן, וואָס רעדן זיך איין, אַז אין וועלט און לעבן קען אַלץ פאַרבלייבן אָפן און קלאָר. נישט גע־קוקט אויף מיין אויפריכטיקער פאַרערונג פאַר דער גרויסער חריפות און אומ־געוויינטלעכן תּלמודישן וויסן פון רבי משה בן מימון, האָב איך דאָך אויסגע־מאָסטן אַ שאַרפע קריטיק קעגן אים. דער רמב"ם האָט געוואָלט אַלץ דערקלערן

מיטן ספּעקולאַטיוון דענקען. ער האָט געוואָלט מיטן שׂכל דערקלערן גאָט, מענטש, ייִד, ער האָט זיך געפֿונען אין גייסטיקער געפֿאַנגענשאַפֿט ביי אַריסטאָטל. איך האָב אָנגעוויזן, אַז מיר קענען נישט מאַכן קיין אַנאַליז פֿון אין־סוף און מיסטעריע. דאָס איז אַן אוממעגלעכקייט. דער גריכישער פֿילאָסאָף האָט פֿאַרטונקלט די אויגן פֿון רמב״ם און פֿאַרבלענדט נאָך אין אַ מער עקסטרעמער פֿאָרם זיין נאָכפֿאָלגער לוי בן גרשון...

איך האָב אַריינגעוואָרפֿן אַ באַמערקונג: אַ היינטצייטיקער שרייבער, אַרטור קעסטלער, האָט אָנגערופֿן איינעם פֿון זיינע לעצטע ביכער מיטן נאָמען: „נול און אין־סוף״. דאָס הייסט: דער מענטש איז נול, גאָרנישט מיט גאָרנישט, „עפֿר ואפֿר״, אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין חומש, און דערביי איז ער — אין־סוף...

— אָבער נאָך עפּעס מוז צוגעגעבן ווערן — האָט ווידער אָנגעהויבן רבי חסדאי — איך שטרייך דאָס אונטער אין די פּרקים פֿון מיין ספֿר...

די שטימע פֿון רבי חסדאי האָט מיט אַ מאָל געוווּנען אַ נייע מונטערקייט. און אויב פֿריִער האָב איך אָפּט מאָל געמוזט זיך צובייגן נאָענט צו אים בכדי צו דערהערן געוויסע זיינע רייד, האָבן איצט זיינע ווערטער אָפּגעקלונגען מיט אַ יוגנטלעכן עכאָ, וואָס האָט געשאַפֿן אַ קעגנזאַץ צו זיין פֿאַרעלטערט פּנים און גרויער באָרד: דער מענטש איז כּסדר אַ „ממציא ומחדש״, אַ דערפֿינדער און אַ באַניַיער. ווי אַ באַשטאַנדטייל פֿון אוניווערס, איז ער תּמיד פֿאַרטאָן אין מעשׂה בראשית, אין באַשאַף און ווידערבאַשאַף. „חידוש התמידי״, דאָס כּסדרדיקע באַניַיען זיך, „התפּשטות״, די אומבאַגרענעצטע אויסשפּרייטונג, די אומענדלעכע ווייטקייט, דאָס ענדלאָזע בענקען און שטרעבן, דאָס זענען די באַגריפֿן און טערמינען וואָס, ווי דו האָסט זיכער געקענט באַמערקן, איך באַנוץ זיך מיט זיי אין מיין ספֿר. אויך דערשיטערנדיקע פּערזענלעכע און נאַציאָנאַלע טראַגעדיעס, ווי ווייטיקלעך און פּיינפֿול זיי זאָלן נישט זיין און ווי אומגעהויער שווער דאָס זאָל נישט אָנקומען אַדורכצופֿירן, דאַרפֿן באַטראַכט ווערן פֿון דאָזיקן קוקווינקל. דו זוכסט לאָגיק, שׂכל, באַשייד אין דער מיסטעריע. גאָט, ייִד, עקידה, געפֿינען זיך אין אַן אַנדערער ספֿערע. זיי זענען, ווי דער אוניווערס, איינגעהילט אין געדיכטן נעפּל. אומענדלעך איז דער עלנט, אָבער אומענדלעך איז אויך די בענקשאַפֿט.

איך האָב געשפּירט אַז איך ווער פֿאַרקלאַמערט אין צוואַנג פֿון געפֿיל און וואָרט פֿון חסדאי קרשקש. אָבער איך האָב זיך געוועהרט. איך האָב נישט געוואָלט נאָכגעבן. איך האָב זיך אָפּגערופֿן: אַ פֿילאָסאָף, אויף וועמען איר האָט גאָר שטאַרק משפּיע געווען, ברוך שפּינאָזאַ, האָט פֿון דעסטוועגן געזאָגט: „נישט שרייען, נישט וויינען, נאָר פֿאַרשטיין״...

רבי חסדאי האָט נישט גלייך אָפּגעענטפֿערט. ער האָט באַטראַכט די פֿאַרשידענע ספֿרים, וואָס זענען געלעגן אָנגעוואָרפֿן אויפֿן טיש. ער האָט אויפֿגעעפֿנט אַ ספֿר, אים פֿאַרמאַכט. ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— די מיסטעריע אָפּערירט נישט מיט פֿאַרשטאַנד. זי אָפּערירט מיט דונערן און בליצן. איך האָב אויפֿן מזבח פֿון מײַן אומגעקומענעם זון אין באַרצעלאָנאָ דערפֿילט די דונערן און בליצן. מעגלעך, אַז זיי האָבן זיך אַראָפּגעקײַלערט פֿון סיני. מעגלעך, אַז זיי זענען געקומען פֿון מוריה.

איך האָב נישט אויפֿגעהערט זיך ראַנגלען מיט אים. איך בין נישט אָפּגעשטאַנען אין מײַן ווילן אים אָפּצוּווענדן. איך האָב כּמעט ווי אויסגעשריגן צו אים: איך קען פֿאַרט נישט רעכטפֿאַרטיקן דאָס, וואָס האָט פּאַסירט. איך באַגרײַף נישט דעם שווידערלעכן אומקום פֿון די מיליאָנען ייִדן אין די נאַצי־לאַגערן. איך בין פֿאַרבליבן פֿאַריתומט, פֿאַראַלמנט. גענוי אַזוי איז פֿאַרבליבן פֿאַריתומט אונדזער פֿאָלק. גענוי אַזוי איז אין תּוך פֿאַרבליבן די מענטשהייט. איך דריי זיך אַרום מיט אַ טיפֿן ריס אין האַרץ. מיך נעמט אַרום דער זעלבער צאַרן, וואָס האָט בשעתו באַוועלטיקט איובן, ווען זײַנע פֿרײַנד זענען געקומען אים טרייסטן אין זײַן אומגליק. מיך דריקט צונויף דער צאַרן, וואָס האָט באַהערשט דעם דענקער קירקעגאַרד, וועלכער האָט אַגב אין זײַן שאַפֿן זיך אומגעקערט צו דער טעמע פֿון דער עקידה, ווען ער האָט געהערט, ווי עמעצער האָט געטרייסט אַן אומגליקלעכע מאַמע, וואָס האָט פֿאַרלוירן איר זון, מיט ראיות פֿון איוב און אַברהם. נישטאָ קיין טרייסט — האָט קירקעגאַרד אויפֿגעשטורעמט — נישטאָ קיין אָרט און מעגלעכקייט פֿאַר טרייסט.

מיר האָבן איבערגעהאַקט. רבי חסדאי האָט זיך לאַנגזאַם אַרויסגעשלײַכט פֿון צימער. באַלד האָט ער פֿון דאָס נײַ זיך אומגעקערט. ער איז פֿאַרבליבן שטיין בײַ דער טיר, און פֿון דאָרט זיך אָפּגערופֿן צו מיר: אָבער רעכטפֿאַרטיקן באַדײַט נישט פֿאַרבלײַבן פֿאַרגליווערט אין שטומקייט. דער אוניווערס געפֿינט זיך אין פּראָצעס פֿון כּסדרדיקן ווערן. אויך מענטש און ייִד זענען נאָך ווײַט נישט פֿאַרענדיקט. יעדער דור האָט זײַן ווײַטיק, אָבער אויך זײַן האָפֿענונג. אין אונדז ווירקט דער „חידוש התמידי״. מיר באַנײַען זיך כּסדר. אונדזער שאַפֿן ווערט נישט איבערגעבראָכן דורך דער דערשיטערונג פֿון דער טראַגעדיע. גענוי אַזוי רײַסט זיך קיין מאָל נישט איבער אונדזער שטרעבן. די יצירה פֿון גאָט און מענטש שטעלט זיך גאָר קיין מאָל נישט אָפּ. אויך אין אונדזער אבלות שלאָגן מיט אומדערמידלעכער אַקטיוויקייט די אור־כּוחות פֿון לעבן. פֿון ייִדישן טרויער פֿון דורות הייבט זיך אויף דער פּאַטאָס פֿון באַנײַטן גלויבן און דער ווונדער פֿון נײַ־געבוירענער שעפֿערישקייט. טאַקע מיט דער כּוונה אויפֿצוּוועקן אין מײַן פֿאָלק דעם ווילנסדראַנג צו לעבן און שאַפֿן און צו פֿירן אים איבערן שטורעם און איבער די וואָלקנס פֿון דער מיסטעריע, האָב איך אָנגעשריבן מײַן ספֿר „דאָס ליכט פֿון גאָט״ אין יאָר ק״ע, ווען עס האָט זיך איבערן שפּאַנישן ייִדנטום צעלייגט דער אומעט פֿון בין־השמשות. און לאָמיך דיר זאָגן: באַוווּסטזיניק, אין גאַנצן באַ־

וווסטזיניק, האָסטו זיך פאַרטיפט אין זיינע פרקים זעקס הונדערט יאָר שפעטער, אין דער צייט, ווען דו ווערסט צונויפגעדריקט פונעם גרויל פון חורבן פון פוילישן ייִדנטום. דו פילסט, אַז מיינע באַגריפן און אידעען קענען דיך אַרויס־ציִען פון טאָל פון יאוש און פאַרביטערונג, אין וועלכן דו ביסט אַראָפּגעזונקען...

ווען דער שאָטן פון רבי חסדאי קרשקש איז פאַרשוווּנדן, איז זיין ספר "אור ה׳" פאַרבליבן פאַר מיר אָפן אין יענע שטעלן ווו עס רעדט זיך וועגן אוניווערס און גאָט, וועגן מענטש און ייִד, און ווו עס ווערט באַהאַנדלט דער פּראָצעס פון כסדרדיקן באַנייַען זיך, וואָס זיי מאַכן אַדורך. אין צימער האָט זיך געשפּירט אַ געדיכטע אָנגעשטרענגטקייט און איך בין געבליבן אַליין מיט מיינע וויטיקלעכע זכרונות פון מיינע טאַטע־מאַמע און די אַנדערע נאָענטע, וואָס זענען אומגעקומען ערגעץ־ווו אין אוישוויץ צי אין טרעבלינקע, אין מאַידאַנעק צי אין געטאָ פון וואַרשע, און וואָס איך ווייס אַפילו נישט, ווען אָנצוצינדן יאָרצייט־ליכט נאָך זייערע נשמות.

דער בײַטראָג פֿון שפּאַנישן און פּוילישן ייִדנטום צו ייִדישער קולטור

א.

די פּאַרגלײַכן שווימען אויף, דאַכט זיך, פֿון זיך אַליין: בײדע אַמאָל־בליִענדיקע און איצט־אונטערגעגאַנגענע ייִדישע קיבוצים קענען זיך אויפֿווײַזן מיט זייער אומגעוויינטלעך וואָגיקן צושטייער צו דער ייִדישער קולטור, סײַ דאָס שפּאַנישע ייִדנטום, סײַ דאָס פּוילישע ייִדנטום. בײדע אימפּאָנירן מיטן אימפּעט פֿון זייער אומגעשטילטן אומרו, מיט דער געוואָגטקייט פֿון זייער פּאַרמעסט, מיט דער טיפֿקייט פֿון געדאַנק, וואָס איז אין זיי רײַף געוואָרן. בײדע האָבן אין משך פֿון לאַנגע יאָרהונדערטער אויפֿגעברויזט ייִדיש געמיט, בײדע האָבן צײַטנווײַז אויפֿגעטרייסלט, צײַטנווײַז געצערטלט דאָס ייִדישע געפֿיל און בײדע האָבן זיי אַרײַנגעהויכט אין ייִדישן לעבן פֿרישן און שטאַרקן אָטעם. בײדע האָבן לײדנשאַפֿטלעך געזוכט באַשייד צו פּראָבלעמען, וועלכע האָבן זינט קדמונים געעקבערט מענטש און ייִד; אין בײדן איז אויסגעוואַקסן דער מוראדיקער „פֿאַרוואָס" אין דער שעה פֿון טראַגעדיע, און בײדע האָבן מיט עקשנות אָפּגעוואָרפֿן די מעגלעכקייט, אַז אין גאַנג פֿון דער געשיכטע דאָמינירן אפֿשר דער וואַנזין און תוהו־ובוהו. בײדע האָבן, אויך אין תּקופֿות פֿון צעגליטער אמונה, געפֿירט אַ גיגאַנטישן געראַנגל מיט גאָט, גורל און געוויסן, און בײדע זענען געווען איבערצייגט מיט מערקווירדיקער זיכערקייט, אַז אויף זיי איז אַרויפֿגעוואָרפֿן געוואָרן די פּאָרכטיקע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט אָפּצוהיטן מיט אַ וואַך אויג די פֿאַרלוירענע און בלאָנדזשענדיקע; אָריענטירן און אָנווײַזן וועג און אויסוועג פֿאַרן פֿאָלק אין אַלע מקומות פֿון זײַן צעשפּרייטקייט. דאָס שפּאַנישע ייִדנטום האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ פּסוק פֿונעם אײנציקן קאַפּיטל, וואָס איז אונדז פֿאַרבליבן פֿון נביא עובדיה, ווו עס ווערט דערמאָנט דאָס לאַנד „ספרד"; און הגם מען איז ווײַט נישט זיכער געווען, אויב דער דאָזיקער טערמין האָט זיך באמת באַצויגן צו שפּאַניע, האָט ער באַדאַרפֿט עדות־זאָגן אויפֿן אַלטערטימלעכן יחוס פֿונעם ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ און אויפֿן מאַנטל פֿון חשיבֿות און אחריות, וואָס הענגט אויף זײַנע אַקסלען („וגלות ירושלים אשר בספרד", עובדיה א', כ'). דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט

געפונען אין אַ פּאַרצייטישער לעגענדע דעם צייכן, אַז ממש פון הימל איז פּוילן באַשטימט געוואָרן צו זיין די היים און דער צענטער פאַר ייִדן און ייִדישקייט. אַ סודותדיק קוויטל, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון דער הויך צו וואָגלענדיקע פּליטים, האָט פאַר זיי אַנטפּלעקט דעם טייטש פון „פּוילן", לאמור, אַזוי צו זאָגן: פּה לין — דאָ נעכטיק איבער די נאַכט פון גלות!

ווי דער „לערער פון די בלאָנדזשענדיקע" האָט זיך איינגעגראָבן אין אונדזער גייסטיקער קולטור דער דענקער פון קאָרדאָווע, דער רמב"ם. אָבער וואָס אַן אמת, איז ער ווייט נישט דער איינציקער צווישן די לערער פון שפּאַנישן ייִדנטום, וועלכער פיגורירט ווי דער „מורה נבוכים". אויך אַ ריי אַנדערע, וועלכע האָבן געלעבט פאַר אים אָדער נאָך אים און געאַקערט אין די פאַרשידנסטע פעלדער פון שאַפן, האָבן זיך געפּלייסט צו העלפן מענטש און ייִד צו געפינען דעם וועג צו גאָט און צו זיך אַליין. גענוי אַזוי איז נחמן קראָכמאַל ווייט נישט קיין אויסנאַם אין דער געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום. זיין אַנשטרענגונג אויף אָנצוצייכענען ריכטונג און אויסגאַנג פאַר די, וועלכע קענען זיך נישט פונאַנדערוויקלען אין געדיכטן פּלאָנטער פון קשיות און פּראָבלעמען, שטעקט אין די סאַמע וואָרצלען פון דער ייִדיש־פּוילישער געזעלשאַפט. בעת ער האָט אויף די פעלדער פון זשול־קיעוו אַנגעוואָרפן פאַר זיינע תּלמידים די פּאָעטיש־אידעאַליסטישע שיטה, וואָס איז שפּעטער בפּרטותדיק דערקלערט געוואָרן אין זיין ספר „מורה נבוכי הזמן", איז ער פּאַקטיש פאַרבליבן געטריי אַ דורותדיקער טראַדיציע פון פּוילישן ייִדנטום. זי איז געווען גילטיק סיי פאַר די, וועלכע האָבן דאָרט אויסגעבויט דעם טורעם פון דער הלכה, סיי פאַר די, וועלכע האָבן זיך צעצווייגט אין דער האַרציקער תּורה פון חסידות און סיי פאַר די, וועלכע האָבן אויפגעפּראַלט טיר און טויער פאַר דער השׂכּלה. אַפילו אין דער שעה פון בין־השמשות, וואָס האָט אָנגערוקט פאַר ביידע ישובים, איז מען נאָך אַלץ דאָרט געווען זיכער, אַז אינהאַלט און אַנהאַלט זענען מסוגל זיך אָפּצוראַטעווען פון די ווילדע חורבן־פלאַמען. דאָן יצחק אַבּרבּנאַל, דער לעצטער פון די פּליטים פון דער אינקוויזיציע אין שפּאַניע, האָט אין זיין פּירוש צום תּנ"ך, וואָס ער האָט געשריבן אין יענע יאָרן פון אַנגסט און גרויל, אויפגעהויבן הויך די לאַמטערן פון פינקלדיקע גאולה־אַנזאָגן. און דער ווילנער פּאָעט הירש גליק האָט אויף די חרובע היימען פון ייִדישן פאָלק אין פּוילן אויס־געשריגן מיט ריירנדיקער זיכערקייט: „עס וועט אַ פּויק טאָן אונדזער טראָט, מיר זיינען דאָ!"

מען איז אין שפּאַניע, און פּונקט אַזוי אין פּוילן, געווען אין דער דעה, אַז די עלעמענטן פון העראָישקייט זענען אַ נויטיקער באַשטאַנדטייל אין מענטשלעכן לעבן; אַז נאָך אין אַ גרעסערער מאָס מוז דאָס העראָישע אויספּולן די עקזיסטענץ פון ייִדישן יחיד און ציבור. צו דער טעמע פון קידוש־השם האָבן זיך כּסדר אומ־געקערט די פּוסקים, די פילאָסאָפן און די דיכטער פון שפּאַנישן און פּוילישן

ייִדנטום. קידוש־השם האָט אויסגעזען צו זיין דער אַלף־בית, די טאָג־טעגלעכע רעאַליטעט און דער דערהויבענער פּאַטאָס. פּאַר חסדאי קרעסקאַס, דער רב פון סאַראַגאָסאַ, וואָס זיין זון איז דערהרגעט געוואָרן אין דער אַנטי־ייִדישער וואַקכאַ־נאַליע אין באַרצעלאָנאַ, איז שוין אין דער עקידה — וואָס וועגן איר דערציילט דער חומש בראשית אין סאַמע באַגינען פון דער ייִדישער געשיכטע — אָנגע־צייכנט געוואָרן פּאַר ייִדן דער וועג, אין וועלכן זיי וועלן דאַרפן גיין פּאַר דורות און דורות. לויט רבי מנחם זעמבאַ, דער רב פון וואַרשע, וואָס זיין פּרוי און טעכטער זענען אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן פון טרעבלינקע, איז קידוש־השם אויסגעהאַמערט געוואָרן אין דער אומדערשיטערלעכער הלכה. מיט זיין אייגנטימ־לעכער קלאָרקייט האָט דעפינירט דעם אַקט פון קידוש־השם דער רמב״ם אין בריוו פון טרייסט, וואָס ער האָט געשיקט צו די ייִדן אין תימן: „אויב אַ ייִד איז אומגעבראַכט געוואָרן בלויז דערפאַר, וואָס ער איז אַ ייִד, און ווען ער זאָל נישט האָבן געווען קיין ייִד, וואָלט ער געבליבן לעבן, מיינט עס, אַז ער איז אומגעקומען על קידוש־השם״. עס לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען, אַז אויך איןביידע קיבוצים האָט מען געוווסט ווי אַזוי צו ברומען דעם ניגון פון בטחון אין צייטן פון עלנט און אונטערדריקונג און ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען אַש פון חורבות אין דערמוטיקנדיקע מאָנומענטן פון גייסטיקער גבורה.

אָן ביידן איז בעצם מער נישט מעגלעך זיך פאָרצושטעלן ייִדישע קולטור. זי וואָלט ווייט נישט געווען דאָס, וואָס זי איז, ווען זי וואָלט נישט געבויט גע־וואָרן מיט די ציגל, וועלכע עס האָבן אין איר אַריינגעשטעלט די ייִדן אין שפּאַניע און אין פּוילן. דער פאַקט, וואָס ביידע קיבוצים האָבן נישט געווירקט אין דער זעלבער צייט, גיט זיי צו נאָך מער קלאָר און שטרייכט אונטער זייער וועזנט־לעכן כאַראַקטער. די לעצטע טויזנט יאָר אין ייִדישן לעבן שטייען אונטערן צייכן פון שאַפן פון אָט די צוויי קיבוצים. דאָס מיינט נישט, נאַטירלעך, אַז מיר זאָלן נישט אָפּשאַצן די פאַרדינסטן פון אַנדערע גרעסערע אָדער קלענערע ייִדישע ישובים פאַר אויפהאַלטן ייִדישן קיום און באַרייכערן ייִדישע קולטור אין משך פון די לעצטע טויזנט יאָר. אָבער ביי דער גאַנצער חשיבות, וואָס מיר קענען און דאַרפן צוטיילן די פאַרשידענע ייִדיש־גייסטיקע צענטערס, אין די מקומות, וווּ ייִדן האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אין לעצטן יאָרטויזנט, פאַרבלייבט דאָך אַ פאַקט, אַז דעם אויפבוי אין ייִדישן לעבן און שאַפן האָבן פאַרנומען שפּאַניע און פּוילן. נאָך מער: מען באַקומט דעם איינדרוק, אַז אין דער מיסטעריע, אין וועלכער עס איז איינגעהילט ייִדישע געשיכטע, האָט די שעה פון גורל צונויפ־געבונדן אָט די צוויי געאָגראַפיש־ווייטע קיבוצים. גראָד דעמאָלט, ווען ייִדיש לעבן איז ברוטאַל איבערגעריסן געוואָרן אויפן פירענעיִשן האַלבאינדזל, האָט אָנגע־הויבן שפּרודלען מיט יוגנטלעכער ענערגיע דאָס ייִדנטום אין מזרח פון אייראָפּע. דאָס איז געשען אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון זעכצנטן יאָרהונדערט. ייִדן

זענען געהאַט געקומען קיין פּוילן נאָך מיט הונדערטער יאָרן פֿריִער. אָבער ווי לאַנג דער גייסטיקער צענטער אין שפּאַניע האָט זיך געפֿונען אין זיין שעפֿערישער אַקטיוויטעט, האָט געפֿעלט דער אימפּולס, וואָס זאָל באַוועגן דאָס פּוילישע ייִדנטום זיך אַריינצוררייסן אין דער ייִדישער וועלט מיט דער באַצווינגנדיקער דינאַמיש־קייט, וואָס איז פֿאַרבליבן כאַראַקטעריסטיש פֿאַרן דאָזיקן קיבוץ ביז צו די אומ־היימלעכע טעג פֿון אוישוויץ און מיידאַנעק.

ביידע זיינען, נאַטירלעך, געווען ענג געקניפּט און געבונדן מיט זייער תּקופֿה, מיט די פֿאַרהעלטענישן פֿון דער צייט, וואָס אין איר ראַם האָבן זיי געווירקט, און זיי זענען פֿאַרבליבן אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער סביבה. נישט געקוקט אויף די טורעמס, וואָס ביידע האָבן אויסגעבויט אין דער לופֿט און אויף דער באַזונדערער קונסט, וואָס זיי האָבן אַנטוויקלט צו לעבן און אָטעמען בלויז מיטן שטיק הימל איבערן קאָפּ, זענען זיי דאָך ביידע, גענוי ווי די לייטער פֿון יעקבס חלום. געווען פֿאַראַנקערט אין דער ערד. דאָס שפּאַנישע ייִדנטום האָט זיך געפֿילט צונויפֿגעוואַקסן מיט דער מוסולמענישער געזעלשאַפֿט אין יענע פּראָ־ווינצן, וועלכע זענען אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער מאַכט פֿון איסלאַם, און צוזאַ־מענגעאַרבעט מיט די קריסטלעכע קרייזן אין די שטעט און שטעטלעך, וווּ דאָס קריסטנטום האָט געוווּנען די אויבערהאַנט. דאָס פּוילישע ייִדנטום איז געווען איינגעגלידערט אין די עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּראָצעסן, וואָס דאָס פּוילישע פֿאָלק האָט אַדורכגעמאַכט, און באַווירקט ווי געוואָרן באַאיינפֿלוסט פֿון די פּאָלי־טישע און סאָציאַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן אויפֿגערודערט די שיכטן פֿון דער פּוילישער געזעלשאַפֿט. ס'איז נישט מעגלעך אַריינצודרינגען אין באַטייט פֿון די פּערזן פֿון שמואל הנגיד אָדער אָפּצושאַצן דעם ווערט פֿון די ליטעראַרישע טעאָריעס פֿון משה אבן עזרא, אויב מען האָט נישט פֿאַרן אויג די פּאָליטישע און קולטורעלע פּאַנאָראַמע פֿון שפּאַניע אין יענע ווייטע יאָרהונדערטער. גענוי אַזוי פֿאַרבלייבן אומפֿאַרשטענדלעך די הלכה־אויפֿטוען פֿון רבי משה איסרליש אָדער די תּורה־אויפֿבליצן פֿון רבי בונם פֿון פּשיסכע, צי גאָר די דראַמאַטישע סאַטירע „ביינאַכט אויפֿן אַלטן מאַרק" פֿון י. ל. פּרץ, ווען מען באַטראַכט זיי נישט אויפֿן פֿאָן פֿון די דערשיטערונגען פֿון פֿאַרשידענעם כאַראַקטער, וואָס פּוילן האָט אַדורכגעמאַכט. אָבער פּאַרט איז דאָס שאַפֿן פֿון ביידע קיבוצים געווען דורכויס ייִדיש, איןביידן האָט פּולסירט ייִדישער רגש, און ביידע האָבן געגראָבן טיף אין דער ייִדישער מחשבה.

רבי שלמה לוריא פֿון לובלין האָט שטודירט דעם טעקסט פֿון תּלמוד מיט דער זעלבער זאָרגפֿעלטיקייט, וואָס מיט איר האָט זיך אויסגעצייכנט אייניקע הונ־דערט יאָר פֿאַר אים רבי שלמה בן אברהם אדרת פֿון באַרצעלאָנאַ. רבי ישׂראל מאיר הכהן אין ראַדין, בעסער באַקאַנט ווי דער „חפֿץ חיים", האָט גערופֿן דעם ייִדישן מענטש זיך צו לייטערן אין קוואַל פֿון אידעאַלע ייִדישע מידות, אַזוי ווי

דאָס האָט געטאָן דורות פריִער אין זיין ספר „חובות הלבבות" רבנו בחיי הספרדי.

דער געראַנגל צווישן הימל און ערד, וועלכן עס האָט געפירט מיט רירנדיקן מוט רבי מענדל פון קאָצק, איז בעצם דער געוואַגטער פּאַרמעסט צו פאַרוואַנדלען די מאַטעריע אין גייסט און מיט כּוח אויפהייבן דעם מענטש צו גאָט, וואָס איז דאָך דער לייט־מאָטיוו פון זוהר און פון דער קבלה ריכטונג, וואָס די קבלה האָט אָנגענומען אין גוואַדאַלאַכאַראַ אין דער צייט פון רבי משה דע לעאָן. די פאַנטאַזיע, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן דעם העברעיִשן פּאָעט פון זגערזש יעקב כּהן צו דער וועלט פון די יידישע מלכים פון אַמאָל, האָט פאַרמאָגט די זעלבע פליגל אויף וועלכע עס האָט זיך אַוועקגעלאָזט פון טאָלעדאָ קיין ירושלים יהודה הלוי, ווען ער האָט אויסגעזונגען אין ווייפולער בענקעניש, אַז זיין האַרץ איז אין מזרח אַפילו ווען ער אַליין איז אין מערב.

העכער פינף הונדערט יאָר האָט זיך געצויגן די יידישע שעפערישקייט אין שפּאַניע. און קאַרגע פינף הונדערט יאָר איז פּוילן געווען דער פירנדיקער צענטער פון יידישער גייסטיקייט. מיר פאַרמאָגן, בכן, די צייט־פּערספּעקטיוו אָפּצושאַצן דעם בייטראַג פון דער גאָלדענער תּקופה פון שפּאַנישן יידנטום, און אונדז פעלט די דיסטאַנץ בכדי צו באַטראַכטן אין זיין פולן פאַרנעם דעם צושטייער פון פּוילישן יידנטום צו יידישער געשיכטע און יידישער קולטור. אָבער שוין אין אַ כּלאחר־ידיקן פּרוּוו אָנצורירן אָט די טעמע דערגייען צו אונדז טענער און קלאַנגען פון ווונדערלעכער האַרמאָניע, אָבער אויך פון אַנטשיידענעם און שאַרפן קעגנזאַץ.

ב.

מיט דער גאַנצער זיכערקייט לאָזט זיך אונטערשטרייכן, אַז איןביידע קיבוצים האָט געלעבט די ערנסטע זאָרג פאַר באַרייכערן דאָס יידישע גייסטיקע לעבן. אַ פּסוק פון חומש „כּי לא על הלחם לבדו יחיה האדם" (דברים ח', ג'), „נישט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש", קאָן דינען ווי אַ פּאַסיקע אויפשריפט פאַר ביידע פאַרשניטענע קיבוצים. דאָ און דאָרט האָבן יידן געמוזט פירן אַ ביז גאָר שווערן און אויסמאַטערנדיקן געראַנגל פאַר פיזישן און מאַטעריעלן קיום. עס איז ווייט נישט לייכט געווען צו זיין אַ ייד אין מיטלאַלטערלעכן שפּאַניע. די תּקופות פון טאָלעראַנץ האָבן אָפּט געליטן פון אַ האַסטיקן און אומברחמנותדיקן איבערנייס. שוין אין עלפטן יאָרהונדערט איז דער וויזיר יהוסף, דער זון פון שמואל הנגיד, אומגעקומען אין די אַנטי־יידישע עקסצעסן אין גראַנאַדאַ, צוזאַמען מיט דער מערהייט פון דער דאָרטיקער קהילה; בלוטיקע אומרוען, וועלכע זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די מוסולמענער. דער רמב"ם איז געווען געצוווּנגען, מיט קאַרגע הונדערט יאָר שפּעטער, צו פאַרלאָזן קאָרדאָוואָ אין פּחד פאַר די

אָנפאַלן פון די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן־שבטים. אַ סך פּאָעמעס, וועלכע זענען געשריבן געוואָרן אין סאַמע אויפבלי פון דער גאָלדענער תּקופה, מאַכן גיכער דעם איינדרוק פון ביטערע קינות. שלמה אבן גבירול האָט באַוויינט דעם גורל פון זיין פאָלק, „וואָס איז פאַרקויפט געוואָרן צו פרעמדע, און קיינער וויל זיי אַפילו נישט קויפן". יהודה הלוי, וועלכער האָט נישט אַרויסגעלאָזט דעם וואַנדערשטעקן פון האַנט אין זיין פּרוּוו צו געפינען שוץ אָט ביי די מוסולמענישע מושלים און אָט אונטער די קריסטלעכע מאַכטהאָבער, האָט באַמערקט, אַז אויב עס האַנדלט זיך וועגן זייער באַציִונג צו ייִדן, איז פאַראַן אַ גאַנץ קנאַפּער אונטערשייד צווישן די „ישמעאלים" (מוסולמענער) און די „אדומים" (קריסטן). די אינקוויזיציע, און דערנאָך דער גירוש האָבן מיט גרויליקער אכזריות אָפּגעשלאָסן דאָס בלאַט געשיכטע, וואָס איז אָבער אויך פריִער אַדורכגעזאַפּט געווען מיטן צער פון וויטיקלעכע אַנטוישונגען. נישט קיין מער דערפרייענדיק בילד מאָלט זיך אויס פון דעם ייִדישן מצב אין פּוילן. נישט געקוקט אויף די ייִדן־פריינדלעכע דעקרעטן פון די און יענע פירשטן און קעניגן, איז די געשיכטע פון פּוילישן ייִדנטום אין אַלע יאָרהונדערטער גלייכצייטיק אַ כראָניק פון רדיפות, פּאָגראָמען, גירושים. אַפילו ווען מען האָט נישט געהעצט בפירוש צו מאָרד, האָט מען אָפּלאָדירט עקאָנאָמישן באָיקאָט. און דאָך, ביי דעם גאַנצן שווערן, אָפּט מאָל איבערמענטשלעכן קאַמף, וואָס ביידע קיבוצים האָבן געמוזט פירן פאַר זייער קיום, זענען זיי כּסדר געווען פאַרהאָוועט אין אימפּעטפולע זוכענישן אין דער וועלט פון גייסט. פאַר ביידע איז כאַראַקטעריסטיש דער פערז פון דיכטער פון מאַלאַגאַ, שלמה אבן גבירול: „מיין גוף שפּאַצירט אויף דער ערד, איבער די וואָלקנס שוועבט מיין גייסט". וואָס מער מען פאַרטיפט זיך אין בלאַט פון שאַפן פון ביידע קיבוצים, אַלץ שטאַרקער געווינט מען די איבערצייגונג, אַז איינע פון די עיקר דאגות, וואָס האָט זיי באַאומרויִקט, איז געווען: ווי אַזוי קענען ייִדנטום און ייִדישקייט כּסדר פאַרהאַלטן אין זיך די אורשפּרינגלעכע פרישקייט און ווי אַזוי קען פאַרבלייבן תּמיד פּרוכטיק דאָס פעלד פון ייִדישן שאַפן?

ווען מען לייענט היינט די רעליגיעזע פּאָעמע „כּתר מלכות", וואָס איז די קרוין אין דער ליטעראַרישער ירושה, וואָס איז פאַרבליבן נאָכן אויבן דערמאָנטן שלמה אבן גבירול, לייגט מען אפשר נישט קיין אַכט אויף די פאַרעלטערטע קאָסמאָלאָגישע טעאָריעס, וועלכע זענען דאָרט אָנגעוואָרפן. מען ווערט גיכער געפאַנגען פון מעכטיקן געזאַנג, וואָס הייבט זיך אויף צום באַשעפער. אָבער אין דער צייט, ווען די פּאָעמע איז געשריבן געוואָרן, האָבן די וויסנשאַפטלעכע הנחות, וואָס זענען אין איר פאַרצייכנט, זיך אויסגעוויזן צו זיין דאָס לעצטע וואָרט פון מענטשלעכן אינטעלעקט. דורך דעם שאַפן פון שלמה אבן גבירול האָט דער ייִדישער לייענער באַדאַרפט פילן, אַז אין דער געטלעכער אַנטפּלעקונג, אַזוי ווי זי איז אינטערפּרעטירט געוואָרן אין ייִדנטום איז פאַראַן — לויטן אויסדרוק פון

דיכטער — „די נשמה פון די נשמות, דער אָנהויב פון יעדער צאָל, דער פונדאַ־מענט פון יעדן בנין״. היינריך היינע האָט געזאָגט וועגן שלמה אבן גבירול, אַז זיין רויז איז געווען גאָט. אָבער דער אמת איז, אַז אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רעליגיעזע דיכטער פון מיטלאַלטער אין אייראָפּע, איז די געטלעכקייט ביים פּאָעט פון מאַלאַגאַ ווייט נישט אַבסטראַקט. זי איז צונויפגעוואַקסן מיט דער כנסת ישׂראל, מיט איר גלויבן און התלהבות, מיט אירע חלומות און האָפענונגען.

אין גאַנצן אָפן באַווייזט זיך די כוונה פון רמב״ם אין זיין „וועגווייזער פון די בלאָנדזשענדיקע״. דער גרויסער לערער פון שפּאַנישן יידנטום האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין מליצות, און ער האָט בכלל נישט פאַרטראַגן פּאָעטישע פאָר־מען. זיין וואָרט איז געווען קאָנדענסירט און ווונדערלעך קלאָר; און „דער וועג־ווייזער״ איז פּאַקטיש געווען אַ בריוו, וואָס ער האָט געשיקט צו זיין תּלמיד יוסף איבן עקנין, און צו אַלע תּלמידים און צו אַלע יידן, וועלכע זענען געווען געניגט אָנצונעמען, אַז אין דער פילאָסאָפיע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין אַלטערטום אין גריכנלאַנד, איז כדאי זיך צו פאַרטיפן — אַפילו, ווען זי שטייט אין קאָנפליקט מיט דער לערע פון יידנטום, און אויך, ווען זי טראָגט די סכנה מיט אירע געדאַנקען און השׂגות חרוב צו מאַכן יידיש לעבן און יידישע טראַדיציע. דער „מורה נבוכים״ האָט נישט געפּרוווט און אויך נישט געוואָלט אָראָפּזעצן פון טראָן דעם דענקער פון אַמאָליקן גריכנלאַנד, אַריסטאָטעלעס. דאָס האָט נישט געקענט געטאָן ווערן אין אַ סביבה, ווו דער מענטשלעכער שׂכל איז געווען אַנטשיידנדיק. אָבער דאָרט איז געזאָגט געוואָרן מיט איבערציגנדיקע אַרגומענטן, אַז גאָרנישט איז בכוח צו דערשיטערן דעם בנין פון יידישקייט. אויב איר ווילט, קענט איר בכלל איינזען, אַז די קעגנזאַצן זענען ווייט נישט אַזוי מוראדיק. אויב איר ווילט, קענט איר מיט אינטעלעקט און פאַרשטאַנד שפּאַצירן רויִק און זיכער איבער די וועגן און שטעגן פון יידנטום. אויב איר ווילט, קענט איר באַשיינפּערלעך איינזען, אַז אין דער יידישער לערע האָט אַלץ אַ פאַרוואָס, אַז אין איר דעצידירט די לאָגיק, און אַז אין דער יידישער אמונה זענען איינגעגראָבן די וואָרצלען פון דער פילאָסאָפיע, פון דער חקירה און פון וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז.

די ליטעראַטור־קריטיקער פון היינטיקן שפּאַניע זענען זיכער, אַז מיטן „ספר הכוזרי״ פון יהודה הלוי האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט די נאָוועלע אין שפּאַניע, און בכלל אין אייראָפּע. מיט אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז די מייסטער פון דער דערציילונג אין גאַר דער וועלט זענען שולדיק אַ גרויסן חוב דעם יידישן דענקער און פּאָעט פון טאָלעדאָ. און ווירקלעך, הגם דאָס ספר שטיצט זיך אויף געשיכטלעכע פּאַקטן, עפּנט זיך דאָך די טעמע אין דער פאָרם פון אַ דערציילונג. דער מלך פון די כוזרים — אַ פאָלק, וואָס האָט געלעבט אויף די ברעגן פון שוואַרצן ים אין אַכטן יאָרהונדערט — באַשליסט אָפּצוקערן זיך פון

געצנדינסט. ער װערט באַהערשט פֿון אַ געוואַלטיקן גאָט־דורשט, און ער פֿאַרבעט צו זיך אין פּאַלאַץ פֿאַרשטייער פֿון פֿאַרשידענע אמונות כדי צו דיסקוטירן מיט זיי איבער גאָט, אוניווערס און מענטש. עס נעמען אָן דיין פֿאַרבעטונג די רעפּרע־זענטאַנטן פֿון קריסטנטום, איסלאַם און ייִדנטום. עס קומט אויך צו גיין אַ פֿרײַ־דענקער. און עס הייבט זיך אָן אַ דיסקוסיע, װעלכע ציט זיך טעג און נעכט; װאָס האָט געהאַלטן אין שפּאַנונג דעם קעניג און אויך די, װאָס האָבן געלייענט דאָס ספר פֿון יהודה הלוי. פֿינף הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער דײַטשער דענ־קער הערדער זיך אויסגעדריקט, אַז דער דיאַלאָג, װאָס אַנטוויקלט זיך אין „ספר הכּוזרי״, פֿאַרמאָגט אין זיך די עלעמענטן פֿון מייסטערשאַפֿט, און הערט נישט אויף זיך אײַנצוקריצן אין געמיט און געוויסן פֿונעם לייענער.

וויכטיק איז צוצוגעבן, אַז „הכּוזרי״ איז דער נאָמען פֿון ספר אין דער העברעיִשער איבערזעצונג. יהודה הלוי האָט זיין װערק געשריבן אין אַראַביש, די שפּראַך, װאָס איז דעמאָלט געװען צוטריטלעך פֿאַר די אינטעלעקטועלע און אויך פֿאַר די ברייטע שיכטן. און אין אַראַבישן אָריגינאַל האָט שוין אין נאָמען זיך גערעדט װעגן דער „ריכטיקייט פֿון דער גרינגגעשעצטער אמונה״. אַזאַ איז געװען דער צוועק פֿון דער אַרבעט: ייִדנטום קען איבערהאַלטן אַלע נסיונות. אַפֿילו די, װאָס אָפּעררירן מיט אַרגומענטן פֿון געפֿיל, װעלן געפֿינען אינהאַלט און אָנשפּאַר אין ייִדישקייט. אין ייִדישקייט איז פֿאַראַן װאַרעמקייט, האַרץ. ייִדן זענען דאָס האַרץ פֿון דער װעלט.

מען האָט אין שפּאַניש־ייִדישן קיבוץ געטראָגן מיט רירנדיקער ערנסטקייט די זאָרג איבערן גורל פֿון פֿאָלק און זיין קולטור, און פֿון די צענטראַלע װערק, װאָס זענען דאָרט געשאַפֿן געװאָרן, האָבן אַרויסגערעדט די מאָטיוון, װעלכע האָבן אָט דעם ישוב פֿאַרװאַנדלט אין דער „קרוין פֿון דער ייִדישער צעשפּרייט־קייט״.

אפשר איז דאָס אויך דער טראָפּ, װאָס װאָלט געדאַרפֿט געלייגט װערן אויף דער מערקווירדיקער פּערזענלעכקייט פֿון רבי משה דע לעאָן און אויף די מקובּ־לים פֿון שפּאַנישן ייִדנטום, װאָס זיי האָבן מיר צו פֿאַרדאַנקען דעם ספר הזוהר, אַזוי װי ער איז דערגאַנגען צו אונדז. דאָס ייִדנטום, װאָס איז ביי יהודה הלוי דערשינען װי די פֿאַרקערפּערונג פֿון געפֿיל און װאָס האָט ביי דעם רמב״ם אָנגע־נומען דעם אויסדרוק פֿון פֿאַרשטאַנד, װערט אין זוהר אין גאַנצן אײַנגעהילט אין מיסטעריע. אויך װען די טענדענצן פֿון דער מיסטיק באַהערשן די מענטשן — און אין מיסטיק איז געװען פֿאַרוועבט דאָס גייסטיקע שאַפֿן פֿון שפּאַניע אין דער תּקופֿה פֿון משה דע לעאָן — האָט די תּורה פֿון ייִדישקייט װאָס צו זאָגן און זי קען אַרײַנפֿירן אין היכל פֿון סוֹד. דער זוהר איז געשריבן אַזוי װי ער װאָלט געװען אַ פּירוש צום חומש, אָבער דאָ װערט אונטערגעשטראָכן מיט דעם באַצווינגענדיקן אמת פֿון דער אינטויִציע, אַז שטעלן װאָס װייזן זיך אויס צו זיין

איינפאַך אין חומש, דאַרפן נישט אויסגעטייטשט ווערן בתכלית הפשטות. גאַרנישט איז פשוט. נישט די תורה, נישט דער באַשאַף, נישט דער מענטש, נישט דער ייִד. דער סוֹד פון דער געטלעכקייט דרינגט אַריין אין אַלץ און אין אַלעמען. מיר באַוועגן זיך אַלע אין דער ספערע פון אֵין־סוֹף. אין דער ענדלאָזער פאַרבאָרגנ־קייט באַוועגן זיך „קודשא בריך הוא, אורייתא, ישׂראל", גאָט, זיין וואָרט, זיין אומה.

אויב אין דער געשיכטע פון פוילישן ייִדנטום איז נאָך פאַר אונדז לעת־עתּה, צוליב מאַנגל אין פּערספּעקטיוו, נישט מעגלעך אָנצווייזן מיטן פינגער אויף די ווערק, וואָס דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער ייִדיש־פוילישער קולטור, איז דאָך ווייט נישט שווער צו באַמערקן, אַז אויך דאָרט, אין דער אויפמערקזאַמקייט, וואָס איז געשאָנקען געוואָרן פאַר די זאַכן פון גייסט, האָט דער אומרו איבער די גורל־פראַגן פון פאָלק און קולטור זיך איינגעגעסן אין מוח און האַרץ. דאָס פּוילישע ייִדנטום האָט זיך אַוועקגעלאָזט אויף די וועגן, אויף וועלכע ייִדן אין שפּאַניע האָבן פריִער געשפּאַנט.

איך ווייס, אַז די שיטה פון פּלפּול, וועלכע האָט זיך באַפעסטיקט צווישן פוילישן ייִדנטום אין בראשית פון זיין אויפבלי, די שיטה פון אַרויפשטעלן קשיא אויף קשיא און דאָס בכיוונדיקע פאַרפּלאָנטערן זיך אין די געדיכטענישן פון געדאַנק, לאָזט זיך נישט פאַרגלייכן מיט דער קלאָרקייט און פּרעציזקייט פון דער לערע פון רמב"ם. אָבער סיי דאָ און סיי דאָרט ווערט אַרויסגערוקט אין פאָדער־גרונט די פאַרערונג פאַרן מענטשלעכן פאַרשטאַנד. סיי דאָ און סיי דאָרט ווירקט די אָנרעגונג צו שטעלן פראַגעס. סיי דאָ און סיי דאָרט שרעקט מען זיך נישט אָפּ פאַר דער סאַמע אויסטערלישער הנחה. מיט אַ פאַרשידענעם סיסטעם, אָדער גענויער: אָן שום סיסטעם, און אין אַ גאַנץ אַנדערן לשון, דריקן אויס די גרויסע תּלמוד־לערער און הלכה־מייסטער פון פוילישן ייִדנטום, דער רמ"א, דער רש"ל, דער בעל לבושים די זעלבע טיפע באַוווּנדערונג פאַר די מעגלעכקייטן פון שׂכל, מיט וועלכן מיר זענען באַשאָנקען געוואָרן. מען קען, זאָגן זיי, מיט מוח אַלץ באַנעמען און אַלץ דערקלערן.

אויך צווישן די לערער פון חסידות איז געווען פּאָפּולער די פאָרם פון דער דערציילונג, דער זשאַנער, וועלכן עס האָט אָפּגעקליבן פאַר זיך האַנט ביי האַנט מיט דער פּאָעזיע יהודה הלוי. אין דער וועלט פון חסידות זענען רבי נחמן פון בראַצלאַוו צי רבי בונם פון פּשיסכע ווייט נישט די איינציקע, וועלכע האָבן געהאַלטן, אַז מיט אַ סיפּור המעשׂה איז לייכטער צו עפענען ביים מענטש פאַנטאַזיע און ווילן. שוין דער שעפער פון חסידות, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, איז מיט מעשׂהס אויף זיינע ליפּן אַרומגעפאָרן אין דער געגנט פון מעזשיבוזש און שאַראָ־גראַד. אָבער דאָ גייט נישט בלויז אין דער פאָרם. גענוי ווי דער לירישער פּאָעט פון טאָלעדאָ, האָבן בויער, לערער און נאָכפאָלגער געשעפּט אין חסידות פון די קוואַלן פון געפיל. נישט וויכטיק אויף וועלכן עמוד איר זאָלט נישט אויפמישן

דעם „קדושת לוי" פֿון רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, צי דעם „שׂפת אמת" פֿון רבי יהודה אריה לייב פֿון גער, אייך וועט זיך אויסווייזן, אַז איר רירט אָן די זעלבע סטרונעס פֿון צאַרטער ליבשאַפֿט צו דער כּנסת ישׂראל, וואָס באַוועגן זיך אין ספר הכּוזרי. און זיכער ציט זיך אַ בריק צווישן זוהר און דער תּורה פֿון חסידות. אין די קאַרפּאַטן־בערג איז די קבלה צוגעטראָגן געוואָרן דעם איינפֿאַכן ייִד. קאָמפּליצירטע באַגריפֿן זענען דערקלערט געוואָרן אויף אַ מער פֿאַרשטענד־לעכן אופֿן. די מיסטיק פֿון די ראַפֿינירטע גייסטער פֿון ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ איז געוואָרן צוגענגלעך פֿאַרן מזרח־אייראָפּעיִשן ייִדישן געמיט. אָבער די ניצוצות זענען געקומען פֿון זוהר. און דער גלויבן, אַז מיט האָרץ און געפֿיל שטייגט מען צו גאָט און מען דערנענטערט זיך אויך אַזוי אַרום צו מענטש און ייִד, די איבער־צייגונג, אַז סוד ציטערט אין ייִדישן ווי און פֿליסטערט אין ייִדישער פֿרייד, ווישן אָפּ ווייטקייטן פֿון צייט און אָרט און גיסן צונויף דאָס חסידות פֿון מזרח־אייראָפּע מיט דער תּורה פֿון דער קבלה פֿון ייִדישן צענטער אין שפּאַניע.

די אַנאַלאָגיע צווישן שפּאַנישן און פּוילישן ייִדנטום רעגט אונדז אָן צו באַטראַכטן פֿון דער זעלבער פּריזמע די השׂכּלה־באַוועגונג, ווי אויך די נייע העברעיִשע און ייִדישע ליטעראַטור. די מאָדערנע שטרעמונגען זענען, נאַטירלעך, געווען אַ פּראָדוקט פֿון דער געענדערטער תּקופֿה. אידעען וואָס האָבן באַקומען זייער אויסדרוק אין נײַנצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, רוקן אונדז אָפּ פֿון באַגריפֿן וועלכע זענען געווען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער תּקופֿה פֿון מיטל־אַלטער. אָבער צי איז באמת שווער צו געפֿינען די פּונקטן, אין וועלכע ביידע קיבוצים טרעפֿן זיך צונויף אין דער נייער צייט? צי איז באמת אַזוי שאַרף דער אונטערשייד? מיכה יוסף לעבענזאָן פֿון ווילנע איז נישט איינגעשטיגן אין אַ שיף, אַזוי ווי דאָס האָט געטאָן יהודה הלוי מיט דער דעה צו פֿאָרן קיין ארץ־ישׂראל. אָבער אין דער פּאָעמע, וואָס ער האָט געווידמעט דעם ציון־משורר פֿון שפּאַניע, שלאָגן די כוואַליעס פֿון ים, וואָס האָט געטראָגן דעם פֿאַרבענקטן דיכטער צום הייליקן לאַנד. מיכה יוסף לעבענזאָן באַגלייט דעם פּאָעט פֿון טאָלעדאָ אין זײַן געוואַגטער רייזע און טיילט מיט אים די איבערלעבונגען, וועלכע האָבן אין דער לעגענדע פֿון פֿאָלק זיך פֿאַרוואַנדלט אין סימבאָל פֿון דער אינטימער און האַר־ציקער נאָענטקייט, וואָס קניפּט צונויף דעם ייִדישן מענטש מיטן זאַמד און מיט די שטיינער פֿון דער הייליקער ערד. יצחק לייבוש פּרץ האָט מעגלעך געלייענט די רעליגיעזע פּאָעזיע פֿון יצחק איבן גיאת, און עס קען אויך זײַן, אַז זי איז קיין מאָל נישט געקומען אין זײַן האַנט. אָבער זײַן קורצע דערציילונג „דרײַ מתּנות" ברענגט אַרויס דעם מאָטיוו פֿון קידוש־השם מיטן זעלבן פּאַטאָס, וואָס דערשיטערט אונדז אַזוי שטאַרק אין די שאַפֿונגען פֿון ייִדיש־שפּאַנישן פּאָעט און אינטעלעקטואַל. זי צייכנט מיטן זעלבן ערפֿורכט די אומגעהויערע מיסטעריע פֿון דער ייִדישער נשמה און וואַרפֿט ליכט אויף דער נישטדאָיִקער שיינקייט פֿון דער

גרויסער ייִדישער מסירת־נפש, וואָס שיינט אַרויס ווי אַ קאָנטראַסט צו דער אַרומיקער וועלט פון געשפּענסטפּולע שאָטנס. אַפילו דער לומדישער ייִדיש, וואָס איז אַזוי שטאַרק אייגנטימלעך פאַר י. ל. פּרץ, איז גאָר נאָענט צום לשון־קודש פון תּלמיד־חכם פון לוסינאַ. געַנוי אַזוי האָט, ווי מיר ווייסן, געבליצט אין ייִדיש לשון דער שאַרפזין פון הירש־דוד נאָמבערג פון אַמשינאָוו. אָבער דער זעלבער איראָניש ביטערער „כאַ־כאַ־כאַ" און פילאָסאָפיש סאַרקאַסטישער „אוי־אוי־אוי", וואָס דערגייען צו אונדז פון שאַפן פון ייִדיש־פּוילישן עילוי פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, האָבן אָפּגעקלונגען אין די געסלעך פון טודעלאַ, ווו עס האָט גע־פינקלט דער פאַרבליפנדיקער טאַלאַנט פון אַברהם אבן־עזרא.ביידנס געלעכטער איז געווען צונויפגעמישט מיט טרערן. ביידע האָבן געאורטיילט מיט דער פּקחות פון גייסטרייכער קריטיק, און ביידע האָבן געוואָגלט איבער לענדער און שטעט מיט פאַרשטענדפולן הומאָר. און צווישן אַלע, וואָס האָבן געלעבט און געאָטעמט אין מיסטישן קרייז פון זוהר אין די יאָרהונדערטער, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון די מקובלים אין שפּאַניע, צי איז עס נישט הלל צייטלין, וועלכער ווייזט זיך אונדז אויס ווי נאָך איינער, וואָס איז אַרויסגעקומען פון גייסטיקן קלימאַט פון גוואַדאַ־לאַכאַראַ?

דער מקובל הלל צייטלין האָט געלערנט דעם זוהר אין וואַרשע אויף דער וואָך, און ווי ער האָט זיך פאַרטרויט אין זיין עסיי „בין שני עולמות", צווישן צוויי וועלטן, האָט ער אין אים געזוכט באַשייד פאַר זיינע חלומות. ער האָט אויף די קבלה־באַגריפן געבויט זיין השקפה איבער ייִדנטום, און די מאמרים פון זוהר אַריינגעפלאָכטן אין פּובליציסטישע אַרטיקלען. ווען מען האָט אים אין אַן ערב ראש־השנה געפירט קיין טרעבלינקע, איז ער נישט געגאַנגען אַליין. בעת מען לייענט די ווערטער וואָס ער האָט אָנגעשריבן פאַר דער געהיימער אויסגאַבע פון געטאָ איידער מען האָט אים דעפּאָרטירט, באַקומט מען דעם איינדרוק, אַז די גאַנצע חבריא פון מקובלים האָט געשפּרייזט מיט אים דעם לעצטן וועג, און צוזאַ־מען מיט זיי האָט זיך געקוילערט אויפן שאָסיי קיין טרעבלינקע דאָס שטיק זוהר, וואָס קלאָגט און פאַרקלאָגט צוליב דער „שכינתא דאיהי בגלותא" (די שכינה, וואָס איז אין גלות).

אין דעם פּרוּוו אַדורכצופירן אַ פאַרגלייך צווישן דעם גייסטיקן ביטראַג פון ביידע חרוב־געוואָרענע ייִדישע קיבוצים רופט אַרויס אונדזער אויפמערקזאַמקייט דער פאַקט, וואָס סיי דער קיבוץ אין שפּאַניע און סיי דער קיבוץ אין פּוילן האָבן צוגעשריבן וויכטיקייט נישט בלויז צו דעם תּוך פון זייער גייסטיקן שאַפן, נאָר אויך צו דער שפּראַך, וואָס אין איר האָבן זיי אויסגעדריקט זייערע געדאַנקען און געפילן. עס וואָלט פאַר די בויער פון דער ייִדישער קולטור אין שפּאַניע געווען זייער באַקוועם איבערצוגעבן זיך אין גאַנצן צו אַראַביש, די שפּראַך וואָס איז דעמאָלט געווען אָנגענומען ביז גאָר אין דער אינטעלעקטועלער וועלט און

וועלכע האָט ממש פֿאַראייניקט קאָנטינענטן מיט איר וואָרט. עס איז אמת, אַז אַ גאַנצע ריי וויכטיקע ווערק פֿון די סאַמע חשובסטע רעפּרעזענטאַנטן פֿון דער גאָלדענער עפּאָכע פֿון שפּאַנישן ייִדנטום, זענען טאַקע געשריבן געוואָרן אין אַראַביש. אָבער די זעלבע דענקער און אינטעלעקטואַלן האָבן אויך אין זייער גרויסער מערהייט געשאַפֿן אין העברעיִש. מען איז פֿון דער שפּראַך פֿון תּנ״ך און פֿון דער משנה נישט אַוועקגעגאַנגען. מ׳האָט זיך מיט איר געצערטלט. מ׳האָט געזאָרגט מיט אומגעווייִנלעכער געטרײַשאַפֿט פֿאַר איר ריינקייט. מען איז אַפֿילו מחמת דער דאָזיקער שפּראַך־ליבע אַריינגעפֿאַלן אין אַטאַקעס פֿון אייפֿערזוכט. מנחם בן־סרוק און דונש בן־לברט האָבן געפֿירט אַ ליידנשאַפֿטלעכע דעבאַטע איבער די כּללים פֿון דער העברעיִשער גראַמאַטיק; אַ דעבאַטע, וועלכע האָט געשאַפֿן צדדים פֿון אָנהענגער און קעגנער און וואָס האָט אַפֿילו אָנגענומען דעם כאַראַקטער פֿון אַ ביטערער מלחמה אין די ייִדיש־שפּאַנישע קהילות. ייִדישע מיניסטאָרן און מעצענאַטן זענען געווען מיטבאַטייליקט אין שטרייט. און אויך אין דער תּקופֿה, ווען מען האָט פֿון די הויכע פֿענצטער אָנגעוווּנקען, אַז עס וואָלט כּדאַי געווען אַריבערצוגיין אויפֿן שפּאַנישן לשון, וואָס האָט זיך געפֿונען אין דער פֿאַזע פֿון אַנטוויקלונג, זענען ייִדישע מענטשן פֿון גייסט פֿאַרבליבן געטריי צו דער היסטאָרישער שפּראַך פֿון פֿאָלק. און מ׳האָט נישט דווקא זיך באַנוצט מיט איר פֿאַר סליחות, פּיוטים אָדער טעמעס פֿון הייליקייט. מען האָט זי בפֿירוש אויך פֿאַרוואַנדלט אין אַ שפּראַך פֿאַר וואָכנדיקע און וועלטלעכע מאָטיוון. די שווערי־קייטן אויפֿן דאָזיקן פֿעלד זענען געווען אומגעהויערע. מען האָט באַדאַרפֿט אויס־האַמערן נײַע טערמינען, אויסטראַכטן פֿרישע פֿאָרמען און אַריינוועבן אַ גראַציעז־קייט, וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט די עסטעטישע פֿאַרלאַנגען פֿון יענער תּקופֿה. און דאָך האָט מען זיך איינגעקלאַמערט מיט לײַב און נשמה אין העברעיִש. „אונדזער שפּראַך איז אַ ווונדער־לשון!״ האָט אויסגערופֿן אין התפּעלות יהודה אַלחריזי. שלמה אבן גבירול האָט ממש באַשווירן דעם „שארית יעקב״, די איבער־בלײַבעניש פֿון פֿאָלק, נישט צו פֿאַרגעסן חלילה „די אויסדערווײלטע שפּראַך״. און דער ייִדישער וואָרט־טרעגער פֿאַרן מלך פֿון די כּוזרים האָט אַרגומענטירט, אַז נישט געקוקט אויפֿן רײַכן ווערטער־אוצר, וואָס אַראַביש פֿאַרמאָגט, איז פֿאַרט העברעיִש „די חשובֿסטע צווישן די לשונות״.

דאָס איז נישט געווען קיין ליידנשאַפֿט בלויז פֿון יחידים. גאַנץ באַדײַטנדיקע גרופּעס פֿון דער ייִדישער געזעלשאַפֿט זענען מיטגעצויגן געוואָרן מיטן שטראָם פֿון ליבשאַפֿט צו דער שפּראַך פֿון די נביאים. אמת: אין טאָג־טעגלעכן געברויך האָט מען זיך נישט באַנוצט מיט לשון־קודש. מען האָט גערעדט די שפּראַכן וועלכע זענען געווען אָנגענומען אין דער מדינה. אָבער דאָס האַרץ איז געווען מיט העברעיִש. און עס איז דאָס היסטאָרישע פֿאַרדינסט פֿון ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ, וואָס העברעיִש איז אין דער האַנט פֿון זײַנע מייסטער באַרײַכערט געוואָרן אין

אויסדרוק און פאָרם און אָוועקגעשטעלט געוואָרן אין צענטער פון מאָדערנעם ייִדישן שאַפן.

פאַר לשון האָבן געדאגהט נישט אין קיין קלענערער מאָס די ייִדן אין פּוילן. מען האָט דאָרט אפשר אין די ערשטע צייטן נישט געלייגט אַזוי פיל אַכט אויף דקדוק, און אויך אין דער ליטעראַטור פון חסידות האָט מען זיך נישט אָנגעשטרענגט צו שרייבן לויט די גראַמאַטישע כּללים. אָבער דערפאַר איז די שפּראַך פון תּנ״ך דאָרט נישט אַריינגעקלאַמערט געוואָרן אין ענגע געזעצן. זי איז באַהויכט געוואָרן מיטן אָטעם פון פאָלקסטימלעכקייט. און עס מערקן זיך דערפאַר אין די הונדערטער יאָרן פון דער ייִדיש־פּוילישער געשיכטע זייט ביי זייט מיט די גייסטיקע ראַנגלענישן אויך פאַרבאַהאַלטענע, און אָפט מאָל אַפילו אָפענע חילוקי־דעות בנוגע דעם אופן פון אויסדרוקן זיך אין העברעיִש. דאַרפן דאָמינירן די שפּראַכלעכע עלעמענטן פון תּנ״ך אָדער מעג דאָס לשון זיין עלאַסטיש, באַוועגן זיך פריי און אָפּשפּיגלען דאָס רעדן פון המון? נישט בלויז איבער די ווערטן פון ייִדישקייט און פּראָבלעמען פון דער ייִדישער מחשבה איז אָנגעגאַנגען דער שאַרפער וויכּוח צווישן מתנגדישע רבנים, חסידישע רביים און פאַרטיידיקער פון דער השׂכּלה. אין דער שפּראַכלעכער צורה גופא פון דער פּאָלעמיק זענען געקומען צום אויסדרוק די פאַרשידענע פילאָסאָפיעס פון די ריכטונגען, וואָס האָבן געקעמפט פאַר דעראָבערן דעם אויבנאָן אין ייִדישן לעבן. פאַר די משׂכּילישע אויפגעקלערטע שרייבער, וועלכע האָבן אויסגעמאָסטן זייער קריטיק קעגן דער אידעע און לעבנסשטייגער פון חסידות, איז די שפּראַכלעכע פאָרם געווען אַ באַשטאַנדטייל פון דער סאַטירע. יוסף פּערל און זיין ווערק „מגלה טמירין״, דער אויפדעקער פון די באַהעלטענישן, קענען דאָ דינען ווי אַ בולטער באַווייז. נאָכמאַכן דעם ספּעציפישן לשון־קודש פון די חסידישע רביים איז פאַר זיך אַליין געווען אַ וויכטיק געווער אין אַ קאָנפליקט פון אידעען.

מען איז אין פּוילישן ייִדנטום נישט איבערגעגאַנגען אין אַ פרעמדער שפּראַך, ווען מען האָט געוואָלט געווינען צוטריט צו די ברייטע מאַסן, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען קיין העברעיִש. ייִדיש איז אויסגעקנאָטן געוואָרן פון אַן אַ שיעור עלעמענטן, וועלכע זענען געקומען פון לשון־קודש, און איז אָנגעוואַרעמט געוואָרן מיט דער טראַדיציע פון דורות. זי איז געוואָרן אַ טייל פון ייִדישן לעבן, פון דער ייִדישער פּערזענלעכקייט און פון דער ייִדישער קולטור. נאָך מער: זי איז אַליין געוואָרן קולטור. אין לאַנגן אַנטוויקלונג־פּראָצעס, וואָס ייִדיש האָט אַדורכגעמאַכט, פון „צאינה וראינה״ ביז צו דער ראַפינירטער פּראָזע פון יוסף אָפּאַטאָשו צי פון י. י. זינגער, און נישט געקוקט אויף דער אַסימילאַציע־שטרעמונג, וואָס האָט גענומען אין געפאַנגענשאַפט די אָדער יענע גרופּעס פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, זאָגט די ליבשאַפט צו ייִדיש אין ייִדיש־פּוילישן קיבוץ עדות אויף דער חשיבות, וואָס מען האָט דאָרט געגעבן צו לשון. מען האָט זייער גוט געוווּסט,

ווי עס באַמערקט י. ל. פּרץ אין זיין באַלאַדע „מאַניש", אַז „אַנדערש וואָלט מיין ליד געקלונגען, ווען איך זאָל פאַר גויים גוייִש זינגען". אָבער אין דער אַנשטרענגונג אויפצוהיטן מיט זאָרגפעלטיקייט ייִדנטום און ייִדישקייט, האָט מען אין פּוילן, געגנוי ווי אַמאָל אין שפּאַניע, געוווּסט אַז שפּראַך איז לאו דווקא אַן אינסטרומענט, נאָר טאַקע בפירוש אינהאַלט. דער אמת איז, אַז אין ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ איז אויך געמאַכט געוואָרן דער פּרווו צו פאַרוואַנדלען שפּאַניש אין אַ חלק פון דער טראַדיציאָנעלער ייִדישער קולטור. מען האָט דאָס געטאָן מיט לאַדינאָ. מ׳האָט געשריבן שפּאַנישע ווערטער מיט העברעיִשע אותיות. מ׳האָט אַריינגעטראָגן אין דער שפּאַנישער גראַמאַטיק כּללים פון העברעיִש און באַרייכערט דעם פילאָלאָגישן אוצר מיט אויסדרוקן פון תּנ״ך און פון סידור. לאַדינאָ, הגם זי האָט נישט אַדורכגעמאַכט דעם וווּנדערלעכן אויפשטייג פון ייִדיש, באַווייזט דאָך, אַז אין ביידע קיבוצים איז דער באַגריף פון ייִדישער קולטור געווען פיל ברייטער און טיפער, ווי ער ווייזט זיך אונדז אויס צו זיין אין אונדזערע טעג.

ג.

פאַראַן אויך אונטערשיידן. און זיי וואַרפן זיך אין אויג אַפילו אין אַן אויבנאויפיקער באַטראַכטונג. מען האָט אין ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ נישט געלייגט קיין אַכט אויף פאַרשן געשיכטע. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך גענומען פון דער גרויסער זיכערקייט, אַז ייִדיש לעבן אין שפּאַניע וועט תּמיד זיין קעגנוואַרט און קיין מאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין פאַרגאַנגענהייט. מען איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין פיזישן און גייסטיקן קלימאַט פון אַנדאַלוזיע, און מען האָט זיך געשפּירט אַזוי טיף צונויפגעוואַקסן מיט דעם לאַנד און זיינע איינוווינער, אַז נישט געקוקט אויף די צו אָפּטע אויסברוכן פון שׂנאה, איז געווען אוממעגלעך צו גלויבן, אַז שפּאַניע זאָל זיך צונויפקייטלען אין נעכטן פון די ייִדישע וואַנדערונגען. אַפילו ווען די אומברחמנותדיקע ווירקלעכקייט האָט, דאַכט זיך, מער נישט געלאָזט קיין פּלאַץ פאַר אילוזיעס, און די אינקוויזיציע און דער גירוש האָבן אָנגערוקט, האָט מען מיט זיך מיטגענומען דעם שליסל פון דער וווינונג, וואָס מען האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך. מען האָט אויסגעשלאָסן די נישט־מעגלעכקייט פון אומקערן זיך בקרוב „אַהיים". ייִדיש לעבן אין שפּאַניע, האָט מען משמעות דאָרט געהאַלטן, וועט קיין מאָל זיך נישט פאַרוועבן אין פאַרשוווּנדענעם נעכטן. דאָס איז אַ כּסדרדיקער היינט...

אָבער וואָסערע ס׳זאָל נישט זיין די סיבה, עס פאַרבלייבט אַ פאַקט אַז דאָס ייִדישע שאַפן, וואָס איז געווען אַזוי פרוכטבאַר אויפן שפּאַנישן באָדן, איז פאַרבליבן כּמעט ווי נישט אָנזעעוודיק אין פעלד פון געשיכטע־פאָרשונגען. אברהם

בן דוד האָט טאַקע אויפגעוויקלט די גלאָריע פון ייִדישן אַמאָל אין דער צייט, ווען ייִדן האָבן געלעבט זעלבסטשטענדיק אין זייער אייגן לאַנד; אברהם בן שלמה און יוסף בן צדיק האָבן פאַרצייכנט מער אַקטועלע פּאַסירונגען, בעיקר פון דער אומהיימלעכער תּקופה פון גירוש; יהודה, שלמה און יוסף איבן ווערגאַ האָבן אין זייער כראָניק „שבט יהודה" באַשריבן די שוידערלעכע טראַגעדיע, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן שפּאַנישן ייִדנטום, און צוזאַמען מיטן מוראדיקן ווייגעשריי וואָס זיי האָבן אויפגעהויבן, אונדז געלאָזט וויסן, אַז אין ייִדישן מאַרטירערטום זענען פאַראַן נישט בלויז בלוט און טרערן, נאָר אַז פון דאָרט גייט זיך אויך פונאַנדער דאָס ליכט פון שײַנענדיקער מענטשלעכקייט; דער אַסטראָנאָם פון סאַלאַמאַנקאַ אברהם זכותא איז אין זיין „ספר היוחסין", ווייזט אויס, אינספּירירט געוואָרן פון געדאַנק, אַז שטערן פינקלען נישט בלויז אין הימל, נאָר אויך אין ייִדישער געשיכטע, און זיך פאַרגראָבן אין די וואָרצלען פון ייִדישן יחוס. אָבער אָט דער ביישטייער קען זיך ווייט נישט פאַרגלייכן מיטן רומפולן בלאַט, וואָס דער ייִדיש־שפּאַנישער קיבוץ האָט אַריינגעשריבן אין אַנדערע אַספּעקטן פון אונדזער קולטור.

צווישן פּוילישן ייִדנטום איז גראָד יאָ דער אינטערעס פאַר פאָרשן און פאַר־שרייבן פּאַסירונגען פון דער געשיכטע געווען אַקטיוו אין אַלע צייטן. שוין אין זעכצנטן יאָרהונדערט, ביים אויפשפּראָץ פון דער ייִדישער קולטור אין פּוילן, האָט דוד גאַנז געמאָלט אַן אימפּאָנירנדיק בילד פון אַלגעמיינער און ייִדישער געשיכטע אין זיין ספר „צמח דוד". אמת: דוד גאַנז איז געבוירן געוואָרן אין דייטשלאַנד, און ער האָט זיין כראָניק געשריבן אין פּראָג, אָבער ער האָט גע־לערנט ביים רמ"א אין קראָקע, און דער גרויסער פּוסק פון פּוילישן ייִדנטום, וואָס האָט געטראָגן אַ שטאַרקן אינטערעס פאַר וויסנשאַפט און געשיכטע, האָט געהאַט אויף אים אַ גינסטיקע השפּעה; און ווי מען רעכנט, האָט טאַקע דער רמ"א אים געשטויסן צו גראָבן אין דער פאַרגאַנגענהייט. „ער איז געווען דער לערער, וואָס האָט מיך דערצויגן און אויפגעהאָדעוועט", דערקלערט דוד גאַנז. די שחיטות, וואָס די קאָזאַקן האָבן אויסגעפירט קעגן דער ייִדישער באַפעלקערונג אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, האָבן איבערגעלאָזט אין אונדזער היסטאָרישן זכרון תּעניתים, סליחות, תּחינות, און אויך כראָניק, וואָס פאַרנעמט מעגלעך דעם ערשטן פּלאַץ צווישן אַלע מגילות פון אומקום און חורבן, וואָס זענען ווען עס איז געשריבן געוואָרן אין דער געשיכטע פון ייִדנטום אין אייראָפּע. „יון מצולה" פון נתן נטע האַנאָווער איז נישט אומזיסט איבערגעזעצט געוואָרן אויף אַ גאַנצער ריי לשונות און איז ווייט נישט פאַרעלטערט געוואָרן ווי אַ דאָקומענט פון ערשטראַנגיקער געשיכטלעכער באַדייטונג, וואָס צייכנט זיך דערביי אויס מיט אַ וואָרעמען האַרציקן סטיל. די מאָדערנע צייטן האָבן צוגעגעבן פרישע פאָרשער, וואָס האָבן באַטראַכט היסטאָרישע שטודיעס ווי אַ גאָר־וויכטיקן טייל פון ייִדישער קולטור. סיי אין

די פּאַרגאַנגענע צייטן, סיי אין דער ערב חורבן תּקופה (און לאָמיר צוגעבן: אַפילו צומאָרגנס נאָכן חורבן), גראָבן פּוילישע ייִדן מיט דביקות און כּוונה אין דער פּאַרגאַנגענהייט. מאיר באַלאַבאַן און יצחק שיפּער זענען אפשר די אַממייסטן־באַקאַנטע פון די ייִדיש־פּוילישע היסטאָריקער. אָבער פּאַקטיש איז אויפזאַמלען מאַטעריאַל פאַר ייִדישער געשיכטע געווען אַ פאָלקס־אויפגאַבע אין פּוילן. יונג און אַלט האָבן געגלויבט, אַז עס איז זייער חוב צו לייגן ציגל צום בנין. אויך אין די געטאָס, אויפן אַש פון די חורבות און אונטער דער סכּנה פון טויט, האָט מען געדענקט צו פאַרשרייבן די פּאַסירונגען. עמנואל רינגעלבלום איז געווען דער היסטאָריקער פון אַ קיבוץ, וואָס האָט באַטראַכט דאָס שרייבן געשיכטע ווי אַ גרויסע און הייליקע שליחות.

ווען מען קערט זיך אום צום שפּאַנישן ייִדנטום, איז נישט שטאַרק ריכטיק די באַהויפּטונג, מיט וועלכער מיר באַגעגענען זיך אָפט, אַז דאָרט איז די קולטור געווען דער פּראָדוקט פון אַן אָנשטרענגונג בלויז פון יחידים. די טאַלענטירטע און זוכנדיקע יחידים וואָלטן נישט געקענט געפינען די אינספּיראַציע פאַר זייער שאַפן ווען זיי וואָלטן נישט געפילט און געווען זיכער, אַז עס איז פאַראַן אַן אינטערעס פאַר זייער מחשבה און אַז זייער וואָרט וועט אַרויסרופן אַן אָפּקלאַנג. שלמה אבן גבירול האָט זיך טאַקע געקלאָגט אויף זיין שרעקלעכער איינזאַמקייט אין אַ גלייכגילטיקער סביבה, און אברהם אבן־עזרא האָט געמוזט אָנקלאַפּן אין דער טיר פון די גבירים און אויסשטרעקן זיין האַנט נאָך שטיצע. אָבער אויך זיי האָבן נישט געקענט פאַרלייקענען, אַז אַ געוויסער טייל פון קהל האָט דאָך אַרויס־געוויזן אויפמערקזאַמקייט פאַר זאַכן פון קולטור. דאָס מיינט אָבער נישט, אַז קולטור זאָל טאַקע האָבן געווען אין ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ אַ מאַסן־ענין. דער גרויסער עולם האָט נישט געלייענט די שירים פון די משוררים, די חקירות פון די דענקער און ספרים פון די מקובלים. דאָס ווּנדער פון דער ייִדישער קולטור אין שפּאַניע איז געווען די דערגרייכונג פון אַן עליטע. און אַן עליטע איז אויך געווען יענער טייל פון דער ייִדישער געזעלשאַפט, וואָס האָט געשפּירט דעם פאַרלאַנג מיט איר זיך צו דערנענען.

נישט דאָ איז דאָס אָרט צו פאַרצייכענען גענוי די סיבות, וועלכע האָבן דער־פירט דערצו, אַז אין ייִדיש־פּוילישן קיבוץ איז ייִדישע קולטור דווקא יאָ געווען אַ זאַך פון פאָלק. מעגלעך, אַז דערצו האָט אויך באַוויזן די דערפינדונג פון דרוק, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גייסטיקע איבערקערעניש אין אייראָפּע, בעת דאָס שפּאַנישע ייִדנטום איז שוין געווען אין מצב פון גסיסה. מעגלעך, אַז דאָס איז דער גרויסער פאַרדינסט פון ייִדיש, וואָס האָט צוגעטראָגן די קולטור־עשירותן צו אַלע שיכטן פון פאָלק. אַ מאָדערנער ייִדישער פּאָעט האָט געזאָגט אין זיינס אַ ליד: „איך שרייב, דו שרייבסט, מיר שרייבן אַלע, דורך שרייבן ווערן מיר נתעלה". אייגנטלעך האָט דאָס זעלבע אויסגעדריקט אין פאַרשידענע ווערטער,

נתן נטע האַנאָווער אין די צייטן פון כמיעלניצקי. „נישט געווען — לייענען מיר אין זיין כראָניק „יון מצולה" — אַזוי פיל תורה אין דער גאַנצער ייִדישער צעשפרייטקייט, ווי אין דער פוילישער מדינה". אין חסידישע ספרימלעך איז אַפילו די פאַרצווייגטע קבלה אויסגעקומען צו זיין אַ פּאָפּולערער פאָלקס־געברויך. מיט ייִדישער קולטור אין פוילן האָבן זיך געטומלט און געקאָכט מענטשן אין גאַס. די פילאָסאָפן פון ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ וואָלטן בלי ספק געשטוינט צוהערנדיק, ווי פשוטע מענטשן פון המון אַמפּערן זיך איבער עיקר־באַגריפן פון ייִדנטום און שרעקן זיך נישט אָפּ אַרויסצוזאָגן זייער מיינונג איבער ענינים, וואָס זענען זינט קדמונים אויסגעקומען צו זיין קאָמפּליצירט.

אין פוילן האָט זיך אויך אַנטוויקלט אַ דינאַמישע און אימפּעטפולע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג, וואָס האָט געפעלט אין ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ. דער ועד אַרבע ארצות, די קהילה־אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט פאַראייניקט ייִדן פון אַלע פוילישע פּראָווינצן אונטער איין פירערשאַפט און זיי צונויפגעבונדן אין באַוווסטזיין פון בשותּפותדיקער אחריות, האָט זיי רייף געמאַכט נישט בלויז פאַר פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער טעטיקייט, נאָר אויך פאַר קולטורעלער אַקטיווקייט און זיי דערצויגן צו דערפילן די אויפגאַבן, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט דער ספערע פון גייסט. די פאָלקס־באַוועגונגען, וואָס זענען אויסגעוואַקסן צווישן פוילישן ייִדנטום אין פאַריקן יאָרהונדערט און די פּאָליטישע און סאָציאַלע פאַרטייען, וואָס האָבן דאָרט געווירקט ביז צו דער סאַמע לעצטער שעה פון אונטערגאַנג, גיבן צו אַן אייגנאַרטיקן כאַראַקטער און אַ ספּעציפישן שטריך דעם ייִדיש־פוילישן קיבוץ. די צייטונגען, וואָס זענען דערשינען נישט בלויז אין דער הויפּטשטאָט וואַרשע, נאָר אויך אין קלענערע קהילות, די צייטשריפטן פון כלערליי שטרעמונגען, די תלמודישע, חסידישע און מאָדערן־ליטעראַרישע זשורנאַלן, זאָגן עדות אויף אַ קולטור, וואָס אין איר אויפבוי און וווקס האָט זיך באַטייליקט אַ גאַנץ פאָלק. די פרייטיק־אויסגאַבעס פון די ייִדישע און העברעיִשע צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אין ייִדיש־פוילישן קיבוץ און וואָס זענען געווען אָנגעפולט אויסער מיט אינפאָרמאַציע אויך מיט וואָגיקן מאַטעריאַל פון מחשבות און אידעען, זענען אַ באַרעדעוודיקער באַווייז, אַז נישט צוליב דעם וואָס די ייִדישע קולטור איז דאָרט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָפּולערן אויסדרוק פון די מאַסן פון פאָלק, האָט זי פאַרלוירן אין טיפקייט. פּאָפּולערקייט שטייט נישט אין קעגנזאַץ צו פאַרטיפטן געדאַנק. דער שימערירנדיקער רעגנבויגן פון פּאָליטישע און סאָציאַלע שאַטירונגען נעמט אפשר אָוועק די מאָנומענטאַלע אַרכיטעקטאָניק ביי דער ייִדיש־פוילישער קולטור. דאָס האָט אָבער געהאָלפן, אַז אין איר זאָל צירקולירן דאָס בלוט און זיך פילן דער אָטעם פון גאַנצן ציבור.

די אָנגעוואָרפענע באַמערקונגען ברענגען אַרויס נאָך אַן אונטערשייד אין אַנאַליז פון דער קולטור, וואָס איז אויסגעוואַקסן און ביידע קיבוצים: ביי דער

גאַנצער רייכקייט פון קאָלירן און קלאַנגען, וואָס ווימלען און שווײבלען אין דער ייִדיש־שפּאַנישער קולטור, פאַרמאָגט זי דאָך אַ האַרמאָניע און סדר, וואָס זענען נישט בנמצא אין דער קולטור פון פּוילישן ייִדנטום. די וואָס האָבן געאַרבעט אין וווקס און פונאַנדערוווקס פון דער ייִדישער קולטור אין פּוילן, האָבן אין אויפּברויז פון זייער ענערגיע און אין דער האַסטיקייט פון זייער איניציאַטיוו און התלהבות, נישט געדאַגהט אויסצובויען סיסטעמען. די קונסט פון סיסטעמאַטישקייט איז זיי בעצם געווען פרעמד. דער מהר״ל פון פּראָג האָט אַ מאָל געזאָגט, ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן סדר פון פּסח, אַז דער באַזונדערער טאַלענט פון דער ייִדישער טראַדיציע ווייזט זיך אַרויס אין איר כּוח אַריינצופירן אַ סדר אין אַ געשיכטלעכער פּאַסירונג, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, דאַכט זיך, אין גאַנצן אָן חוש פאַר אָרדענונג. יציאת מצרים איז אַ צונויפמיש פון עובדות, ווו אַלץ איז געגאַנגען קעגן לאָגיק און סיסטעם. און דאָך האָבן ייִדן פון דאָזיקן קנויל אויסטערלישע געשעענישן געמאַכט — אַ סדר. דאָס זעלבע לאָזט זיך זאָגן וועגן דער קולטור פון ייִדישן קיבוץ אין פּוילן. אָן סיסטעם, אָן סדר, אָן האַרמאָניע, פאַרמאָגט די קולטור־דראַמע פון פּוילישן ייִדנטום יענע העכערע אומגעווייגלעכע אָרדענונג, וואָס איז דאָך פאַראַן אין לעבן, הגם דאָס לעבן קומט אונדז אויס צו זיין מוראדיק כאַאָטיש און מוראדיק פאַרפּלאָנטערט.

זיכער לאָזן זיך אויך אָנצייכענען אַנדערע אונטערשיידן. מערקווירדיק איז אָבער, אַז אין דער מיסטעריע פון ייִדישער געשיכטע האָבן ביידע קיבוצים זיך צונויפגעטראָפן: אין אַקט פון קידוש־השם האָבן זיך אָפּגעווישט די קאָנטראַסטן. אין זיין לעצטער שעה האָט דער אונטערגייענדיקער ייִדישער ציבור אין פּוילן געשעפּט מוט און גלויבן אויך פון די קוואַלן פון גייסט, וואָס האָבן געשפּרודלט אין ייִדיש־שפּאַנישן קיבוץ. דער אני־מאמין, וואָס מיט אים זענען פּוילישע ייִדן געגאַנגען צו די גאַז־קאַמערן, איז געזונגען געוואָרן מיט טענער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין דער נייער צייט. אָבער זיין תּוכן שפּאַרט זיך אָן אויף באַגריפן, וואָס זענען אַ באַשטאַנדטייל פון דער לערע פון רמב״ם, דער „גרויסער אָדלער״ פון שפּאַנישן ייִדנטום.

ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש, אַן איינזאַמער דענקער

מיט ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש האָב איך זיך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט אין אַ ווינטערדיקן פרימאָרגן אין יאָר 1941 אין לידז, די אינדוסטריעלע שטאָט אין ענגלאַנד.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. איך בין דאַן געווען דער רב פון דער פּוילישער גלות־אַרמיי, וואָס איז געווען איינגעגלידערט אין די בריטישע מיליטערישע אָפּטיילונגען. איך בין געקומען קיין לידז, כּדי צו באַזוכן די יידישע זעלנער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דינסט אין יענער געגנט. איך האָב באַדאַרפט, אין צוזאַמענהאַנג מיט די תּפילות, וואָס איך האָב אָרגאַני־זירט פאַר די סאָלדאַטן, זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט די רבנים אין לידז. און אין דער שול אין טשעפּלטאַן־געגנט, ווו עס האָט אַמטירט דער רב יצחק כּהן, האָב איך זיך געטראָפן מיט ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש, וועלכער איז דאַן געווען פּראָפעסאָר אין דער אוניווערסיטעט אין לידז, און איז גראָד יענעם פרימאָרגן געקומען אין דער טשעפּלטאַן־שול, כּדי דאָרט עטוואָס צו דערליידיקן. איך האָב שוין דאַן געהאַט געלייענט אייניקע פון זיינע שריפטן, און זיין נאָמען איז מיר געווען באַקאַנט. ער האָט מיר אימפּאָנירט, שוין אין דער ערשטער באַגעגעניש, מיט זיין פריינדלעכן בליק, מיט זיין קלוגן שמייכל, מיט דער ליבשאַפט צום מיט־מענטש, וואָס האָט זיך געטראָגן פון זיין פּערזאָן, מיט זיין ענווות, וואָס איז געווען אָנגעזאַפּט מיט רירנדיקער פּשטות, און מיט זיין וואַרעמקייט, וואָס האָט דער־מונטערט און אויפגעהויבן.

מיר האָבן גלייך געפונען אַ בשותּפותדיקע שפּראַך. מיטגעהאָלפן דערצו האָט טאַקע די שפּראַך אַליין. מיר האָבן גערעדט העברעיִש. און נישט בלויז אין שריפט, נאָר אויך אין רעדן איז דער העברעיִש פון שמעון ראַווידאָוויטש געווען אָנגעלאָדן מיט טויזנטיעריקע מקורות פון תּורה און לומדות. זיכער, דאָס איז געווען די רייכע און פּאָעטישע שפּראַך פון די נביאים. אָבער זי האָט אין זיך געטראָגן די אומגעהויערע לשון־אוצרות פון דער משנה און פון דער אידישער פילאָסאָפיע אין מיטלאַלטער. דערביי איז זי נישט געווען האַמעטנע און געדיכט. זי האָט פאַרמאָגט די גראַציעזקייט און חן פון אַן אַלטקייט, וואָס באַזיצט דעם צויבער און סוד פון אייביקער יוגנט. דער העברעיִש פון ד״ר ראַווידאָוויטש, וואָס

האָט אָפּגעקלונגען אין יענעם גרויען פרימאָרגן אין לידז, האָט מיך דערמאָנט אין עשירותדיקן און פאַרצווייגטן לשון פון נחום סאָקאָלאָוו.

אָבער דער פאַרגלייך האָט זיך מיר אויסגעוויזן נישט צו זיין אין גאַנצן געניי. די שפּראַך פון ראַווידאָוויטש איז פאָרט נישט געווען אַזוי פאַרפלאָכטן און זי האָט זיך נישט פאַרפלאָנטערט. זי האָט אַריינגעלאָזט פרייען אָטעם. זי האָט גיכער מיר אַרויפגעבערענגט אין געדאַנק אַ סימפאָניע פון מוזיקאַלישע קלאַנגען. ד״ר ראַווידאָוויטש האָט גערעדט, און אין מיר זענען אויפגעגאַנגען די טענער פון בעטהאָווענס ניינטער סימפאָניע. די זעלבע נישט־דאַיִקע מעלאָדיע; די זעלבע מוזיק, וואָס נעמט דיך אָן ביי דער האַנט און פירט דיך אַרויף אין דער הויך; די זעלבע כוואַליע פון פרייד, וואָס פלייצט פון קלאַנג גופא; די זעלבע מוזיק, וואָס איז כסדרדיקער אויפגאַנג.

אויך די טעמע האָט אונדז דערנעענטערט איינער צום אַנדערן. ד״ר ראַווידאָוויטש האָט געשטאַמט פון פוילן, פון גראַיעווע, לאָמזשער געגנט. איך האָב אין מיינע קינדער־יאָרן געלערנט אין שצוצין, וואָס איז נעבן גראַיעווע, און ווו מיין זיידע ר׳ העשיל און מיין פעטער ר׳ יאָסעלע זענען געזעסן אויפן כסא־הרבנות. ער האָט גוט געקענט דאָס שטעטל שצוצין און געדענקט די רבנים ר׳ העשיל און ר׳ יאָסעלע. ער האָט מיר דערציילט פאַרשידענע עפּיזאָדן וועגן דער צידקות פון רב יאָסעלע, וואָס האָבן זיך אים איינגעקריצט אין זכרון. דער עיקר, האָט ער מיר געזאָגט, איז ער פול מיט התפעלות און באַוווּנדערונג פאַר דער כאַראַקטער־שטאַרקייט פון רבי העשיל. וועגן אים דערציילט מען, האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז ווען ער איז שוין געווען זייער קראַנק, האָט ער אין די לעצטע מאָמענטן פון באַוווסטזיין, פאַר דער פּטירה, געלערנט מיט גרויס כּוונה הילכות גסיסה; די דינים, ווי אַזוי אַ ייִד דאַרף זיך אויפפירן בעת די נשמה גייט פון אים אַרויס. די אויגן פון ד״ר ראַווידאָוויטש האָבן געפינקלט מיט אַ סודותפול פייערל, ווען ער האָט מיר דאָס דערציילט. ער האָט זיך טיף פאַרטראַכט, גלייך, ווי ער וואָלט זיך געווען אַוועקגעטראָגן צו יענער בית־דין־שטוב אין שצוצין, ווו דער גוססדיקער רב העשיל האָט געלערנט די דינים, ווי אַזוי אַ ייִד דאַרף אַוועקגיין פון דער וועלט. ווען ער איז מיט זיינע מחשבות צוריקגעקומען צו מיר, האָט ער אַ זאָג געטאָן: אַל תּאמר, זאָג נישט, אַז דיין זיידע איז געשטאָרבן. אַזעלכע ייִדן האָבן געלעבט אַפילו ווען זיי זענען נפטר־געוואָרן און זיי לעבן אויך נאָך דער פּטירה...

די טעמע פון אונדזער געשפּרעך האָט זיך אויסגעברייטערט. די מלחמה, פוילישע ייִדן, מזרח־אייראָפּעיִשע קולטור־ירושה, ענגליש ייִדנטום. צווישן אונדז האָבן זיך פאַרקניפּט פעדימס פון גייסטיקער נאָענטקייט, און מיר פלעגן זיך אָפט באַגעגענען בעת די באַזוכן אין לידז. ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש האָט נישט בלויז געשריבן מיט ליידנשאַפט; ער האָט אויך אַריינגעלייגט טעמפּעראַמענט און נשמה

אין זיין תּורה שבעל־פּה. און די פראַגע, צו וועלכער מיר פלעגן זיך אומקערן יעדעס מאָל, ווען מיר האָבן זיך צונויפגעטראָפן, איז געווען: ייִדישקייט.

ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש האָט אין די מלחמה־יאָרן אַרויסגעגעבן דעם זשור־נאַל „מצודה", וווּ ער פלעגט פאַרעפנטלעכן זיינע מאמרים און עסייען. פינאַנ־סיעלע הילף פאַר די אויסגאַבן האָט צוגעטראָגן אונדזער בשותפותדיקער פריינד בן־ציון מרגליות, אַ פוילישער ייִד, וועלכער האָט עמיגרירט קיין ענגלאַנד, זיך באַזעצט אין לאָנדאָן, געוואָרן אַ גרויסער עושר און בייגעשטייערט מיט אַ ברייטער האַנט פאַר ייִדישע קולטור־צוועקן.

זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, דרך אַגב, אַז בן־ציון מרגליות האָט געהאָלפן מיט אומגעוויינלעכער נדבנות די ייִדישע שרייבער און קולטור־טוער, וואָס זענען אין די מלחמה־יאָרן פאַרוואָרפן געוואָרן קיין לאָנדאָן, און צווישן זיי אויך דעם פּאָעט איציק מאַנגער. ד״ר ראַווידאָוויטש פלעגט דאַן צוגרייטן זיינע מאמרים פאַרן זשורנאַל, און עס איז געווען נישט איין מאָל מיין אויפגאַבע די איבערצוקוקן אין כתב־יד.

דאָס איז געווען די תּקופה, ווען אין זיין געדאַנק איז רייף געוואָרן די טעאָריע, וועלכע ער האָט געבערענגט צום אויסדרוק אין זיין ספר „בבל און ירושלים". די עיקר־אידייע איז דאָ: ייִדנטום לאָזט זיך נישט איינטיילן אין פראַגמענטן, נישט אין געשיכטלעכע, און אַפילו נישט אין געאָגראַפישע פראַגמענטן. נישט געקוקט אויף די פיל טויזנטער יאָרן, וואָס אונדזער געשיכטע ציילט שוין, און נישט געקוקט אויף דער פאַרצווייגטקייט פון דער ייִדישער געאָגראַפיע, זענען דאָך אין תּוך נישטאָ קיין חלקים און דיסטאַנצן אין ייִדישקייט. גענוי ווי דער גאָט פון ישׂראל איז אחד, איז עם ישׂראל אחד, איז ייִדישע קולטור אחד. דער לייט־מאָטיוו פון דער ייִדישער אמונה איז אחד, און דער לייט־מאָטיוו פון ייִדישן קיום און ייִדישער קולטור איז אחד.

עס איז אמת, אַז ייִדישקייט האָט צוויי פּנימער: בבל און ירושלים. דאָס איז דאָס פּנים פון דער ייִדישער קולטור אין משך פון דורות. פאַר ד״ר ראַווידאָ־וויטש באַטייט ירושלים: ארץ־ישׂראל און דאָס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ארץ־ישׂראל: דער תּנ״ך, די אידייען און די אידעאַלן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין לאַנד ישׂראל. בבל באַשטייט פאַר אים נישט בלויז אין פאַס לאַנד, וואָס טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען. בבל באַטייט פאַר אים דאָס ייִדישע שאַפן אויסער די גרענעצן פון ארץ־ישׂראל; די ייִדישע קולטור, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין גלות. בבל, זאָגט ער אין איינעם פון זיינע עסייען, מיינט יעדעס אָרט, וואָס איז נישט ארץ־ישׂראל, און ווו עס איז אויפגעגאַנגען ייִדישע גייסטיקייט. בבל באַטייט

דאָס בבל פֿון עזרא און נחמיה, פֿון הלל און רבי חייא. און דאָס בבל פֿון די גאונים; אָבער בבל באַטייט אויך — אַלעקסאַנדריע פֿון פֿילון; שפּאַניע פֿון חסדאי איבן שאַפּרוט, שלמה איבן־גבירול און יהודה הלוי; אַפֿריקע פֿון יצחק אַלפֿסי; פֿראַנקרייך און דייטשלאַנד פֿון רש״י און די בעלי־התּוספֿות און אויך דאָס דייטשלאַנד פֿון משה מענדעלסאָן און משה העס. בבל מיינט — פּוילן פֿון רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, ליטע פֿון ווילנער גאון און אויך פֿון דער השׂכּלה.

בבל — אין ברייטערן באַגריף — האָט עקזיסטירט היסטאָריש פֿאַר ירושלים. די תּורה איז געגעבן געוואָרן צו די ייִדן נאָך איידער זיי זענען אָריינגעקומען קיין ארץ־ישׂראל. עס איז אמת, אַז ירושלים איז אין דער ייִדישער טראַדיציע באַהויכט געוואָרן מיט קדושה און ארץ־ישׂראל איז דאָס הייליקע לאַנד פֿאַרן ייִדישן מענטש; אָבער די וואַסערן פֿון ירדן פֿליסן אויך אין רהיין, אין דער טעמזע, אין דער ווייסל און אין האָדסאָן... בבל און ירושלים איז דער דורותדיק־ייִדישער בונד. דאָס איז אויך דער ייִדישער וועג אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און וועט זיין אונדזער וועג נאָך במשך לאַנגע צייטן. די צוויי פּנימער פֿון דער ייִדישער קולטור זענען פּאַקטיש איין פּנים. די, וואָס נעגירן דאָס אייגנטימלעכע און גרויסאַרטיקע אין ייִדישן וועג פֿון דורות, נעמען אַוועק פֿון ייִדישן פֿאָלק, דאָס וואָס פֿאַרוואַנדלט ייִדן אין אַן אומה אָן פֿאַרגלייך. ד״ר ראַווידאָוויטש האָט מיט דער גאַנצער שאַרפֿקייט באַקעמפֿט די טעאָריע פֿון אחד־העם וועגן איין גייסטיקן צענטער אין ארץ־ישׂראל. אויך גלות איז אַ גייסטיקער צענטער. אויך בבל איז דער צענטער פֿון ייִדישן שאַפֿן, אויך אין גלות האָט זיך מאַניפֿעסטירט דער ווילן פֿאַרצוזעצן אַ נאַציאָנאַל־איינציקאַרטיק לעבן און אויפֿצוהאַלטן די ייִדישע אייגנאַרטיקייט.

די אידייען פֿון שמעון ראַווידאָוויטש האָבן אַרויסגערופֿן ביטערע קעגנער־שאַפֿט אין אַ ריי קרייזן. אין ברען פֿון פּאָלעמיק, איז ער שיער נישט פֿאַרשריגן געוואָרן ווי אַן אַנטי־ציוניסט. איך האָב איינינקע מאָל געטראָפֿן דעם איינזאַמען דענקער אין אַ שטימונג פֿון אַנטוישונג און פֿאַרביטערונג. ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פֿון זיין איינזאַמקייט, און ער האָט געוווּסט, אַז דאָס איז זיין גורל. ער פֿלעגט מיט מיר רעדן וועגן דעם מוט, וואָס ייִדישע לערער און דענקער האָבן אַרויסגעוויזן אין אַלע תּקופֿות. אויב מוט איז די אייגנשאַפֿט, מיט וועלכער עס דאַרף זיך אויסצייכענען יעדער דענקער, מוז נאָך מער די אייגנשאַפֿט פֿאַר־מאָגן אַ ייִדישער דענקער, האָט ער מיר איין מאָל געזאָגט. זעלטן־ווען האָבן ייִדישע פֿילאָסאָפֿן זיך געבויגן פֿאַר קעניגן — האָט ער צוגעגעבן מיט מילדער איראָניע.

איך דערמאָן זיך נישט קיין איין געשפּרעך מיט ראַווידאָוויטשן, אין וועלכן עס זאָל נישט האָבן אַרויפֿגעשוואומען דער נאָמען פֿון נחמן קראָכמאַל, דער ייִדישער דענקער פֿון גאַליציע פֿון פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. שמעון ראַווידאָוויטש האָט

פון דאָס נײַ אַרויסגעגעבן דאָס ספר פון קראָכמאַל „מורה נבוכי הזמן" — „דער לערער פון די בלאָנדזשענדיקע פון דער צייט" — און ער האָט געשריבן מיט זאָרגפעלטיקייט געניע און טיף־דורכגעטראַכטע פּירושים צום ספר. דאָס, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק דערנענטערט צו נחמן קראָכמאַל, איז געווען דער פעסטער גלויבן, וועלכן דער דענקער פון גאַליציע האָט געהאַט אין „שׂר האומה", אין אייביקן פאָלקס־גייסט, וואָס שוועבט אינעם ייִדנטום.

שמעון ראַווידאָוויטש האָט זיך געפונען פאַרוועבט אין קרייז פון דער דורות־דיקער ייִדישער מחשבה; און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פאַר אים זענען דער רמב"ם, משה מענדעלסאָן, צי משה העס נישט קיין ווייטע פיגורן, נאָר געשטאַלטן, מיט וועלכע ער לעבט, מיט וועלכע ער אָטעמט, מיט וועלכע ער טענהט זיך אויס, מיט וועלכע ער איז אָפט מאָל מסכים אין זייערע דעות, און מיט וועלכע ער פאַלט אויך אַריין אין אַ פּאָלעמיק. אָבער נחמן קראָכמאַל האָט, ווי מיר דאַכט זיך, קיין מאָל אים נישט פאַרלאָזט. איין מאָל, געדענק איך, זענען מיר געגאַנגען איבער די גאַסן פון לידז, און שמעון ראַווידאָוויטש האָט פאַר מיר פונאַנדערגעוויקלט אַ געדאַנק פון נחמן קראָכמאַל. מיט האַנט־זשעסטיקולאַציעס האָט ער מיר פּרוּ־בירט דערקלערן קראָכמאַלס אידייע, אַזוי ווי דער גאַליצישער דענקער האָט זי מיט העכער הונדערט יאָר צוריק זיכער מסביר געווען פאַר זיינע פריינד און תּלמידים אויף די פעלדער פון זשולקיעוו, ווו ער האָט געלעבט. אין יענעם מאָמענט האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז נישט בלויז ראַווידאָוויטש און איך שפּאַצירן מיר איבער דער גאַס אין לידז, נאָר אַז מיט אונדז גייט אויך מיט דער מחבר פון „מורה נבוכי הזמן". ווען איך האָב דאָס געזאָגט ראַווידאָוויטשן, האָט ער מיר געענטפערט: איך האָב דיר שוין איין מאָל געזאָגט, אַז גרויסע ייִדישע לערער לעבן שטענדיק. תּאמין לי, גלויב מיר, ר' נחמן קראָכמאַל באַגלייט אונדז איצט...

נישט געקוקט אויף דער אַנטוישונג, וואָס האָט פון מאָל צו מאָל אַרויסגע־קוקט פון די פּקחותדיקע אויגן פון שמעון ראַווידאָוויטש, בין איך יעדעס מאָל אַוועקגעגאַנגען פון אים געשטאַרקט און געמוטיקט אין מיין גלויבן אין ייִדישן פאָלק און ייִדישער קולטור. ער האָט אָפּגעוואָרפן יעדן ספק אין ייִדישן ווילן און כּוח איבערצולעבן רדיפות און שוועריקייטן. און מען מוז דאָך געדענקען, אַז ער האָט דעם פעלזן־פעסטן גלויבן פאַרמאָגט אויך אין די פינסטערע יאָרן פון נאַצי־שוידער, ווען עס זענען צו אונדז דערגאַנגען קיין ענגלאַנד די גרויליקע ידיעות וועגן אומקום פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין די גאַז־אויוונס און פייער־קאַמערן. דער חורבן איז גרויס — האָט ער מיר געזאָגט — אָבער נאָך

גרעסער איז דער ייִדישער ווילן צו לעבן און דער ייִדישער כּוח צו ציִען די קייט פון שאַפן.

איך בין זיך מודה, אַז איך האָב נישט פאַרמאָגט זיין פעלזן־שטאַרקע אמונה, און איך בין צונויפגעדריקט געוואָרן אין יענע יאָרן, ווען עס זענען צו אונדז דערגאַנגען די איוב־בשׂורות וועגן חורבן פון ייִדישן פאָלק אין פוילן. איך האָב דאָס אים אויך דערקלערט. אָבער ער איז נישט געוואָרן איינגעבראָכן אין זיין אמונה. מיט וווּנדערלעכער מייסטערשאַפט האָט ער פאַר מיר געעפנט די וויזיע פון דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק. אַוודאי, האָט ער באַמערקט, זענען מיר אַן אומה פון קלאָגערס, און עס איז דאָ אויף וואָס צו וויינען און צו קלאָגן. דער חורבן איז גרויזאַם, אָבער קיין חורבן, ווי וויטיקלעך ער זאָל נישט זיין, באַדייט נישט דער אונטערגאַנג פון אונדזער פאָלק און פון אונדזער שאַפן. שוין דער ערשטער ייִד, אַברהם אָבינו, האָט אין אַ מאָמענט פון אַנגסט געציטערט, אַז טאָמער חלילה וועט אים אויספאַלן צו זיין דער לעצטער ייִד. משה רבינו האָט געפילט אָט־די אַנגסטפולע שרעק. די נביאים זענען פאַרצערט געוואָרן פון דער זאָרג פאַרן קיום פון ייִדישקייט. די חכמי התלמוד, דער רמב״ם, די גדולי הפּוס־קים, די מקובלים, האָבן זיך אַרומגעטראָגן מיט דער טיפער מורא פאַר דער צוקונפט פון דער ייִדישער אומה. אונדזערע מאָדערנע שרייבער, אויך זיי זענען נישט פריי געווען פון אָט־דער שרעק. דער דיכטער יהודה לייב גאָרדאָן האָט געשטעלט די וויטיקדיקע פראַגע, וואָס האָט אים אויפגעגעסן: צי איז ער נישט מעגלעך דער לעצטער, וואָס באַזינגט ציון? ביאַליק איז, שטייענדיק ביי דער אַלטער ספרים־שאַנק, באַוועלטיקט געוואָרן פון אומהיימלעכע מחשבות, צי איז ער נישט אפשר „דער לעצטער פון די לעצטע״, וואָס בלעטערן די אַלטע ספרים. ברענער און בערדיטשעווסקי זענען באַהערשט געווען פון דער שטימונג פון צווייפל און פאַרצווייפלונג. קלאַצקין האָט געזען בלויז אונטערגאַנג אין גלות. אָבער נישט חורבן, נישט שמד, נישט אַסימילאַציע קען פאַרלענדן ייִדיש פאָלק און ייִדישקייט. אין בבל און ירושלים איז דאָ כּסדרדיקער אָנהויב. ייִדישקייט איז כּסדרדיקער אויפשטייג. ייִדישקייט איז פּערמאַנענטע דינאַמיק. ייִדישקייט איז אומאויפהערלעכער בראשית.

אין יענער תּקופה פון צער און יאוש, האָבן די ווערטער פון שמעון ראַווי־דאָוויטש אָפּגעקלונגען מיט באַזונדערער קראַפט אין מיין האַרץ. און עס איז גע־קומען דערצו, אַז מיטן לויף פון דער צייט פלעג איך באַזוכן לידז, נישט אַזוי וויט צו דערפילן מיין חוב ווי מיליטערישער ראַבינער, נאָר מער כּדי אָנצוגליִען זיך אין פייער פון דער אמונה פון שמעון ראַווידאָוויטש און דערמוטיקט ווערן פון זיין אומדערשיטערלעכער וווּנדער־וויזיע.

אין יאָר 1955, ווען איך האָב געלעבט אין סאַן כאָסע, אין קאָסטאַ־ריקאַ, האָב איך באַקומען אַ בריוו פון מיין פריינד ד״ר י. נ. שטיינבערג, דער לערער פון עטישן סאָציאַליזם און איינער פון די איידלסטע יידישע פיגורן פון אונדזער דור, „דער צדיק פון דער רוסישער רעוואָלוציע״, ווי זלמן שזר האָט אים באַצייכנט. ד״ר י. נ. שטיינבערג האָט געוווינט אין ניו־יאָרק, אָבער ער האָט פאַרבראַכט אייניקע וואָכן אין באָסטאָן ביי ד״ר שמעון ראַווידאָוויטש, וועלכער איז דאָרט געווען פּראָפעסאָר פון בראַנדעס־אוניווערסיטעט. דער בריוו איז טאַקע געווען פון באָסטאָן, און אין אים האָט מיר ד״ר שטיינבערג געשריבן, אַז ער און שמעון ראַווידאָוויטש ווילן, אַז איך זאָל קומען חול המועד פּסח קיין באָסטאָן, כּדי מיט זיי צו פאַרברענגען כאָטש אַ פּאָר טעג.

פאַרשיידענע סיבות האָבן מיר דעמאָלט נישט דערלויבט אונטערצונעמען די רייזע. און איך באַדויער אַזוי טיף, וואָס מיר איז מער נישט געווען באַשערט זיך צו באַגעגענען מיטן מערקווירדיקן און איינזאַמען יידישן דענקער פון אונדזער תקופה.

דאָס ייִדישע פּראָבלעם פון קאַרל מאַרקס

א.

דאָס איז מעגלעך אַ קוריאָז, דאָס איז מעגלעך אַ טראַגעדיע; אָבער דאָס איז בלי־ספק אַ דערשיינונג, וואָס איבער איר איז כּדאַי צו פאַרטראַכטן זיך: די דענקער, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט זייער חותם אויף אונדזער היינטצייטיקער תקופה — און וועלכע זענען געווען ייִדן אָדער געשטאַמט פון ייִדן — האָבן אַריינגעטראָגן אין דער דראַמע פון אונדזער צייט אידייען, וואָס זענען אין אַ שפּאַרער מאָס באַווירקט געוואָרן פון ייִדנטום און פון ייִדישן וועג דורך דורות. אָבער אַנשטאָט אונטערצושטרייכן, אַז אָט־די אידייען זענען באַהויכט געוואָרן פון ייִדישן אָטעם און פליסן אַרויס אין גאָר אַ גרויסן טייל פון ייִדישע קוואַלן, האָבן די דאָזיקע דענקער גרינגעשאַצט דעם גייסטיקן אוצר, פון וועלכן זיי זענען אַליין באַרייכערט געוואָרן; און ווי אַ צולאָג האָבן זיי נאָך אינטערפּרעטירט פאַלש די לערע פון ייִדנטום און פאַרגעשטעלט ייִדישקייט און דעם כאַראַקטער פון ייִדישן מענטש אין אַ קרומען שפּיגל.

די שיטה, וואָס איז פונאַנדערגעוויקלט געוואָרן דורך אַנרי בערגסאָן, ווערט אין די פאַרשידנסטע וואַריאַנטן איבערגעחזרט אין אַ גאַנצער ריי שולן פון מאָדערנעם געדאַנק. און דער ביישטייער פון דאָזיקן ייִדיש־פראַנצויזישן פילאָסאָף איז אומבאַדינגט פון וויכטיקער וואָג. דאָס האָט ער אַרויסגעהויבן די באַדייטונג פון דער שעפערישער אינטויִציע אין דינאַמישן וועג פאָרויס פון דער מענטש־הייט. דאָס האָט ער באַוויזן אין זיינע פילאָסאָפישע עסייען, וואָס זייער פּראָזע איז בעצם פאַרשיכּורנדיקע פּאָעזיע, אַז ערשט דורך דער פאַרבליפנדיק־שעפע־רישער אינטויִציע האָט דער מענטש געקענט אַרויסגיין פון שפּאַן פון דער ענגער, גרויער טאָג־טעגלעכקייט און פונאַנדערפּענען די טויערן צו געטלעכקייט און הויכער מענטשלעכקייט. דאָס האָט בערגסאָן, אין מיטן דער פאַרפלאַכטער התפּעלות פאַר אַלץ, וואָס איז פּראַגמאַטיש און דורכשניטלעך, אַריינגעבלאָזן נייע באַגייסטערונג אין רעליגיעזן געדאַנק, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין פאַר־גליווערט פאַר די מענטשן פון אונדזער צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, און גערופן די אויפמערקזאַמקייט צום פאַקט, אַז נסים זענען געשען נישט דווקא אין ווייטן בראשית, נאָר אַז דער מענטש איז איין אומאויפהערלעכער, כּסדרדיקער וווּנדער.

ווארום אַנטפּלעקונג איז אַ פּראָצעס, וואָס קומט כּסדר פֿאַר אונדזערע אויגן, און מיר אַליין, ווער און וואָס מיר זאָלן נישט זיין, זענען אַ טייל פֿון דער דאָזיקער אַנטפּלעקונג.

אַנרי בערגסאָן האָט געשטאַמט פֿון אַ מיוחסדיקער ייִדישער משפּחה אין פּוילן, וואָס האָט אויסגעוואַנדערט קיין פֿראַנקרייך. איינער פֿון זיינע עלטער־זיידעס, ר׳ שמואל זביטקאָווער, האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל צווישן פּוילישן ייִדנטום אין בין־השמשות פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט. זיין עלטער־באָבע איז געווען די באַרימטע טעמערל, וואָס איז מיט ענטוזיאַזם און גרויסער מסירת־נפש געקומען צום שוץ פֿון חסידות, ווען אָט־די יונגע, ערשט־אויפשפּראָצנדיקע באַוועגונג האָט געדאַרפֿט זיך פֿאַרטיידיקן פֿאַר דער קריטיק פֿון אירע קעגנער. מען דאַרף נישט צו שטאַרק נישטערן, כּדי צו געפֿינען אין בערגסאָנס פֿילאָסאָפֿישער תּורה די השפּעה פֿון דער ייִדישער ירושה, וואָס איז צו אים דער־גאַנגען דורך די פֿאַרשיידנסטע וועגן און אומוועגן. אין אונדזערע קבלה־ספֿרים, און נאָך פֿריִער אַפֿילו, אין די אגדה־שטעלן, וואָס זענען פֿונאַנדערגעזייט איבער דער תּלמודישער ליטעראַטור, איז אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער שותּפֿות, אין וועלכער דער מענטש איז אַריינגעטראָטן מיט גאָט מיטן סאַמע־אָנהויב פֿון באַשאַף. פֿאַרשטייט זיך, אַז אָט־דער גרויסאַרטיקער מיסטישער בנין שפּאַרט זיך אָן אין יענעם קורצן, מיט מחשבה אָנגעלאָדענעם קאַפּיטל ח׳ פֿון תּהלים, ווו עס ווערט אויסגעדריקט באַוווּנדערונג פֿאַר דער געטלעכער אינספּיראַציע, וואָס אָטעמט אין מענטש. דער זוהר, דאָס פֿאַרהייליקטע קבלה־ספֿר, איז נישט בלויז אַ פּראָדוקט פֿון דער שעפֿערישער אינטויִציע; זיין אויפֿגאַבע און ציל זענען אייגנטלעך אַריינצופֿירן אונדז אַלעמען אין קרייז פֿון פֿאַרטיפֿטן וווּנדער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין העט־וויטן אַמאָל מיט אָדם און חוה, און אין וועלכן מיר זענען, צי מיר ווילן יאָ, צי מיר ווילן נישט, כּסדר פֿאַרוויקלט. רבי משה בן נחמן, וועלכער איז באַקאַנט ווי דער רמב״ן אין אונדזער ליטעראַטור איז, אין אַ דור וואָס האָט זיך געהאַט פֿאַרשיכּורט מיט דער אילוזיע, אַז מיט דער הילף פֿון פֿאַרשטאַנד קאָן מען שפּאַצירן זיכער איבער וועלט און לעבן, נישט מיד געוואָרן צו וואָרענען, אַז ערשט ווען מען מיינט, אַז מען האָט אַראָפּגעריסן דעם שלייער פֿון גרויסן סוד פֿון וועלכן דער מענטש איז אויסגעפֿאָרעמט, פֿאַרבלאָנדזשעט מען אָן אויסוועג אין מוראדיקן מדבר פֿון דער מחשבה.

אָפּגערעדט דערפֿון, אַז די מיסטישע פּאָעזיע, וואָס האָט זיך צעבליט אין זעכצנטן יאָרהונדערט אונטערן לויטערן בלויען הימל פֿון צפֿת, איז אַ רירנדיקער אויסדרוק פֿון דער נאָגנדיקער בענקעניש צו דער אומענדלעכער געהיימניש, וואָס באַוועגט זיך אַרום אונדז און אין אונדז אַליין. די שבתדיקע זמירות, וואָס זענען אויסגעזונגען געוואָרן דורכן מקובל פֿון צפֿת, רבי יצחק לוריא (אר״י), האָבן אַפֿילו דעם סטאַטישן שבתדיקן טיש אויפֿגעהויבן פֿון זיין פּלאַץ און אים פֿאַר־

װאַנדלט אין אַ נישט־דאַיִקער, דינאַמישער איבערלעבונג פֿון גאָרטן פֿון דער מיסטיק. „סטאַטיש" און „דינאַמיש" זענען טערמינען, װאָס מיט זײ באַנוצט זיך בערגסאָן. דער אר"י האָט, נאַטירלעך, אַנגעװאָרפֿן אַנדערש־קלינגענדיקע באַגריפֿן װעלכע האָבן אױפֿגעלעבט די װעלט פֿון זוהר. אָבער זײער תּמצית איז אין תּוך אײן און דער זעלבער: דער בשׂר ודם, װאָס איז באַגרענעצט אין געדאַנק און צוגעבונדן צו צײט און אָרט, טראָגט דאָך אין זיך די באַװעגונג און דעם אָטעם פֿון אין־סוף. הונדערט יאָר פֿאַר בערגסאָן, טאָקע דעמאָלט אַן ערך, װען עס האָט געלעבט און געװירקט זײן עלטער־באָבע, די אױבן דערמאָנטע טעמערל, האָט רבי נחמן בראַצלאַװער אין די װוּנדער־מעשׂהס, װאָס ער האָט דערצײלט פֿאַר זײן עולם חסידים, באַװיזן אױף זײן אײגנטימלעכן שטײגער, אַז אין אונדזער װעלט איז פֿאַרװישט די גרענעץ צװישן פֿאַנטאַזיע און װאָר; אַז אױך אין דער גרױער טאָג־טעגלעכקײט פֿון אונדזער האָװעניש פֿולסירט די טיפֿקײט פֿון דער מיסטיק, און אַז אַפֿילו, װען מיר שפּרײזן פֿון ברעג צו ברעג, פֿון פֿאַרשטעלונג צו װירקלעכקײט, געפֿינען מיר זיך כּסדר אין דער ספֿערע פֿון אומבאַגרײפֿלעכן סוד.

אָבער — און דאָ קומט דער קוריאָז — אַנרי בערגסאָן האָט געהאַלטן, אַז ייִדנטום איז „טרוקן", „קאַלט", „ניכטער"; און אױב די נביאים האָבן נאָך פֿאַר־צײטנס געקלעטערט צו דער מיסטעריע פֿון גאָט און מענטש, האָבן זײ אָבער נישט געפֿונען קײן נאָכפֿאָלגער צװישן ייִדן אין די שפּעטערדיקע תּקופֿות. צו די הױכע שטאַפּלען פֿון דער מיסטיק, האָט, לױט בערגסאָן, דערגרײכט דער קאַטױ־לישער גלױבן; אין דער עמקות פֿון סוד גראָבן זיך אַרײַן די קאַטױלישע דענקער. נישט װיכטיק איז, צי אַנרי בערגסאָן האָט זיך געשמדט אָדער ער איז אָפֿיציעל פֿאַרבליבן אַ ייִד. אױך װעגן דעם קורסירן פֿאַרשידענע װערסיעס. אַנטשײדנדיק איז אָבער אין דער טעמע, װאָס מיר באַהאַנדלען, די דורכױס־פֿאַלשע אינטער־פּרעטאַציע װאָס ער האָט געגעבן דער ייִדישער גײַסטיקײט. מיט אַ קלײן ביסל אָנשטרענגונג, װאָלט ער געקענט דערזען, אַז ייִדישקײט איז אין אַלע צײטן געװען שטאַרק פֿאַרטון אין דער מיסטעריע פֿון הימל און ערד, און אַז די מיסטיק, װאָס ער האָט אַזױ שטאַרק פֿאַרהערלעכט אין דער קאַטױלישער קירך, איז פֿאַקטיש אַרײַנגעדרונגען דאָרט אַהין פֿון ייִדישע מקורות.

דער אומבאַפֿרידיקטער נשמה־דורשט, װאָס איז פֿאַר אים דאָס װעזנטלעכע אין דער מענטשלעכער פּערזענלעכקײט, האָט זיך נישט אָפּגעטון פֿון אונדזער שאַפֿן מיטן אָפּשלוס פֿון תּנ"ך. זי פֿולט אױס, קען מען זאָגן, דעם גאַנצן ייִדישן ספֿר הדורות. אַפֿילו דער ראַציאָנאַליזם פֿון סעדיה גאון און פֿון רמב"ם איז שפּאַרלעך איבערגעטריבן געװאָרן, װאָרום אױך זײ האָבן זיך אַװעקגעלאָזט אױף די סאַמע־אומדערװאַרטסטע װעגן און שטעגן, און אױך זײ האָבן, אין אָנבליק פֿון די פּראָבלעמען און פֿראַגעס, פֿאַר װעלכע זײ האָבן נישט געפֿונען קײן באַשײד,

אַן קווענקלענישן אָנגעצייכנט די גרויסע ראָל, וואָס עס פֿאַרנעמט די אינטויִציע אין פּראָצעס פֿון לעבן. די וויזיע פֿון הימלישן רייטוואָגן, וואָס מיט איר עפֿנט אויף יחזקאל דעם ספֿר פֿון זיינע נבֿואות, קוקט אַרויס פֿון יעדן בלאַט פֿון אונדזער פֿאַרגאַנגענהייט, און איז אויך אַ באַשטאַנד־טייל פֿון אונדזער קעגנוואַרט. דאָס איז דער רייטוואָגן אין וועלכן עס זענען איינגעשפּאַנט פֿיר טויזנט יאָר ייִדישע געשיכטע. און עס ווייזט זיך נישט אויס, אַז דאָס זאָל זיין אַנדערש אין דער צוקונפֿט. עס איז בכן מאָדנע, אַז בערגסאָן האָט באַמערקט די שוועבנדיקע פֿליגל פֿון דער מיסטעריע אין קאַטוילישקייט, און ער האָט נישט געפֿילט, אַז אַפֿילו די מיסטיק פֿון וועלכער ער איז געפֿאַנגען געוואָרן, איז אין תּוך בלויז אַן אָפּשפּיגלער פֿון דער ייִדישער קבלה.

וואָסערע עלעמענטן פֿון דער ייִדישער מחשבֿה געפֿינען זיך אין די טעאָריעס פֿון זיגמונט פֿרויד, איז אַ טעמע פֿאַר דיסקוסיע. דאָס שאַרפֿע ליכט, מיט וועלכער פֿרויד איז אַריינגעדרונגען אין מענטשלעכן אונטערבאַוווסטזיין, די קאָמפּליצירטע וועלט פֿון חלומות, וואָס ער האָט פּרובירט מאַכן נאָענט און פֿאַרשטענדלעך, צי האָט דאָס אַלץ וואָסער עס איז שייכות מיט די שיטות פֿון דער ייִדישער גייסטי־קייט? אַ ייִדישער געלערנטער, דוד בייקאַן, האָט אין אַ בוך, וואָס איז דערשינען מיט אייניקע צענדליק יאָר צוריק אין פּרינסטאָן, באַמיט זיך צו באַווייזן, אַז אין פֿרוידס טעאָריעס זענען פֿאַראַן גאָר שטאַרקע השפּעות פֿון דער לערע פֿון ייִדנ־טום. אויב אַפֿילו מען זאָל אָננעמען, אַז אָט־די הנחה איז שפּאַרלעך איבערגע־טריבן, לאָזט זיך פֿאַרט נישט פֿאַרלייקענען, אַז דער עצם אַנאַליז פֿון דער אינער־לעכער וועלט פֿון מענטש, דער געראַנגל צווישן באַוווסטזיין און אונטערבאַוווסט־זיין, דער דראַנג צו דערקענען זיך אַליין און די עקבערנדיקע אומצופֿרידנקייט מיט זיך אַליין, האָבן נאָך געפֿונען זייער מעכטיקן אויסדרוק אין די אוראַלטע מקורות פֿון ייִדנטום און ציִען בכלל פֿון דאָרט זייער יניקה. פֿינף הונדערט יאָר פֿאַר סאָקראַטעס האָט דער נביא נתן, אין אַ דראַמאַטישן צונויפֿטרעף מיט דוד המלך, געצוווּנגען, אין אַן אויפֿטרייסלענדיקן שמועס, דעם קעניג, אַז ער זאָל זיך אַריינשניידן מיט דער שאַרפֿקייט פֿון מעסער אין זיין אייגענעם געוויסן און אויפֿ־דעקן זיינע אינערלעכע, פֿאַרבאָרגענע איבערלעבונגען אין זייער גאַנצער נאַקעט־קייט. דריי הונדערט יאָר פֿאַר פּלאַטאָן האָבן ישעיהו און הושע געגראָבן טיף אין דער מענטשלעכער פּסיכיק. דער עצם פּרוּוו אויסצוטייטשן אויף אַן אַלעגאָרישן אופֿן די סענטימענטן און עמאָציעס, וואָס פּולסירן אין אונדז און צו זוכן אַ סימבאָלישע דערקלערונג פֿאַר די אוראַלטע כראָניק־געשיכטעס, וואָס זענען איבערגעגאַנגען פֿון דור צו דור — אַ מעטאָד, מיט וועלכן פֿרויד האָט זיך באַנוצט מיט אַזוי פֿיל סובטעלער ראַפֿינירטקייט אין זיינע פֿאָרשונגען — דאַרף צוגע־שריבן ווערן דעם ייִדישן דענקער פֿון אַלעקסאַנדריע אין דער צייט, ווען אַלעק־סאַנדריע איז געווען די הויפּטשטאָט פֿון העלעניזם, פֿילאָן. דאָס האָט פֿילאָן אַריינ־

געברענגט אין דער פילאָסאָפיע דעם סימבאָלישן אויסטייטש פון דער רעליגיעזער דערפאַרונג. דאָס האָט ער אַרגומענטירט, אַז דער סימבאָל איז אין תּוך רעאַליטעט, און אַז ער זאָגט עדות אויף דער ווירקלעכקייט, מער ווי די ווירקלעכקייט אַליין.

פרויד האָט, מוז מען צוגעבן, אַרויסגעפירט דעם סימבאָל פון דער מיטאָ־לאָגישער אָדער רעליגיעזער ראַם און אים אַריינגעפּאַסט אין דער אַלץ־אַרומ־נעמענדיקער מענטשלעכער פּסיכיק. אָבער אויך ביי פילאָנען איז די טעמע פּאַקטיש — די מענטשלעכע נשמה, איר שטרעבן און בענקען, איר אומרו און פּיין, איר געזאַנג און געוויין. עס איז נישט צו גלויבן, אַז פרויד, וועלכער האָט אין זיין יוגנט פאַרקערט אין קרייזן, וואָס זענען געווען באַהאַוונט אין דער ייִדישער טראַדיציע, זאָל גאָרנישט האָבן געוווּסט וועגן דער געוואַלטיקער השפּעה, וואָס די ייִדישע מחשבה האָט אויסגעאיבט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מענטש־לעכער קולטור. שוין דער בלויזער פאַרמעסט אַוועקצושטעלן דעם מענטש אין צענטער פון אַלע פאָרשונגען, איז ייִדיש דורך און דורך. דער תּנ״ך איז נישט קיין חקירה איבער גאָט; דער תּנ״ך איז מיט גאָרנישט ענלעך צו די אַלטע גריכישע שאַפונגען, וואָס זענען פול מיט שילדערונגען וועגן די געטער און האַלבע געטער, וועלכע פּרוכפּערן זיך אין די בערג, אין די וועלדער און אין די וואַסערן, און ער לאָזט זיך אויך נישט פאַרגלייכן מיט דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע, וואָס קאָן נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט קומען צו קיין טאָלק וועגן וועזן פון גאָט; דער תּנ״ך איז געווידמעט דעם מענטש, זיינע ראַנגלענישן און דערגרייכונגען, זיינע בלאָנדזשענישן און אומקער, זיינע ירידות און עליות. אַפילו דער דיאַלאָג צווישן קערפּער און גייסט — און צו אַזאַ דיאַלאָג שטרעבט דאָך אייגנטלעך צו דערגיין פרוידס פּסיכאָאַנאַליז — איז אַריינגעפירט געוואָרן אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור דורכן ייִדישן משורר פון מיטלאַלטערלעכן שפּאַניע שלמה איבן־גבירול. אין אַ מאָמענט פון זעלבסט־אַנאַליז האָט פרויד טאַקע מודה געווען, אַז דער פאַרמעסט זיך צו גריבלען אין דעם אָפּגרונט פון דער מענטשלעכער פּסיכיק איז צו אים געקומען פון ייִדנטום. די נאַציס, וואָס צוליב זיי איז פרויד געצוווּנ־גען געווען צו אַנטלויפן פון ווין אין די יאָרן פון דער בושעווענדיקער אַנטי־ייִדישער וואַקכאַנאַליע, האָבן אים מעגלעך באַוויזן צו מאַכן דעם דאָזיקן חשבון־הנפש. פאַר די נאַציס איז נישט בלויז דער שעפער פון דער טעאָריע פון פּסיכאָ־אַנאַליז געווען אַ ייִד; זיי האָבן זיין גאַנצע לערע באַטראַכט, ווי אַ „פּראָדוקט פון ייִדישן גייסט“.

און דאָך — און אין דאָזיקן פאַל רירן מיר ווידער אָן דעם אויסטערלישן קוריאָז — זיגמונט פרויד, וועלכער האָט באַוויזן אויפצודעקן די דינסטע ניואַנסן פון דער מענטשלעכער נשמה, איז גלייכצייטיק דער מחבר פון אַ האַמעטנער און אומגעלומפּערטער טעאָריע, לויט וועלכער עס קומט אויס, אַז די אידייע — וואָס ווערט זינט יאָרטויזנטער באַטראַכט ווי אַן אָריגינעל־ייִדישע — דער גלויבן אין

איין־און־איינציקן אוניווערסאַלן גאָט, איז גאָר געבוירן געוואָרן צווישן פֿאָלק פֿון די פּרעהס. די עגיפּטער האָבן אויסגעטראָגן דעם מאָנאָטעיִזם, און נישט, ווי מען מיינט איבעראַל, די ייִדן. אין דער תּקופֿה, ווען די ייִדישע שקלאַפֿן האָבן אויפֿגעבויט פּיתום ורעמסס אין מצרים, האָבן זיי צוזאַמען מיט די ליים און ציגל, אויסגעקנאָטן די אמונה אין נישט־געזעענעם גאָט, וואָס איז געווען אַן עגיפּטישער פּראָדוקט. משה רבנו איז, לויט זיגמונט פֿרויד, נישט געווען דער זון פֿון עמרם און יוכבד, נאָר אַן עגיפּטישער פּרינץ, און ער האָט זיין פּערזענלעכקייט און לערע אויסגעבאָרגט ביי די עגיפּטער. דאָס פֿאָלק פֿון די פּרעהס איז מסוגל געווען אויסצופֿאָרמירן די וויזיע פֿון איינציקן גאָט, אָבער נישט די קינדער פֿון אַברהם, יצחק ויעקב. פֿרוידס ווערק וועגן משה רבנו איז פֿול מיט אַבסורדן, וואָס ווערן אָפּגעלייקנט סיי פֿון דער געשיכטע, סיי פֿון דער פּסיכאָלאָגיע, און עס צווינגט צו פֿאַרטראַכטן זיך איבער די טונקעלע שאַטנס, וואָס האָבן זיך משמעות אויסגעלייגט אין דער ייִדישער נשמה פֿון שעפֿער פֿונעם פּסיכאָאַנאַליז.

מען האָט אַ ברירה צו זיין אַן אַנטשיידענער קעגנער פֿון דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע, וואָס אויף איר בויט קאַרל מאַרקס אויס זיינע רעוואָלוציאָנערע אידייען; מען האָט אַ ברירה צו האַלטן, אַז מאַרקס האָט צו־שטאַרק אונטערגעשטראָכן די באַדייטונג פֿון די עקאָנאָמישע פֿאַקטאָרן אין די געשיכטלעכע פּראָצעסן פֿון דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט. אָבער מען טאָר נישט פֿאַרלייקענען, אַז אַ סך פֿון די באַהויפּטונגען, וואָס ער האָט געמאַכט, און בעיקר זיין ליידנשאַפֿטלעכער רוף צו שאַפֿן אַ נייעם גערעכטן סאָציאַלן סיסטעם, ציִען זייער שורש פֿון דעם היסטאָרישן ייִדישן שטורעם און דראַנג קעגן רשעות און אונטערדריקונג. די פֿאָדערונג איינצופֿלאַנצן גערעכטיקייט אין די באַציִונגען צווישן מענטש און מענטש, האָט, באַנוצנדיק זיך מיט אַ פֿראַזע פֿון היינריך היינע, אַ דייטלעכן ייִדישן אַקצענט. שוין אין חומש איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער פּרינציפּ פֿון גלייכקייט פֿון מענטשלעכן מין, און שוין פֿון דאָרט גייט זיך פֿונאַנדער דער פּראָטעסט קעגן אומרעכט, און עס איז געמאָנט געוואָרן די יושרדיקע באַהאַנדלונג פֿון אָרעמען און שוצלאָזן. אַלע מענטשן האָבן דאָס רעכט צו געניסן פֿון די ברכות פֿון לעבן — אָט דער פֿונדאַמענטאַלער אמת, וועלכער האָט געשטויסן מאַרקסן אונטערצונעמען זיין קאַמף לטובת די באַעוולהטע אַרבעטער־מאַסן, איז שוין אין באַגינען פֿון דער ייִדישער געשיכטע אויסגעקריצט געוואָרן אין די לוחות פֿון סיני, אין יענעם פֿערטן געבאָט, ווו עס ווערט קלאָר געזאָגט, אַז דער וועכנטלעכער רו־טאָג איז איינגעפֿירט געוואָרן, כּדי אַלע זאָלן זיך אין אים קענען אָפּפֿרישן נאָך זייער אַרבעט, דער שקלאַף און די דינסט, דער אייגענער און דער פֿרעמדער. דער דאָזיקער אמת איז אויפֿן סאַמע־דייטלעכסטן אופֿן דערקלערט געוואָרן אין אַזוי פֿיל פּסוקים פֿון חומש, וואָס צייכענען אָן, אַז מען מוז דעם אַרבעטער באַצאָלן פּינקטלעך זיין לוין און אויך, אַז דער לוין מוז צוגעטיילט

ווערן מיט גערעכטיקייט. „דו זאָלסט נישט אָפּלייגן דאָס באַצאָלן דעם אַרבעטער זיין געהאָלט ביזן פאָלגנדיקן פרימאָרגן״ (ויקרא י״ט, י״ג). „דו זאָלסט נישט באַרויבן דעם געדונגענעם אַרבעטער און דעם אָרעמאַן, אייגענע אָדער פרעמדע, באַצאָל דעם אַרבעטער זיין לוין, און וואַרט נישט ביז זון־אונטערגאַנג, וואָרום ער איז אָרעם און נויטבאַדערפטיק״ (דברים כ״ד, י״ד־ט״ו). דאָס געזעץ פון שמיטה האָט פּאַקטיש ליקווידירט פּריוואַט־אייגנטום. די תבואה פון פעלד, וואָס האָט דאָך געהאַט אַן אייגנטימער, האָט באַדאַרפט אבערגעלאָזט ווערן הפקר־פריי פאַר די אָרעמע מאַסן פון פאָלק (שמות כ״ג, י״א). דאָס שמיטה־געזעץ האָט אַפילו פאַרווערט אויפצומאָנען חובות (דברים ט״ו, ב׳). די יובל־אינסטיטוציע האָט איינגעהעמערט אין באַוווסטזיין פון די לאַנד־באַזיצער, אַז דאָס לאַנד וואָס זיי פאַרמאָגן, איז בכלל נישט זייער אייגנטום (ויקרא כ״ה, כ״ג). די דאָזיקע, און נאָך אַן אַ שיעור אַנדערע געבאָטן, וועלכע זענען פאַרשריבן אין אונדזערע אוראַלטע פאַרמעטן, קאָנען נאָך עד־היום דינען ווי אַ מוסטער פון דער פּראָגרעסיווער סאָציאַלער געזעצגעבונג. דער ענטוזיאַזם איינצושטעלן אַ יושרדיקע אָרדענונג אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט, איז דער לייטמאָטיוו פון גאַנצן תנ״ך. קיינער פון די טריבונען פון סאָציאַליזם האָט נישט אויסגעדריקט מיט שטאַרקערן צאָרן זיין ווייטיק פון די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי די אַרבעטער און פויערן, ווי דאָס האָבן געטאָן די נביאים. קיינער האָט נישט באַנוצט קיין שאַרפערע שפּראַך. ישעיהו האָט געטאַדלט די רייכע, „וואָס באַגזלענען און צעמאָלן, ווי מיט מילשטיינער, די אָרעמע מענטשן״ (ישעיה ג׳, י״ד־ט״ו). מיכה האָט אַ פאַרביטערטער געשליידערט זיין באַשולדיקונג קעגן די, וואָס עקספּלואַטירן אומברחמנותדיק דעם עלנטן מענטש. די רייכע, האָט ער אָפן געזאָגט, זענען אָנגעפילט מיט רויב (מיכה ו׳, י״ב). יחזקאל האָט פאַרגליכן די געלט־גייציקע צו די בייזע וועלף, וואָס פאַרצוקן און פאַרגיסן בלוט (יחזקאל כ״ב, כ״ז).

אויף דער מצבה פון קאַרל מאַרקס אין לאָנדאָן זענען אויסגעקריצט די ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין ווערק „די טעזע וועגן פויערבאַך״: „די פילאָסאָפן האָבן בלויז אינטערפּרעטירט די וועלט אויף די פאַרשידנסטע אופנים; דאָס פּראָבלעם איז — ענדערן די וועלט״. מיט אָט דער פראַזע, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר מאַרקסן און פאַר זיין רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, האָט דער בויער פון סאָציאַליזם אויסגעדריקט זיין ווידערווילן צו די, וואָס דרעשן פוסטע מליצות און וואַרפן זיך נישט אין אַקטיוון קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן פאַרן מענטש, אַפילו ווען דאָס זאָל זיין פאַרבונדן מיט ברענגען אַ פּערזענלעכן קרבן. אָבער די ייִדישע נביאים זענען דווקא יאָ, אין זייער טאָג־טעגלעכן אומדערמידלעכן געראַנגל, פאַרבליבן געטריי צום וואָרט, וואָס זיי האָבן געטראָגן צום

פאָלק. זיי זענען אַריינגעשפּרונגען אָן מורא אין די פלאַמען פון אומצופרידנקייט, וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן, און געשטרעבט טאַקע אויף אָן אמת צו ענדערן געזעל־שאַפט, מענטש, סיסטעם. עמוס, דער פּאַסטוך פון תקוע, איז באַשולדיקט געוואָרן דורכן קעניגלעכן הויף, אַז ער האָט אָרגאַניזירט אַ בונט קעגן דער הערשנדיקער אָרדענונג, און עמוס האָט נישט אָפּגעלייקנט די באַשולדיקונג, וואָס איז קעגן אים אַרויסגערוקט געוואָרן. מיט רירנדיקן מוט האָט ער אויסגערופן: „אָ, איר, וואָס זעטיקט זיך אָן מיט דער האַרעוואַניע פון אָרעמען; אָ, איר, וואָס פאַרניכטעט דעם עלנטן מענטש; צי וועט צוליב אייערע פאַרברעכנס נישט אויפציטערן די ערד?" ירמיהו האָט זיך אָוועקגעשטעלט, ווי דאָס ווערט דערציילט אין קאַפּיטל כ"ב פון זיין ספר, ביים אַריינגאַנג צום קעניגלעכן פּאַלאַץ אין ירושלים, און געוואָרנט דעם קעניג און זיינע מיניסטאָרן קעגן די שרייענדיקע סאָציאַלע עוולות, וואָס זיי טוען אָפּ: „ווייַ צו די, וואָס בויען פאַר זיך אויס הערלעכע פּאַלאַצן, אָבער זייער פונדאַמענט איז אומרעכט, ווייל זיי באַצאָלן נישט דעם אַרבעטער זיין לוין, זיי עקספּלואַטירן דעם מיטמענטש, און זייערע אויגן און האַרץ זענען אַריינגעטאָן אין אָנקלייבן פאַרמעגן, אין פאַרגיסן אומשולדיק בלוט, אין באַגיין רויב־אַקטן און פאַרברעכנס"... ירמיהו איז, טאַקע צוליב זיין געוואַגט־קייט, אַריינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה. פון משה ביז מלאכי, דעם לעצטן פון די נביאים, טראָגט זיך פונאַנדער איבער די קאַפּיטלען פון תנ"ך אָט די אומ־דערשראָקענע, אָנטשיידענע פאָדערונג צו ענדערן די וועלט. אויך אין צענטער פון דער לערע פון לעצטן פון די נביאים שטייט די זאָרג פאַרן אויפבוי פון אַ געזעלשאַפט, ווו מען וועט מער נישט באַוועלהנען דעם אַרבעטער, ווו מען וועט מער נישט פאַרקריפּלען רעכט און גערעכטיקייט און עס וועט רעספּעקטירט ווערן די ווירדע פון מענטש (מלאכי ג, ה). אויב עס איז ריכטיק, וואָס ראַלף עמערסאָן זאָגט, אַז ערשט די אומצופרידנקייט זאָגט עדות אויפן אויטענטישן מענטש, זענען די נביאים געווען די, וועלכע האָבן געוויזן דעם וועג צו געוויסן־אויפרודערנ־דיקער אומצופרידנקייט.

די געוואַלטיקע ערודיציע פון קאַרל מאַרקס רופט נאָך עד־היום אַרויס אונדזער באַוווּנדערונג. און עס איז קוים מעגלעך צו גלויבן, אַז ער זאָל נישט האָבן מיט דער גאַנצער אויפמערקזאַמקייט געלייענט דעם תנ"ך, און אַז ער זאָל נישט האָבן געוווּסט די אַלע פּרטים, וואָס זענען דורך אונדז אָנגעגעבן געוואָרן אין שייכות מיטן אויסגעשריי פאַר אַ יושרדיקער געזעלשאַפט, וואָס הויבט זיך אויף אין די כתבי הקודש. מען קען נאָך אָננעמען, אַז מאַרקס האָט ווייניק וואָס געוווּסט וועגן תלמוד און ער איז נישט געווען באַהאַוונט אין אינהאַלט פון זיינע מסכתות. אָבער די ביבל האָט ער זיכער געלערנט אין דער דייטשער עוואַנגע־לישער מיטלשול, ווו ער האָט באַקומען זיין אויסבילדונג. אָן שום ספק זענען אים אויך גוט באַקאַנט געווען די שריפטן פון זיינע פאָרגייער, די טרוימער פון

אוטאָפּישן סאָציאַליזם, ווו פּסוקים פון תּנ״ך זענען אָנגעוואָרפן אָן אַ צאָל און ווו די וויזיע פון די ייִדישע נביאים האָט געדינט ווי דער יסוד פאַרן אידעאַל פון נייעם מענטש. ערשט אַנומלט האָט דער פראַנצויזישער שרייבער יאַנעסקאָ זיך אויסגעדריקט, אַז עס איז נישט מעגלעך צו באַגרייפן מאַרקסן אָן תּנ״ך. און זלמן שזר האָט אין אַן עסיי וועגן מאַרקסן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די צוואַנ־ציקער יאָרן (אַגב, אין ייִדיש) געשריבן, אַז עס וואָלט געווען דורכויס פאַלש נישט צו נעמען אין באַטראַכט די אַנטשיידנדיקע השפּעה, וואָס דער אייפער פון די נביאים קעגן די טיראַנען און זייער ברויזנדיקער צאָרן קעגן אומרעכט, האָבן איבערגעלאָזט אין די אידייען, וואָס מאַרקס האָט פּראָקלאַמירט. דער דורותדיקער ייִדישער משיח־אידעאַל, די נישט־אויסגעלאָשענע בענקשאַפט נאָך אויסלייזונג, דער ייִדישער פּעלזן־פעסטער גלויבן אין נצחון פון דער גערעכטיקייט, קלינגען אָפּ, האַלט שזר, מיט אַ שטאַרקן ווידערקול אין לעבן און ווירקן פונעם פאָטער פון דער מאָדערנער סאָציאַליסטישער באַוועגונג; און פון דעם ייִדישן אויסקוקן אויף דער גאולה, פּירט אַ מיסטעריעזער שליאַך צו זיין קוואַל פון חלומות.

און דאָך — און ווידער אַ מאָל שטייען מיר דאָ אויג אויף אויג מיט אַ שטוינענדיקן קוריאָז — נישט געקוקט אויפן דייטלעך־אָנזעעוודיקן פאָדעם, וואָס ציט זיך פון די אוראַלטע געבאָטן פון חומש ביז צו דעם אידעאַל פון וועלכן מאַרקס איז צעגליט געוואָרן, האָט קאַרל מאַרקס נישט בלויז נישט אָנערקענט, אַז אין דער לערע פון ייִדנטום און צווישן ייִדישן פאָלק איז אויסגעוואַקסן און רייף געוואָרן דער רוף צו רעכט און סאָציאַלער גערעכטיקייט, נאָר ער האָט אויך אויף אַ פאַלשן אופן פאַרגעשטעלט ייִדישקייט און ייִדישע קולטור. קאַרל מאַרקס האָט אין אָפּשטויסנדיקע שוואַרצע פאַרבן געמאָלן דאָס פאָלק פון וועלכן ער אַליין האָט געשטאַמט.

ב.

די טענדענציעזע געשיכטע־שרייבער פון סאָוועט־רוסלאַנד מעגן מער נישט דערמאָנען דעם ייִדישן אָפּשטאַם פון קאַרל מאַרקס; אָבער דער פאַקט לאָזט זיך נישט פאַרלייקענען: דער שעפער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם „איז געווען פון ריינסטן ייִדישן בלוט״, ווי עס האָט זיך אויסגעדריקט זיין נאָענטער פריינד און מיטבויער פון דער סאָציאַליסטישער אידייען־וועלט, פרידריך ענגעלס. ער האָט געשטאַמט פון גרויסן ייִדישן ייִחוס. פון משפּחה־בוים פון זיין פאָטער — און זיין נאָמען איז געווען הערשל הלוי — שייַנען אַרויס באַרימטע רבנים. און ראשי־ישיבות, וועלכע זענען געשטאַנען אין אויבן אָן פון דער ייִדישער גייסטי־קער פּאַדואַ, אין מינץ, אין קראָקע. אויך אין דער משפּחה פון זיין מוטער,

העגריעטאַ פּרעסבאָרג, האָבן פיגורירט רבנים פון אונגאַרן און האָלאַנד. הערשל הלוים פֿאָטער איז געווען רב אין טריער, אין רהיין־געביט פון דייטשלאַנד, טאָקע דאָרט, ווו קאַרל מאַרקס איז געבוירן געוואָרן. העגריעטאַס פֿאָטער איז געזעסן אויפן כּסא הרבנות אין ניומינגען, האָלאַנד. אָבער צוליב דעם פּרייסישן אַנטיסע־מיטישן געזעץ, וועלכער האָט ליקווידירט די ליבעראַלע טענדענצן, וואָס האָבן געהאַט אַריינגעדרונגען אין דייטשלאַנד אונטערן איינפלוס פון די נאַפּאָלעאָן־נצחונות — און פאַרווערט ייִדן זיך צו פאַרנעמען מיט יוריספּרודענץ — האָט הערשל הלוי מער נישט געקענט פּראַקטיצירן זיין פּראָפעסיע פון אַדוואָקאַט. דערפאַר איז ער אַריבערגעגאַנגען צום פּראָטעסטאַנטישן גלויבן און געענדערט זיין נאָמען אויף היינריך מאַרקס. ער האָט אויך אָפּגעטויפט זיין פרוי און קינדער. קאַרל מאַרקס איז דאַן אַלט געווען זעקס יאָר. דאָס איז געווען אַ שמד „אויס איבערצייגונג", לויט דער באַקאַנטער ציניִשער באַמערקונג פון משומד פון רוסלאַנד, פּראָפעסאָר דניאל כוואָלסאָן, וועלכער האָט געזאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט זיך געשמדט, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז עס איז באַקוועמער צו זיין פּראָפעסאָר אויפן אוניווערסיטעט אין פּעטערבורג איידער מלמד אין איישישאָק...
עס איז צו פאַרשטיין, אַז דער שמד פון הערשל הלוי איז אויפגענומען געוואָרן מיט טרויער דורך דער מיוחסדיקער און טראַדיציע־פאַרוואָרצלטער משפחה. אויך זיין ברודער איז געווען רב אין טריער. זינט דעם אָנהויב פון זיבעצנטן יאָר־הונדערט זענען מיטגלידער פון דער דאָזיקער פאַמיליע געווען די גייסטיקע מנהיגים פון דער קהילה.

צום באַדויערן איז שמד צו יענער צייט, מיט אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערט צוריק, געווען אַ פּאָפּולערע דערשיינונג צווישן דייטשן ייִדנטום. די אַסימילאַציע האָט געלאָקט. די יסודות פון ייִדישקייט האָבן זיך געקרישלט. מען איז גרייט געווען צו באַצאָלן יעדן פּרייז פאַר אַן אַריינטריט־בילעט אין דער דייטשער געזעלשאַפט. און דער פּרייז איז קודם־כּל געווען: אָננעמען די קריסטלעכע רעלי־גיע. פיל טאַלענטירטע זין פון אונדזער פאָלק האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג פון פאַרראַט. אָבער עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס דאָס געוויסן האָט זיי געפּייניקט נאָך דעם, ווי זיי האָבן זיך פאַרשאַפט די טויף־צייגעניש. לודוויג בערנע האָט, בכדי אויסצוקויפן כאָטש אין אַ קליינער מאָס זיין זינד, זיך אַריינגעוואָרפן אין ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג. היינריך היינע האָט אויפגעדעקט די ווונדן פון זיין חרטה, און געהאַפט זיך צו באַפרייען פון די ברענענדיקע פאַרוואורפן, וואָס האָבן געוויבט זיין רו, דורך זיינע ווידוי־אויסברוכן, אין וועלכע ער האָט פאַרזיכערט, אַז ער איז דאָך אין זיין נשמה פאַרבליבן געטריי צו דעם גאָט פון ישׂראל. היינריך היינע און קאַרל מאַרקס זענען געווען פאַר־בונדן מיט אַ נאָנטער פריינדשאַפט. אין אַ בריוו, וואָס היינע האָט געשריבן מאַרקסן, האָט ער אונטערגעשטראָכן די בשותּפותדיקייט פון אידייען, וואָס טרעט

אַרויס אין זייער שאַפן. אָבער וואָס שייך ייִדנטום און ייִדישקייט, זענען זיי זיך שאַרף פונאַנדערגעגאַנגען אין זייער דענקען.

שוין בלויז די באַמערקונגען, וואָס קאַרל מאַרקס האָט געלאָזט פאַלן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, באַווייזן, אַז ער האָט זיך באַצויגן צו ייִדישקייט מיט גרינגשאַצונג. ער האָט געטראָגן אין זיך אָן אַ שיעור פאַראורטיילן צו דעם גלויבן און לעבנס־שטייגער פון זיינע זיידעס. אָט דער ווידערווילן קומט צום אויסדרוק גאָר אָפט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ. אין אַ בריוו צו ענגעלסן, אין וועלכן ער דערציילט וועגן זיין באַזוך אין ראַמסגייט אין ענגלאַנד, גיט ער צו, אַז „ראַמסגייט איז פול מיט ייִדן און פליגן". בעת ער וויל אָפּשפּאָטן פונעם וועג אין סאָציאַליזם, וועלכן עס האָט פאַר זיך אָפּגעקליבן פערדינאַנד לאַסאַל, האַלט ער פאַר וויכטיק צוצוגעבן די באַצייכענונג: „דער ייִד לאַסאַל", און צו ווידמען אויפמערקזאַמקייט דעם קאָליר פון זיינע האָר און דער פאָרם פון זיין קאָפּ. ער האָט גערעדט מיט סאַרקאַזם וועגן דער ייִדישער רעליגיע, און דער פאַקט וואָס זי דרינגט אַריין אין אַלע ווינקלען פון לעבן — און נעמט אַרום אויך די פּיזישע געברויכן פון מענטש — איז פאַר מאַרקסן געווען נעגאַטיוו. אַזאַ שטייגער מאַנאָטעיִזם, האָט ער געזאָגט, באַקומט אַ פּאָליטעיִסטישן כאַראַקטער. אין די אַרטיקלען וואָס ער פלעגט פאַרעפנטלעכן אין „ניו־יאָרק דעילי טריביון", די צייטונג ווו ער האָט מיטגעאַרבעט ווי דער קאָרעספּאָנדענט פון אייראָפּע, האָט ער נישט פאַרפעלט אונטערצושטרייכן, אַז די ייִדישע באַנקירן, די ראָטשילדס, זענען דער עיקר־אָנשפּאַר פון דער אייראָפּעיִשער רעאַקציע. דאָ און דאָרט קאָן מען אין זיינע אַרטיקלען באַגעגענען אויך אַנדערע נעגאַטיווע אָנצוהערענישן בנוגע ייִדן. אָבער אומזיסט וועט איר אין זיי זוכן אַ וואָרט פון מיטגעפיל פאַר די ייִדישע מאַסן אין מזרח־אייראָפּע, וועלכע האָבן דאַן געליטן פון גזירות און רדיפות און געלעבט אין אַ מצב פון אָרעמקייט. אין אָנהויב פון די אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט האָבן געשטראָמט קיין ענגלאַנד ייִדישע פּליטים פון צאַרישן רוסלאַנד, קרבנות פון דער פּאָגראָמען־כוואַליע. מאַרקס האָט דאַן געוווינט אין לאָנדאָן. פיל ענגלענדער־קריסטן האָבן אויפגעהויבן זייער שטימע פון סאָלידאַריטעט מיט די געיאָגטע און געפּלאָגטע. קאַרל מאַרקס האָט נישט רעאַגירט אין אָנבליק פון דער ייִדישער טראַגעדיע.

נאָך מער אויפשווידערנדיק איז די עסיי, אין וועלכער מאַרקס האָט באַהאַנדלט די ייִדן־פראַגע, און וואָס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1844 אין די „דייטש־פראַנצויזישע יאָרביכער", וועלכע זענען דורך אים רעדאַגירט געוואָרן אין פּאַריז. די דאָזיקע אָפּהאַנדלונג האָט מיך צערודערט, ווען איך האָב זי געלייענט צום ערשטן מאָל מיט יאָרן צוריק. אָבער ווען איך האָב זי ווידער איבערגעלייענט לעצטנס, נאָך דער מוראדיקער דערפאַרונג, וואָס אונדזער פאָלק האָט אַדורכגעמאַכט אין דער תּקופה פון נאַצי־שווידער, האָט זי מיך ממש צונויפגעדריקט און

פאַרקלעמט. אַפילו ווען מיר זאָלן אָננעמען, אַז ראָבערט פּעין אין זיין מאַרקס־ביאָגראַפיע טרייבט איבער, ווען ער שרייבט, אַז „די לייזונג, וואָס מאַרקס האָט פאָרגעלייגט פאַר דער ייִדן־פראַגע איז נישט פיל אַנדערש, ווי די לייזונג פון אַדאָלף היטלער, וואָרום ביידע האָבן געוואָלט פאַרניכטן דאָס ייִדנטום”, מוזן מיר דאָך אָנערקענען, אַז גאָר אַ סך אַרגומענטן, וועלכע זענען באַנוצט געוואָרן אין דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע קעגן ייִדן, און וואָס האָבן באַדאַרפט „באַרעכטיקן” די אויסראָטונג פון ייִדישן פאָלק, געפינען זיך דאָרט, אין דער דאָזיקער עסיי פון קאַרל מאַרקס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „צו דער ייִדן־פראַגע”.

אָנהויבן הויבט זיך אָן די אָפּהאַנדלונג מיט דער טעזע, צי עס איז נויטיק צו באַפרייען די ייִדן פון צושטאַנד פון אומרעכט, אין וועלכן זיי געפינען זיך לויט די אָפיציעלע ווערסיעס, און זי האָט באַדאַרפט זיין אַ פּאָלעמיק מיטן דייטשן טעאָלאָג און היסטאָריקער ברונאָ באַוער, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער באַדינג פון גלייכבאַרעכטיקונג איז — שמד. מאַרקס זאָגט זיך אָרויס קעגן באַוערס שטעלונג. ייִדן זענען פאַר אים סיי ווי נישט קיין רעליגיעזע גרופּירונג. די רעליגיעזע ווערטן שפּילן נישט קיין ראָל און זענען קיין מאָל נישט געווען אָנטשיידנדיק אין אויפהאַלט פון ייִדישן קיום. ייִדן האָבן איבערגעלעבט פּיין און רדיפות נישט ווייל זיי זענען פאַרבליבן לאָיאַל צו די גייסטיקע און מאָראַלישע פּרינציפּן, ווי זיי פּרוּוון דאָס דערקלערן, נאָר צוליב זייער אַקטיווער טעטיקייט אין דער ווירטשאַפט. במילא קומט אויס, אַז אויב מען באַרירט די טעמע פון ייִדישער גלייכבאַרעכטיקונג, דאַרף מען נישט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען, נאָר — זיי אַליין, זייער כאַראַקטער, זייער אויפפירונג, זייערע האַנדלונגען. און דער אמת איז, פאַרזיכערט מאַרקס, אַז אין תּוך האָבן ייִדן שוין דערגרייכט עמאַנציפּאַציע און עס איז נישט כּדאַי צו דאגהנען וועגן דעם. זיי האָבן געוווּנען עמאַנציפּאַציע אויף זייער ייִדישן שטייגער. דאָס הייסט, מיט זייער מאַטעריעלער מאַכט. מאַרקס באַמערקט: „די אילוזאָרישע נאַציאָנאַליטעט פון ייִד איז די נאַציאָנאַליטעט פון סוחר און פון געלט־מענטש אין אַלגעמיין”. ייִדן פאַרערן געלט, פאַרמעגן, באַזיץ.

ס'איז נישט קיין וווּנדער דעריבער, דערקלערט קאַרל מאַרקס, אַז אין נייַנצנטן יאָרהונדערט, דאָס יאָרהונדערט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפט, שטעלן ייִדן מיט זיך פאָר די קלאַס פון קאַפּיטאַליסטן. ייִדנטום איז אידענטיש מיט קאַפּיטאַליזם. ייִדן זענען די שׂונאים פון אַ נייעם סאָציאַלן סיסטעם. זיי שטעלן זיך אַנטקעגן די עקאָנאָמישע ענדערונגען. מאַרקס שרייבט: „נישט בלויז אין חומש און אין תּלמוד, נאָר אויך אין דער הייַנטצייטיקער געזעלשאַפט טרעפן מיר זיך אָן אויף דער נאַטור פון ייִד אַזוי ווי זי איז אין דער אמתן... וואָס איז דער סעקולערער יסוד פון ייִדנטום? די פּראַקטישע באַדערפענישן, דער עגאָאיזם. וואָס איז דער וועלטלעכער קולט פון ייִד? דער שאַכער־מאַכער. וואָס איז זיין וועלט־

לעכער גאָט? דאָס געלט... ייִדנטום איז אַן אַנטי־סאָציאַלע באַזע... דאָס געלט איז דער אייפערזיכטיקער גאָט פון ישׂראל, וועלכער לאָזט נישט צו קיין שום אַנדערע געטער... דאָס וועקסל איז דער אמתער גאָט פון ייִד...״

די דאָזיקע אַרגומענטן, וועלכע קומען אויס פאַר מאַרקסן צו זיין אַזוי זיכער, אַז ער באַמיט זיך אַפילו נישט זיי צו באַגרינדן, ברענגען אים צום אויספיר, אַז פון ערשטראַנגיקער וויכטיקייט איז נישט די עמאַנציפּאַציע פון ייִדן, נאָר די עמאַנציפּאַציע פון קריסטן. נישט געֶנוג פאַר ייִדן, וואָס זיי אַליין זענען איינגעגלויבט אין געלט, נאָר זיי האָבן אויך אַרויפגעוואָרפן זייער ייִדישע „אמונה״ אויף די קריסטן, אויף דער אייראָפּעיִשער געזעלשאַפט. דער „פּראַקטישער גייסט פון ייִדנטום״ איז אַריינגעדרונגען אין דער קריסטלעכער וועלט, און דערשיינט איבעראַל, ווי דער פּראַקטישער גייסט פון די אייראָפּעיִשע פעלקער. מאַרקס שטרייכט אונטער: „דער גאָט פון די ייִדן איז געוואָרן סעקולאַריזירט, און אויס־געוואַקסן צו זיין דער גאָט פון דער וועלט״. צוליב דעם ייִדנטום איז געלט געוואָרן אַ וועלטמאַכט. ייִדישע שטרעבונגען און טאַטן באַשטימען דעם גורל פון מדינות. מאַרקס רופט אויס: „דער ייִד איז געוואָרן אומדערטרעגלעך״... עס האָט אויסגעשלאָגן די שעה פאַר דער קריסטלעכער געזעלשאַפט זיך צו באַפרייען, אין נאָמען פון סאָציאַלן פּראָגרעס, פון ייִדישן איינפלוס און פון אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. ערשט דאָס וועט דערפירן צו דער פולער עמאַנציפּאַציע פון דער תקופה, וואָס מוז פאַרענדיקן מיטן קאַפּיטאַליזם, אַ סיסטעם, וואָס איז נישט מער ווי „פּראַקטישע, ווירקלעכע ייִדישקייט״. מאַרקס פאַרענדיקט מיט די ווערטער: „די סאָציאַלע עמאַנציפּאַציע פון ייִד איז די עמאַנציפּאַציע פון דער געזעלשאַפט פון ייִדנטום״.

שוין אָט די קורצע אויסצוגן, וואָס מיר ברענגען פון דער דאָזיקער אָפּהאַנד־לונג, זאָגן עדות, אַז דאָ רעדט זיך נישט וועגן קיין גרעסערער אָדער קלענערער גרופּע פאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס מיט זיי האָט קאַרל מאַרקס מעגלעך זיך צונויפ־געטראָפן אין זיין געבוירן־שטאָט אָדער אין די אַנדערע אייראָפּעיִשע שטעט, וווּ ער האָט געוווינט. דאָ רעדט זיך נישט וועגן געוויסע ייִדן, וועלכע האָבן אָנגע־קליבן פאַרמעגנס, נאָר דאָ רעדט זיך וועגן ייִדן בכלל, וועגן ייִדנטום, וועגן ייִדישן מענטש, וועגן ייִדישן גייסט. דאָ רעדט זיך אַפילו נישט בלויז וועגן דער ייִדישער געזעלשאַפט פון ניינצנטן יאָרהונדערט; נאָר דאָ רעדט זיך וועגן חומש, וועגן תלמוד. דאָ ווערט געזאָגט, אַז די וועלט מוז זיך באַפרייען פון ייִדן און פון ייִדישן איינפלוס. דאָ ווערט אַרויסגערוקט די באַהויפּטונג, אַז „די ייִדן האָבן באַקומען עמאַנציפּאַציע אין דער מאָס, וואָס די קריסטן זענען געוואָרן ייִדן״, און די קריסטלעכע געזעלשאַפט ווערט גערופן צו קעמפן קעגן דאָזיקן צושטאַנד. איך ווייס נישט, צי די נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך טאַקע באַנוצט מיט דער אָפּהאַנדלונג פון קאַרל מאַרקס אין אַנטי־ייִדישן גיפט, וואָס זיי האָבן געמישט.

אָבער עס איז נישט צו צווייפלען, אַז אין סאָוועט־רוסלאַנד העלפט די שטעלונג פון מאַרקסן קעגן ייִדנטום „לעגאַליזירן” די אַנטיסעמיטישע העצע, וואָס גייט דאָרט אָן. מאַרקס לייגט אַרויף, אַזוי צו זאָגן, דעם חותם פון „אויטאָריטעט” אויף אַ האַס־באַוועגונג, וואָס גייט פאָרט נישט צונויפגעפאָרט מיטן אידעאַל פון סאָציאַליזם.

ג.

שטויסן מיר זיך טאַקע אָן אויף דער וויטיקלעכער דערשיינונג: קאַרל מאַרקס האָט זיך באַצויגן מיט שׂנאה צום פאָלק, פון וועלכן ער האָט געשטאַמט. ער האָט באַטראַכט מיט גרינגשעצונג דעם קוואַל פון וואַנען ער האָט געטרונקען. ער האָט געוואָרפן באַליידיקנדיקע זלזולים קעגן דער קולטור וואָס האָט געגעבן געבורט צו דער אידייע, וואָס אַרום איר באַוועגט זיך זיין גאַנץ שאַפן: צו דער אידייע, אַז די גערעכטיקייט איז די טרייבקראַפט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. מיט וואָס דערקלערט זיך אָט די פאַרקריפּלטע אינטערפּרעטאַציע, וואָס דער פאָטער פון מאָדערנעם סאָציאַליזם האָט געגעבן צו ייִדישער געשיכטע און ייִדישער גייסטיקייט?

אָן אומהיימלעכע ראָל אין די אַנטי־ייִדישע אָנשויונגען פון מאַרקסן האָט, ווייזט אויס, געשפּילט דער שאַרפער אַנטיסעמיטיזם פון זיינע לערער און מייס־טער. פון אַלע דייטשע פילאָסאָפן, וואָס האָבן בייגעשטייערט צו דער גייסטיקער אויספאָרמירונג פון מאַרקסן, פאַרנעמט העגעל דעם אויבנאָן; און העגעל איז געווען אַ שונא־ישׂראל. ער האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין משונהדיקע טעאָריעס, וואָס האָבן סותר געווען איינע די אַנדערע, און וואָס זענען אַלע געווען פול מיט אומפאַרשטענדעניש פאַר ייִדישע ווערטן. העגעל איז פאַרבליבן בלינד צו די פאַרדינסטן פון ייִדנטום אין מאַרש פאָרויס פון דער מענטשהייט. ער האָט גע־טענהט, אַז די ייִדישע אמונה איז אַ רעליגיע פון פאַרשקלאַפונג, הגם ייִדן זענען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דער שקלאַפן־אינסטיטוציע, און אין פיל ווינקלען פון דער ערד, ווו שקלאַפן האָבן געקעמפט פאַר זייער פרייהייט, זענען זיי נישט אינספּירירט געוואָרן פון די פערזן פון האָמער — דער פּראָדוקט פון דער גריכישער ציוויליזאַציע, וואָס העגעל האָט אַזוי שטאַרק פאַר־הערלעכט — נאָר גראָד פון די פּסוקים פון ספר ויקרא. ער האָט באַטראַכט דעם תנ״ך ווי אַ מאָנומענט פון פּאַסיווקייט, כאָטש איטלעכער ספר איז דאָרט אַדורכ־געדרונגען מיט אַ פולער פּאָזיטיווער באַציִונג צו מענטש און לעבן, און פון יעדער שורה שלאָגט דאָרט אַרויס ברויזנדיקע אַקטיווקייט. ער האָט אַרגומענ־טירט, אַז ייִדנטום האָט נישט בייגעטראָגן קיין שום אידייע, וואָס זאָל פאַרדינען

באַצייכנט צו ווערן ווי גרויס און שעפֿעריש, הגם די מענטשלעכע געשיכטע וואָלט פֿאַרבליבן אינהאַלטסלאָז און זינלאָז אָן דער אומגעווייִנלעכער אַנטפּלעקונג פֿון ייִדישן שאַפֿן. ער האָט געהאַלטן, אַז ייִדישקייט איז אַן אינסטיטוציע פֿון „אָפּגעשטאָרבענע דאָגמעס", כאָטש דער אמת איז, אַז פֿון אַלע ציוויליזאַציעס, וואָס זענען געבוירן געוואָרן אין אַלטערטום, צייכנט זיך דווקא די ייִדישע אויס מיט איר דינאַמישקייט און אומאיבעררייסלעכער אַקטועלקייט. אַפֿילו די חומש־געשיכטע פֿון דער עקדה, די רירנדיקע דראַמע פֿון פֿאָטער און זון, וואָס שטייט אין אַזאַ שאַרפֿן קעגנזאַץ צו דעם געצנדינערישן קולט צום מולך, אין וועלכן מען פֿלעגט מקריב זיין קינדער צום אָפּגאָט — און וואָס איר בפּירושע כּוונה איז געווען איבערצורייסן מיט דער דאָזיקער באַרבאַרישער צערעמאָניע און אַרויס־הייבן די ווירדע פֿון מענטש און די הייליקייט פֿון מענטשלעכן לעבן — איז אין העגעלס אויגן אַ באַווייז פֿון דער כאַראַקטער־האַרטקייט פֿון אַברהם אָבינו און זיין מאַנגל אין פֿאָטערלעכע סענטימענטן.

העגעל האָט פֿאַראורטיילט דאָס ייִדישע פֿאָלק צו אונטערגאַנג, כאָטש מיט זיין אָנגעזאַמלטן באַגאַזש פֿון ידיעות, האָט ער באַדאַרפֿט וויסן, אַז ער איז ווייט נישט דער ערשטער, וואָס גיט אַרויס אַזאַ „פֿאַרניכטנדיקן" אורטייל, און אַז די געשיכטע וואָס איז דאָך פֿאַר אים געווען דער פּסק־אחרון, האָט זיך ווי עס איז אַנטקעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן משפּט. דער דענישער דענקער קירקעגאַרד האָט גאָר פּשוט געגעבן אָנצוהערן, אַז העגעל ווייסט נישט וואָס ער פֿלאַפּלט. אָבער פֿאַר מאַרקסן איז העגעל געווען דער מייסטער פֿון פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק, און זיין אַנטי־ייִדישע דאָקטרין מאַכט דעם איינדרוק, ווי זי וואָלט אַרויסגענומען געוואָרן פֿון דער העגעליאַנישער שול. נישט קיין ווייניקער פֿיינטלעכע אָפּשאַצונג וועגן ייִדנטום האָט געגעבן דער דייטשער דענקער לודוויג פֿויערבאַך, מיט וועמען מאַרקס האָט טאַקע ציטנווייז פּאָלעמיזירט, אָבער וועלכער האָט דאָך אים גאָר אַ סך באַווירקט. אין פֿויערבאַכס געדאַנקען־גאַנג איז די ייִדישע אמונה בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פֿון די ייִדישע אַלגעמיינע אַספּיראַציעס. סיי דאָס פֿאָלק, סיי דער גלויבן, זענען דורך און דורך עגאָיִסטיש. ביידע פֿאַרמאָגן נישט קיין פֿונק פֿון אַלטרויִזם, און ביידע זענען פֿאַראינטערעסירט בלויז אין אייגננוצן. און דער פֿילאָסאָף פֿיכטע, וועלכער איז געווען דער רעקטאָר פֿון דער אוניווערסיטעט אין בערלין אין דער צייט, ווען מאַרקס האָט דאָרט שטודירט, האָט באַטראַכט ייִדן, ווי די שולדיקע אין די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, וואָס זענען אויפֿגעקומען מיט דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג. פֿיכטע האָט געקוקט אויף ייִדן, ווי אויף אַ „נעגאַטיוון ווירטשאַפֿטלעכן כּוח" און זיך אַרויסגעזאָגט קעגן שענקען ייִדן בירגער־רעכט מיטן מאָטיוו, וואָס זיי זענען אַ „נאַציע צווישן אַ נאַציע". נישט ווייניק אַנטאַגאַניזם קעגן ייִדן האָט זיך אויך געשפּירט אין די ראַדיקאַלע קרייזן, אין וועלכע מאַרקס האָט פֿאַרקערט. מען האָט דאָרט ענגהאַרציק

און איינזייטיק איבערגעטריבן די ראָל פון ייִדן אין אויפשטייג און אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. מען האָט פון אַלע באַנקירן געטייטלט מיטן פינגער אויף ראָטשילדן. ענגעלס האָט איינגעשטימט אַנצורופן ראָטשילדן: „דער קעניג פון די ייִדן".

ס'איז אוממעגלעך אַפילו אין אַ קורצן אַנאַליז פון די סיבות, וואָס האָבן געבערענגט צום אַנטי־ייִדישן בליק פון קאַרל מאַרקס, נישט אַנצוצייכענען, אַז האָט ביי האָט מיטן גרויסן ווידערקול פון ייִדישע אידעאַלן, וואָס רופט זיך אָפּ אין זיין פאָדערונג אויפצובויען אַ נייע, גערעכטע געזעלשאַפט, זענען דאָך פאַראַן אויך טיפע אונטערשיידן. און מאַרקס האָט זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג וועגן ווייטן מהלך, וואָס טיילט אים אָפּ פונעם ייִדישן באַגריף. אין דעם אידייען־בנין, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן שעפער פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם, פעלט דער עטישער פּאַטאָס, וועלכער טרעט אַרויס מיט אַזאַ באַצווינגענדיקער קראַפט אין וואָרט פון די נביאים. עס ווערט נישט אַרויסגעהויבן די אַקטיווע אַנשטרענגונג, וואָס דער מענטש אַליין מוז מאַכן כדי זיך אויסצובעסערן, דאָס וואָס וועט אין רעזולטאַט ברענגען אין באַוועגונג אַ נייע און גערעכטע געזעלשאַפט. די טעאָריע פון מאַרקס היפּערט אַריבער איבער דער באַדייטונג און ווירקונג פון דער מאָראַלישער אַספּיראַציע. די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זענען אַנטשיידנדיק. מיט דער ענדערונג פון דער עקאָנאָמישער סטרוקטור, זאָגט מאַרקס, וועט זיך אויך ענדערן דער מענטש. אין דער לערע פון ייִדנטום גייט צוזאַמען מיט דער זאָרג פאַרן מאַטעריעלן ווילזיין פון אָרעמען און געדריקטן די איבערצייגונג, אַז נישט פון דער פאַרטיילונג פון די רייכטימער איז סוף־כל־סוף אָפּהענגיק די מענטשלעכע אויפפירונג, נאָר פון מענטש אַליין. רשעות און אומרעכט וועלן נישט פאַרשווינדן בלויז צוליב דעם, ווייל עס וועט אויפהערן צו עקזיסטירן פּריוואַט־אייגנטום. די ייִדישע לערער און דענקער האָבן נישט דערלויבט צו פאַרפלאַכן דעם פּראָבלעם פון גוטס און שלעכטס. זיי האָבן געגראָבן אין דער טיף און געוואָרנט, אַז אויב מען שטרעבט אויסצורייסן מיטן וואָרצל די אונטערדריקונג און די רשעות, מוז מען אָנהויבן מיט זיך אַליין, צוהערן זיך צו דער שטים פון גאָט, וואָס רעדט אין אייגענעם געוויסן, און אויסבויען אין זיך „לב חדש ורוח חדשה", אַ ניי האַרץ און אַ נייעם גייסט. נישט דער געענדערטער ווירטשאַפט־לעכער סיסטעם וועט שאַפן דעם נייעם מענטש, נאָר דער נייער מענטש וועט שאַפן דעם יושרדיקן סאָציאַלן און עקאָנאָמישן סיסטעם. פון קעגנזעצלעכן באַגריף פון קאַרל מאַרקס איבער מענטש און ווירטשאַפט, שפּראָצט אין אַ גאַנץ גרויסער מאָס אַרויס זיין נעגאַטיווע באַציִונג צום פאָלק, וואָס האָט אין זיין קולטור, אין זיין חומש און תלמוד, אַנטוויקלט גאַנץ אַנדערע פּרינציפּן, ווי די, וועלכע ער האָט אויסגעדריקט אין זיין טעזע פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם. און אויב עס איז טאַקע אמת, אַז מען קאָן מאַרקסן נישט פאַרשטיין אָן דעם תנ"ך, איז אָבער

נישט ווייניקער ריכטיק, אַז דער גרויסער און מעכטיקער קעגנער פון דער מאַרק־סיסטישער שול איז נישט קיין אַנדערער, ווי דער תּנ״ך.

אָבער פון אַלע סיבות, וואָס האָבן געקענט דערפירן צו דער שׂנאה פון קאַרל מאַרקס צו ייִדן און ייִדנטום, ווייזט זיך מיר אויס צו זיין די סאַמע וועזנטלעכע דער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס, וואָס האָט אים פאַרפאָלגט, צוליב זיין ייִדישן אָפּשטאַם. מאַרקס האָט זיך נישט געפילט באַקוועם, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אַ ייִד. דער מצב פון ייִדישער רעכטלאָזיקייט האָט אין אים נישט אַרויסגערופן קיין רעאַקציע קעגן די, וואָס האָבן דערנידעריקט דעם ייִדישן מענטש און פאַר־שפּרייט קעגן ייִדן בייזוויליקע פאַראורטיילן; ער האָט אָנגעהויבן באַטראַכטן דאָס ייִדישע פאָלק ווי מינדערווערטיק, און ער האָט זיך געשעמט מיט זיינע זיידעס, די רבנים. מיט זיין אַנטי־ייִדישער שטעלונג, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט אין דער עפנטלעכקייט, האָט ער געוואָלט פאַרדעקן זיין ייִדישן אָפּשטאַם און איבער־צייגן זיך אַליין און אַלעמען, אַז ער האָט זיך פולשטענדיק באַפרייט פון זיין ייִדישקייט. אַסימילאַציע איז נישט בלויז אַ סאָציאַלער און קולטורעלער פּראָצעס. זי איז אויך אַ פּסיכישער פּראָצעס. זי איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אויסוווּקס פון ייִדן, האַלבע ייִדן אָדער משומדים מיט אַ צעשפּאָלטענער פּסיכיק, וואָס די ייִדישע ירושה פאַרשאַפט זיי יסורים, און דערפירט זיי צום אומווירדיקן זעלבסטהאַס. אויב די, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אַריינציִען אין דער נעץ פון אַסימילאַציע, נעמען אָן זייער ייִדישקייט מיט אַ געפיל פון שטאָלץ, אַפילו ווען זיי ווערן גע־וואָרפן אין אָפּגרונט פון ליידן, פאַרבלייבט ייִדישקייט פאַר יענע, וואָס זוכן זייער גליק אין דער מעגלעכקייט אַריינגענומען צו ווערן אין דער נישט־ייִדישער געזעלשאַפט, אַ פּראָבלעם, וואָס זיי קענען בשום אופן נישט לייזן. אָטאָ ווייניגער, דער ייִדיש־עסטרייכישער דענקער, דער מחבר פון „געשלעכט און כאַראַקטער״, דאָס ווערק וואָס בליצט מיט אומגעווינלעכן שאַרפזין און אויך מיט מוראדיקן אַבסורד, איז אין אָנהויב פון הײנטיקן יאָרהונדערט געפאַלן אַ צונויפגעדריקטער אונטער דער לאַסט פון זיין ייִדישקייט, וואָס איז אים איז אויסגעקומען צו זיין אומ־דערטרעגלעך, און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. פאַר די ייִדיש־דייטשע אינטעלעק־טואַלן, וואָס זענען מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם פון דער אַסימילאַציע אין די לעצטע הונדערט און פופציק יאָר, איז ייִדישקייט אַ טראַגישער געראַנגל. פרידריך יוליוס שטאַל איז דערשינען, ווי דער אידעאָלאָג פון דער אולטראַ־רעאַקציאָנערער „קריסטלעך דייטשער מדינה״; דאָס הייסט, פון דער טעאָריע, אַז דייטשלאַנד, ווי בכלל גאַנץ אייראָפּע, מוזן אָננעמען אַ ריין־קריסטלעכן כאַראַק־טער און פאַרווערן ייִדן צו וווינען אין זייערע גרענעצן. וואַלטער ראַטענוי האָט געפּרוּווט פאַרענטפערן זיין ייִדישקייט מיט דעם תּירוץ וואָס, ווי אים האָט זיך אויסגעדאַכט, ס׳קאָן זיין מעגלעך צונויפצופּאָרן ייִדישע און דייטשע ווערטן; און אויב דאָס ייִדנטום און דאָס „פּרייסישע וועזן״ קאָנען געפינען בשותּפותדיקע

שטריכן, איז אפשר נישט אַזאַ שרעקלעכע זינד צו זיין אַ ייִד. אַלפרעד דעבלין האָט געשפּילט מיט ייִדישקייט דעם אמתן קידער־ווידער: אַט האָט ער זיך צוגערוקט, אַט האָט ער זיך אָפּגערוקט, און לסוף האָט ער זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער קירך. פראַנץ ווערפעל האָט געמיינט צו פאַרדעקן זיין ייִדיש־קייט מיט דער פרומער התפעלות וואָס ער האָט געשעפּט פון די קאַטוילישע הייליקע. מיר, וואָס האָבן געלעבט אין פוילן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געדענקען נאָך גאַנץ גוט דעם טאָן פון ביליקן חוזק, מיט וועלכן דער דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי, אַן אייניקל פון תּלמיד־חכם חיים זעליק סלאָנימסקי, פלעגט שרייבן וועגן דער ייִדישער טראַדיציע און ייִדישן לעבנס־שטייגער. דער פּירנ־דיקער פוילישער ליטעראַרישער זשורנאַל „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" האָט אַטאַקירט ייִדישע גייסטיקע ווערטן, וואָרום אַזוי אַרום האָט זיין רעדאַקטאָר, מיעטשיסלאַוו גרודזעווסקי, געגלייבט צו באַווייזן, אַז גאָרנישט בינדט אים מער צונויף מיט זיינע ייִדישע וואָרצלען. אין אַזוי פיל היינטצייטיקע ייִדיש־אַמערי־קאַנער געלערנטע און שרייבער זיצט דער ייִדישער מינדערווערטיקייטס־קאָמ־פּלעקס. מען חלשט צו עפּענען פאַר זיך די טויערן פון דער גוייִשער געזעלשאַפט, מען חלשט אַריינגענומען צו ווערן ווי „גלייכע", און מען מאַכט דעם קאָמי־טראַגישן אָנשטעל, אַז מען האָט זיך פולשטענדיק באַפרייט פון ייִדישן „איבער־בלייב" צי פון ייִדישן „אַנוווקס". מען באַשפּייט אייגענע טאַטע־מאַמע, מען וואַרפט שמוץ אויף דער ייִדישער היים, מען פאַרוואַנדלט שיינע ייִדישע מידות אין עקל־האַפטע אייגנשאַפטן, מען צייכנט ייִדישן כאַראַקטער אין אַ וווּלגאַרער קאַריקאַטור, און מען מאַכט כּלערליי אַקראָבאַטישע שטיק כּדי אויפצווייזן, אַז מען האָט זיך לחלוטין דערווייטערט פון דער ייִדישקייט, אין וועלכער מען איז געבוירן געוואָרן. אָבער וואָס מען דערגרייכט צו באַווייזן אייגנטלעך, איז, אַז מען האָט פאַרלוירן דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע, און אַז ייִדישקייט איז פאַרבליבן פאַר די דאָזיקע מענטשן אַ האַרבער פּראָבלעם.

די אַנטי־ייִדישע שטעלונג, וואָס מאַרקס האָט אָנגענומען, זיין גלייכגילטיקייט צום ייִדישן גורל, זיין אויבערפלעכלעכע און בייזוויליקע אָפּהאַנדלונג וועגן דער ייִדן־פראַגע, זאָגן עדות, אַז ייִדישקייט איז פאַר אים געווען אַ שווער פּראָבלעם. זיין פיינטלעכע באַציִונג צום פאָלק, פון וועלכן ער האָט געשטאַמט, האָט באַ־דאַרפט איבערצייגן אַלעמען, און באַרויִקן אויך אים אַליין, אַז קיין שום שאָטן פון „חשד" קאָן מער נישט פאַלן אויף זיין געשטאַלט; אַז ער איז ווייט אַוועק פון יענע „הלויס", וואָס מיט זיי האָט ער געהאַט צו טאָן אין זיין קינדהייט; אַז גאָרנישט בינדט אים מער צונויף מיט זיינע זיידעס און פעטערס, די רבנים; אַז ער איז בכן אַ גלייכער מיט גלייכע אין די אייראָפּעיִש־קריסטלעכע קרייזן, אַ גלייכער מיט העגעל, מיט פויערבאַך, מיט זיין שווער, דער פּרייסישער ראַט־געבער לודוויג פאָן וועסטפאַליען.

אַטאַ בולע אין זײַן מאַרקס־ביאָגראַפיע באַמערקט, אַז ווען מען לייענט וואָס מאַרקס האָט געשריבן וועגן ייִדן, דאַכט זיך אויס, ווי ער וואָלט אויסגעשריִען אין די אויערן פון דער וועלט: זייט וויסן, אַז איך, קאַרל מאַרקס, בין נישט קיין ייִד!... אָבער די איראָניע באַשטייט דערין, וואָס ער האָט קיינעם נישט איבער־צייגט. ער האָט נישט איבערצייגט פריינד. פרידריך ענגעלס האָט אים באַטראַכט ווי „אַ ייִד פון ריינסטן בלוט". ער האָט נישט איבערצייגט קעגנער. דער אַנאַר־כיסט באַקונין האָט אים אָנגעגריפן צוליב זײַן ייִדישקייט און געהאַלטן, אַז מאַרקס האַנדלט אין אייניקייט מיטן ייִדישן פאָלק, וואָרום אַזעלכע זענען זיי די ייִדן: אַפילו ווען די פּאָליטישע חילוקי־דעות טיילן זיי פונאַנדער, זענען זיי אין דער אמתן געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. דער אידעאָלאָג פון דער ראַסן־טעאָריע אויגוסט דירינג האָט געזען אין מאַרקסן אַ טיפּישן פאָר־שטייער פון דער ייִדישער ראַסע, וואָס וויל אַנגיין ווי אַן אויסדערוויילטער. אין דער רעאַקציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע ווערט דער מאַרקסיזם כּסדר געשטעמפּלט ווי אַ „פּראָדוקט פון ייִדישן גייסט", און אַזוי פיל שונאי־ישׂראל מיידן נישט אויס אונטערצושטרייכן, אַז דער שעפער פון דער מאַרקסיסטישער שול פון געדאַנק איז געווען „דער ייִד קאַרל מאַרקס". ער האָט צו מאָל נישט איבערגע־צייגט זיינע אייגענע קינדער. זײַן באַליבטע טאָכטער עלעאָנאָר האָט גראָד אַרויס־געוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס פאַרן ייִדישן כּלל. זי האָט געטיילט די פריידן אוןליידן פון די ייִדישע אַרבעטער אין דער איסט־סאַיד פון לאָנדאָן און געוואָלט, אַז מען זאָל זי באַטראַכטן ווי אַ ייִדישע טאָכטער.

די ביטערע איראָניע באַשטייט אויך דערין, וואָס קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פּרעטענדירט „צו ענדערן די וועלט", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, איז צו מאָל נישט געווען בכּוח צו לייזן זײַן אייגן „ייִדיש פּראָבלעם". ביי דעם גאַנצן זשעני פון זײַן אינטעלעקט און ביי זײַן גאַנצן שווונג פון אַ רעוואָלוציאָנער, איז ער פאַרבליבן אַ פּסיכיש־צעשפּאָלטענער, פאַרביטערטער, פון ייִדישן מינדערווערטי־קייט־קאָמפּלעקס צעפרעסענער, משומד.

דאָס ייִדישע פאָלק; וואָסער פאָלק זענען מיר?

א.

וואָסער שטייגער פאָלק זענען מיר? משה רבנו האָט געזאָגט, אַז מיר זענען אַן עם קשה עורף, אַ האַרטנעקיק, איינגעשפּאַרט פאָלק און אַז מיר זענען לגמרי נישט באַשאָנקען מיט דער מידה פון פאַרשטענדעניש און איינזען; אָבער דער זעלבער משה רבנו האָט אויך געהאַלטן, אַז מיר זענען אַן אויסדערווילט און דערהויבן פאָלק; אַז מיר פאַרמאָגן זעלטענע מעלות און אַז מיר זענען ממש די פאַרקערפּערונג פון הייליקייט. טאַקע בפירוש — אַ הייליק פאָלק. אין די צייטן פון תּלמוד האָט מען צווישן ייִדן גופא געטענהט, אַז מיר זענען אַן אומבאַרעכנט און שרעקלעך־לייכטזיניק פאָלק און אַז ווען מען פאַרלאַנגט פון אונדז עטוואָס, שפּרינגען מיר גלייך אַרויס מיט האַסטיקן אימפּעט און פירן אויס די פאָדערונג, וואָס מען האָט אונדז געשטעלט, נישט נאָכדענקענדיק בכלל, צי דאָס וואָס מיר טוען איז ריכטיק אָדער פאַלש, גלייך ווי מיר וואָלטן געטריבן געוואָרן פון פיבערדיקן וואַנזין פון טאַט: אָט האָט מען פון אונדז פאַרלאַנגט זיך בייצושטייערן פאַרן הייליקטום פון גאָט, האָבן מיר געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט, און אָט האָט מען אונדז גערופן צו מאַכן דעם גאָלדענעם קאַלב, האָבן מיר זיך אַריינגעוואָרפן מיט ברען און התלהבות אין דער טומאה (שקלים ב׳); אָבער גראָד איינער פון די חכמי־התּלמוד, רבי שמעון בן לקיש, האָט באַהויפּט, אַז עס זענען בכלל נישטאָ קיין שלעכטע ייִדן, וואָרום אַפילו דער פּוסטער און אויסגעליידיקטער ייִד איז פול מיט מצוות און מעשׂים טובים, אַזוי ווי דער מילגרוים איז אָנגעפּאַקט מיט קערנדלעך (עירובין י״ט). רבי יהודה הלוי, דער דיכטער און דענקער פון מיטל־אַלטערלעכן שפּאַניע, האָט פאַרזיכערט — אין זיין „ספר הכוזרי״ — אַז דאָס פאָלק ישׂראל איז דאָס שפּירעוודיקסטע צווישן אַלע אומות און אַז מיר זענען מיט אונדזער פילבאַרקייט גלייך צום האַרץ און די מענטשלעכע אברים; אָבער דער רמב״ם, וועלכער איז דאָך אויך אויפגעוואַקסן אין דער גייסטיקער סביבה פון שפּאַנישן ייִדנטום, האָט אין זיין גאַנצן שאַפן זיך אָנגעשטרענגט צו איבערצייגן זיך אַליין און אונדז אַלעמען, אַז די היסטאָרישע אייגנשאַפט פון ייִדישן פאָלק און פון ייִדנטום איז — די שאַרפע און אַנאַליטישע חקירה, דער געוואַגטער און אמת־זוכנדיקער אינטעלעקטואַליזם. רש״י האָט דאָ און דאָרט אין זיינע פּשטות־

דיקע פירושים אונטערגעשטראָכן, אַז די גרויסאַרטיקע און טייערע מידה מיט וועלכער ייִדן צייכענען זיך אויס איז די מידה פון צניעות און באַשיידנקייט (שיר השירים ו׳ י״א); אָבער פאַר רבי יצחק לוריא (אר״י) איז געווען אַנטשיידנדיק דער כּוח־הזכּרון, וואָס איז אין אונדז אויסגעבויט געוואָרן און וועלכן מיר דאַרפן קולטיווירן מיט אַלע כּוחות, אַז ער זאָל חלילה נישט אָפּגעשוואַכט ווערן. מיט אָט דער כּוונה האָט משמעות דער מקובל פון צפת מתקן געווען, אַז מען זאָל טאָג־איין טאָג־אויס יעדן פרימאָרגן איינחזרן און איבערחזרן כּאָטש פיר פסוקים פון דער תּורה, וואָס האָבן צו טאָן מיטן געבאָט פון געדענקען: געדענקען פּאַסירונגען, געדענקען די פאַרגאַנגענהייט, וואָס דאַרף אויסשמידן די צוקונפט. שמואל דוד לוצאַטו, דער אָריגינעלער און טיפער דענקער פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז געקומען צום אויספיר, אַז דער נאָמען „רחמנים בני רחמנים״ מיט וועלכן מיר זענען געקרוינט געוואָרן, איז אַ געטרייע אָפּשפּיגלונג פון ייִדישן מענטש: מיר זענען דורך און דורך בעלי־רחמנות. מיר זענען געווען אַ באַרעמהאַרציק פאָלק אין די צייטן פון תּנ״ך, ווען אונדזערע אור־עלטערן, די ערד־אַרבעטער, פלעגן נאָכן שניט איבערלאָזן בינטלעך תּבואה אין פעלד פאַר די אָרעמעלייט און פאַר די אַלמנות און פאַר די יתומים; אָדער ווען זיי פלעגן מיט זון־אונטערגאַנג אומקערן דאָס פאַרמשכּונטע טוך צו דעם נויטבאַדערפטיקן כּדי ער זאָל האָבן מיט וואָס זיך צוצודעקן אין די פרירנדיקע נעכט. מיר האָבן געאָטעמט מיט באַרעמהאַרציקייט אין אַלע גלות־לענדער, ווו מיר האָבן אויסגעבויט אונדזערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס אונטערן דאַך פון די קהילות און ווו צדקה און גמילת־חסד און מושב־זקנים און תּומכי־עניים זענען געוואָרן עיקר־באַגריפן און אַ באַשטאַנדטייל פון ייִדישן לעבן; און מיר זענען עד־היום די רחמנותדיקסטע פון אַלע פעלקער אין דער וועלט, און מיר ווענדן כּסדר אונדזערע תּפילות צום „באַרעמהאַרציקן פאָטער אין הימל״, צום אָב הרחמים, אונטערשטרייכנדיק אַז אין אונדזער טראַדיציע איז גאָט דער „אל רחום וחנון״, פול מיט לייטזעליקייט און גוטסקייט; אָבער שאול ישׂראל הורוויץ, דער העברעיִשער עסייִסט און פובליציסט — וועלכער האָט אַדורכגעפירט אַן אויפשוידערנדיקן דין־וחשבון מיט זיין געוויסן אויף דער שוועל פון היינטיקן יאָרהונדערט — האָט אַרגומענטירט, אַז עס הויבט זיך גאָרנישט אָן: מיר זענען גאָרנישט ווי אַ פאָלק אַזוי געוואַלטיק פאַראינטערעסירט צו זיין בעלי־רחמנות. נישט מיר זענען געווען בעלי־רחמים אין באַגינען פון אונדזער געשיכטע, ווען מיר האָבן געפירט מלחמות מיט צענדליקער פעלקער און צווישן אונדז אַליין; און שבת איז געשטאַנען קעגן שבט. נישט מיר האָבן אַרויסגעוויזן מיטלייד און באַרעמהאַרציקייט צו פרעמדע און צו אייגענע אין די שפּעטערדיקע צייטן, און אַוודאי איז באַרעמהאַרציקייט נישט קיין ייִדישע מידה אין אונדזערע טעג. דאָס איז, האָט ער געטענהט אַ פוסטע איינרעדעניש, וואָס איז אויסגעשפּינט געוואָרן דורך יאָרטויזנטער, און וואָס

ווערט אָבער פֿאַרלייקנט דורך די האַרטע און רויע פֿאַקטן פֿון דער געשיכטע און פֿון לעבן.

איך מוז זאָגן, אַז אָט די טעמע, וואָס פּרוּווט געבן באַשייד צו די וועזנטלעכע כאַראַקטער־שטריכן פֿון ייִדישן מענטש און פֿון ייִדישן פֿאָלק, האָט מיך תּמיד פֿאַראינטריגירט. זי האָט דערוועקט מיין אינטערעס, געדענק איך, נאָך אין די יאָרן פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען איך האָב געלעבט און זיך באַוועגט אין שורשדיקן, פֿאַרצווייגטן און ווונדערלעך־קאָלירפֿולן ייִדישסטן קיבוץ אין פּוילן. מה אנחנו? וואָסערע זענען מיר? אין די שלוש־סעודותן, וואָס מיר פֿלעגן פּראַוווען שבת בין־השמשות אין דער ווייִנונג פֿון הלל צייטלין אין וואַרשע, פֿלעגט די ייִדישע נשמה באַהאַנדלט ווערן אין אונדזערע שמועסן. פֿאַרן מקובל און זוהר־אויסטייטשער הלל צייטלין איז געווען קלאָר און זיכער, אַז די ניצוצות פֿון קדושה טליִען אין ייִדישן מענטש אין אַלע אומשטענדן. עס זענען פֿאַראַן צייטן, אין וועלכע זיי פֿלאַקערן זיך פֿונאַנדער אין אַ געטלעכן פֿלאַם, און עס זענען דאָ תּקופֿות, אין וועלכע זיי באַווייזן זיך אין אַ בלאַסערן שיין. אָבער דער פֿונק פֿון הייליקייט איז, ווי דער נר־תּמיד, אָנגעצונדן אין דער ייִדישער נשמה און אין ייִדישן כאַראַקטער. דאָך האָבן מיר, וועלכע האָבן אין ערפֿורכט זיך צוגעהערט צו די רייד פֿון אונדזער לערער און מייסטער, געוואָגט אונטערצונעמען מיט אים אַ שאַרפֿן וויכוח. אין יענעם פּעריאָד פֿון שטורעם און דראַנג אין אונדזער דענקען, זענען מיר ווייט נישט פֿאַרבליבן איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פֿון זיין באַהויפּטונג. מיר האָבן געזאָגט: צי לערנט אונדז דען נישט דער רמב״ם, אַז הגם יעדער ייִד איז טאַקע בכוח אַרויפֿצושטייגן צו דער מדרגה פֿון אַ משה רבנו, איז ער אָבער אויך אין שטאַנד אַראָפּצוקייקלען זיך אין אָפּגרונט פֿון אַ ירבעם בן נבט — יענער אינטריגאַנט און פֿאַרפֿירער, וואָס האָט נאָכן טויט פֿון שלמה המלך צעבראָכן די אייניקייט פֿון דער ייִדישער אומה און מיטגעצויגן נאָך זיך די צען שבטים צום געצנדינסט? צי לאָזט זיך דען בכלל פֿעסטשטעלן, אַז אין אַלע תּקופֿות האָבן די פֿונקען פֿון קדושה אָנגעוואַרעמט דעם ייִדישן מענטש? צי זענען אויך נישט געווען לאַנגע צייטן פֿון געפֿאַלנקייט אין אונדזער מאַרש דורך דורות, ווען סיי דער ייִדישער יחיד, סיי דער ייִדישער כּלל, האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט אין מדבר פֿון דער מאַראַל? די צאַרנדיקע און אויפֿטרייסלענדיקע ווענדונגען פֿון די נביאים פֿון פֿאַרצייטנס האָבן אונדז געדינט, ווי וואַגיקע אַרגומענטן, און זיי האָבן זיך אויסגעמישט מיט די שאַטנס פֿון דער וואָך, וואָס האָבן אומהיימלעך זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אונדזער חברותא און צוגעגעבן נאָך מער קנייטשן צו דעם פֿאַרדאגהטן און פֿאַרמעט־געלן פּנים פֿון הלל צייטלין. מיר האָבן ציטירט פּסוק נאָך פּסוק פֿון עמוס, פֿון ישעיהו: „אָ, דו זינדיק פֿאָלק, וואָס ביסט איבערגעלאָדן מיט חטאים, אָ, איר שלעכטע, פֿאַרדאָרבענע קינדער!״... אויך ביי אַנדערע גע־לעגנהייטן האָבן די כאַראַקטער־שטריכן פֿון אונדזער פֿאָלק זיך געשטעלט אין

צענטער פון מיין אויפמערקזאַמקייט. ד״ר זלמן ביכאָווסקי, אַ באַקאַנטע און פאַר־ערטע פיגור פון פּוילישן ייִדנטום, האָט אונדז איין מאָל, אין אַ לעקציע, געוואָלט איבערצייגן, אַז אין דער אויסבילדונג פון אונדזער ייִדישן כאַראַקטער האָט דעצי־דירט פון בראשית דער געבוי פון אונדזערע נערוון; און מיר, ייִדן, זענען נערוועז און אומרויִק און אַפילו נעוורײַסטעניש, פון די טעג פון אַברהם אָבינו. אַזאַ איז אונדזער נערוון־סיסטעם און אַזוי ווי מיר האָבן זיך אויספאָרמירט ביאָלאָגיש, אַזוי וועלן מיר שוין פאַרבלייבן ביז די טעג פון משיח. ווי אַ געוועזענער ישיבה־בחור האָט דאָקטאָר ביכאָווסקי אָנגעשפּאַרט זיין מעדיצינישע טעאָריע אויף שטעלן פון דער גמרא. די באַצייכענונג „עמא פזיזא״ (אַן אײַלעווודיק פאָלק), וואָס געפינט זיך אין תלמוד (שבת פ״ח), האָט לויט אים באַדייט: אַ נערוועז פאָלק, מענטשן פון הו־האַ, מענטשן וואָס לויפן און יאָגן זיך הענדום־פּענדום, און ווייסן נישט אַפילו אַלע מאָל וווהין און צו וואָס עס גייט אָן דער אימפּעטפולער געיעג. נישט זינט שלום־עליכם און נישט מיט זיינע העלדן האָט זיך בכן באַוויזן אָט דער טיפ ייִד, וועלכן מיר קענען און וועלכן מיר אַליין שטעלן אפשר מיט זיך פאָר. אַזעלכע זענען געווען אונדזערע אבות־אבותינו אין ארם־נהרים, אין מצרים, אין ארץ־ישׂראל און בבל...

אין שטיבל פון די בראַצלאַווער חסידים אין וואַרשע, האָט דער דיכטער ישׂראל שטערן איין מאָל אויפגעדעקט פאַר מיר זיין שניידיקן ווייטיק צוליב די אַסימילאַציע־שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אים אויסגעוויזן צו פאַרפּליצן די ייִדישע גאַס. ישׂראל שטערן האָט דאַן געלעבט אין דער גייסטיקער וועלט פון רבי נחמן בראַצלאַווער, איבער וועמען ער האָט געשריבן זיינע פאַרטיפטע עסייען. און דער פאַלשער אַסימילאַציע־גרילץ האָט אים ווי געטאָן נישט אין קיין קליינער מאָס אויך דערפאַר, ווייל ער דערלאָזט נישט, האָט ער געזאָגט, אַז אין דער ייִדישער נשמה זאָל זיך ציִען דער עכטער ניגון פון דורות. און פאַר דעם מערקווירדיקן רבי פון בראַצלאַוו איז די ייִדישע נשמה און תּוך — אַ דערהויבענער און מיסטע־ריעזער ניגון.

דאָס פּראָבלעם פון ייִדישן כאַראַקטער און פון דער ייִדישער פּסיכיק איז פאַר מיר — מיטן לויף פון די יאָרן — געוואָרן אַלץ ווייניקער איינפאַך. ד״ר פישל שניאורסאָן האָט די טעמע פּרובירט באַלייכטן און דערקלערן מיט אַ סך פּראָפעסיאָנעלער באַהאַוונטקייט. און הגם זיינע פּסיכאָלאָגישע פאָרשונגען, סיי די, וואָס ער האָט געשריבן אין ייִדיש אין פּעריאָד, וואָס ער האָט געלעבט אין בערלין, און סיי די, וואָס ער האָט מחבר געווען אין העברעיִש, ווען ער איז געווען טעטיק אין תּל־אביב, האָבן נישט געפעלט אין מיין ביבליאָטעק, האָט דאָך פאַר מיר דער ענין נישט אויפגעהערט צו זיין קאָמפּליצירט. מיין צונויפטרעף אין משך פון די מלחמה־יאָרן מיטן ייִדישן קיבוץ אין ענגלאַנד האָט פאַר מיר אַרויס־געבראַנגט די שאַרפע און אַנטשיידנדיקע אונטערשיידן, וואָס עקזיסטירן צווישן

ייִדן גופא. דער פּלעגמאַטישער און געצוימטער ייִד פון בירמינגהאַם אָדער פון עדינבורג האָט מיר גאָר ווייניק דערמאָנט דעם באַרעדעוודיקן און היימישן ייִד פון לאָדזש צי פון לובלין. שמואל זיגלבוים, דער בונדישער אַרבעטער־טוער, וואָס איז פאַרוואָגלט געוואָרן אין די יאָרן פון קריג פון פּוילן קיין ענגלאַנד, האָט זיך גאָרנישט געקענט געפינען קיין אָרט אין דער „מאָדנער" סביבה, אין וועלכער אים איז פּלוצלונג אויסגעקומען צו לעבן. האַלב־ערנסט, האַלב־איראָניש פלעגט ער פאַר מיר זיך פאַרקלאָגן, אַז כּמעט ער איז אין גאַנצן זיכער, אַז אויך די ענגלישע ייִדן זענען ייִדן — והראיה זיי קענען אַפילו אויסרעדן אַ פּאָר ווערטער אין ייִדיש־לשון — פילט ער זיך מיט זיי אויסטערליש פרעמד. דאָס זענען עפּעס „קאַלטע" ייִדן. נישטאָ אין זיי די חמימות פון „אונדזערע" ייִדן פון מזרח־אייראָפּע... און תּמיד פלעגט זיגלבוים פאַרענדיקן אַזאַ מין געשפּרעך מיט אַ טיפן זיפץ.

אָבער נאָך געדיכטער איז פאַר מיר אויסגעוואָקסן דער קנויל בעת מײַנע באַזוכן אין ישׂראל אָדער אין מײַנע קאָנטאַקטן מיט די ייִדישע קיבוצים אין לאַטיין־אַמעריקע, ווו זײַט בײַ זײַט מיט די אַשכּנזישע ייִדן עקזיסטירן אויך צאָלרייכע קהילות פון ייִדן, וואָס האָבן עמיגרירט פון די אַראַבישע לענדער. צי איז פאַראַן אויך אַ פּסיכאָלאָגישע בריק און נישט בלויז אַ רעליגיעזע און נאַציאָ־נאַלע, צווישן די אַלע טיילן פון אונדזער פאָלק? צי איז נישט בלויז דער גורל־געפיל בשותּפותדיק פאַר אונדז אַלעמען, נאָר טאָקע דער געפיל אַליין? אין אַנדערע ווערטער: צי פילן מיר אַלע אויפן זעלבן שטייגער, צי דענקען מיר אַלע גלייך, צי רעאַגירן מיר אַלע גענוי אויפן אייגענעם אופן?

אויב די פּסיכאָלאָגיע פון די פעלקער איז אין אַלגעמיין אַ האַרבע סוגיא אין דער וויסנשאַפט, פאַרוויקלט זי זיך נאָך אין אַ שטאַרקערן פלאָנטער, ווען זי פּרוווט זיך דערגרונטעווען אין דער ייִדישער פּסיכיק. אין אונדזער שכנותדיקן צונויפלעב מיט פאַרשידענע ראַסן און פעלקער און מיט גרונט־פאַרשידענע קול־טורן, האָבן דאָך געמוזט אַריינדרינגען אין אונדזער פאָלק אייגנשאַפטן און שטריכן פון דער אויסערלעכער סביבה. עס האָבן זיכער איבערגעטריבן יענע, וועלכע האָבן צוגעשריבן דער אויסערלעכער גאַס אַן אַנטשיידנדיקע השפּעה אויפן אויספאָרמירן זיך פון אונדזער כאַראַקטער. און עס טרייבן בלי ספק איבער די, וועלכע ווילן בכלל אָפּווישן יעדן אונטערשייד, יעדן פּסיכאָלאָגישן אונטערשייד, צווישן ייִדישן און נישט־ייִדישן מענטש, וואָס לעבן אין זעלבן געאָגראַפישן, פיזישן אָדער גייס־טיקן קלימאַט. דעם טעות האָט געמאַכט אַזאַ טיפער דענקער, ווי הערמאַן קאָהען, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אויסצוקליגלען אַ טעאָריע לויט וועלכער עס דאַרף אויסקומען, אַז ייִדן און דייטשן זענען איינס און דאָס זעלבע: די זעלבע פּסיכאָ־לאָגיע, דער זעלבער בליק, דער זעלבער מוח, דאָס זעלבע האַרץ. דעם זעלבן טעות באַגייען אויך אַ סך פונעם איצטיקן דור ייִדיש־אַמעריקאַנער שרייבער און וויסנ־

שאַפּטלער, וואָס דערפינדן כּלערליי אַקראָבאַטישע המצאות מיטן צוועק צו באַווייזן אַז דער ייִדישער און נישט־ייִדישער אַמעריקאַנער פּאַרמאָגן ביידע די זעלבע פּסיכיק און זענען אויסגעקנאָטן פונעם זעלבן טייג. אָבער נישט געקוקט אויף די פּיל טעותים און גוזמאות, וואָס האָבן זיך אַריינגעגנבעט אין די אַלע טעאָריעס, לאָזט זיך דאָך נישט אָפּלייקענען, אַז דרויסנדיקע השפּעות האָבן זיך געלייגט אויך אויף דער ייִדישער נשמה.

אינטערעסאַנט איז, אַז גראָד אַ ייִדישער געלערנטער — פּראָפעסאָר מאָריס לאַזאַרוס, וועלכער איז געווען רעקטאָר פון דער אוניווערסיטעט אין בערן אין דער שווייץ און האָט געשריבן אַ סך איבער ייִדישער עטיק — איז געווען איינער פון די ערשטע, אויב נישט דער סאַמע ערשטער אין דער צווייטער העלפט פון פאַריקן יאָרהונדערט, וועלכער האָט געלייגט דעם יסוד פאַר אַט דער וויסנשאַפט, וועלכע איז דעמאָלט געווען ניי: די פּסיכאָלאָגיע פון די פעלקער. פאַר מאָריס לאַזאַרוס זענען זיטן, מנהגים, טראַדיציעס, אינטערעסאַנט און וויכטיק נישט בלויז בכדי צו דערקענען די קולטור פון אַ פאָלק, זיין רעליגיע, זיינע אָנשויונגען, זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין קעגנוואַרט, נאָר קודם־כּל צו דערקענען דאָס פאָלק גופא. די פּסיכיק פון יחיד צי פון דער מאַסע פאַרדינען, נאַטירלעך, אויסגעפאָרשט צו ווערן; אָבער דער אַנאַליז פון כאַראַקטער פון אַ פאָלק איז נישט ווייניקער ווערט־פול. וואָרום נישט די יחידים און נישט די מאַסן פון אַלע פעלקער פאַרמאָגן די זעלבע אייגנשאַפטן, און מען קען נישט דערוואַרטן, אַז זיי זאָלן אַלע רעאַגירן גלייך אין די סיטואַציעס, אין וועלכע זיי וועלן זיך געפינען. וויל מען פאַרשטיין אַ פאָלק, איז בכן נישט גענוג צו דערקענען זיין געשיכטע און זיין לאַנד, נאָר טאַקע בפירוש זיין נשמה.

ערשט אַנומלט איז מיר געקומען אין האַנט אַ בוך פון באַרימטן שפּאַנישן געלערנטן סאַלוואַדאָר דע מאַדאַריאַגאַ. קרוב צו תּשעים איז ער אַלט געווען, ווען ער האָט געשריבן דאָס דאָזיקע בוך, און אַ לעבן אָנגעזאַפּט מיט דערפאַרונג, שמועסט זיך סאַלוואַדאָר דע מאַדאַריאַגאַ פונאַנדער אויף דריי הונדערט זייטן וועגן ענגלענדער, פראַנצויזן און שפּאַניער. דאָס הייסט: אויפן סמך פון פאָרשונגען און אייגענע איבערלעבונגען וויל דער מחבר באַווייזן, אין וואָס באַשטייט „דאָס אינערלעכע וועזן" פון די דריי אייראָפּעיִשע פעלקער. לייענענדיק אַט דאָס אינטע־רעסאַנטע בוך, שטוינט מען ממש, ווי ווייט עס שטייען אַט די דריי פעלקער, וועלכע זענען דאָך געאָגראַפיש נאָענט צו זיך און וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער וועג אין דער געשיכטע מער־ווייניקער אין דער זעלבער צייט, איינע פון די אַנדערע. נישט בלויז וואָס דער ענגלענדער איז קאַלטבלוטיק, וואָס דער פראַנצויז איז טעמפּעראַמענטפול און וואָס דער שפּאַניער איז גענויגט צו מיסטיק, נאָר זיי זענען בכלל „אַנדערש". אַט די „אַנדערשקייט" האָט דעצידירט אינעם וועג, וואָס יעדעס פון די דריי פעלקער האָט אונטערגענומען. נאַציאָנאַלער כאַראַקטער איז אַזוינס,

שרייבט מאַדאַריאַגאַ, אין וועלכן מען וויל נישט גערן מודה זיין. אָבער נישט צוליב דעם הערט די פעלקער־פּסיכאָלאָגיע אויף צו זיין וויכטיק און אַנטשיידנ־דיק. אַמאָליקע צייטן האָט מען דאָס פּאַקטיש אויך אָפּגעשאַצט, נאָר עס האָבן געפעלט די וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן, וואָס זענען נויטיק פאַרן געהעריקן אַנאַליז. דער אַלטער גריכישער פּאָעט האָמער אין זיינע עפּאָפּייען אָדער יוליוס קיסר (צעזאַר) אין זיינע כראָניק־באַשרייבונגען, האָבן מיט זייער געוואַלטיקער אינטויִציע דערשפּירט, אַז עס איז נישט מעגלעך צו מעסטן אַלע עטנישע גרופּעס מיט דער זעלבער מאָס. מיר, אין אונדזער יאָרהונדערט, שטיצן זיך נישט מער אויף השערות. די פאָרשונגען העלפן אונדז זיך פונאַנדערצוקלייבן אין פעלקער־געווירבל.

צי קענען מיר זיך אָבער פונאַנדערקלייבן אויף אַן אמת, ווען עס האַנדלט זיך וועגן די כאַראַקטער־שטריכן פון אונדזער ייִדיש פאָלק?

ב.

וואָס פאַר אַ פאָלק זענען מיר, ייִדן? איך האָב אַ מאָל געהערט אויף דער טעמע מיט הרב הערץ אין לאָנדאָן. יוסף צבי הערץ איז געווען דער רב־הראשי פון ענגלאַנד, און ער האָט בעת דעם געשפּרעך געבליצט מיט זיין געוויינלעכער פאַרבליפנדיקער פּיקחות. ער האָט איינגעטיילט פעלקער אין צוויי קאַטעגאָריעס: רייפע און אומרייפע. און רייפקייט, האָט ער געזאָגט, איז נישט דווקא אַן אייגנ־שאַפט, וואָס קומט מיט די יאָרן. מ׳קען זיין אַ זקן און פאַרבלייבן אַ קינד; און מ׳האָט אַ ברירה צו זיין יונג און דאָך פאַרמאָגן רייפקייט. דאָס קאָן זיין דער פאַל מיט אַ יחיד און דאָס קאָן אויך פּאַסירן מיט אַ פאָלק. מיר, ייִדן, זענען בלי־ספק דאָס רייפסטע פאָלק אויף דער ערד. ווי אַ ראיה צו זיין באַהויפּטונג האָט ער געברענגט דעם פאַקט, וואָס ייִדן פאַרטראָגן קריטיק. אין ייִדנטום, אין קעגנזאַץ צו אַנדערע קולטורן, איז דערלויבט צו דיסקוטירן און צו אַמפּערן זיך איבער גרונט־עיקרים פון אונדזער גלויבן. דער תלמוד זאָגט עדות אויף דער רייפקייט פון ייִדישן מענטש, וואָרום דאָרט דיסקוטירט מען, בלאָט נאָך בלאָט, דאָרט דעבאַ־טירט מען, דאָרט שלאָגט מען אָפּ דעות, דאָרט וואַרפט מען אָפּ מיינונגען, דאָרט קומט מען אין דער מערהייט פאַלן בכלל נישט צו קיין שום אויספיר, און דאָרט האָט דער יונגער תלמיד דאָס רעכט „אַריינצוזאָגן" זיין לערער און אים דער־קלערן גאָר פּשוט: איך בין מיט דיר נישט מסכים!... אין אַלע תקופות זענען מיר פאַקטיש געווען מחולק איינע מיט די אַנדערע. אין דור פון רמב״ם האָט אַברהם בן דוד, גערופן דער ראב״ד, געוואַגט צו קריטיקירן אויפן שאַרפסטן אופן דעם ריז פון דער הלכה, און בלויז אויף אַ קורצן צייט־אָפּשניט האָבן זיך אָרגאַניזירט צדדים, וועלכע האָבן פאַרטיידיקט די באַזונדערע געדאַנקען־שולעס. צום סוף האָט

אויך אין דאָזיקן פאַל גובר געווען די רייפקייט פון פאָלק. מען האָט אָנגעהויבן צו אָנערקענען ביידן, סיי דעם מייסטער פון דער הלכה און סיי זיין אומברחמנות־דיקן קריטיקער, און מ'האָט אפילו אָנגעהויבן אָפּדרוקן דעם טעקסט פון רמב״ם און די קריטישע באַמערקונגען פון ראב״ד, די „השגות״ — וואָס אונטער דעם נאָמען זענען זיי באַקאַנט אין אונדזער רעליגיעזער ליטעראַטור — אויף איין און דעם זעלבן עמוד. דאָ האָסטו די סברא, און דאָ האָסטו אויף דעם „איפכא מסתב־ רא״, די אַנטי־סברא! מיר האָבן נישט געדאַרפט און דאַרפן כּסדר נישט אָנקומען צו דער פילאָסאָפישער שיטה פון העגעל, אַז די טעזע און אַנטי־טעזע זאָלן שאַפן די סינטעזע. ביי ייִדן גייען האַנט ביי האַנט די טעזע און די אַנטי־טעזע. און אפשר אויך דערפאַר, האָט הרב הערץ צוגעגעבן מיט זיין ליכטיקן קלוגן שמייכל, איז קאַרל מאַרקס פּאַקטיש נישט ייִדיש אין זיין דענקען, וואָרום אָנשטאָט אָנצו־ שפּאַרן זיך אויפן רמב״ם און אויפן ראב״ד, האָט ער — דאָס אייניקל פון רבנים — זיך געשטיצט אויפן סיסטעם, וואָס איז אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך העגעל...

אָבער עס מוז דאָך צוגעגעבן ווערן, אַז נישט אַלע צווישן אונדז זענען געווען אַזוי שטאַרק זיכער, אַז מיר זענען טאַקע אַ רייף פאָלק. ווען דעם ציוניסטישן רעדנער און מנהיג שמריהו לעווין, וועלכער איז אין זיין פּקחות נישט אָפּגעשטאַנען פון רב־הראשי פון ענגלאַנד, דערציילט מען, אַז ער פלעגט ביטער איראָניזירן איבער אונדזער מכּלומרשטער חכמה און רייפקייט. אוי — פלעגט שמריהו לעווין באַמערקן — ווען דער עם חכם ונבון וואָלט טאַקע נאָך געהאַט אַ ביסל שׂכל אויך!...

צו קיין קלאָרן אויספיר איבער דער רייפקייט פון אונדזער פאָלק האָט משמעות אויך נישט געקענט דערגיין היינריך היינע, הגם ער האָט זיך באַנוצט מיטן גאַנצן שאַרפזין, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, כּדי אַריינצודרינגען אין תּוך פון אונדזער געדאַנק און געפיל. פאַראַן שטעלן אין היינעס שריפטן, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט התפּעלות פאַר דער רייפקייט פון ייִדישן מענטש און פון ייִדישן פאָלק, און ווו די אומות העולם, און אַפילו די גריכן פון אַמאָל, מיט אַלע זייערע פילאָסאָפן און פּאָעטן, ווערן פאַרגעשטעלט ווי אומדערוואַקסענע ייִנגלעך אין פאַרגלייך מיטן ייִדנטום. אָבער פאַראַן אויך ערטער, ווו דער סקעפּטיקער איז גובר אין היינען און די רייפקייט פון ייִד שטעלט זיך ביי אים אונטער אַ שרעקלעכן פראַגע־צייכן.

דאָס שאַרפע אויג פון י. ל. פּרץ איז אויך אויפן דאָזיקן פעלד נישט מסוגל געווען צו דערזען קיין אייגהייטלעך בילד. די דריי ייִדישע פיגורן, וואָס ווערן אַרויסגע־ ברענגט אין זיין באַקאַנטער געשיכטע „דריי מתּנות״, זענען בלי־ספק אַ ביישפּיל פון זין און טעכטער פון אַ פאָלק, וואָס איז רייף אין זיין דענקען און האַנדלען, וואָס ווייסט געגוי, ווו עס ווישט זיך אָפּ די גרענעץ צווישן לעבן און טויט און וואָס באַגרייפט אַז דאָס לעבן פאַרלירט יעדן ווערט און תּוכן, אויב דער עיקר אין מענטשלעכן זיין ווערט פאַרשוועכט און געשענדעט. אָבער נישט אַלע ייִדישע

געשטאַלטן, וואָס פּרץ האָט געמאָלט, פאַרמאָגן די אייגנשאַפטן פון די, וועלכע גייען פאַר אונדז פאַרביי אין „די דריי מתנות". „בייַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק" איז אַ באַווייז, אַז אויך דער דורכדרינגלעכער י. ל. פּרץ איז נישט פעיִק געווען אין אַלע זיינע שאַפונגען און אין יעדן מאָמענט אַריינצודרינגען אין דער ייִדישער נשמה, און אַז אויך פאַר אים איז זי געווען אַ גרויס רעטעניש.

און ס'איז דאָך אַ פאַקט, אַז די טעמע וואָס פאַראינטריגירט מיך, וואָס פאַראינטריגירט דעם לייענער, האָט שטענדיק און אומעטום דערוועקט געוואַלטיקע נייגעריקייט. דורות האָבן געוואָלט אַראָפּרייסן מיט כּוח דעם שלייער פון ייִדישן כאַראַקטער. מ'האָט געזוכט די דערקלערונג פאַרגלייכנדיק אונדז צו אַנדערע לעבעדיקע באַשעפענישן. מ'האָט אונדז בכן פאַרגליכן צו דער טויב. גענוי ווי די טויב שטרעקט אויס איר האַלדז צו דער שחיטה, אַזוי טוט אויך דאָס פאָלק ישׂראל. גענוי ווי די טויב, ווי נאָר זי באַקענט זיך מיט איר בן־זוג, טוישט זי אים שוין נישט אויס אויף אַ צווייטן, אַזוי אויך דאָס פאָלק ישׂראל; זינט ער האָט דערקענט זיין גאָט, וויל ער אים נישט פאַרבייטן (שיר השירים רבה א'). מ'האָט אונדז פאַרגליכן צו פּרוכטן און געוויקסן. מיר זענען ווי די ניס. פּונקט ווי די ניס, בשעת דו נעמסט אַראָפּ פון אַ קופּע איינע פון זיי, באַוועגן זיך אַלע איבעריקע און רירן זיך פון אָרט, אַזוי איז אויך מיטן פאָלק ישׂראל. אַז מען שלאָגט איין ייִד, דערשפּירן אַלע מיט אַ מאָל דעם ווייטיק (שיר השירים רבה ו'). מ'האָט אונדז פאַרגליכן צו משקאות. מיר זענען ווי דער בוימל. אַלע משקאות מישן זיך צונויף איינע מיט דער צווייטער מיטן אויסנאַם פון בוימל, וועלכער לאָזט זיך נישט צונויפמישן און בלייבט שטיין באַזונדער. אויך די ייִדישע אומה לאָזט זיך נישט אויסמישן צווישן די פעלקער. אַלע משקאות, אויב מען מישט זיי צונויף, איז שוין דאָ נישט צו דערקענען וועלכע משקה איז פון אונטן און וועלכע פון אויבן, מיטן אויסנאַם פון בוימל, וואָס וויפל דו זאָלסט אים נישט וועלן צונויפמישן, בלייבט ער שטענדיק פון אויבן. אַזוי אויך פאַסירט מיט פאָלק ישׂראל (שמות רבה ל"ו). מ'האָט אונדז פאַרגליכן צו אַן איי. דעם גאון פון אונגאַרן (פון פאַריקן יאָרהונדערט) דעם „חתם סופר", שרייבט מען צו דעם אַפאָריזם, אַז מיר זענען גלייך צו אַן איי. וואָס לענגער מען קאָכט אונדז, אַלץ האַרטער ווערן מיר; און אַלץ מער דויערהאַפטיק. און ווען מען האָט נישט געקענט קומען צו קיין הסכּם איבער איין אייגנשאַפט, וואָס זאָל זיין אייגנטימלעך פאַר אונדזער פאָלק, האָט מען געזאָגט, אַז דריי מידות זענען אייגנטלעך כאַראַקטעריסטיש פאַר ייִדן: מיר זענען באַרעמהאַרציקע, מיר זענען שעמעוודיקע, און מיר זענען גומלי חסדים (יבמות ע"ט). און ווען מען האָט — נישט געקוקט אויף די אַלע משלים און פאַרגלייכן און באַהויפּטונגען — נאָך אַלץ נישט באַוויזן זיך צו אייניקן און באַשטימען אַ באַצייכענונג, וואָס זאָל זיין אָנגענומען פאַר אַלע, האָט מען דווקא אונטערגעשטראָכן די סתּירה און דעם קאָנטראַסט, און דערקלערט, אַז אין וועזן פון ייִדישן מענטש און

פון ייִדישן פאָלק דעצידירט גראָד דער קעגנזאַץ: „ייִדן זענען גלייך צום זאַמד אויף דער ערד און צו די שטערן אין הימל, און װען זיי פאַלן אַראָפּ, פאַלן זיי ביז צום זאַמד, און װען זיי שטייגן אַרויף, שטייגן זיי צו די שטערן" (מגילה ט"ז). אָבער אויך סתּירה איז פאָרט נישט אויסגעקומען צו זיין דער װיכטיקסטער שטריך אין דער ייִדישער נשמה. און איינער פון די חכמי התּלמוד, װעלכער האָט זיך דװקא אויסגעצייכנט מיט זיין לויטערן און לאַגישן צוגאַנג צו פּערזאָנען און דער־שיינונגען, האָט, בעת עס איז געקומען צו רייד װעגן ייִדישן כאַראַקטער, בכלל אויפגעגעבן דעם פּרוּװ צו געבן אַ װעלכן עס איז געניועם באַגריף, און ער האָט בלויז באַמערקט: ייִדן? זיי זענען „משונים במעשׂיהם", דאָס הייסט, אַנדערש און מאָדנע אין זייערע האַנדלונגען (מועד קטן ט"ז).

מיט צװיי טויזנט יאָר צוריק האָט יאָסעפוס פלאַװיוס אין זיין געשיכטע, װאָס ער האָט געשריבן װעגן ייִדן און װעגן דער ייִדישער מלחמה קעגן רוים פעסט־געשטעלט, אַז מער װי יעדע אומה־ולשון, זאָרגן ייִדן פאַר זייערע קינדער, און אַז ייִדישע טאַטע־מאַמע זענען פעיִק זיך מקריב צו זיין לטובת זייערע קינדער מער, װי דאָס זענען מסוגל צו טאָן די גריכן און די רוימער. טויזנט יאָר שפּעטער האָט סעדיה גאון פאַרצייכנט, אַז אינעם דורשט צו לערנען און דער דעציזיװ צו פאַרטיפן זיך אין די ספערן פון גייסט און מחשבה, אַנטפּלעקט זיך די עיקרדיקע אייגנשאַפט פון ייִדישן פאָלק. מיט אַנדערע װערטער דריקט אויס די זעלבע מיינונג אַלבערט איינשטיין פאַר װעמען דער צייכן פון זיין אַ ייִד איז — אָפּצו־שאַצן די װיכטיקייט פון תּורה און קולטור און שטרעבן צו בילדונג. אָבער אין אונדזערע תּפילות פון די ימים־נוראים זעט זיך באַשיינפּערלעך, אַז מיר זענען פריִער פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען אָפּטימיסטן. מיר גלויבן אין מענטש. מיר גלויבן אין זיג פון דער גערעכטיקייט. מיר גלויבן, אַז דאָס שלעכטע װעט פאַר־שװינדן װי דער רויך, און די מאַכט פון רשעות און בייז װעט מער נישט דאָמי־נירן אויף דער ערד. נישט בלויז מאמינים אין דער געטלעכקייט זענען מיר, לויטן מחזור פון ראש השנה און יום כּיפּור, נאָר בכלל גלויביקע נאַטורן. מיר גלויבן אין מענטש און אין סיסטעם פון גערעכטיקייט, װאָס װעט זיך איינשטעלן אין די באַציִונגען צװישן מענטשן. אויך אין די טויט־לאַגערן פון אױשװיץ און טרעב־בלינקע האָבן ייִדן אויסגעדריקט זייער זיכערקייט, אַז דער מענטש איז בעצם גוט און אַז ער קען און װעט װערן נאָך בעסער.

פיר טויזנט יאָר ייִדיש שאַפן האָבן זיכער אָנגעזאַמלט אַ ריזיקע ליטעראַטור איבער דער ייִדישער נשמה און ייִדישן כאַראַקטער. אַהרן קאַמינקאַ, װעלכער איז געװען אַ זעלטענער קענער פון ייִדנטום און העלעניזם האָט געהאַלטן, אַז פאַרן ייִדישן מענטש איז אייגנאַרטיק דער װילן צו לעבן. עס איז פאַלש, האָט ער באַמערקט, אַז דאָס זענען געװען די העלענער, די בויער פון דער גריכישער ציװיליזאַציע, װעלכע האָבן אין זיך געטראָגן דעם דורשט צום לעבן. די אמתע

דורשטיקע צו לעבן און צו געניסן און באַרייכערן זיך פון די ברכות פון דאָ זיין, זענען געווען און זענען מיר, ייִדן. מיר האָבן ליב דאָס לעבן, מיר פאַרמאַכן די אויגן אויף זיין קידער־ווידער, און אַפילו אויפן ראַנד פון אונטערגאַנג, פאַרבלייבט אונדזער שטרעבונג: לעבן און איבערלעבן. פאַר מאַקס נאָרדוי ווידער, וועלכער האָט שטאַרק זיך געגריבלט אין דער פּסיכיק פון מענטש, זענען מיר ייִדן אַ צונויפמיש פון רעאַליסטן און אידעאַליסטן, פון ניכטערע בעלי־חשבון און ראָמאַנ־טישע בעלי־חלומות, און דער דורשט צום לעבן גייט ביי אונדז צונויפגעפּאָרט מיט פאַרנעפּלטע אילוזיעס, וואָס דערווייטערן אונדז פּאַקטיש פון די נאַטירלעכע דור־כּוחות, וואָס פּולסירן אין אונדז. אין די שווערע פאַרהעלטענישן, אין וועלכע עס געפינען זיך היינט צו טאָג דאָס ייִדישע פאָלק און די ייִדישע מדינה, שווימט אַרויף אין אונדזער געדאַנק די פּראַזע, וואָס בלעם, דער כּישוף־מאַכער פון מדין, וועלכער איז דערביי געווען אַן אינספּירירטער פּאָעט, האָט געוואָרפן וועגן ייִדן אין מאָמענט, ווען ער האָט צוזאַמען מיטן קעניג פון מואָב אַראָפּגעקוקט פון דער הויכקייט פון באַרג אויף דער ייִדישער מחנה. „עם לבדד ישכּון", האָט ער גע־זאָגט. אַ פאָלק וואָס פאַרבלייבט איינזאַם און אַליין צווישן די פעלקער. און אין דער צייט, ווען מיר אָטעמען נאָך אַלץ מיט באַוווּנדערונג פאַר דער העלדישער באַפרייַונגס־אַקציע, וואָס די אַרמיי פון ישׂראל האָט אַדורכגעפירט אויפן פלי־פעלד אין אוגאַנדאַ, געווינט ממש אַ צאַפּלדיקע אַקטועלקייט די מיינונג, וואָס בליצט צו אונדז אַרויס פון די בלעטער פון תּלמוד: „ייִדן זענען די דרייסטע און געוואַגטסטע צווישן אַלע אומות" (ביצה כ"ה).

בלייבט דערפאַר ווייטער אומפאַרענטפערט די פראַגע. מיר האָבן זי געשטעלט אין דער עפענונג פון אונדזער עסיי, און זי געפינט זיך אויך ביים אָפּשלוס. מה אנחנו? וואָסער שטייגער פאָלק זענען מיר? אָבער אפשר גאָר איז פרעגן דער עיקר־דיקער שטריך פון ייִדישן כאַראַקטער. מיר האָבן געשטעלט די ערשטע טריט אין אונדזער געשיכטע מיט פרעגן. דער דיאַלאָג צווישן גאָט און מענטש האָט זיך, לויטן חומש בראשית, אָנגעהויבן מיט דער פראַגע: איכה, ווו ביסטו? אין ערשטן באַריכותדיקן געשפּרעך, וואָס אַברהם אָבינו האָט געפירט מיט גאָט, האָט ער אים געשטעלט איין קשיא נאָך דער אַנדערער און זיך געוואָנדן צו אים אַ פאַרוווּנדערטער: „דו, וואָס דו ביסט דער ריכטער פון דער וועלט, צי וועסטו דען נישט האַנדלען לויט דער גערעכטיקייט?" איין גרויסער אויפצעטערנדיקער פראַגע־צייכן איז דער ספר איוב. און אַפילו דער תּהילים, וואָס אין זיינע צאַרטע, לירישע תּפילות וואָלטן, דאַכט זיך, געדאַרפט זיך געפינען אַלע תּשובות, הערן זיך האַרבע, אָנגעווייטיקטע פראַגעס. „פאַר וואָס, אָ גאָט, האָסטו מיך פאַרלאָזט? פאַר וואָס?" פרעגט דער מחבר פון תּהילים ביים אויפקום פון פרימאָרגן. דער נביא עמוס האָט בפירוש געפאָדערט ביי אונדז, אַז מיר זאָלן פרעגן, „דרשוני וחיו", האָט ער אויסגערופן. זוכט, פרעגט, און איר וועט ערשט געפינען אַ טעם און אַ זין אין

לעבן. און ירמיהו האָט אָנגעוואָרפן די אויסטערלישסטע, די שאַרפסטע קלאָץ־קשיות: „פאַר וואָס האָבן די רשעים דערפאָלג, און פאַר וואָס געניסן פון מנוחה די פעלשער און פאַררעטער?" דורות ייִדן האָלטן אין איין פרעגן קשיות. מען פרעגט, מען פרעגט אָפּ, מען פרעגט זיך פונאַנדער, מען צעפרעגט זיך. „מקשין העולם", די וועלט פרעגט — אָט דער באַגריף איז אַריינגעדרונגען אין דער ייִדישער פסיכיק. דעם תירוץ האָבן מיר איבערגעלאָזט פאַר משיחס צייטן, פאַר אליהו הנביא. תּיקו, האָבן מיר געזאָגט. תּשבי יתרץ קושיות ובעיות. אליהו הנביא וועט פאַרענטפערן די פראַגעס. אונדזער אויפגאַבע איז צו פרעגן, אַפילו די, וואָס האָבן קיין מאָל נישט געלערנט גמרא און תּוספות און האָבן נישט אַריינגעזויגן אין זיך דעם ניגון פון „מאי קא משמע לן?", „וואָס לאָזט ער אונדז צוהערן?", זענען פון דער דאָזיקער מעלאָדיע און פון דאָזיקן סטיל געפאַנגען געוואָרן און לאָזן זיך פון איר פירן. אַ. רייזען האָט דעם „מאי קא משמע לן" אַריינגעפירט אין ייִדישן פאָלקסליד. און הגם פון פשטותדיקן פאָלקס־פּאָעט אַברהם רייזען ביז צום ראַפינירטן מחבר פון די סימבאָלישע דערציילונגען פראַנץ קאַפקאַ איז אַ ווייטער מהלך, זענען זיי ביידע ייִדיש דורך און דורך. פאַר ביידן איז כאַראַקטעריסטיש — דאָס ווונדערן זיך, דאָס פרעגן. און אין ייִדישן מענטש איז זינט דורות איינגעשניטן געוואָרן דער גרויסער און טיף מענטשלעכער מאי קא משמע לן.

סוכּות: אַריינבליק אין דער ייִדישער פּסיכיק

א.

איבער ייִדישע ימים־טובים און אָנדענק־טעג איז שוין פיל געשריבן געוואָרן. ס'איז געשריבן געוואָרן וועגן זייער באַדייטונג, וועגן זייער אַנטוויקלונג אין גאַנג פון דורות, וועגן די פאַרשידענע קאָלירן, וואָס זיי האָבן אָנגענומען אין די לענדער פון דער ייִדישער צעשפּרייטקייט און וועגן אָרט, וואָס זיי פאַרנעמען אין בנין פון דער ייִדישער מחשבה. עס איז געשריבן געוואָרן וועגן די רעליגיעזע, נאַציאָנאַלע, סאָציאַלע און עטישע ווערטן, וואָס זענען אין זיי פאַרבאָרגן. און עס איז נישט איין מאָל אויסגעדריקט געוואָרן באַוווּנדערונג פאַרן פאַקט, וואָס זיי האָבן אויפגעהאַלטן זייער אייגנטימלעכן כאַראַקטער אין משך פון יאָרטויזנטער און באַגלייט דעם ייִדישן מענטש אונטער די פאַרשידנסטע אומשטענדן. אָבער גאָר ווייניק אויפמערקזאַמקייט איז געשאָנקען געוואָרן דער פּסיכאָלאָגיע פון ייִדישן מענטש, אַזוי ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די ימים־טובים און אָנדענק־טעג. אויסער חיים גרינבערגס פאַרטיפטע עסייען, וואָס זייער טעמע זענען דער שבת און דער יום־טוב, אויסער בערל קאַצענעלסאָנס שאַרפזיניקע באַמערקונג אין זיין בוך „במבחן" וועגן דעם פאָלקס־כאַראַקטער, וואָס אַנטפּלעקט זיך באַשיינפּערלעך אין אונדזערע טעג פון פרייד און פון טרויער, און אויסער י. ל. פּרצעס קלאַסישע חסידישע אָדער פאָלקסטימלעכע געשיכטעס, וואָס האָבן צו טאָן מיט די ימים טובים, דערמאָן איך זיך נישט, אַז מען זאָל האָבן געפּרוּווט אין אונדזער מאָדערנער העברעיִשער אָדער ייִדישער ליטעראַטור צו געפינען אין ייִדישן אָנדענק־טאָג דעם פּאָרטרעט פון ייִדישן מענטש גופא.

און דער אמת איז דאָך, אַז דער יום־טוב און אָנדענק־טאָג זענען אָפּגעהיטן געוואָרן זאָרגפעלטיק אין אונדזער פאָלקס־זכרון און זיך פאַרוואַנדלט אין אַ באַשטאַנד־טייל פון דער ייִדישער טראַדיציע, פון ייִדישן וועזן און פון ייִדישן זיין, פון יחיד און פון כלל, אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, ווייל אין זיי האָט דער ייִדישער מענטש דערזען און געזען זיך אַליין און דורך זיי האָט ער געקענט אַריינקוקן אין זיין אייגענעם געמיט און אַנאַליזירן זיין אייגענע אינערלעכע וועלט. דער טראָפּ דאַרף דעריבער, בעת מיר באַהאַנדלען די טעמע פון אַ ייִדישן יום־טוב אָדער תענית, געלייגט ווערן נישט דווקא אויף דער געשיכטלעכער פּאָסי־

רונג, וואָס האָט געגעבן געבורט צום אָנדענק־טאָג און נישט בלויז אויף דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער כּוונה, וואָס איז אין אים אַריינגעלייגט געוואָרן, נאָר אויך אויף די פּסיכאָלאָגישע שטריכן פון יִדישן מענטש, וואָס האָבן זיך איינגעגראָבן אין זיינע טעג פון שׂמחה און פון צער, און וואָס האָבן בעצם זיי געגעבן אינהאַלט, פאָרם און אויסדרוק.

ווען דער מענטש (אין אונדזער פאַל, דער יִיד) — שרייבט חיים גרינבערג אין איינעם פון זיינע עסייען — וואָלט נישט געווען אין זיין טיפסטן ווזען שבת־דיק, וואָלט ער נישט געקענט פּראָדוצירן דעם שבת, און וואָלט נישט געווען בכּוח צו באַקומען דעם שבת, ווי אַ געטלעכע מתּנה. אַ סימבאָל איז נישט קיין אויסגעטראַכטער און אויסגעקליגלטער צייכן, און אַ צערעמאָניע איז נישט קיין אויסגעחשבונטע פּראָצעדור... אַ סימבאָל איז אַ צייכן, וואָס שטעלט פאָר אַן אמת, וועלכער לעבט — אין אונדז גופא...

צום זעלבן אויספיר קומט בערל קאַצענעלסאָן, ווען ער זאָגט, אַז אַ טיפער פריַיהייטס־אינסטינקט איז בלי־ספק פאַרגראָבן אין האַרץ פון אַ פאָלק, וואָס האָט אין פרילינג פון זיינע טעג באַוויזן אויסצושמידן די גענויאַלע שאַפונג: פּסח, און איבערצוגעבן זי פון דור צו דור. עס איז אויך אויסער יעדן צווייפל, אַז תּשעה־באָב, למשל, האָט דערפאַר געקענט אויפהאַלטן זיין ספּעציפישן כאַראַקטער פון אַבלות און פאָלקס־ווי, ווייל אין אים האָט דער יִדישער מענטש געזען אין תּוך נישט דווקא דעם חורבן בית־המקדש, נאָר דעם חורבן פון זיין אייגענער וועלט אין דער קעגנוואַרט.

דאָס איז פאַקטיש דער לייט־מאָטיוו, וואָס שנירלט זיך איבער די יום־טוב־געשיכטעס פון י. ל. פּרץ. ווען מיר נעמען ווי אַ ביישפּיל די באַקאַנטע פּרץ־שאַפונג „אויב נישט נאָך העכער" און שטעלן זיך די פראַגע, צי זענען דאָס די סליחות־טעג וואָס אינספּירירן דעם נעמיראָווער רבי צו דערפילן די ראָל פון וואָסיל, דער האָלץ־העקער, וועלכער הייצט איין דעם אויוון אין קאַלטן צימער פון דער אָרעמער און קראַנקער אַלמנה, אָדער דאָס איז דער צדיק פון נעמיראָוו, וועלכער גיט אַזאַ הויך־מענטשלעכן כאַראַקטער די סליחות־טעג, ווייל יעדער טאָג אין יאָר איז פאַר אים בעצם אַ סליחות־טאָג, וועט דער ענטפער ווייט נישט זיין אַזוי איינפאַך. דער איינדרוק באַקומט זיך, אַז דער ליטוואַק אין פּרצעס מעשׂה בלייבט צום סוף דערשטוינט און דערשיטערט נישט בלויז דערפון, וואָס ער האָט אַנטדעקט ,וואָס אַזוינס דער רבי טוט אין פרימאָרגן פון די סליחות, נאָר אויך, און אפשר גאָר בעיקר, וואָס דורך דעם איידעלן און רירנדיקן טאַט פון נעמיראָווער רבי באַווייזט זיך ערשט דורכזיכטיק און קלאָר, פאַר וואָס דאָס יִדישע געמיט און די סליחות־שטימונג האָבן זיך אַזוי נאָענט צונויפגעוואַקסן אין משך פון דורות און ווי אַזוי דער יִדישער מענטש זוכט דעם וועג צום הימל.

די אגדה־ליטעראַטור, דאָס הייסט די מדרשים, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן

אין די צייטן פון תלמוד, אָדער די שטעלן אין תלמוד, וואָס האָבן נישט צו טאָן מיט דער הלכה, מיט דער ייִדישער געזעצגעבונג, נאָר זענען באַהויכט מיטן מילדן חן פון צאַרטער און האַרציקער פּאָעזיע, האָבן אין די ווייטע, פאַרגאַנגענע תקופות אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער אידענטישקייט פון ייִדישן מענטש מיט זיינע טעג פון פרייד און פון טרויער. דער ייִד און זיין שבת און יום־טוב ווערן אין די מדרשים אָדער אין די אגדה־שטעלן, וואָס פינקלען אַרויס פון תלמוד, פאַרגע־שטעלט, ווי אַ באַשערטער און באַשערטע, ווי אַ פאַרליבט פּאָרל, ווי חתן־כּלה. דער ייִד און זיין אָנדענק־טאָג בענקען איינער צום אַנדערן, פירן טענות און גע־שפּרעכן צווישן זיך, מאַכן זיך פאַרוואורפן אין געוויסע מאָמענטן און טרייבן אַפילו סצענעס פון קענגזייטיקער איפערזוכט, אָבער בעטן זיך איבער צום סוף און שפּינען בשותּפותדיקע האָפענונגען און חלומות. די כּנסת ישׂראל, באַוועגט זיך און לעבט, לאַכט און וויינט, אין אירע אָנדענק־טעג. און די רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע דאַטע, וואָס דערשיינט אין דער הלכה, ווי אַן אינסטיטוציע, וואָס איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אויפן ייִדישן מענטש, וואַקסט אַרויס אין דער אגדה־ליטעראַטור אָדער אין דער אגדתא פון דער גמרא, פון די טיפענישן פון דער ייִדישער נשמה און פון ייִדישן געפיל. זי קומט נישט פון דרויסן, נאָר פון אינע־וויניק. אויך אין דער אגדה־ליטעראַטור איז אויפגעהויבן געוואָרן די פראַגע, וואָס האָט נאָך פריִער, אין די תּנ״ך־צייטן באַאומרויִקט דעם נביא זכריה: צי וועלן די טראַדיציאָנעלע אָנדענק־טעג פאַרבלייבן אויף תּמיד אין ייִדישן קאַלענ־דאַר און אין ייִדישן לעבנס־שטייגער, אָדער וועלן זיי פאַרשווינדן פון אונדזער פאָלקס־זכּרון מיטן מאַרש פון די דורות און ביי די געענדערטע אומשטענדן? אויב אין די תּנ״ך־צייטן האָט נאָך די דאָזיקע פראַגע געקענט אויפוועקן מיינונגס־פאַרשיידנהייטן און דעבאַטעס, איז דאָ, אין דער אגדה־ליטעראַטור, די אַנטשיידונג אויסגעפאַלן קלאָר און דייטלעך: ווי אַזוי קאָן אַ יום־כּיפּור צי אַפילו אַ פּורים בטל־ווערן און אַרויסגעריסן ווערן פון דער פאָלקס־טראַדיציע, ווען ייִדישע אָנדענק־טעג זענען אַן אויסדרוק נישט בלויז פון דער געשיכטע אָדער פון געזעץ, וואָס האָט זיך סטאַביליזירט צווישן פאָלק, נאָר זיי זענען דאָס פאָלק גופא, די כּנסת ישׂראל אַליין? די מיסטישע פּאָעמע מיט וועלכער מיר באַגריסן עד־היום דעם שבת, „לכה דודי״ פון רבי שלמה אַלקביץ, דער מקובל פון צפת, וואָס האָט געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט, חזרט פאַקטיש איבער דעם רעפריין, וואָס איז נאָך מיט קאַרגע אָנדערטהאַלבן טויזנט יאָר פריִער באַנוצט געוואָרן אין די צייטן פון תּלמוד דורך רבי ינאי: קום אַריין כּלה שבת, קום אַריין, כּלה!...

דערפאַר זענען מיר אַזוי שטאַרק צום האַרצן די קורצע, בליציקע, ווי כּלאחר־יד אַרויסגעזאָגטע ווערטער, וואָס זענען פונאַנדערגעוואָרפן אין די חסידישע ספרים אָדער אין חסידישן פאָלקלאָר, און וועלכע באַציִען זיך צו אונדזערע טעג פון פרייד און פון טרויער. ווי אַ באַוועגונג, וואָס האָט אַרויסגעשפּראָצט פון אינגע־

ווייד פון די ייִדישע פֿאָלקס־מאַסן, האָט חסידות אַריינגעדרונגען מיט שאַרפֿער אינטויִציע אין די פֿאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון דער ייִדישער פּסיכיק. אַ וואָרט פון רבי נחמן בראַצלאַווער אָדער פון רבי בונם פון פּשיסכע טײַטשט טרעפֿלעכער אויס דעם פּסח צי דעם שבועות, ווי דיקע בענדער פון געשיכטלעכע פֿאָרשונגען. פֿאַר רבי ישׂראל בעל־שם־טוב איז ראש־השנה אַן אָפּשפּיגלונג פון געמיט־צושטאַנד פון חייקל, דעם שטאָטישן וואַסער־טרעגער, וועלכער שלעפּט די שווערע קאַנען וואַסער אויף די הויכע טרעפּ. די קדושה פון יום־כּיפּור דערשיינט ערשט פֿאַר רבי לוי יצחק בערדיטשעווער אין איר גאַנצן פֿאַרנעם און עמקות, ווען ער געפֿינט נישט אין דער כּל נדרי־נאַכט אין שול, קיין איינציקן ייִד, וועלכער זאָל זיך האָבן אָנגעשיכּורט בעת דער סעודה פון פֿאַרפֿאַסטן. אין דער תּורה פון חסידות, און פֿאַר די לערער פון חסידות, זענען דער יום־טוב און דער תּענית נישט אַזוי ווײַט דאָס פּענצטער, פון וועלכן עס קוקט אַרויס דער שולחן־ערוך, נאָר דאָס פּענצטער פון וואַנעט עס קוקט אַרויס בערל דער שניידער.

אויב איר ווילט, קענט איר באַמערקן אָט דעם אונטערשיד אין דער געדאַנקען־וועלט צווישן דעם רמב״ם און רבי יהודה הלוי, די צוויי גײַסטיקע ריזן, וואָס דאָס שפּאַנישע ייִדנטום האָט אַרויסגעגעבן אין זײַן גאָלדענער תּקופֿה, נישט בלויז אין זייער פֿאַרשידענער אינטערפּרעטאַציע פון דער געטלעכקייט אָדער אין זייער פֿאַרשידענעם אויסטײַטש פון דער דראַמע פון ייִדישן גײַסט, נאָר אויך אין זייער באַזונדערן צוגאַנג צו די ייִדישע אָנדענק־טעג. פֿאַרן רמב״ם, דער מייסטער פון פֿילאָסאָפֿישן געדאַנק און לערער פון געזעץ, זענען די אָנדענק־טעג אַ באַשטאַנד־טייל פון דער ייִדישער מחשבה און ציגל אין דער געביידע פון דער ייִדישער הלכה. פֿאַר רבי יהודה הלוי, דער דיכטער פון סובטעלן געפֿיל און אויסזינגער פון די בענקענישן פון ייִדישן האָרץ, זענען, אין קעגנזאַץ, די ימים־טובים בעיקר „אותות ומועדים״, צייכנס און סימבאָלן, אין וועלכע עס אָנטפּלעקט זיך די אינערלעכע וועלט פון ייִדישן מענטש. דאָס איז געווען רבי יהודה הלוי, וועלכער האָט געזאָגט, אַז די ייִדישע אומה איז ווי דאָס האַרץ פון דער וועלט. נאָכפֿאָלגנדיק זײַן געדאַנקען־גאַנג, וואָלט מען געקאָנט צוגעבן: און די ימים־טובים און אָנדענק־טעג זענען דאָס האַרץ פון דער ייִדישער אומה.

ב.

איצט קערן מיר זיך אום צו סוכּות. זיכער, מיר ווייסן, אַז אָט דער יום־טוב האָט אַ נאַציאָנאַל־געשיכטלעכן מאָטיוו. ער דערמאָנט אין די ביידלעך, וואָס אונדזערע אור־עלטערן האָבן אויפֿגעשטעלט מיט לאַנגע יאָרן צוריק אין מדבר, ווו זיי האָבן געוואַנדערט, נאָך דעם, ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען פון מצרים. מיר

ווייסן, אַז דער יום־טוב האָט אויך אַן אַגריקולטורעלן כאַראַקטער. ער דערמאָנט אין יענע פאַרגאַנגענע תּקופות, ווען אונדזער פאָלק, וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין ארץ־ישׂראל, איז אין זיין איבערוויגנדיקער מערהייט געווען אַ פאָלק פון ערד־אַרבעטער. אין אָט דער צייט פון יאָר, ביים צופאַלן פון האַרבסט, פלעגן די פויערים צונויפקלייבן די תּבואה פון די פעלדער, די פרוכטן פון די גערטנער, און זיי אַריינגעמען אין הויז, צי אין שפּייכלער. דערפון טאַקע נעמט זיך, וואָס סוכּות ווערט אויך אָנגערופן „חג האסיף״, דער יום־טוב פון צונויפזאַמלען די פרוכטן פון דער ערד. אָבער צי איז דען דאָס אַלץ, וואָס סוכּות באַדייט און שטעלט מיט זיך פאָר?

דער אמת איז, אַז נאָך אין די פאַרגאַנגענע צייטן איז סוכּות אַרויפגעשטיגן צום סאַמע־אויבנאָן צווישן אונדזערע „מקראי קודש״, צווישן די הייליקע טעג, וועלכע דאָס פאָלק איז גערופן געוואָרן צו פייערן און אָפּצוהיטן. געדאַכט וואָלט זיך, אַז דאָס ערשטע אָרט האָט געדאַרפט פאַרנעמען פּסח, דער יום־טוב פון פריי־לינג און פון פרייהייט, אָדער שבועות, די דאַטע, ווען עס פלעגן צייטיק ווערן די ערשטע פרוכטן און ווען דער זכּרון פון פאָלק האָט זיך אויך אומגעקערט צו דער גאָט־אַנטפּלעקונג אין סיני. געדאַכט וואָלט זיך, אַז די אויפמערקזאַמקייט פון יידישן מענטש האָט געדאַרפט באַוועלטיקט ווערן פון אַזאַ ערנסטן און דער־הויבענעם טאָג, ווי יום־כּיפּור, אָבער נישט אַזוי האָט פּאַסירט. דעם ערשטן פּלאַץ, ווי דאָס זאָגן עדות די מקורות פון פאַרצייטנס, האָט דעראָבערט סוכּות. אין אונ־דזער רעליגיעזער ליטעראַטור פון אַמאָל, אין תּנ״ך צי אין תּלמוד, אין די שטעלן, ווו מיר באַגעגענען דאָס וואָרט „חג״, „החג״, דאָס הייסט: דער באַקאַנ־טער, דער באַוווּסטער יום־טוב, ווערט דערמיט געמיינט על־פּי רוב סוכּות. נאָך מער: סוכּות ווערט אויך באַצייכנט ווי דער „חג ה׳״, דער יום־טוב פון גאָט. און מעגן די געשיכטלעכע פאָרשונגען דערקלערן די פּאָפּולערקייט פון יום־טוב סוכּות צווישן אַלע שיכטן פון פאָלק און זיין חשובן פּלאַץ אין אונדזער רעליגיעזער ליטעראַטור מיט כּלערליי וויסנשאַפטלעכע מאָטיוון, און מעגן די אָדער יענע ספרים אַנטוויקלען זייערע אייגענע אַרגומענטן, פאַר וואָס די סוכּות־דאַטע האָט אַזוי שטאַרק זיך איינגעקריצט אין באַוווּסטזיין פון יחיד און פון כּלל, ווערט דאָך אין זיי נישט אויפגעדעקט דער גאַנצער און טיפער אמת וועגן דער סוכּות־דער־שיינונג.

מער ליכט וואַרפט אויפן דאָזיקן יום־טוב די נביאישע וויזיע, אין וועלכער סוכּות באַקומט גאָר אַן אומגעווייטלעכע באַדייטונג. מער ווי די אַנדערע טראַדי־ציאָנעלע טעג פון יידישן יאָר, וואַקסט סוכּות אויס ביי די נביאים, צו אַ געשעע־ניש פון אוניווערסאַלן כאַראַקטער. אין דער וויזיע פון נביא זכריה, ווו עס ווערט געמאָלט דער גייסטיקער באַרג אַרויף צו וועלכן די מענטשהייט וועט דאָך קלע־טערן אין דער צוקונפט, געווינט סוכּות צויבער און אויסדרוק אויך פאַר די נישט־

ייִדישע פּעלקער: אין „די טעג וואָס וועלן קומען”, ווי עס גייט דער נביאישער נוסח, וועלן די פּעלקער פון דער וועלט עולה־רגל זיין קיין ירושלים, וווּ זיי וועלן צוזאַמען מיט די ייִדן פייערן סוכּות. דער פּרווו, וועלכער איז אונטערגענומען געוואָרן דורך אייניקע מפרשים, צו דערקלערן דעם סוכּותדיקן פּעלקער־בונד אין ירושלים מיט קלימאַטישע טעמים (ווייל סוכּות איז מען מתפּלל אויף רעגן), אָדער מיט דער צערעמאָניע פון די ספּעציפישע סוכּות־קרבּנות, רויבט אָוועק פון דער וויזיע פון נביא זכריה איר הויך־מענטשלעכן פּאַטאָס און ירושלים של מעלה באַגריף, און איז דעריבער נישט זייער איבערצייגנדיק. נענטער צו דער נביאישער אידייע האָט זיך צוגערוקט דער מחבר פון פּיוט, וואָס געפינט זיך אין סוכּותדיקן מחזור און אין וועלכן עס ווערט געזאָגט, אַז סוכּות איז „שקולה כנגד כל המצוות”, דאָס הייסט, אַז דער דאָזיקער יום־טוב פאַרמאָגט אין זיך אַזוי פיל וואָגיקע וויכטיקייט, ווי אַלע אַנדערע ייִדישע דינים, אידייען און אינסטיטוציעס צוזאַמענגענומען. די זעלבע מיינונג האָבן נאָך פריִער אויסגעדריקט אונדזערע אַלטע דענקער און דיכטער, וואָס האָבן פאַרפאַסט די מדרשים. זיי האָבן געהאַלטן, אַז משיח וועט קומען בלויז מיטן צוועק מזכּה צו זיין די אומות־העולם מיט דער מצווה פון סוכּה. אַ מיינונג, וואָס קלינגט אַ שפּאַר ביסל אויסטערליש אין אונדזערע אויערן. און אַפילו ווען מיר זאָלן פון דער דאָזיקער מדרש־פּראַזע אָוועקנעמען די פּאַטעטישע מליצה און דעם פאָלקלאָר־סטיל, באַדייט זי נאָך אַלץ, אַז פאַר אונדזערע דענקער און ליריקער פון פאַרצייטנס איז סוכּות געווען נישט בלויז אַ לאַנדווירטשאַפטלעכע דאַטע און נישט בלויז אַ דעראינערונג פון אַ ווייטער דערפאַרונג, נאָר טאַקע בפירוש דער העכסטער אידעאַל פון דער אויסלייזונג פון ייִד און מענטש. און דאָ קומען מיר צו דעם, וואָס סוכּות רעפּרעזענטירט פאַקטיש: דער גלויבן אין די אומגעזעענע ווערטן פון גייסט.

אין דער צייט, ווען מיר זענען אַרויפגעטראָטן אויף דער געשיכטלעכער אַרענע ווי אַ פאָלק, האָבן שוין דאָן עקזיסטירט מעכטיקע, רומפולע ציוויליזאַציעס. מעסאָפּאָטאַמיע אָדער עגיפּטן, למשל, זענען געווען ערשטראַנגיקע קולטור־צענטערס אין וויטן אַלטערטום, און אין דער זעלבער עפּאָכע, ווען די ייִדישע קולטור האָט געווירקט האָבן זיך אויך אַנטוויקלט אַנדערע באַדייטנדיקע ציוויליזאַציעס. נישט נויטיק ערשט אָנצווייזן אויפן שטאַרקן חותם, וואָס די ציוויליזאַציעס פון גריכנלאַנד אָדער רוים האָבן געלייגט אויף דער מענטשלעכער געשיכטע. אָבער איין שטריך איז געווען בשותּפותדיק פאַר יענע ציוויליזאַציעס: דער גלויבן אין דעם, וואָס מען קאָן זען מיט די אויגן און אָנרירן מיט די פינגער. די אמונה אין די געטער, וועלכע האָבן קערפּער און פאָרם. די פאַרערונג פאַר אַלץ, וואָס איז ממשות, וואָס איז מאַטעריע. אָט דאָס פאַרהערלעכן די מאַטעריע האָט, פאַרשטייט זיך, געפירט צו כּלערליי מעגלעכע קאָנסעקווענצן, צו דער פאַרערונג פון דער פויסט און פון דער רויער, פיזישער קראַפט. אין שאַרפן

קעגנזאַץ צו אַלע ציוויליזאַציעס פון אַלטערטום, איז דאָס ייִדנטום געקומען מיט דער גרויסער און וווּנדערלעכער אַספּיראַציע פון גייסטיקער דערהויבונג. אין דער ייִדישער לערע איז געזאָגט געוואָרן: נישט אַלץ איז מעגלעך צו באַטראַכטן מיט די אויגן פון פלייש, אָבער נישט צוליב דעם איז די אומזעבאַרע וועלט פון אידעאַלן ווייניקער ווירקלעך. דער גאָט, וועלכן מען קאָן נישט אָנרירן מיט דער האַנט, איז נישט ווייניקער רעאַל, ווי די אָפּגעטער. דער אומגעזעענער אויסלייזער, וועלכער איז אָנגעצייכנט צו ענדערן דאָס פּנים פון דער מענטשהייט, דאַרף ווערן אַ באַשטאַנדטייל פון אונדזער פּילן און שטרעבן מער ווי די פאַלשע, גשמיותדיקע משיחים, צו וועלכע מען בוקט זיך. און די גערעכטע וועלט, וואָס וועט זיך אויסשיילן „באחרית הימים״, אין ווייטן און אפשר גאָר אין נאָענטן שפּעטער, איז נישט ווייניקער מעגלעך און אויספירבאַר, ווי די אַקטועלע ווירקלעקייט. „כי לא יראני האדם וחי״, — ווערט געזאָגט אין חומש. דער מענטש איז נישט מסוגל מיט זיינע אויגן פון פלייש צו זען אַלץ, און נישט דאָס דאַרף זיין די מאָס, מיט וועלכער ער שאַצט אָפּ די ווערטן און די דערשיינונגען. די ווערטער, מיט וועלכע גאָט האָט זיך געווענדט צו אַברהם, דער ערשטער טרעגער פון ייִדישן געדאַנק, זענען געווען טאַקע לויטן חומש: „ שׂא נא עיניך וראה״, הייב אויף דיין בליק און זע. בכדי צו דערזען די זאַכן, מוז מען קוקן אין דער הויך. אין דער דאָזיקער בראשית־ווענדונג ליגט דער תּמצית פון דער ייִדישער לערע. און מיט רעכט זאָגט אחד העם אין זיין עסיי „על שתי הסעיפים״ — דער שאַרפסטער און בעסטער עסיי אפשר, וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פּעדער — אַז ווען עס וואָלט געקומען עמעצער צו אים און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים אויסלערנען די ייִדישע תּורה „על רגל אחת״, אין איין קורצן פּסוק, וואָלט ער צו אים געזאָגט: „לא תעשה לך פסל וכל תמונה״ ,דער שטרענגער פאַרבאָט צו פאַרערן די אָפּגעטער און די אָפּבילדער און צו גלויבן אין דער מאַטעריע, דאָס איז די גאַנצע תּורה פון ייִדנטום.

סוכּות האָט פאַרקערפּערט אין זיך אָט דעם שטריך, וואָס איז געוואָרן וועזנטלעך פאַר ייִדישקייט און פאַרן ייִדישן מענטש פון סאַמע אָנהויב פון ייִדישער געשיכטע און וואָס האָט דורך יאָרטויזנטער און דורך כּלערליי דערפאַרונגען אַלץ ענגער זיך צונויפגעקניפּט מיט דער ייִדישער פּסיכיק.

ג.

פאַראַן ביי שלום־עליכמען אַן אומפאַרגעסלעכע סוכּה־שילדערונג. און מיר דאַרפן דאָך געדענקען, אַז שלום־עליכם האָט ווי זעלטן־וועמער פון די מאָדערנע ייִדישע קינסטלער זיך דערגרונטעוועט צו די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה. דערציילט ער, וואָסער גרויסאַרטיקע איבערלעבונג סוכּות איז פאַר אים געווען אין

זיינע קינדער־יאָרן. דאַכט זיך, וואָס איז זי מ׳שטיינס געזאָגט געווען, די סוכּה? אַ בײַדל פֿון צונויפֿגעקלאַפּטע ברעטער, און דער ווינט האָט אַריינגעבלאָזן דורך די דינע ווענט, און די צווייגן און בלעטער פֿון סכך האָבן געהאַלטן אין איין אַראָפּפֿאַלן, און די אָנגעצונדענע ליכט האָבן געפֿלאַטערט און געציטערט מיט אומזיכערקייט, און געדראָט זיך אויסצולעשן און איבערצולאָזן די סוכּה אין דער פֿינצטערניש. אַ שוואַכע, איינגעהויקערטע סוכּה פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט. אָבער נישט אַזאַ איז זי געווען פֿאַר אים, פֿאַרן ייִדישן ייִנגל, און נישט אַזאַ איז זי געווען פֿאַרן שטעטל. פֿאַר אים איז זי געווען אַ פּאַלאַץ, אַ וווּנדער שיינער און הערלעכער פּאַלאַץ. און אינעווייניק זענען נישט געזעסן סתּם מענטשן, נאָר פּרינצן, מיטגלידער פֿון קעניגלעכן הויז.

אָ, ווײַט איר זאָגן, שלום־עליכמס פֿאַנטאַזיע פֿון כּתרילעווקע, אַ מעשׂהלע פֿאַר קינדער!... נו, פֿאַרטראַכט אייך אַ רגע: און דורות דערוואַקסענע, ניכטערע, פּקחותדיקע ייִדן, צי האָבן זיי דען נישט, מיט די זעלבע צעגליטע אויגן, געקוקט אויף דער סוכּה? פֿון דור צו דור האָבן ייִדן זיך איבערגעגעבן דעם אָנזאָג, אַז אין דער וואָך פֿון סוכּות דאַרף מען זיך אַריינצײַען אין דער „דירת ארעי״, אין דעם צייטווייליקן בײַדל. און זאָל קיינעם נישט אָנגיין, האָט מען אונטערגע־שטראָכן, וואָס זי זעט אויס צו זײַן שוואַך, און קוים וואָס זי שטייט, און וואָס דער רעגן און דער ווינט דרינגען אין איר אַריין און בויגן זי און שליידערן פֿון אַלע זייטן, און וואָס מען וואַרפֿט אין איר אָפּטמאָל אַריין שטיינער, וואָרום אויסער־לעכע שוואַכקייט איז אין אַ סך פֿאַלן אַ באַווײַז פֿון אינערלעכער שטאַרקייט. פֿון דור צו דור איז איבערגעגאַנגען דער אָנווייז צו דעקאָרירן די סוכּה, צו פֿאַרפּוצן זי מיט גרינס און בלומען, און אויסצושפּרייטן אין איר טעפּיכער, און באַצירן זי מיט אויפֿשריפֿטן. אין איר זענען פֿונאַנדערגעלייגט געוואָרן די פּראַכטפֿולע ייִדישע פֿאַרגאַנגענהייט און די וווּנדערלעכע וויזיע פֿון דער צוקונפֿט. זי איז אויס־געוואַקסן אין אַ סימבאָל פֿון ייִדישן לעבן, פֿון ייִדישע פֿריידן און ליידן, פֿון ייִדישע האָפֿענונגען און קאַמפֿן, אין אַ „צייכן״ פֿון ייִדישן מענטש. די פֿאַרשידנ־סטע כּוונות און רמזים, סודות און אָנדייטונגען, זענען אין איר אַריינגעטייטשט געוואָרן. אונדזערע ספֿרים זענען נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן, אַז די סוכּה איז ווײַט נישט אַזוי פּשוט און איינפֿאַך, ווי דאָס קאָן זיך אויסדאַכטן. זי איז סוכּת דוד, די סוכּה פֿון דוד המלך. זי איז סוכּת שלום, די סוכּה פֿון פֿרידן. זי שטעלט מיט זיך פֿאַר די ענני כּבוד, די וואָלקנס פֿון דער שכינה. זי איז צילא דמהימנותא, דער שוץ פֿון גלויבן. זי איז סוכּת עורו של לויתן, די סוכּה פֿון משיחס צייטן. און געסט קענען מיר און דאַרפֿן פֿאַרבעטן אין דער סוכּה אַריין. די שענסטע, די חשובֿסטע געסט. זיי זענען גרויסע פֿיגורן פֿון דער ייִדישער געשיכטע, אָבער זיי געהערן צו דער סוכּה־פּאַנאָראַמע, און זיי ווילן געדן אָננעמען די אויסגעצויגענע אײַנלאַדונג. געניי ווי דו און ווי איך, האָבן זיי געקענט זיך אויפֿהייבן איבער דער

גרויערווירקלעכקייט, וואָס איז געווען אַקטועל אין זייערע צייטן, און לעבן אין דער אויסגעשפּינטער וועלט פון אידעאַל און פאַנטאַזיע. „אושפיזין" (געסט), אַט די איינלאַדונג־טראַדיציע, וואָס האָט זיך איינגעגלידערט אין דער סוכּה, דערציילט אונדז מער וועגן ייִדישן געמיט, ווי די פּילצאַליקע פאַרשונגען, וואָס זענען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן אונדזער פאָלק. טאָג נאָך טאָג, ווי נאָר מיר טרעטן אַריבער די שוועל פון דער סוכּה, פאַרבעטן מיר צו זיך די ווichטיקע געסט. מיר ווענדן זיך צו זיי און זאָגן: „עולו אושפּיזין עילאין" — קומט אַריין, טייערע געסט. „תּיבו" — זעצט אייך. „אַזמין לסעודתא" — איר זענט איינגעלאַדן צום מאָלצייט... ווער זיי זענען געווען? די אָבות פון פאָלק, זיינע לערער, זיין קעניג: אַברהם, יצחק, יעקב, יוסף, משה, אַהרן, דוד...

קינדער־שפּיל? רעליגיעזע נאַיִווקייט? — ניין. וווּנדערבאַרע פאָלקס־פעיִקייט זיך אויפצוהייבן אויף די פליגל פון גייסט. זעלטענער טאַלאַנט צו קוקן מיט די אויגן פון דער נשמה און דערזען דעם זין פון די דערשיינונגען. ווען מען האָט איין מאָל דערציילט רבי מענדעלע קאָצקער וועגן אַ חסיד, וועלכער זאָגט אויף זיך, אַז ער זעט שטענדיק אַלע זיבן אושפּיזין ביי זיך אין סוכּה, האָט רבי מענדעלע דערויף געענטפערט: אויב ער גלויבט, אַז די אושפּיזין קומען אים באַזוכן אין דער סוכּה, דאַן זעט ער זיי, וואָרום מיט אמונה זעט מען מער, ווי מיט די אויגן.

צווישן די אַלע תּשובות, וואָס ווערן געגעבן אויף דער דורותדיקער פראַגע, ווי אַזוי מיר האָבן איבערגעהאַלטן דעם גרויל און פּיין פון די לאַנגע פינצטערע און אומהיימלעכע תּקופות, איז אַ גרויסער שטיק אמת דאָ אין דער פעסטשטעלונג, אַז מיר האָבן איבערגעלעבט די שווערע תּקופות, ווייל מיר זענען געווען מסוגל זיך אויפצוהויבן איבער דער ביטערער קעגנוואַרט און לעבן מיטן חלום פון דער צוקונפט. מיר האָבן געזען איבער די כמאַרעס די בלויקייט און לויטערקייט פון הימל. ווען רויע אכזריות האָט געוועלטיקט, האָבן מיר זיך דערנערט מיט אונדזער גלויבן אין מענטש. אַפילו ווען כוואַליעס פון ווילדער שׂנאה האָבן געבושעוועט, זענען מיר געווען זיכער, אַז לסוף וועט דאָך דאָס רשעות פאַרשווינדן, ווי דער רויך. די קדושה, וואָס פלאַטערט אין אונדזערע פאַרמעטן איז געווען פאַר אונדז מער איבערצייגנדיק, ווי די ממשלת זדון, ווי די מאַכט פון בייז, וואָס האָט אונדז געהאַלטן אין צוואַנג. אַפילו דאָס עקשנותדיקע אָפּהיטן דעם אַגריקולטורעלן כאַראַקטער פון אונדזערע ימים־טובים אין די לאַנגע יאָרהונדערטער, ווען מיר זענען געווען אין גאַנצן אָפּגעריסן פון דער ערד, אַפילו דאָס עקשנותדיקע אַרומטראָגן זיך מיטן לולב און אתרוג אין די צייטן, ווען עס איז אונדז געווען פאַרווערט צו פאַרפלאַנצן אַ בוים אָדער פאַרזייען אַ קערנדל, אַפילו דאָס איז דאָך אַ טייל פון דער סוכּה־פּסיכיק. די שכנים, אַרום וועלכע מיר האָבן געלעבט און וואָס האָבן פאַרביטערט אונדזערע טעג און נעכט, זענען נישט געקוקט אויף זייער

פּיזישער נאָענטקייט צו אונדז, פאַרבליבן ווייט פון אונדזערע השׂגות. דער הער־שער, וואָס אין זיין לאַנד האָבן מיר געוווינט און געווויינט, איז נישט געווען דער טיפּ מאַכטהאָבער, וועלכער זאָל זיין אידענטיש מיט אונדזער פאָרשטעלונג. פאַר אונדז איז דער טיפּ פון אַ פאָלקס־פירער פאַרבליבן יענער באַשיידענער, שעמעוו־דיקער שטאַמלער, דער כבד־פה משה, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבן זיך געיאָגט נאָך גערעכטיקייט. דער קעניג, וואָס אונטער זיין רוט האָבן מיר געזיפצט, איז נישט געווען אונדזער אידעאַל פון אַ מושל. אין אונדזער געדאַנק איז דער אידעאַל פון אַ מלך פאַרבליבן דוד, וועלכער האָט מיט אַ קליין שטיינדל זיך פאַר־טיידיקט קעגן ריז גלית און וועלכער האָט אין די רירנדיקע תהילים־קאַפּיטלען אויסגעזונגען דעם מענטשלעכן עלנט און זיין דורשט צו גייסטיקן און עטישן אויפשטייג.

פון דער סוכּה פון ייִדישן חלום, וואָלט איך געזאָגט, זענען אַרויסגעגומען אַזוי פיל געשטאַלטן, וואָס האָבן געגעבן אונדזער געשיכטע אימפּולס און ריכטונג. אָט איז דער בלאַנדזשענדיקער פּאַסטוך עמוס, וועלכער וואָגט מיט זיין וואָרט זיך צו שטעלן קעגן די רייכע און מעכטיקע פון זיין דור, וואָס שענדן די פּרינציפּן פון יושר און מאָראַל. אָט איז הלל, וועלכער פּרוּווט מיט זיין אידייע פון מענטשן־ליבשאַפט צעשמעטערן די ברוטאַלע ציוויליזאַציעס פון זיין צייט. אָט איז רבי יוחנן בן זכּאי, וואָס גלויבט, אַז מיט דער גייסטיקייט, וואָס וועט זיך טראָגן פון באַשיידענעם לערן־אַנשטאַלט אין יבֿנה, וועט דאָס פאָלק באַווייזן איבערצולעבן די אימפּעריע פון רוים. און אָט איז רבי ישׂראל בעל־שם־טובֿ, וועלער דערהערט אין פייף פון דאָרפס־ייִנגל דעם העכסטן אויסדרוק פון דער תּפֿילה, וואָס קאָן אויפרייסן הימלען.

און אין דער ייִדישער דראַמע פון די לעצטע דורות איז בפירוש נאָך מער געוואָקסן אָט די, דאַכט זיך פון טרוים־אויסגעוועבטע, און פאָרט פאַר אונדז רעאַלע און ווירקלעכע, סוכּה־משפּחה.

צי איז נישט אָט אַזאַ סוכּה־געשטאַלט בנימין זאבֿ הערצל? ער בעט אוידיענצן ביי די פּרינצן, ער לויפט צו די מיניסטאָרן, ער רעדט אין נאָמען פון אַ מדינה, וואָס עקזיסטירט נישט, וואָס געפינט זיך „אונטערוועגס״ און וואָס לעבט בלויז אין זיין פאַנטאַזיע און אין דעם ווילן און אין דער פאָרשטעלונג פון פאָלק. און יאַנוש קאָרטשאַק, צי איז ער נישט איינער פון אָט דער סוכּה־משפּחה? אונטער דעם אויפשווידערנדיקן נאַצי־גרויל, ווען די ווילדע חיה האָט אין גאַנצן באַזיגט דעם מענטש, רעדט ער כּסדר צו זיינע שילער אין יתומים־הויז וועגן סענטימענט פון מענטשלעכקייט, וואָס באַוועגט זיך אין די מענטשלעכע טיפענישן, און וואָס מוז זיין אַנטשיידנדיק אין אונדזער לעבן.

מעגלעך, אַז דערפאַר, ווייל איינע פון מיינע לעצטע באַגעגענישן מיט שמואל זיגלבוים איז פאָרגעקומען אין יום־טובֿ סוכּות, און דערצו אין דער סוכּה פון

אונדזערן אַ בשותפותדיקן פריינד אין לאָנדאָן, האָט זיך נאָך שטאַרקער צונויפ־געבונדן אין מיין געדאַנק די געשטאַלט פון דאָזיקן טריבון פון פוילישן ייִדנטום אין די יאָרן פון נאַצי־שוידער, מיט דער סוכּה־פּסיכיק, וועלכע איך ברענג אַרויס אין אָט די שורות. דאָס איז געווען אין דער גרויליצייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיר האָבן אין אונדזער געשפּרעך אָנגערירט פאַרשידענע פראַגן, וואָס זענען דעמאָלט געווען אַקטועל פאַר דער וועלט און פאַר אונדזער פאָלק. און וואָסער ענין מיר זאָלן נישט האָבן אויפגעוויקלט, האָט שמואל זיגלבוים כּסדר זיך אומגעקערט צו דער עיקר־טעמע, וואָס האָט זיך איינגעגעסן אין זיין געמיט און וואָס האָט אַ פּאָר חדשים שפּעטער פאַרצערט זיין לעבן: דער פּיין־גורל פון פוילישן ייִדנטום. שמואל זיגלבוים איז בעצם בעת יענעם געשפּרעך נישט געווען מיט אונדז. פאַר זיינע אויגן זענען געשטאַנען די מאַסן ייִדן פון וואַרשע און פון לאָדזש, פון לובלין און פון ווילנע, וואָס זענען דעמאָלט געגאַנגען זייער לעצטן וועג. אין אונדזער שמועס זענען אַרויפגעבראַכט געוואָרן די סוכּות, וואָס ייִדן אין פוילן פלעגן אויפשטעלן אין די הויפן פון דער ייִדישער אָרעמקייט. עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין אונדזער זכּרון, זענען אָנגעוואָרפן געוואָרן, און איך האָב פאַר זיגלבוימען דערקלערט, דאָס דערהויבענע און סימבאָלישע, וואָס איך זע אין דער סוכּה־טראַדיציע: דער באַשלוס זיך אויפצוהויבן איבער דער פּיינלעכערווירקלעכקייט און דער טאַלאַנט אויפצובויען אידעאַלן פון וווּנדער און שפּינען אונטער אַלע אומשטענדן די האָפענונג, אַז אַ נייער מענטש וועט אויפגיין פון די חורבות. די אינטערפּרעטאַציע איז צוגעפאַלן צום האַרץ פון שמואל זיגל־בוים. בעיקר האָט דאָס אים אויסגעוויזן צו זיין דער פּסיכאָלאָגישער שטריך פון פוילישן ייִדנטום אין אַלע תּקופות פון זיין געשיכטע. דאָס סוכּה־בילדל, האָט ער צוגעגעבן, האָט משמעות געהאָלפן די פּוילישע ייִדן אויפשטעלן זייערע גרויס־אַרטיקע שלעסער פון גלויבן און האָפענונג.

סוכּתו של עולם, די סוכּה פון דער וועלט, אַזוי ווערט אונדזער פאָלק אָנגעגע־רופן אין פיל ספרים. די אומה, וואָס האָט זינט איר באַגינען געצערטלט סובס־טאַנצן פון גייסט גלויבנדיק, אַז זיי זענען דויערהאַפטיקער ווי די ממשותדיקע, קאָנקרעטע ווערטן. און איצט, ווען פון אַזוי פיל זייטן הייבט זיך די האַק קעגן די סוכּה־עלעמענטן, וואָס מיר האָבן אַריינגעטראָגן אין דער מענטשלעכער קולטור, און פון דאַנען און פון דאָרט הערן זיך אויסרופן, אַז אַנטשיידנדיק זענען בלויז די רויע רעאַליטעט און די ממשדיקע מאַכט, איז זיכער כּדאַי אויפצופרישן דאָס, וואָס איז וועזנטלעך פאַר אונדזער פּסיכיק. דער פאַסיקסטער לייען־מאַטעריאַל פאַרן ייִדישן געמיט אין איצטיקן מאָמענט איז אפשר דאָס קאַפּיטל י״ד פון נביא זכריה, וואָס הייבט אויף און אינספּירירט מיט זיין ירושלים של מעלה־פּאַטאָס: און די פעלקער וואָס וועלן פאַרבלייבן אין יענע טעג, וועלן אַרויפגיין קיין ירושלים בכדי צו פייערן דאָרט דעם יום־טוב סוכּות.

זשיראַרדאָוו, אַ ייִדיש שטעטל אין צענטראַל־פּוילן

נישט אַזוי לייכט קומט מיר איצט אָן זיך אומצוקערן אין געדאַנק צום שטעטל, וווּ איך בין געבוירן געוואָרן און וווּ איך האָב פאַרברענגט מיינע קינדער־יאָרן. נישט בלויז די קהילה קדושה, דאָס ייִדישע שטעטל, ליגט אין חורבות. אָפּגעמעקט איז געוואָרן דער לעבנס־שטייגער, וואָס איז געווען צונויפ־געוואַקסן מיטן שטעטל. עטוואָס מער: פאַרשוווּנדן איז די אַטמאָספער, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַרן דאָזיקן אומגעקומענעם ייִדישן קיבוץ. איך האָב זינט יענע ווייטע קינדער־יאָרן געלעבט אין פאַרשידענע מקומות, איך בין געווען טעטיק אין גייסטיקער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין פאַרשידענע ייִדישע ישובים, אָבער אין קיין שום אָרט האָב איך נישט געפונען דעם לעבנס־שטייגער און די אַטמאָספער, וואָס זענען געווען אייגנטימלעך פאַרן ייִדישן זשיראַרדאָוו. און זשיראַרדאָוו קען דאָ דינען ווי אַ ביישפּיל פאַר די אַלע אונטערגעגאַנגענע ייִדישע שטעטלעך אין יענעם טייל פוילן, וואָס מען האָט גערופן: קאָנגרעס־פוילן.

דאָס איז געווען אַ פּראָווינץ־שטעטל. און מען קען נישט זאָגן, אַז זשיראַר־דאָוו האָט נישט געהאַט די אייגנטימלעכע שטריכן פון דער ייִדישער פּראָווינץ אין פוילן אין צווייטן און דריטן יאָרצענדליק פון היינטיקן יאָרהונדערט, דער צייט־אָפּשניט, וועגן וועלכן עס איז די רייד אין אונדזער דערמאָנונג. איר האָט אויך אין זשיראַרדאָוו געקענט הערן דעם פּליסטער פון דורות. איר האָט אויך דאָ געהאַט דעם איינדרוק, אַז ייִדישקייט איז פאַרוואָרצלט געוואָרן אין שטעטל מששת ימי בראשית, און דער שטאַרקסטער שטורעם־ווינט איז דעריבער נישט בכּוח אַרויסצורייסן די ייִדישע קהילה. איר האָט אויך דאָ געפילט דאָס, וואָס איר האָט געפילט אין די אַנדערע פּראָווינץ־ערטער פון יענער חרוב־געוואָרענער וועלט: דורותדיק ייִדיש איז נישט בלויז דער ייִדישער מענטש, נאָר אויך די נאַטור, דער פּייזאַזש, ייִדיש זענען די וואַסערן און די ביימער, און אַוודאי און אַוודאי, אַז ייִדיש זענען די געסלעך און די הייזער... איר האָט אויך דאָ געקענט באַגעגענען די סאָציאַלע דיפערענצן, וואָס האָבן אַלץ שאַרפער זיך גענומען אַרויסשיילן אין דער ייִדישער געזעלשאַפט, אָבער אויך דאָ האָט זיך איבער אַלע קעגנזאַצן אַרויפ־געהויבן דער מעכטיקער אומבאַזיגלעכער כּלל־באַוווסטזיין, און אויך דאָ האָט מען זיך געטיילט מיט פרייד און לייד, מיט נחת און מיט צער.

און פֿאָרט איז זשיראַרדאָוו געווען אַנדערש. מיר זענען געניגט נאָכן גרויסן חורבן, וואָס איז אויף אונדז אַראָפּגעפֿאַלן, אַרומצונעמען מיט איין בשותפֿותדיקער טרער די גאַנצע רייכע און קאָלירפֿולע וועלט, וואָס איז פֿאַרטיליקט געוואָרן. מיר רעדן וועגן דער פֿאַרשניטענער מיזרח־אייראָפּעיִשער פּראָווינץ, ווי זי וואָלט געווען אויסגעגאָסן פֿון איין שטיק. און דער אמת איז דאָך, אַז דאָס ייִדישע שטעטל אין קאָנגרעס פּוילן האָט פֿאַרמאָגט אַ גאַנץ באַזונדערן און אייגנאַרטיקן כאַראַקטער. דאָס ייִדישע שטעטל אין קאָנגרעס פּוילן איז געווען אַן עולם מלא.

די דאָזיקע שטעטלעך זענען געלעגן נאָענט צו וואַרשע און צו לאָדזש. און אין די שטילע פּראָווינץ־שליאַכן האָט אַרײַנגעיאָגט דער אימפּעט פֿון די גרויס־שטאָטישע קאָכיקע צענטערס.

ווען זשיראַרדאָווער ייִדן לאָזט זיך נישט זאָגן דאָס, וואָס מען האָט געקענט זאָגן וועגן די ייִדן, וואָס האָבן געוווינט אין די טיף־פֿאַררוקטע טיילן פֿון דער פּוילישער מדינה, אַז זיי זענען געווען אָפּגעריסן פֿוןווירקלעכן לעבן, אַז זיי האָבן ווייניק וואָס געהאַט צו טאָן מיט רעאַלע פּראָבלעמען, אַז זיי האָבן זיך פֿאַרוועבט אין שפּינוועב פֿון אילוזיעס און אויסגעצערט געוואָרן אין פּאַסיווער אָנמאַכט און פֿאַרוויאַנעט געוואָרן אין הילפֿלאָזיקייט. אין זשיראַרדאָוו האָט געשלאָגן דער אָטעם פֿון די שכנותדיקע גרויסע שטעט. פֿון דאַנען איז מען אָפֿט געפֿאָרן קיין וואַרשע, קיין לאָדזש. מען איז געפֿאָרן האַנדלען, אַרבעטן, באַזוכן קרובים. קאָמיסיאָנערן פֿלעגן אַפֿילו פֿאָרן יעדן פֿרימאָרגן קיין וואַרשע און זיך אומקערן דעם זעלבן אָוונט אַהיים. מיטן פּראָווינציאָנעלן שטייגער לעבן איז אַזוי אַרום צונויפֿגעפֿאָרט געוואָרן דער אומרו, די אַקטיווקייט, די באַוועגלעכקייט פֿון דער גרויסער שטאָט. אַרום דער לייוונט־פֿאַבריק זענען געווען אָפּן די קוואַלן פֿון פּרנסה. זשיראַרדאָווער ייִדן זענען נישט פֿאַרוועלקט געוואָרן אין דער מוראדיקער עקאָנאָמישער נויט, אין וועלכער עס זענען געזונקען די ייִדישע אײַנוווינערס אין אַזוי פֿיל אַנדערע שטעטלעך. די נאָענטע ברויזנדיקע צענטערס פֿון דרויסן און די רויכערנדיקע פֿאַבריק־קוימענס פֿון אינעווייניק, האָבן אַרײַנגעבערענגט אין ייִדישן לעבן און אין דער ייִדישער פּסיכיק שוווּנג, דינאַמיק, און געעפֿנט די פֿענצטער צו דער וועלט.

אָבער דער קאָנטאַקט מיט דער גרויסער וועלט און אירע אידייען האָט נישט אָפּגעשוואַכט די אינערלעכע ייִדיש־גייסטיקע דראַמע אין שטעטל. דער האַרטער לעבנס־רעאַליזם האָט זיך נישט געשטעלט קעגן דער גרויסער ראָמאַנטישער ייִדישקייט. און די ניכטערקייט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין באַריר מיט דער רויער טאָג־טעגלעכקייט, האָט נישט באַדראָט די חלומות פֿון דורות.

ווען איך טראָג זיך אַריבער אין מײַן געדאַנק צו יענע האַלב־פֿאַרנעפּלטע קינדער־יאָרן, שלאָגט מיר נאָך איצט אַנטקעגן פֿון שטעטל דער שטאַרקער אָטעם פֿון ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט. אין דער לאַנגער טויזנטיאָריקער געשיכטע פֿון

אונדזער צעשפּרייטקייט זענען אויסגעוואַקסן קהילות אין פֿאַרשידענע ווינקלען פֿון דער ערד. נהרדעא און פּומבדיתא זענען באַקאַנטע שטעטלעך פֿון ייִדישן אַמאָל אין בבל, אָבער זיי זענען ווייט נישט די ערשטע ייִדישע פּראָווינץ־ערטער אויסער די גרענעצן פֿון ארץ־ישׂראל. נישט נייטיק ערשט אָנצווייזן אויף די אַלע קלע־נערע און גרעסערע סטאַנציעס פֿון אונדזערע וואַנדערונגען, ווו עס האָט אויפֿגע־בליט אַ רייך ייִדיש לעבן. וואָרמס און גראַנאַדאַ שײַנען נאָך הײַנט צו אונדז אַרויס מיט זייער אומפֿאַרגעגלעכער גלאָריע. לונעל און פּאַדואַ האָבן געלייגט זייער חותם אויף אונדזער גייסט. ליאַדי און ראַדין האָבן אַרײַנגעשריבן בלעטער פֿון שעפֿערישקייט אין אונדזער קולטור. אָבער קיין שום ייִדיש שטעטל, אין אונדזער לאַנגער פֿאַרגאַנגענהייט און אין דער גאַנצער וועלט אַרומנעמענדיקער ייִדישער געאָגראַפֿיע, האָט נישט פֿאַרמאָגט יענעם געוואַלטיקן דראַמאַטישן עלע־מענט, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן אין דער צענטראַל פּוילישער פּראָווינץ. טאָלעדאָ האָט געמעגט זײַן דער פּראַכטפֿולער גאָרטן אין אונדזער פּאָעזיע. מאַינץ האָט געקענט זײַן די רעזידענץ פֿון ייִדישן לערנען. אין מעזשיבאָזש האָבן געמעגט שפּרודלען די קוואַלן פֿון ייִדישן געפֿיל. נאָוואָראַדאָק האָט זיך געקענט אַרײַנשניידן אין אונדזער געמיט מיטן טיפֿן עטישן געראַנגל. אָבער אין די און אַנדערע קהילות האָט געפֿעלט דאָס, וואָס איז געווען אייגנטימלעך פֿאַרן שטעטל אין קאָנ־גרעס פּוילן: דער שימערירנדיקער רעגנבויגן פֿון פֿאַרשידענע וועלטן און קעגנ־זעצלעכע אידייען, וואָס האָבן זיך דאָך אַלע צונויפֿגעגאָסן אין דער איינער, איינ־ציקער קאָליר פֿון ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט.

זשיראַרדאָוו האָט נישט געהאַט קיין ישיבה, און אירע ייִדן האָבן בדרך־כּלל זיך נישט אויסגעצייכנט מיט שאַרפֿער לומדות. זשיראַרדאָוו איז נישט געווען קיין צענטער פֿון ייִדישן וויסן, און אירע ייִדן האָבן נישט געקלעטערט צו די שפּיצן פֿון געדאַנק. עס זענען דאָ געווען מתנגדים, עס זענען געווען חסידים, עס זענען געווען אויפֿגעקלערטע, אָבער זשיראַרדאָוו איז נישט געווען קיין פֿירנדיקער מתנגדישער צענטער, נישט קיין לייכטנדיקער חסידישער און אויך נישט קיין באַדייטנדיקער משׂכּילישער פּונקט. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז דאָ האָט מען זיך נישט געדאַרפֿט ערשט אָנשטרענגען אויף צו זײַן ייִדן. דאָ האָט מען אַפֿילו אין תּוך נישט באַדאַרפֿט זיך לערנען אויף צו זײַן ייִדן. דאָ האָט מען נישט קיין מורא געהאַט פֿאַר פֿרעמדע השפּעות. ייִדישקייט איז געווען נאַטירלעך. נאַטירלעך, ווי די נאַטור אַליין. ווי דער לויף פֿון טײַך. ווי דער רויש פֿון וואַלד. דער הייסער אָטעם פֿון קיבוץ האָט געקענט אַרײַנצײַען אין זיך די לופֿט פֿון דרויסן, און דאָך נישט פֿאַרלירן זײַן ייִדישן רוח־חיים. די יוגנט האָט געקענט זינגען מעלאָדיעס פֿון דער פֿרעמד, אָבער זיי זענען פֿאַרצויגן געוואָרן אין ייִדישלעכע ניגונים און באַהויכט געוואָרן מיט ייִדישן אידעאַל. צווישן די מאָדערנע ביכער, וועלכע מען האָט געלייענט אין דער ניי־געגרינדעטער ביבליאָטעק, און די פֿאַרצייטיקע

ספרים, אין וועלכע מ׳האָט מעיין געווען אין חסידים־שטיבל, האָט זיך אייגנטלעך פאַרווישט די גרענעץ.

אין מיין זיכּרון איז פאַרבליבן איינגעקריצט מיט באַזונדערער קראַפט די געשטאַלט פון איינעם פון די אויסדרוקפולסטע רעפּרעזענטאַנטן פון אַלטן דור אין שטעטל: ר׳ יוסף דעם רבס. אַזוי פלעגט מען אים רופן, ווייל זיין שווער איז געווען רב אין זשיראַרדאָוו פאַרן אָנקומען פון הרב מנחם־מענדל אַלבעק. ער אַליין איז געווען דער מורה הוראה. טיף ערלעך און פרום. די פאַרקערפּערונג פון לויטערער צדקות און רירנדיקער, קינדישער תּמימות. פאַר זיך פערזענלעך האָט ער קיין מאָל נישט געזאָרגט. פאַר זיך און זיינע בני־בית האָט ער גאָרנישט באַדאַרפט. די גרויסע דאגה, וואָס האָט אין אים געלעבט, איז געווען: אויפהאַלטן און אויפהיטן די טראַדיציאָנעלע ייִדישקייט אין דער קהילה. איך געדענק, ווי ער פלעגט אונדז, קליינע חדר־ייִנגלעך, אָפּשטעלן אין די הייסע זומער־טעג אין גאַס, און ביי אונדז בודק זיין, צי מיר האָבן נישט, חלילה, געפוילט אָנצוטאָן דעם טלית־קטן. עס איז צו פאַרשטיין, אַז צווישן ר׳ יוסף דעם רבס און די גרינדער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אָדער פון דער סאָציאַליסטישער ביבליאָטעק, זענען אָפט מאָל אויסגעבראָכן שאַרפע וואָרט־קאָנפליקטן. אָבער אויך אין די נייע וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס האָט נאָר ייִדישקייט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ נייעם לבוש. ייִדישער אינהאַלט האָט אויך האַסטיק געשלאָגן אונטער דער פרישער צורה. און אויך די שטורעמער, די בונטאַרן, האָבן דאָך בעצם זיך באַשעפטיקט מיט לייגן ציגל פאַר דער ייִדישער צוקונפט.

ניין. נישט בלויז דער געמיינזאַמער גורל האָט צונויפגעקניפּט די פאַרשידענע טיילן פון ייִדישן קיבוץ אין שטעטל. דורותדיק פאַרוואָרצלטע גייסטיקע ווערטן און דורותדיק איינגעפונדעוועטע לעבנס־פאָרמען האָבן, ווי דער נר־תּמיד, געוואַכט איבער דער ייִדישער אייגנאַרטיקייט. ווי אַ ווייטער ווידערקול קלינגט נאָך עד־היום אָפּ אין מיינע אויערן אַ דיסקוסיע („קעסטל־אָוונט״, ווי מען פלעגט אַזאַ מיינונגס־אויסטויש רופן אין יענע יאָרן און אין יענע מקומות), צו וועלכער איך האָב זיך צוגעהערט אין דער אגודת הציונים אין שטעטל. עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט די פירנדיקע משׂכּילים. די פראַגע, וואָס איז באַהאַנדלט געוואָרן, איז געווען: די ייִדישע אמונה. אויך מיין פאָטער, הי״ד, האָט זיך אין יענעם אָוונט באַטייליקט. און כאָטש אויף אַ פאָלקסטימלעכן אופן, איז דאָרט דורך מיין פאָטער אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק, וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעשיינט צו מיר, אויף די וועגן און אומוועגן פון מיינע גייסטיקע וואָגלעענישן און וועלכער האָט געפונען אַזאַ שאַרפן און קלאָרן אויסדרוק אין איינעם פון די עסייען פון חיים גרינבערג: אין ייִדישן גלויבן זענען געקומען צום אויסדרוק אַלע אונדזערע קולטור־דערגרייכונגען. ייִדישע קולטור האָט דורך לאַנגע תּקופות בעיקר זיך אויסגעדריקט אין רעליגיעזן שאַפן. דער באַגינען פון אונדזער פאָלק, זיין גע־

שיכטלעכער אויפשטייג, זיין גערעאַנגל און הערויִזם, האָבן אָנגענומען די פאָרעם פון אַ רעליגיעזן קידוש־השם. און אַרויסרייסן דאָס רעליגיעזע בלאַט פון אונדזער געשיכטע, באַטייט — איבערלאָזן ייִדישע געשיכטע הויל און פוסט...

דאָס ייִדישע שטעטל, וואָס איז, דאַכט זיך, געווען אין גאַנצן צונויפגעוועבט מיט דער פאַבריק און וואָס האָט געשפּינט זיינע טעג לויט דעם זייגער פון דער פאַבריק, האָט דערביי געמאַכט דעם איינדרוק, אַז עס לעבט אין תּוך שרעקלעך ווייט פון איר. אָפּט מאָל האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ייִדישע מאַסע באַוועגט זיך בכלל נישט אין דער ספערע פון אָרט. זי באַוועגט זיך איבער דעם אָרט. זי לעבט מיט איר אייגענער צייט. זיבן אַ זייגער אין דער פרי האָט ערשט זיך געהערט דאָס פייפן פון די פאַבריק־סירענעס. אָבער שוין אין גרויען פאַרטאָג האָבן די קרעמער און די בעלי־מלאכות געשפּריזט צו השכּמה אין בית־המדרש אַריין. אין דער טעריטאָריע פון צייט, אַזוי צו זאָגן, האָט דאָס ייִדישע שטעטל געפייערט זיינע שבתים און ימים־טובים, זיינע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אָנדענק־טעג. אין דער טעריטאָריע פון צייט האָבן די דאָזיקע בעצם־פּראַקטישע ייִדן אויסגעבויט זייער שוועבנדיקן לופט־טורעם פון ייִדישקייט. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מינדערהייט. אָבער נאָר אין סטאַטיסטישן זין. גייסטיק און פּסיכאָלאָגיש האָבן אָט די ייִדן, וואָס זענען ווייט נישט געווען קיין בטלנים און ווייט נישט געווען אויסגעטאָן פון דער אַרומיקער וועלט, געלעבט אין דער וועלט, וווּ זיי זענען די מערהייט; וווּ דער גאָט פון ישׂראל איז דער גאָט פון דער וועלט און וווּ די ייִדישע תּורה איז די תּורה פון דער מענטשהייט... אין מיינע קינדעריאָרן איז דאָס שטעטל איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. דאָס איז געווען אין דער ערשטער וועלטמלחמה. מאַכטהאָבערס האָבן זיך געטוישט, ווי אין פיבער. די רוסן זענען אַרויס. דאַן זענען אַריינגעקומען די דייטשן. דערנאָך — די פּאָליאַקן. אויך דער גירוש האָט נישט באַוויזן צוצורייבן ביי די ייִדן דאָס געפיל פון צונויפגעוואַקסנקייט מיטן שטעטל, דעם באַוווסטזיין פון המשך, אַוועק־צונעמען ביי זיי די זיכערקייט, אַז די גזירה איז נאָר אַ צייטווייליקע. און ווירק־לעך. ווי שנעל עס האָבן זיך געענדערט די פאַרהעלטענישן, האָט מען גיך זיך אומגעקערט אין די היימישע, נאָענטע געסלעך און הייף, מען האָט אויפגעבויט די חורבות, און ווידער האָט זיך ייִדישקייט אויסגעשפּרייט דאָרט, פון וואַנען קיינער איז נישט בכּוח געווען זי צו פאַרטרייבן. מען האָט זיך צוגעפּאַסט צו די געענדערטע אומשטענדן און מיט ענערגיע זיך געוואָרפן אויף נייע פּרנסות. אומ־דערשיטערט זענען די מענטשן פאַרבליבן אין זייערע נשמות. די דינאַמיק פון די געשעענישן האָט נישט איינגעבראָכן זייער ייִדישן בליק און נישט געשפּאָלטן זייער בטחון. וואָרום אַלץ איז עלול זיך צו קרישלען אין דער צייט פון וואַנזין און כאַאָס, פון קריג און מהומה, אָבער נישט דאָס געפיל פון ייִדישער אייביקייט, וואָס איז געזעסן טיף אין די ייִדן פון שטעטל.

דער ייִדישער יוגנטלעכער איז אין פריִען עלטער אַריינגעצויגן געוואָרן אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ. זעלטן עמיצער איז אָוועקגעפאָרן לערנען אין דער פרעמד. ווען מען איז נאָך געווען גאָר יונג, האָט מען אָנגעהויבן העלפן דעם טאַטן אין קראָם אָדער אין וואַרשטאַט, מען איז געוואָרן אַ לערניִנגל ביי אַ בעל־מלאכה אָדער מען האָט אָנגעהויבן האַנדלען און אַרבעטן אויף אייגענער האַנט. אָבער דער לעבנס־רעאַליזם האָט נישט אָוועקגערויבט ביי דער יוגנט אירע אידעאַלן. זי איז געשטויסן געוואָרן צו ווערן פרי רײַף און ניכטער, אָבער זי האָט נישט אויפגע־הערט צו טראָגן אין זיך דעם צאַרטן גלויבן אין תּיקון עולם במלכות שדי, דעם גלויבן אין ליכטיקע טעג, וואָס וועלן נאָך קומען פאַר מענטש און ייִד. מיט ביידע פיס געשטאַנען אויף דער ערד, און דאָך זיך דערהויבן צו אַ העכערער ווירקלעכקייט. פאַר מיינע אויגן שטייען נאָך מיינע תּלמידים פון שטעטל. איך בין דעמאָלט אַלט געווען עלף אָדער צוועלף יאָר, און די זענען שוין געווען דער־וואַקסענע בחורים, פאַרטאָן אין טאָג־טעגלעכע האַוועניש. אָבער זיי האָבן געהאַט דעם באַגער צו לערנען די נביאים. פאַרהאָרעוועטע, פאַרפּראַצעוועטע פלעגן זיי קומען, און זיי פלעגן אַראָפּשאָקלען פון זיך דעם שטויב פון דער וואָך, און דורשטיקע טרינקען די לערע פון ייִדנטום.

אין די פיל יאָרן, וואָס זענען פאַרבייגעגאַנגען זינט איך בין אַוועק פון שטעטל, האָב איך שוין געדאַוונט אין פאַרשידענע פלעצער אין דער נאַכט פון כּל־נדרי, אָבער אין ערגעץ בין איך נישט אַדורכגעדרונגען געוואָרן מיט דעם הייליקן ציטער פון גרויסער דערוואַרטונג, אַזוי ווי אין יענעם האַלב־טונקעלן, פאַרדביקהטן, פון ליכט פאַרטריפטן, גערער שטיבל, וואָס קוקט צו מיר אַרויס פון פאַרנעפּלטן יום־כּיפּור פון דער קינדהייט. אין פאַרגעלטע, פון טרערן פייכטע טליתים, זענען זיי געשטאַנען געבויגענע, די מתפּללים, און איבער זיי האָט גע־פלאַטערט די שכינה, און איבער זיי האָט געשוועבט דער מיסטישער אָנזאָג, אַז אָט קומען טעג, ווען דאָס בייז וועט פאַרשווינדן, ווען די רשעות און די שׂנאה וועלן אָפּגעמעקט ווערן, און מיט רחמים און חסד וועלן פאַרגעבן ווערן די זינד פון די, וואָס האָבן קיין מאָל נישט אויפגעהערט בעטן און האָפן. דער זעלבער ציטער פון טיפער דערוואַרטונג האָט זיך געטראָגן פונעם התּקוה־ליד, וואָס איז מיט פרומער התלהבות געזונגען געוואָרן אויף די ציוניסטישע צונויפקומען אין שטעטל. דאָס איז נישט געווען קיין געזאַנג. דאָס האָט אין ליד דער, פון עלטער־עלטער־זיידעס אָנגעזאַמלטער נאַציאָנאַלער פּיין און אָנגעקליבענער נאַציאָנאַלער פּאַטאָס, געזוכט פאַר זיך אַן אויסדרוק. דער זעלבער פיבער פון דורותדיקער שפּאַנונג האָט זיך געפילט אויף די סאָציאַליסטישע פאַרזאַמלונגען אין שטעטל, וועלכע זענען געווען באַגאַסן מיט אַזוי פיל ראָמאַנטיק און אַדורכגענומען מיט גלויבן און פרייהייט און אין דער קומענדיקער מענטשלעכער פאַרברידערונג. ווי ווייט אָט די פאַרשידענע מחנות זענען נישט געשטאַנען איינע פון די אַנדערע,

זענען זיי דאָך געווען אומגעוויינטלעך נאָענט צו זיך. זיי אַלע האָבן געחלומט דעם גרויסן ייִדישן חלום.

אין די פֿאַרשידענע וואַריאַנטן האָבן די פֿאַרטוענע, פֿאַראַרבעטע, אין עולם־המעשׂה פֿאַרקאָכטע, זין און טעכטער פֿונעם ייִדישן שטעטל אין צענטראַל פּוילן, איבערגעחזרט דעם רוף פֿון אַלטן נביא, וועלכער האָט אַמאָל מיט זיין וואָרט אויפגעשטורעמט די הייליקע שטאָט ירושלים: „כי הנה היום בא... יום ה׳ הגדול והנורא..." „פֿאַרוואָר, ער וועט קומען, דער גרויסער און פֿאַרכטיקער טאָג פֿון גאָט"... זיי האָבן געטראָגן אין זיך די אמונה, אַז אויך דאָ, אין דער סלאַווישער פּראָווינץ, לענג אויס די סאָסנע־וועלדער, קענען זיי דערנענטערן דעם אויפגאַנג פֿון דער גאולה פֿאַר זייער פֿאָלק און פֿאַר דער מענטשהייט. די שפּאַנענדיקע דערוואַרטונג איז געווען דער עיקר יסוד אינעם לעבן פֿון ייִדישן קיבוץ אין זשיראַרדאָוו. פֿון די אַלטע און פֿון די יונגע, פֿון די זיידעס און פֿון די אייניקלעך. די טיפֿע דערוואַרטונג איז געווען אַ באַשטאַנדטייל פֿון כאַראַקטער.

דער כאַראַקטער פֿון די ייִדן אין שטעטל איז געווען געבויט אויף די שאַרפֿסטע קעגנזאַצן: ברויזנדיקע אַקטיוויקייט און צאַרטער טרוים, האַרטער רעאַליזם און צעוויגטע פֿאַנטאַזיע, שטורמישער אימפּעט און שטילע האָפֿענונג, אָנגעשטרענגטע וואַכזאַמקייט פֿאַר די פּראָבלעמען פֿון היינט און פֿאַרפֿלאָכטן אין צוויי־בער־קרייז פֿון נעכטן און פֿון מאָרגן. און די קאָנטראַסטן, וואָס עס איז, דאַכט זיך, אַזוי שווער צו פֿאַראייניקן, האָבן זיך דאָך צונויפֿגעגאָסן אין די ייִדן אין שטעטל.

דאָס האָט געקענט געשען נאָר דורך דעם כּוח פֿון דער ייִדישער פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט דאָ געווירקט.

די ייִדישע פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס האָט דאָ פּולסירט, האָט געהאַט אין זיך די אור־קרעפֿטן פֿון בראשית. זי האָט געקענט אַלע שטיינער אויף איר וועג אַראָפּוואַשן, אַלע מכשולים באַזייטיקן. מען האָט זי אַריינגעאָטעמט אין זיך צוזאַמען מיט דער לופֿט. מען האָט זי אַריינגעזויגן צוזאַמען מיט דער מאַמעס מילך. דאָס איז געווען די ייִדישע פֿאָלקסטימלעכקייט, וואָס איז, ווייזט זיך מיר אויס, מיט אַזאַ נאַטירלעכן באַצווינגענדיקן כּוח נישט דערשינען קיין מאָל פֿריִער און אין קיין שום אַנדערן טייל פֿון דער וועלט, אין אונדזער געשיכטע.

מײַן פֿאָטער

מײַן פֿאָטער, מורי ורבי ר׳ זלמן קלעפּפֿיש הי״ד, איז געװען אײנער פֿון די מערקװירדיקסטע פּערזענלעכקײטן אין ייִדישן זשירארדאָװ אין די יאָרן פֿאַר און נאָך דער ערשטער װעלט־מלחמה. ער האָט אַרױפֿגעלײגט דעם חותם פֿון זײַן פֿאַרבנרײַכער געשטאַלט אױף דער גײַסטיקער אַנטװיקלונג פֿון דער קהילה. ער האָט מיט זיך פֿאַרגעשטעלט, אַזױ צו זאָגן, דעם איבערגאַנג פֿון די אַלטע לעבנס־פֿאָרמען אין דער קהילה צום נײַעם שטײַגער און צו די נײַע אידעען, װאָס האָבן לאַנגזאַם זיך אָנגעהױבן אױסקריסטאַליזירן אין ייִשוב.

ער האָט געשטאַמט פֿון גרױסן ייִדיש־פּױלישן ייִחוס, פֿון דער משפּחה פֿון באַרימטן װאַרשעװער רב, רבי שמואל זײַנװיל קלעפּפֿיש. ער איז געבױרן געװאָרן אין יאָר תּרמ״ד (1884) אין שצוצין, לאָמזשער געגנט, װוּ זײַן זײדע פֿון דער מוטערס צד, רבי העשיל שאַפּיראָ, איז געװען רב. פֿון זײַן פֿריסטער יוגנט האָט ער זיך אױסגעצײכנט מיט זײַנע עילױיִשע פֿעיִקײטן, געלערנט אין די גרױסע ישיבות אין פּױלן און ליטע, און באַקומען סמיכות אױף רבנות. ער האָט אױך אַרױסגעװיזן אַ נײגונג צו השׂכּלה און אַלגעמײנער בילדונג, און איז אַרײַנגעצױגן געװאָרן אין דער חיבת־ציון־באַװעגונג.

אין די ערשטע יאָרן פֿון הײַנטיקן יאָרהונדערט איז ער געקומען קײן זשי־ראַרדאָװ, װײַל ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ מײדל פֿון זשיראַרדאָװ, ברכה פֿרידמאַן, מײַן מוטער, אמי מורתי הי״ד. זי האָט געשטאַמט פֿון אײנער פֿון די שענסטע חסידיש־נגידישע משפּחות אין שטעטל. איר זײדע, ר׳ שמעלקע, איז געװען פֿאַררעכנט צו די ערשטע ייִדן, װאָס האָבן אין נײַנצנטן יאָרהונדערט זיך באַזעצט אין זשיראַרדאָװ, און איז דערפֿאַר אין מױל פֿון פֿאָלק גערופֿן געװאָרן „אָדם הראשון״. איר פֿאָטער, ר׳ הלל פֿרידמאַן, אַ פּאַטריאַרכאַלע געשטאַלט אין ייִשוב, איז געװען אַ צוקער־סוחר, אַן עסקן פֿון גרױסן פֿאַרנעם, אײנער פֿון די בױערס פֿון דער קהילה, און דער באַליבטער, האַרציקער בעל־תּפֿילה אין די ימים נוראים. זײַן פֿרױ חנה — חנה הללס, װי מען פֿלעגט זי רופֿן אין שטעטל — איז געװען באַקאַנט אין דער גאַנצער געגנט מיט איר גוטהאַרציקײט און צדקות.

גלײַך נאָך זײַן אָנקומען קײן זשיראַרדאָװ, איז דאָס הױז פֿון רבי זלמן קלעפּ־פֿיש געװאָרן אַ צענטער פֿון תּורה און השׂכּלה. לומדים פֿלעגן אַרײַנקומען צו אים רעדן אין לערנען. חסידים פֿון „שטיבל״ האָבן געװוּסט, אַז קײנער פֿון זײ קען

אים נישט איבערשטייגן אין באַהאַוונטקייט אין די שיטות און אין דער געשיכטע פון חסידות. יונגעלייט משׂכּילים, „אויפגעקלערטע", פלעגן מיט אים דיסקוטירן איבער די נײַ־דערשינענע אויסגאַבעס פון דער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור. צו זיין אומגעווייגלעכער בקיאות אין אַלע צווייגן פון ייִדישן וויסן, צו זיין אומגעהויערער חריפות, איז אויך צוגעקומען זיין זעלטענע אייגנשאַפט, ווי אַ שמועסער. ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויסער פּקחות, און אין געשפּרעך האָט ער געבליצט מיט שאַרפקייט פון געדאַנק. אין זיין נשמה האָט געלעבט אַ וווּנדערלעכע סינטעז פון אַלע שטרעמונגען פון ייִדישן גייסט.

דער אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, און דער גירוש פון די ייִדן פון זשיראַרדאָוו, האָבן צעבראָכן די עקאָנאָמישע עקזיסטענץ פון דער פרידמאַן־משפּחה. דער צוקער־מסחר איז געוואָרן רויִנירט. מיין פאָטער האָט פאַרברענגט די יאָרן פון היימלאָזיקייט מיט זיין פאַמיליע אין וואַרשע. נאָך דער מפּלה פון דער רוסישער אַרמיי, ווען די ייִדן איז דערלויבט געוואָרן זיך אומצוקערן אין שטעטל, האָט מיין פאָטער אָנגעהויבן בויען זיין לעבן אויף די חורבות פון דאָס נײַע.

און דאָן הייבט זיך אָן זיין געבענטשטע טעטיקייט פאַרן ייִשוב.

ער גרינדעט אַ בית־ספר עברי. דאָס איז געווען דער ערשטער „חדר מתוקן", ווי מען פלעגט דעמאָלט רופן דערציִונגס־אַנשטאַלטן פון דעם כאַראַקטער, אין דער געשיכטע פון ייִדישן זשיראַרדאָוו.

אַ פּעדאַגאָג פון גאָטס גנאָד, אַדורכגעדרונגען מיט אַ געפיל פון אַחריות פאַר דער צוקונפט פון דער אומה און מיט אַ טיפער ליבשאַפט צו תורה, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצער נשמה און האַרץ אין דער דערציִונגס־אַרבעט פון יונגן דור. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז די חדרים פון אַלטן סטיל זענען מער נישט צוגעפּאַסט פאַר דער יוגנט אין דער נייער צייט. נייע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן אין די שטעטלעך. דער איינגעפונדעוועטער לעבנס־שטייגער האָט זיך געענומען ברעכן. און בכדי דער בנין פון דער דורותדיקער ייִדישער טראַדיציע זאָל זיך נישט פונאַנדערפאַלן, איז נויטיק געווען אַ נייער צוגאַנג צו דער יוגנט, איז נויטיק געווען צו באַנוצן זיך אין דער דערציִונג מיט מאָדערנע מעטאָדן.

אָן גענוגנדיקע מאַטעריעלע מיטלען, אָבער מיט אַ שטאַרקן גלויבן אין דער דערהויבנקייט פון זיין אידעאַל, האָט רבי זלמן אויפגענומען דעם רוף פון דער שעה.

שוין אויסערלעך האָט דער בית־ספר מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ גאַנץ פאַרשידענע אינסטיטוציע, ווי די אַנדערע חדרים אין שטאָט. די איינריכטונגען זענען געווען מאָדערנע: טאָוולען אויף די ווענט, בענק צום זיצן און שרייבן, דאָ איז מען נישט געזעסן אַרום טישן, ווי אין אַלע חדרים.

דער בית־ספר איז געשטאַנען גייסטיק אויף אַ הויכער מדרגה, און ער האָט געקענט פאַררעכנט ווערן צו די מוסטערהאַפטע ייִדישע דערציִונגס־אַנשטאַלטן

אין יענער תקופה. מען האָט געלערנט תּפילות און זיי פּאַרטייטשט. מען האָט געלערנט די פּרשה פון דער וואָך, רש״י, גמרא, אָבער פיל צייט איז אויך אָפּגעגעבן געוואָרן פאַר נביאים ראשונים ואחרונים. אַ באַזונדערער קעגנשטאַנד, וועלכן עס איז געווידמעט געוואָרן שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט, איז געווען די העברעיִשע שפּראַך. מען האָט געלערנט דקדוק און געלייענט אויסצוגן פון דער מאָדערנער העברעיִשער ליטעראַטור.

מיין פאָטער איז געווען פון די ווונדערלעכע יידישע דערציִערס, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן אין דער איבערברוך־תּקופה אין זיין געשיכטע. ער האָט אַנטוויקלט דעם כאַראַקטער פון זיינע תּלמידים. ער האָט געשטאַרקט זייער יידישן באַוווסטזיין און דאָס געפיל פון ווירדע, און אין זיי אַריינגעטראָגן דעם ניצוץ פון קידוש־השם. דער ניצוץ, וואָס האָט אויפגעלויכטן מיט אַזוי פיל התלהבות אין די שפּעטערדיקע יאָרן פון חורבן.

אויסער אין בית־ספר, האָט מיין פאָטער אויך געגעבן שיעורי ערב (אָוונט־קורסן) פאַר דער דערוואַקסענער יוגנט. די קורסן האָבן צוגעצויגן אַ סך תּלמידים און תּלמידות. דאָ האָבן זיי געהאַט די געלעגנהייט צו לערנען די געשיכטע פון יידישן פאָלק און צו לייענען די שאַפונגען פון יידישן גייסט איןביידע שפּראַכן, אין לשון־הקודש און אין יידיש, וואָרום אויך יידיש לשון, פלעגט מיין פאָטער זאָגן, איז געהייליקט געוואָרן אין יידישע טרערן. דאָ האָבן זיי אַריינגעזאַפּט אין זיך ליבשאַפט צו אַלע אַנטפּלעקונגען פון דער יידישער קולטור. מרביץ תּורה זיין, פאַרשפּרייטן יידישן וויסן צווישן אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג — דאָס איז געווען דער אידעאַל פון רבי זלמן. און די צוגעבונדנקייט, וואָס זיינע שילער האָבן געפילט צו אים, האָט אים געגעבן דערהויבענע באַפרידיקונג און פרייד.

דער בית־ספר האָט עקזיסטירט קרוב זיבן יאָר. הונדערטער קינדער האָבן אין אים באַקומען זייער דערציִונג. פיל פון די, וואָס האָבן געלערנט ביי דעם גרויסן ייִד און אידעאַליסטישן מחנך, לעבן נאָך היינט אין פאַרשידענע ווינקלען פון דער וועלט, און טראָגן אין זייער האַרץ דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט צו זייער לערער פאַר דער רייכקייט, וואָס ער האָט אַריינגעברענגט אין זייער אינערלעך לעבן.

מיין פאָטער האָט געהאַט זייער פיל איבערגעגעבענע פריינד אין שטאָט. ער האָט געצײלט אָנהענגער און פאַרערער אין אַלע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט, צווישן די לומדים, צווישן דער אינטעליגענץ, און אויך צווישן עולם בעלי־מלאכות און אַרבעטער, וועלכע ער האָט צוגעצויגן צו זיך מיט זיין אהבת ישׂראל. זיין ידיד־נפש איז געווען דער רב, רבי מנחם־מענדל אַלבעק. אָבער ער איז נישט, ליידער, ריכטיק פאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך אַלע אין דער קהילה. געווען יידן פון עלטערן דור, וואָס האָבן מיט אַ קרום אויג געקוקט אויף זיינע אויפטוען, אויף זיינע נייע וועגן אין חינוך. אין דער הינזיכט איז זיין גורל געווען ענלעך צום גורל פון פיל גדולי הדור, וואָס האָבן געשפּאַנט אין

זייער אייגענעם דרך צו ייִדישקייט. אָבער ער איז דורך דער ענגער קריטיק נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין זיין ווילן. מיט מוט און מסירת־נפש האָט ער פּאַרטיי־דיקט זיין שיטה, און כּסדר אָנגעגאַנגען מיט זיין גרויסער אַרבעט פֿאַר תּורה און ייִדישער קולטור.

די באַלפֿור־דעקלאַראַציע און די פֿאַרשטאַרקטע אָנשטרענגונג פֿאַרן אויפֿבוי פֿון ארץ־ישׂראל, האָבן אַריינגעברענגט אַ פֿרישן אינהאַלט אין זיין לעבן. זיין האַרץ, וואָס האָט געוווייטיקט איבער יעדער ייִדישער צרה, איז געוואָרן אויפֿגע־מונטערט פֿון דער גרויסער נאַציאָנאַלער האָפֿענונג. אין זכּרון פֿון זיינע תּלמידים האָבן זיך איינגעקריצט די שיעורים, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַלטן וועגן דער מיסטעריעזער ליבשאַפֿט, וואָס די אומה האָט תּמיד געפֿילט צום הייליקן לאַנד. ער איז אויך אַרויסגעטראָטן אויף עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען רופֿנדיק צו טראָגן די ווייטגייענדיקסטע הילף פֿאַרן אויפֿבוי פֿון ארץ־ישׂראל. אַלץ, וואָס איז דורך אים געזאָגט געוואָרן, איז געקומען פֿון האַרץ, מעומקא דליבא. דערפֿאַר איז אויך זיין קריאת־התּורה געווען אַזוי איינדרוקספֿול און אומפֿאַרגעסלעך. די, וועלכע האָבן אים אַ מאָל געהערט לייענען תּשעה־באָב מגילת איכה, טראָגן אין זייער געמיט דעם רירנדיקן ניגון פֿון אומעט, מיט וועלכן ער האָט אויסגעקלאָגט דעם חורבן בית־המקדש. און די, וואָס האָבן זיך צוגעהאָרכט צו דער מעלאָדיע, וואָס מיט איר פֿלעגט ער אויסזינגען פּסח שיר־השירים, שלאָגט אין זיי די פֿרייד פֿון דער פֿראַכטפֿולער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט אויף דער אייגענער ערד.

ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין דער העברעיִשער און ייִדישער פּרעסע אין וואַרשע, אין „הצפֿירה", „וואַרשעווער טאָגעבלאַט", „מאָ־מענט", און אַנדערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. אין זיינע מאמרים האָט ער באַ־האַנדלט פֿאַרשידענע פֿראַגעס פֿון ייִדישן לעבן און אַקטועלע געשעענישן. זיי זענען דערשינען אונטער די פּסעוודאָנימען ש. יצחקי, ש. זלמן, און אַנדערע. סיי גרויסע רבנישע אויטאָריטעטן פֿון דור און סיי באַרימטע שרייבערס זענען גע־שטאַנען מיט אים אין בריוולעכער פֿאַרבינדונג. צווישן זיינע פֿאַרערער אין דער רבנישער וועלט האָבן זיך גערעכנט רבי שלמה דוד כּהנא, רבי חיים לייב יודקאָ־ווסקי, רבי משה סאָלאָווייטשיק. צו זיינע פֿריינד אין די שרייבער־קרייזן האָבן געהערט ה. ד. נאָמבערג, ב. יאושזאָן, ש. פּיעטרושקאָ. דער העברעיִשער פֿילאָלאָג, מחבר פֿון „ספֿר הדקדוק", אַהרן יעקב שאַפּיראָ, פֿלעגט זיך מיט אים באַראַטן אין פֿילאָלאָגישע פּראָבלעמען און האָט צו אים צוגעשיקט זיין „ספֿר הדקדוק", אין כּתב־יד, מיט דער בקשה אַרויסצוזאָגן זיין מיינונג איבערן ספֿר. אין די פֿירנדיקע גייסטיקע ייִדישע ספֿערן אין גאַנץ פּוילן איז רבי זלמן קלעפּפֿיש באַטראַכט גע־ווען ווי אַ חכם הכּולל, דער גאון מיט ענציקלאָפּעדישן וויסן און פֿענאָמענאַלן זכּרון.

מיין מוטער ברכה, אַ קלוגע, צאַרטע פֿרוי, האָט געהאָלפֿן איר מאַן אין זיין

שווערן, דאַרנדיקן לעבנסוועג. קיין מאַטעריעלן רייכטום האָט איר די דערציִונגס־טעטיקייט פון איר מאַן נישט געברענגט, אָבער זי האָט געטראָגן דעם שווערן יאָך פון הויז מיט טיפער פאַרשטענדעניש און געדולדיקייט. מיט אירע שטילע תּפילות, מיט אירע תּחינות, און גאָט פון אַברהם געבעטן, וואָס זי פלעגט אויספליסטערן אין די שבת־צו־נאַכטן פאַר הבדלה, פלעגט זי אַריינפירן לויטערקייט און באַ־רויִקנדיקן געמיט אין הויז, וואָס האָט תּמיד געראַשט פון מענטשן. אויך אין דער צייט פון פאַראומערטע דאגות האָט זי נישט דערלאָזט אַז די וואָך זאָל זיך אויס־שפרייטן איבער איר הויזגעזינד מיט אַ בלייענער שווערקייט.

נאָך דער פּטירה פון זיין פאָטער, רבי יצחק מרדכי שו״ב, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין לומדות און איידעלע מידות און איז געווען שוחט אין וואַרשע, האָבן ר׳ זלמן און זיין פאַמיליע זיך איבערגעצויגן, אין די צוואַנציקער יאָרן, קיין וואַרשע, ווו ער איז אויפגענומען געוואָרן פאַר שוחט אויף זיין פאָטערס אָרט. דאָן איז זיין טעטיקייט אין זשיראַרדאָוו געקומען צו אַן ענדע. אָבער זיין גייסטיקע השפּעה איז דאָרט פאַרבליבן אויף לאַנגע יאָרן. די יוגנט האָט נאָך לאַנג שפּעטער דערמאָנט זיין נאָמען מיט אַנערקענונג און בענקשאַפט. און אַפילו היינט קען מען נאָך באַגעגענען דאָ און דאָרט תּלמידים, וואָס טראָגן פאַר זייער גרויסן לערער דאָס געפיל פון יראת־הכּבוד.

מיין פאָטער און מיין מוטער זענען אומגעקומען אין די פינצטערע נאַצי־יאָרן צוזאַמען מיט אַלע קדושים. עס זענען אומגעקומען מיט זיי על קידוש השם, אין בליִענדיקן עלטער, מיין שוועסטער, די באַגאַבטע „בית־יעקב״־לערערין, אַ דיפּלאָ־מירטע פון בית־יעקב־סעמינאַר אין קראָקע, ברײנדיל, און מיין ברודער, דער עילוי, וועלכער האָט צו זיבעצן יאָר באַקומען סמיכה אויף רבנות, יצחק מרדכי, הי״ד. ביידע זענען זיי געבוירן געוואָרן אין זשיראַרדאָוו. מיין ברודער האָט זיך באַטייליקט אין די קאַמפן אין געטאָ אין וואַרשע, און זיין לייכטנדיקער נאָמען איז דערמאָנט צווישן די קדושים און גבורים, וואָס זענען געפאַלן אין לעצטן העראָישן און טראַגישן געראַנגל פון פּוילישן יידנטום. ארץ, אל תּכסי דמם.

פון די קינדער פון ר׳ זלמן לעבט היינט צו טאָג אויסער דעם שרייבער פון די שורות, זיין טאָכטער שׂרה־גיטל אין מיאַמי־ביטש, אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

די חז״ל זאָגן: אין עושׂין נפשות לצדיקים, דבריהם הן הן זכרונן (ירושלמי שקלים פ״ב ה״ה), פאַר די גערעכטע איז אייגנטלעך נישט נויטיק קיין מצבה, זייער וואָרט אָטעמט כּסדר מיט לעבן און איז אַ דערפרישנדיקער אָנדענק. דער דענקמאָל פאַר רבי זלמן קלעפּפיש הי״ד איז די תּורה, וואָס ער האָט פאַרשפּרייט, און די ליבשאַפט צו יידישע גייסטיקע ווערטן, וואָס ער האָט פאַרזייט אין די הערצער.

זיין נאָמען פאַרדינט פאַראייביקט צו ווערן צווישן די גבורי הרוח, וואָס דאָס פּוילישע יידנטום האָט אַרויסגעגעבן אין דער ערב חורבן תּקופה.

אינהאַלט:

5 פון די אַרויסגעבער

9 פרייד, די פסיכאָלאָגישע רעטעניש פון מזרח־אייראָפּעישן יידנטום
23 חסידות — די באַוועגונג וואָס איז אויסגעוואַקסן צווישן פוילישן יידנטום
43 די לעגענדע וואָס איז ווירקלעכער ווי די ווירקלעכקייט
57 רבי לוי יצחק בערדיטשעווער און דער דור פון אוישוויץ
74 דער מגיד, דער חוזה, דער ייד — די בויער פון פוילישן חסידות
91 דער שווערער באַרג־אַרויף פון רבי בונם פון פשיסכע
108 קאָצק, דאָס חסידות פון פוילישן יידנטום
131 פיר באַדייטפולע יאָרן אין פוילישן יידנטום
146 גער, דער לעצטער גרויסער פרק חסידות פון פוילישן יידנטום
158 וואָרט און שמועס אין דער וועלט פון חסידות
180 די תורה פון האָרץ אין חסידות
198 דער וועד ארבע ארצות, די יידישע אויטאָנאָמיע אין פוילן
229 סאָציאַלע קריטיקביים פוילישן יידנטום
237 דאָס מזרח־אייראָפּעישע יידנטום אין גראַנגל צווישן „איד" און „דו"
252 קאַרלין, דאָס חסידות פון דער ליטע
268 מוסר, די שיטה, די באַוועגונג, און איר שעפער רבי ישראל סאַלאַנטער פון דער ליטע
287 די גייסטיקע קולטור פון פוילישן יידנטום
312 מזרח־אייראָפּעישע יידישקייט איז נישט קיין אַרכיוו־אוצר
316 רבי חסדאי קרשקש שמועסט זיך פונאַנדער מיט אַ פוילישן ייד
326 דער בייטראַג פון שפּאַנישן און פוילישן יידנטום צו דער יידישער קולטור
344 ד"ר שמעון ראַווידאָוויטש, אַן איינזאַמער דענקער
351 דאָס יידישע פּראָבלעם פון קאַרל מאַרקס
370 דאָס יידישע פאָלק; וואָסער פאָלק זענען מיר?
382 סוכות: אַריינבליק אין דער יידישער פסיכיק
393 זשיראַרדאָוו, אַ יידיש שטעטל אין צענטראַל־פוילן
400 מיין פאָטער

ביכער פון זעלביקן מחבר:

„אין די טעג פון דער פראַגער שחיטה", וואַרשע 1934
„יידישע העלדן אין נאָוועמבער־אויפשטאַנד", וואַרשע 1934
„די יידישע פרוי", וואַרשע 1937 (פויליש)
„אַ יאָר אין אַלבערט איינשטיין־אינסטיטוט", פּאַנאַמאַ 1965 (שפּאַניש)
„ווירקלעכקייט און וויזיע", פּאַנאַמאַ 1965 (שפּאַניש)
„בעל־שם־טוב", בוענאָס־איירעס 1967 (שפּאַניש)
„הרב מנחם זעמבא", בוענאָס איירעס 1969 (שפּאַניש)
„די גייסטיקע קולטור פון פוילישן יידנטום", בוענאָס איירעס 1970 (שפּאַניש)
„צען גראַדואַציע־רעדעס", פּאַנאַמאַ 1971 (שפּאַניש)
„דער יידישער בייטראָג צו דער מערב־קולטור", פּאַנאַמאַ 1975 (שפּאַניש)
„דער תלמוד", בוענאָס איירעס 1976 (שפּאַניש)
„נאָך פינף גראַדואַציע־רעדעס", פּאַנאַמאַ 1976 (שפּאַניש)
„דער באַגריף פון גלויבן אין יהדות", מאַדריד 1977 (שפּאַניש)
„די מיסטעריע פון ארץ־ישראל אין דער יידישער געשיכטע", פּאַנאַמאַ 1978 (שפּאַניש)
„די לעצטע דריי גראַדואַציע־רעדעס", פּאַנאַמאַ 1980 (שפּאַניש)
„עכאָס פון אַ פאַרשוווּנדענער צייט", תל־אביב 1981 (יידיש)
„צווישן די צוויי וועלט־מלחמות", תל־אביב 1982 (יידיש)